STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00312

# SHOLEM ASH FUN DER NOENT

Shloyme Rosenberg

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Dr. David Braun*
*in memory of*
*Mr. & Mrs. Charles A. Udelf*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה ראָזענבערג

# שלום אַש
# פון דער נאָענט

שלמה גרינבערג

שלמה ראָזענבערג

# שלום אש
# פון דער נאָענט

פאַרלאַג שאָולזאָן, מיאַמי, פלאָרידאַ

SHLOYME ROSENBERG

☆

# SHOLEM ASCH FUN DER NOENT

## Face To Face With Sholem Asch

Copyright, 1958, by
S. ROSENBERG
Bronx 67, N. Y.

נאָכדרוק, אַפילו טיילווייז, פאַרבאָטן

הויפּט־פאַרקויף „ציקאָ״־ביכער־צענטראַלע
25 איסט 78־טע גאַס, ניו־יאָרק

שער־בלאַט און פּאָרטרעט געצייכנט פון לואי מאַרקאָוויטש

266

Printed in the U.S.A.
Aber Press, Inc., 2512 N. E. Second Ave., Miami, Florida

ר ע ג י נ ע ן —

מײַן געטרײַער לעבנס־באַגלייטערין
אויף פֿריילעכע און טרויעריקע וואַנדערונגען —
דאָס בוך געווידמעט

ש ל מ ה

# אינהאַלט:


פֿאַרוואָרט ........ 11
1. שלום אַש ........ 17
2. אַ יוגנטלעכער חלום ........ 39
3. דער ערשטער קאָנטאַקט ........ 50
4. מײַן אַנהויב בײַ אַשן ........ 58
5. שלום אַש אַלס „באָס" ........ 67
6. אַ באַזוך בײַ אַשן הינטער פּאַריז ........ 79
7. אַש קומט נאָך מיר פֿון ווין ........ 86
8. איך פֿאָר קײַן ניצע ........ 97
9. שלום אַש שרײַבט דעם „תהלים־ייד" ........ 108
10. שלום אַש קריגט אַ פּוילישן מעדאַל ........ 125
11. שלום אַש אין שטוב און אויף דער גאַס ........ 133
12. „תהלים־ייד" פֿאַרענדיקט, כ'פֿאַרלאָז ניצע 165
13. אַש שרײַבט דעם ראָמאַן „בײַם אָפּגרונט" 172
14. אַש שאַפֿט מיר אַ שטעלע אין „דזשאָינט" 190
15. מיר ווערן תושבים אין ניצע ........ 200
16. דאָס געזאַנג פֿון טאָל ........ 209
17. אַש רעדט זיך אַראָפּ פֿון האַרץ ........ 216
18. דער מאַן, וואָס איז געווען דערבײַ ........ 227
19. כ'צעקריג זיך מיט אַשן און ער בעט מיך איבער ........ 238
20. אונדזערע וועגן צעשיידן זיך ........ 249
21. אַנעקדאָטן און מעשהלעך וועגן שלום אַשן 260

# פאָרוואָרט

איך האָב מיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרייבן זכרונות וועגן מיין מיטאַרבעט מיט שלום אַש שוין אַ לענגערע צייט, כמעט אַזוי לאַנג, ווי איך האָב מיך מיט אים צעשיידט אין חודש מאַי, 1938, ווען ער איז פון ניצע אָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי, מאַטילדע, קיין אַמעריקע. אין דעם זעלבן יאָר האָב איך טאַקע געמאַכט, אומבאַוואוסטזיניק, אַ שטיקל התחלה: איך האָב אָנגעשריבן אַ גרעסערן אַרטיקל, א. נ. „שלום אַש פון דער נאָענט", וואָס איז אָריגינעל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די „יידישע בילדער" (ריגע, אַפּריל, 1939). שפּעטער האָב איך פונאַנדערגעשיקט קאָפּיעס פון דעם אַרטיקל צו אַ גאַנצער ריי צייטונגען און דער אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן כמעט אין דער גאַנצער יידישער וועלט־פּרעסע, אַ חוץ אין דער צייטונג, וואו שלום אַש איז יאָרן־לאַנג געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער — אין „פאָרווערטס".

אינטערעסאַנט איז געווען דאָס בריוועלע, אייגנהענטיק אָנגעשריבן, וואָס איך האָב דאַמאָלס באַקומען פון אַב. קאַהאַן בכבודו ובעצמו. ער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז מיין אַרטיקל געפעלט אים, ער איז זייער אינטערעסאַנט אָנגעשריבן, אָבער... צוליב „געוויסע אורזאַכן" קאָן ער אים נישט אָפּדרוקן...

איך האָב שוין דענסטמאָל נישט געוואוינט אין ניצע, נאָר אין פּאַריז. קיין פּאַריז איז אָבער נאָך נישט געהאַט דערגאַנגען די „גרויל־ידיעה", אַז שלום אַש איז, רחמנא־לצלן, אַראָפּ פון דרך־הישר, און ער איז אין „פאָרווערטס" מער נישט בלאַגאָנאַדיאָזשנע...

געוויינלעך, וועגן אַ גרויסן שרייבער, ווי וועגן יעדער באַרימטער פּערזענלעכקייט, וויל דער לייענער שטענדיק וויסן: ווי אַזוי איז ער

אין זיין פריוואַטן לעבן; ווי זענען זיינע באַציאונגען צו מענטשן, צו קאָלעגן־שרייבער; וואָס דענקט ער און וואָס רעדט ער בשעת דעם פּראָצעס פון שאַפן; צי איז ער אַ גוטער אָדער אַ בייזער, און צי זענען טאַקע אמת די כלערליי רכילותן, וואָס ווערן געטריבן אַרום אים און פון וואָס קיין שום באַרימטע פּערזענלעכקייט איז נישט אויס־געהיטן?... בפרט איז דער יידישער לייענער פאַראינטערעסירט וועגן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי עס איז שלום אַש, וועלכער איז געווען — אײדער ער האָט זיך „געשמדט" ביי טייל יידישע שרייבער אין די אויגן — איינער פון די באַליבטסטע און צום מיינסטנס געלייענטע שריפטשטעלער, וואָס, איבעריקנס, ער איז עס נאָך היינט צוטאָג!...

אָט די דאָזיקע נייגעריקייט פונעם לייענער האָב איך געוואָלט שטילן מיטן אָנשרייבן וועגן אים מיינע זכרונות.

אַ שטויס געטאָן דערצו, אַז איך זאָל מיך שוין אַוועקזעצן שרייבן וועגן אַשן און אויפסניי אים „פאָרשטעלן" פאַרן יידישן לייענער, האָט מיך די שוידערלעכע וואַקכאַנאַליע, וואָס האָט זיך צעבושעוועט אַרום אים, אַרום דעם גרעסטן שריפטשטעלער ביי יידן, דעם מייסטער פון דער יידישער פּראָזע. איך האָב געפילט — און כ'האָב דאָס זעלבע געפיל אויך באַמערקט ביי אַ סך יידישע לייענער־אינטעליגענטן און שרייבער — אַז אַ שווערע עוולה ווערט דאָ באַגאַנגען קעגן שלום אַשן. עס ווערט געוואָרפן, צוליב פּערזענלעכע חשבונות, שמוץ און בלאָטע מצד אומפאַראַנטוואָרטלעכע יחידים קעגן דעם מענטש, וועלכער האָט דער יידישער ליטעראַטור אָנגעטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ, און חוץ לזה — איר געגעבן גרויס אָנזען אין דער ברייטער נישט־יידישער וועלט.

מתחילת האָט זיך געהאַט געשאַפן דער איינדרוק, אַז די העץ־און־שמוץ־קאַמפּאַניע קעגן אַשן האָט הונדערט פּראָצענט דערפאָלג. ווארים אויפהויבן אַ מענטש און מאַכן אים אַזוי באַרימט, ווי שלום אַש איז געווען ביים יידישן פאָלק, איז זייער אַ שווערע זאַך — מען דאַרף ראוי זיין דערצו; באַשמוצן אָבער און אויסשמירן עמיצן מיט בלאָטע קומט־אָן זייער לייכט, ווייל יעדעס שרייבערל קאָן דאָס באַ־ווייזן...

דעריבער בין איך געווען אָנגענעם איבעררעשט, ווען כ'בין איינ־מאָל געזעסן אין דער ליטעראַרישער קאַפע אויף איסט־בראָדוויי ביי אַ טישל מיט נאָך עטלעכע שרייבער, קולטור־טוער, לערער און צווישן די אַפילו אויך איינער אַ מיטגליד פון דער ייווא (די זעלבע ייווא, וואָס האָט שוין געהאַט שלום אַשן אויף אייגענער אחריות געלייגט אין חרם אַריין און אויסגעמעקט זיין נאָמען פון צווישן די, וועלכע האָבן

באַדאַרפט באַגריסט ווערן צום 75־טן געבורטסטאָג אויף דער יערלעכער יזוא־קאָנפערענץ אין 1955), צו הערן אַ גוט וואָרט וועגן שלום אַשן...
עס האָט עפּעס עמיצער אומגעריכט אויפגעהויבן די דאָזיקע טעמע. מען האָט גערעדט זייער קאָרעקט, מיט סימפּאַטיע און מ׳האָט געקאָנט פילן, אַז די דאָזיקע מענטשן זענען נישט פאַרסמט געוואָרן פון דער באַוואוסט־זיניק־בייזוויליקער העץ־קאַמפּאַניע צו פאַרשוואַרצן אַשן דאָס פּנים.
אין גאַנג פון שמועס האָב איך אַזוי, אגב־אורחאדיק, צווישן עולם ביי מיין טישל, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז איך שרייב אַ בוך זכרונות וועגן שלום אַשן.
האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף איינער אַ לערער פון די אַרבעטער־רינג שולן, אַ ייד מיט אַ גרייז־גרויען קאָפּ און מיט אויגן, וואָס האָבן געשפּריצט מיט פלאַם־פייער און ער האָט צו מיר מיט כעס אויס־געררופן:
„איר גייט שוין אויך צוגיסן בוימל צום פייער!״...
איז מיר זיין אויפרעגונג גאָר געוועזן צום האַרצן, און כ׳האָב מיר געטראַכט: אָ, נאָך נישט אַלע פונדעסטוועגן זענען דאָ פאַרסמט פון דער בייזוויליקער אַטמאָספערע, וואָס מ׳האָט געשאַפן אַרום אַשן, און איך האָב דעם גרייז־גרויען יידישן לערער באַרואיקט און אים געזאָגט:
„ניין, איך גיי נישט צוגיסן קיין בוימל צום פייער; איך גיי פּרואוון לעשן דאָס פייער!״...
האָב איך באַמערקט אַ ברייטן, אויסגעלייטערטן שמייכל אויף דעם אַלטן יידישן לערערס פּנים און ער האָט מיט אַ דערלייכטערונג מיר געענטפערט:
„אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש!״...
איך האָב לכתחילה געהאַט בדעה אַנצושרייבן בלויז זכרונות וועגן מיין מיטאַרבעט מיטן גרויסן שריפטשטעלער און אַרויסהייבן דאָס אמתע פּנים און כאַראַקטער פון דעם מענטש, מיט וועמען איך בין יאָרן־לאַנג געשטאַנען פּנים אל פּנים און געוועזן אַ סמוך לשולחנו, און וועגן וועמען עס זענען אַרומגעגאַנגען אַזוי פיל אומזיניקע און נאַרישע רכילותן. יעדער מענטש — סיי די גרויסע פּערזענלעכקייט און סיי דער פּשוטער בשר ודם — האָט ליכטיקע און שאָטנדיקע זייטן. איך האָב מיך באַמיט ביים אַרויסברענגען די פּערזאָן פון שלום אַש נישט צו פאַרהוילן אַפילו די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס וואָלטן אפשר אַשן נישט באַזונדערס געפעלן געוואָרן. אַ מענטש איז נישט קיין מלאך און ער טוט אַפּ טיילמאָל זאַכן, וואָס זענען נישט צו סימפּאַטיש, אפשר נאַריש — אַזוי איז דער מענטש!...

אָבער דער אויפברויז פון דעם גרייז־גרויזען יידישן לערער האָט מיך אָנגערעגט אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביי מיר אין יענעם מאָמענט נאָך נישט געווען גענוג רייף. ווען כ'האָב שפּעטער די זאַך איבערגעטראַכט, איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז אַ חוץ שרייבן מיינע זכרונות, דאַרף איך אויך נעמען אַ שטעלונג צו דער אומווירדיקער און בייזוויליקער העץ־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט געהאַט פאַר זיך דעם מיאוסן צוועק צו באַשמוצן דעם מייסטער פון אונדזער טייערער יידישער ליטעראַטור און צו פאַרשפּרייטן וועגן אים די שמוציקסטע רכילות, ווי, למשל, אַז: אַש איז אַ מוראדיקער עם־הארץ, ער שרייבט זיינע אַזוי גערופענע „קריסטלעכע" ווערק פאַר געלט, אַז ער האָט זיך, רחמנא־לצלן, געשמדט, וכדומה... און אַזוי איז ביי מיר געבוירן געוואָרן די אידיי צוצושרייבן צו מיין בוך אַ צווייטן טייל, א. נ. „דער וויכוח אַרום שלום אַשן", וואָס דאָס זאָל זיין אַן ענטפער צו די אַלע אויסגערעכנט־בייזוויליקע שמוץ־וואַרפער און פאַרלוימדער פון אונדזער גרעסטן פּראָזע־מייסטער.

איך האָב געהאַט נאָך אַ צוועק דערביי, און נעמלעך: צוזאַמענצונעמען, אויף וויפיל עס וועט מיר מעגלעך זיין, פון דער יידישער פּרעסע איבער דער גאַרער וועלט, וואָס מען האָט געשריבן און וואָס מען שרייבט נאָך ביז איצט לטובת אַשן. וואָרים דער יידישער לייענער, אַזוי אין אַמעריקע און אַזוי מחוץ אַמעריקע, האָט דאָך נישט געקאָנט האָבן געלייענט אַלצדינג, וואָס עס איז געשריבן געוואָרן וועגן דעם דאָזיקן אָנגעווייטיקטן ענין, און אַ טייל פון זיי האָבן אפשר וועגן די פּאָזיטיווע אַרטיקלען גאָר קיין אַנונג נישט! אַזאַ אומשולדיקער לייענער קאָן מיינען בטעות, אַז אַלע אָן אויסנאַם זענען איינשטימיק מיט די אויספירונגען פון אַן אַב. קאַהאַן, אַ חיים ליבערמאַן וסיעתם. דאָס אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן לטובת אַשן און דווקא פון גאָר פּראָמינענטע שריפטשטעלער און דענקער, איז צוזוואָרפן איבער שבעה ימים, און געלייענט האָבן זיי בלויז יחידים. אַט די אַלע פּאָזיטיווע אַרטיקלען (די נעגאַטיווע זענען 99 פּראָצענט געשריבן און געדרוקט געוואָרן כמעט בלויז אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — לייען: ניו־יאָרק...), אָדער אויסצוגן פון די אַרטיקלען, האָב איך געוואָלט ברענגען פאַרן יידישן לייענער אויף איין פּלאַץ צווישן צוויי טאָוולען.

מיין ציל מיט דעם בוך איז אין אַלגעמיין: אָפּצופרישן די פאַרפּעסטעטע לופט אַרום דעם גרויסן שריפטשטעלער, אויסרייניקן דעם אָנגעזאַמלטן גיפטיקן שטויב, ווייל — אַן אומגעהייערע און אומפאַרגעבלעכע עוולה איז אים געשען!...

**ש. ר.**

ערשטער טייל

# שלום אַש פון דער נאָענט

## קאַפּיטל איינס

# שלום אַש

„ווען שלום איז געקומען אויף דער וועלט, איז ליכטיק געוואָרן אין שטוב"... — האָט אַשס אַלטיטשקע, עטלעכע אַכציק יעריקע מאַמע, מיר דערציילט, ווען איך בין אין זומער, 1937, געקומען פון ניצע (פראַנצויזישע ריוויערע) אויף אַ באַזוך קיין פּוילן און אַראָפּגעפאָרן אין שלום אַשס געבוירן־שטעטל קוטנע.

איך האָב דאַמאָלס געפּלאַנעוועט צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון אונדזער גרעסטן ליטעראַטור־מייסטער, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, וואָס איך בין געווען מיט אים צוזאַמען, אַרום צען יאָר צייט, דינענדיק אים אַלס זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר. איך האָב צוליב דעם באַשלאָסן צו ווידמענען אַ שטיק פון מיין וואַקאַציע, וואָס איך האָב דאַמאָלס — צום לעצטן מאָל — פאַרבראַכט אין פּוילן און איך האָב אָנגעהויבן קלויבן מאַטעריאַלן פאַר דער דאָזיקער וויכטיקער, נויטיקער און ערנסטער אַרבעט.

אַ געשפּרעך וועגן שלום אַשן האָב איך אויך געהאַט מיט אַשס עלטערן ברודער, יעקב שיע, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויס לעדער־געשעפט אין וואַרשע אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס. דער דאָזיקער ברודער, וועלכער איז אַגב געווען זייער ענלעך צום שריפטשטעלער און מען האָט אים אַ סך מאָל אָנגענומען פאַר שלום אַשן, האָט מיר דערציילט גאָר אינטערעסאַנטע און טשיקאַווע אייַנצלהייטן וועגן זיין גרויסן ברודערס לעבן אין דער יוגנט. איך האָב אויך געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך מיט מיין פעטער, שלום אַשס שווער, מנחם מענדל שפּיראַ,

וועלכער האָט דאַמאָלס געוואוינט אין אָטוואָצק, אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע און אַ באַקאַנטער יידישער רעסאָרט־פּלאַץ.

מיין פעטער האָט מיך פאַרבעטן צו נעכטיקן ביי אים און ער איז מיט מיר אָפּגעזעסן כמעט אַ גאַנצע נאַכט און נישט מיד געוואָרן צו דערציילן פאַרשידענע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון זיין באַרימטן איידעם, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט און אָפּגעשאַצט זיין טאַלאַנט.

איך בין צוליב דעם זעלבן צוועק, ווי אויבן שוין דערמאַנט, אַראָפּגעפאָרן קיין קוטנע צו זען אַשס אַלטיטשקע מאַמע, וועלכע האָט געוואוינט צוזאַמען מיט איר זון וואָלף, שלום אַשס אַ ייִנגערן ברודער, און איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט אַ האַלבן טאָג. מען האָט מיך פאַרבעטן צום מיטאָג, אויפנעמענדיק מיך זייער האַרציק. ערשטנס, בין איך דאָך עפּעס זייער שנור מאַטילדעס אַ קוזין און צווייטנס, בין איך אויך שלומס פּריוואַט־סעקרעטאַר.

ליידער, זענען אַט די אַלע פאַרשריבענע מאַטעריאַלן וועגן שלום אַשן, ווי אויך פאַרשידענע פאָטאָגראַפיעס, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַ בילד פון דעם הויז, וואו אַש איז געבוירן געוואָרן, און קרוב צו הונדערט בריוו פון שלום אַשן צו מיר — פאַרלוירן געגאַנגען, ווען איך האָב מיט דריי יאָר שפּעטער, דעם 12־טן יוני, 1940, צוויי טעג איידער די נאַציס האָבן אָקופּירט פּאַריז, געמוזט אַנטלויפן מיטן נאַקעטן לעבן, צוזאַמען מיט מיין פרוי און דריי־יעריקן זונעלע.

אַ סך עפּיזאָדן און געשיכטעס וועגן אַשן זענען מיר אָבער פאַרבליבן אין זכרון, און איך וועל זיי אויסנוצן אויף אַזוי פיל, וויפיל זיי וועלן מיר נויטיק זיין פאַר מיין בוך מעמואַרן וועגן דעם שריפטשטעלער. איך שטרייך דערביי אונטער: דאָס דאָזיקע בוך איז נישט קיין ביאָגראַפיע, עס איז בלויז אַן אָפּשניט פון אַרום צען יאָר צייט, וואָס איך בין געווען אויף פאַרשידענע אופנים פאַרבונדן מיט שלום אַשן.

איך דערמאָן מיך אַ רירנדיקן מאָמענט, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן:

אַשס אַלטיטשקע מאַמע איז געלעגן שוין אַ קראַנקע אין בעט. איר לאַנגע אָנזעעוודיקע נאָז, פון וועמען שלום אַש האָט זיין נאָז געירשנט, איז געווען נאָך לענגער אויסגעצויגן. דאָס פּנים אירס איז געווען בלייך. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט די עכט־יידישע מאַמישע גוטסקייט און געטריישאַפט; זי האָט מיך דורכדרינגלעך אָנגעקוקט, ווען כ׳בין געזעסן אויף אַ שטול לעבן איר קראַנקן־בעט. גלייך זי וואָלט מיר געוואָלט איבערגעבן מיט איר בליק די גרויסע בענקשאַפט צו איר טייערן און באַרימטן זון, וועמען זי האָט שוין אַגב מער קיינמאָל נישט



מלכה אַש, שלום אַשס מוטער

דערלעבט צו זען (זי איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר שפּעטער, סוף זומער, 1938, אויף דער שוועל פון ייִדישן אומקום אין פּוילן).

אין אַ געוויסן מאָמענט, נאָכדעם ווי זי האָט מיט איר שוואַכער שטים מיר געהאָט אָנדערציילט פאַרשידענע עפּיזאָדן פון שלומס קינדהייט — ווי ווילד ער איז געווען ייִנגלווייז, ווי ער האָט געהאָט גרויס הנאה צו רייטן אויפן פענצטער ווי אויף אַ לעבעדיק פערדל — האָט זי פּלוצים אָנגעכאַפּט מיין האַנט און אָפּגעפּרעסט אַ פעסטן קוש.

איך בין געבליבן זיצן געפּלעפט און דערשטוינט. זי האָט מיך אָבער באַלד אַרויסגענומען פון מיין דערשטוינטקייט, אַרויסקרעכצנדיק צו מיר מיט אַ שוואַך און רירנדיק קול:

— לאָמיך אַ קוש־טאָן די האַנט, וואָס וועט אין עטלעכע וואָכן אַרום דריקן מיין שלומס האַנט...

טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן; אָבער נישט ווינציקער האָבן מיך אַליין די טרערן געשטיקט אין האַלדז פון גערירטקייט: ווי אַ מאַמע קאָן אַזוי שטאַרק ליב האָבן אַ קינד!... אמת טאַקע, אַ באַרימט קינד, אָבער דאָך איז ער ביי איר נישט מער ווי „שלום", דער אַמאָל ווילדער קונדאָס, וואָס האָט ליב געהאָט צו רייטן אויפן פענצטער, ווי אויף אַ לעבעדיק פערדל...

און שלום אַש האָט זיין מאַמען נישט ווינציקער ליב געהאָט. ער האָט איר אָפּגעגעבן כבוד ביי יעדער געלעגנהייט. זיינע שטענדיקע פאָרטרוימטע אויגן האָט ער געירשנט פון איר און מסתמא אויך זיין פּאָעטישקייט. איך פלעג נישט איינמאָל צוזען, ווי אַש האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אין זיין פּראַכטפולן גאָרטן, וואָס ער האָט געהאַט אַרום זיין ווילע „שאַלאָם" אין די אַלפּן־בערג הינטער ניצע, אויף אַוועניו דע לא לאַנטערן; ווי ער פלעגט זאָרגפעלטיק פאַרפּאַקן אין אַ קעסטל פאַרשידענע פרוכטן פון זיין אייגענעם סאָד, און דאָס אַוועקשיקן צו דער מאַמען קיין קוטנע.

**ווען** איך האָב נאָכמיטאָג פאַרלאָזט דאָס הויז פון שלום אַשס מוטער, בין איך בכיוון אַוועק אַ צוויי־דריי שעה פריער, איידער די באַן גייט־אָפּ. איך האָב געוואָלט מאַכן אַ שפּאַציר איבער די קוטנער גאַסן, איבער די זעלבע גאַסן, וואו דער שריפטשטעלער האָט פון זיין פריסטער יוגנט־אָן אַרומשפּאַצירט און וואו עס האָבן אויך שפּאַצירט זיינע העלדן, וועלכע זענען מסתמא איצטער פון זעלבן עלטער וואָס שלום אַש, זייער באַשרייבער און פאַראייביקער (אַש איז דאַמאָלס אַלט געווען 57 יאָר).



רעכטס: יעקב שיע און זבולון (סעם) אַש, שלום אַשס ברידער. זיצנדיק: שלום אַשס פאָטער, משה אַש. לעבן אים אוירוויִנג (יצחק אהרן), שלום אַשס ייִנגסטער ברודער

עס איז געווען אַ הייסער אויגוסט־טאָג, און די קוטנער הייזער האָבן זיך געבאָדן אין זון־שטראַלן, וואָס זענען פאַר מיר אומבאַמערקט — אַזוי טיף בין איך פאַרזונקען געווען אין רעיונות — פאַרוואַנדלט געוואָרן פון בריענדיקן גינגאָלד אין וואַרימען פורפור־רויט פון שקיעה. איך האָב מיט נייגעריקייט געקוקט יעדן פאַרבייגייענדיקן מענטש אין די אויגן אַריין: כ׳האָב געוואָלט דערקענען אַשס העלדן פון זיינע אַמאָל־אַמאָל אָנגעשריבענע דערציילונגען.

און אָט דאַכט זיך מיר, אַז עס גייט לעבן מיר פאַרביי דער אַמאָליקער שמייסער־יונג מאָטיס און זיין ווייב, די יאַטישע טאָכטער... עס איז עפּעס פאַראַן אַ געמיש אין דעם אויסזען פון זיין פּנים: מען דערקענט אויף אים די אַמאָליקע גראָבקייט, עם הארצישקייט, דעם אַמאָליקן שמייסער־יונג. איצט אָבער איז זיין אויסזען אַ ביסל צוגעהובלט און אָפּפּאָלירט מיט באַלעבאַטישע מאַנירן, וואָס די „יאַטישע טאָכטער״, זיין שיין ווייבל רחלע, האָט אין משך פון יאָרן אויף אים אַרויפגעצויגן...

און אָט זע איך פאַר מיר ווי לעבעדיק דעם קוטנער פרייטיק־צונאַכטס, ווי אַש האָט אים געשילדערט אין יענע צייטן:

„און אַ פרייטיק־צונאַכטס איז דאַמאָלס געווען — גאָט און לייט ליב. אַ זומערדיקע נאַכט. עס איז נאָך ליכטיק, די זון בענקט נאָך צוריקצוקומען. די שטערן טיף אין הימל הענגען נאָר אַראָפּצופאַלן, שבתדיקע ליכטלעך שיינען אין די פענצטער, זמירות־געזאַנג הערט זיך אין געסל, עס קנאַקט... (די יאַטישע טאָכטער, ז׳ 5).

איך פאַל צוריק אַראָפּ אין דער הייַנטיקער ווירקלעכקייט. איך שפּאַציר איבער די קוטנער גאַסן און איך זע ממש לעבעדיק, ווי —

„עס קומט אָנצולויפן ערגיץ־וואו אַ יידל, אַ מאָגערס, אַ קליינס. ער גיט אַ קלאַפּ מיטן האַמער אין טיר און אַנטלויפט און ווערט פאַרשוואונדן ווי אַ שאָטן... דער טעמפּער הילך פון האַלצערנעם האַמער לאָזט זיך הערן אין געסל, עס ווערט שטיל, די גזוועלבלעך פאַרמאַכן זיך, אין די פענצטער ווייזן זיך ליכטלעך״... (דאָרט, ז׳ 2).

אַזוי האָט דאָך אויך אויסגעזען אין הונדערטער און הונדערטער אַנדערע יידישע שטעטלעך אין פּוילן!...

מיטאַמאָל דאַכט זיך מיר אויס, אַז אָט יענער, וואָס שוועבט פאַרביי לעבן מיר אַזוי שנעל, איז דער שטאָט־נאַר קאַמיזע, וועלכער כאַפּט

שלום אַשס משפחה

פון רעכטס: יעקב שיעס זון, יעקב שיע, וואָלף, שלום און מלך אַש; זיצן: פעסע, וואָלפס פרוי, מלכה, שלום אַשס מוטער און פריידע, מלכס פרוי

ארום יעדעס מיידל, אויף וועמען די יונגען ווייזן נאר אן, און ער קושט זי מיט געוואלט... אזעלכע קאמיזעס האט מען דאך באגעגנט אין יעדן פוילישן שטעטל, און אפילו זיי ווערן דורך אשס געניאלער פעדער אונדז אזוי ליב און טייער.

און אט יענער אלטיטשקער ייד דארט, וואס גייט איבער דער גאס אזוי באזאכט, איז געוויס ר׳ ישראל זשאכלינער; און דער צווייטער ייד, לעבן אים, איז מסתמא ברכיה ליכוויאזש. זיי זענען אבער שוין אלטע יידן, מיט ווייסע בערדלעך אנשטאט שווארצע (פון „קוילער געסל״). און איך זע אויף די קוטנער גאסן בעת מיין שפאציר די פאר־שטייער סיי פון די „דריי פייען״ און סיי פון די „אויסגעוויקטע יידן״, ווי די חברה פון קוילער געסל האבן אנגערופן די מיוחסים...

און דער דאזיקער פארבייגייענדיקער ייד, וואס זעט אויס אין מיינע אויגן ווי ר׳ ישראל זשאכלינער, שעפטשעט עפעס מיט די ליפן. דאס זאגט ער מסתמא פסוקים פון תהילים, וואס „צעגייען זיך אין אלע אברים פאר זיסקייט״ („קוילער געסל״, ז׳ 5). ער, ר׳ ישראל זשאכלינער, „האט דאך ליב געהאט רש״ין דאס לעבן, אים האט זיך געדאכט, אז רש״י איז עפעס א נאענטער קרוב״ („קוילער געסל״, ז׳ 28), און דוד המלכן האט ר׳ ישראל שטארק ליב, און דעריבער שעפטשעט ער נאך עד היום זיינע קאפיטלעך תהילים...

הינטער דעם אלטיטשקן ר׳ ישראל זשאכלינער זע איך גיין א געזונטן ייד פון א יאר עטלעכע און פופציק — יא, ס׳איז דאך נאטע דער טויבן־כאפער, זיין זון!... איצט מוז ער שוין אוודאי זיין געסטאטקעוועט!...

דער טאג רוקט זיך אוועק. מיין באן גייט באלד אפ, אבער איך קאן זיך נישט אפרייסן פון קוטנע און פון די קוטנער העלדן, וואס אש האט אין די הונדערטער און הונדערטער מיט אזוי פיל ליב־שאפט געמאלן און פאראייביקט.

פאר די אויגן גייט מיר א שוועב־פארביי איינער א ייד, וואס איז ווי צוויי טראפן וואסער ענלעך צו ר׳ יחזקאל גאמבינער. ס׳מוז מסתמא זיין זיינס א זון, ווייל ר׳ יחזקאל איז שוין זיכער אויפן עולם האמת און א מצבה באצייכנט אוודאי זיין קבר אויפן קוטנער בית־עלמין. אט איילט זיך פון ערגיץ נאטע דער יונג, מיט א שווארץ אפגעברענט פנים, וואס איז איצטער ארומגעראמט מיט א גרויער בארד...

און אט איז שלמה נגיד, מיט א מעל־ווייסער בארד, וואס איז

שטייענדיק, צווייטע ריי: משה און יוחנן (דזשאָן) אַש, אַשס זין;
זיצנדיק: מאַטילדע, אַשס פרוי; רות, אַשס טאָכטער און שלום אַש
(1915)

אַמאָל, ווען אַש האָט אים באַשריבן, געווען שוואַרץ ווי קויל. אָבער די ליפּן זיינע זענען נאָך אַפילו איצט פלייש־רויט, תּאוהדיק...

ווי אַ פּריטשמיעלעטער, אַ פאַרחלומטער, אַ צוריקגעטראָגענער אויף עטלעכע און דרייסיק יאָר אין עבר, געזעגן איך זיך מיט קוטנע, מיט די קוטנער העלדן פון אַשס צענהליקער און צענדליקער דער־ציילונגען און ראָמאַנען, מיט מאָטקע גנב אין דער שפּיץ. ער, מאָטקע גנב, מוז איצט אַוודאי זיין אַ געזעצטער, באַלעבאַטישער ייד, מיט אַ שטאָט אין דער שול און מיט אַ דעה אין קהלישע ענינים...

מיינע פיס טראָגן מיך אַוועק פון די קוטנער גאַסן, כאָטש עס גלוסט מיך נאָך דאָרט צו בלייבן און זען, אָנטרינקען זיך מיט דער אַטמאָספער, וואו דער גרויסער שריפטשטעלער האָט געלעבט און איז נאָך אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן מיטן הינטערשטן העמדל אינ־דרויסן.

ווי דורך אַ צויבער געפין איך זיך צוריק אויפן קוטנער וואָקזאַל, און איך גיב פלוצים אַ פאַל אַראָפּ פון די הויכע זומערדיקע בלוי־פאַרנאַכטיקע הימלען, וואו עס שווימען נאָך היינט־צוטאָג די חסידיש־נגידישע וואָלקנדלעך, און — די באַן טראָגט מיך באַלד געשווינד, געשווינד אַוועק פון יענע הערלעך־פאַרגאַנגענע טעג אין דער וואָרער ווירקלעכקייט אַריין. איך גיב מיר דאָס וואָרט, אַז ווען איך וועל אין עטלעכע וואָכן אַרום ווידעראַמאָל זיין אין ניצע ביי דער זייט פון גרויסן יידישן קינסטלער, דעם פאַראייביקער פון פּויליש־יידישן שטעטל, וועל איך אים אָפּגעבן אַ האַרציקן גרוס פון זיין טייערער מאַמען, פון זיינע גוט־באַקאַנטע יונגען פון קוילער געסל, פון זיין יוגנטלעכער פאַרגאַנגענהייט, פון זיין פינקלדיק־רייכן עבר...

**פאָרנדיק** מיט דער באַן אַהיים אין דעם פּוילישן שטעטל, וואו מיין פרוי און קינד זענען געווען צוגאַסט ביי אירע עלטערן און וואָס געפינט זיך אין דער זעלבער געגנט וואָס קוטנע, וואו מען רעדט מיט דער זעלבער אויסשפּראַך און מיט די זעלבע אידיאָמען, ווי עס רעדט שלום אַש, ווי מען רעדט אין קוטנע, האָב איך געפּרואווט אַ שפּאַציר־טאָן צוזאַמען מיט אַשן איבערן מרחק פון עטלעכע און דרייסיק יאָר, און וואונדערלעך — ווי דער דאָזיקער מענטש האָט עס אַ שפּריינ־געטאָן אַוועק פון דעם שטעטל!...

איבער דער דאָזיקער צייט האָט שלום אַש שוין געהאַט הינטער זיך דעם גרויסן דערפאָלג; ניין, „גרויס" איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך דעם לעגענדאַרן דערפאָלג

פון אויסגעשטעלט זיין אויף די אייראָפּעאישע בינעס מיט זיין „משיחס צייטן", „גאָט פון נקמה". שלום אַש ווערט אויפגענומען דורך די גרעסטע רוסישע און פּוילישע שריפטשטעלער, וועלכע דערמוטיקן אים, העלפן אים ווי אַן אייגענעם ברודער.

ער האָט שוין איצט הינטער זיך אַזעלכע ריזן־ווערק, ווי „קידוש השם", „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", די גרויסע טרילאָגיע „פאַרן מבול", וואָס מאַכט אים אַ וועלט־נאָמען און גיט אים רייכטום און ויום. ער האָט שוין אָנגעשריבן דעם „תהילים ייד", און אַ צוויי צענדליק אַנדערע גרעסערע אָדער קלענערע ראָמאַנען, דראַמעס און רייזע־באַשרייבונגען, אַ חוץ אויך טוצן פון וואַגיקע אַרטיקלען. ער האָט שוין פאַרענדיקט און באַלד דערשיינט זיין ארץ־ישראל־ווערק „דאָס געזאַנג פון טאָל"; אָט איז נאָר־וואָס אַרויס אויף דער ליכטיקער שיף זיין גראַנדיעז ווערק „ביים אָפּגרונט", און איצט אַרבעט ער איבער דעם היסטאָרישן ראָמאַן „דער מאַן פון נצרת", וואָס דאַרף אים ברענגען רום, און גלייכצייטיק אויסערגעוויינלעכן טומל־טשאַד, וואָס איז אָבער דאַמאָלס נאָך געווען איינגעהילט אין דעם נעפּל „צור־קונפט"... אַש איז אין יענעם יאָר פון 1937 געווען אין רעכטן ברען פון זיין ליטעראַרישן שאַפן.

איך בין געווען אויף מיין רו־צייט אין פּוילן און אַש האָט זיך געוואָרעמט אויף דער זון, אָפּגערוט זיך אין דעם עסטרייכישן „באַד גאַסטאַין", וואָס איז נאָך געווען אַ יאָר פאַרן „אנשלוס" מיט נאַצי־דייטשלאַנד". איך האָב שוין געציילט די טעג, ווען איך וועל ווידער זיין אין דער גאָט־געבענטשטער שיינער ניצע, צוזאַמען מיטן גרויסן דיכטער. עס האָט מיך געלאָקט זיין וויכטיקע אַרבעט, אין וועלכער איך האָב גענומען אַ גרויסן אינטערעס. עס איז געווען ווי אַ רייזע — פון קוטנע ביז... דער אַנטאָניא־פעסטונג אין אַנטיקן ירושלים...

עס איז געווען אַ פאַרגעניגן נאָכצופאָלגן פון אַ זייט שלום אַשס אַ טאָג לעבן אין זיין רחבותדיקן פּאַלאַצל, וואָס איז געשטאַנען אין שכנות פון אַנדערע רייכע פּאַלאַצן, וואָס באַרימטע קינסטלער, פילם־אַקטיאָרן, שריפטשטעלער און סתם רייכע מענטשן האָבן זיך אויפגעבויט אין די אַלפּן־בערג אונטערן בלויען הייסן הימל און צווישן אַ געפּליינץ פון פאַרבנרייכע און ריחותפולע בלומען (ניצע האָט מען טאַקע גערופן: דאָס לאַנד פון די בלומען)...

אָט שטייט קעגנאיבער דער „ווילא שאַלאָם" אַ בריוןחדיקער פּאַלאַץ פון דעם פּויליש־יידישן מיליאָנער, דעם לאָדזשער מאַנופאַקטור־

שלום אַש און שלמה ראָזענבערג

(1938)

פאָטאָ. ש. ל. ש.

פאַבריקאַנט פּאָזנאַנסקי; אָט ציט זיך אין זיין שכנות אַ ווילע מיטן פראַנצויזישן נאָמען „סימראָז״, וואָס די אייגנטלעכע איבערזעצונג אויף יידיש וואָלט געווען „ראָזענבערג״, כאָטש איך האָב צו דער ווילע קיין שום שייכות נישט געהאַט...

אָן אַ זייט איז געשטאַנען די ווילע פון אַ יידישן אַרכיטעקט מיטן נאָמען שפּערלינג, אַן אָפּשטאַמיקער פון קראָקע, וועלכער האָט טאַקע, אונטער דער אָנווייזונג פון שלום אַשן, אויסגעבויט די ווילע „שאַלאָם״ אין אַן עכט יידישן בית המדרש סטיל.

דער אַריינגאַנג צו דער ווילע האָט געהאַט דאָס אויסזען פון אַן אהל. פון וואַנען עס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע סטעזשקע ביז צו דעם הויז, אין וועמענס פראָנט עס זענען געהאַנגען צוויי לאַמטערן, אין דער פאָרם פון חנוכה־לאָמפּן. אויףביידע זייטן פון דער סטעזשקע זענען געוואַקסן פרוכטן־ביימער און בלומען פון די פאַרשידנסטע סאָרטן און כלערליי פאַרבן און ריחות; פון אויבן, ווי מיט אַ חופה צוגעדעקט, איז געווען אַ געפלעכט פון ווילדע וויינטרויבן. דער גרויסער גאָרטן האָט זיך געצויגן ווי אויף טרעפּן איבער אַ משופּעדיקן בערגל ביז אַראָפּ צו אַ טאָל, וואו ס׳איז געפלאָסן אַ שטראָמל וואַסער, וואָס האָט שטענדיק, בייטאָג און ביינאַכט, גערוישט אַזוי סודותפול־קיל און איז געווען ווי נאָך איין מוזיקאַלישער טאָן אין דער שיינקייט־סימפאָניע פון גאַנצן בערגיקן אַרום. אין דעם לעגנלעכן באַסיין מיטן קלאָרן

בלוילעכן וואַסער האָט זיך בייטאָג געבאָדן די בלענדנדיקע זון און דער תכלתדיקער הימל, און בייגאַכט — די זילבער־בלאַסע לבנה מיט די גרינלעכע שטערן. עס איז אַזוי שיין געווען אין דער ווילדע „שאַלאַם", אַז אַפּילו אַ פּשוטער בשר ודם וואָלט געוואָרן פּאָעטיש געשטימט; מכּל שכּן, ווען אין דער דאָזיקער כישופֿדיקער אומגעבונג האָט זיך רחבותדיק אַרומגעפּאַרעט און איינגענעסטיקט שלום אַש, דער פּאָעט פון פּאָעטן אין דער יידישער ליטעראַטור — דער רעמבראַנדט, דער רובענס און טיציאַן מיט דער פען, ווי זיי מיטן פּינזל...

(אינטערעסאַנט איז צו דערציילן אויף דעם אָרט, אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב געשריבן דאָס ערשטע בוך פון מיין בר־כּוכבא טרילאָגיע, „רבי עקיבא", האָב איך אַשס פּאַלאַצל געגומען אַלס מאָדעל אויף צו מאָלן דעם פּאַלאַץ פון דעם רייכן כּלבא שבוע ביים ים כּנרת, צו וועמען עקיבא בן יוסף איז אָנגעקומען אַלס פּאַסטוך און שפּעטער געבעטן ביי אים זיין טאָכטער רחל פאַר אַ ווייב...).

און אָט אין דער דאָזיקער פּראַכטפולער סביבה פלעג איך גאָר אָפט שפּאַצירן מיט אַשן און איך האָב זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איינגעהערט אין זיין דערציילן מיר פיל עפּיזאָדן פון זיין פאַרגאַנגענעם פאַרבנרייכן לעבן, זיינע פאַנטאַסטישע דערפאַלגן אין דער פריער יוגנט, ווען ער איז אַלט געווען בלויז עטלעכע און צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב באַוואונדערט און געבאָדן זיך אין דער שיינקייט פון זייער כּישוף. אין דער דאָזיקער אומגעבונג פלעגט פאַר מיר אַש אָפט אויסלייגן די ליטעראַרישע פּלענער וועגן זיינע צוקונפטיקע גרויסע ווערק.

אָט הער איך מיך איין אין אַשס דערציילן, ווי עס איז פאַרגעקומען מיט אים אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד אין פּעטערבורג, און איך טראָג מיך אַריבער צוזאַמען מיט אים אין יענער צייט אַריין... און אַזוי ווי אין מיין זכּרון האָט זיך איינגעקריצט אַשס אַ בילדל, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר 26־27, זע איך אים דעריבער נאָך לעבעדיקער, און איך פאַלג נאָך אין דער דאָזיקער שיינער גרין־אויסגעשטערנטער נאַכט, צווישן די לייכט־שאָרשענדיקע פּרוכטן־ביימער פון זיין גאָרטן, די שטילע ליידנשאַפטלעכע רייד, בעת מען דערציילט צאַפּלדיקע יוגנט־זכרונות...

עס איז געווען אין 1907, ווען די באַרימטע רוסישע אַקטריסע קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט אויפגעפירט אין פּעטערבורג זיין „גאָט פון נקמה" און אַש האָט געוואָלט זיין, פאַרשטייט זיך, אויף דער פּרעמיערע. דאָס איז געווען, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַ געוואַלטיקע איבערלעבונג פאַר דעם יידישן יונגנמאַן פון קוטנע, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג

שלום אַש

(1905)

צוריק געהאַט אויסגעטאָן זיין לאַנגע קאַפּאָטע און אָנגעהויבן קומען אין דער סביבה פון שרייבער, און דער עיקר — אין די ד׳ אמות פון י. ל. פרץ...

איז זיך מיישב דער פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק, וואָרשיינלעך אַ גרויסער רשע, אַ שונא ישראל, און ער רופט אַרויס צו זיך שלום אַשן און ער פרעגט אים, צי ער האָט וואוינרעכט אין דער „הייליקער" פּעטערבורג (סאַנקט פּעטערבורג). פון וואַנען זאָל עס עפּעס קומען צו שלום מאָאיסעעוויטש אַש וואוינרעכט, אַז זיין טאַטע, דער פּי־הענדלער, וואוינט גאָר אין קוטנע און איז נישט קיין פּערווי־גילדינע קופּיעץ!... קורץ, ער נעמט דעם אַנטוישטן יונגן דראַמאַטורג און שיקט אים אַרויס פון דער קייסערלעכער רעזידענץ־שטאָט. אַש בלייבט זיצן אין דעם גאָענטן פּסקאָוו. און ער, אַש, צאַפּלט אינגאַנצן פון אומרו. דאָרט, אין פּעטערבורג, גייט מען אויפפירן זיין פּיעסע, עס איז די פּרעמיערע, און ער וועט אַפילו נישט קאָנען פרייען זיך מיט זיין אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג!

אַ טראַגעדיע שפּילט זיך אָפּ אין דעם יונגן אַשס האַרץ; אָבער דאָרט, אין סאַנקט פּעטערבורג, ווערט מען ערשט אין לעצטן טאָג

שלום אַש

(1906)

געוואָר וועגן דער טראַגישער געשיכטע, אַז אַש איז פאַרשוואונדן, ער איז נישטאָ! און דאָ גייט מען דעם זעלבן אָוונט שפּילן זיין פּיעסע. נאָך לאַנגע פאַרשעמישן און זוכענישן ווערט מען געוואָר אין דעם „בלאַטן" האָטעל, וואו יידן אַן וואוינרעכט האָבן פאַר גוט געלט געקאָנט איבערנעכטיקן, אַז מ'האָט אַשן משלח געווען קיין פּסקאָוו.

אָנגעזעענע יידישע כלל-טוער הויבן זיך אָן צו כלאָפּאָטשען ביים פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק, אַז מען זאָל דעם יונגען אַש דער־לויבן כאָטש אויף דער איינער נאַכט בייצואוואוינען די פּרעמיערע. אָבער עס העלפט גאָרנישט! ער איז איינגעשפּאַרט ווי אַן אייזל. די רוסישע מאָנאַרכיע וועט אים אונטערגיין, אויב דער יידישער דראַמאַ־טורג, שלום מאָאיסעעוויטש אַש, וועט איין נאַכט איבערנעכטיקן אין „סאַנקט-פּעטערבורג"...

אַ, ווען מענטשן זאָלן קאָנען אַ קוק טאָן אין דער צוקונפט אַריין, אָדער ווען דער צאַרישער גראַדאָנאַטשאַלניק וואָלט יענע נאַכט געווען געגאַנגען צו אַ קאָרטן-לייגעריין, וואָלט זי דאָך אים געוועז געזאָגט, אַז פּונקט אין צען יאָר אַרום וועט מען פון „סאַנקט-פּעטערבורג" משלח-זיין נישט קיין אַנדערן, ווי דעם צאַר-באַטיושקאַ אַליין!...

הכלל, עס פאַלט איין איינעם פון די יידישע כלל-טוער אַ געניאַלער געדאַנק צו ווענדן זיך צום דאַמאָלס באַרימטן רוסישן דראַמאַטורג און פאָרזיצער פון דראַמאַטורגן-קלוב, פירשט קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָוויטש ראָמאַנאָוו, אַ פעטער פון צאַר ניקאָלאַי און דערביי אַ גרויסער לי־בעראַל.

פירשט ראָמאַנאָוו איז בכבודו ובעצמו אַוועק צום גראַדאָנאַטשאַלניק און דערלאַנגט אים דעם אמתן פאַנישן גאַב, מיט אַ פאָר געזונטע פּעטש באַגלייט אין דער מאָרדע אַריין, אַז יענעם ווערט פינצטער פאַר די אויגן. די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן, און דער יונגער אַש ווערט געבראַכט מיט אַ פאַיעטאָן פון פּסקאָוו קיין פּעטערבורג, כדי בייצואוואוינען די פּרעמיערע פון זיין ערשטער פּיעסע אויף דער רוסישער בינע.

עס איז שוין געווען נאָענט פון אָוונט, ווען אַ געשפּאַנטע קאָטש פירט דעם חתן-בחור אַריין אין דער הייליקער קייסערלעכער רעזידענץ־שטאָט און שטעלט זיך אָפּ לעבן דער קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַס טעאַטער. אַ גרופּע פון צענדליקער רוסישע סטודענטן גיבן אַ כאַפּ דעם בלאָסן און צעשראָקענעם אָבער גליקלעכן יונגנמאַן, דעם אויטאָר פון „משיחס צייטן" און „גאָט פון נקמה" און מען טראָגט אים אַרויף אויף די הענט אויף דער בינע מיט גרויס פּאַראַד.

שלום און מאַטילדע אַש

**(1914)**

די שמחה איז גרויס, די התלהבות פון פובליקום איז געווען אין לשער. דאָס גאַנצע טעאַטער האָט ממש געזאָטן פון פרייד, עס הערן זיך אויסגעשרייען פון התפעלות און כבוד־אויסרופן פאַר דעם יונגן מחבר שלום אַש, וועלכער איז דאַמאָלס אַלט געווען נישט מער ווי זיבן־און־צוואַנציק יאָר.

נאָך איצט, אין דער טונקעלער, ריחותפולער אויסגעשטערנטער נאַכט, האָב איך דערפילט אַשס גרויסע פרייד־איבערלעבונג פון מיט דרייסיק יאָר צוריק. די אויגן זיינע האָבן געלויכטן, און ער האָט נאָכ־אַמאָל דורכגעלעבט יענע געוואַלטיקע פרייד, און איך האָב זיך מיט אים מיטגעפרייט. ניין, איך האָב נישט געפילט צוליב דעם קיין קנאה צו שלום אַשן!...

יענעם אָוונט איז אַש געווען געשטימט צו דערמאָנען די דערינע־רונגען פון זיין יוגנט. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע שטורמישע דערפאָלגן ביי פרויען. ער האָט מיר דערציילט, ווי ער האָט זיך באַקענט מיט אַ רוסישער יונגער פירשטין, ווען ער איז געווען אין פעטערבורג. אַש איז אין דער יוגנט געווען זייער אַ שיינער און אַנציענדיקער יונגער־מאַן. אויך איצט, ביי זיינע 57 יאָר, איז ממש אַ פאַרגעניגן אויף אים צו קוקן: הויך, שיין געבויט, אַן אינטערעסאַנט פנים, אַן עטוואָס גרוי־לעכע שעוועליור, פאַרחלומטע אויגן, און אפילו די טאָרבעלעך אונטער זיי און די קליינע לעבערלעך גיבן אים צו אַ כישופדיקן חן. עס מאַכט אים אויסזען ווי אַ ליבלעכער זיידע, מיט וועמען עס איז גוט און אַנגענעם צו פאַרברענגען, זיין מיט אים אינאיינעם און הערן אים רעדן מיט זיין האַרטער „ריש"־אויסשפּראַך.

דערציילט מיר אַש, ווי די יונגע פירשטין, וועמענס מאַן איז געווען אַן אַנגעזעענער אָפיציר אין דער צאַרישער אַרמיי, מאַכט חנדלעך צו אים און וויל אים, דעם יונגן, שיינעם און דערפאָלגרייכן יידישן דראַ־מאַטורג, ווי לילית מאַנישן פון זיין באַליבטן רבין י. ל. פרץ, פאַרנאַרן אין איר זינדיקער נעץ... וואָס פון דער ליבע צווישן אַשן און דער שיינער, יונגער רוסישער פירשטין איז געוואָרן, דערציילט מיר נישט אַש... ער לאָזט מיר איבער נאָכצודענקען און אַליין מיר אויסמאָלן, וואָס צווישן צוויי שיינע גאָטס באַשעפענישן פון צוויי קעגנזעצלעכע מינים קאָן פּאַסירן... מען קאָן טראַכטן אַזוי און מען קאָן טראַכטן אַנדערש. באַמש גיי און פרעג אַן ביי די שטערן אין טונקל־בלויען הימל, וואָס ווינקען און בלינקען פון דער אומבאַגרייפלעכער הויכקייט... וואָרים אויך דאַמאָלס, מיט דרייסיק יאָר צוריק, האָבן זיי מסתמא אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ אַזוי ענלעך געוואונקען און לײדנשאַפטלעך געציטערט. די פירשטין האָט נעמלעך אַשן איינגעלאַדן מיטצופאָרן מיט איר קיין

ניצע, דאָס געוויינלעכע זיך־אָרט פון דער דאַמאָלסטיקער צאַרישער אַריסטאָקראַטיע.

אַש האָט זיכער דאַמאָלס נישט געחלומט, נישט אויף דער וואָר און נישט אין שלאָף, אַז ער וועט אַמאָל דאָ ווערן אַ תושב אין דעם דאָזיקן צויבערלעכן פלאַץ אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע, און עס וועט דאָ שטיין אַ גרויסאַרטיקע ווילע אויף זיין נאָמען „שאַלאָם״; און איך אַליין, וואָס האָב אַמאָל אין מיין פריער יוגנט געחלומט צו ווערן אַש׳ס סעקרעטאַר (לייען וויטערדיק קאַפּיטל: „אַ יוגנטלעכער חלום״), האָב זיכער נישט געהאַט קיין שום השגה אַזוי ווייט צו פליען מיט מיין פאַנטאַזיע, אַז איך, צוזאַמען מיטן גרויסן מייסטער, וועמען איך האָב שוין אין 1904 געקענט פון „שטעטל״, וואָס איך האָב געלייענט אין פאַרזעצונגען אין פעטערבורגער „פריינד״, וועל דאָ שטיין אין אַ געוויסער נאַכט, אין יאָר 1937, און איינזאַפּן די שמעקעדיקע לופט פון דער רייצנ־דיקער ריוויערע און אויסהערן אַזעלכע צויבערנדיקע מעשיות...

ווי מיסטעריעז און וואונדערלעך עס זענען די וועגן פון גאָט: צי האָב איך, דאָס יונגע בחורל פון קוים אַכט יאָר, געקאָנט טראַכטן, אַז מיט דריי־און־דרייסיק יאָר שפּעטער וועל איך זיך דאָ געפינען אין דעם געבענטשטן ווינקל פון דער וועלט, צוזאַמען מיט מיין באַליבטן שריפטשטעלער שלום אַש און אויסהערן זיינע דעראינערונגען, וואָס ער דערציילט, און איינאָטעמען די זעלבע שמעקעדיקע לופט פון דער כישופדיקער ריוויערע אין דער ווילע „שאַלאָם״!...

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָבן מיר דאַמאָלס שפּאַצירט, און אַש האָט גערעדט און גערעדט, און מיין אויער איז נישט מיד געוואָרן צו הערן און הערן דאָס צויבערנדיקע „צינדערעלאַ״־מעשהלע פון אַ גרויסן קינסטלערס דערפאָלג.

די הענער האָבן געקרייעט אויף האַלבע נאַכט. פון דער ווילע „שאַלאָם״ האָבן זיך געהערט די רופן פון זיין ווייב מאַטילדע אַש:

— שלום!!! שלומשי!!!

— נו, רררראַזענבעריג, עס איז שפּעט, מאַאַן וואַאַב רופט!... גאַיטס שלאָפן!... עס איז שוין זייער שפּעט, און האָטס מיר אַ גוטע נאַכט!...

און ער זוריקט מיר די האַנט פעסט און וואַרעם. ער איז מיר דאַנקבאַר פאַר אויסהערן אים: ער האָט דאָך אַדאַנק מיר נאָכאַמאָל איבערגעלעבט זיין רוישיקע יוגנט. מיר זענען ביידע צופרידן גע־ווען!...

ווען איך בין אַהיימגעפאָרן מיטן אויטאָבוס צו מיר אין מיין פּראַכט־פולער וואוינונג אין דער שטאָט ניצע, דאָרט ווייט הינטער דער שטאָט,

שלום אַש

(1943)

מאַטילדע אַש
אין די 1920־ער יאָרן

אויף בולוואַר צאַרעוויטש, אויף דער משופּע פֿון די אַלפּן, אין דעם הויז, וואָס איז אַמאָל געווען דאָס אייגנטום פֿון צאַר ניקאָלאַי, האָב איך געטראַכט וועגן דעם אויסטערלישן וועג פֿון שלום אַשן; אַ וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פֿון דעם שטעטל קוטנע אין גרויס־פּוילן, וואו איך בין ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געווען זען זיך מיט זיין מאַמען, וועמענס מוטערלעכן קוש איך פֿיל נאָך אויף מיין האַנט, און האָב אויך געזען זיך מיט זיינע אַמאָליקע העלדן — ביז איבער סאַנקט־פּעטערבורג, דער שווייץ, אַמעריקע, ארץ ישראל, פּאַריז און ניצע. וויפֿיל גראַנדיעזע ווערק דער דאָזיקער מענטש האָט שוין זינט דאַמאָלס אָן באַוויזן צו שאַפֿן אויף זיין לאַנגן, פּאַרכישופֿטן וועג — האָב איך זיך דערפֿילט געשמייכלט און גליקלעך, וואָס עס איז מיר באַשערט געווען אַ צאָל יאָרן, אָן ערך צען יאָר צייט, מיטצוגיין לעבן אים אויף זיינע צוויבערלעכע וועגן. איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין אין דער נאָענט פֿון דעם גרויסן שריפֿטשטעלער, און עטלעכע יאָר פֿריער, איידער איך האָב חתונה געהאַט און עס איז אין ניצע געקומען אויף דער וועלט מיין ערשטער זון, צו זיין אויך אַ סמוך לשולחנו און באַקענען זיך ביי אים אין הויז מיט וועלט־באַרימטע שרייבער, ווי: סטעפֿאַן צוויג, יאָזעף ראָט, הערמאַן קעסטען, שיקעלע און אַנדערע.

אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען וועל איך דעם דאָזיקן וועג, אָן אָפּשניט פֿון אַרום צען יאָר, פּרוּוון צו שילדערן, אָנהויבנדיק מיט אַ מערקווירדיקן חלום פֿון אַ קליין ייִנגל, וואָס האָט אין זיין האַרץ געטראָגן אַ גרויסע ליבע צום שריפֿטשטעלער, לייענענדיק זיין ערשט וויכטיק ווערק „דאָס שטעטל" צו אַכט יאָר (ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט אויסזען), און שפּעטער געטרוימט צו ווערן זיין סעקרע־טאַר.

## קאַפּיטל צוויי

# אַ יוגנטלעכער חלום

איך געדענק עס גענוי ווי היינט, כאָטש עס זענען שוין פאַרביי אַן ערך פינף־און־פערציק יאָר. עס איז געווען אין חודש מאַי פון 1910. מיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין אַ דאָרף, מיטן נאָמען „מאָטיטש", אַ באַן־סטאַנציע לעבן לובלין. דאָס דאָרף איז געלעגן אין אַ מאָלערישער געגנט, וואָס האָט זיך געגרינט אין פאַרחלומטן שטיל־שוויגן. פון ווייט־ווייט האָט אַריבערגעקוקט צו אונדז דער שפּיץ פון אַ קלויסטער; לינקס פון דעם קלויסטער איז געווען דער וויאַטראַק (ווינטמיל), וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען ווי אין אַ פאַרכישופטן ראָד. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַן אויסגעצויגע־נער פייף פון אַ פאַרביילויפנדיקן צוג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון לובלין קיין וואַרשע אָדער צוריק.

מיר זענען געווען דאַמאָלס זיבן קינדער (שפּעטער זענען צו־געקומען נאָך דריי), צו וועלכע דער פאָטער מיינער האָט געהאַלטן אַ מלמד; אָבער אַ סך מער איידער צו לערנען חומש מיט רש"י און אַ בלאַט גמרא, האָב איך ליב געהאַט צו באָדן זיך אין די גינגאָלדענע שטראַלן פון דער זון, וואָס זענען מיט שפע געפלאָסן איבער מיין קאָפּ, איבער די גרינע קאָרן־זאַנגען, איבער די צעבלעטערטע ביימער־צווייגן. איך האָב ליב געהאַט, צוזאַמען מיט אַ חברה שקצים, צו לויפן אַהינצו צום שפּיציקן קלויסטער, לעבן וועלכן עס האָט געפּליושקעט אַ שטיל טייכל אונטער שאָטנדיקע ווערבעס, און מיט פריילעכע געשרייען פלעגן

מיר זיך וואָרפֿן אין קילן וואַסער אַריין און עס צעשפּריצן אין מיליאָרדן קאָלירפֿולע פֿונקען קעגנאיבער דער גליענדיקער זון, און מיר האָבן אָנגעפֿילט דעם בלויען חלל מיט ייִנגלישן געפּילדער.

מיר האָבן אין דעם דאָרף געוואוינט בלויז צוויי ייִדישע פֿאַמיליעס. מײַנע עלטערן, וועלכע האָבן פֿאַרמאָגט צוויי שײַנע הײַזער מיט רויטע ציגלנע דעכער, מיט אַ גרויסן סאָד פֿון כּלערליי טייערע אויבסטן, עט־לעכע מאָרגנס פֿעלד פֿאַר תּבֿואה, גרינס און קאַרטאָפֿל און אַ שיינעם בלומען־גאָרטן פֿאַר די פֿענצטער פֿון אונדזער הויז, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַכט צימערן. אין דעם צווייטן הויז האָט געוואוינט אַ לובלינער ייִד, מיטן נאָמען „ר׳ לייבעלע האַלפּערן״; אַ ייִד פֿון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ הדרת־פּנים, אַ ברייט־ווײַסער באָרד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער זײַן ווײַס־געפּרעסטן העמד און מיט גאָלדענע ברילן אויף דער פּלײשיקער נאָז. ער איז געווען אַמאָל אַ גבֿיר, אָבער איצט איז ער אַ יורד און אַן אָנגעשטעלטער בײַם קיעווער מיליאָנערסקן צוקער־פֿאַבריקאַנט, זאַקס. די צוקער־פֿאַבריק האָט זיך געפֿונען אין דעם נישט ווײַטן קליינעם שטעטל מיטן נאָמען „זאַקשוואָוועק״ (אויפֿן נאָמען פֿון פֿאַבריקאַנט), און פֿון דאָרט האָט מען געבראַכט די זעק מיט צוקער אויף פֿורן און מיט דער באַן עקספּעדירט קיין אויסלאַנד.

מיטן עקספּעדירן דעם צוקער האָט זיך טאַקע פֿאַרנומען ר׳ לייבעלע האַלפּערן. ער איז געווען געקליידט ריין און אָנשטענדיק אין אַ האַלב־לאַנגן ראָק, עטוואָס דײַטשמעריש, געטראָגן אַ ייִדיש־פּויליש שוואַרץ־זײַדן היטעלע און געפֿירט זיך אין שטוב חסידיש־אַריסטאָקראַטיש. די פֿרוי זײַנע האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ מיוחסת, זי האָט געצויגן איר קייט פֿון „חמדת שלמה״ און זי איז געווען אומגעהייער שטאָלץ דערויף. זיי האָבן זיך בײַדע באַטראַכט קעגנאיבער אונדז אַלס העכער־שטייענדיקע מענטשן. קודם־כּל זענען מיר געווען פּשוטע דאָרפֿסלײַט בני דאָרפֿסלײַט און זיי זענען געווען שטאָטישע און דערצו נאָך געוועזענע גבֿירים.

יעדן פֿרײַטיקצונאַכטס פֿלעגן מיר פֿאַרבעטן ווערן צו זיי אויף טיי מיט קיכלעך, און דער טאַטע האָט מיך, אַלס דעם עלטסטן בחור, מיטגענומען צו די האַלפּערנס אין שטוב אַריין. איך פֿלעג אין די וואָכן־טעג גאַנץ אָפֿט שפּילן מיט ר׳ לייבעלען אַ פּאַרטיע שאַך. איטלעכן פֿרײַטיק־נאָכמיטאָג פֿלעגט פֿון לובלין אַרויסקומען צו זיי אויף שבת זייער זון וועלוועלע מיטן שיינעם ווײַבל חוועטשע. זיי האָבן צווישן זיך נאָר גערעדט פּויליש. אין אונדזער אַנוועזנהייט האָט די שנור ליב געהאַט צו באַווײַזן זיך מיט אירע גרויסע קענטענישן און אַרײַנגעוואָרפֿן

באַשע שפּירא, מאַטילדע אַשמ שוועסטער

(1915)

אין איר פוילישׁ אַ פראַנצויזישׁ וואָרט, וואָס איך בין היינט חושד, אַז אַ סך מער ווי דאָס וואָרט האָט זי נישט געקאָנט...

איין זאַך האָט אָבער געראַטעוועט אונדזער פּרעסטיזש אין די אויגן פון דער מיוחסדיקער האַלפּערן־משפחה, און זיי האָבן צוליב דעם אונדז געשאָנקען זייער לייטזעליקייט, און דאָס איז געווען דער פאַקט, וואָס שלום אַש איז אונדזערס אַ קרובֿ! מיין טאַטע ע״ה איז בעמלעך געווען אַן ערשטער קוזין מיט שלום אַשס פרוי מאַטילדע, פון דער היים שפּירא. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן ר׳ לייבעלע האַלפּערן פון צייט צו צייט צו געבן אַ שטאָך מיין טאַטן צוליב שלום אַשן. געלעגנהייטן אונדז צו שטעכן זענען געווען גענוג, ווייל שלום אַש האָט געלאָזט פון זיך זייער אָפט הערן: דאָ איז עס געווען דער מילה־סקאַנדאַל; דאָ איז עס געווען, ווייל מ׳האָט אין פּעטערבורג אויפֿגעפירט אויף דער רוסישער בינע „גאָט פון נקמה״; אַן אַנדערש מאָל איז עס געווען צוליב אַ ידיעה אין די צייטונגען, אַז די רוסישע מאַכט האָט אויפגעהאַנגען מאַדאַם אַשס אַ ברודער, יצחק שפּירא, פאַר זיין טעטיק אין דער „עס־דעקישער״ באַוועגונג (1906); דאָ איז עס געווען צוליב אַ שמיקל נייעס אין דער פּרעסע, אַז די פּאָליציי האָט אַרעסטירט מאַטילדע אַש פאַר סאָציאַליסטישע חטאים, אָדער ווייל זי איז די שוועסטער פון דעם הינגעריכטעטן יצחק שפּירא.

יעדנפאַלס, האָט ר׳ לייבעלע האַלפּערן, האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס, אונדז שטענדיק געהאַט עפּעס־וואָס פאַרצווואַרפן: „האַ, אייער קוזין!״... „האַ, אייער שלום אַש!״... אין זיינע פאַרוואורפן איז געווען אי דעם טאַטן אַ שטאָך צו טאָן און אי אַנערקענונג פאַר אונדזער העכערקייט פון סתם דאָרפס־מענטשן — שלום אַש איז אונדזערס אַ קוזין...

און איינמאָל איז ביי אונדז אין דעם שטילן דאָרף, וואו מ׳האָט בלויז געהערט אין די בלויע פאַרטאָגן דאָס שירה־זינגען פון די פייגל; בייטאָג האָט מען געהערט דאָס מעקען פון די בהמות און דאָס קוואַקען פון די הינער, דאָס קרייען פון די הענער, און אין די זילבערדיק־גרינע לבנה־נעכט דאָס שפּילן פון דער נאַכטיגאַל — פּלוצלינג פאָרגעקומען גאָר וואַזשנע נייעס: אין איינער אַ נאַכט פון שיינעם חודש מאַי האָבן מיר פון דער שטילקייט אַרויס דערהערט דורכלויפן, ווי שטענדיק אין דער זעלבער צייט, דעם בייגאַכטיקן 11־ער צוג פון וואַרשע מיט אַזאַ רעש, אַז די לאָמפּן אויפן סופיט האָבן זיך אַזש צעטרייסלט און צעברומט. געוויינלעך איז דאָס פאַרביילויפן פון אַ פּאַסאַזשיר־צוג ביי אונדז אין דאָרף געווען אַ גרויסע אַטראַקציע, און דאָס האָט אונדז געמאַכט פילן מער היימלעך.

ברכה שפירא, מאַטילדעס מוטער

מיט אַ צען מינוט שפּעטער האָבן מיר פאַרנומען אַ קלאַפּן אין דער טיר. מײַן טאַטע האָט זי געעפנט, און אויף דער שוועל איז גע־בליבן שטיין אַ הויכע, שלאַנקע יונגע דאַמע, וואָס האָט מיט זיך מיט־געבראַכט דעם גרויס־שטאָטישן ריח. זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ ברייט־ראַנדיקן שוואַרצן שטרוי־הוט און זי איז געגאַנגען געקליידט איינגאַנצן אין שוואַרץ.

„איך בין באַשע שפּיראַ!" — האָט זי געזאָגט מיט אַ מאָדנער יידישער אויסשפּראַך און מ'האָט געקאָנט פאַרשטיין, אַז יידיש איז נישט אַזוי היימיש אין איר מויל, און זי האָט זיך צעקושט מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען, און איך — אַלס דאָס עלטסטע בחורל, וועלכער איז נאָך נישט געהאַט געשלאָפן, האָב אויך אַריינגעכאַפּט אַ קוש פון דער קוזינע באַשע.

יאָ, דאָס איז געווען באַשע שפּיראַ, די יינגערע שוועסטער פון מאַטילדען, אָדער ווי מען האָט זי גערופן אין דער משפּחה — מאַטל אַש.

ווי קומט באַשע פּלוצלינג צו אונדז אין דאָרף אַריין, בעת זי איז נאָך קיינמאָל ביי מיינע עלטערן נישט געווען צוגאַסט? מיר האָבן געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון מאַטלען. די מאַמע פלעגט מיר שטענדיק דערציילן, ווען עס איז אַרויסגעקומען אַ גערייד וועגן שלום אַשן, אַז מאַטל איז מיידלוויז געווען אייַן זומער ביי איר מומע חנה, מיין באָבע, און זי האָט מיך, אַלס צוויי־יעריק קינד, אַרומגעטראָגן אויף די הענט. מיין פעטער מנחם מענדל שפּיראָ און די מומע ברכה, מאַטילדע אַשס עלטערן, פלעגן אָפּטער צו אונדז קומען אין דאָרף אַריין, מערסטנטיילס זומערצייט, אויף פרישע לופט. אָבער באַשע איז ביי אונדז קיינמאָל נישט געווען, זי איז צופיל פאַרנומען געווען מיט וועלן מאַכן אין פוילן אַ רעוואָלוציע און דווקא אַראָפּוואַרפן דעם צאַר ניקאָלאַי פון טראָן...

איך האָב באַשען נייגעריק באַטראַכט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ האַלבער מאַנסביל; אַ דאַרער שטעקן, אַ מאָגער לענגלעך פּנים און קורץ־געשוירענע האָר, וואָס דאָס איז דאַמאָלס געווען אַן אויסער־געוויינלעכע דערשיינונג. זי איז מיר אָבער זייער שטאַרק געפעלן גע־וואָרן. אירע בלויע אויגן, ווי צוויי בלויע טייכלעך, האָבן געקוקט מיט זוניקער גוטסקייט, און אַ סימפּאַטישער טרויער האָט פאַרהויכט איר עטוואָס קלייענדיק פּנים, וואָס איז שטענדיק געווען ערנסט און פאַר־קלערט.

אין דער זעלבער נאַכט, וואָס איז ביי אונדז אַגב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַך־נאַכט, וואָרים מיר האָבן זיך ערשט געלייגט שלאָפן,

מנוחם מענדל שפּירא, מאַטילדע אַשס פֿאָטער

ווען אַ בלויקייט האָט שוין אַריינגעקוקט דורך אונדזערע פענצטער — זענען מיר געוואָר געוואָרן די סיבה פון באַשעס קומען צו אונדז אין דאָרף אַריין.

איך האָב ממש געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אַרויס־געבראַכט פון מויל, און וואָס מער זי האָט דערציילט, אַלץ בלאַסער זענען געוואָרן מיינע טאַטע־מאַמע. די קוזינע באַשע האָט אונדז בעמ־לעך דערציילט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז זי געפינט זיך אונטער אַ טויט־אורטייל דורך דער צאַרישער מאַכט, מ׳איז זי געקו־מען אַרעסטירן אין אירע עלטערנס הויז און עס איז איר קוים געלונ־גען צו אַנטלויפן.

איר פאָטער, דער פעטער מענדל, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן אין דער משפחה: „דער לאַנגער מענדל״, ווייל ער איז געווען אַ הויכער, האָט זיך פאַרנומען מיט לערעריי. ער איז אַמאָל געווען אַ פאַרברענטער גערער חסיד, וועלכער פלעגט גיין צופוס צום רבין, כדי צו האָבן מער מצווה, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אַפּיקורס. ער אַליין איז אויך געווען געכאַפּט אין דער מעשה און דווקא געוואָלט אַראָפּוואַרפן קייסער ניקאָלאַי פון טראָן און באַפרייען פוילן פון דער מאָסקאַלישער הערשאַפט. איין זון, דעם עלטסטן, האָט מען אויפגע־האָנגען, און איצט איז מען געקומען נעמען די יינגערע טאָכטער באַשע.

זי האָט אונדז אין דער דאָזיקער וואָך־נאַכט דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי זיי אין הויז, ווען מ׳האָט איר ברודער יצחק אומגעבראַכט, און היות עס האָט איר איצט אַליין אויך געדראָט צו גיין אין דעם זעלבן וועג, האָט דער פאָטער איר געהייסן אַוועקפאָרן צום קוזין הענעך ראָזענבערג קיין מאָטיטש, אין דעם שטילן, ווייט־פאַרלעגענעם דאָרף לעבן לובלין, און זיך אויס־באַהאַלטן — עד יעבור זעם...

וואָס אַן אמת, האָט מיין טאַטע זייער מורא געהאַט זי צו האַלטן ביי זיך אין שטוב, בפרט אַז אין אונדזער הויז האָט געוואוינט אַלס שכן דער באַן־זשאַנדאַרם מאַטוויעוו. כאָטש דער דאָזיקער זשאַנדאַרם פלעגט זיך פאַר מיין טאַטן באַרימען, אַז ער איז דורכגענומען מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען, האָט מען אים פונדעסטוועגן נישט געקאָנט אָנפאַרטרויען אַזאַ געפערלעכע געשיכטע, אַז אונדזער קוזינע באַשע באַהאַלט זיך ביי אונדז אויס.

מיין טאַטע האָט דאָך אָבער נישט געקאָנט נעמען אַ מענטש און בפרט אַן אייגענע קוזינע און זי הייסן גיין; איז דער טאַטע, נאָכן איבערשלאָפן זיך, אַוועק אין דער גמינע, עטלעכע ווערסט פון אונדזער

דאָרף, און ער האָט באַשען איינגעמאָלדן אויף איר פאַלשן פּאַספּאָרט. עס איז מיר עד היום פאַרבליבן אין זכרון דער ערשטער נאָמען אירער: יאַדוויגאַ... עס האָט געהייסן, אַז מיין פאָטער האָט זי צו־גענומען אַלס לערערין צו די קינדער. באַשע האָט טאַקע מיך און די איבעריקע קינדער געלערנט רוסיש און פּויליש. זי איז געווען מיין ערשטע לערערין פאַר לימודי־חול.

(מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר שפּעטער בין איך ערשט געוואָר געוואָרן, אַז באַשע האָט אונדז דאַמאָלס נישט דערציילט דעם ריכטיקן אמת, און זי האָט עס מסתמא אויך נישט געבראַכט צו דערציילן, ווייל זוער וואָלט עס דען געקאָנט באַגרייפן!... וואָרים ווי שלום אַש האָט מיר מיט יאָרן שפּעטער פערזענלעך דערציילט און וועגן דעם אויך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין וואַרשעווער „היינט" — נומ. 229, אין יאָר 1926 — איז באַשע דאַמאָלס נישט אַנטלאָפן פון וואַרשע פאַר דער צאַרישער מאַכט, נאָר אַנטלאָפן איז זי גאָר פון קראָקע און נישט פאַר קיין אַנדערן, ווי פאַר איר פאַרטיי־חבר פעליקס דזשערזשינסקי, דעם שפּעטערדיקן שעף פון דער שרעקלעכער „טשעקאַ". פעליקס דזשער־זשינסקי, וועלכער איז געווען אַן „עס־דעק" — ס. ד. ק. פּ. ל., די ראשי תיבות פון „סאָציאַליסטיטשנאַ דעמאָקראַציאַ קרולעסטוואַ פּאָלסקיעגאָ אי ליטווי", אָדער אויף יידיש: סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילן און ליטע — האָט נעמלעך געוואָרפן אַ חשד אויף באַשקען, אַז זי איז אַ פּראָוואָקאַטאָרין... ער האָט זי, אַנטרעפנדיק אין קראָקע אויף דער גאַס, געראָטן איר, אַלס „גוטער פריינט", אַז זי זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד און אַפילו פאַר דעם צוועק — איר לייכטער צו מאַכן... — געגעבן אַ רעוואָלווער. היות אָבער זי האָט זיך געפילט אומשולדיק און זי האָט נאָך נישט געוואָלט שטאַרבן — זי לעבט טאַקע עד היום אין סאָוועט־רוסלאַנד — און מורא האָבנדיק פאַר דעם שוין דאַמאָלס־דיקן מטורף פעליקס דזשערזשינסקין, איז זי אַנטלאָפן באַדיי צוריק קיין פּוילן, וואו עס האָט איר טאַקע אויף אַן אמת געדראָט טויט־שטראָף. אַט דאַמאָלס איז עס באַשע אָנגעקומען צו מיינע עלטערן אין דעם שטילן דאָרף מאַטיטש, אַ באַן־סטאַנציע לעבן לובלין).

מיר, די קינדער, האָבן מיט באַשען געהאַט אַ געוואַלטיקע שמחה. זי איז געווען זייער אַ גוטע און זי האָט ליב געהאַט קינדער. פלעגט זי מיט אונדז אָפט גיין שפּאַצירן אין די וועלדער, געטראָגן מיין יינגסט ברודערל אויף די פּלייצעס. ערב שבועות איז זי מיט אונדז געגאַנגען צום טייכל אָנקלייבן קוויטשערס און גרינס און דערנאָך האָט זי געהאָלפן אויסצירן די ווענט פון אונדזערע שטובן לכבוד יום טוב.

איך האָב געהאַט אַ באַזונדערן אינטערעס צו איר, עס האָט געערדט צו מיין פאַנטאַזיע איר העלדישקייט. צו אונדז פלעגט אָפט קומען צוגאַסט אַן אָרימער קרוב, מאָטל ראָזענבערג, אָדער „מאָטל יאַדעמאָוער", וועלכער איז געווען אַ פרומער ייד, אָבער דאָך האָט ער געהאַלטן מיט די „ציציליסטן". מאָטל ראָזענבערג פלעגט אונדז שטענדיק מיט גרויס הנאה דערציילן מעשיות, ווי אַזוי באַשע דער מומע ברכהס האָט אין 1905־1906, בעת די רעוואָלוציע־טעג אין וואַרשע, פונאַנדער־געטראָגן אונטער איר שוואַרצער פעלעריגע געווער צו די פאַרשידענע סטראַטעגישע פונקטן, איינשטעלנדיק דערביי איר לעבן. דער פרומער מאָטל האָט פון באַשען גאָר אַנגעקוואָלן. און אַט די דאָזיקע לעגענדאַרע באַשע האָט זיך איצטער געפונען ביי אונדז אין הויז!...

אין שטוב פלעגט מען זיך שושקען וועגן איר. מען האָט געזאָגט, אַז די שוואַרצע קליידער טראָגט זי אַלס טרויער־צייכן נאָך איר אומ־געקומענעם ברודער, יצחק. איך האָב אויך געהערט, ווי מיין מאַמע דערציילט בסוד דעם טאַטן, אַז באַשע שליסט זיך שטענדיק אָפּ אין איר צימער, וואו זי וואַשט זיך יעדן טאָג דאָס גאַנצע לייב, פון קאָפּ ביז די פיס, אין אַ שיסל קאַלטן וואַסער. דאָס שליסט זי זיך אָפּ דער־פאַר, ווייל זי האָט אַן אויסגעברענטן שטעמפּל פון דער תפיסה אויף איר פּלייצע. דאָס האָט מען איר דעם דאָזיקן קען־צייכן געמאַכט, ווען זי איז דאָרט געזעסן...

די אַלע מעשיות האָבן זי אין מיינע אויגן געמאַכט נאָך מער אינטערעסאַנט און איך האָב געהאַט פאַר איר גרויס יראת־הכבוד און איך האָב ממש געקלעבט צו איר.

די שכנים אונדזערע, די האַלפּערנס, האָבן געשעפּט נחת פון באַשען. אונדזער פּרעסטיזש האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן אין זייערע אויגן: האָבן מיר דאָך אויך אין אונדזער משפחה אַ מענטש, וואָס רעדט נאָר פּויליש. ר' לייבעלעס שנור, וועלכע האָט ליב געהאַט אַריינצואוואַרפן אַ פראַנצויזיש וואָרט אין אירע געשפּרעכן, האָט זיך גאָר שטאַרק געחברט מיט באַשען, ווען נאָר זי איז אַרויסגעקומען צום שוועל אויף שבת. און זי האָט די קוזינע אונדזערע כמעט איינ־גאַנצן צוגענומען, און איך בין געווען שטאַרק אייפערזיכטיק אויף איר...

אָבער גאָר אַ געוואַלטיקן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר מיין קוזינע באַשע מיט דעם פאַקט, וואָס כאָטש זי איז מיינע אַ קוזינע, איז זי אויך גלייכצייטיק אַ שוועגערין פון שלום אַשן, וועלכער איז שוין דאַמאָלס געווען באַרימט צוליב זיין „שטעטל", וואָס איך האָב

געהאַט געליינט אין פעטערבורגער „פריינד" אין פאַרזעצונגען און צוליב דער אויפפירונג פון זיין „גאָט פון נקמה" אויף די וועלט־בינעס.

באַזונדערס האָט זי מיך מיטגעריסן, ווען זי האָט דעם ערשטן פרייטיק־צונאַכטס (וואָס איז מיר גוט געבליבן אין זכרון, ווייל יענעם טאָג איז אין „פריינד" געווען אָפּגעדרוקט די ידיעה, אַז מען האָט אַרעסטירט דעם פּאָליציי־דירעקטאָר לאָפּוכין פאַר אַרויסגעבן בורצעוון סודות וועגן אזעוון), צווישן די געפילטע פיש און דער געשמאַקער יויך מיט לאָקשן, דערציילט וועגן „שלומען" — מיר האָט זייער גע־שמייכלט, וואָס ביי אונדזער טיש זיצט אַ פּערזאָן, וואָס רופט אַזוי אינטים אָן דעם באַרימטן שריפטשטעלער — ווי אַזוי ער שרייבט זיינע דערציילונגען, זיינע דראַמען, ווי אַזוי ער פירט זיך אויף אין פּריוואַטן לעבן; וואָס פאַר אַ ווילדער יונג ער איז, וואָס פאַר אַ מאָדנע איינפאַלן ער האָט!... דער עיקר האָט מיך פאַראינטערעסירט איר דערציילן, אַז שלום אַש האַלט ביי זיך עפּעס אַ בחורל, אַן אַזוי גע־רופענעם סעקרעטאַר, וועלכער שרייבט איבער זיינע מאַנוסקריפּטן און פאַרריכט די גרייזן, וואָס דער שרייבער מאַכט אין זיין צעטראָגענער געאייליניש...

איך האָב דאַמאָלס אין יענעם פרייטיק־צונאַכטס, אַ צעהיצטער פון דער פאַנטאַזיע מיינער, געחלומט אַמאָל צו ווערן דער סעקרעטאַר פון שלום אַשן. ווארים איך האָב אין מיין גאַר פריען עלטער פּשוט פאַרגעטערט שרייבערס, איך האָב זייער פרי — אַדאַנק מיין טאַטן — אָנגעהויבן צו לייענען ביכלעך און איך האָב דאַמאָלס געקוקט אויף שרייבערס ווי אויף עפּעס איבערמענטשן.

מיין חלום איז מקוים געוואָרן פונקט מיט צוואַנציק יאָר שפּע־טער.

קאַפּיטל דריי

# דער ערשטער קאָנטאַקט

ערשט אין אַ פּרעכטיקער בלוי־אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט פון 1926 — עס איז גראַד געווען די נאַכט פון תשעה באב — און איך האָב זיך דאַמאָלס געפונען אין אַ פאַרוואָרפן ווייס־רוסישן דאָרף לעבן דראָהיטשין־פּאָליעסקי, איז געקומען מיין ערשטער בריוו־לעכער קאָנטאַקט מיט שלום אַשן. איך האָב פלוצלינג דערהאַלטן פון אים אַ בריוו.

עס איז געווען אַזוי: איך האָב אין 1924 אָנגעהויבן איבערזעצן אויף יידיש דאָס באַרימטע נאָבעל־פּרעמירטע ווערק „פּויערן" פון פּוי־לישן שריפטשטעלער סטאַניסלאַוו וולאַדיסלאַוו ריימאָנט, און די ערשטע צוויי בענדער — האַרבסט און ווינטער — זענען שוין געהאַט דערשי־נען אין פאַרלאַג „אָריענט" אין וואַרשע.

ווען איך בין צו יענער צייט געווען אין לאָדזש צוגאַסט ביי מיין פעטער מנחם מענדל שפּירא, שלום אַשס שווער, האָב איך אים מיטגעבראַכט אַ מתנה די דאָזיקע צוויי בענדער. איבערלייענענדיק זיי, האָט ער מיר מיט אַ צייט שפּעטער צוגעשריבן אַ בריוו און שטאַרק געלויבט די איבערזעצונג. דערביי האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט די צוויי בענדער פון „פּויערן" איבערגעשיקט צו שלום אַשן קיין בעלוויו, אַ שטעטעלע לעבן פּאַריז.

דאָס איז געווען אַרום סוף 1925 אָדער אָנהויב 1926. און אָט דער בריוו פון שלום אַשן, וואָס איך האָב דערהאַלטן אין דעם ווייס־רוסישן פאַרוואָרפענעם דאָרף, וואו איך האָב געאַרבעט אויף דער

איבערזעצונג פון די איבעריקע צוויי בענדער — פרילינג און זומער — איז געווען טאַקע אין שייכות מיט די איבערגעלייענטע צוויי ביכער.

אָט איז דער אינהאַלט פון שלום אַשס בריוו:

„זייער געערטער קאָלעגע שלמה ראָזענבערג,

איך גראַטוליר אייך פאַר דער געוויסנהאַפטער און שאַפנדיקער אַרבעט, כאָטש אין אָנפאַנג פון ערשטן בוך האָט איר זיך גענומען אַ ביסל צופיל פרייהייט מיטן לשון, דאָך שמעקט פון אייער איבערזעצונג מיט יידן־פישער, סטודער, מאַרק־יידן, איר האָט אַזוי מייסטערהאַפט איבערגעגעבן דאָס אמתע לשון פון אונדזערע וואָכעדיקע מענטשן, אַז איך האָב דאָס געפיל, אַז די פויערן זענען יידישע דאָרפס־מענטשן, נאָר אונטערגעשמדט אַ ביסל. שרייבט מיר, אויב איר אַרבעט אויף די ווייטערדיקע טיילן. אפשר וועל איך זיך אַרויסזאָגן אין דער עפנטלעכקייט וועגן אייער גוטער אַרבעט.

מיט גרוס און דאַנק,

אייער שלום אַש".

די זעלבע נאַכט בין איך געווען דער „העלד פון אונדזער צייט"... די נאַכט פון תשעה באב איז ביי מיר דאַמאָלס געהאַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שמחת־תורה. צוזאַמען מיט מיר האָט אין דעם דאָרף דענסטמאָל געוויילט דער שריפטשטעלער און מיין נאָענטסטער חבר שלמה שיינבערג. ער איז געווען איבערגליקלעך פון מיין דערפאָלג. מען האָט געפייערט מיין גרויסע דערגרייכונג — איין קליינִיקייט: אַזאַ לויב־בריוו פון שלום אַשן, דעם גרעסטן שריפטשטעלער פון אונדזער דור! די פייערונג איז באַשטאַנען פון אַרומשפּאַצירן מיט אַ האַפטע שיינע יונגע מיידלעך אין דער דאַזיקער פּרעכטיקער תשעה־באבדיקער לבנה־נאַכט, וואו דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אין נאָענטן פאַרשימלטן טייכל האָט זיך אויסגעמישט מיט די וואונדערלעכע כאָר־געזאַנגען פון די ווייסרוסישע שקצים און שיקסעס איבער דער לאַנגער דאָרפס־גאַס.

מיר האָבן אויך געהאַט אונדזערע אייגענע שיינע יידישע מיידלעך, גימנאַזיסטקעס און סטודענטקעס, וועלכע זענען אויף זומער אַרויסגעקומען פאַרברענגען זייער וואַקאַציע אין דעם שמעקעדיקן וואַלד, וואָס האָט געהערט צו שלמה שיינבערגס שווער; און אין די אויגן פון די דאַזיקע מיידלעך בין איך אין דער פאַטישער בלויער זומערדיקער נאַכט שטאַרק אויסגעוואַקסן. שלום אַש רופט אָן מיין איבערזעצונג

„מייסטערהאַפט", ער טיטולירט מיך „קאָלעגע" — וואָס פאַר אַ פרייד, וואָס פאַר אַ דערפּאָלג!...

איך האָב אונטערן איינפלוס פון שלום אַשס בריוו זיך אַ נעם געטאָן אייפריק צו דער אַרבעט, און אין דעם זעלבן זומער פאַרענדיקט די איבערזעצונג פון די איבעריקע צוויי בענדער „פויערן".

ווען איך בין אויף ראש השנה אַהיימגעקומען פון דעם ווייס־רוסישן דאָרף צוריק אין דעם מאָלערישן שטעטל פילעווו, ביי דער ווייסל, וואו איך האָב דאַמאָלס געוואוינט ביי מיין חבר שלמה שיינבערג, האָט מיך ווידער דערוואַרט אַן אַנגענעמער סורפּריז פון שלום אַשן.

גייענדיק צופיס, אַן ערך דריי קילאָמעטער, פון דער באַן־סטאַנציע אין שטעטל אַריין, איז מיר געקומען אַקעגנצולויפן אַ צעפלאַמטער בחור, מיינס שוין אַ דערוואַרבענער חסיד, און ער האַלט אין דער האַנט אַ צייטונג, מיט וועלכער ער פאָכעט צו מיר פונדערווייטנס ווי מיט אַ פאָן. מיט אַ פאַרשטיקט קול פון אויפגערעגטער איבעראַשונג לאָזט ער מיר וויסן, אַז עס איז אָפּגעדרוקט אַן אינטערוויו אין „היינט" מיט שלום אַשן, און אַש דערמאָנט מיך מיט גרויס ענטוזיאַזם אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין איבערזעצונג פון „פויערן". איבערגעבנדיק מיר די דאָזיקע פריידיקע ידיעה, דערלאַנגט מיר דער בחור דעם „היינט". דאָס איז געווען דער נומער 233, פון 14־טן סעפּטעמבער, 1926.

ווי איך בין שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן געוואָר געוואָרן, האָט דעם אינטערוויו מיט שלום אַשן געמאַכט דער באַקאַנטער שריפט־שטעלער און פּובליציסט י. מ. ניימאַן, און אָט איז דער פּאַסאַזש, וואו עס רעדט זיך וועגן מיין איבערזעצונג:

„...נאָר אינמיטן געשפּרעך — צווישן טאָמאַס מאַן און ריינהאַרדט — צעקאָכט זיך אַש וועגן אַ יידישן יונגנמאַן פון פּוילן, וואָס האָט געטאָן אַ ריזן־אַרבעט. שלום אַש האָט איבער־געלייענט ריימאָנטס „כלאָפּי" (פּויערן) אין דער נאָר־וואָס דער־שינענער יידישער איבערזעצונג. אַש קאָן זיך גאַרנישט אָפּלויבן פון דעם איבערזעצער. ער געפינט, אַז דאָס איז אַ קוואַל פון ווערטער, וואָס זענען שוין פון לאַנג פאַרגעסן געוואָרן און איצט ווערן זיי אויפבאַוואָרט. ער בינדט־איין, זאָגט ער, דאָס בוך און שטעלט עס אַוועק אין דער ביכער־שאַנק. מען זעט, אַז דער יונגערמאַן האָט יאָרן־לאַנג זיך געמיט און געטאָן אַ גרויסע זאַך. אַש קלויבט זיך צו שרייבן וועגן דעם. מיט איין וואָרט: פון טאָמאַס מאַן — ביז אַ יידישן יונגנמאַן, וואָס האָט גוט איבער־געזעצט אַ פּויליש ווערק"...



שמעון האָראָנטשיק, שלום אַש און מאיר מענדעלסאָן

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך ווידער דערהאַלטן אַ קורץ בריוול פון שלום אַשן, אין וועלכן ער פאַרזיכערט מיר, אַז ער וועט וועגן מיר שרייבן און לאָזן וויסן דער גאַנצער יידישער וועלט וועגן מיין גרויסן אויפטו. אין דעם בריוול האָט ער מיך ווידער טיטולירט „קאָלעגע" און „חבר", אַזוי אַז מיינע פריינט האָבן אין שפּאַס מיך אָנגעהויבן רופן: „שלום אַשס קאָלעגע"... און דאָס האָט מיר, פאַרשטייט זיך, זייער שטאַרק געשמייכלט.

אין ווינטער פון זעלבן יאָר אָדער אָנהויב 1927 האָט זיך געמאַכט, אַז איך האָב געדאַרפט זיין אין וואַרשע. אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 האָב איך באַגעגנט מיין פריינט, דעם שריפטשטעלער שמעון האָראָנטשיק, גיט ער צו מיר אַ זאָג: „דו ווייסט, שלמה, שלום אַש איז דאָך דאָ אין וואַרשע!"...

און אַזוי ווי ער איז געווען זייער אַ שעמעוודיקער און אַ נישט דרייסטער, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן, אַז מיר בײדע זאָלן גיין צו־זאַמען צו אַשן אין האָטעל אַריין און זען זיך מיט אים. אין יענער צייט האָט שלום אַש געהאַט מיט לויב זיך אָפּגערופן וועגן האָראָנטשיקס אַ בוך, איז דעריבער געווען זיין פּראָפּאָזיציע: „אַזוי ווי אַש האָט געלויבט דיך און מיך, וואָלט נישט געווען קיין עוולה, אַז מיר זאָלן צוזאַמען צוגיין צו אים"...

שלום אַש האָט דאַמאָלס געוואוינט אין דעם רייכן האָטעל „בריסטאָל", אויף דער קראָקעווער פּאָרשטאָט (קראַקאָווסקיע פּשעדמיעשטשע). עס איז געווען בין־השמשות, אינדרויסן האָט געשנייט, און מיר האָבן זיךביידע געקליבן צו דער דרייסטער אונטערנעמונג. איך רוף־אָן די דאָזיקע אונטערנעמונג „דרייסט" דערפאַר, ווייל קאַלעגן אין ליטעראַטן־פאַראיין האָבן אונדז אָפּגערעדט דערפון. זיי האָבן אונדז געוואָרנט, אַז שלום אַש איז אַ בייזער ייד און מיר וועלן קריגן פון אים אַ שלעכטן אָפּשניט. בעסער וואָלט געווען, ווען „איר בלייבט זיצן דאָ און נישט דאַרפן אויסשטיין די באַליידיקונג"...

מיך האָט אָבער זייער געלאָקט צו זען שלום אַשן. ער איז געווען מיין ליבלינג־שרייבער פון קינדווייז־אויף. ווען איך האָב געליינענט זיין „שטעטל" אין פאַרזעצונגען אין פּעטערבורגער „פריינד", בין איך געווען אַ יינגל פון אַכט יאָר. אַ חוץ דעם האָב איך דאָך געוואוסט, אַז איך קער זיך עפּעס אָן מיט אים: זיין ווייב, מאַטילדע אַש, האָט דאָך מיך אַרומגעטראָגן אויף דער האַנט, ווען איך בין אַלט געווען צוויי יאָר... ואחרון־אחרון חביב — ער האָט דאָך מיך געלויבט, אָנגערופן מיך „מייסטער" און „קאַלעגע"... פאַרוואָס טאָקע נישט צו־גיין זען זיך מיט אַ קאַלעגע?...

מיר זענען געגאַנגען. מיט קלאַפּעדיקע הערצער און ציטערנדיק אויף אונדזערע לייבער, זייענדיק אונטערן סטראַשונאַק פון די קאָ־לעגן, אַז אַש איז נישט קיין גאָר אָנגענעמער ייד און נישט קיין לייב־טער פאַרשוין, זענען מיר אַריינגעקומען אין דעם פּאַרזאַל פונעם גרויסאַרטיקן האָטעל. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן אונדז צופיל גע־לויכטן אין די אויגן אַריין, מיר זענען ממש פאַרבלענדט געוואָרן פון דער עלעגאַנץ און רייכקייט. איך בין געוואָרן דער ראש־המדברים, וואָרים גאַנץ פּשוט: האַראַנטשיק האָט זיך בסדר באַהאַלטן הינטער מיינע פּלייצעס. איך האָב אַ פרעג געטאָן ביי איינעם פון די פּיל־צאַליקע באַמונדירטע לאַקאיען, אין וועלכן צימער עס וואוינט שלום אַש. ער האָט אָנגערופן דעם נומער פון דער טיר און אויף וועלכן שטאָק זיין צימער געפינט זיך.

ווי דרייסט איך בין נישט געווען צוליב מיין נאָענטער שייכות מיט אַשן, האָב איך דאָך מיט ציטערניש אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן אין דער טיר. ער האָט אַוודאי נישט דערהערט. איך האָב געטאָן אַ העכערן קלאַפּ. עס האָט זיך דערהערט אַ שאָרן פון טריט און עפּעס אַ קרעכצל. די טיר האָט זיך אָן עפן־געטאָן. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אָט טאָקע דער זעלבער שלום אַש, וועמען איך האָב געקענט פון די ביל־דער אין די צייטונגען, אין די יידישע כרעסטאָמאַטיעס; און איך

האָב דאָך אַליין, אַלס לערער אין אַ דאָרף, געלערנט אַמאָל מיט די קינדער יידישע ליטעראַטור און געלייענט מיט זיי שלום אַשן.

אַט דאָס איז ער!...

דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט און דאָס לשון איז ביי מיר אָפּגענומען געוואָרן, און שלום אַש האָט אונדז ביידע אויפגענומען בזה הלשון:

— ווער זענט איר, וואָס ווילט איר, נאָך וואָס זענט איר געקומען?...

אַט די דאָזיקע דריי קשיות האָט ער אַרויסגעזאָגט בנשימה אחת מיט אַ ים פון „רישן", וואָס האָבן אַ בויער געטאָן אין אויער. האַראַנטשיק האָט זיך כמעט גאָרנישט אַרויסגעזען פון הינטער מיינע פּלייצעס, כאָטש ער איז געווען העכער פון מיר. איך האָב מיט אַ פּאָרשטיקטער שטים אַ זאָג געטאָן:

— איך בין ראָזענבערג, דער איבערזעצער פון „כלאָפּי"...

— און איך בין שמעון האַראַנטשיק, וועמען איר האָט אַמאָל געלויבט... — האָט זיך דערהערט זיין שטים, ווי זי וואָלט געקומען פון אַ ווייטער וועלט...

אַש איז געוואָרן ווייך:

— קומטס אַרראַן!...

איך האָב דער ערשטער אַריבערגעטרעטן די שוועל און הינטער מיך האַראַנטשיק. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און ווייטער גערעדט:

— איך בין גראָד דאָ אין וואַרשע; געהערט, אַז איר זענט דאָ... האָב איך... האָב איך געוואָלט זיך מיט אייך באַקענען...

— נישט איצט... איך בין זייער קראַנק... איך וויל אייך זען... — האָט אַש אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט אַ האַלב־ווייַנענדיקער און צעפּיעשטשעטער שטים, דערביי איז ער צוגעגאַנגען צום נאַכטטישל און גענומען דעם טערמאָמעטער און געוויזן מיר:

— נאַט, זעט: איך האָב היץ!...

איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויפן טערמאָמעטער און געזען, אַז דער פיבער איז מיט אַ קנאַפּן האַלבן פּונקט העכער ווי נאָרמאַל, וואָס דאָס קאָן זיך טרעפן ביי יעדן געזונטן מענטש... ער איז געשטאַנען פאַר אונדז אין אַ באָרדאָ־געבלימלטן שלאָפראָק. אין צימער האָט געשמעקט פון דעם נאָר־וואָס אויסגערויכערטן ציגאַר. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ בליק, וואָס האָט ממש געבעטן רחמנות. ער האָט איבערגעחזרט זיין פריערדיקע פראַזע, וואָס האָט פאַר מיין יידיש אויער געקלונגען פרעמדלעך: „איך וויל אייך זען"...

מיר האָבן זיך ביידע אָפּגעזעגנט און איך האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז איך וועל אים מער נישט גיין זען... ניין, קיין בייזער ייד איז ער אפשר נישט — האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, נאָר ער איז זייער צעפּיעשטשעט און האָט זיך שטאַרק ליב... איך מוז אָבער דערביי באַמערקן, אַז מיין פאַרערונג צו אַשן איז אין דעם מאָמענט נישט פאַרמינערט געוואָרן אויף קיין האָר. איך בין ווייטער געווען פאַרליבט אין אים ווי אין אַ גרויסן שרייבער, און עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק זיין אויסערלעכער אויסזען און פערזענלעכקייט.

שלום אַש איז דאַמאָלס אַלט געווען זיבן־און־פערציק יאָר. ער האָט געטראָגן קורצע באַקנבערדלעך און די זענען געווען קויל־שוואַרץ. ער האָט געקוקט מיט אַ פאַרחלומטן בליק, אָבער גלייכצייטיק דורכדרינגלעך און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער זעט מיך דורך און דורך.

מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט, צוזאָגנדיק אים צו קומען זען אַן אַנדערש מאָל. מיר האָבן זיך שטאַרק געאײַלט, ווײַל אין ליטעראַטן־פאַראיין האָט געזאָלט דעם זעלבן אָוונט פאָרקומען אַן אויפנאַמע לכבוד זלמן רייזען, וועלכער האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אומגעקערט פון אַ רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד און ער האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט.

נאָכדעם ווי דער באַריכט איז אָפּגעגעבן געוואָרן און דער פולגעפּאַקטער זאַל האָט זיך אָנגעהויבן אָפּליידיקן, דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און עס זענען איבערגעבליבן בלויז שרייבער, האָט זלמן רייזען און נאָך עמיצער פון די שרייבער צוזאַמען מיט מיר זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ באַזונדער טישל, און רייזען האָט מיט מיר גערעדט וועגן אַשס אָפּרוף אויף מיין איבערזעצונג פון „פויערן". מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר פון דער קאַנצעלאַריע, וואו דאָרט פלעגט זיצן דער פאַראיינס־סעקרעטאַר מלך ראַוויטש און דערליידיקן זיינע ענינים, און עס רוקט זיך פון דאָרט אַרויס שלום אַש.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אויך געקומען צו זלמן רייזענס רעפעראַט, אָבער כדי אויסצומיידן אָוואַציעס און נישט צו שטערן דעם אָוונט, האָט ער זיך געהאַלטן אין הינטערגרונט אין דער קאַנצעלאַריע, וואו די טיר איז געווען אָפּגעלענט אַ ביסל, אויף צו קאָנען הערן דעם רעפעראַט.

שלום אַש איז גלייך צוגעגאַנגען צום טישל, וואו מיר זענען געזעסן, און ווי קיינמאָל גאָרנישט, גלייך ער וואָלט קיינמאָל נישט „קראַנק" געווען, נישט געהאַט קיין היץ און ווי ער וואָלט מיר נישט פריער, מיט פיר שעה צוריק, געזאָגט, אַז ער קאָן מיך איצטער נישט אויפנעמען, נאָר „ער וויל מיך זען"...

ער איז צוגעקומען, באַגריסט זיך מיט זלמן רייזען, מיט מיר און דערביי מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן מיט מיר צו שפּריצן היין און צוריק איבערן ריזיקן זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין און אַריינגערעדט אין מיר:

— איך וועל אייך באַרימט מאַכן איבער דער וועלט... איר האָט אָפּגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט, איך וועל שררעבן וועגן אייך... אַלע דאַרפן עס וויסן...

איך האָב מיך געפילט שטאַרק זשעניִרט, ווייל אַלעמענס בליקן זענען געפאַלן אויף דעם שפּרייזנדיקן פּאָר, און איך האָב געהערט, ווי עס פאַלן פראַגן פון אַלע זייטן וועגן מיר: „ווער איז דער יונגערמאַן, מיט וועמען אַש שפּאַצירט אַזוי אינטים אונטערן אָרעם?״ די זעלבע פראַגע האָב איך געהערט פרעגן דורך ד״ר שיפּער, און איך האָב געהערט די ענטפערס: „דאָס איז דער איבערזעצער פון ,פויערן׳״...

וואָרים איך בין נאָך דאַמאָלס נישט געווען קיין וואַרשעווער תושב און מ׳האָט מיך אויפן פּנים נישט געקענט. איך האָב געוואוינט אין דער פּראָווינץ, אין פּילעוו ביי דער ווייסל.

הכלל, מיין שפּאַצירן מיט אַשן אַזוי אינטים איז געווען די סענסאַציע פון אָוונט. איך האָב געפילט ממש, אַז אַש טוט דאָס מיט אויסרעכענונג: ער וויל מיר געבן אַ קאָמפּענסאַציע פאַר זיין פריערדיקער נישט צו וואַרימער אויפנאַמע אין האָטעל... ער האָט געוואוסט, אַז דערמיט, וואָס ער פירט מיך אונטערן אָרעם איבערן גרויסן זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין, גיט ער מיר צו פּרעסטיזש און גלייכצייטיק קוראַזש. אָבער איך האָב מיך געפילט זשעניִרט און זיך געשעמט, וואָס אַלע קוקן אַזוי אויף מיר.

ווי איך האָב מיך מיט יאָרן שפּעטער איבערצייגט, האָט אַש אַזאַ טבע, אַז אויב ער האָנדלט קעגן עמיצן נישט אַזוי פיין, וויל ער אים איבערבעטן און עס אַרט אים גאָר שטאַרק זיין פריערדיקע נישט גוטע טאַט. דאַמאָלס אָבער, אין ליטעראַטן־פאַריין, האָב איך נאָך אַשן נישט געקענט און עס האָט מיך זיין האַלטונג אינטריגירט און געשמייכלט.

קאַפּיטל פיר

# מיין אָנהויב ביי אַשן

קנאַפּע דריי יאָר זענען פאַרביי, ביז איך האָב מיך ווידעראַמאָל באַגעגנט מיט שלום אַשן. דאָס איז געווען אין זומער, 1929, ווען עס איז אין וואַרשע פאָרגעקומען דער פּען־קאָנגרעס. דער יידישער פּען־קלוב האָט געהאַט באַשלאָסן איינצואָרדנען לכבוד דעם פּען־קאָנגרעס אַן אויסשטעלונג פון יידישע ביכער און פּרעסע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יידישן אַקאַדעמישן הויז אין פּראַגע. עטלעכע יידישע שרייבער זענען אַנגאַזשירט געוואָרן צוצוהעלפן ביי דער איינאָרדנונג פון דער אויסשטעלונג. צווישן די דאָזיקע אַנגאַזשירטע שרייבער בין איך אויך געווען.

אין איין שיינעם פרימאָרגן, ווען איך בין אַרויפגעקומען אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז שלום אַש מיט זיין פרוי, מאַטילדע אַש, זענען שוין אָנגעקומען קיין וואַרשע און מען דערוואַרט זיי דאָ באַלד. איך בין געווען זייער נייגעריק צו טרעפן זיי. איך האָב מיך קודם כל געוואָלט באַקענען מיט מיין קוזינע, וועלכע האָט מיך אַלס צוויי־יעריק קינד געטראָגן אויף די הענט, און עס האָט מיר געשמייכלט, וואָס דערמיט בין איך אַ ביסל מער דערנענטערט געוואָרן צו אַשן.

און אָט קומען זיי אָן. אין דעם גרויסן זאַל הערשט אַ שטיקל גערודער: אַש איז דאָ! וואָרים ווי מ׳האָט נישט אין די שרייבערישע קרייזן הינטער אַשס אויגן אויסגערעדט אויף אים כל דבר אָסור, אַז — ער האַלט זיך גרויס, אַז ער איז נישט קיין אָנגענעמער מענטש, ער

לאָזט צו זיך נישט צו — האָט זיך דערשיינען אין ליטעראַטן־פּאַראיין פונדעסטוועגן אַרויסגערופן גרויס אויפזען. סוף כל סוף, האָט יעדער פון די לשון־הרע ריידער געטראַכט ביי זיך: עס איז דאָך פּאַרט שלום אַש!

איך בין זיי אָקעגנגעגאַנגען אין דעם לאַנגן פּאָדערצימער, וואו עס האָט זיך געפונען דער בופעט, און איך האָב תיכף דערזען די אימפּאָזאַנטע פיגור פון שלום אַשן, לעבן אים אַ הויכע עלעגאַנטע דאַמע מיטן אויסזען פון אַ גרעפין. עס האָט מיר אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרץ. זי זעט דאָך אויס פונקט ווי מיין מומע ברכה, איר מוטער!... עס האָט מיר אַ וואַרים געטאָן אין דער נשמה, וואָס די דאָזיקע עלע־גאַנטע גראַנד־דאַמע און פרוי פון גרעסטן יידישן שריפטשטעלער איז מיין קרובה, מיין טאָטנס ערשטע קוזינע.

איך האָב מיך דערנעענטערט צו שלום אַשן, אים אָפּגעשטעקט „שלום" און ער האָט מיך גלייך דערקענט, כאָטש לצים אין ליטעראַטן־פּאַראיין פלעגן וועגן אים זאָגן, אַז ער „דערקענט" נישט קיין מענטשן. ער האָט מיך זייער וואַרים אויפגענומען און זיך אַנגערופן צו זיין פרוי:

— דאָס איז דיין קוזין ראָזענבערריג!...

די מאַדאַם אַש אָדער ווי איך וועל זי ווייטער רופן אויפן מער היימישן נאָמען, ווי איך רוף זי איצט: מאַדזשע — האָט וואַרים אַ שמייכל געטאָן, דערלאַנגט מיר די האַנט און זיך זייער געפרייט מיט מיר. זי האָט זיך ביי מיר אויסגעפרעגט משפחה־אַרטיק אויף מיין טאַטן, אויף דער מאַמען און אויף די אַלע, וועמען זי האָט געקענט פּערזענלעך. מיר האָבן פאַרברענגט אַ לענגערע ווילע, שמועסנדיק וועגן פאַרשידענע זאַכן. זי האָט מיר אויך געמאַכט אַ קאָמפּלימענט פאַר מיין איבערזעצונג פון „פויערן" און זי האָט דערביי מיר איבער־געגעבן, אַז „שלום" איז שטאַרק באַגייסטערט. איר אָנרופן פאַר מיר דעם גרויסן שרייבער מיטן היימישן נאָמען „שלום", האָט מיך דער־נעענטערט צו זיי. הייסט עס, אַז איך בין עפּעס מיט די דאָזיקע מענטשן מער ווי באַפריינדעט: מיר זענען משפחה!...

דערווייל זענען אונטערגעקומען די טעג, ווען דער פּען־קאָנגרעס האָט זיך געעפנט. מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט אַן אימפּאָזאַנטע אויס־שטעלונג פון יידישע ביכער און פּרעסע, וואָס האָט געמאַכט אַ גע־וואַלטיקן איינדרוק אויף די אויסלענדישע שרייבער־דעלעגאַטן; שרייבער מיט וועלט־נעמען זענען דאָ געווען, און זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט און מ'האָט געענטפערט אויף זייערע פראַגן. איך האָב מיך דאַמאָלס, געדענק איך, באַקענט מיטן דענישן שרייבער

מאַרטין אַנדערסען נעקסע און מיט פאַרשידענע פּאָעטן, נאָוועליסטן פון כמעט אַלע לענדער און שפּראַכן אין דער וועלט.

שלום אַש האָט מיך צוגעפירט צום פּרעזידענט פון פּוילישן פּען־קלוב, פערדינאַנד געטעל און מיך פאַרגעשטעלט פאַר אים. מיר זענען גראַד געשטאַנען ביי דער אָפּטיילונג פון ביכער, וואו עס זענען געווען אויך אויסגעשטעלט די פיר ביכער פון „פּויערן" אין מיין איבערזעצונג, און אַש רופט זיך אָן צו געטעלן, אָנווייזנדיק אויף מיר: „טאַ יעסט מאָי קרעוונין!"... דאָס איז מיינס אַ קרוב, הייסט עס. און ער האָט אים געוויזן די גרויסע פּוילישע עפּאָפּעי, איבערגעזעצט אויף יידיש. די פּוילישע דעלעגאַציע איז געווען העכסט צופרידן. אַש האָט מיך אויך פאַרגעשטעלט פאַר דעם באַרימטן פּוילישן פּאָעט קאַזשימיעזש וויעזשינסקי, און ביי יעדן מאָל פאַרשטעלן מיך האָט ער אונטערגעשטראָכן: „דאָס איז מיין קרוב!"...

איך האָב מיך געפילט געוואַלטיק געשמייכלט, וואָס דער גרעסטער יידישער שרייבער, וועלכער איז ביי מיר אין געדאַנק ביז דאָ נישט לאַנג געווען ווי ממש אַ לעגענדע, גרויסט זיך גאָר מיט מיר... צו זאָגן, אַז איך בין נישט געווען שטאָלץ און גליקלעך אין יענעם מאָמענט, וואָלט עס געווען אַ גרויסער ליגן...

שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ פּראַכטפולער באַנקעט, מ'האָט גע־געסן און געטרונקען און איך האָב פון גרויס שמחה אַ ביסל איבער־געכאַפּט די מאָס פון גלעזלעך, און איך בין געוואָרן גאָר בגילופינדיק. איך האָב געשעפּט גרויס נחת פון דער מאַדאַם אַש, איך בין געווען שטאָלץ אויף איר, וואָס זי האָט אַזאַ הדרת־פּנים און זי איז ראוי צו זיין דאָס ווייב פון דעם מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור. זי האָט מיט די פאַרשידענע געסט גערעדט פראַנצויזיש, ענגליש, פּויליש און יידיש. אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך מען האָט זיך נאָר צו איר געווענדט, איז זי געווען „אינדערהיים"... איך האָב זי באַוואונדערט און איך האָב מיר געטראַכט:

„דער שלום אַש האָט עס מזל צו אַלעם אין דער וועלט, אַפילו צו זיין עזר כנגדו"... עס איז געווען אַ נחת צו קוקן אויף דעם באַרימטן פּאָרפאָלק, וואָס פאַרשאַפט דער יידישער אומה כבוד און אָנזען. דאָס האָבן צוגעגעבן אַפילו די יעניקע, וועלכע האָבן אַמאָל הנאה אויסצורעדן אויף שלום אַשן... איך האָב דאַמאָלס באַנומען, אַז אַפילו אין זייער אויסרעדן פילט זיך גרויס ליבע צום באַרימטן שאַפער. דאָס האָט נאָר געוויזן, אַז זיי האַלטן זיך מיט אים נאָענט, און דאָס וואָס זיי רעדן אויס אויף דעם באַליבטן שרייבער ביי יידן,

האָט זיי גאָר געמאַכט ווילטיק ביי זיך אַליין אין די אויגן: ווי גרויס זענען זיי אַליין, אַז זיי קאָנען אויסרעדן אויפן גרעסטן!...

דער יום טוב איז געווען פאַרביי, און אַלץ איז געוואָרן צוריק וואָכעדיק. נאָך אַ גרויסן באַל אין בעלוועדער ביים פּרעזידענט פון דער פּוילישער מלוכה, זענען זיך די פּען־געסט פונאַנדערגעפאָרן, יעדער אין זיין לאַנד אַריין, כדי דאָרט ווייטער צו שאַפן און צו באַרייכערן זיין ליטעראַטור. אויך שלום אַש מיט זיין פרוי זענען אָוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. עס איז עפּעס געוואָרן סמוטנע, בפרט אַז מיט פּרנסה איז ביי מיר דאַמאָלס געווען גאָרנישט פויגלדיק. אמת טאַקע, איך בין נאָך דאַמאָלס געווען איינער אַליין, אָן אַ פאַמיליע. איך האָב געוואוינט צוזאַמען מיט מיין חבר, דעם באַקאַנטן שרייבער און איבערזעצער מרדכי ניידין, אין אַ קליין צימערל און מ׳האָט געוואָרט אויף אַ פאַרדינסטל, עמיצן צו פאַרטרעטן אין אַ רעדאַקציע, ווען דער „עמיצער" האָט גענומען זיין וואַקאַציע.

עס איז אַוועק אַ יאָר. עס איז אָנגעקומען דער זומער 1930. מיין פּרנסה־לאַגע האָט זיך גאָרנישט געהאַט פאַרבעסערט. בין איך איינמאָל אין אַ טרויעריקן פאַרנאַכט אַרויסגעגאַנגען פון מיין אומעטיקן צימערל אויפן וועג אין ליטעראַטן־פאַריין, נישט קיין צופיל זאַטער... באַגעגנט מיך אויף דער גאַס מיין מיטוואוינער, מרדכי ניידין, און ער גיט צו מיר אַ מאַך:

— אַ גרוס דיר פון דיין קוזין!...

איך קוק אים אָן אַ פאַרוואונדערטער: וואָס פאַר אַ קוזין איז אויף זיין קאָפּ?...

— אַ גרוס דיר פון שלום אַשן, ער האָט זיך אויף דיר נאָכגעפרעגט. דו קריגסט ביי אים אַ שטיקל פּאָסטן... — האָט מיין חבר פאַרגעזעצט.

מיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. איך האָב דאָס געפילט אין מיין גאַנצן וועזן. איך קריג אַ שטיקל פּאָסטן, און ביי וועמען — ביי שלום אַשן!... איך האָב מיך אין דער רגע דערמאָנט מיט אַ שמייכל מיין אַמאָליקן וואונטש, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונג ייִנגל... און איך האָב מיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן ביי ניידינען און געבעטן אים, ער זאָל מיר דערציילן פּאָדראָבנע...

און אָט־וואָס איך האָב מיך דערוואוסט:

שלום אַש איז געקומען פון פּאַריז, דאָס איז געווען כמעט צום יאָר נאָכן פּען־קאָנגרעס אין וואַרשע. ער איז געקומען צוזאַמען מיט מאַדזשען, זיין פרוי. ער שרייבט עפּעס אַ ניי בוך, צי ער דאַרף פאַרענדיקן אַן אָנגעהויבן בוך, ניידין האָט עס נישט געוואוסט אויף קלאָר.

דער עיקר — אַש איז געקומען אין „ביכער־פאַרלאַג", וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיינע ווערק און געווענדט זיך צום פאַרוואַלטער, חבר חיים וואַסער און געפרעגט אים, וואו ער קאָן זען ראָזענבערגן.

אין פאַרלאַג האָט זיך גראָד געפונען מרדכי ביידין און ער האָט געזאָגט, אַז ער וואוינט מיט מיר צוזאַמען. אַש האָט אים דאַמאָלס געבעטן מיר צו זאָגן, אַז איך זאָל זיך מיט אים זען, כ׳זאָל צוקומען אין דעם האָטעל „איראָפּעיסקי". היות ער פאָרט מיטן ווייב זיינעם קיין קריניצע, אַ באַרימט פוילישן קוראָרט און ער דאַרף האָבן אַ סעקרעטאַר, וויל ער מיך אַנשטעלן אַלס אַזעלכן אויף דער צייט, וואָס ער וועט זיין אין קריניצע.

איך בין אַזש אויפגעשפּרונגען פון פרייד. מיין חבר האָט מיך באמת מקנא געווען, וואָס עס האָט מיך פּלוצלינג געטראָפן אַזאַ גליק. אָט דאָ הונגער איך ממש און אָט בין איך שוין שלום אַשס סעקרעטאַר און פאָר קיין קריניצע, וועגן וואָס איך האָב בלויז געקאָנט חלומען אין שלאָף...

„אַש געדענקט פונדעסטוועגן אין מיר!"... — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און איך בין אַ פריילעכער אַרויף מיט ניידינען אין ליטעראַטן־פאַראיין. אָבער ווען איך האָב מיך צומאַרגנס געזען מיט שלום אַשן, וועלכער האָט מיך אגב אויפגענומען זייער פריינטלעך און אַזוי אויך מאַדזשע, — זי מער משפּחהדיק און ער מער אָפיציעל, נאָר גענוג פריינטלעך, לויט ווי מען האָט פאַר מיר תמיד געשילדערט אַשן... — האָט ער שוין געהאַט געענדערט זיין פּלאַן. ווי איך האָב אים מיט יאָרן שפּעטער נעענטער דערקענט, איז דאָס געווען ביי אים אַ „וואָכן־גאַנג" צו ענדערן באַשלוסן איינס און צוויי... ער איז אַן אומרואיקער כאַראַקטער, אָט זאָגט ער אַזוי און אין אַ מינוט שפּעטער איז ביי אים אַלץ קאַפּויער, און מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן ווי מען האַלט מיט אים.

ער פאָרט שוין נישט קיין קריניצע, נאָר קיין צאָפּאָט, אַ קור־אָרט ביים באַלטישן ים, וואָס האָט געהערט צו דער פריישטאָט דאַנציג. אַ וואָלקן האָט באַדעקט מיין פּנים... ווארים אַש האָט מיר מיט אין זאַץ דערמאָנט, אַז איך בין גאַרנישט אין אָרדענונג און איך וועל אפשר גאַרנישט קאָנען פאָרן קיין דאַנציג. ער גיט צו מיר נעמלעך אַ זאָג: „מאַכט גרייט אייערע אַלע דאָקומענטן, ווייל מיר פאָרן מאָרגן אָפּ קיין צאָפּאָט!"

עס איז מיר הייס געוואָרן אין אַלע אברים: אויף צו פאָרן אין דער פריישטאָט דאַנציג מוז אַ פּוילישער בירגער האָבן ביי זיך אַ פּאַספּאָרט, אַ היימישן פּוילישן פּאַספּאָרט, און ביי מיר האָט מען

דעם פּאַס אַרויסגעגנבעט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, בעת כ׳האָב פאַרלאָזט דאָס טעאַטער „נאַוואַשטשי״...

איך האָב אָנגעהויבן צו שטאַמלען און נישט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן; אַש ווערט שוין, זע איך, אומגעדולדיק און ער גיט זיך צו מיר אַ ווענד:

— וואָסי, איר טראַכט נאָך, צי איר זאָלט פאָרן?...

איך זע ביי אים אין די אויגן אַ פאַרדריסלעך פלעמל. ווי שוין פריער דערמאָנט, האָב איך אויפגעכאַפּט אין אַשס כאַראַקטער אַ מין צעפּיעשטשעטקייט, אַזוי ווי אַ גרויס קינד... טאָמער איז עפּעס נישט אַזוי ווי געהעריק, ווערט ער באַלד אָנגעברוגזט, די ליפּן שפּיצן זיך ביי אים אָן. וואָרים ער האָט געטראַכט, אַז אויב „שלום אַש״ לייגט דיר פאָר אַזאַ גליק, קווענקלסטו זיך נאָך!...

האָב איך אים געמוזט זאָגן דעם אמת:

— איך האָב נישט קיין פּאַס און איך מוז מיר ערשט לאָזן מאַכן אַזאַ דאָקומענט, און אין פּוילן איז עס נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, בפרט אַז מיט מיר איז נישט אַזוי אין אָרדנונג, וואָרים לויט מיינע דאָקומענטן בין איך געבוירן געוואָרן אין עפּעס דריי אָדער פיר פלעצער, ווי ביי שלום עליכמען...

— נו, וועלן מיר מאָרגן אַליין פאָרן און איר וועט נאָכקומען! — האָב איך באַמערקט ביי אים צוריק אַ צופרידענעם שמייכל — איר וועט פרעגן ביי חיים וואַסערן, וועט ער אייך געבן מיין אַדרעס און זאָגן, ווי אַזוי צו פאָרן.

איך האָב מיך מיט די אַשס אָפּגעזעגנט. זיי זענען נאָך די זעלבע נאַכט אָפּגעפאָרן קיין צאָפּאָט, און איך האָב איינגעשפּאַנט אַלע מיינע כוחות און רעקאָמענדאַציעס און אַפילו געווען ביי אַ „מאַכער״, וואָס מאַכט אויפן אָרט אַ פּאַס, אָבער ער האָט געוואָלט אַ סך געלט. ער האָט אַוודאי געמיינט, מי יודע וואָס פאַר אַ פאַרברעכער איך בין און איך מוז אַנטלויפן פון וואַרשע...

אין וואַרשע האָט פּונקט דעם טאָג געווײלט מיין נאָענטסטער חבר שלמה שײנבערג פון פּילעוו, האָט ער מיר געגעבן אַ גוטע עצה:

— מיין פעטער הענעך איז דאָך אַ ראַטמאַן אין פּילעווער שטאָט־ראַט און ער קען דאָך דיך, טאָ פאָר שוין מיט מיר קיין פּילעוו און מאָרגן וועסטו האָבן דעם פּאַס.

אומר ועושה, איך זיץ שוין אויף דער באַן מיט שלמה שײנ־בערגן, און אויפן וועג לויפן אונדזערע פאַנטאַזיעס — עס האָט אונדז בײדע די דאָזיקע „סחורה״ נישט געפעלט... — ער האָט מיך שוין

געזען אַן אָנגעטועטעם אין גאָלד און זילבער און אַרומגערינגלט מיט כבוד: אַ קלייניקייט — שלם אַשס סעקרעטאַר!...

וועגן מיינע אייגענע פאַנטאַזיעס וויל איך גאָרנישט רעדן, זיי זענען געפלויגן אַזוי שנעל, אַז איך האָב זיי גאָרנישט געקאָנט אָניאָגן, שנעלער ווי דער עקספרעס־צוג, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אין אַ פראַכטפולן אויסגעשטערנטן אָונט געטראָגן צווישן פעלדער און וועל־דער צו דעם מאַלערישן שטעטל פילעוו ביי דער ווייסל...

שפעט אין אָונט קומען מיר אָן קיין פילעוו, און איך האָב שוין די ערשטע אַנטוישונג: איך מוז האָבן אַ געבורטשיין און איך האָב נישט. מיין געבורטשיין דאַרף איך נעמען אין לובלינער מאַגיסטראַט.

איבערגעגעכטיקט אין פילעוו, צומאָרגנס פאַרטאָג כאַפּ איך אַן אויטאָבוס, וואָס לויפט קיין לובלין, וואו איך בין אַ נכתב, און צו מיין גליק באַגעגן איך דאָרט אַ באַאַמטן, וועלכער האָט גוט געקענט מיין טאַטן און מיך האָט ער געדענקט אַלס קליין יינגל. ער האָט וועגן מיר געהערט, אַז איך בין „עולה לגדולה" געוואָרן, איבערגעזעצט אויף יידיש דאָס גרעסטע פוילישע ווערק, הכלל — אין פינף מינוט צייט האָב איך געהאַט מיין געבורטשיין, און אין דעם זעלבן טאָג בין איך צוריקגעפאָרן מיט אַן אויטאָבוס קיין פילעוו, און אין איינציקע מינוטן האָב איך, אַדאַנק שיינבערגס „פעטער הענעך", געהאַט אין מיין קע־שענע אַ פוילישן טונקל־בלויען פאַספּאָרט מיט אַ ווייס־זילבערנעם אַדלער אויף די טעוועלעך, און קיינער איז צו מיר דאַמאָלס נישט גלייך געווען...

צומאָרגנס קום איך אַרויף צו חיים וואַסערן אין וואַרשע אין „ביכער־פאַרלאַג", כדי ביי אים צו פרעגן דעם אַדרעס פון אַשן, זאָגט ער מיר, אַז ער פאָרט אויף די נאַכט צו אַשן קיין צאָפּאָט. נו, האָב איך שוין געהאַט אַ באַגלייטער אויף מיין וועג אויך, און עס איז מיר געווען גוט ווי די וועלט...

ניין, איך בין נישט „געפאָרן", נאָר איך בין געפלויגן אין די הויכע הימלען, זיצנדיק אין וואַגאָן פון עקספרעס־צוג וואַרשע־דאַנציג. אויפן וועג האָט מיך חבר חיים וואַסער אַ ביסל באַקאַנט געמאַכט מיט אַשס כאַראַקטער, און קיין נייעס, דאַכט זיך, האָט ער מיר נישט אַנט־דעקט. איך האָב דאָס אַלץ דערזען אין ערשטן אויגנבליק אין האָטעל „בריסטאָל", ווען איך בין געקומען צום ערשטן מאָל מיט האַראַנטשיקן זען שלום אַשן...

— לייכט וועט איר מיט אים נישט האָבן... — האָט מיר מיין פריינט חיים וואַסער געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָרים ער האָט ליב געהאַט אַשן און ער איז אויך מיט מיר געווען אין גאָר פריינטלעכע

באַציאונגען — איר זאָלט נישט ווערן אַנטוישט, ווען איר וועט הערן פון אים איצט איין וואָרט און מיט אַ שעה שפּעטער וועט איר הערן פון אים פּונקט דאָס פאַרקערטע... אַזוי איז ער און אַזוי דאַרפט איר אים נעמען... איבעריקנס, ראָזענבערג, איך קאָן מיך אויף אייך פאַר־לאָזן. איר זענט נישט קיין נעכטיקער!...

די באַן איז אָנגעקומען קיין צאָפּאָט אַרום צען אַזייגער אינדערפרי, נאָך אַ גאַנצע נאַכט פאָרן און חלומען אויף דער וואָך. מיר זענען ביידע גלייך פאַרפאָרן צו אַשן אין האָטעל. ער איז שוין געזעסן אינדרויסן אין אַ שיינעם גאָרטן און געטרונקען טיי אָדער קאַפע. ער האָט אויס־געזען זייער פריש און צופרידן מיט זיך. אַרום ביי אַ סך טישלעך זענען געזעסן פרעמדע מענטשן, און איך האָב געהערט אַ געשעפּטש צווישן זיי: „דאָס איז שלום אַש!"... אַשס געזיכט איז געווען באַ־קאַנט צו טויזנטער און טויזנטער מענטשן, אַפילו מענטשן, וועלכע האָבן אפשר נישט געלייענט קיין שורה פון אים, ווייל זיי האָבן בכלל קיינמאָל קיין ביכל נישט גענומען אין דער האַנט אַריין.

שלום אַש האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ געוויסער פרייד. ער איז צופרידן געווען צו באַגעגענען אין דער פרעמד אַ היימיש פּנים. ער האָט מיר תיכּף געגעבן אַן אינסטרוקציע צו גיין זיך אויסזוכן אַ האָטעל און פּענסיאָן צוזאַמען.

— אָבער נישט צו טייער!... — האָט ער מיר אויפמערקזאַם געמאַכט.

די דאָזיקע באַמערקונג איז מיר, וואָס אַן אמת, נישט געפעלן געוואָרן. אָבער איך האָב דאָך געדענקט מיין פריינט חיים וואַסערס וואָרנונג, און איך האָב טאַקע דערזען אויף זיינע ליפּן אַ שמייכל, ווען ער האָט געהערט אַשס אינסטרוקציע.

איך בין אַוועק זוכן אַ האָטעל און איך האָב באמת נישט גע־וואוסט, וואָס ביי אַשן הייסט ביליק און וואָס טייער... דאָ אין צאָפּאָט איז געווען אַ טייערע וואַליוטע: גולדנס, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אויף פּוילישע זלאָטעס פּונקט דאָס טאָפּלטע. איך בין געווען אַ ביסל צעטומלט.

אָבער גייענדיק איבער עטלעכע האָטעלן מיט פּענסיאָן, האָב איך מיך ביסלעכווייז דערוואוסט די פּרייזן און איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אין איין האָטעל־פּענסיאָן, וועמענס אייגנטימער איז געווען אַ קרוב פון נחמיה פינקלשטיין, דעם אַרויסגעבער פון וואַרשעווער „היינט". איך האָב מיך געפרעגט דעם פּרייז און ער האָט מיר געזאָגט, אַז פאַר שרייבער און נאָך דערצו, אַז איך קען נחמיה פינקלשטיין, וועט דער פּרייז זיין ניין גולדן אַ טאָג, דאָס הייסט אויף פּויליש געלט: אַכצן

זלאָטעס! דאָס איז געווען פאַר מײַנע הונגעריקע באַגריפן אַ געוואַלטיקע סומע געלט... אָבער קיין ביליקערן האָטעל האָב איך נישט געזען. טײַערע — יאָ... און איך האָב מיך דאָרט אָפּגעשטעלט.

אײַנאָרדנדיק זיך, אָפּגעוואַשן זיך נאָך דער רײַזע, האָב איך געגעסן אַ לײַכטן פֿרישטיק, כאָטש איך האָב געקאָנט אויפֿעסן גאָר אַ „שווערן", אָבער איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אויפֿעסן אַ מאַיאָנטיק און אַש וועט מיך הייסן אַהיימפֿאָרן... ווען איך בין געווען פֿאַרטיק מיטן חומר, בין איך אַוועק צו אַשן. ערשט דאַמאָלס בין איך געוואָר געוואָרן, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט איך וועל דאַרפֿן טאָן און וואָס פֿאַר אַ בוך אַש שרײַבט. ער האָט פֿאַרענדיקט די טרילאָגיע „פֿאַרן מבול". ער האָט געהאַלטן בײַם סוף פֿון דריטן בוך „מאָסקווע".

געזאָגט האָט מיר אַש, אַז איך דאַרף בלויז איבערשרײַבן מיט דער האַנט זײַן מאַנוסקריפּט, און דאָס איז אַלץ! זייער אַ לײַכטע מלאכה, וואָס יעדער איינער מיט אַ שיינער האַנטשריפֿט קאָן דאָס טאָן, און איך האָב מיך געוואונדערט, פֿאַרוואָס ער האָט מיך געדאַרפֿט אַזש ברענגען פֿון וואַרשע, אַז ער האָט אַזאַ „קאַליגראַף" געקאָנט קריגן אין צאַפּאַט גופֿא, און עס וואָלט אים געקאָסט פֿיל ביליקער...

קיין שרײַבמאַשין האָט ער נישט געהאַט און איבעריקנס, האָב איך אויף אַזאַ מין „כלי" נאָך דאַמאָלס נישט געקאָנט שרײַבן, און איך האָב אָנגעהויבן מײַן אַרבעט דעם זעלבן טאָג. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ מאַנוסקריפּט: דאָס קאַפּיטל „האָטעל מעטראָפּאָל", פֿון בוך „מאָסקווע".

עס איז נישט געווען אַזוי לײַכט דורכצומאַכן זיך אַ וועג אין דעם מאַנוסקריפּט, וואָס איז געווען שטאַרק פֿאַרציקט און אָן פֿינטעלעך, אָן קאָמאָס — אַ ווילדערניש! אָבער איך האָב געמאַכט אַ „שהחינו", וואָס איך האָב ענדלעך דערגרייכט מײַן יוגנטלעכן חלום... איך האָב עס געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן כבוד, כאָטש אין אָנהויב — זייער אַ שווערע אַרבעט. וואָרים איך האָב מיך באַלד אַרומגעזען, אַז מײַן אַרבעט וועט באַשטיין נישט פֿון בלויז „איבערשרײַבן מיט אַ שיינער האַנטשריפֿט" אַשס מאַנוסקריפּט, נאָר מען דאַרף אויך אויסבעסערן אַ זאַץ, אַן אויסדרוק, אַ גלעט טאָן איבערן סטיל, און דערבײַ זײַן פֿאָרזיכטיק נישט צו ענדערן אַשס לשון. איך האָב מיך באַצויגן מיט גרויס פּיעטעט צו אַשס אַרבעט, מײַן פֿאַרגעטערטן שרײַפֿטשטעלער.

## קאַפּיטל פינף

# שלום אַש אַלס „באָס"

מיין רעדאַקטאָריש־איבערשרייבערישע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. איך האָב אַהיימגענומען אין האָטעל אַריין צו מיר דאָס קאַפּיטל פון בוך „מאָסקווע" און עס אָנגעהויבן לייענען. עס איז נישט געווען אַזוי לייכט אַדורכצובראָדזשען אַשס כתב־יד. ער האָט נישט פון קיין שרייב־צייכנס, נישט פון קאָמאָס, נישט פון קיין פינטעלעך, נישט פון אַ געדאַנק־צייכן (־), אָבער אַמאָל, ווען ער איז „געשטימט", גיט ער אַ שטעל אַוועק קאָמאָס דאָ וואו מען דאַרף נישט. און דאָס האָט נאָך מער באַשווערט איבערצולייענען און צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט.

אָבער ווען איך בין דעם כתב־יד דורכגעגאַנגען און „אַנטציפערט", דעם אינהאַלט, איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. דאָס ערשטע קאַפּיטל אין „מאָסקווע" וואָס איז געקומען אונטער מיין האַנט, איז געווען, ווי אויבן שוין דערמאָנט, „האָטעל מעטראָפּאָל". איך האָב דאַמאָלס געטראַכט: די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער, וועלכע זענען צו יענער צייט אין פּוילן געווען שטאַרק אין דער מאָדע, קאָנען זיך נאָך אַלץ קומען לערנען צום מייסטער פון „אַלטן" שניט... ווער עס האָט דאַמאָלס נישט געשריבן אין דעם זין, איז דאָך, ווינציקסטנס, געווען אַ ווייסטער קאַליקע, אַ גראַפאָמאַן... אָבער צי איז דען איינעם פון די אַזוי גערופענע פּראָלעטאַרישע שרייבער געלונגען אָנצושרייבן אַזאַ פּראָלעטאַריש קאַפּיטל, ווי „האָטעל מעטראָפּאָל"?

פון יעדער שורה האָט געאָטעמט מיט דעם נצחון פון פּראָלע־

טאַריאַט. ווי נעבעכדיק עס האָבן אויסגעזען די אַמאָליקע הערשער, די רייכע פּריצים און דוואָריאַנעס, די געסט פון האָטעל, ווען דער פּראָ־לעטאַריאַט האָט איבערגענומען צום ערשטן מאָל אין דער מענטש־לעכער געשיכטע די ממשלה אין זיינע הענט אַריין. איך האָב געפילט, אַז אַש האָט שטאַרק הנאה דערפון. דער שטענדיק געפּלאָגטער, דער באַרויבטער, דער עקספּלואַטירטער לאָקיי און דינער, האָט גענומען זיין באַרעכטיקטע נקמה.

„האָטעל מעטראָפּאָל" איז איינע פון די שטאַרקסטע קאַפּיטלען אין בוך פון דער טרילאָגיע „פאַרן מבול". איך בין געווען שטאָלץ, וואָס איך בין דער ערשטער לייענער פון דעם דאָזיקן גראַנדיעזן ווערק. איך האָב מיך געפילט חשיבותדיק דערמיט, וואָס דער גרויסער שריפט־שטעלער, ווענען איך האָב פון שטענדיק אָן באַטראַכט ווי אַ לעגענדע, טרויט מיר אָן זיין ווערק. אמת, ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף בלויז „איבערשרייבן", אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט מער ווי איבערשרייבן...

איך האָב באַמערקט, אַז אַש איז זייער נאַכלעסיק וואָס שייך דער טעכנישער זייט פון דער שרייב־מלאכה. אים גייט מער דערין, וואָס ער שרייבט און נישט ווי אַזוי ער שרייבט. איך האָט טאַקע איינמאָל, זיצנדיק מיט אים אין דעם שמעקעדיקן גאָרטן פון זיין האָטעל, דאַכט זיך: „קאַרלטאָן־האָטעל", אויף אַ פאַרזיכטיקן אופן, כדי אים נישט צו מאַכן שלעכט פילן, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך איין זאַץ חזרט זיך ביי אים איבער איינס און ס'זעלביקע וואָרט, און דאָס איז נישט סטיליסטיש...

איך וואָלט אים נישט געווען אויפמערקזאַם געמאַכט, נאָר אַליין פאַרראַכטן און — פאַרטיק! אָבער ווי אויבן דערמאָנט, האָב איך זיך באַצויגן מיט גרויס פּיעטעט צו יעדן וואָרט אַשס, און איך האָב נישט געוואָגט אין אָנהויב אויף מיין אייגענער אחריות עפּעס דאָרט אַ קראַץ צו טאָן...

אַש האָט מיר אויף מיין ציען זיין אויפמערקזאַמקייט וועגן דער נישט סטיליסטישקייט אין דעם זאַץ־בוי געענטפערט:

„יידיש איז נישט קיין מפונק!"...

דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן און אַנטוישט.

וואָס הייסט: „יידיש איז נישט קיין מפונק"?... ווי קאָן אַזאַ גרויסער שרייבער, וועלכער שאַפט אויף יידיש, אַזוי זיך באַציען צו זיין אייגענעם לשון?

איך האָב אָבער שפּעטער איינגעזען, אַז אַש האָלט פון „אַל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו"... דער „קרוג" גייט אים נישט אָן, נאָר

דער עיקר — דער ווייץ זאָל זיין פון הויכער קוואַליטעט... יאָ, מען מוז מודה זיין: דער „ווייץ" איז געווען פון גאָר הויכער קוואַליטעט!

אָבער נאָך זיין זאָג, אַז „יידיש איז נישט קיין מפונק", האָב איך געעפנט די אויגן און איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס איך דאַרף ווייטער טאָן, אויב איך וועל פאַרבלייבן אַשס אַזוי גערופענער „סעקרעטאַר"; איך וואָלט מיין אַמט אָנגערופן מער ריכטיקער: רעדאַקטאָר. און נישט נאָר אַש, נאָר אַפילו יעדער שרייבער פון אַן אַנדער שפראַך, מעג ער זיין פון גאָר גרויסן קאַליבער, דאַרף האָבן אַ רעדאַקטאָר. לאָמיר אָננעמען אַלס ביישפּיל די גרויסע רוסישע שריפטשטעלער דאָסטאָיעווסקי און גאָגאָל, וועגן וועלכע מען ווייסט, אַז זיי האָבן געשריבן נישט ריכטיק גראַמאַטיקאַליש און סטיליסטיש. דאָס זעלבע זאָגט מען אויך וועגן באַרימטן פילאָזאָף עמנואל קאַנט, און אַנדערע.

אַלס „באָס" איז אַש געווען נישט פון די גאָר שווערע, ווי מ'האָט מיך געוואָרנט און געסטראַשעט אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 13, אַז איך וועל האָבן צו זינגען און צו זאָגן פון אים. ער האָט מיך געהאַלטן זייער בכבודיק, ער האָט נישט געפאָדערט, אַז איך זאָל זיצן גאַנצע טעג און האָרעווען איבער זיין מאַנוסקריפּט. איך האָב מיך מער שעהן געבאָדן אין באַלטישן ים, ווי געאַרבעט איבער „מאָסקווע". מאָסקווע איז זיך טאַקע מאָסקווע, האָב איך מיר געטראַכט, און צאַפּאַט אין צאַפּאַט... איך בין אין אייניקע טעג געוואָרן אַזוי שוואַרץ אָפּ־געברענט פון דער זון, אַז מען האָט מיך געקאָנט זייער גרינג אָנ־נעמען פאַר אַ הויפטלינג פון אַן אַפריקאַנער שבט...

אַש איז זייער אַ שטימונגספולער מענטש און אַ קאָמפּליצירטער כאַראַקטער. אין די ערשטע צייטן איז מיר שווער אָנגעקומען אים צו פאַרשטיין און צו באַנעמען, און דערפון זענען אַרויסגעקומען פאַר־דריסלעכע אינצידענטן.

איינמאָל בין איך געקומען צו אים אין האָטעל מיט אַ פאַרראַכ־טענעם קאַפּיטל און איך האָב געדאַרפט נעמען אַן אַנדער קאַפּיטל פון זיין מאַנוסקריפּט. ער איז געזעסן אויף דער ראַגאַזשע־געפלאָכ־טענער וועראַנדע, וואָס איז געווען האַלב־באַגלאָזט און איך האָב אים געקאָנט זען אַ זיצנדיקן און שרייבן גיך־גיך מיט דער פעדער אי־בערן פאַפּיר.

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער ראַגאַזשע־טיר, און דער קלאַפּ איז, פאַרשטענדלעך, ניט אַרויסגעקומען גענוג דייטלעך. איך האָב זי דעריבער געעפנט און אַריינגעקומען צו אים.

אַש גיט אַ דריי־אויס דעם קאָפּ צו מיר, די אויגן זענען ביי אים

געוועז רויט פאַרלאָפן און ערגיץ־וואו מיטן געדאַנק פאַרטראָגן, אפשר האָט ער נאָר־וואָס געהאַט אַן אינטימען געשפּרעך מיט מירקינען, און אפשר גאָר האָט ער געהאַט אין מאָסקווע אַ ראַנדעוואו מיט אַ שיינער יונגער דאַמע, און איך האָב אים געשטערט אינמיטן דערינען...

ער האָט מיך געגעבן אַ מעסט־אָפּ מיט גאָרנישט קיין פריינטלעכן בליק, פאַרשאַרצנדיק די ברילן איבערן שטערן און אַ וואָרטשע געטאָן:

— איר האָט גאָרנישט קיין דרך־ארץ!... איר קומט אַרײַן און איר קלאַפּט נישט פריער אָן אין דער טיר: אפשר שלאָף איך, אפשר טו איך עפּעס אַנדערש...

איך בין געבליבן שטיין ווי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלטן וואַסער. אויף אַזאַ „ברוך־הבא" האָב איך מיך לחלוטין נישט גע־ריכט.

כ'האָב מיך פאַרענטפערט, אַז ערשטנס: זיצט ער אויף אַ גלעז־ערנער וועראַנדע און איך האָב גאַנץ גוט געקאַנט זען, אַז ער שלאָפט נישט און „טוט נישט עפּעס אַנדערש"... והשנית, האָב איך יאָ אָנ־געקלאַפּט, נאָר די טיר איז אַ געפלאַכטענע פון ראָגאָזשע, הערט מען נישט דאָס קלאַפּן; והשלישית, „האָב איך פאַר אייך יאָ גרויס דרך־ארץ, ווי איך האָב דרך־ארץ פאַר יעדן אײנציקן מענטש".

איך האָב אים אַנטוואָפנט... דאָס איז ביי אַשן איינע פון די גרעסטע מעלות: מען קאָן אים אַנטוואָפענען מיט אַ וואָרט, מיט אַ בליק און דער עיקר — מיט אַ שמייכל... איך האָב דערזען אין זיינע אויגן, אַז ער האָט שוין חרטה אויף זיך, מילד גערעדט, נישט זייער אידעלער באַנעמונג.

ער האָט פאַרקירעוועט דאָס געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש. ער האָט מיך געפרעגט, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט דאָס קאַפּיטל „האָטעל מעטראָפּאָל". איך האָב אים מיין מיינונג גע־זאָגט, און ער איז געווען צופרידן, קוקנדיק מיר טיף אין די אויגן, צי איך בין נאָך בייז אויף אים פאַר זיין נישט צו איבעריקער העפ־לעכקייט.

— איר ווילט מאַכן אַ שפּאַציר, רדראָזענבעריג!?... — האָט ער זיך צו מיר פריינטלעך אַ ווענד געטאָן און מיטן בליק געוואָלט מיך איבערבעטן. זיין פיל „ריש"דיקער „ראָזענבערג" האָט מיך אויך אַנטוואָפנט און איך האָב אים פאַרגעבן.

— יאָ, מיט גרויס פאַרגעניגן! — האָב איך אים געענטפערט.

און אַריינשרייענדיק אין צימער אַריין, וואו די פרוי זיינע האָט

געהאַט געכאַפּט אַ נאָכמיטאָגדיקן דרימל: „מאַדזשוכנא!"... ער האָט זי גערופן מיט אַ פּויליש־פאַרצויגענעם נאָמען, פון מאַדזשע. „מאַדזשוכנאַ, איך גיי נעמען אַ שפּאַציר מיטן חתן־בחור!"

און מיר האָבן שפּאַצירט איבערן פּראַכטפולן „באַרדוואַק" (פּראָ־מענאַד), וואָס ציט זיך אַוועק אַ שטיק וועג אין ים אַריין. פונדערווייטנס האָט מען אין די זילבערנע זון־שטראַלן געקאָנט זען דאָס פּוילישע האַלב־אינדזל „העל", די נייע האַפן־שטאָט, וואָס פּוילן האָט אָנגעהויבן אויסבויען — גדיניאַ. די פּליאַזשע אין צאָפּאָט איז געווען אַ הערלעכע. זי איז געווען באַליגט מיט הונדערטער מענטשן, מע־נער, פרויען און קינדער אין די קאָלירפולסטע באָד־קאָסטיומען, וואָס האָבן געפּאַנגען דאָס אויג מיט זייערע רעגנבויגנדיקע פאַרבן.

איך האָב באַמערקט, ווי מענטשן, איבערהויפּט פרויען און דווקא יונגע פרויען, שטעלן זיך אָפּ און קוקן נאָך די אימפּאָזאַנטע פיגור פון שלום אַשן. איך בין זיכער, אַז פיל פון זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ שרייבער. נאָר די געשטאַלט זיינע האָט געמוזט אַרויס־רופן אויפמערקזאַמקייט.

אַש האָט דאָס געפילט און עס האָט אים הנאה געטאָן...

— נו, איר זענט צופרידן, וואָס כ'האָב איך אַראָפּגעבראַכט קיין צאָפּאָט? — האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן, און דערביי מיך אָנגעקוקט און דורכגעדרונגען מיט זיין בליק. ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז איך זאָל זיין צופרידן.

וואָס האָב איך אים געקאָנט דערויף ענטפערן — אַז איך בין נישט צופרידן?... בעת איך בין געווען איבערגליקלעך פון אַלע שטאַנד־פונקטן.

שפּעטער האָבן מיר זיך אומגעקערט אין זיין האָטעל, וואו מאַדזשע האָט סערווירט טיי מיט קוכן און מיר האָבן גערעדט געמיטלעך. זי האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן מיין לעבן אין וואַרשע, וואָס איך טו און פון וואָס „איך מאַך אַ לעבן"... דער דאָזיקער אויסדרוק איז פאַר מיר געווען ניי, ווייל — אַמעריקאַנער יידיש.

— ווייסט, שלומשי, מען וועט דאַרפן זיך באַמיען, אַז ראָזענבערג זאָל קריגן דעם פּוילישן פּען־קלוב פּריז פאַר איבערזעצן „פּויערן"! איך האָב געהערט, אַז זיי גרייטן זיך אַזאַ פּריז אויסצוטיילן, און קאַנ־דידאַטן זענען דאָ אַ סך.

עס איז אין יענער צייט איבערגעזעצט געוואָרן „כלאָפּי" אויף פראַנצויזיש, ענגליש און אונגאַריש.

— יאָ, ער האָט עס פאַרדינט, דער חתן־בחור... איך וועל איבער־

שמועסן מיט פערדינאַנד געטעל און מיט קאַזשימיעזש וויעזשינסקי — האָט אַש געענטפערט.

ער האָט מיך דערביי אַ מעסט־אָפּ געטאָן מיט זיין פאַרהויכטן בליק, כדי צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס מאַכט אויף מיר, און דער עיקר — צי איך האָב שוין פאַרגעסן אין דעם „ברוך־הבא", וואָס ער האָט מיר היינט דערלאַנגט.

צומאַרגנס, פרייטיק־צונאַכטס, האָט מיר אַש געמאַכט אַ סורפּריז און אָפּגעשטאַט מיר אַ וויזיט אין מיין האָטעל, בעת איך בין געזעסן ביי דער שבתדיקער סעודה. איך בין גראָד געזעסן מיט דער פּלייצע צו דער טיר און אים נישט געזען אַריינקומען. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ שפּאַרע פּאַרציע קאַרפּ, מיט וועלכן איך האָב געהאַט אַ גרויסע עובדה בייצוקומען. פּלוצים דערהער איך הינטער מיינע פּלייצעס אַזאַ מין שפּרוך, וואָס איז דורכגעפלאָכטן געווען מיט אַ פּאָר פּוד „רישן":

— אַ כאָלעריע, ער פרעסט!... כ'זאָל אַזוי לעבן, ווי איך גאַי מעך שוין אַריבערציען דאָ אַהער! ביי מיר אין מיין אַריסטאָקראַטישן האָטעל גיבן זיי דאָך מיר אַ קרענק צו עסן און איך צאָל זיי נאָך דער־פאַר פינף־און־צוואַנציק גולדן אַ טאָג!...

אַש האָט ליב געהאַט אָפטמאָל אַ רעד צו טאָן מיטן לשון פון די יונגען אין קוילער געסל; אוי, האָט ער נאָך זיי געבענקט!...

און ער האָט זיך לעבן מיר אַנידערגעזעצט און אויסגעפרעגט מיך, וואָס מען גיט דאָ אַלץ צו עסן. איך האָב אים דערציילט, ווי איך האָב זיך דאָ געפילט דעם ערשטן טאָג. ווען כ'האָב מיך אַריינגעצויגן אינם האָטעל און מ'האָט מיר דערלאַנגט די ערשטע סעודה, האָב איך מורא געהאַט אַ סך צו עסן, ווייל כ'האָב געמיינט, אַז איך וועל דאַרפן אַ סך מער באַצאָלן, ווי מען האָט זיך מיט מיר משוה געווען. מ'האָט דאָך מיר געגעבן טאַקע ווי אין פּסוק שטייט: געבראָטענע טייבעלעך אין מויל אַריין!...

אַש האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און מיך מקנא געווען, זאָגנדיק:

— אין די גבירישע רעסטאָראַנען גיט מען דיר אין אַ שיין טעפּעלע, אָבער גאָרנישט אינעווייניק... איך גיי מיך שוין אַהער אַריינציען צו איך!...

אָבער ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. אפשר, עס איז אים בעסער געפעלן געוואָרן צו וואוינען אין דעם רייכן האָטעל צווישן די אַריסטאָקראַטן...

סך הכל האָב איך פאַרבראַכט מיטן אַשן אין צאָפּאָט אַרום צוויי אָדער דריי וואָכן צייט, ביז ער האָט געהאַט פאַרענדיקט „מאָסקווע".

איך האָב איבער דער צייט אַ סך שפּאַצירט און זיך צוגעקוקט



פֿון לינקס צו רעכטס: אַלעקסאַנדער שפּירא (מאַטילדעס ברודער), יוחנן (דזשאַן)
אַש, שלום אַשס ייִנגסטער זון, שלום אַש, מאַטילדע אַש

צו די דייטשוקעס אין דער „פריישטאָט" דאַנציג, און ווער האָט געזאָלט פאָראויסזען, אַז אין ניק יאָר אַרום וועט זיך דאָ צעפלאַקערן אַ שׂרפה, וואָס וועט אונטערצינדן די וועלט און אונדז יידן פאַרשאַפן אַזוי פיל פיין און יסורים!...

שלום אַש מיט זיין פרוי זענען נאָך פאַרבליבן אין צאָפאָט נאָך מיין אַוועקפאָרן. זי, מאַדזשע, האָט אין דאַנציג געהאַט אַ ברודער, אַלעקסאַנדער, (וועלכער וואוינט אגב איצט אין ניו־יאָרק). מיר זענען טאַקע אַלע דריי געווען איין אָוונט צו אים איינגעלאַדן אויף נאַכטמאָל, און איך האָב מיך באַקענט צום ערשטן מאָל מיט נאָך אַ קוזין.

עס איז געקומען דער טאָג פון אָפפאָרן צוריק קיין וואַרשע, האָט מיך דאָס זייער און זייער נישט געגלוסט. עס איז געווען די מעשה ווי מיט יענעם מלמד — צוגעוואוינט זיך צו די גבירישע עסנס, און איצט צוריקפאָרן אַהיים, וואו עס איז קיין אָרים עסן אויך נישט געווען. נו, האָט עס מיר נישט געשמעקט...

איך האָב אָבער מיין פונקציע געהאַט דערפילט און מער האָב איך ביי אַשן נישט געהאַט וואָס צו טאָן. דאַמאָלס האָב איך נאָך נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז דאָס איז געווען ווי אַ מין פאַרשפּיל צו מיין מיטאַרבעט מיט אַשן. מיין „באָס" האָט מיך באַגלייט צו דער באַן, כ'האָב זיך אויסגעשריבן פון האָטעל מעשה־נגיד, איבערגעלאָזט טרינק־געלט די באַדינער, וועלכע זענען אָן שום ספק געווען רייכער פון מיר... אויפן דאַנציגער וואָקזאַל האָט מיר אַש געגעבן — כ'געדענק נישט וויפיל — פּופציק אָדער הונדערט גולדן פאַר מיין שכר טירחא; עס איז געווען נישט שלעכט, וואָרים נאָך אַלעמען האָט ער דאָך באַצאָלט פאַר אַלצדינג, אַפילו די הוצאות פאַר אַהין און צוריק.

איך בין געקומען צוריק קיין וואַרשע מיט אַ נגידיש אָפּגעברוינט פנים, אויסגעפּאַשעט פון די געבראָטענע טייבעלעך — בפועל ממש... אָבער איך האָב ווידער נישט געהאַט קיין שום אַרבעט און אַרומגעדרייט זיך שלינג און שלאַנג.

מיט עטלעכע חדשים, צי וואָכן שפּעטער, זענען די אַשס געקומען קיין וואַרשע, וואו עס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר שלום אַשן אַ גרויסער אָוונט לכבוד זיין 50־יעריקן יובילעאום. עס איז געווען אַ גראַנדיעזער אָוונט אין טעאַטער „נאָוואָשטשי" אויף דער ביעלאַנסקע גאַס. כאָטש דער „בונד" האָט אַשן דאַמאָלס, צוליב עפּעס אַ היימישער מחלוקת, באָיקאָטירט; דאַכט זיך, אַז גראָד דאַמאָלס האָט אַש געזאָגט אַ גוט וואָרט פאַרן ציוניזם... — איז דער זאַל געווען אויסגעפּולט פון איין עק ביזן צווייטן מיט אַ סך מענטשן, און דער עיקר — אַזוי איז געווען מיין איינדרוק — פון בונדיסטן־אַרבעטער.

איך וואָלט די בונדישע חברים מיט יאָרן שפּעטער געקאָנט זאָגן דעם אמת וועגן אַשן, און זיי וואָלטן זיך אפשר אַזוי דאַמאָלס צום האַרץ נישט גענומען די עטלעכע גוטע ווערטער פאַרן ציוניזם אָדער שלעכטע ווערטער קעגן בונדיזם מצד אשן, און זיי וואָלטן אַזאַ יום טוב פון זייער באַליבטן שריפטשטעלער נישט געווען באַיקאָטירט: אַש האָט אינדערפרי געקאָנט זיין אַ בונדיסט און ביינאַכט אַ ציוניסט... אָבער די בונדיסטן האָבן גענומען ערנסט אַשס פּאָליטישע איינשטעלונג. אַש איז נישט קיין פּאָליטיקער, אַש איז אַ קינסטלער. ער געהערט צו די ציוניסטן, צום בונד און צו אַלעמען, צום גאַנצן יידישן פאָלק. מיין פריינט שלמה מענדעלסאָן ע״ה, דער בונדישער פירער, האָט אַשן גוט געקענט און ער איז געווען איינער פון זיינע בעסטע ידידים. ער האָט מסתמא גאַנץ וואויל געוואוסט, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט אַשס אַ „פּאָליטישע" דעקלאַראַציע פאַרן בונדיזם אָדער קעגן בונדיזם. מענדעלסאָן איז דאָך אָבער ניט געווען דער גאַנצער „בונד"... אַשן דאַרף מען נעמען אַזוי ווי ער איז, און מען דאַרף זיך אויף אים נישט באַליידיקן, פּונקט ווי איך האָב זיך נישט באַליידיקט, ווען ער האָט מיר אין צאַפּאַט געגעבן אַ לעקציע וועגן „דרך־ארץ"... אַשן דאַרף מען ליב האָבן, פּונקט ווי מען האָט ליב אַ קינד, וואָס באַגייט די ערגסטע נאַרישקייטן און קאַפּריזן, און דאָך פאַרגיט מען עס!...

איך וועל דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פאַרענדיקן מיט דער פייערונג פון זיין פופציק־יעריקן געבורטסטאָג. אַ סצענע, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דער זאַל איז געווען געפּאַקט קעפּ אויף קעפּ. אין דער ערשטער ריי זענען געזעסן די נאָענטסטע קרובים — זיין פרוי, זיין ברודער, אַ רייכער לעדער־סוחר פון דער פראַנצישקאַנער גאַס, וועלכער איז געווען זייער ענלעך צו שלום אַשן און מען פלעגט אים, האָט ער מיר דערציילט, אין די קורערטער פאַרביטן מיטן גרויסן ברודער. עס איז אויך געזעסן די אַלטיטשקע מוטער אַשס, דאַמאָלס שוין אַ זקנה פון אַן ערך אַכציק אָדער איבער אַכציק יאָר.

אינמיטן אַלע רעדעס, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן לכבוד דעם יובילאַר, שטעלט זיך אַש אויף און עס ווערט שטיל אין זאַל. אַלעמענס אויגן זענען מיט יראת־הכבוד געווענדט צום גרויסן שריפטשטעלער. עס הערשט אַן אויסערגעוויינלעכע פייערלעכקייט און אַלע דערוואַרטן צו הערן אַ וואָרט פון אַשן, און ער הויבט־אָן:

— מיינע טייערע פרראַנט, איך פאָדער אייך אויף אָפּצוגעבן כבוד מיט אויפשטעלן זיך פאַר מיין אַלטער מאַמען, פאַר דער פרוי, וואָס

האָט מיך געטראָגן, געבוירן און אויפגעהאָדעוועט, איר האָב איך אַלץ צו פאַרדאַנקען!...

ווי אין מענטש האָבן זיך אַלע געגעבן אַ שטעל־אויף פון די ערטער. זיינע פשוטע, אָפנהאַרציקע רייד פון אַ געטרייען זון, וועלכער האָלט שטאַרק פון כיבוד־אם, האָבן געמאַכט אַן אומגעהייערן רושם אויף אַלע פאַרזאַמלטע אין זאַל, און עס זענען דערנאָך אויסגעבראָכן שטור־מישע אָוואַציעס. מען האָט געקאָנט זען צווישן עולם, אַז „עמך" האָט סכנותדיק ליב שלום אַשן, זיי פילן אין אים זייער גרויסן קינסטלער, וועלכער פאַרשאַפט זיי הנאה און אָנזען אין דער גרויסער וועלט.

דעם זונטיק פון דער זעלבער וואָך איז אין זעלבן טעאַטער איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ליטעראַרישער נאָכמיטאָג לכבוד אַשן. איך געדענק שוין נישט גענוי, ווער עס האָט דעם נאָכמיטאָג איינגעאָרדנט. דאַכט זיך, אַז דער פען־קלוב אָדער דער ליטעראַטן־פאַריין. שלום אַש האָט געלייענט זיינס אַ דערציילונג און רעדנער האָבן געהאַלטן רעדעס, געגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן אַשס ווערק. די יידישע ליטעראַטור איז נאָך דאַמאָלס געווען אָרימער מיט דער גרויסער טרילאָגיע „פאַרן מבול", וואָס איז שוין געווען אַ געשאַפענע, אָבער נאָך נישט אַ פאַרעפנטלעכטע. אויב איך האָב אָבער נישט קיין טעות, זענען שוין די ערשטע צוויי ביכער, „פעטערבורג" און „וואַרשע", געגאַנגען אין פאַרזעצונגען אין וואַרשעווער „היינט".

איך האָב מיך געפילט ווי אַ מחותן אויף דער חתונה, כאָטש אַן אָרימער מחותן... ווייל אַהיימקומענדיק צו מיר אין צימער אַריין, איז קיין פונט חמץ נישט געווען...

אַש איז נאָך געהאַט פאַרבליבן אין וואַרשע אַן ערך צוויי וואָכן צייט. ער האָט געהאַט געקויפט אַ שטיקל באָדן צווישן מעדזעשין און אָטוואָצק און געפּלאַנעוועט אויפצושטעלן אַ הויז און באַזעצן זיך אין פוילן. איך געדענק, ווען מיר האָבן אַזוי זאַלבעדריט, אַש, זיין פרוי און איך, געשפּאַצירט איבער די וואַרשעווער גאַסן, האָט מאַדזשע זיך אָנגערופן צום מאַן:

— ווי מיינסטו, שלומשי, וועסט דאַרפן אינזינען האָבן ביים בויען דאָס הויז, צו מאַכן אַ צימער פאַר ראָזענבערגן, וועט ער וואוינען מיט אונדז.

שלום אַש האָט צוגעזאָגט אַזוי צו טאָן, און איך בין געווען ממש גערירט פון דעם דאָזיקן מענטשלעכן פאַרשלאָג, כאָטש ער איז קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאַמאָלס האָט מען דאָך נאָך נישט געאָנט, וואָס פאַר אַ חורבן עס טראָגט זיך אויף דעם יידישן פאָלק און ספּעציעל אויף די פוילישע יידן. אַ חוץ דעם האָב איך נאָך דענסט־

מאָל נישט צו גוט געקענט אַשן, כדי צו פאַרשטיין, אַז פון זיך פלאַן אויפצובויען זיך אַ הויז אין אָטוואָצק האָט ער בלויז געטראַכט אין יענער מינוט; אַ רגע שפּעטער האָט ער שוין אפשר גאָרנישט גע־דענקט וועגן דעם...

נייך, אַנטשולדיקט — נישט אין אַ רגע שפּעטער, וואָרים אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיך אַש איינגעלאַדן קיין אָטוואָצק צו באַקוקן זיין נחלה, וואָס ער האָט שוין געהאַט איינגעהאַנדלט: אַ שטיקל באָדן פאַר אַ הויז. עס איז שוין געווען גוט טונקל, ווען מיר האָבן געבראַ־דזשעט אין זאַמדן, צווישן אָטוואָצק און מעדזעשין, כדי צו ווייזן מיר דעם פּלאַץ, וואו דאָס הויז וועט שטיין, און איך בין דאָך שוין געווען אַ שטיקל „שותף" דערצו!

מיטאַמאָל, בראָדזשענדיק אַזוי איבער די טונקעלע זאַמדן, ווערט מיר אַש פאַרפאַלן. עס איז שוין געווען גוט טונקל אינדרויסן. איך קוק מיך אום, און — והילד איננו... איך דריי מיין קאָפּ אויף אַלע זייטן און איך הויב אָן צו רופן: „שלום אַש! שלום אַש!" ערשט אין אַ ווײַלע אַרום דערהער איך ווי אַ בת־קול, וואָס איז געקומען פון אַ גרוב אַרויס: „ראָזענבערג, העלפט מיר אַרויסקריכן!"...

אין דער פינצטער איז אַש אַריינגעפאַלן אין אַ זאַמדיקן טאָל און איך האָב אים דעריבער פאַרלוירן פון אויג. ער איז אין אַזעלכע פאַלן געווען אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד...

איידער ער איז צוריק אָפּגעפאָרן קיין פאַריז, האָבן די מיט־אַרבעטער פון „היינט" אים איינגעאָרדנט אין עפּעס אַ געביידע, דאַכט זיך אין דעם „שאָפּ", וואו עס איז געלעגן דאָס פּאַפּיר, אַ גרויסן באַנקעט, וואו עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס, און ווינטשעוואַניעס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן צו זיין פופציק־יעריקן געבורטסטאָג. אַזוי דער „היינט" און אַזוי די „ליטעראַרישע בלעטער", וועמענס רעדאַקטאָר עס איז געווען נחמן מייזעל, אַ גרויסער חסיד און קענער פון אַשן, איך וואָלט אים געקאָנט אָנרופן: אַן „אַשאָלאָג"... — האָבן געווידמעט פיל זייטן מיט אַרטיקלען וועגן יובילאַר, און אַזוי איז געווען פול מיט אַרטיקלען און לויב־געזאַנגען פאַר אַשן איבער דער גאַנצער ידישער וועלט!

(וועמען וואָלט דאָס גאָר דענסטמאָל געקאָנט איינפאַלן, אַז עס וועלן זיך געפינען שוואַכע מוחות, ביליקע פּאָליטיקאַנטן, וואָס וועלן אָט דעם „גבר" אין דער ידישער ליטעראַטור אַזוי רודפן, דווקא אים וועלן פאַרניכטן און אַפילו נישט באַגריסן מיט אַ פערטל הונדערט יאָר שפּעטער צו זיין פינף־און־זיבעציקסטן געבורטסטאָג).

אַש איז אַוועק פון פּוילן און מיר איז געווען זייער אומעטיק.

ער האָט מיר אַפילו געהאַט געגעבן אַ בריוו צו זיין גוטן פריינט נחמיה פינקעלשטיין, אַז ער זאָל זען מיר צו געבן באַשעפטיקונג אין „היינט", וואָס דאָס האָט טאַקע אַ ביסל געהאָלפן פאַרלייכטערן מיין מערכה.

פון אַשס באַמיאונגען, אַז איך זאָל קריגן דעם פריז פון פוילישן פען־קלוב פאַר מיין איבערזעצונג פון „פויערן", האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. מלך ראַוויטש דער דאַמאָלסטיקער סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַראיין, האָט אַוועקגעשיקט די פיר בענדער „פויערן" צום פוילישן פען־קלוב, און דער שליח בין איך אַליין געווען. איך האָב אינקאָגניטאָ איבערגעגעבן מיינע פיר שווער אויסגעהאָרעוועטע בענדער פון זייער גרעסטן מייסטער אין יענער צייט צו דער סעקרעטאַרקע פון פוילישן פען־קלוב, אָבער עס האָבן דאַמאָלס געבלאָזן אַנטיסעמיטישע ווינטן אין פוילן. איז נישט געקוקט אויף דער באַמיאונג פון קאַזשימיעזש וויעזשינסקי, וועלכער האָט מיר פערזענלעך פאַרזיכערט, אַז איך בין דער צום מייסטנס ערנסטער קאַנדידאַט, טאַקע דערפאַר וואָס איך בין אַ פוילישער בירגער, און די גאַנצע פרעסע, סיי די יידישע און סיי די פוילישע, האָט געלויבט מיין אַרבעט, און אַ חוץ דעם, לעבן דאָך עפּעס אין פוילן איבער דריי מיליאָן יידן!... — האָב איך דעם פען־קלוב פריז נישט באַקומען.

די „ענדעקעס", וועלכע זענען געווען אַ מערהייט אין פען־קלוב, האָבן מיך „באַזיגט". געקריגן דעם פריז האָט דער אונגאַרישער איבערזעצער, ווייל מען האָט געדאַרפט דאַמאָלס האָבן אונגאַרנס פריינטשאַפט... און אונגאַרנס פריינטשאַפט איז געווען ביליקער ווי איך, אַ מיטגליד פון פאַרהאַסטן פוילישן יידנטום...

(כדאי צוצוגעבן אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד אין שייכות מיט מיין „פריז". אין ווינטער 1939, ווען די פוילישע רעגירונג האָט רעזידירט אין פּאַריז, האָב איך מיך אין אַ קאַפעהויז, וואו עס פלעגן אַריינקומען די פוילישע מיניסטאָרן, באַקענט מיטן דאַמאָלסטיקן מיניסטער פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, פּראָפעסאָר אַלגיערד גורקא — אגב ביז דאָ נישט לאַנג איז ער געווען דער פוילישער גענעראַל־קאָנסול אין מדינת ישראל — האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן, אַז די נייע פוילישע רעגירונג וועט גוט מאַכן די עוולה, וואָס איז קעגן מיר באַגאַנגען געוואָרן... און איך וועל קריגן דעם פען־קלוב־פריז פאַר איבערזעצן „פויערן". אָבער די דאָזיקע רעגירונג האָט נישט צו לאַנג רעגירט...).

קאַפּיטל זעקס

# אַ באַזוך ביי אַש אין הינטער פּאַריז

האַרט פאַר פּסח פון 1931, נאָך אַ גאַנצן ווינטער הונגערן, רופט מיך פּלוצלינג אַריין צו זיך אין קאַבינעט ש. י. יאַצקאַן, דער רעדאַקטאָר און מיטאייגנטימער פון וואַרשעווער „היינט" און לייגט מיר פאַר אַ געוויסע אַרבעט, און ער פרעגט מיך דערביי, צי איך נעם זיך אונטער דאָס צו טאָן. ער האָט מיר פאַרגעלייגט אָנצושרייבן פאַר דער נאָכמיטאָג־צייטונג „היינטיקע נייעס" אַ סעריע אַרטיקלען אונ־טערן נאָמען: „פּאָרטרעטן פון דער יידישער געשיכטע".

איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען און איך בין געוואָרן דערפאַר אָנשטענדיק באַצאָלט. די דאָזיקע אַרטיקלען, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן זעקס טעג אַ וואָך, זענען ביסלעכווייז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן כסדר שרייבן פאַר דער דאָזיקער צייטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון שמחה פּיעטרושקע. איך האָב פון מיין אַרבעט אָנגעזאַמלט ביז ראש השנה פון זעלבן יאָר אַ היבשע סומע געלט און איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע קיין פּאַריז.

די רייזע מיינע האָב איך אונטערגענומען צוליב צוויי טעמים: מיינע עלטערן האָבן דאַמאָלס צופעליק געהאַט זיך באַזעצט אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט, קומענדיק פון ארץ־ישראל (שלום אַש האָט, אונטערן איינפלוס פון זיין פרוי מאַדזשע, פאַר מיין פאָטער געשאַפט אַ פּאָסטן ביי ראָטשילדן אין וויין־סקלאַד); און אויך צוליב דעם, וואָס דאַמאָלס איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזע קאָלאָניאַלע אויס־שטעלונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג.

זייענדיק צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אין פּאַריז, האָב איך באַשלאָסן אָפּצושטאָטן אַ וויזיט ביי די אַשס אין דעם מאָלערישן שטעטל ביי דער סען, בעלוויו, נישט ווייט פון דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט. אויף אָנצוקומען קיין בעלוויו, האָב איך גענומען אַ דאַמפּער, וואָס האָט קורסירט איבער דער סען יעדע שעה, און נאָך אַ שעה רייזע, לענג־אויס אַ וואונדערלעך־באַוועלדערטער געגנט אויף ביידע זייטן ברעג פון טייך סען, בין איך אָנגעקומען אין דעם שטעטל. איך האָב אָנגע־הויבן זוכן אַשס ווילע. דעם אַדרעס האָט מען מיר געגעבן אין רעדאַקציע פון „פּאַריזער היינט". דאָס איז געווען אויף רו עמילי נומער 5. איך האָב מיט מיין גאַר קנאַפּער קענטעניש פון דער פראַנ־צויזישער שפּראַך קוים זיך דערשלאָגן צו די אַשס. דער וועג אַהין איז געווען אַ פּרעכטיקער — גרינע אַלעען, קאַלירפולע בלומען, וועמענס ריחות האָבן געצופּט אין דער נאָז. איך האָב געטראַכט: אָט דאָ שאַפט שלום אַש זיינע גרויסע ווערק; אָט דאָ איז אַוודאי אָנטשטאַנען דער פּלאַן פון דער טרילאָגיע „פאַרן מבול"; און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ נייע פּלענער עס וועבן זיך שוין אין קאָפּ ביים גרויסן מייסטער!... יאָ, דאָס שטעטעלע בעלוויו ביי דער סען איז דער ריכטיקער פּלאַץ פאַר אַ גרויסן טאַלאַנט צו פּראָדוצירן וואונדערלעכע ווערק.

אַש האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך, כאָטש איך בין געקומען אומגעריכט. איך האָב אים בלויז געהאַט געשריבן פון פּאַ־ריז אַ קאַרטל, אַז איך בין דאָ און איך וועל אַ ליאָדע טאָג צוקומען אים זען.

עס איז געווען ערב סוכות. אויף מאָדזשע איז געווען אינדער־היים. מען האָט מיך איינגעלאַדן צו לאַנטש. אַש האָט מיך אַרויפ־געפירט אויפן ערשטן שטאָק פון זיין בריוּוחדיקער ווילע. דאָרט האָט זיך געפונען זיין שרייב־קאַבינעט. ביי די ווענט זענען געשטאַנען ביכער און ביכער. ביים פענצטער האָט זיך געפונען זיין גרויסער שרייבטיש. ענדלעך איז מיר באַשערט געווען צו זען דעם קינסטלערס וואַרשטאַט. אַש האָט אַ טבע צו באַאָבאַכטן זיין גאַסט, כדי צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכן אויף אים אַזעלכע זאַכן. ער שטודירט זיין גאַסט און קוקט אים אַן דורך און דורך, און ער האָט הנאה, ווען מען באַוואונדערט זיינע בילדער, זיינע חנוכה־לאַמפּן און אַנדערע אַנ־טיקן, וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס צימער און ער האָט זיי זייער ליב, אַז ער גייט־צו יעדעס מאָל צו עפּעס אַן אַנדער זאַך און באַטאַפּט זי מיט ליבשאַפט.

שפּעטער האָט ער מיך פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר איבער די גרינע אַלעען אין דעם קליינעם, אָבער צויבערהאַפטן שטעטל. מיר

גייען זאַלבעצווײ. די פרוי איז געבליבן אין הויז צוצוגרייטן דאָס יום־טובדיקע מאָלצייט. מאַדזשע איז באַוואוסט ביי אַלע אירע באַקאַנטע און ביי פיל שרייבער אַלס אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע, און אירס אַ מאָלצייט איז שוין נישט איינמאָל באַשריבן געוואָרן דורך שרייבערישע געסט אין די צייטונגען. אירע צוגעגרייטע שפּייזן זענען מעדני־מלך, און אירע איינגעמאַכטסן (וואַרעניע, בלע״ז) האָבן אַ שם — דאָס קאָן איך עדות זאָגן פון דער צייט פון מיין שפּעטערדיקער קאַריערע ביי אַשן אַלס סעקרעטאַר, אָבער דאַמאָלס, אין שטעטעלע בעלוויו, האָב איך נאָך וועגן דעם נישט געחלומט.

אויפן וועג פון אונדזער שפּאַציר גיט מיך אַש פּלוצים אַ פרעג:

— ררויזענבעריג, איר האָט אפשר אַ ביסל דראָבנע געלט?...

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אַשן תיכף געגעבן אַ פּאָר פראַנצויזישע ניקלנע מטבעות. אַש לאָזט מיך שטיין אַ ווײַלע און גייט־צו צו אַ פּרוכט־געוועלבל, קויפט פאַר די פּאָר ניקלנע מטבעות אַ פונט אָדער צוויי פונט באַרנעס, זייער זאַפטיקע באַרנעס, כ׳האָב דאָס דערקענט אין זייער אויסזען. זיי זענען געווען פון געלבלעך־ראָזן קאָליר און האָבן אויסגעזען צו זיין גאָר אַפּעטיטלעך, לויט דעם האָניק־זאַפט, וואָס עס איז גערונען ביי יעדן איינבייס, וואָס אַש האָט געמאַכט אין זיי...

אַש שפּאַצירט ווייטער מיט מיר, האַלטנדיק דעם פּאַפּירענעם בייטל מיט די זאַפטיקע באַרנעס, פאַרציקט איינע נאָך דער אַנדערער און מיך איז ער נישט מכבד, כאָטש איך האָב געהאַט צו זיי גאָר גרויס חשק...

אין פלוג האָט מיך די זאַך פאַרדראָסן. בפרט אַז איך האָב מיך געהאַט אָנגעהערט פון די בעלי־רכילות וועגן אַשן אַזעלכע ענלעכע מעשיות, ווי אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן מיט פריינט, איינלאַדנדיק זיי אויף מיטאָג און דערנאָך לאָזן די פריינט באַצאָלן... אָט אַזעלכע שטייגער רכילותן האָט מען דערציילט וועגן שלום אַשן אין די טוצן. איך האָב אים נאָך דאַמאָלס נישט געקענט אַזוי גוט. אָבער איצט, זענענדיק, אַז ער טוט דאָס זעלבע מיט מיר, האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: „נו איז דאָך טאַקע אמת, וואָס מען רעדט וועגן אים!״...

אָט די געדאַנקען זענען מיר דורך אין קאָפּ, ווען איך האָב שפּאַצירט מיט אַשן איבער די גריבע אַלעען אין בעלוויו־שטעטלע, און ער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין עסן און הנאה האָבן פון די האָניק־זאַפטיקע באַרנעס.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך בין אָפּגעווען מיט אים צוזאַמען אַ לענגערע צייט, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז אַש איז זייער ווייט

פון צו זיין אַ קאַרגער אָדער אַזאַ מין מענטש, וואָס האָט בלויז אין זינען זיך אַליין און יענעם גאָרנישט. ער טוט דאָס טיילווייז פון גרויס פאַרטראַכטקייט און ער פאַרגעסט גאָר אינגאַנצן, אַז עמיץ גייט מיט אים ביי דער זייט, און טיילווייז קומט דאָס פון קינדערישער צעפּיעש־טשעטקייט. אַ קינד האָט ליב אַלץ צו פאַרכאַפּן פאַר זיך, און אַש איז אין זיין גאַנץ וועזן אַ גרויס קינד.

אין ווייטערדיקע יאָרן, ווען איך בין שוין ביי אים געווען אַ פּערמאַנענטער סעקרעטאַר אין ניצע, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז אַזוי איז עס טאַקע. וואָרים ווי אַנדערש קאָנט איר אויסטייטשן אַזאַ עפּיזאָד: אַש קומט צו פאָרן קיין וואַרשע, איך וואַרט אים אָפּ ביי דער באַן און ברענג אים אין רעדאַקציע פון „היינט" אויף כלאָדנע 8. ביים אָפּשטעלן זיך פון דער דראָזשקע, גיט מיך אַש אַ פרעג: „ראָ־זענבערג, איר האָט קליין געלט?" איך באַצאָל פאַר דער דראָזשקע און ער האָט מיר דאָס געלט קיינמאָל נישט צוריקגעגעבן...

עס איז זייער לייכט צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ קליינקייט, ווי באָרגן אַ פּאָר גילדן צו באַצאָלן די דראָזשקע און פאַרגעסן דערנאָך אָפּ־צוגעבן, קאָן באַווייזן צו טאָן יעדער בשר ודם. דער אונטערשיד איז נאָר, אַז ווען סתם אַ מענטש טוט דאָס, וועט מען אים טאַקע אויף אַזאַ ענלעכן אופן פאַרענטפערן. טוט דאָס אָבער שלום אַש, וועלן רכילות־טרייבער שטענדיק דאָס אויסטייטשן צום שלעכטן און צעלייגן די געשיכטע אויף טעלערלעך...

בכלל, איז יעדער באַרימטער מענטש, וועלכער איז אויסגעשטעלט פאַרן פרעמדן אויג אַן אַ שיעור מאָל מער ווי דער פּשוטער בשר ודם, אונטערגעוואָרפן צו לשון הרע און צו רכילות. זיין איטליכע טאַט און איטלעכע באַוועגונג ווערט אויפגעכאַפּט און פאַרנאָטירט...

ניין, איך בין אויף אַשן נישט ברוגז געוואָרן דאַמאָלס אין בעלוויו, פאַרוואָס ער האָט אויפגעגעסן ביז דער לעצטער באַרנע און מיר נישט געגעבן קיין איינע צו פאַרזוכן, כאָטש דאָס האַרץ מיינס האָט נעבעך „געפּישטשעט"... איך האָב בלויז געשמייכלט אין מיר אַריין און גע־טראַכט — דאַמאָלס מיט רעכט — אַז אינגאַנצן ליגנט זענען נישט די אַלע רכילותן וועגן אַשן...

בעת דעם לאַנגן שפּאַציר, האָט אַש מיר דערציילט וועגן זיי־נע נאָענטסטע ליטעראַרישע פּלענער — דאַכט זיך, ער האָט שוין דאַמאָלס געהאַט פאַרטראַכט דעם „תהילים־ייד", אָבער קלאָר האָט ער מיר נאָך נישט געזאָגט, וואָס ער גייט שרייבן, וואָרים ער האָט גערעדט וועגן אַ פינף זעקס טעמעס... ער האָט מיר אָבער דאָס יאָ „פאַר־זיכערט": ער גייט נעמען אַן אָפּרו אויף עטלעכע יאָר און גאָרנישט

שרייבן... דאַמאָלס, נאָך נישט קענענדיק גענוג שלום אַשן, האָב איך זיין „פאַרזיכערונג" אָנגענומען פאַר ערנסט און איך האָב צוגע־באַמקעט, אַז עס איז טאַקע נישט מער ווי רעכט, אַז נאָך אַזאַ ריזי־קער אַרבעט ווי די טרילאָגיע, האָט ער זיך אָן שום ספק פאַרדינט אַ גוטן אָפּרו...

אויפן וועג צוריק אַהיים האָט מיר אַש נאָך געוואָלט וויזן איינע פון די מערקווירדיקייטן, וואָס זענען פאַראַן אין דעם מאָלערישן שטע־טעלע בעלוויו. עס האָט זיך דאָרט, נעמלעך, געפונען אַן אָבסערוואַטאָריע און אַש האָט זי מיר געוואָלט וויזן. אויפן וועג צו דער אָבסערוואַטאָריע האָט ער מיר געהאַלטן אַ גאַנצע לעקציע וועגן אַסטראָנאָמיע און ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט אַזאַ באַהאַווונטקייט, גלייך ער וואָלט געווען אַ פּראָפעסאָר.

ער לייענט, דערציילט ער מיר, זייער אַ סך ליטעראַטור אויף דעם דאָזיקן געביט און ער האָט דאָס זייער ליב, אַסטראָנאָמיע איז זיין „האָבי". איך בין ממש געבליבן שטיין איבערראַשט. וואָרים אָט גייט דאָך אַרום אַ מורמלעריי אין ליטעראַטן־פאַריק, אַז אַש איז אַן „עם־הארץ", ער ווייסט גאָרנישט און לייענט גאָרנישט... מילא, צי אַש לייענט — דאָס בין איך געוואָר געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער, אַז ער האָט נישט קיין גלייכן צו זיך צווישן יידישע שרייבער מיט אַזוי פיל לייענען ביכער. אָבער אַז ער איז אַזוי באַהאַוונט אין אַ געוויסן אָפּשניט פון וויסנשאַפט, דאָס איז טאַקע געווען פאַר מיר אַן „אַנט־פּלעקונג"...

ליידער איז שוין די אָבסערוואַטאָריע געווען פאַרמאַכט. עס איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג. און אַזוי שלום אַש און אַזוי איך האָבן דאָס זייער שטאַרק באַדויערט. איך האָב מיך געמוזט באַגנוגענען מיט דער לעקציע וועגן אַסטראָנאָמיע בלויז בעל־פּה.

ווען מיר זענען אַהיימגעקומען, איז שוין געווען פאַרנאַכט, און איך האָב געהערט און מער געפילט, אַז עס ווערט אין קיך צוגעגרייט אַ גרויסאַרטיק מאָלצייט. איך האָב מיך געאיילט אַהיים צו מיינע עלטערן קיין פּאַריז. ערשטנס, איז עס סוכות אָונט, און יום טוב נישט צו זיין ביי טאַטע־מאַמעס טיש, וואָלט געווען זייער נישט פיין פון מיין זייט. והשנית, האָב איך מיינע עלטערן שוין נישט געהאַט געזען אַ שיינע פאַר יאָר, אָן ערך ניין יאָר צייט. עס וועלן ביים טיש אויך זיצן מיינע יונגע שוועסטערלעך און עטלעכע ברידער און סתם געסט, משפּחה־לייט, וואָס וועלן קומען מסתמא מיך זען.

— ראָזענבעריג, איר בלייבט ביי אונדז אויף נאַכטמאָל!... — האָט מיר אַש אָנגעמאָלדן.

איך בין געבליבן שטיין אין אַ פֿאַרלעגנהייט: אָפּזאָגן די אַשס, וועלן זיי זיך באַליידיקן; נישט קומען צום יום־טובדיקן מאָלצייט ביי דער מאַמען, וועט עס זיין אַן אַנטוישונג פֿאַר דער גאַנצער משפחה. איך בין דער עלטסטער זון, דערצו אַ גאַסט און גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט! טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשמאָלצן פֿון נחת: איך בין אַ מיט־אַרבעטער פֿון דער דאָזיקער צייטונג, וואָס מיין טאַטע לייענט זי, זינט דער „היינט" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1908.

עס איז שוין געווען שפּעטלעך. אַ באַן גייט־אָפּ, האָט מיך פֿריער אַש אינפֿאָרמירט, אין אַ האַלבער שעה אַרום. צוריק האָב איך געהאַט באַשלאָסן צו פֿאָרן מיט דער באַן, ווייל זי גייט שנעלער ווי דער דאַמ־פּער און איך וועל נאָך באַוויזן אָנצוקומען פּונקט צו דער יום־טוב־דיקער סעודה.

איך האָב מיך צוליב מיין פֿאַרלעגנהייט אַ ביסל געקווענקלט, עס האָט מיך אי געלאָקט צו פֿאַרבלייבן מיט די אַשס צום מאָלצייט און אי איך האָב געוואָלט אָפּגעבן כבוד מיינע עלטערן, מקיים־זיין כיבוד אב ואם... איך האָב אַשן מיט מאַדזשען האַרציק באַדאַנקט פֿאַר זייער איינלאַדונג און איך האָב זיי איבערגעגעבן מיין מאָטיוו פֿאַרן אָפּזאָג.

אָבער אַש איז געוואָרן זייער בייז, און אויף זיין אימפּולסיוון שטייגער האָט ער אַ צאָרנדיקער צו מיר אויסגערופֿן:

— נישט, איז נישט... איך וועל איך נישט בעטן... מען דאַרף אים בעטן גאָר, דעם חתן־בחור!...

דער צעפּיעשטשעטער אַש האָט גאָרנישט געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז מען קאָן אים, אַשן, עפּעס אָפּזאָגן. ער, אַש, הייסט עס, באַוויליקט מיך איינצולאַדן צו אַ מאָלצייט, וואָס וויניק־וועלער עס האָט אַזאַ זכיה... קומט ער דאָ, דער „חתן־בחור", און וואָגט אָפּצוזאָגן!...

מיינע מאָטיוון האָבן אויף אים נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינ־דרוק, כאָטש ער אַליין האַלט גאָר שטאַרק פֿון כיבוד אב ואם.

פֿאַרלאָזנדיק אַשס הויז, האָב איך געפֿילט, אַז איך האָב מיר איינגעקויפֿט אַ שונא. איך האָב אָבער געהאַט אַ טעות. זעט אויס טאַקע, אַז איך האָב נאָך אַלץ אַשן נישט צו גוט געקענט. ער האָט אַן שום ספק מיט פֿינף מינוט שפּעטער שוין געהאַט פֿאַרגעסן דעם גאַנצן אינצידענט, אָדער ער האָט זיך אַוודאי געטראַכט: „דער חתן־בחור איז דאָך גערערעכט!... טאַטע־מאַמע וואַרטן אויף אים מיט דער יום־טובדיקער סעודה"...

ניין, ער איז מיר קיין „שונא" נישט געבליבן. וועגן דעם האָב איך מיך דערוואוסט מיט אַ יאָר שפּעטער...

איך בין אָנגעקומען קיין פּאַריז צו מיין טאַטע־מאַמע אויף דער סעודה אין דער געהעריקער צייט. אַלע האָבן שוין טאַקע געוואַרט אויף מיר מיט גרויס אומגעדולד, און זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן. אָבער מיין מאַמע האָט זיי אַלעמען געהאַט בּאַרואיקט, האָט מען מיר שפּעטער איבערגעגעבן, און בּאַרואיקט האָט זי זיי אויף איר געמיטלעכן מאַמעשן שטייגער: „דער משוגענער אַש האָט אים אוודאי ביי זיך צו לאַנג פאַרהאַלטן"...

מ'האָט ביי אונדז אין דער משפחה געוואוסט, אַז דער דאָזיקער אַש איז נישט קיין מענטש ווי אַלע מענטשן... וואָס אַזוינס אַ קינסט־לער איז און אַריינטראַכטן זיך אין זיין נשמה, האָט מיין מאַמע, ווי די איבעריקע משפּחה־מיטגלידער, אוודאי נישט פאַרשטאַנען. איז גע־ווען דערפאַר איין פאַרשטענדלעכע באַצייכנונג: „אַ משוגענער!"...
איך האָב פון אַשן נישט געהערט אַ יאָר צייט.

קאַפּיטל זיבן

# אַש קומט נאָך מיר פון ווין

פון פּסח, 1931, ביז סוף זומער 1932, איז ביי מיר געווען אַ פּראָספּעריטי־יאָר... איך האָב כסדר געדרוקט אין דער מיטאָג־אויסגאַבע פון „היינט" די סעריע אַרטיקלען „פּאָרטרעטן פון דער יידישער געשיכטע" און דערנאָך היסטאָרישע ראָמאַנען. עס זענען איבער דער צייט געהאַט אויסגעבראָכן צוויי סטרייקן אין „היינט" און ביים לעצטן סטרייק איז די צייטונג איבערגעגאַנגען אין די הענט פון אירע מיטאַרבעטער.

קורץ פאַרן אויסברוך פון צווייטן סטרייק האָט יאַצקאַן מיט מיר זיך צעקריגט, ווייל איך האָב מיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ סטרייק־ברעכער, און ער האָט מיך באַזייטיקט פון דער שטעלע. עס איז מיר אויך אַ ווייל געוואָרן מאַטעריעל שלעכט. ווי נאָר אָבער דער סטרייק האָט זיך פאַרענדיקט און יאַצקאַן איז דערוויטערט געוואָרן פון דער פירערשאַפט, האָב איך ווידער אָנגעהויבן דרוקן אַ ראָמאַן, אָבער שוין נישט אויף די זעלבע גוטע באַדינגונגען פון פריער. אַלץ בעסער פון גאָרנישט.

די שטימונג ביי מיר, כאָטש איך האָב פאַרדינט אויף פּרנסה, איז געווען אַ נידערגעשלאָגענע. איך האָב נישט געהאַט קיין שטענדיקע שטעלע אין „היינט" און איך האָב מורא געהאַט, טאָמער צעקריגט זיך מיט מיר דער נייער „יאַצקאַן", קאָן ער דאָך מיך ווידעראַמאָל באַזייטיקן פון דער אַרבעט... איך בין אַוועקגעפאָרן אויף דריי וואָכן צו מיין חבר שלמה שיינבערג אין אַ וואַלד, לעבן דראָהיטשין־פּאָליעסקי, טאַקע דאָרט, וואו איך האָב מיט זעקס יאָר צוריק באַקומען דעם בריוו

פון שלום אַשן. איך האָב דאָרט זייער פיין פאַרבראַכט און איך האָב פאַרגעסן אין אַלע צרות און מאַטעריעלע נישט־סטאַבילקייטן. איך האָב געחלומט וועגן פאָרן באַזעצן זיך קיין פאַריז, כאָטש איך האָב נישט געהאַט קיין שום אויסזיכט דאָרט צו געפינען פרנסה. פראַנקרייך האָט, נאָך מיין ערשטן באַזוך דאָרטן מיט אַ יאָר צוריק, אַפּעלירט צו מיין געמיט, און כאָטש איך האָב נישט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ סמך וועל איך דאָס פאָרן קיין פאַריז, האָב איך פונדעסטוועגן געטרוימט אויפן הויכן קול פאַר אַלעמען, אַז איך פאָר...

ווען די דריי וואָכן פון מיין וואַקאַציע אין וואַלד האָבן זיך פאַר־ענדיקט, בין איך צוריקגעקומען קיין וואַרשע, און מיין שלעכטע שטי־מונג האָט זיך צו מיר אומגעקערט. איך האָב מיך אַרומגעדרייט ווי אויף אַן עולם התהו. עס האָט זיך אי צוריקגעבענקט אין וואַלד אַריין, אי עס האָט זיך געבענקט קיין פאַריז, כאָטש וואָס איז מיר דען פון דער דאָזיקער אומזיסטער בענקשאַפט אַרויסגעקומען!...

צומאָרגנס נאָך מיין אָנקומען צוריק קיין וואַרשע פון דער וואַ־קאַציע — עס איז געווען אין אַ פרייטיק — בין איך, ווי געוויינלעך, צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג, געגאַנגען אין ליטעראַטן־פאַראיין עסן מיטאָג. ווען איך בין געווען אויף די באַקאַנטע שמוציקלעכע טרעפּ אַרויפצו־גיין אין דעם זאַל פון פאַראיין, קומט מיר גראָד אַנטקעגן מיין אַלטער פריינט ש. י. סטופּניצקי, דער מיטרעדאַקטאָר פון „מאָמענט", און ער גיט מיר אַ זאָג:

— ראָזענבערג, איילט זיך צו, שלום אַש וואַרט אויף אייך אין גרויסן עס־זאַל.

עס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ. ווען איך האָב געמאַכט דעם ערשטן שריט צו דער טיר, קומט מיר אַנטקעגן מלך ראַוויטש, און מיטן זעלבן פּזמון:

— שלום אַש זוכט אייך אַרום, ער וואַרט שוין דאָ אויף אייך אַ שיינע ווײַלע און ער איז זייער אומגעדולדיק!...

איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס עפּעס פלוצלינג אינמיטן דערינען? וואָס דאַרף מיך אַש אַזוי נייטיק האָבן, און ווען איז ער דאָס געקומען קיין וואַרשע?...

איך עפן די טיר, כ'גיי שנעל אַדורך דעם שמאָלן לאָקאַל, וואו עס איז געווען דער בופעט און בלייב שטיין אין דער ברייטער גע־עפנטער טיר צום גרויסן זאַל. איך דערבליק אַשן זיצן אויבנאָן ביי דער וואַנט, טאַקע אונטער זיין אייגן אייל־בילד, געמאָלן פון באַרימטן פאַריזער קינסטלער קאַנעלבא. אַרום אים, ביי אַ לאַנגן ווייס־געדעקטן טיש, זיצן די גדולי הדור פון דער וואַרשעווער־יידישער געזעלשאַפט:

אברהם גאָלדבערג, דער רעדאַקטאָר פון „היינט״; י. מ. ניימאַן, ד״ר יצחק שיפּער און נאָך אַנדערע פּערזענלעכקייטן. אַש דערזעט מיך. ער שפּרינגט־אויף, לאָזט זיצן די אַלע גרויסע לייט, און נישט זאָגנדיק זיי אַפילו „אַ גוטן טאָג״, קומט ער צו מיר צו, גיט מיך אַ נעם אונטערן אָרעם און רופט אויס צו מיר:

— קומט, ררראָזענבעריג!... איך בין ספּעציעל געקומען צו אייך פון ווין...

שפּעטער האָט מיר עמיצער פון די „היינט״־שרייבער דערציילט, אַז מיט אַ צוויי שעה פריער גיט זיך פּלוצים אַ פּראַל־אויף די טיר פון רעדאַקציע. אַש שטעקט אַריין דעם קאָפּ און גיט זיך אַ פרעג: „וואו איז ראָזענבערג?״

מען האָט אים דערקלערט, אַז געוויינלעך אין דער צייט עס איך מיטאָג אין ליטעראַטן־פאַראיין. ער האָט זיך באַלד פון דאָרט אַוועק־געלאָזט אַהינצוצו און נישט געפינענדיק מיך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צווישן די פריער אויסגערעכנטע פּערזענלעכקייטן און געשמועסט, גע־טרונקען טיי מיט צובייסעכץ.

קיינער האָט זיך אויף אַשן נישט געהאַט געריכט, ער האָט קיינעם פריער נישט געשריבן, אַז ער קומט. אַש איז פון דער נאַטור זייער אַן אימפּולסיווער: איינגעפאַלן אים אויפן מאָמענט אַ געדאַנק, פּירט ער אים תיכף אויס, ווי שווער די זאַך זאָל נישט זיין פאַר אים. ער איז געווען אין ווין, איז אים מסתמא אַ פלי געטאָן איבערן קאָפּ: ער דאַרף ראָזענבערגן... טראַכט ער נישט לאַנג, בפרט אַז מאַדזשע איז נישטאָ דערביי, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן, קויפט אַ בילעט און — היידאָ קיין וואַרשע!...

אַראָפּקומענדיק פון טלאָמאַצקע 13, שטעלט ער זיך אָפּ אַ ווײַלע, קוקט מיך אָן, ער פאַרשט מיך מיטן בליק און פּלוצים גיט ער מיך אַ פרעג:

— ררראָזענבעריג, איר האָט צייט?

איך האָב געמיינט, אַז ער פרעגט מיך, צי „איך האָב צייט״, ווייל ער וויל אַוודאי, איך זאָל אים ערגעץ־וואו באַגלייטן. ענטפער איך אים:

— יאָ!...

— נו, און דאָס וואָס איר אַרבעט אין „היינט״?... — פרעגט ער מיך ווייטער.

איך קוק אים אָן און טראַכט ביי זיך, אַז עפּעס רעדט דער מענטש נישט צו דער זאַך. וואָס הייסט עס?... און אַז איך אַרבעט אין „היינט״, וועל איך נישט האָבן קיין צייט אים ערגעץ־וואו צוצו־באַגלייטן!...

ער האָט דערקענט דעם פראַגע־צייכן אין מיין פאַרוואונדערטן בליק און ער האָט פאַרריכט זיך:

— איך מיין, צי איר האָט צייט מיט מיר צו פאָרן קיין ניצע?...

איך בין געבליבן שטיין אָן לשון. דער דאָזיקער פאָרשלאָג פון פאָרן מיט אַשן קיין ניצע איז געקומען פאַר מיר ווי די גרעסטע איבערראַשונג. איך האָב ממש דאָס מויל נישט געקאָנט עפענען. וואָס הייסט, צי איך האָב צייט צו פאָרן קיין ניצע?... איך זאָל פאָרן קיין ניצע, אין דעם פּלאַץ, וואוהין מען חלומט אַפּ אַ גאַנץ לעבן צו זיין און מען קאָן זיך נישט דערלויבן!... קיין ניצע איז געפאָרן די רוסישע צאַרישע אַריסטאָקראַטיע, די פוילישע גבירים, די גראַפן... אָבער איך, שלמה ראָזענבערג, וואָס האָב קוים פּרנסה און וואָס האָב קיינמאָל נישט געהאַט אַפילו די חוצפּה וועגן דעם צו חלומען, זאָל פּלוצלינג אויפגעריכט ווערן און פאָרן, נישט מיר נישט דיר, קיין ניצע!...

אַש האָט מיך אָנגעקוקט, ווי זיין געוואוינהייט איז שטענדיק געווען אין אַזעלכע פאַלן, יענעם דורכצונעמען מיטן בליק, צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף מיר זיין פאָרשלאָג צו פאָרן מיט אים קיין ניצע.

— איך וויל אייך מאַכן פאַר מיין „סעקרעטער"!... — האָט ער נאָך אַ ווילע צוגעגעבן.

דאָ האָט זיך שוין אויפגעוועקט מיין אַמביציע. איך האָב אים נישט געוואָלט ווייזן, ווי שטאַרק זיין פאָרשלאָג האָט מיך איבערראַשט און איך האָב גאַנץ קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— פאַרוואָס נישט, איך קאָן מיט אייך פאָרן קיין ניצע...

— און איר האָט דען צייט? — האָט אַש ווידער איבערגעחזרט זיין ערשטע פראַגע — איר דאַרפט דאָך שרייבן פאַר דעם „היינט"!

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין נישט קיין אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער, נאָר איך דרוק אַ ראָמאַן אין פאָרזעצונגען. נו, וועל איך דאָס קאָנען טאָן אויך פון דערווייטנס, דורך דער פּאָסט...

אַשן האָט זיך דאָס געלייגט אויפן שכל, ווארים אַט שרייבט ער דאָך אויך אין „היינט" און ער שיקט זיינע אַרבעטן דורך דער פּאָסט!

— גוט, דערווייל וועט איר מיט מיר אַרויספאָרן אַ ביסל קיין אָטוואָצק און מיר וועלן אָנהייבן אַרבעטן. גרייט אייך צו איבער דער צייט אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, און אויף ראש השנה, אם ירצה השם, וועט איר מיט מיר מיטפאָרן קיין ניצע. זייט מאָרגן ביי מיר אַכט אַזייגער אינדערפרי אין האָטעל „איראָפּעיסקי" און מיר וועלן צוזאַמען פאָרן צו דער באַן.

ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעזעגנט און איך בין הענדום־פּענדום

אַוועקגעלאָפן צו מיין ייִנגערן ברודער, וועלכער האָט געוואוינט אין דער נאָענט פון טלאָמאַצקע גאַס און כ׳האָב אים דערציילט וועגן דעם גליק, וואָס מיך האָט געטראָפן, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן!...

— ביזט געבוירן געוואָרן אין אַ זייִדן הייבל!... — האָט מיין ברודער אַ צעשטראַלטער און נישט אָן קנאה צו מיר אַ זאָג געטאָן.

און למאי זאָל איך לייקענען: איך בין געווען גאָר אין אַ געהויבענער שטימונג צוליב אַשס אָנבאָט. איך בין באַלד אַרויפגעלאָפן אין ליטעראַטן־פאַראיין און אַ פאַרכלינעטער דערציילט מיינע נאָענטסטע קאָלעגן וועגן דעם אויסטערלישן גליק, וואָס האָט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט.

אָבער דאָס רוב פון מיינע קאָלעגן האָבן מיך אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער:

— וועסט ביי אַשן קיין האָניק נישט לעקן!... מיר וואָלטן דיך אָפּגערעדט דאָס צו טאָן. אַש איז אַ שווערער מענטש, אַ קאַפּריזנער, ער וועט דיר דערגיין די יאָרן, און דאָס גליק וועט דיר אַרויס ״באָקאָם״...

די דאָזיקע וואָרנונגס־רייד האָט גראָד אונטערגעהערט דער אַלטער סטופּניצקי, האָט ער מיך געטרייסט און געזאָגט:

— ראָזענבערג, האָרכט זיי נישט און פאָרט צו אַשן... איך בין דאָך שוין אַן אַלטער ייִד, און הלוואי קומט אַש צו מיר מיט אַזאַ פאָרשלאָג, אַז איך זאָל מיט אים פאָרן קיין ניצע, ווי איך וואָלט אַלץ איבערגעלאָזן און געפאָרן. עס איז אַ גרויסער כבוד צו זיין דער סעקרעטאַר ביי שלום אַשן!... זיי זענען אייך מקנא, דעריבער רעדן זיי אייך אָפּ...

די חברה האָט געשוויגן. ווייזט אויס, אַז סטופּניצקי איז געווען גערעכט. ער האָט זיי אַריינגעטראָפן אין סאַמע פּינטל.

בפרט ווען ער האָט נאָך צוגעגעבן:

— אַש איז אַ בר־מזל צו אַלצדינג און ער איז אויך אַ בר־מזל, וואָס עס איז אים געקומען אין געדאַנק איינצולאַדן נישט קיין אַנדערן ווי אייך אַלס זיין סעקרעטאַר. איר זענט פאַר אים ווי אָפּגעמאָסטן, איר וועט עס מאַכן גוט...

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז איך בין געווען אין יענעם אָוונט, פרייטיק־צונאַכטס, דער גליקלעכסטער מענטש. איך האָב מיך מיטאַמאָל דערפילט מעשה־מיליאָנער: איך פאָר מיר, אם ירצה השם, בקרוב קיין ניצע...

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעטאָן און געהאַלטן אין איין חלומען וועגן מיין אינטערעסאַנטער רייזע און וועגן מיין

אויסערגעוויינלעכן פאַסטן. איך האָב אַפילו נישט געפרעגט: „מה יקר?״... דאָס הייסט, וויפיל וועט ער מיר געבן? וואָס הייסט — וויפיל... וויפיל ער וועט מיר פאַרלייגן, וועט זיין גענוג, האָב איך מיר געטראַכט.

אָבער אַש אַליין האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער מיך געפרעגט, וויפיל איך וועל פאַרלאַנגען פאַר מיין אַרבעט, און ער האָט זיך מיט מיר גאַנץ פיין געדונגען. ער האָט מיר פאַרגעשלאָגן, אַז ער וועט מיר צוגעבן צו דער פּרנסה דעם אונטערשיד פון דעם האָנאָראַר, וואָס איך קריג אין „היינט״. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין, שוין אַ ביסל אַ געשטילטער פון ענטוזיאַזם, דערויף נישט איינגעגאַנגען. מיין טענה איז געווען, אַז וויפיל איך פאַרדין אין „היינט״ גייט קיינעם נישט אָן, און איך מוז קריגן פאַר מיין אַרבעט באַצאָלט לויט דער ווערט פון דער אַרבעט, און — מיר זענען דורכגעקומען: אַש האָט מיר געגעבן די פולע אויסהאַלטונג אין ניצע. דאָס געלט, וואָס איך האָב פאַרדינט אין „היינט״, איז מיר געבליבן אינגאַנצן.

— נו, נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט שלום אַשן אַלס „באָס״!... — האָב איך מיר געטראַכט, טראָץ אַלע וואָרנונגען פון מיינע קאָלעגן.

דעם זעלבן אָוונט בין איך אין ליטעראַטן־פאַראיין אויסגעוואַקסן צו דעם העלד פון טאָג, בעסער געזאָגט: צום העלד פון דער נאַכט... מען האָט זיך אָנגעהויבן שאַרן אַרום מיר, מען האָט מיר געגעבן עצות, ווי אַזוי איך זאָל מיך אויפפירן לגבי אַשן, ווי אַזוי איך זאָל פאַר־ברענגען מיין צייט אויף דער ריוויערע. עס זענען געווען צווישן די קאָלעגן אייניקע, גליקלעכע, גוטע פאַרדינער, וואָס האָבן אַמאָל פאַר־בראַכט זייער וואַקאַציע אין ניצע און אומגעגנט.

דער סך הכל פון דעם אַלעם איז געווען, אַז אַלע אָן אונטערשיד האָבן מיך גוט מקנא געווען, וואָס אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל צו ווערן אַשס סעקרעטאַר און פאַרברענגען — ווי לאַנג עס זאָל נישט געדויערן — אַן אינטערעסאַנטע און גוטע צייט.

צומאָרגנס, שבת גאָר פרי, בין איך שוין געשטאַנען אויף די פיס. איך האָב מיך אויסגעפוצט אין מיינע בעסטע בגדים, וואָס איך האָב פאַרמאָגט. געקויפט זיך לכבוד דער געשעעניש אַ ניי העמד און אַ שיינעם פאַרביקן קראַוואַט, און איך האָב זיך צוגעשטעלט צו דער צייט ביים האָטעל „אייראָפּעיסקי״.

אַש איז שוין געשטאַנען אינדרויסן מיט נאָך אַ מאַן, אַ נידעריקן און דיקלעכן. ער האָט אים פאַר מיר פאַרגעשטעלט: „שטיבל!״... דאָס איז געווען דער באַרימטער העברעאישער מעצענאַט און פאַרלע־גער. ער איז אויך געפאָרן קיין אַטוואָצק.

מיר האָבן גענומען אַ טאַקסי און צוגעפאָרן צום וואָקזאַל. אַש האָט מיר דערלאַנגט געלט און געהייסן קויפן דריי בילעטן צווייטע קלאַס.

אָנגעקומען קיין אָטוואָצק, מאַכט צו מיר אַש:

— ראָזענבערג, איך וועל איינשטיין אין האָטעל „עוגעניא״, און איר זוכט זיך אויס אַ ביליקערן האָטעל און קומט מיר שפּעטער זאָגן, וואו איר וואוינט.

ער האָט מיר נאָך אַלץ נישט געזאָגט, וואָס ער שרייבט און וואָס איך וועל דאַרפן טאָן. אמת, ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו.

איך בין געווען אַזוי פיל איבערגעפולט מיט גליק פון אומגעריבטן „לאָטעריע־געווינס״, אַז איך האָב גאָר געהאַט פאַרגעסן צו זיין פאַרדראָסיק אויף אַשן פאַר זיין הייסן מיר דינגען אַ ביליקערן האָטעל...

איך האָב איבערגעלאָזט אַשן מיט שטיבלען, און איך האָב מיך געלאָזט גיין איבער די זאַמדיקע גאַסן און געסלעך פון אָטוואָצק זוכן אַ „ביליקן״ האָטעל, און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן: „וואָס הייסט ביי אַשן ביליק״?... מילא, אין צאַפּאַט, מיט צוויי יאָר צוריק, איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה, ווייל דער ביליקסטער האָטעל האָט געקאָסט דאָס געלט, וואָס איך האָב באַצאָלט. דאָ אָבער, אין אָטוואָצק, זענען פאַראַן די פאַרשידנסטע פרייזן, פון האָטעל „קאַבצאַנסק״, ביז דעם האָטעל „עוגעניאַ״, וואוהין אַש איז פאַרפאָרן, און דאָרט איז געווען די אָפּשטעל־אכסניה פון פּוילישע מיניסטאָרן און אַפילו פון פּילסודסקין גופא, האָט מען מיך אינפאָרמירט. דאָרטן איז דער מינימום־פרייז פינף־און־צוואַנציק זלאָטעס אַ טאָג...

איך בין געווען צעטומלט: אַ האָטעל פאַר פינף זלאָטעס אַ טאָג, וועט זיין מיט וואַנצן, און פאַר מער ווי פינף זלאָטעס וועט שוין נישט זיין „ביליק״ און עס וועט אפשר אַשן פאַרדריסן... איך בין געווען אין אַ גרויסער מצודה. ביז ס'האָבן מיך פון דער דאָזיקער מצודה אויסגעלייזט צוויי מענטשן, וועלכע איך האָב אָנגעטראָפן אויפן וועג פון מיינע זוכענישן איבער די אָטוואָצקער גאַסן און געסלעך. דאָס זענען געווען מיינע גוטע פריינט, דער פאַרלעגער יאַטשקאָווסקי און דער איבערזעצער מאַרק ראַקאָווסקי.

— וואָס טוט איר אַזוי פרי אין אָטוואָצק ... — איז געווען זייער פראַגע, ווען זיי האָבן מיך אָנגעטראָפן אַ צעטומלטן און פאַרצווייפלטן.

איך האָב זיי דערציילט דעם אמת פון מיין צעטומלטקייט, און יאַטשקאָווסקי מיט זיין פיין באַלעבאַטיש בייכל האָט זיך צעלאַכט, אַז די פּעטע משא האָט זיך אים אַזש אַנגעהויבן שאָקלען.

— גייט אַריין אין „זאַכענטאַ" צו שימינען און דינגט זיך אַ צימער פאַר פערצן זלאָטעס אַ טאָג. דאָס וועט הייסן ביי אַשן „ביליק", און איר וועט זען, אַז ער וועט זיין צופרידן — האָט יאַטשקאָווסקי אַ לאַכנדיקער אויסגערופן צו מיר — אַש צאָלט פאַר זיין צימער צום ווינציקסטן פינף־און־צוואַנציק זלאָטעס אַ טאָג, אויב נישט מער; און איך קאָן אייך שווערן, אַז אין „זאַכענטאַ" איז פיל שענער און בע־סער, ווי דאָרט אין אַריסטאָקראַטישן האָטעל... דאָרט צאָלט מען פאַרן נאָמען.

דאָס זעלבע האָט אויך געזאָגט מאַרק ראַקאָווסקי. איך האָב מיך צוגעהערכט צו דער עצה פון מיינע פריינט און איך בין אַריין צו שימינען, דעם באַרימטן פאַרלעגער, איצט אויך אייגנטימער פון אַ פּענסיאָנאַט, און גענומען אַ פּראַכטפול צימער. שימין האָט מיך גוט געקענט און ער האָט מיר דערקלערט:

— ביי אונדז קאָסט פערצן זלאָטעס אַ טאָג, אָבער פאַר שרייבער קאָסט בלויז צוועלף זלאָטעס.

כדי אים נישט צו באַוואָלהן, זאָג איך צו אים:

— פאַר מיר וועט צאָלן שלום אַש...

— נישט קיין אונטערשיד, שלום אַש איז אויך אַ שרייבער!... — האָט ב. שימין, וועלכער איז געווען שלום אַשס ערשטער פאַרלעגער אין זיין יוגנט, זיך אַ וויצל־געטאָן — עס וועט אים בלויז קאָסטן צוועלף זלאָטעס אַ טאָג.

און די צוויי לצים, יאַטשקאָווסקי און מאַרק ראַקאָווסקי, זענען גע־ווען גערעכט: ווען אַש האָט זיך אויף מיר נישט געקאָנט דערוואַרטן ביי זיך אין האָטעל און האָבנדיק זיך דערוואוסט דורך עמיצן וואו איך וואוין, האָט ער זיך מטריח געווען צו מיר. ער האָט באַקוקט דאָס שיינע זוניקע צימער, אַ שמעק געטאָן פונדערווייטנס צו די געשמאַקע יידישע מאכלים, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— וויפיל קאָסט אייך דאָס צימער?

איך האָב מיך אַ ווייל אַ קווענקל געטאָן, כ'האָב שוין באַלד געוואָלט אים זאָגן אַ העלפט פון דער סומע און די אַנדערע העלפט וואָלט איך אַליין צוגעלייגט. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט יאַטשקאָווסקי האָט אַרויסגעזאָגט זיין השערה, און איך האָב געענטפערט:

— צוועלף זלאָטעס אַ טאָג!

— זייער ביליק!... — האָט אַש אויסגערופן — איך גיי מיך שוין אַריבערציען אַהער!

ער איז דאָ, פונקט ווי מיט צוויי יאָר צוריק אין צאַפּאַט, נישט אַהערגעקומען. אַשן האָט פון שטענדיק אָן געצויגן אין אַריסטאָקראַטישע מקומות. אפשר איז ער געראָכטס!...

ער האָט מיך געבעטן צוצוקומען צו זיך אין האָטעל אַריין אַ ביסל שפּעטער, נאָך זיין מיטאָג־דרעמל. ווען איך בין אַריבערגע־טרעטן די שוועל פון זיין צימער און נישט פאַרגעסן, פאַרשטייט זיך, פריער הויך אָנצוקלאַפּן, כדי נישט צו האָבן דעם זעלבן סוף וואָס אין צאַפּאַט... — האָט מיר אַש דערלאַנגט זיין מאַנוסקריפּט מיט די באַקאַנטע פּאַרציקטע אויתיותלעך און ער האָט מיר געזאָגט דעם נאָמען פון זיין נייעם ווערק.

דאָס איז געווען דער „תהילים־ייד".

אַש איז געווען אַריינגעטאָן ראשו ורובו אין דעם נייעם ווערק, ווי אַש איז עס געווײנלעך, ווען ער שרייבט אַ נייעם ראָמאַן. ער אָטעמט מיט זיינע העלדן און ער רעדט נישט וועגן עפּעס אַנדערש ווי נאָר וועגן דעם דאָזיקן בוך. ער פלעגט, שפּאַצירנדיק מיט מיר איבער די אָט־וואַצקער גאַסן, אָפּשטעלן פאַרשידענע חסידישע יונגעלייט און פאַר־פירן מיט זיי געשפּרעכן. ער האָט איינעם אַזאַ חסידישן יונגנמאַן, וועלכער איז געגאַנגען מיט זיין יונגן ווייבל, אָפּגעשטעלט און אָנ־געהויבן אויספרעגן ביי אים וועגן זיין לעבן, צי ער האָט קינדער און ווי איז מיט פרנסה, און דערביי האָט ער אים דורכגעדרונגען מיט זיין קינסטלערישן בליק און אים ממש פאַרדייעט אין זיך.

דאַקעגן, ווען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט עפּעס אַ רייכער בייכלדיקער בעל־גוף אָפּגעשטעלט אַשן אין גאַס און געפּרוּווט אים דערמאָנען, אַז זיי זענען מיט עטלעכע יאָר צוריק איינגעשטאַנען אין זעלבן האָטעל אין קריניצע, האָט אים אַש געלאָזט הענגען אין דער לופט זיין האַנט און אים נישט צוריקדערלאַנגט די האַנט. איך האָב געזען, ווי יענער ייד איז בלאַס געוואָרן פון פאַרשעמונג.

ווען איך האָב אַשן שפּעטער אויפמערקזאַם געמאַכט און איבער־געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט יענעם חסידישן יונגנמאַן אַזוי פריינטלעך אויפגענומען, אויסגעפרעגט אים פון זיין לעבן, און אָט דעם דאָזיקן רייכן ייד האָט ער אַזוי ביטער פאַרשעמט און אַפילו די האַנט אים נישט דערלאַנגט, ווען יענער האָט זיין האַנט צו אים אויסגעצויגן.

— איך האָב זיי פיינט, די רייכע אָנגעגעסענע יידן... — האָט ער מיר קורץ געענטפערט.

אָבער איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען: דער חסידישער יונגערמאַן האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין ענלעך צו זיין יחיאל פון „תהילים־ייד" און ער איז געווען אין אים פאַראינטערעסירט. האָט ער אים אָפּגעשטעלט און אַזוי האַרציק מיט אים איינגעטענהט. ער איז געווען זיינס אַ נאָענטער, נשמהדיק מיט אים פאַרבונדן און ער האָט אים ליב געהאַט.

אַש איז צוליב „אים" מסתמא ספּעציעל געקומען קיין פּוילן, כדי אַנצוזעטיקן זיין אויג מיט די דאָזיקע פּוילישע חסידישע יידן, מיט דער פּוילישער לאַנדשאַפט, וואו די דאָזיקע יידן האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט און געדייעט. ער האָט ממש געאָטעמט מיט דער סביבה און איינגעשעפּט אין זיך דעם ניגון פון זייערע רייד, און שפּעטער זענען זיי ביי אים ווי לעבעדיק ווידער אויפגעגאַנגען איבער די געדיכט־באַשריבענע זייטלעך פון „תהילים־ייד".

איך האָב געשלונגען די בלעטלעך פון דעם ערשטן קאַפּיטל. עס האָט זיך פון זיי געפילט דער ריח פון דער פּוילישער ערד, צוזאַמען מיטן ריח פון פּוילישן יידנטום. ער האָט געשילדערט די סביבה זייערע מיטן כוח פון זיין ריזיקן טאַלאַנט. איך האָב דאַמאָלס, אַלס דער ערשטער לייענער פון דעם דאָזיקן גראַנדיעזן ווערק, באַלד אָפּגעשאַצט, אַז דער „תהילים־ייד" וועט זיין די סינטעזע פון אַלע זיינע ביז־איצט אָנגעשריבענע ביכער, וואָס באַהאַנדלען און שילדערן דעם פּוילישן ייד. דאָרט איז פאַראַן דאָס „שטעטל", „ר' שלמה נגיד" און אַלע אַנדערע ווערק, וואָס האָבן צו טאָן מיטן פּוילישן ייד, ווי אין „וואַרשע" פון דער טרילאָגיע „פאַרן מבול" (כאָטש מיט יאָרן שפּעטער, ווען יעדער „נישטיק שרייבערל" האָט פלוצלינג געפונען אין דעם דאָזיקן עכט־יידישן ווערק קריסטלעכקייט. ווייל אַזוי האָט געוואָלט האָבן אַן עם הארץ אין יידישן וויסן, נאָר מיט דיקטאַטאָרישער מאַכט אויף דער יידישער גאַס, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אויך פאַרן דיקטאַטאָר אויף דער יידישער ליטעראַטור).

איך בין געשטאַנען ביים געבורט פון אַשס דאַמאָלס גרעסטן יידישן ווערק „דער תהילים־ייד", און איך האָב עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע זכיה.

דעריבער בין איך נישט ווייניק דערשטוינט געווען — און דאָ האָב איך אַשן דערקענט פון נאָך אַ ווינקל — ווען איך האָב אים מיט אייניקע וואָכן שפּעטער באַזוכט אין וואַרשע אין האָטעל „בריהל", מיט די פענצטער אַרויס צום זאַקסישן גאָרטן און געטראָפן אים אינמיטן טאָג ליגן אין בעט און שטאַרק קרעכצן. פון די אויגן זענען אים גערונען טרערן.

— וואָס איז אייך, אַש?... — האָב איך אַ דערשראָקענער אים געפרעגט.

— איך קאָן נישט שרײַבן!... — האָט ער אויף זײַן האַרט־„רישיקער" קוטנער אויסשפּראַך ווי אַ קינד ממש זיך צעוויינט.

איך האָב אים אָנגעקוקט איבערראַשט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט...

— איך פאַרשטיי נישט... וואָס הייסט דאָס?... — האָב איך אים איבערגעפרעגט.

— איך גיי צעררײַסן אַלע קאַפּיטלעך, וואָס איך האָב שוין אָנגעשריבן... — האָט ער ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד ווײַנענדיק גערעדט צו מיר — איך קאָן מער נישט שרײַבן, איך בין שוין אַלט...

שלום אַש איז דאַמאָלס אַלט געווען נישט מער ווי צוויי־און־פופציק יאָר!...

איך האָב אים אָנגעהויבן באַרואיקן און געזאָגט אים מײַן מיינונג, אַז לויט די עטלעכע קאַפּיטלעך, וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן, וועט דער „תהילים־ייד" זײַן דאָס שטאַרקסטע בוך, וואָס ער האָט ווען־ס'איז אַמאָל געשאַפן, און ער זאָל זיך נאָך נישט צואײַלן מיטן „צערײַסן" די אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך.

אַש איז בײַ מיר אין די אויגן אין יענעם מאָמענט גאָר שטאַרק אויסגעוואָקסן, און איך האָב מיר געטראַכט: יעדער מינדסטע שרײַבערל בײַ אונדז האַלט זיך פאַר נישט ווייניקער ווי פאַר אַ זשעני, און יעדער וואָרט, וואָס ער שרײַבט־אָן, איז „קודש־קדשים"... און דאָ ליגט אין בעט דער ריז פון דער יידישער ליטעראַטור און ער וויינט מיט ביטערע טרערן, אַז „ער קאָן נישט שרײַבן..."

איך בין דעריבער יענעם נאָכמיטאָג שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן אויף דעם באַקאַנטן קריטיקער י. ראַפּאָפּאָרט, ווען ער האָט מיך שפּעטער אָנגעטראָפן אויף דער גאַס און געבעטן בײַ מיר, איך זאָל בײַ אַשן אַרויסקריגן דאָס ביכעלע אין דער דײַטשער שפּראַך: „אין וואָס איך גלויב". ער וויל עס דער ערשטער איבערלייענען און אים דערלאַנגען... כאָטש ער האָט נאָך גאַרנישט געוואוסט, צי מען דאַרף אים דערפאַר דערלאַנגען!... דאָס ביכל האָט מען נאָך נישט געקריגן אין פאַרקויף.

איך בין אַזוי אין כעס געוואָרן, אַז איך האָב געוואָלט דעם ראַפּאָפּאָרטן פּשוט אויספּאַטשן פאַר זײַן „פאַרוועלעכטס"...

„מער ליגט אים נישט אין זינען, דעם בייזן יידעלע, ווי נאָר אַשן אַראָפּצורײַסן. גיי און זע — האָב איך אים געוואָלט זאָגן — ווי אַ גרויסער יידישער שרײַבער וויטיקט ביים געבוירן אַ נײַ ווערק!"...

קאַפּיטל אַכט

# איך פֿאַר קיין ניצע

איך בין געווען מיט שלום אַשן אין אָטוואָצק דריי וואָכן. איך האָב ווייניק־וואָס געהאַט צו טאָן. אַש האָט זיך באַטראַכט, אַז עס איז גלייכער איך זאָל אָנהויבן מיין רעדאַקטאָרישע אַרבעט נאָכדעם, ווי ער וועט האָבן פֿאַרטיק כאָטש דעם ערשטן טייל. בין איך געזעסן אין דעם פּענסיאָנאַט „זאַכענטאַ" פֿון דעם פֿאַרלעגער ב. שימין און גע־פּאַשעט זיך דאָס בייכל אויף אַשס חשבון...

איך האָב דאַמאָלס געדרוקט אַ ראָמאַן וועגן דער במעלניצקי־עפּאָכע אין די „היינטיקע נייעס", די מיטאָג־אויסגאַבע פֿון „היינט". איך האָב דעם ראָמאַן נאָך נישט געהאַט פֿאַרענדיקט און איך האָב צו־געשריבן די לעצטע קאַפּיטלעך, זיצנדיק אין דעם פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק. איך האָב געדאַרפֿט איבערשיקן די פֿאָרזעצונגען אין רע־דאַקציע קיין וואַרשע, כדי זיי זאָלן אָנקומען אין צייט. אַש האָט מיר דערין אַ סך צוגעהאָלפֿן: ער פֿלעגט מיט מיר אַרויסגיין צום וואָקזאַל אין אָטוואָצק זוכן אַ מענטש, וועמען מען זאָל קאָנען אָנפֿאַרטרויען דעם מאַנוסקריפּט.

אַש האָט מיר געוואָלט אָנטאָן כבוד, פֿלעגט ער מיט מיר צוגיין צום וואָקזאַל, אָדער פֿירנדיק מיך אונטערן אָרעם, אָדער אַרומנעמענדיק מיך מיט זיין האַנט אַרום האַלדז. אַשס אימפּאָזאַנטע פֿיגור האָט זיך געוואָרפֿן יעדן איינעם אין די אויגן, און ווען איך בין אָט אין אַזאַ פּאָזע צוגעגאַנגען צו וועלכן־ס'איז יונגנמאַן און געבעטן אים מיט־צונעמען אין רעדאַקציע פֿון „היינט" מיין מאַנוסקריפּט, האָט מיר

זעלטן־ווער אָפּגעזאָגט. פאַרקערט, יענער האָט עס גאָר געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, וואָס ער איז דער שליח פון אַזאַ וויכטיקער זאַך...

געוויינלעך, פלעגט מיך מאַנוסקריפּט דערהאַלטן ווערן אין רע־דאַקציע פּינקטלעכער ווי מיט דער פּאָסט. איך האָב געפילט, אַז אַש האָט מיך ליב און ער וויל מיר בייהילפיק זיין אויף וויפיל ער קאָן. ער האָט געטראַכט, אַז מיט זיין באַנעמונג צו מיר גיט ער מיר צו גרויס פּרעסטיזש. ווען אַש איז צו מיר איינמאָל, אין דער באַגלייטונג פון דעם באַרימטן הומאָריסט — דער טונקעלער, געקומען מיך באַ־זוכן אין מיין צימער פון פּענסיאָנאַט „זאַבענטאַ", האָט ער זיך אויפסניי נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דער שיינקייט און באַקוועמלעכקייט, וואָס איך האָב.

— ביי מיר נעמט מען נאָר צו דאָס געלט און עסן גיט מען אַ קררענק!... — האָט אַש זיך באַקלאָגט, און אַש האָט ליב געהאַט גוט אָפּצועסן...

ווען איך בין מיט אים איינמאָל געווען אין באַוואוסטן יידישן רעס־טאָראַן „פּיקאַדילי" אין וואַרשע אויף דער ביעלאַנסקע גאַס און דאָרט בעגעגעסן אַ גוט מאָלצייט (דערביי איז אויך געזעסן נחמן מייזעל, דער רעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע בלעטער", וועלכער האָט געהאַט מיט אים אַן אינטערוויו פאַר זיין וואָכנבלאַט), האָט אַשן זיך פאַרוואָלט נאָך אַ ביפשטיק. גיט ער צו מיר אַ זאָג:

— דרדראָזענבעריג, איר וואָלט נאָך גענומען אין פאַרציע שותפות מיט מיר?...

משמעות, אַז פאַר זיך אַליין צו נעמען נאָך אַ פאַרציע איז אים געווען אַ ביסל אומבאַקוועם פאַר דעם אינטערוויואירער... און ווען איך האָב מיך אָפּגעזאָגט צו זיין אַ שותף צום צווייטן ביפשטיק, האָט ער אָוועקגעלייגט די בושה אַן אַ זייט, זיך מער נישט זשענירט און געהייסן זיך דערלאַנגען אַ צווייטע פאַרציע, וואָס ער האָט גאַנץ פיין פאַרטיק געמאַכט... איך האָב אים באַוואונדערט, ווי ער קאָן אַזוי פיל עסן!

ווען די דריי וואָכן אין אָטוואָצק זענען געהאַט אַוועק, האָט זיך אַש גענומען קלויבן אין וועג אַריין אַהיים. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געקריגן אַ בריוו פון מאַדזשען, ער זאָל אַהיימקומען אויף ראש השנה. ער האָט פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל מיט אים גלייך מיטפאָרן קיין ניצע.

איך האָב אָבער געהאַט אַן אַנדער אויסרעכענונג. איך האָב קודם כל געוואָלט פאָרן קיין פּאַריז, בדי זיך צו זען מיט מיינע עלטערן, וועלכע האָבן נאָך געוואוינט דאָרט, אָבער זיי האָבן זיך שוין געהאַט

געקליבן צוריקצופאָרן קיין ארץ־ישראל. פון פּאַריז, האָב איך גע־פּלאַנט, תיכף נאָך די ימים טובים אָפּצופאָרן קיין ניצע. אַ חוץ דעם האָב איך נאָך נישט געהאַט פּאַרטיק מיין אויסלענדישן פּאַספּאָרט.

אַש האָט זיך מיט מיר אין וואַרשע אָפּגעזעגנט, איבערגעלאָזט מיר צוויי הונדערט זלאָטעס אויף הוצאות און מיר אָנגעזאָגט, אַז ווען איך וועל אין פּאַריז באַשליסן אָפּצופאָרן קיין ניצע, זאָל איך אים פריער טעלעגראַפירן, וועט ער מיך אָפּוואַרטן ביי דער באַן.

מיר האָבן אים באַגלייט אויפן וואַקזאַל. צווישן די באַגלייטער זענען געווען די צוויי ברידער נחמיה און נח פינקעלשטיין, די אַרויס־געבער פון „היינט", אַשס שוואָגער אדם שפּירא, מאַדזשעס יינגסטער ברודער און איך. ער האָט זיך מיט אַלעמען געקושט און האַרציק זיך געזעגנט. עס איז געווען פאַר ראש השנה, און אַש איז אַ רעליגיעז־געשטימטער מענטש. אין אַזאַ שטייגער צייט איז ער געווען געגויגט זייער גוט צו אַלעמען; איבעריקנס, איז ער צו מיר באַזונדערס געווען גוט געגויגט, זינט איך האָב אים געטרייסט, אַז ער איז אַ „גוטער שרייבער" און ער דאַרף נישט צערייסן די אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך פון „תהילים־ייד"...

בכלל, האָט אַש שטאַרק זיך געגויטיקט אין אַ גוט וואָרט, בעת ער האָט געהאַלטן אין שרייבן אַ ווערק. עס האָט זיך אים גאָר אַנדערש געשריבן, ווען ער האָט געקריגן דערמוטיקונג. איך דערמאָן מיך אין אַ שיינער געשיכטע, וואָס דער פאַרשטאָרבענער פריינט מיינער, דער באַרימטער בונדישער פירער, שלמה מענדעלסאָן, האָט מיר אַמאָל דערציילט:

עס איז אים אויסגעקומען ערגיץ צו זיין מיט אַשן אין איין האָטעל. זיי האָבן ביידע פאַרנומען באַזונדערע צימערן. אינמיטן דער נאַכט איז אַש פּלוצים דערשינען ביי מענדעלסאָנען אין צימער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין די פּאַדזשאַמעס, צעשויבערט די האָר און אַ טרויע־ריקער אויסדרוק איז געלעגן אין זיינע אויגן.

שלמה מענדעלסאָן האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געמיינט, מי יודע וואָס עס איז מיט אַשן געשען. ער גיט אים אַ פרעג: „אַש, וואָס טוט איר דאָ?"

אַש האָט אים אַ ווילדע אָנגעקוקט און מיט אַ געבעט אין זיין קול האָט ער צו אים אויסגערופן: „פּאַניע מענדעלסאָן, זאָגט מיר אַ גוט וואָרט... זאָגט מיר, אַז איך קאָן שרייבן!"... פאַרשטייט זיך, אַז שלמה מענדעלסאָן האָט אים די דאָזיקע „קליינקייט" צוליב־געטאָן, און אַש איז אַוועק צו זיך אין צימער אַ באַרואיקטער...

אַש איז אָפּגעפאָרן און איך האָב אָנגעהויבן צו כלאָפּאָטשען זיך

וועגן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט. איך האָב געמוטשט אַנקומען צום דאַמאָלסדיקן יידישן צענזאָר, שטיינבאַק, וועלכער האָט געדאַרפט געבן זיין הסכמה אויף יעדן שרייבער, אַז ער מעג אַרויספאָרן פון לאַנד, אַז ער איז מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט קעגן דער פּוילישער מלוכה... אַ חוץ דעם, האָט אַן אויסלענדישער פּאַספּאָרט פאַר אַ פּשוטן בשר ודם דאַמאָלס געקאָסט פינף הונדערט זלאָטעס — אַ גאַנץ היבשע מטבע, און פאַר אַ שרייבער בלויז פינף־און־צוואַנציק זלאָטעס.

האָט מען געדאַרפט האָבן פון ליטעראַטן־פאַראיין אַ בריוו צום צענזאָר, אַז מען איז פון דער שרייבערישער פּראָפעסיע און דאַמאָלס גיט ער ערשט זיין הסכמה, אַז מען איז „בלאַגאָנאַדיאָזשנע״...

דער סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַריין, מלך ראַוויטש, איז געווען אַזוי פיין און פאַרשטענדיק, און ספּעציעל — חבריש, און ער האָט אין דעם בריוו אַריינגעשריבן אַלע מיינע זכיותן: ספּעציעל, אַז איך האָב איבערגעזעצט דאָס גרויסע פּוילישע ווערק „פּויערן״ אויף יידיש. ווען דער צענזאָר שטיינבאַק האָט דעם בריוו איבערגעלייענט, האָט ער מיט אַ רויטער בלייפעדער אונטערגעשטראָכן דעם זאַץ, וואו עס רעדט זיך וועגן מיין גרויסן זכות...

ווען איך בין שפּעטער אַרויפגעגאַנגען אין דער סטאַראָסטווע, אין דער פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג און דערלאַנגט דעם בריוו מיט דעם צענ־זאָרס הסכמה, אַז איך מעג פאַרלאָזן די גרעניצן פון פּוילן, און דער עיקר — צוליב דעם רויטן שטריך אונטער דעם זכות־אבותדיקן זאַץ, האָט מען מיר אין איינציקע פינף מינוט דערלאַנגט פאַר פינף־און־צוואַנציק זלאָטעס דעם אויסלענדישן פּאַספּאָרט, און איך האָב מיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

עטלעכע געטרייע קאָלעגן האָבן מיך מכבד געווען מיט אַ פיינעם געזעגנונגס־באַנקעט ביי מיין חבר, דעם באַקאַנטן ליטעראַטור־קרי־טיקער, ד. ב. מאַלקין אין הויז. מ. צאַנין האָט מיר געהאָלפן איינקויפן אויף עלעקטאָראַלע גאָס מיינע זומערדיקע מלבושים פאַר דעם ריי־וויערע־ווינטער... איך פאַר דאָך עפּעס אין די וואַרימע לענדער! אויפן באַנקעט זענען זיך צונויפגעקומען אַ שטוב מיט שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, צווישן וועלכע איך געדענק: אינזשינער רייס, מלך ניישטאַט און זייערע פרויען, מ. צאַנין, שלמה שיינבערג און אַנדערע.

ענדלעך האָט מען מיך אויפגעזעצט אויפן צוג וואַרשע־פּאַריז, און — אַדיע, פּוילן!

דאָס איז געווען פאַר ראש־השנה, 1932. איך האָב זיך דערפילט זייער וויכטיק אין מיינע אויגן, אויב נישט נאָך מער וויכטיקער אין

די אויגן פון מיינע קאָלעגן־שרייבער אויף טלאָמאַצקע 13. איין קליינ־קייט: איך פאָר קיין ניצע, אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע, און איך גיי ווערן, ווי אַש האָט זיך אויסגעדריקט צו מיר — זיין „סעקרעטער!״...

אין פאַריז האָב איך פאַרבראַכט ביז איבער די ימים טובים, אָפּ־געפרייט זיך מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, וועלכע האָבן זיך געגרייט שוין גאָר בקרוב צוריקצופאָרן קיין ארץ ישראל. עס איז געוואָרן טריב און רעגנדיק אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט, און איך האָב מיר געטראַכט: איך האָב צו מיין אויסוואַל אַ וואַרימע מדינה; אַ הויז, וואוהין צו פאַרפאָרן און אַ גלענצנדיקן פּאָסטן, טאַ פאַרוואָס עפּעס זאָל איך דאָ אויסגעפרוירן ווערן? האָב איך גענומען און אָנ־געשריבן אַ בריוו צו שלום אַשן, אַז — הנני, איך בין גרייט צו קומען!

מיט צוויי טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַ קאַרטל פון אים, אַז איך זאָל אים טעלעגראַפירן פּינקטלעך דעם טאָג, ווען איך פאָר אַרויס, וועט ער מיך אָפּוואַרטןביים וואָקזאַל.

מיין גאַנצע פאַמיליע, עטלעכע שרייבער און אַ צאָל פריינט, וועלכע איך האָב אין די עטלעכע וואָכן דערוואָרבן אין פאַריז, האָבן מיך אַרויסבאַגלייט צום „גאַר דע ליאָן״, פון וואַנען עס גייט־אָפּ דער צוג צו דער פראַנצויזישער ריוויערע. איך האָב ממש געשיינט פון גליק און צופרידנקייט.

ווען די באַן איז, נאָך זיבעצן שעה רייזע, צומאָרגנס נאָכמיטאָג פאַרפאָרן אויפן באַנהויף פון ניצע, איז דער הימל דאָרט געווען בלוי ווי תכלת און די זון האָט געשיינט און געגליט ווי אין תמוז. עס איז גראָד געווען דער צווייטער נאָוועמבער. איך האָב, אָראָפּשטייגנדיק פון וואַגאָן, דערזען אַשן אין אַ ווייסן זומערדיקן אַנצוג, מיט אַ פּאַנאַמע־הוט אויפן קאָפּ — זומער אינדרויסן! בעת איך האָב ערשט נעכטן פאַרלאָזט אַ פאַררעגנטע און טריבע שטאָט, און איך האָב מיך זייער דערפרייט. אַש האָט געהאַלטן וואָרט. דערווייל האָט זיך ביז איצט נישט באַשטעטיקט די וואָרנונג פון מיינע וואַרשעווער קאָלעגן בנוגע אַשן אַלס מענטש. אַש באַהאַנדלט מיך אויסערגעווייינלעך חבריש און קאָלעגיאַל.

ער האָט זיך מיט מיר זייער וואַרים באַגריסט און געפרעגט מיך:

— מיט וואָס זאָל איך אייך נעמען אין שטאָט אַריין, מיט אַ טאַקסי אָדער מיט אַ דראָזשקע?

און באַלד האָט ער אַליין אַרויסגעגעבן דעם פּסק: „איך וועל נעמען

אַ דראָזשקע, וועט איר בעסער קאָנען באַזען די שטאָט, בעת מיר וועלן זי דורכפאָרן. אַ טאַקסי לויפט צו שנעל!"...

איך בין געווען גערירט פון אַשס ביז גאָר פריינטלעכער באַנעמונג צו מיר.

די דראָזשקע האָט טאַקע פּאַמעלעך זיך באַוועגט איבער די גאַסן פון דער שיינער ריוויערע־שטאָט, וועגן וועלכער עס חלומען אַזוי פיל מענטשן. אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. עס האָט זיך מיר נאָר געדאַכט, אַז דאָס איז בלויז אַ שיינער חלום, באַלד וועל איך מיך אויפכאַפּן, און פון אַלעם וועט זיך אויסלאָזן אַ טייך...

די פערדישע קאָפּיטעס קלאַפּן צום טאַקט איבער די אַספאַלטענע גאַסן, וואָס זענען פאַרפלאַנצט מיט הויכע און שלאַנקע פּאַלמען־ביימער. די גומענע רעדער באַוועגן זיך אַזוי שטיל און ווייך און לאַשטשען דאָס אויער. פון צייט צו צייט גיט דורך ערגיץ אַ גאַס אַ בלישטש אַפער דער בלויער מיטללענדישער ים. ווייט, אַנטקעגנאיבער דעם ים, הויבן זיך די אַלפּן הויך צום בלויען הימל און אויף טייל שפּיצן ליגט אַ שניי־ווייסער קאַפּל. עס איז ערשט דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. די זון גליט. מענטשן, יום־טובדיק געקליידט, שפּאַצירן אויף די גאַסן זאָרגלאָז און מיט גליקלעכע פּנימער. פאַרשוואונדן איז די פּאַריזער טריבע וואָכעדיקייט.

איך באַמערק זייטיק, ווי אַש אָבסערווירט מיך, ער וויל זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף מיר די נייע אומגעבונג. ער איז צעשמייכלט. ער זעט, אַז איך בין אינגאַנצן פאַרכאַפּט און איך געפין גאָרנישט קיין ווערטער אין מויל אויסצודריקן מיין אַנטציקונג.

ענדלעך פאַרפאָרן מיר אין אַ זייטיק געסל, איינגעטונקען אין סאַמע גרינס. אַרום און אַרום טראָגן זיך פאַרשיכורנדיקע ריחות פון די פיל קאָלירנדיקע בלומען, מיט וועלכע די פּראָצוויזישע ריוויערע איז אַזוי רייך. עס שימערירן פאַר מיינע אויגן די געלע מימאָזען, רויטע נעלקן, ווייס־בלוילעכע ליליען, פלאַמיקע רויזן און שניי־ווייסע און בלויע כריזאַנטעמען, און איבער דעם אַלעם — אַ טיף־בלויער לאַזורענער הימל, ממש ווי אין אַן עקזאָטישן פילם...

די דראָזשקע שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ קליינער פּראַכטפולער ווילע מיטן נאָמען „מיראַמאַר", וועמענס רויטער דאַך טויכט אַרויס פון צווישן אַ ים מיט גרינס. איך מיין, אַז דאָס האָט אַש מיך צוגעפירט צו זיין ווילע. איך באַוואונדער די שיינקייט פון גאָטס פאַרכישופטן וועלטל. איך ווער אָבער באַלד אינגאַנצן פאַרבליפט, ווען איך דערהער, אַז דאָס האָט ער, שלום אַש, געדונגען פאַר מיר אַ צימער אין

דער דאָזיקער ווילע, וואָס איז אויך אַ פּענסיאָן. דאָ דאַרף איך וואוי־נען און עסן.

אַש גיט אַ דריק אויפן קנעפּל פאַר דער טיר. עס קומט אַרויס אַ בלאָנדע, שיינע באַלעבאָסטע, מיט גרויסע שמייכלענדיקע קאַרשן־אויגן. אַש ווייזט אויף מיר אָן, אַז דאָס בין איך דער גאַסט, פאַר וועמען ער האָט מיט אַ טאָג פריער געדונגען דאָס צימער. ער רעדט מיט איר פראַנצויזיש און איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט, כאָטש איך האָב אין וואַרשע זיך צוגעגרייט עטלעכע חדשים מיט דער פראַנצויזישער שפּראַך.

די באַלעבאָסטע שמייכלט צו מיר אַזוי זיס, פראַנצויזיש־מעסיק, זי רעדט צו מיר און איך פאַרשטיי אַזוי פיל ווי דער האָן אין „בני־אדם״... אַש שמייכלט. מען פירט מיך אַריין אין אַ פראַכטפולן צי־מער, זייער ברייוחדיק. פון איין זייט גייען די פענצטער אַרויס צו די הויכע אַלפּן־בערג מיט שניי־ווייסע שפּיצן, פון דער צווייטער זייט — צום בלויען מיטללענדישן ים. איך האָב קיינמאָל פון אַזעלכעס נישט געחלומט. עס דאַכט זיך מיר נאָר, אַז אָט דער „שלעכטער״ אַש מאַכט פון מיר חוזק, ער רייצט זיך מיט מיר און באַלד וועט ער מיך אַוועק־פירן ערגיץ אין אַ האָטעלכל, אַ „ביליקס״, ווי ער האָט מיך געהייסן דינגען אין צאָפּאָט און אין אָטוואָצק...

אָבער מיטאָמאָל גיט ער מיך אַ פרעג:

— זאָגט מיר דעם אמת, רדראָזענבעריג, אויב עס געפעלט אייך דאָ נישט, וועל איך אייך דינגען אַ שענערן פּענסיאָנאַט; נישקשה, אין ניצע איז פאַראַן נאָך שענערס...

אַש איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט מיר געוואָלט געגנוג־טאָן און באַווייזן את רוב עשרו ואת רוב גדלו... און איך האָב געפילט, אַז ווען איך זאָג נאָר איין וואָרט, פירט ער מיך אַוועק אין עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך אַפילו אין חלום נישט געזען. אָבער איך בלייב שטיין אַ צעדולטער און ענטפער:

— משוגע מיינע שונאים, וואָס הייסט: „עס געפעלט מיר נישט״? איך האָב דען גאָר געחלומט וועגן אַזאַ שיינער וואוינונג!... — איך קוק אים אָן און איך גלויב מיר נישט צו, צי מיינט ער מיט זיין פראַגע ערנסט, און איך גיב־צו — דער דאָזיקער פּענסיאָן געפעלט מיר שוין גאָר גוט!...

און איך בין דאָרט פאַרבליבן.

אַש האָט מיך איבערגעלאָזט, אָנזאָגנדיק מיר, אַז איך זאָל זיך מאַכן באַקוועם, אָרומוואַשן זיך נאָך דער רייזע און דערנאָך צוקומען צו אים אויף טיי מיט קוכן.

— עסן וועט איר דאָ... אָבער מאַדזשע האָט אייך פאַרבעטן אויף אַ גלעזל טיי. אין פראַנקרייך איז אַ מאָדע: „קאַטר־ער״ (פיר אַזייגער), ווען מען טרינקט אַ גלעזל טיי אָדער קאַפע מיט קוכן — האָט אַש מיר אויפגעקלערט.

און ער האָט מיך פאַרלאָזט, געבנדיק מיר דעם אַדרעס, וואו ער וואוינט, נישט ווייט פון מיין ווילע.

איך האָב זיך אָבער קוים באַוויזן אַרומצוואוואַשן און אומקוקן זיך איבער מיין שיין צימער, ווי מען קלאַפּט אין דער טיר. איך עפן זי אויף. אויף דער שוועל שטייט מאַדזשע, אַ הויכע, אַ שלאַנקע און צע־שמייכלטע. זי באַגריסט זיך מיט מיר זייער האַרציק און זי זאָגט מיר, אַז אַזוי ווי איך ווייס נאָך נישט וואו צו גיין, איז זי מיך געקומען נעמען צו זיי אין הויז אַריין.

איך בין זייער גערירט געווען פון דער פיינער און פריינטלעכער אויפנאַמע. איך האָב מיך איבערגעטאָן זומערדיק, אין דעם ווייסן אָנ־צוג, וואָס איך האָב מיט צאַנינען געקויפט אויף דער עלעקטאָראַלנער גאַס אין וואַרשע; וואָרים אינדרויסן איז געווען גוט וואַרעם. מיר זענעןביידע געגאַנגען איבער דעם שמעקעדיקן וועג, צווישן פּרעכטיקע גער־טענער און ווילעס. אויף איין ווילע, ווייזט מיר מאַדזשע אָן, אַז דאָרט וואוינט דער וועלט־באַרימטער שריפטשטעלער מאָריס מעטערלינק, דער מחבר פון „בלויען פויגל״, און איך פיל בחוש, אַז איך האָב פונ־דעסטוועגן יאָ געכאַפּט דעם דאָזיקן גליקלעכן „בלויען פויגל״...

די אַשס וואוינען אויף אַוועניו דע באָמעט. זיי פאַרנעמען אַ שיינעם, הגם נישט צו גרויסן, אַפּאַרטמענט אויפן דריטן שטאָק. די ווענט אין דער וואוינונג זענען באַהאַנגען מיט די טייערסטע בילדער. אָט זע איך אַ בילד פון שאַגאַל; פון דעם רוסיש־יידישן מאָלער, לעוויטאַן; אַ בילד פון קאָראָ; אַ צייכנונג פון רעמבראַנד.

פון דעם עסצימער זעען זיך דורך די פענצטער די שניי־באַדעקטע אַלפּן; פון אַשס שרייב־קאַבינעט זעט זיך דער בלויער ים. אַש דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב מיט אַ שמעקעדיקן ציגאַר אין מויל, און עס פילט זיך אַזאַ רחבות און גבירישקייט.

ראָוז, די איטאַליענישע דינסט, ברענגט אַריין טיי מיט קוכן, אַליין געבאַקן דורך דער באַלעבאָסטע. מיר לענען אונטער די הערצער און מיר שמועסן. אַש פרעגט זיך אויס אויף פיל שרייבער אין וואַרשע, אויפן „היינט״, און דערביי האַלט ער מיך אין איין אָבסערווירן מיט זיין דורכדרינגענדיקן בליק. איך בין אינגאַנצן צעגומען און איך ווייס נישט, אויף וועלכער וועלט איך בין.

אינדערמיט פון געשפּרעך מעלדעט מיר אַש, אַז אַן ערך פיר־

פינף וואָכן וועל איך ביי אים גאָרנישט האָבן וואָס צו טאָן. ער איז נאָך נישט פּאַרטיק מיט דעם ערשטן טייל פון „תהילים־ייד", און פריער וויל ער מיר נישט איבערגעבן דעם כתב־יד, ביז וואַנען ער וועט האָבן פאַרענדיקט.

— איך האָב געפילט אין אייער בריוו, אַז איר ווילט שוין קומען קיין ניצע, האָב איך אייך געהייסן קומען... — האָט ער מיר געזאָגט.

— טאָ מיט וואָס וועל איך מיך די גאַנצע צייט פאַרנעמען? — האָב איך געפרעגט און געפילט זיך אַ ביסל אומבאַקוועם, וואָס איך וועל דאָ וואוינען און עסן קעסט אומזיסט, פאַר גאָרנישט טאָן...

— וואָס מיינט איר, מיט וואָס איר וועט זיך פאַרנעמען? איך וועל אייך דאָ באַקענען מיט אַ מאָלער, ער איז אַ לובלינער, פון אייערע מקומות... מאַדזשוכנא, ווי הייסט ער, דער יונגערמאַנטשיק?... יאָ, ביזט גערעכט: העגריק לעוועגשטאַט. אַ פיינער מאָלער!... — באַשטעטיקט אַש מאַדזשעס אינפאָרמאַציע — איר וועט זיך מיט אים באַקענען און איר וועט האָבן מיט וועמען צו שפּאַצירן און רעדן... מיך לאָזט אָפּ, איך דאַרף „שרײַבן"...

איך בין געווען שטאַרק צופרידן פון דער דאָזיקער פיינער פּערס־פּעקטיוו: אַרומדרייען זיך דאָ ליידיק, פּאַשען זיך אין פּענסיאָן ביי דער בלאָנדער פראַנצויזקע, צי גאָר איטאַליענערין; קומען טרינקען טיי מיט קוכן אויף „קאָטר־ער" ביי די אַשס... אַ גאַנץ פיינע באַ־שעפטיקונג!...

אַש גיט אַ קוק אויפן זייגער:

— רררראָזענבבעריג, עס איז צייט צו גיין עסן נאַכטמאָל, עס איז באַלד זיבן אַזייגער. אין אייער פּענסיאָן עסט מען פּינקטלעך.

ער באַגלייט מיך אַראָפּ, פירט מיך אַ ביסל אונטער און ווייזט מיר אָן, וואוהין צו גיין.

אין דעם פּענסיאָן, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ געדעמפטער ראָמאַנטיש־ראָזער ליכט, זענען ביי ווייס־געדעקטע טישן שוין געזעסן אַ צאָל געסט, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט אַ חוץ מיר: עטלעכע שוועדישע דאַמעס, וועלכע רעדן אויך דייטש. אַ פראַנצויזישער שרייבער פון בולוואַר־ראָמאַנען. מען רופט מיר אָן זיין נאָמען, וואָס זאָגט מיר גאָרנישט. ביי מיין טיש זיצט אין ציווילע קליידער אַ בריטישער קאָלאָנעל, וועלכער וואוינט אין עגיפּטן און ווילט איצט אַ ביסל אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע. לעבן אים זיצט זיין פרוי, אַ פרעכטיק־שיינע עגיפּטערין מיט צוויי קינדער.

אין מיין ווילע „מיראַמאַר" איז שטיל און רואיק. יעדער איז פאַרטאָן אין עסן. עס שמעקן מיר די פראַנצויזישע מאכלים, די גרינע

סאַלאַטן, צוגעפּראַוועט אַזוי באַטעמט, מיט איילבירטן־בוימל און עסיק, קנאָבל און מושטאַרדע. איך פיל זיך עפּעס אַזוי יומטובדיק און אָנגענעם, און עס דאַכט זיך זיך מיר נאַר, אַז איך בין ווי דורך עפּעס אַ כּישוף פּלוצים געוואָרן אַ מיליאָנער און איך געפין מיך דאָ, אַהערגעבראַכט אויף די פליגל פון אַ ווינט, אָדער איך בין גאָר געקומען צו רייטן אויף אַ ראַזעווען וואָלקן...

די באַלעבאָסטע קומט צו מיר צו, נעמט מיך אָן ביי דער האַנט, פירט מיך צו צו די געסט און שטעלט מיך פאָר פאַר זיי: „אַ שרייבער, אַ פּאָלאָנעי"... זי פרעגט מיך, ווי עס שמעקן מיר די פראַנצויזישע מאכלים, אָבער איך ענטפער איר אויף שטום־לשון, אַז אַלץ איז גוט און וואויל, ס'איז מעדני־מלכים און איך בין אַזוי גליקלעך, אַז איך וואָלט אַלעמען אַרומגענומען און געקושט, אַפילו זי, די שיינע בלאָנדע באַלעבאָסטע...

נאָכן עסן גיי איך אַרויס אויף אַ שפּאַציר. כאָטש איך בין שרעקלעך מיד נאָך דער זיבעצן־שעהדיקער רייזע און פון די אָן אַ שיעור איבערלעבונגען און איבערראַשונגען. איך דערשלעפּ מיך צום ברעג פון ים. מענטשן שפּאַצירן איבער דער „פּראָמענאַד דעז'אַנגלעי". פון דערווייטנס לייכטן טויזנטער פייערלעך פון אַלע קאָלירן: רויטע, גרינע, בלויע און אויפן הימל לייכטן די מילי־מיליאָסן שטערן, וואָס ווערן נאָך פאַרטאָפּלט, אָפּשפּיגלענדיק זיך אין די וואַסערן פון ים.

איך געדענק איצטער נישט וויפיל שעה איך בין אַזוי אָפּגעשטאַנען ביים ברעג פון ים און זיך צוגעקוקט, ווי די ווייסע שוימיקע כוואַליעס האָבן זיך יעדע רגע אָנגעשלאָגן אין זאַמדיקן ברעג, אַ וואַש געטאָן און ווידער צוריקגעפאַלן מיט אַ געזאָט און אַ גערויש. אין די ברעגיקע וואַסערן שפּיגלען זיך אָפּ די פאַרשידענע פייערן, וואָס לייכטן אַרויס פון דער קאַסינאָ דע לאַ זשעטע, וואָס ציט זיך אין ים אַריין אויף אַן אויסגעבויטער בריק.

עס איז מיר אין דעם מאָמענט געקומען אין זינען אַריין טלאָמאַצקע 13, מיינע אַלע קאָלעגן, דער עיקר — מיין טייערער און אומפאַרגעסלעכער חבר שלמה שיינבערג, וועלכער וואָלט מיט זיין שיינער פּאָעטישער נשמה געקאָנט אָפּשאַצן די פּראַכט און דערהויבנקייט פון דעם דאָזיקן מאָמענט, און איך האָב, נישט וויסנדיק אַליין, וואָס איך טו, געשעפּטשעט אַ תּפילה:

„רבונו של עולם, מיט וואָס האָב איך זיך ביי דיר פאַרדינט דעם דאָזיקן חסד מער פון אַלע, אַז איך זאָל געניסן פון דיין געטלעכער שיינקייט, איך זאָל ווערן דאָ אויסגעמישט מיט דעם שטערן־שיין און שוימיקער בליצקייט פון די ים־כוואַליעס און פאַרטראָגן ווערן

אין מיסטעריעז־צעלויכטענע וועלטן... עס איז מיר איצטער אַזוי גוט אויף דער נשמה און איך דאַנק דיר דערפאַר, רבונו של עולם, וואָס האָסט אַריינגעגעבן אין געדאַנק שלום אַשן, ער זאָל קומען נאָך מיר און אָוועקשטעלן מיך דאָ פּנים אל פּנים מיט דער דערהאַבנקייט פון דיין מעכטיקן און געטלעכן באַשאַף"...

גאָר שפּעט ביינאַכט האָב איך, אַ בלאַנדזשענדיקער איבער די שמעקעדיקע גאַסן און געסלעך פון דער לעגענדאַרער ניצע, קוים זיך דערשלעפּט אַהיים, אַריינגעוואָרפן זיך אין דעם ווייכן בעט און איך בין פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף מיט אויסערגעווײנלעכע חלומות, ביז... איך האָב מיך אויפגעכאַפּט צוליב די שטעכיקע זון־שטראַלן, וואָס האָבן מיר געלויכטן אין די אויגן אַריין, און ביי מיין בעט איז געשטאַנען אַ שטוב־מיידל אין ווייסן געקליידט, מיט אַ טאַץ אין דער האַנט, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ טעפּל שמעקעדיקע קאַפע, אייער, ביסקוויט מיט פּוטער, אָראַנזשן־זאַפט, און מיין ערשטער „מודה אני" איז געווען:

„כ׳דאַנק דיר, גאָט — איך בין אין ניצע!"...

קאַפּיטל נײַן

# שלום אַש שרייבט דעם „תהלים-ייִד"

עס איז טאַקע אַזוי געווען, ווי שלום אַש האָט מיר גע־זאָגט: איך האָב מיך אַרומגעפּאָרעט אין ניצע פינף וואָכן צייט און גאָרנישט געטאָן. ער האָט מיך באַקענט מיט מיין לאַנדסמאַן, דעם מאָלער הענריק לעווענשטאַט, און יענער האָט מיך אַרומגעפירט איבער אַלע זעענסווירדיקע פּלעצער, אַריינגעפירט מיך צום וועלט-באַרימטן מאָלער מאַטיס, וועלכער האָט אגב געוואוינט אין זייער אַן אַרימער געגנט, וואָס איך פאַרשטיי עד היום נישט פאַרוואָס — מסתמא אַ קאַפּריז אַזאַ פון אַ קינסטלער...

מיר האָבן ביידע, לעווענשטאַט און איך, געדונגען אַ לערערין אויף פראַנצויזיש, כאָטש ער האָט שוין נישקשהדיק גערעדט און איז אַפילו געווען מיין כסדרדיקער דאָלמעטשער, אָבער אָנשטאָט צו לערנען מיט אונדז פראַנצויזיש, האָט די לערערין, אַן אַלטע פּויליש-ייִדישע אַסי־מילאַטאָרקע פון וואַרשע, מיט אונדז געפירט דיסקוסיעס און דווקא געוואָלט אויפווייזן, אַז „זשאַרגאָן" איז נישט קיין שפּראַך. איי, שלום אַש שרייבט דאָך אויף „זשאַרגאָן" און איז וועלט-באַרימט!... האָט זי אונדז פאַרזיכערט, אַז עס איז אַ ליגן: „אַש שרייבט נישט אויף ,זשאַרגאָן', נאָר אויף העברעאיש..."

מילא, מסתמא האָט זי „בעסער" געוואוסט... דערווייל האָט אַש אין דער זעלבער צייט, וואָס איך האָב „שטודירט" פראַנצויזיש, זייער אינטענסיוו געשריבן זיין „תהלים-ייִד", און — להכעיס מיין לערער־קע — דווקא אויף „זשאַרגאָן"...

איך פלעג יעדן טאָג אַריינקומען צו אַשן אין הויז און בייגעוואוינט זיין הייליקע עבודה. ווען אַש אַרבעט, איז ער גאָר אַן אַנדערער מענטש. עס איז נישט מער דער פּריוואַטער אַש, מיט וועמען מען קאָן אַמאָל מאַכן אַ וויץ און גיין מיט אים אויף אַ פֿיינעם שפּאַציר. אַש איז בעתן פּראָצעס פֿון זיין שאַפֿן אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירט און קאַפּריזנע; ער איז סענסיטיוו אויף דער מינדסטער קליינקייט, און מען דאַרף זיין זייער פּאַרזיכטיק אים נישט צו קומען אין וועג אַריין.

אויפֿן שרייבטיש ליגן אָנגעהויפֿט צענדליקער און צענדליקער ביכער, ספֿרים און בראָשורן אָן טעוועלעך, אַזעלכע וואָס מען פֿלעגט קויפֿן אין בית המדרש ביי אַ דורכגייענדיקן מוכר־ספֿרימניק. איך האָט דאָרט געזען די „שבחי הבעל שם טוב״, „סיפּורי צדיקים״, און פֿיל אַנדערע ספֿרימלעך, חסידישע מעשה־ביכלעך, מדרשים און פֿאַרשידענע מוסר־ספֿרים, אין וועלכע אַש פֿלעגט זיך אויף גאַנצע שעהן פֿאַרטיפֿן און דערביי מאַכן נאָטיצן.

אַש פֿלעגט זיך שטאַרק דורכנעמען מיטן כאַראַקטער פֿון זיינע העלדן, וועלכע ער האָט באַשריבן אין געגעבענעם מאָמענט, און מ׳האָט געדאַרפֿט קאָנען אויפֿכאַפּן זיין שטימונג, כדי אים נישט צו שטערן. איך האָב מיך שנעל צוגעפּאַסט צו זיינע פֿאַרשידענע שטימונגען, וואָס האָבן זיך געענדערט אַזוי שנעל ווי עס ענדערט זיך דער בלאָז פֿון ווינט... אַמ שרייבט אַש דאָס קאַפּיטל וועגן יחיאל, דעם קומענדיקן תהלים־ייד. יחיאל איז די גוטסקייט אַליין. ער גיט אַוועק אַן אורח דאָס לעצטע העמד זיינס, ער גיט דעם הונגעריקן אַ שטיקל ברויט. אין דער דאָזיקער צייט, וואָס ער האָט געשריבן וועגן יחיאלן, איז אויך אַש געווען די גוטסקייט אַליין. עס איז גאָרנישט צו דערקענען דעם נעכטיקן בייזן אַש, דעם קאַפּריזנעם, דעם שנעל זיך אָנצינדנדיקן מיט כעס.

ווען איך פֿלעג אינדערפֿרי, נאָך אָפֿעסן פֿרישטיק ביי מיר אין פּענסיאָן, אַריינקומען צו אַשן אין אַרבעטס־צימער, האָב איך שוין דורך דער גלעזערנער טיר געזען אויף זיין פּנים, אין וואָס פֿאַר אַ לוינע ער איז היינט. איך האָב אויך געוואוסט, וואָס ער שרייבט אין דעם דאָזיקן מאָמענט. ווען ער האָט געשילדערט יחיאלן, איז ער געווען — יחיאל, און מ׳האָט ביי אים געקאָנט פּועלן אַלדינג, וואָס מ׳האָט נאָר געוואָלט. ער איז געווען אַזוי ווייך און פֿול מיט רחמנות, טאַקע ווי עס פּאַסט פֿאַרן בעל־התהלים.

דאָס בוך איז געוואַקסן, די צאָל זייטלעך האָבן זיך געמערט. אַש האָט געשריבן זייער שנעל, און עס איז ביי אים געווען ווי אין תהלים שטייט: כל עצמותי תאמרנה — זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געוואָרפֿן, ער האָט שווער געאָטעמט און געסאָפּעט, און די אותיות האָבן

זיך געמערט און געמערט, זיי זענען געפלאָסן פון דעם שפּיץ פען ווי אַ פליייצנדיקער שטראָם, און אַט איז ער ענדלעך מיט טעג שפּעטער אָנגעקומען צו דעם קאַפּיטל, וואו ער האָט געשילדערט דעם בייזן פּריץ פאַן ווידאָווסקי.

אָ, דאַמאָלס האָט מען זיך געדאַרפט היטן די ביינער נישט אַריינ־צוקומען צו אים אין אַרבעטס־צימער. ער איז געווען אַזוי בייז ווי דער כמורנער און קאַפּריזנער פּוילישער פּריץ ווידאָווסקי; ער האָט זיך אינגאַנצן געהאַט מיט אים דורכגענומען. איך האָב ממש געזען פאַר מיר דאָס פּוילישע רציחהדיקע פּנים מיט די אַרויסגעסטאַרטשעטע רויטע אויגן. ווען איך האָב אַשן דערזען דורך דער גלעזערנער טיר אין אַזאַ צושטאַנד, האָב איך מיך באַלד אָפּגעטראָגן און זיך נישט געוויזן פאַר אים. עס איז געווען אַן איינשטעלעניש דענסטמאָל צו קומען אין זיינע דלד אמות. ער האָט נאָך גאַנץ פיין געקאָנט אַמאָל „אָנרייצן" זיין הונט טיטוס, און ער זאָל דיך צערייסן אויף שטיקלעך...

אין אַזאַ מאָמענט פלעג איך בעסער אַוועקגיין צו דער פליאַזשע ברענען זיך קעגן דער זון אויפן גאָלדענעם זאַמד, באָדן זיך אין די בלויע כוואַליעס פון מיטללענדישן ים. איך האָב זיך דאָרט באַגעגנט מיט מיין נייעם פריינט, דעם מאָלער לעווענשטאַט, און מיר האָבן ביידע גענאָסן פון גאָטס שיינעם וועלטל.

מיטאַמאָל דערזע איך אַשן... איך דערפיל מיך אומבאַקוועם. כאָטש ער האָט דאָך מיך פון פאַרויס געוואָרנט, אַז איך וועל פיר־פינף וואָכן גאָרנישט האָבן וואָס צו טאָן, אָבער פונדעסטוועגן זיץ איך דאָך שוין פאָרט אויף זיינע קעסט, און איך גיי אַרום פּוסט און פּאָס.

אָבער אַש גיט מיך אַ רוף־צו:

— ררראָזענבעריג, איר האָט ליב צו שפּילן באָל?...

טראַכט איך מיר: זאָל זיין "באָל", אַבי עפּעס צו טאָן פאַר מיין „באָס"... און מיר וואַרפן זיך איבער מיט דער פּילקע אַ האַלבע שעה צייט. אַש ווערט אומגעדולדיק, ווייל אינדערהיים וואַרט דאָך אויף אים דער פּוילישער פּריץ פאַן ווידאָווסקי, דער הונט „טיטוס" און יחיאל מיטן שוואַרצער זיינעם, וועלכע קומען צום פּריץ בעטן עפּעס אַ טובהלע... ער לויפט אַוועק אַן אַ „זיי געזונט", און איך האָב אים שוין ווידער נישט.

עפּעס מוז מען דאָך אָבער טאָן, גיי איך אַוועק אין מיין פּענסיאָן, זעץ זיך אַוועק און שרייב אַן פאַרן „היינט" צווי גרויסע בריוו א. נ. „פון גן עדן התחתון". איך באַשרייב די פראַנצויזישע ריוויערע מיט אַלע אירע שיינקייטן און מערקווירדיקייטן, און ווען איך קום שפּעטער צו אַשן אין שטוב אַריין און ער איז אַ באַרואיקטער — מסתמא איז אים

געלונגען אָנצושרייבן אַ שיין קאַפּיטל — מאַך איך אַ פאָרשלאַג פאַר אים איבערצולייענען מיינע צוויי בריוו. איידער איך שיק זיי אַוועק אין רעדאַקציע.

איך האָב מיך מיט אַשן נאָך אַלץ נישט געפילט אַזוי היימיש, אַז איך זאָל אים אַריינגעמען אין מיין קאָמפּאַניע. כ'האָב געטראַכט: ער איז אַ קאַפּריזנער מענטש, ער קאָן זיך גאָר באַליידיקן, אויב איך זאָל וועגן אים שרייבן אין אַן אינטימען טאָן, און איך האָב אינגאַנצן דורכגע־לאָזט צו שרייבן וועגן אים.

אַש האָרכט מיך אויס אויפמערקזאַם, מאַכט אינדערמיט אַ באַ־מערקונג, אַז עס איז זייער שיין באַשריבן, פון וואָס עס טוט מיר, פאַר־שטייט זיך, שטאַרק הנאה. אָבער פּלוצלינג רייסט ער מיר איבער מיט אַ פריילעכן לאַך:

— און פאַרוואָס שרראַבט איר נישט אַרראַן, אַז איר האָט גע־שפילט מיט שלום אַשן „באַל״?

איך דערפיל מיך אַ ביסל אומבאַקוועם, עס פּאַסט מיר אים נישט צו זאָגן, אַז איך האָב דאָס ספּעציעל אויסגעמיטן, ווייל איך האָב מורא זיך צו שפּילן מיט זיינע משוגענע קאַפּריזן... איך זוך אינדערגיך אויס עפּעס אַ תירוץ און זאָג אים, אַז געוויס וועל איך אַריינשרייבן וועגן דעם, דער אַרטיקל איז נאָך נישט פולשטענדיק רעדאַגירט... און אַזוי איז טאַקע געשען: אין די צוויי בריוו האָב איך צווישן אַנ־דערן אויך באַשריבן וועגן מיין שפּיל מיט אַשן אין באַלעם אויפן ברעג פון ים.

ווען אַש איז אין אַ גוטער שטימונג, האָב איך מיט דער צייט אויסגעפונען, איז ער אַ געמיטלעכער מענטש און אַ גוטער חבר. עס איז פאַר מיר געווען אַן איבערראַשונג. אונדזערע קאָלעגן, יידישע שרייבער, האָבן אים כסדר אויסגעמאָלן אין אַזעלכע טונקעלע און בייזע פאַרבן, אַז איך בין זיך מיט אַשן באַגאַנגען, ווי איינער וואָס גייט מיט באָרוועסע פיס אויף צעבראָכן גלאָז.

איז געשען אַ פאַל, פון וועלכן איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אַש איז ווייט־ווייט נישט אַזוי ווי מען האָט אים אויסגעמאָלט: אייגנטלעך, זענען געשען עטלעכע פאַלן, וואָס איך וועל ווייטער דערציילן, און פון זיי האָב איך דערזען אַשן גאָר אין אַן אַנדערער ליכט.

איינמאָל באַקום איך אַ בריוו פון אברהם גאָלדבערג, דעם רע־דאַקטאָר פון וואַרשעווער „היינט״, מיט זייער אַ ביטערער אָנקלאַגע מצד דעם אַמעריקאַנער שרייבער ש. ערדבערג, אַז — נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר איך דרוק איבער זיינס אַ ראָמאַן אין „היינטיקע נייעס״ און איך גיב אים אַן פאַר מיינעם, און ש. ערדבערג מאָנט דער־

פאַר אַ שיינע פּאָר הונדערט דאָלאַר. אברהם גאָלדבערג פּאָדערט דע־ריבער פון מיר אַ דערקלערונג.

אין ערשטן מאָמענט בין איך געוואָרן אויפגעקאָכט צוליב דעם דאָזיקן בילבול (ווען איך בין ניין יאָר שפּעטער אָנגעקומען קיין אַמע־ריקע, האָט מיר קאָלעגע ש. ערדבערג מיט אַ געלעכטערל אויפגעקלערט, וואָס עס האָט פּאַסירט, אָבער וועגן דעם — אַ ביסעלע ווייטער). שפּע־טער אָבער, דורכשמועסנדיק זיך מיט שלום אַשן וועגן דעם דאָזיקן אינצידענט, האָב איך מיך אַ ביסל באַרואיקט און אָנגעשריבן אַ הו־מאָרפולן בריוו צום רעדאַקטאָר גאָלדבערג, און איך האָב געמאַכט פון ערדבערגען ממש אויסצודרייען...

איך האָב מיר די זאַך אַזוי אויסגעטייטשט: ש. ערדבערג האָט איבערגעזעצט פון העברעאיש א. ש. פרידבערגס „זכרונות לבית דוד״, און איך האָב, שרייבנדיק דאַמאָלס אַ ראָמאַן וועגן כמעלניצקיס צייטן, באַנוצט זיך מיט פאַרשידענע מקורים, צווישן אַנדערע אויך מיט א. ש. פרידבערגס ספר. האָט ש. ערדבערג מסתמא מיך באַשולדיקט, אַז איך האָב, הייסט עס, גענומען פון „זיין״ זכרונות לבית דוד...

מילא וואָס איך האָב וועגן דעם ענין אָנגעשריבן צו גאָלדבערגן, וועל איך דאָ נישט גיין דערציילן, אָבער אינטערעסאַנט איז, אַז שלום אַש האָט, אויסהערנדיק מיין בריוו, איידער איך האָב אים אָפּגעשיקט קיין וואַרשע, פאַרגעלייגט, אַז ער אַליין וויל צושרייבן עטלעכע ווער־טער; און ער האָט צוגעשריבן צו מיין בריוו, אַז אויך ער, שלום אַש, האָט ביים שרייבן זיין בוך „קידוש השם״ זיך באַנוצט מיטן „זכרונות לבית דוד״...

און צו אברהם גאָלדבערגן האָב איך צוגעשריבן אַ באַמערקונג, אַז ער זאָל מיין בריוו איבערשיקן קיין ניו־יאָרק צו ש. ערדבערגן, און ער וועט שוין מער נישט מאָנען קיין הונדערטער דאָלאַרן...

איך האָב זינט דענסטמאָל מער וועגן דער געשיכטע נישט גע־הערט. נאָר ערשט אין יאָר 1941, ווען איך בין אַלס פּליט אָנגעקו־מען קיין ניו־יאָרק, האָב איך אויפן צווייטן טאָג באַגעגנט ש. ערד־בערגן אויף איסט בראָדוויי און ער האָט, באַקענענדיק זיך מיט מיר, געדריקט מיר די האַנט פאַר מיין שיינעם הומאָרפולן בריוו מיט אַשס צושריפט, וואָס ער באַהאַלט לזכרון. אַזוי האָט ער מיר פאַרזיכערט. אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר פאָלגנדיקס: איך האָב דעם דאָזיקן ראָ־מאַן אין די „היינטיקע נייעס״ אונטערגעשריבן מיט דעם פּסעוודאָנים „ש. ר. בערג״, און איך האָב נישט געוואוסט, אַז דעם זעלבן פּסעוו־דאָנים נוצט אויך אין אַמעריקע ש. ערדבערג. נו, האָט אים עמיצער צוגעטראָגן, אַז „מען דרוקט אין וואַרשע זיינס אַ ראָמאַן״ און דע־

ריבער האָט ער עס דאַמאָלס אָנגעשריבן דעם בריוו צום „היינט" און געמאָנט די עטלעכע הונדערט דאָלאַר האָנאָראַר...

איך בין אָבער דענסטמאָל, אין 1932, געווען גערירט פון אַש׳ס איינשטעלן זיך פאַר מיר.

אַ צווייטער פאַל — און איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען אַ סך פאַלן, וואָס איך וועל דאָס טאָן ביי דער ריכטיקער געלעגנהייט — האָט ווידעראַמאָל אַש אַרויסגעוויזן צו מיר קאָלעגיאַלישקייט.

איך בין געקומען קיין פראַנקרייך נישט ווי אַן אימיגראַנט און איך האָב נישט געהאַט דעריבער קיין וואוינרעכט. איך האָב בלויז דאָרט געקאָנט בלייבן אַ באַגרעניצטע צייט. אַלס קאָרעספּאָנדענט אָבער פון אַ צייטונג, וואָלט איך יאָ געקאָנט קריגן די וואוינרעכט, און דאָס האָט געדאַרפט דויערן אַ לענגערע צייט, ווייל מען דאַרף צושטעלן אַ געוויסע צאָל קאָרעספּאָנדענציעס. און איך בין דאָך גאָר אין „היינט" געווען אַ ראָמאַניסט און דאָס נישט אויף אַ שטענדיקן געהאַלט, נאָר ווי מען רופט עס אין ענגליש: אַ „פרילענסער".

האָט אַש צוליב מיר איינגעאָרדנט ביי זיך אין הויז אַ גרויסאַרטיקע אויפנאַמע פאַר דעם פּרעזידענט פון דעם פאַראיין פון אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן אין ניצע, מסיע גאַפרע, דערביי האָט ער מיך פאַר אים פאַרגעשטעלט מיט די נויטיקע סופּערלאַטיוון... אגב, האָב איך דאַמאָלס אַשן באַוואונדערט, ווי ער האָט אויף זיין נישט גאָר קאָרעקטן פראַנצויזיש געפירט אַ געשפּרעך מיט מסיע גאַפרע וועגן קבלה און זוהר, און יענער האָט אים פאַרשטאַנען... שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער פראַנצויז גאַפרע איז גאָר אַ ריין־ספרדישער ייד, מסתמא הייסט ער „גפרי". אָבער צומאָרגנס נאָך דער אויפנאַמע בין איך שוין געווען אַ מיטגליד אין פאַראיין פון דער אויסלענדישער פּרעסע, און ביי דער פּאָליציי — אין ממש רגעס צייט אַרויסגעקריגן אַ דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין פראַנקרייך פּערמאַנענט.

אַש האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ סך מאָל פיל הומאָר. דאָס ווייסן מיר אַפילו פון זיינע קורצע דערציילונגען און אויך פון די ראָמאַנען, אַז ער באַזיצט אַ דינעם הומאָר.

ווי אויבן שוין דערמאָנט, האָב איך דאָך געשריבן אין „היינט", און יעדע צוויי וואָכן געקריגן פון וואַרשע צוגעשיקט אַ טשעק. איינמאָל האָט זיך פאַרהאַלטן צוליב דער פּאָסט מיין טשעק און איך האָב זיך גראָד גענויטיקט אין אַביסל געלט. גיי איך אַזוי מיט אַשן צוריק פון אַ „באַל־געים" (פילקע־שפּיל) ביי דער פּליאַזשע, גיב איך צו אים אַ זאָג:

— חבר אַש, אפשר וואָלט איר אַזוי גוט געווען און מיר גע־ליען עטלעכע הונדערט פראַנק, ביז מיין טשעק וועט אָנקומען פון וואַרשע? ...

אַש קוקט מיך אָ ווײַלע אָן און ענטפערט מיר:

— קיין סך געלט האָב איך נישט ביי זיך, אָבער וויפיל איך האָב, וועל איך מיך מיט אייך טיילן.

דערביי נעמט ער אַרויס דעם טייסטער און ציילט אויס פיר הונ־דערט פראַנק. גיט ער מיר צוויי הונדערט פראַנק און זיך לאָזט ער איבער צוויי הונדערט. איך באַדאַנק אים און הויב זיך אָן צו דער־ווייטערן אין דער ריכטונג פון מיין פענסיאָן, ווייל עס איז שוין גע־ווען מיטאָג־צייט. דערהער איך הינטער מיר אַ רוף:

— ררראָזענבערג! ...

איך דריי מיך אום און איך זע, ווי אַש מאַכט מיט דער האַנט און רופט מיך צוריק. איך קער מיך אום און פרעג אים וואָס ער דאַרף מיך האָבן.

מאַכט ער צו מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק, אָן אַ שמייכל צו טאָן:

— איך האָב געמאַכט אַ טעות! איך האָב דאָך אַ ווייב און איר זענט אַ בחור, דעריבער קומט אייך נישט קיין גלייכע העלפט, גיט מיר צוריק הונדערט פראַנק.

איך האָב איינגעזען די גערעכטיקייט פון זיין טענה און אים צוריק געגעבן דאָס געפאָדערטע געלט.

דאָס שרייבן פון „תהלים־ייד" איז אָנגעגאַנגען מיט אַ שטאַרקן טעמפּאָ. אַש פלעגט זייער אַ סך אַרבעטן טעגלעך. ער פלעגט טייל־מאָל אָנשרייבן אַ גאַנץ קאַפּיטל, וואָס האָט געהאַלטן אַרום צוואַנציק־דרייסיק געדיכט־אָנגעשריבענע גרויסע זייטלעך פּאַפּיר. טיילמאָל איז ער אין די פרימאָרגנס געווען שטאַרק מיד און נישט אויסגעשלאָפן. ער האָט אָפטמאָל, דערציילט ער מיר, זיך אויפגעהויבן אינמיטן דער נאַכט און געשריבן. און אויב עס איז אים נישט עפּעס אַזוי געגאַנגען, איז ער צומאָרגנס געווען אויפגערעגט, אַז מען האָט נישט געקאָנט רעדן צו אים. ער האָט אין אַזעלכע טעג גענומען און צעריסן דאָס אָנגעשריבענע און אָנגעהויבן אויף דאָסניי.

ער פלעגט מיר דאַמאָלס זאָגן מיט אַ ביסל באַרימעריי:

— וואָס איך וואַרף אַוועק, וואָלטן אַנדערע יידישע שרייבער גע־מאַכט גאַנצע ביכער! ...

אָבער קיין צו גרויסע באַרימעריי איז אין דעם דאַזיקן זאָג נישט

געווען. אַש האָט זייער פיל אַוועקגעוואָרפן, צעריסן אָדער אַריינגע־וואָרפן אין דעם ברענענדיקן קאַמין פון זיין שרייבצימער. בפרט ווען איך האָב געקענט אַ געוויסן יידישן שרייבער, וועמען איך האָב קיינמאָל נישט געזען אַוועקוואַרפן אַ בלעטל, אַלץ איז געווען ביי אים „קודש־קדשים" און דערצו האָט יענער זיך נאָך פּאָר קלאָגן באַרימט, אַז „ער האָט שוין צוואַנציק יאָר נישט געליענט קיין פרעמדן שרייבערס אַ וואָרט, נאָר בלויז זיין אייגנס"...

אַש, דאַקעגן, האָט זייער אַ סך געליענט. ער לייענט גאַנץ ניש־קשהדיק עטלעכע שפּראַכן, צווישן זיי: דייטש, ענגליש, העברעאיש און אויך פראַנצויזיש. אַש האָט פאַר יעדן בוך, וואָס ער האָט זיך גע־גרייט צו שרייבן, פריער זייער פיל שטודירט. ער האָט זיך גרינטלעך באַקענט מיט דער עפּאָכע, וואָס ער האָט זיך געגרייט צו באַהאַנדלען אין דעם נייעם ווערק. שלום אַש נעמט גאָר ערנסט זיין מלאכה פון שרייבן, און איך קאָן זאָגן מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז איך האָב אַשן כמעט קיינמאָל נישט געזען אַרומדרייען זיך ליידיק: אָדער ער האָט געשריבן, אָדער ער האָט געליענט. ער פלעגט נאָכמיטאָג כאַפּן אַ קורצן דרימל אין זיין קאַבינעט, וואו עס איז געשטאַנען אַ ברייטע סאָפע. דער דרימל האָט אָפט געדויערט פון אַ האַלבע שעה ביז אַ שעה, און אָט זיצט ער שוין ווידער ביים שרייבטיש, אַריבערגעבויגן איבער די ווייסע בייגעלעך פּאַפּיר און סקריפּעט שנעל־שנעל מיט דער פען.

אַש האָט נישט ליב געהאַט די מאָדערנע איינריכטונגען ביי דער שרייב־מלאכה. ער האָט, למשל, נישט ליב געהאַט קיין פילפעדער, נאָר שטענדיק געשריבן מיט אַ פשוטער שטאָלענער פען און זי איינ־געטונקען נאָר דאַמאָלס, ווען זי האָט שוין נישט געהאַט קיין טינט אויף זיך. דער באַקאַנטער גאָזעלשאַפטלעכער טוער און שריפטשטע־לער ישראל יעפּרויקין, וועלכער איז געווען שלום אַשס אַ נאָענטער פריינט, האָט אים אַמאָל געשיקט אַ מתנה אַ טייערן „פּאַרקער". האָט אַש געפּרואווט מיט דער פעדער שרייבן, אָבער יעדעס מאָל האָט ער זי געטונקען אין טינטאַרן און צום סוף, אַ קאַליע געמאַכטע, אַוועק־געלייגט לזכרון אין שאַנק.

זיין שרייבטיש איז אויך געווען אַ פשוטער. ער האָט נישט ליב געהאַט די שיינע פּאַרפּוצטע שרייבטישן. זיין שרייבטיש איז געווען אַן איינפאַכער בית־המדרש טיש, אָן שופלעדלעך. אויפן טיש זענען געלעגן אָנגעוואָרפן ווייסע בייגעלעך פּאַפּיר, עטלעכע ביכער, און אין דער זייט אַ בלומען־וואַזאָן מיט שמעקעדיקע רויטע רויזן, יעדן טאָג פרישע רויזן. אַוועקצושטעלן אויף אַשס שרייבטיש יעדן טאָג פרי־

שע רויזן איז שוין געווען די עובדה פון זיין „עזר כנגדו״, פון מאַדזשען. קיין פאַרפּוצטע טישן האָט אַש טאַקע נישט ליב געהאַט, אָבער אַנטיקן — יאָ. ער האָט געהאַט אַ טיש, אויף וועלכן עס האָט געזאָלט האָבן געשריבן דער דייטשישער פילאָזאָף פרידריך ניטשע; איז ער געוואָר געוואָרן, אַז ביי אַן אַנטיקן־סוחר געפינט זיך אַ שענקל פון הענריק איבסען, איז עס אין אַ האַלבע שעה שפּע־טער שוין געשטאַנען ביי אַשן אין קאַבינעט. ווען איך האָב נאָך אַשס פאַרלאָזן ניצע און צוריקפאָרן קיין אַמעריקע, אין 1938, אומגעקערט זיך קיין פּאַריז, האָט מיר אַש פריער דאָס דאָזיקע שענקל געהאַט אַוועק־געשאַנקען, אָבער עס איז שפּעטער געבליבן מיט די נאַציס.

ביים שרייבן אַ ניי ווערק האָט אַש שטענדיק געוואָלט זיין ווי צום נאָענטסטן פון זיין אָביעקט. פאַרן שרייבן דעם „תהלים־ייד״ איז אַש עטלעכע מאָל געפאָרן קיין פּוילן, געפּלאָנטעט זיך אַפילו דאָרט צו באַזעצן. ער האָט שוין פאַר דעם צוועק געהאַט געקויפט אַ שטיקל באָדן אין אָטוואָצק, לעבן וואַרשע. ער האָט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך דאָס געשטאַלט פון פּוילישן ייד, איבערנעמען זיך מיט זיינע תנועות און העוויות.

ווען שלום אַש האָט געהאַלטן ביים קאַפּיטל פיר פון דריטן טייל „תהלים־ייד״ — „דער משפט״, האָט אַש געדאַרפט זיך אָנזען מיט שניי, ווייל אין דעם קאַפּיטל ווערט אויף אַ פאַרכאַפּנדיקן אופן גע־שילדערט, ווי דאָס סמאַלע־יידל, דער שבתי־צביניק, ווערט געפונען אַ טויטער, אין שניי־איינגעפרוירענער. ער האָט דעריבער געוואָלט אָפּ־פרישן זיין אויג מיט דער בלענדנדיקער, פּוכיקער ווייסקייט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אויף צוויי וואָכן טיף אין די אַלפּן.

שלום אַש האָט זיך איינגעפּאַקט, גלייך ער וואָלט געדאַרפט אַוועק־פאָרן אין די ווייטע מרחקים, כאָטש צום שניי איז געווען צוצופאָרן מיט דער באַן אַ צוויי שעה רייזע. ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים קומען אַרויסבאַגלייטן צו דער באַן, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פיר פאַרטאָג, ווען אינדרויסן איז נאָך פינצטער.

— איך וויל ביי מיין אָפּפאָרן זען אַ היימיש פּנים... — האָט ער זיך ביי מיר געבעטן.

מאַדזשע האָט אים צוגעגרייט צוויי שווערע וואַליזעס, אָנגעפּאַקט דאָרט מכל טוב, וועש און אָנצוגען, קראַוואַטן און אַנדערע נויטיקע זאַכן אויף אַ רייזע. אַש האָט, כידוע, ליב עלעגאַנט זיך צו קליידן. ער האָט אויך מיטגענומען אַ בורקע, ווי עס פלעגן טראָגן די יידישע וואַלד־סוחרים אין פּוילן, ווען זיי לאָזן זיך אַרויס ווינטער־צייט אין די ווייטע וועלדער אַריין אויף לאַנגע חדשים. די בורקע האָט אויס־

געזען, גלייך ער וואָלט זי מסתמא געבאָרגט ביי ר׳ יחזקאל גאַמ־בינער... ער האָט זיך אָפּגעזעגנט אין דער היים מיט אַזאַ ערנסט־קייט אויפן פּנים, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ נסיעה מעבר לים...

נאָך זיין אַוועקפאָרן האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויפצוגיין צו מאַדזשען, וועלכע איז איבערגעבליבן איינע אַליין אין הויז, זי צו טרייסטן און אָנהאַלטן געזעלשאַפט. איך בין אויך אַרויפגעקומען צו איר שפּעטער, אַרום פאַרנאַכט־צו, און מאַדזשע האָט אַזוי באַדויערט איר שלומען, וועלכער האָט אַוודאי נישט זיינע באַקוועמלעכקייטן ווי אינדערהיים.

איך האָב זי געטרייסט און אויסגערעדט איר דעם אומעט, וואָרים עס האָט טאַקע געהערשט אַ סמוטנעקייט אין יעדן ווינקעלע. דער באַלעבאָס איז אַוועק אויף אַ נסיעה אין די „וויטע מרחקים״, אין די טיף־באַשנייטע אַלפּן אַזש אויף גאַנצע צוויי וואָכן!

עס האָט געמוזט זיין אַרום צען אָוונט, איך האָב זיך שוין גע־גרייט צו גיין אַהיים אין מיין פּענסיאָן, ווי פּלוצלינג האָט ביי דער טיר אַ קלונג געטאָן דאָס גלעקל.

די דינסט איז גראָד געהאַט אַוועקגעגאַנגען דעם אָוונט. מאַדזשע האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און צוגיין עפענען די טיר, אָבער איך האָב מיך געפעדערט, כ׳בין צוגעלאָפן צו דער טיר און איך האָב זיך געוואונדערט: ווער קאָן דאָס קלינגען אַזוי שפּעט אין אָוונט?

ווען איך האָב אָן עפן געטאָן די טיר, איז אויף דער שוועל געשטאַנען שלום אַש, איןביידע הענט די צוויי שווערע וואַליזעס, אָנגעטאָן אין דער שווערער בורקע און ער האָט אַ היכן לאַך גע־טאָן. ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט פאַר דער ייִנגליש־אָפּגעטאָענער טאַט...

איך האָב אין אים דערזען דעם ריכטיקן „שלמה נגיד״, נאָר מיט אַן אָפּגעגאָלטער באָרד... ער האָט אויסגעזען ווי אַ רייכער ייִדישער וואַלד־סוחר אין פּוילן אָדער אַ גוט־באַזיצער.

— וואָס איז געשען? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— עס איז מיר געוואָרן אומעטיק, בין איך אַהיימגעקומען.

יאָ, אַש קאָן זיך דערלויבן אויף אַזעלכע קאַפּריזן, און ער איז אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעכע קאַפּריזן...

אָבער פון דעם איינעם בליק אויפן שניי אין די אַלפּן איז מיט עטלעכע טעג שפּעטער געבוירן געוואָרן דאָס פּראַכטפולע קאַפּיטל „דער משפּט״, וואו עס רעדט זיך וועגן שניי. ווען מען לייענט איבער די בלעטלעך, וואו עס ווערט געשילדערט דאָס סמאָלע־ייִדל, דער שבתי־

צבינ׳ק, ווען מען געפינט אַ פאַרפּרוירענעם אין די בלענדנדיקע פּוילישע שנייען, ווערט אַזש קאַלט אין אַלע אברים. פאַרן גרויסן קינסטלער איז גענוג געווען בלויז צו וואַרפן אַ בליק און איינגאַנצן זיך איבערנעמען מיטן געמיט, וואָס עס שיינט אַראָפּ פון דער בלענדנ־דיקער אַלפּן־ווייסקייט.

דאָס בוך איז געוואַקסן אין דער צאָל זייטלעך און אויך אין פאַרנעם. איך האָב געפילט, ווי איך שטיי ביים געבוירט פון אַ גראַנדיעז ווערק.

מיט אַן ערך עטלעכע טעג שפּעטער, ווען איך בין אַרויפגעקו־מען צו די אַשס, דאָס איז געווען אין אַ שבת־צונאַכטס, רופט זיך צו מיר אַש אָפּ:

— ררראַזענבעריג, איר ווילט אויסהערן צוויי נייע קאַפּיטלעך, וואָס איך האָב אָנגעשריבן?

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיט פאַרגעניגן אָנגענומען זיין אָנבאָט. קיינער איז אין הויז נישט געווען. מאַדזשע איז געהאַט אַוועק אַליין אין טעאַטער, די דינסט האָט צוגעגרייט טיי מיט צו־בייסן. אַש האָט מיך באַזעצט אין זיין פאָטעל, אויף וועלכן ער זיצט ביים שרייבטיש, אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן און האָט אָנגעהויבן לייענען.

דאָס לייענען די קאַפּיטלען האָט געדויערט איבער אַ שעה צייט. דאָס איז געווען אַ פּראַכטפולע עסיי וועגן חסידיזם, וואָס האָט גע־קאָנט געלייענט ווערן אַלס רעפעראַט פאַר אַ געקליבענעם אינטעלי־גענטן עולם, אָבער בשום אופן נישט איז עס געווען בעלעטריסטיק. עס האָט נישט אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פון זיין ראָמאַן.

איך האָב אים געזאָגט מיין מיינונג.

— איר זענט גערעכט... מאַדזשע האָט מיר דאָס זעלבע געזאָגט...

און אַש האָט די צוויי קאַפּיטלען אין בוך נישט אַריינגענומען, ער האָט זיי טאַקע געלייענט אַלס רעפעראַט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער אין לאָנדאָן און אין ווין פאַר אַ צאָל סטודענטן, וועלכע האָבן אים איינגעלאַדן צו האַלטן אַ רעפעראַט. ער האָט מיר דערנאָך דערציילט, אַז ער האָט מיט דעם דאָזיקן רעפעראַט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

אַש איז נישט קיין איינגעשפּאַרטער, און ווען מען מאַכט אים אויפמערקזאַם, אָדער מען זאָגט פאַר אים אַרויס אַ מיינונג, וואָס לייגט זיך אויפן שכל, האָט ער ליב צו האָרכן.

נאָך אַ ביישפּיל פון אַשס אָנערקענען אַ זאַך, וואָס וואָלט אפשר

אַן אַנדערן קינסטלער באַליידיקט אָדער ער וואָלט זיך נישט געלאָזט באַאיינפלוסן, ווייל עס וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען.

עס איז געווען אין אַ געוויסן אָוונט. איך בין אַרויפגעקומען צו אַשן אין שטוב, אַריינגעגאַנגען צו אים אין קאַבינעט און געזען, ווי אַש איז זייער שטאַרק פאַרטאָן, ער האָט מיך אַפילו נישט גע־הערט אַריינקומען. ער סקריפּעט מיט דער פען, ער סאָפּעט שווער און אָטעמט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. פּלוצלינג זע איך, ווי ער נעמט דאָס אָנגעשריבענע זייטל און גיט עס אַ וואָרף אויפן טיש מיט אַזאַ כעס, אַז עס וואָלט אפשר גלייכער געווען, אַז איך זאָל זיך באַצייטנס אָפּ־טראָגן פון דאָרטן...

איך האָב טאַקע געמאַכט אַזאַ פּרואוו, אָבער ער האָט זיך גראָד אומגעדרייט און מיך דערזען.

— אָ, ראָזענבערג, איר זענט דאָ, איך האָב איך גאָרנישט גע־הערט אַריינקומען!...

איך זע, אַז עס איז מיט זיין שטימונג נישט אַזוי שלעכט...

— וואָס איז מיט אייך, אַש? — האָב איך אים געפרעגט — איר זענט עפּעס אַזוי אויפגערעגט!

— עס גייט נישט... איך האָב שוין עטלעכע זייטלעך אָנגע־שריבן און צעריסן... עס גייט מיר נישט, איך בין עפּעס צעמישט היינט, אפשר פון מידקייט... — האָט ער זיך באַקלאָגט.

— טאָ לייגט אָוועק, עס וועט שוין זיין אויף היינט גענוג, אַש! — האָב איך אים געפּרואווט אָפּרעדן פון שרייבן דעם אָוונט.

— איך מוז עס היינט פאַרטיק מאַכן... — האָט ער אַן איינ־געשפּאַרטער צו מיר זיך אָנגערופן.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון קאַפּיטל צוויי פון צווייטן טייל: „די קרעטשמע און איר פּריץ". עס ווערט אין דעם אָנהויב געשיל־דערט די קרעטשמע, וואו עס זענען פאַרזאַמלט די פּויערן פון דאָרף, מען רויכערט און מען פּיפּקעט, אַז די שטוב איז אַזש פאַרזונקען אין אַ וואָלקן פון רויך און מען זעט קיין מענטשן נישט אַרויס.

איך האָב אַזוי שטייענדיק אַן אַ זייט, באַוויזן איבערצולייענען דאָס זייטל. עס איז געווען פּרעכטיק אָנגעשריבן, אָבער עפּעס האָט דאָרט געפעלט, וואָס איז אים, דעם גרויסן קינסטלער, נאָך נישט גע־פעלן געוואָרן.

— אפשר וועט איר עס מאַכן ... — גיט צו מיר אַש אַ זאָג אין שפּאַס, זעענדיק, ווי איך לייען אַזוי פאַרטיפט דאָס זייטל.

— גוט!... — זאָג איך אויך אין שפּאַס.

אַש טרעט מיר אָפּ זיין פאָטעל און איך זעץ זיך אָוועק צום

שרייבטיש און הויב אָן אין אַשס סטיל צו שרייבן דאָס אָנגעהויבענע זייטל. איך האַלט מיך אין אַשס ליניע, אין זיין לשון, וואָס איז מיר שוין געהאַט געוואָרן נאָענט און אייגן.

ווען איך האָב פאַרענדיקט דאָס זייטל, לייען איך עס איבער אַשן.

— איר זענט אַ קינסטלער! — זאָגט צו מיר אַש און קלאַפּט מיר איבער דער פּלייצע.

איך האָב מיך געפילט שטאַרק געשמייכלט פון אַזאַ קאָמפּלימענט, און נאָך מער געשמייכלט האָב איך מיך געפילט און פיל זיך נאָך היינט, וואָס אַט דאָס דאָזיקע זייטל איז פאַרבליבן אויף לעולם ועד אין דעם „תהלים־ייד״...

אַש איז גראָד יענעם אויפדערנאַכט געווען אין אַן אויסערגעווײנלעך גוטער שטימונג. וואָרים אַן אַנדערש מאָל, ביי אַזאַ ענלעכן פאַל, האָב איך געכאַפּט אַ גרויסן אָפּשניט פון אים און מיר האָבן זיך גוט צעקריגט. אָבער וועגן דעם אין אַן אַנדער קאַפּיטל...

עס האָט זיך דערנעענטערט דער פרילינג און עס האָט זיך אויך דערנעענטערט דער סוף פון שרייבן דעם „תהלים־ייד״. דערווייל זענען פאָרגעקומען אויף דער וועלט וויכטיקע געשעענישן, צו וועלכע אַש האָט אַלס יידישער שריפטשטעלער גענומען אַ שטעלונג.

עס איז געווען דאָס קומען פון היטלערן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. אַ טרויעריקע שטימונג האָט באַהערשט אַשן. מען האָט געפילט ממש, ווי דער דאָזיקער ייד טראָגט אויף זיך דעם צער פון יידישן פאָלק. ער האָט אויסגעזען שלעכט און צעטראָגן אין זיינע געדאַנקען. ער האָט גאַנצע טעג די פעדער נישט גענומען אין דער האַנט אַריין. דער גרויסער יידישער קינסטלער האָט דערפילט דאָס שוידערלעכע אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף יידן.

איך געדענק, עס איז געווען אין חודש יאַנואַר, 1933, דער טרויעריקסטער חודש אין דער וועלט־געשיכטע און נאָך טרויעריקער פאַר דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. עס איז געקומען אַ גאַסט קיין ניצע, אַשס אַמעריקאַנער פאַרלעגער מר. מינטאָן, פון פּוטנאַמס, מיט דער פרוי. ער איז געקומען פאַרהאַנדלען מיט אים וועגן „תהלים־ייד״, וואָס ער האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן אויף ענגליש. מר. מינטאָן האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן און געהאַט גרויס דערפאָלג מיט אַשס „פאַרן מבול״, אָדער ווי עס הייסט אויף ענגליש: „טהרי סיטיס״. אַש האָט דאָך געדאַרפט זיין זייער צופרידן פון דעם גרויסן דערפאָלג, אָבער ער איז געווען אינגאַנצן צעבראָכן.

ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט די מינטאַנס און מיט מאַדזשען אין אַ רעסטאָראַן, דערנאָך אין דער אָפּערע און איך בין געבליבן אין שטוב צוגעשמידט צו דער ראַדיאָ, וועלנדיק הערן דעם רעזולטאַט פון די וואַלן אין דייטשלאַנד. דאַמאָלס האָט מען דאָס געקליבן די אויס־דערוויילטע אין דייטשישן רייכסטאַג, וואו היטלער האָט געקריגן אַן איבעררעשנדיקע מערהייט פון שטימען.

ווען אַש איז אַהיימגעקומען שפּעט ביינאַכט, האָט ער מיך דאָס ערשטע געפרעגט וועגן דעם אויסגאַנג פון די וואַלן. איך האָב אים געזאָגט דעם ביטערן אמת, און ער איז בלאַס געוואָרן.

— איך וויל שטאַרבן... — האָט ער טרויעריק אַ מורמל גע־טאָן.

אין יענע טעג האָבן זיך אָנגעהויבן די דייטשישע רדיפות קעגן יידן, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, ווי אויך די אינסצעניזירטע שרפה פון רייכסטאַג אין בערלין. די נאַציס האָבן אויך אָנגעהויבן מאָרדן זייערע קעגנער אין אויסלאַנד. אַזוי זענען טאַקע אויך דערשאָסן גע־וואָרן די צוויי יידישע טעאַטערלייט, די ברידער ראָטער, אין דער שווייץ.

אַש האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן די נאַציס און ספּעציעל קעגן היטלערן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן מאָרד. ער האָט היטלערן באַצייכנט אַלס דער, וואָס דינגט מערדער און הרגעט מענטשן אין אויסלאַנד. דאַמאָלס, אין יענער צייט, צען יאָר פאַר די גאַז־אויוונס און פאַר מיידאַנעק און טרעבלינקע, האָט מען נאָך געקאָנט פרוואון זאָגן צו היטלערן: „שעמען זי זיך, הער קאַזאַק!"...

אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דער־זען אין אַשס מאַנוסקריפּט, דעם איבערגעשריבענעם אויף דער מאַ־שין, אויסגעמעקט די שאַרפע אויסדריקן... (עס האָט זיך צווישן אונדז אַזוי געפירט: אַש פלעגט מיר דערלאַנגען זיין כתב־יד. איך האָב פאַרראָכטן דאָס וואָס מען דאַרף, אויסגעגליטעט די שפּראַך און דערנאָך איבערגעשריבן אויף דער שרייבמאַשין און צוריק איבער־געגעבן אַשן, וועלכער האָט נאָך געמאַכט די לעצטע קאָרעקציעס און דאַמאָלס האָב איך דעם איבערגעקוקטן מאַנוסקריפּט צוריקגעקריגן, געדאַרפט איבערלייענען, אפשר זענען פאַראַן נאָך קאָרעקציעס צו מאַכן. און ערשט דאַמאָלס האָב איך אַוועקגעשיקט איין קאָפּיע צום „פאָר־ווערטס" קיין ניו־יאָרק און אַ צווייטע קאָפּיע צום „היינט" קיין וואַרשע).

ווען איך האָב אַשן איבערגעפרעגט, מיט אַ ביסל פאַרדראָס אין

מיין טאָן, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אַזוי וועט זיין בעסער. איך האָב פּראָטעסטירט און פאַרלאַנגט דורכאויס, אַז די שאַרפע אויסדריקן זאָלן צוריק אַריינגעשטעלט ווערן; איך האָב אָנגעווענדט מיין גאַנצן טאַלאַנט פון איבערצייגן און איך האָב אויסגעפּירט. כ׳האָב צוריק אַריינגעשטעלט די שאַרפע אויסדריקן און אַוועקגעשיקט דעם אַרטיקל אין די צייטונגען.

דאָס איז געווען ערב פּסח. איך האָב מיך געאיילט צום סדר און דאָ איז מיר די שרייבמאַשין קאַליע געוואָרן. איך האָב געשאָלטן היטלערן מיט אַלע נאַציס אַריינגעבראָקט און איך האָב אויך געהאַט גרויס תרעומות אויף דער אומבאַקאַנטער פּערזאָן, וואָס האָט גע־פּרואווט צו באַאיינפלוסן אַשן די שאַרפע אויסדריקן קעגן ימח שמו־ניק אַרויסצוואַרפן. איך האָב געהאַט אַ חשד, אַז עמיץ פון די צאָל־רייכע דייטש־יידישע פּליטים, רייכע יידן, וואָס האָבן דאַמאָלס געהאַט מאַסנווייז אַריינגעשטראָמט אין דער פראַנצויזישער ריוויערע, האָט אַשן באַאיינפלוסט נישט „איינצורייסן״ מיט היטלערן...

אָבער איך האָב דאָס אַרטיקל פאַרטיק געמאַכט צום דרוק און אַוועקגעשיקט מיט דער פּאָסט און צוגעשטעלט זיך אין צייט צו דעם פּראַכטפולן סדר־טיש אין באַרימטן האָטעל „נעגרעסקאָ״, וואָס איז ניינציק פּראָצענט געווען באַזעצט מיט די רייכע דייטשישע יידן, און זייערע ווייבער האָבן געפינקלט מיט בריליאַנטן. אָט די דאָזיקע יידן האָבן נאָך אַלץ נישט געוואָלט „איינרייסן״ מיט היטלערן.

אַש אַליין האָט מיך צוגערעדט צו גיין צום דאָזיקן סדר, וואוהין איך בין איינגעלאַדן געוואָרן אַלס פאַרשטייער פון וואַרשעווער „היינט״. ווארים עס איז טאַקע געווען וואָס צו זען אויף דעם דאָזיקן סדר, וואוהין איך האָב אויך פאַרבעטן אויף אייגענער אחריות מיין גוטן פריינט, דעם מאָלער הענריק לעווענשטאַט מיט זיין ווייבל. אַש מיט מאַדזשען זענען געגאַנגען פראַווען דעם סדר ביים ניצער שוחט.

צומאָרגנס האָב איך מיך מיט אַשן שאַרף איבערגעווערטלט צוליב דעם דאָזיקן אַרטיקל. ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט שענקען. ער האָט זיך געווערט קעגן מיר ווי אַ לייב. ער האָט מיך אָנגערופן „באָלשעוויק״ דערפאַר, וואָס איך צווינג אויף אים אַרויף מיין מיי־נונג. ער האָט אַרגומענטירט מיט מיר: „מיין פריינט מענדעלסאָן (מאיר, שלמה מענדעלסאָנס ברודער), כאָטש ער איז אַ הייסער בונ־דיסט, פונדעסטוועגן צווינגט ער אויף מיר נישט אַרויף זיין בונדיזם, און איר זענט אַ באָלשעוויק!״...

אָט דער זעלבער אַש, וועמען מ׳האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער פאַרשריגן פאַר אַ קאָמוניסט, איז ביי אים דער צונאָמען „באָלשעוויק״

געווען דאָס ערגסטע זידל־וואָרט, וואָס ער האָט מיר דאַמאָלס געקאָנט דערלאַנגען... פונקט ווי טייל האַרצלאָזע און נשמהלאָזע פאַרשווינען אין אונדזער ליטעראַרישן געמויזעכץ פאַרשרייען אים היינט אַלס „משומד״, און ווען זיי וויסן, ווי אַש האָט געהאַסט די עטלעכע משומדים, וואָס האָבן זיך אַרומגעפּאַרעט אין ניצע! אָבער וועגן דעם — אין אַן אַנדער קאַפּיטל.

אַש האָט גאָר גיך פאַרגעסן אין דעם אינצידענט, אין וועלכן אויך מאַדזשע האָט זיך אַריינגעמישט און מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך פאַרשאַף אַשן עגמת נפש מיט מיין וועלן אַרויפצווינגען אויף אים אַן אַנדערע מיינונג. עס האָט מיך דאַמאָלס אויף איר זייער שטאַרק פאַר־דראָסן און איך האָב זי אויף אַ העפלעכן אופן געבעטן נישט אַריינ־צומישן זיך אין אונדזערע ענינים...

מיר זענען ווידער געווען גוטע פריינט.

אַש האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעוואָרפן אין זיין אַרבעט. ער האָט דאַמאָלס געשאַפן די פּראַכטפולסטע קאַפּיטלען פון „תהלים־ייד״, ווי דאָס קאַפּיטל וועגן קאָצקער רבין, „די גאָלדענע שטייג״, דאָס קאַפּיטל וועגן ר׳ יחיאל דעם תהלים־ייד, „וויסע גענדז״... אַש האָט גע־פלאַקערט דאַמאָלס מיט הייליקייט. די סצענע ביים טייך גיחון אין גן עדן... פּאָעטישע קאַפּיטלען איינס נאָך דעם אַנדערן, וואו עס ווערט געמאָלן די גרויסקייט און איידלקייט פון יידישן גייסט — ווי אַן ענטפער דעם טמאדיקן שרץ היטלער פאַר זיינע רדיפות אויף דעם אויסדערוויילטן פאָלק!...

ווען איך דערמאָן מיך היינט וועגן יענע טעג, וואָס אַש האָט געשאַפן דאָס יידישסטע ווערק אין אונדזער שיינער ליטעראַטור, כאַפּט מיך אָן אַ כעס אויף די גאַרנישטן, וואָס דערוועגן זיך אויך דעם „תהלים־ייד״ צו פאַרשרייען אַלס קריסטלעך ווערק...

בלויז פאַרן „תהלים־ייד״ האָבן די אומווירדיקע אָנפאַלער אויף שלום אַשן געדאַרפט האַלטן די מיילער און נישט לאָזן פאַלן אויף זייער גרעסטן קינסטלער קיין שטויבעלע שמוץ. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דווקא דערפאַר טאַקע, וואָס קיינער פון זיי איז נישט אימ־שטאַנד צו דערהויבן זיך צו אַזאַ הויך און צו שאַפן אַזאַ גרויס ווערק, דעריבער האָט אין אַלעמען געפלאַקערט דאָס אומהייליקע פייער פון קנאה־שנאה...

אַש פלעגט זיך אין איינזאַמע מינוטן פאַר מיר מתנצל זיין: „וואָס ווילן זיי פון מיר, די יידישע שרראַבערס, איך האָב צו זיי גאָר־נישט... וואָס האָבן זיי זיך אויף מיר אָנגעזעצט?...״

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז נאָך געווען ווייט פון

שמד־בלבול!... עטלעכע יאָר, איידער אַש האָט אָנגעהויבן שרייבן דעם „מאַן פון נצרת״...

שלום אַש האָט געהאַט איין שלאָגנדיקן ענטפער: ער האָט געשאַפן וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקערע און וואָגיקערע ווערק, וואָס האָט די קעגנער זיינע, מישטיינס געזאָגט, פּריטשמיעלעט.

דער „תהלים־ייד״ האָט געהאַלטן ביים געענדיקט ווערן.

קאַפּיטל צען

# שלום אַש קריגט פּוילישן מעדאַל

דאָס איז געווען אין ווינטער, סוף 1932, אָדער אָנהויב 1933, ווען אַש האָט געשריבן דעם „תהלים־ייד". עס איז געווען אַן אויסטערליש פּאַסקודנער וועטער, וואָס מ'איז צו אַזוינס גאָרנישט צוגעוואוינט געווען אויף דער ריוויערע. עס האָט זיך אַפילו אויף אַ שעה צייט געהאַט אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטער שניי און ווייס גע־מאַכט אין ניצע דעם פּראָמענאַד דעז'אַנגלעי. דער שניי איז אָבער באַלד צעגאַנגען און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיטערער בלאָ־טע.

יענעם פאַרמיטאָג בין איך, ווי געוויינלעך, אַרויפגעקומען צו אַשן. איך האָב געדאַרפט ביי אים נעמען קאָפּיע פון אַן אָנגעשריבן קאַפּיטל, צוריק אַהיימגיין צו זיך אין פענסיאָן און עס באַאַרבעטן.

ווען איך בין אַריבערגעטרעטן די שוועל פון אַשס קאַבינעט, גייט ער מיר אַקעגן מיט אַ צופרידענעם שמייכל:

— רדראָזענבעריג, וואָלט איר געוואָלט מיט מיר מיטגיין אין פוילישן קאָנסולאַט אָפּנעמען מיין מעדאַל? דער מעדאַל איז דאָך שוין אָנגעקומען, און מ'האָט נאָך מיר געשיקט רופן.

— מיט פאַרגעניגן וועל איך מיט אייך מיטגיין — האָב איך אים געענטפערט — איך וויל טאַקע צוזען די פּראָצעדור, ווי אַזוי מען קריגט אַ מעדאַל...

— און ווי זאָגט איר, פאַניע רדראָזענבעריג, דאַרף איך טאַקע אָננעמען דעם מעדאַל? אייערע שרדאַבערס אין ליטעראַטן־פאַראיין

וועלן דאָך זאָגן, אַז איך האָב דעם מעדאַל נישט געברויכט אָננע־מען!...

איך האָב אים געעצהט אָנצונעמען דעם מעדאַל, און דערביי האָב איך אים דערקלערט, אַז דאָ גייט מער נישט אין יאָ אָננעמען אָדער נישט אָננעמען דעם מעדאַל; איצט, ווען דער מעדאַל איז שוין באַ־שטימט געוואָרן און אויב ער וועט אים נישט אָננעמען, קאָן דערפון אַרויסקומען אַ גרויסע רעה פאַרן פוילישן יידנטום.

— פאַרגעסט נישט — האָב איך אים געזאָגט — אין פוילן לעבן איבער דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן, און איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ שלעכטן איינדרוק עס וועט מאַכן אייער אָפּ־זאָג. איר שטעלט אין קאָן דעם אַזוי אויך מיזעראַבלען „וואווילזיין" פון די יידן אין פוילן.

— איר זענט גערררעכט! — האָט אַש מיט אַ שמייכל זיך אָנ־גערופן — אָבער איר זאָלט וויסן־זיין, אַז איך וועל אָפּלייגן דעם גאַנצן „בייגל" אויף אייך. איך וועל אַלעמען זאָגן, אַז איר האָט מיך געהייסן נעמען דעם מעדאַל...

פאַרשטייט זיך, אַז די ווערטער האָט אַש געזאָגט אין שפּאַס. איך האָב אים, אויך אין שפּאַס, פאַרזיכערט, אַז איך נעם דעם „בייגל" אויף מיר, און אַז די שרייבער אין וואַרשע וועלן אויך מסכים זיין מיט מיר. אָט ווען ער, אַש, וואָלט לכתחילה נישט באַשטאַנען אויף דעם מעדאַל, וואָלט געווען איינגאַנצן אַנדערש. עפּעס אַנדערש איז אָבער איצט, ווען דער מעדאַל איז שוין באַשטימט געוואָרן דורך דער רעגירונג און ער ליגט שוין אין היגן פוילישן קאָנסולאַט!...

איך האָב שוין צו גוט געקענט און תופס געווען אַשן. אַש האָנדלט שטענדיק און אין אַלע פאַלן ווי אַ קליין קינד. אַ קינד האָט ליב אַ שפּילכל. עס האָט אים געשמייכלט צו טראָגן אין דער לאַץ אַ רויט קנעפּל, און ביי אַ געלעגנהייט, בעת אַ פוילישן נאַציאָנאַלן יום טוב, אויב ער וועט ערגיץ־וואו אָפּיציעל איינגעלאַדן ווערן, וועט ער דעמאָלט אָנטאָן אויף דער ברוסט דעם מעדאַל גופא...

יאָ, עס איז געווען גאָר אַ וואָזשנע מעדאַל — אַ „פּאָלאָניאַ רעס־טיטוטאַ" (דאָס באַנייטע פוילן). אין שפּאַס האָט מען דאָס אָנגערופן: „פּאָלאָניאַ פּראָסטיטוטאַ"...

אין האַרץ האָט מיך אָבער שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס אַש, דער גרויסער יידישער שריפטשטעלער, האָט נישט געהאַט דעם בויטיקן מוט און די ווירדע לכתחילה נישט איינצוגיין אויף דעם פאָרשלאָג פון געבן אים אַ מעדאַל. דער אויסרייד פאַרן מעדאַל איז געווען, אַז שלום אַש האָט הערלעך באַשריבן פוילן, די פוילישע לאַנדשאַפט, די

פוילישע ווייסל. יאָ, ער איז ווערט געווען אַ מעדאַל, אָבער — ווען דאָס גיט אים אַן אָנשטענדיקע פוילישע רעגירונג און נישט דער האַלב־פאַשיסטישער סאַנאַציע־רעזשים. און כדי די דאָזיקע מיינונג מיינע אונטערצושטרייכן, האָב איך אַשן דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי אַזוי מען האָט מיר אויך פאַרגעשלאָגן דעם זעלבן מעדאַל פאַר איבערזעצן דאָס פוילישע נאָבעל־פּרעמירטע ווערק „כלאָפּי" (פּויערן). איך האָב מיך פון דעם צווייפלהאַפטן כבוד אָפּגעזאָגט, נאָך אײדער עס איז געקומען אין די הויכע פענצטער אַריין.

איך האָב דאָס אים בכיוון דערציילט מיט אַלע פּרטים, כדי עס זאָל אים קלאָר ווערן מיין אויפריכטיקע שטעלונג צום ענין „פּוילישער מעדאַל", און ער זאָל וויסן־זיין, אַז כאָטש איך נעם אויף מיר דעם „בייגל", און איך הייס אים איצטער יאָ אָננעמען די "פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ", בין איך וויט־וויט נישט מסכים, אַז אַ בכבודיקער יידישער שרייבער און דערצו נאָך פון דעם קאַליבער ווי שלום אַש, זאָל בכלל אַריינגיין אין וועלכע־ס'איז מחזקות מיט די קרייזן, וואָס שטעלן־צו אַ מעדאַל...

און אַט, וואָס איך האָב אים דערציילט:

איך בין פריער געווען אַזוי נאַאיוו צו מיינען, אַז דער מאַרשאַל פּילסודסקי שלאָפט נישט קיין נעכט און טראַכט נאָר, ווי אַזוי צו באַלוינען אַ פאַרדינסטפולן יידישן שרייבער מיט אַ הויכער אויסצייכנונג פאַר זיין שיין באַשרייבן פּוילן. עס איז, ווי אין דער מגילה שטייט: „בלילה ההוא נדדה שנת המלך"... — אין יענער נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, האָט ער זיך געהייסן ברענגען שלום אַשס ביכער און זיי דורכגעלייענט און געזען, אַז דער ייד האָט זיך פאַרדינט אַ מעדאַל. האָט ער דעמאָלט צוזאַמענגערופן אַלע זיינע שרים און באַפוילן זיי דעם יידישן שרייבער שאַלאָם אַש צו געבן אַ „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ". אַזוי האָב איך מיר פאַרגעשטעלט...

האָט זיך אָבער געמאַכט אַ צופאַל, וואָס אַני הקטן בין שיער נישט געשטרויכלט געוואָרן מיט קריגן אַ מעדאַל, און איך האָב דערזען, ווי אַזוי דאָס געקעכץ ווערט צוגעגרייט...

צו קריגן אַ מעדאַל פאַר מיין איבערזעצונג פון „פּויערן" האָב איך באַקומען פאַרשלאָגן פון צוויי פּערזאָן, אוןביידע האָבן זיי זיך אָנגעקערט מיט דעם זעלבן קוואַל — מיט דער סאַנאַציע...

עס איז געווען אַ יידישער דיכטער, וועלכער האָט זיך, לא עלינו, אויסגעגליטשט און איז פון אַ סאָציאַליסט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָנהענגער פון דעם האַלב־פאַשיסטישן און אפשר גאַנץ־פאַשיסטישן

סאַנאַציע־רעזשים. פשוט: ער איז געוואָרן אַ פּילסודסקי־מענטש. נו, איז אים געגאַנגען אין לעבן — מסתמא האָט ער זיינע באַלע־באַטים אַזוי צוגעזאָגט — צו שאַפן צווישן די שרייבער אויף טלאָמאַצקע 13 אַ גרופּע סאַנאַציע־אַנהענגער. מוז מען דאָך אָנהויבן פון עפּעס: צום ערשט קריגט מען אַריין איינעם און דערנאָך אַ צווייטן, און אַזוי אַרום ווערט געשאַפן אַ גרופּע, מיט וועלכער מען וועט קאָנען קומען צום באַלעבאָס און ווייזן, וואָס מ׳האָט אויפגעטאָן.

איז דער גורל געפאַלן, אַז איך זאָל זיין דער ערשטער, צו וועמען ס׳זאָל זיך ווענדן דער דאָזיקער דיקטער, וועלכער איז נאָר־וואָס גע־קומען צו פאָרן פון פּאַריז, וואו ער האָט זיך געהאַט באַזעצט. פאַר־געקומען איז עס אויף אַזאַ אופן:

איך בין אַריינגעקומען אין ליטעראַטן־פאַראיין, האָב איך באַ־מערקט זיצן ביים „באַקאַנטן" קאַפּליע־איווון אַרום אַ טישל דעם באַ־באַרימטן שריפטשטעלער און מיין ליטעראַרישן קוואַטער, י. מ. ווייַ־סענבערג, שמועסנדיק מיט יענעם דיכטער. ווען ווייסענבערג האָט מיך דערזען, האָט ער מיך צוגערופן און צו מיר אַזוי געזאָגט:

„ראָזענבערג, באַקענט אייך מיט חבר „איקס", איך מוז שוין אַוועקגיין עפּעס דערליידיקן. שמועסט זיך דורך און איר וועט דערפון אַ סך געניסן!..."

ווייסענבערג איז אַוועקגעגאַנגען און איך האָב מיך אַנידערגע־זעצט ביים טישל שמועסן מיט דעם סאַנאַציע־דיכטער. איך וויל דערביי אויפמערקזאַם מאַכן, אַז עס זאָל קיינעם, חלילה, אויף קיין איין רגע נישט איינפאַלן צו באַשולדיקן ווייסענבערגן, אַז ער האָט עפּעס געוואוסט פון שאַפן אַ סאַנאַציע־גרופּע אָדער נישט. ער איז געווען אַזוי ווייט פון פּאָליטיק, כרחוק מזרח ממערב. יענער האָט אין אים אַריינגערעדט, און ביי ווייסענבערגן איז עס געווען פּשוט: מען דאַרף שלמה ראָזענבערגן, אַן אייגענעם יאַט, אַ טובה־טאָן...

דער שמועס מיטן דיכטער האָט זיך געדרייט אַרום דעם, אַז „איך האָב אויפגעטאָן אַ געוואַלטיקע זאַך מיטן איבערזעצן „פּויערן", ווייסענבערג לויבט מיך זייער שטאַרק און ער אַליין האָט אויך גע־לייענט, און — ס׳איז סכנת־נפשות..."

„פאַר אַזאַ אויפטו — האָט אין מיר אַריינגערעדט דער דיכ־טער — קריגט מען ביי דער מלוכה אַ מעדאַל, אַ ,פּאָלאָניאַ רעסטי־טוטאַ׳, אָבער..."

און דאָ איז געקומען יענער „אָבער" ווי אַלע „אָבערס": היות אין ליטעראַטן־פאַראיין האָבן זיך אַריינגעכאַפּט קאָמוניסטן, עס איז דאָ אַ גאַנצע גרופּע אַזעלכע, דאַרף מען דער רעגירונג ווייזן, אַז נישט

אַלע יידישע שרייבער זענען קאָמוניסטן און אַז עס זענען דאָ אויך אַנהענגער פון דעם מלוכה־רעזשים. דעריבער דאַרף מען אַזאַ גרופּע גרינדן, און דאָס וועט ראַטעווען די מערכה פון טלאָמאַצקע 13, וואָס איז אין גרויס חשד ביי מלכות...

„היות דאָס וועט מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק ביי דער רעגירונג, ווען איך וועל זיי איבערגעבן, אַז איר, דער איבערזעצער פון „כלאָפּי" (פּויערן), איז אַן אַנהענגער פון דער סאַנאַציע — און פאַרוואָס זאָלט איר עס טאָקע נישט זיין? מיר לעבן דאָך אין פּוילן... און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער..."

איך האָב שוין געזען, מיט וואָס דאָס שמעקט, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און גאַנץ העפלעך דעם דיכטער געזאָגט, אַז איך דאַנק אים פאַר זיין גוטער מיינונג וועגן מיין איבערזעצונג פון „פּויערן", אָבער בטבע האָלט איך נישט פון קיין מעדאַלן... עס זעט אויס ביי מיר קאָמיש, ווען מען הענגט זיך אַן אַ בלעכל אויף דער ברוסט, ס'פּאַסט פאַר קינדער...

און איך בין פון אים אַוועק, אויסמיידנדיק אים נאָכאַמאָל צו באַגעגענען.

דערמיט איז די זאַך נאָך נישט געווען געענדיקט. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז אין אַ געוויסן אָוונט צו מיר צוגעקומען אַ מאַן, וועמענס נאָמען איז געווען: הילאַרי מאַסטבוים. ער איז געווען אַן אינזשעניער אין ליטעראַטן־פאַראיין, אַן אַזוי גערופענער „גאַסט".

דער דאָזיקער הילאַרי מאַסטבוים איז אַמאָל געווען אַ פּוילישער לעגיאָניסט און דעריבער אַ גרויסער מיוחס. שפּעטער איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים ביי פּולקאָווניק סלאַוועק, וועלכער איז אין איין צייט געווען פּרעמיער־מיניסטער אין פּוילן. מאַסטבוים איז געווען אַ גאַנץ וואויל מענטשל. מען האָט אים אין ליטעראַטן־פאַראיין געדולדעט. מ'האָט געהאַט פון אים גרויסע טובות. אַ שרייבער האָט געדאַרפט אויף איינדערגיך אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, אָדער מ'האָט געדאַרפט אַן אַרעסטירטן שרייבער אַרויסנעמען פון תפיסה, וכדומה — האָט הילאַרי מאַסטבוים דאָס שנעל און זיכער דערליידיקט. ער איז געווען, ווי כ'האָב געזאָגט, אַ וואויל אָבער דערביי אַ נישט צו איבערגעשפּיצט מענטשל.

איז אָט דער דאָזיקער הילאַרי מאַסטבוים אין איין אָוונט צו מיר צוגעקומען אין ליטעראַטן־פאַראיין און האָט אַן שום פאַררעדעס צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, ראָזענבערג, איר קאָנט איינס און צוויי קריגן אַ מעדאַל, אַ „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ". איר האָט אויפגעטאָן אַ גרויסע

זאָך מיטן איבערזעצן אַזאַ וויכטיק ווערק פון דער פּוילישער ליטע־ראַטור, ווי „כלאָפּי". איר דאַרפט נאָר זאָגן „יאָ" און איר האָט אַן אויסצייכנונג!...

— נו, זאָג איך „ניין"!... — האָב איך שמייכלענדיק אים אָפּ־געענטפערט.

דער הילאַרי מאַסטבוים איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי מען נעמט און מען וואַרפט אַוועק, אַזוי נישט מיר נישט דיר, אַזאַ הויכע אויסצייכנונג!...

דערמיט איז דער ענין מעדאַל פאַר מיר געווען פאַרענדיקט.

אָט די דאָזיקע גאַנצע געשיכטע האָב איך דערציילט שלום אַשן און דערמיט געגעבן אים אַנצוזאָגעהערן, אַז ווען ער וויל נישט, וואָלט ער קיין מעדאַל נישט געקריגן און די שרייבער אין וואַרשע וואָלטן נישט געהאַט צו אים קיין פּרעטענזיעס.

— אָבער איצט, ר' שלום — האָב איך צוגעגעבן, אַז מען האָט אייך שוין באַשאָנקען מיט דעם מעדאַל, וואָלט געווען אַ פאַרברעכן קעגן פּוילישן יידנטום, אַז איר זאָלט זיך פון אים אָפּזאָגן.

איך האָב געפילט, אַז אַ סך צורעדן דאַרף איך אים נישט. אַש האָט געלעכצט נאָך דעם מעדאַל, ווי אַ קינד לעכצט נאָך אַ שיין, גלאַנציק שפּילכל...

און איך בין מיטגעגאַנגען מיט אַשן אין פּוילישן קאָנסולאַט. קיין גרויסע צערעמאָניעס, ווי איך האָב מיר געהאַט פאָרגעשטעלט, האָט מען דאָרט נישט געמאַכט. דער קאָנסול, אייגנטלעך — אַן ערן־קאָנסול, אַ פראַנצויז, וואָס האָט קיין פּויליש וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן, האָט אויפגעהויבן פון זיין טיש אַ שיין שקאַטולקעלע, אינעווייניק אויסגעבעט מיט בלויען סאַמעט, און ווען מען האָט עס אַן עפן־געטאָן, האָט אויפגעבלישטשעט אַ גאָלדענער מעדאַל, אויף וועלכן עס איז געווען אין לאַטייניש אויסגעפּרעגט: „פּאָלאָניאַ רעס־טיטוטאַ". דערלעבן איז געווען צוגעלייגט אַ קליין ראָזעטקעלע, אַזאַ רויט קנעפּל, וואָס די אַלע, וואָס באַזיצן מעדאַלן, טראָגן עס אין דער לאַץ מיט גרויס שטאָלץ...

שלום אַש האָט עס צוגענומען, באַדאַנקט און מיר זענען אַרויס אויף דער בלאָטיקער גאַס, וואָס האָט זיך אַזוי צוגעפּאַסט צו ניצע, ווי דער פּוילישער מעדאַל צו שלום אַשן...

ס'איז געווען פאַראויסצוזען: עס איז אויסגעבראָכן אַ שטיקל סקאַנדאַל. מיט אייניקע וואָכן שפּעטער, ווען אין דער יידישער וועלט

איז באַוואוסט געוואָרן, אַז שלום אַש האָט געקריגן אַ מעדאַל פון דער פּוילישער מלוכה, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק, אונטערגעשריבן פון דוד פּינסקי, וועלכער איז דאַ־מאָלס געווען פּרעזידענט, און מיט אַ געוואַלטיקן ירגזון איז ער אַרויס אין דעם בריוו, אַז אַש דאַרף שוין נעמען דעם מעדאַל פון דער פאַ־שיסטישער פּוילן און אָפּשיקן אים יוזעף פּילסודסקין אין הויז און הויף אַריין!... דוד פּינסקי איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער פריינט פון שלום אַשן (אַזוי עד היום), האָט ער איצט געפונען אַ גוטע געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט אים.

אַש האָט זיך געפילט געטראָפן. עס איז פּאַרט נישט קיין קליי־ניקייט: דער יידישער פּען־קלוב, וועמענס ערן־פּאַרזיצער ער איז געווען, שיקט אים אַזאַ שטרענגע אויפפאָדערונג, אַז ער זאָל שוין נעמען דעם מעדאַל, צוריק איינפּאַקן אין בלויען סאַמעט־איינגעבעטן שקאַטולקעלע, און אים אָפּשיקן, פון וואַנען ער איז געקומען...

אַש האָט מיך אָנגעקוקט אַ טרויעריקער און מיט אַ ביסל פאַר־וואורף, ווי איינער זאָגט: „נו, איר זעט, איר האָט דאָך מיר גע־עצהט דעם מעדאַל יאָ אָנצונעמען, און איצט אַזעלכע „טראָבל" (צרות)!...

איך האָב אים געטרייסט און פאַרזיכערט, אַז דער ניו־יאָרקער פּען־קלוב האַנדלט אומפאַראַנטוואָרטלעך, און נאָך מער אומפאַראַנט־וואָרטלעך האַנדלט דוד פּינסקי גופא.

„זיי איז גוט — האָב איך געטענהט — זיי וואוינען אין פרייען אַמעריקע און זיי פילן פשוט נישט, וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפע עס וואָלט געווען פאַרן פּוילישן יידנטום, ווען איר האָרכט זיי און איר שיקט צוריק דעם מעדאַל!"...

„אין וואַרשעווער פּען־קלוב — האָב איך צוגעגעבן — וועט מען גאָר אַנדערש דערויף רעאַגירן"...

און כך־הווא: אין דער זעלבער וואָך אָדער עפּעס מער איז אָנ־געקומען אַ בריוו פון וואַרשעווער פּען־קלוב, אונטערגעשריבן פון אהרן צייטלין, וועלכער איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט, און ער האָט געזאָגט פּונקט דאָס קאַפּויערדיקע. וואָרים אהרן צייטלין און אַזוי די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון יידישן פּען־קלוב האָבן דאָך געוואוינט אין פּוילן... איך געדענק נישט גענוי דאָס לשון, אָבער קאָלעגע אהרן צייטלין האָט מיר דאָ אין ניו־יאָרק באַשטעטיקט, אַז ער האָט אַזאַ בריוו, אין דעם זין, טאַקע געשריבן. וואָרים עס וואָלט דאָך געווען הימל־עפן־זיך!... אין קליינינקייט: אָפּשיקן פּילסודסקין דעם מע־

דאָל. די גאַנצע פּוילישע פּרעסע וואָלט זיך אָפּגעריסן ווי די משוגענע הינט, און ערשט די רעגירונג אַליין!...

און אַזוי איז אַש געבליבן ביים פּוילישן מעדאַל, מיט וועלכן ער האָט פּאַראַדירט אויף אַלע יום טובים, און אַ גאַנצע וואָך האָט ער מיט שטאָלץ געטראָגן דאָס רויטע קנעפּעלע אין דער לאַץ.

אָט איז די פּרשה „פּוילישער מעדאַל". דאָס איז געווען, ווי אויבן געזאָגט, סוף 1932, אָדער אָנהויב 1933, ווען אַש האָט געשאַפן דאָס גראַנדיעזע ווערק דעם „תהלים־ייד".

קאַפּיטל עלף

# שלום אַש אין שטוב און אויף דער גאַס

שלום אַש האָט זייער ליב באַקוועמלעכקייט, צו גיין אָנגעטאָן עלעגאַנט, טראָגן די טייערסטע אָנצוגן און וועש, און — ער קאָן זיך דאָס דערלויבן. אַש איז אָבער, אַ חוץ דעם, גאָר שטאַרק פאַרקאָכט אין אַנטיקן, ווי: אַלטע חנוכה־לאָמפּן, זילבערנע קידוש־בעכערס, כתובות פון עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, זעלטענע ספרים, אַלטע מעבל פון לואי דעם פופצנטן. ער האָט ליב און ער שפּיגלט זיך אין זיינע קונסט־בילדער. און ער איז טאַקע אַ מבין אויך! די פּאַריזער מאָלער האָבן שוין געוואוסט, אַז אויב אַש קויפט ביי עמיצן אַ בילד, איז ער שוין אַן אָנערקענטער...

אַש קאָן אַרומשפּאַצירן איבער די אַנטיק־געשעפטן גאַנצן שעהן און נישט מיד ווערן צו קוקן, צו באַטאַפּן און נאָך אַמאָל באַקוקן; בשעת־מעשה שפּילן ביי אים די אויגן ווי ביי אַ קליין צעפּיעשטשעט קינד, ווען מען וויזט אים אַ שיינע צאַצקע... אַלע קונסט־הענדלער אין פּאַריז, ניצע און אַפילו אין אַנדערע לענדער האָבן אים שוין געקענט, און מען האָט אים אונטערגעטראָגן כלערליי מציאות, מען האָט אים געשריבן בריוו און אים פאָרגעלייגט פאַרשידענע קונסטווערק, זעלטענע ביכער, אַלטע ספרים און חומשים. ער האָט שוין געהאַט זיינע געשוואוירענע צושטעלערס אין אַלע מקומות. דער עיקר האָט ער די אַלטע ביכער און ספרים געקריגן פון אַ ידישן בוכהענדלער אין ווין, איידער זי איז פאַרשלונגען געוואָרן דורך די נאַציס.

ווען ער בלייבט אַמאָל אַליין אין שטוב און קיינער זעט נישט, קאָן ער זיך אַוועקשטעלן ביי אַזאַ אַנטיקוואַרער מנורה אָדער חנוכה־לאָמפּ, האַלטן דאָס זעלטענע חפץ אין דער האַנט און באַוואונדערן; מען זעט בחוש, ווי ער שיינט פאַר גרויס תענוג. ווען איך בין געווען מיט אים אין הויז, האָט עס אויך געהייסן, אַז ער איז אַליין... ער האָט מיך געהאַלטן פאַר גאָר אַן אייגענעם, פאַר וועמען מען קאָן אַלץ דערציילן און אַפילו אָפּטאָן נאַרישקייטן...

האָט זיך אַש דערוואוסט דורך עפּעס אַ „זעקסטן" חוש, אַז ערגיץ־וואו ביי אַ קונסט־הענדלער אין אַן אָפּגעלעגן געסל געפינט זיך עפּעס אַ געמעל, וואָס מען זאָגט דערויף, אַז עס איז אַ „קאַראַ", גיט ער זיך אַ רוף־אָפּ צו מיר: „ראָזענבעריג, איר ווילט מיטגיין אַ קוק טאָן?"...

איך בין געגאַנגען. אַוודאי האָב איך געוואָלט זען דעם אַנטיק. איך בין ביסלעכווייז מיטגעשלעפּט געוואָרן פון זיינע גליסטונגען צו שיינע זאַכן און איך בין געוואָרן אַ מבין אויף בילדער. איך האָב שוין געקאָנט אונטערשיידן אַ בילד פון אַן אַלטן מאָלער און וויסן, צו וועמענס פּינזל עס געהערט.

די קונסט־הענדלער פּלעגן אים אַפילו מיטגעבן דאָס בילד אַהיים צו באַקוקן און געניי עס דורכצושטודירן, ביז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג: „ניין, עס איז נישט קיין קאַראַ"...

אָבער די הנאה פון גיין, זוכן און פאָרשן און אַנטרינקען דאָס אויג מיט די ליכטיקע פאַרבן פון אַלטע געמעלן מיט הונדערטער יאָרן צוריק, האָט ער שוין געהאַט. דאָס אַליין איז ביי אים אויך געווען אַ גרויס געווינס.

אַש האָט, אַ חוץ דער האָבי פון זאַמלען אַנטיקן און קונסט־בילדער, נאָך אַ האָבי. און דאָס איז: אַסטראָנאָמיע! איר וועט אַלע שטוינען (איך מיין די יעניקע, וואָס האָבן זיך און אַ גאַנצע וועלט איינגערעדט, אַז אַש קאָן גאַרנישט און ווייסט גאַרנישט, ער איז אַ „רויער" טאַלאַנט): אַש איז שטאַרק אַנגעלייענט מיט פאַרשידענע ווערק וועגן אַסטראָנאָמיע און ער קאָן מיט אייך, שפּאַצירנדיק, אָפּ־רעדן גאַנצע שעהן דערפון. אגב, האָב איך שוין אין קאַפּיטל זעקס, „אַ באַזוך ביי אַשן הינטער פּאַריז", וועגן דעם געשריבן.

אַש איז אויך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, ער ווייסט דייער אַ סך און ער קאָן רעדן דערוועגן גאַנצע שעהן. עס איז ממש אַ פאַרגעניגן מיט דעם דאַזיקן מענטש צו פירן אַ געשפּרעך אויף ליטעראַרישע טעמעס.

איך האָב מיך שטענדיק אַליין געפרעגט, נאָכדעם ווי איך האָב מיט אַשן געשמועסט: „פונוואַנען האָבן דאָס די שרייבאַרעס, אַזוי אין וואַרשע און אַזוי אין ניו־יאָרק, גענומען די לעגענדע, אַז אַש איז אַן „עם הארץ"? זיי האָבן די לעגענדע אַזוי פאַרשפּרייט (דאָס איז דער כוח פון דער געבעלס־פּראָפּאַגאַנדע!), אַז אַפילו פשוטע מענטשן, וועלכע נעמען זיך דאָס רעכט צו רעדן וועגן אַשן, ווען זיי אייך אָפּלויבן זיין גרויסן טאַלאַנט אַלס שריפטשטעלער, אָבער פונדעסטוועגן באַלד צוגעבן: ,כאָטש ער איז אַן עם הארץ'. און איך פלעג מיך פרעגן: וואָס מיינט דאָס אַן עם הארץ?... מיט וואָס איז דער שרייבער פלוני בן אַלמוני אַ תלמיד חכם, און שלום אַש, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַזעלכע ווערק, צו וועלכע מען קאָן לכל הדעות נישט זיין קיין עם הארץ, ווי אַ ,תהלים־ייד', אַ ,מאַן פון נצרת' — וויפיל זיי זאָלן נישט האָבן אויסצוזעצן קעגן דעם דאָזיקן גראַנדיעזן ווערק (איך וועל מיך אומקערן דערצו, ווען איך וועל אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך באַשרייבן די צייט, ווען אַש האָט געשריבן דאָס דאָזיקע בוך) — איז יאָ אַן עם הארץ!... נאָר גיי פאַרשטיי אַזאַ סתרי־תורה!...

יעדנפאַלס, פאַר מיין שכל איז דאָס געווען אומבאַגרייפלעך!

אַש, רעדנדיק אַמאָל מיט מיר אָפנהאַרציק און מיט פאַרביטערט־קייט וועגן דער שרעקלעכער באַציאונג צו אים מצד געוויסע יידישע שרייבער, האָט ער זיך אויסגעדריקט — דאָס איז געווען נאָך אַ באַ־זוך ביי געראַרדט הויפּטמאַן אויף דער איטאַליענישער ריוויערע, אין סאַן רעמאָ, און הויפּטמאַן האָט אים אַזוי האַרציק און ברידערלעך אויפגענומען: „איך ווייס נישט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם — ביי די יידן האַלט מען מיך פאַר אַ נאַר און ביי די גוים האַלט מען מיך פאַר אַ חכם מחוכם!"...

אין דעם דאָזיקן פאַרטרויליכן זאַג איז געווען מער שפּאַס און איראָניע, ווי ערנסט. אַש איז טאַקע פאַרביטערט, אָבער ער ווייסט פון וואַנען „די פיש שמעקן"... ער ווייסט פון וואַנען עס נעמט זיך קעגן אים די דאָזיקע נישט פריינטלעכע באַציאונג — דאָס איז פון קנאה־שנאה...

איך געדענק אַ סצענע, ווי אַ באַרימטער יידישער שרייבער, אָבער וועלכער איז גלייכצייטיק אויך „באַרימט" אַלס אומאויסהיילבאַרער פסיכאָפּאַט, איז געהאַט אַמאָל אַשן באַפאַלן, אָן שום סיבה, אויף דער פּראָמענאַד דעז'אַנגלעי אין ניצע און אים אָנגעהויבן צו זידלען ווי אַ מאַרק־יידענע מיט די שענדלעכסטע רייד, אים אָנגערופן מיט זיינס אַן אויסגעטראַכטן נאָמען: ,מאָצני וואַוויטעק'... עס איז ממש געווען אַ חרפה און שאַנד פאַר מענטשן...

שפעטער, ביי זיך אין שטוב, האָט אַש צו מיר געזאָגט, אָן אויפ־רעגונג, נאָר מיט אַ געוויסער שטימונג פון אַן אומשולדיקן מענטש, וואָס איך האָב באַוואונדערט: „וואָס וויל ער פון מיר האָבן?... איך האָב אים גאַנץ ליב, ער איז אַ גררויסער שראַבער!"...

אָבער דאָ איז ווידער די קנאה־שנאה, און איך וועל אויף אַ וויל אָפּטרעטן פון מיין טעמע און איבערגעבן אַ קוריאָז:

איך האָב געוואוינט מיט דעם דאָזיקן „פּסיכאָפּאַט" אין שכנות הינטער פּאַריז. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן. ער פלעגט מיך איינ־לאַדן אויף אָונטערוויט צו זיך אין רייכן הויז. ער האָט זיך מיר נישט איינמאָל דערקלערט אין „ליבע"... אַז ער האַלט פון מיר אַ גוזמא!... זיצן מיר אַמאָל און שמועסן, ווער ס'וועט אין יענעם יאָר קריגן דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור. עס איז אַרומגעגאַנגען דאַמאָלס אַ קלאַנג, און איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז עס איז נישט געווען בלויז אַ קלאַנג, נאָר איך האָב געלייענט אַ בריוו פון איצט פאַרשטאָרבענעם רב הכולל אין שוועדן, ד"ר מרדכי עהרנפּרייז, צו אַשן, וואו ער זאָגט אים אָן די בשורה, אַז ער וועט באַשטימט זיין אַ קאַנדידאַט פאַר דער נאָבעל־פּרעמיע. אינמיטן שמועס וועקט זיך אויף ביים פּסיכאָפּאַט די רציחה און ער גיט אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אויפן פּיען פון אַ בוים (מיר זענען געזעסן און געשמועסט אין אַ וואַלד) און ער שרייט אויס: „איך וועל נישט דערלאָזן, אַז ,מאַצני וואָויטעק' זאָל באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע!"...

איך האָב אַלס ענטפער בלויז אַ שמייכל געטאָן: קוקטס אים אָן — ער וועט נישט דערלאָזן!...

עס האָבן אָבער מסתמא נישט דערלאָזט אַנדערע עלעמענטן, פּאָ־ליטישע און דיפּלאָמאַטישע, אָבער זיכער נישט דער פּסיכאָפּאַט... אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַ־טור אין יענעם יאָר באַקומען דער רוסישער שריפטשטעלער איוואַן בונין, אָן שום ספק — אַ קנאַפּערער טאַלאַנט פון שלום אַשן...

אַש איז דאַמאָלס אַזוי זיכער געווען, אַז ער וועט קריגן דעם נאָבעל־פּריז — דאָס איז געווען שוין נאָכן „תהלים־ייד" אָדער נאָכן „ביים אָפּגרונט" — אַז ער האָט מיר הייליק צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט פאַרן אָפּנעמען די פּרעמיע, וועט ער מיך מיטנעמען קיין שטאָק־האָלם בייצוואוינען די פייערלעכע צערעמאָניע. בלויז די אויסזיכט, אַז שלום אַש קאָן נאָך אַמאָל „חלילה" באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע, האָט ביי דער „האַרציקער" יידישער שרייבער־משפּחה אַריינגעבראַכט אַ פייער אַפילו ביי די יעניקע, וואָס האָבן אַפילו נישט געחלומט

אויף דער וואָך, אַז זיי קאָנען די נאָבעל־פּרעמיע קריגן. מילא, פון דעם פּסיכאָפּאַט איז דאָך אָפּגערעדט — ער האַלט, אַז ער איז דער איינציקער קאַנדידאַט דערויף!...

**אינטערעסאַנט** איז, ווי אַזוי שלום אַש פאַרברענגט זיין טאָג.

אַש הויבט זיך אויף פון שלאָף זייער פרי. ווי נאָר ער נעמט זיין באָד, ראַזירט זיך אָפּ, טוט זיך אָן און עסט אָפּ פרישטיק — אַ גרעיפּפרוכט, צוויי אייער, אַ גלאָז קאַפע מיט צוויי שטיקלעך צוגע־באַקן ברויט — זעצט ער זיך שוין אַוועק צום שרייבטיש אַרבעטן. ער שרייבט, צי ער איז יאָ געשטימט אָדער נישט געשטימט.

„ווען איך זאָל וואַרטן אויף דער מוזע" — האָט ער מיר איינ־מאָל געזאָגט אין אַן אויפגעלייגטן מאָמענט — „וואָלט איך שיין אויס־געזען!...״

די דאָזיקע דערקלערונג האָט ער מיר געמאַכט ביי דער גע־לעגנהייט, ווען ער האָט מיך אונטערגעיאָגט, אַז איך זאָל זיך נעמען עפּעס שרייבן; און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב נישט די מוזע, האָט ער מיר דאָס דאַמאָלס געגעבן דעם אויבנדערמאָנטן ענטפער. ער האָט מיר דערביי געגעבן אַ גוטע עצה:

„פאַרקויפט אין אַ צייטונג אייערס אַ ראָמאַן, דעמאָלט וועט איר שוין מוזן שרייבן, אַנדערש וועט איר קיינמאָל גאָרנישט טאָן, איר זענט אַ פוילאַק!״...

איך האָב נאָך דאַמאָלס נישט געוואוסט, אַז ווען איך וועל אַמאָל קומען קיין אַמעריקע, וועל איך באַנוצן זיין „רעצעפּט״, און — עס וועט ווירקן...

אַש קאָן אַזוי אָפּזיצן מיט איינמאָל פיר־פינף שעה ביים שרייב־טיש און נישט מיד ווערן צו שרייבן. דער געדאַנק זיינער לויפט גי־כער ווי די פען און ער פאַרפעלט דעריבער גאַנצע ווערטער, טיילמאָל עטלעכע ווערטער אויף אַמאָל, און איך האָב געמוזט אָפטמאָל ברעכן זיך דעם קאָפּ, וואָס ער האָט געמיינט. ערשט, איך כאַפּ זיך, אַז ער האָט דורכגעלאָזט אַ וואָרט אָדער צוויי.

פּלוצלינג פאַלט אים עפּעס איין, גיט ער זיך האַסטיק אַ שטעל אויף פון דער שטול, הויבט־אָן צו זוכן די ברילן, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך צום שפּאַצירן; און טאָמער געפינט ער נישט די ריכ־טיקע פּאָר ברילן, טוט זיך חושך... ער שרייט און בייזערט זיך און

פון זיין מויל רייסט זיך אַמאָל אַרויס אַ קוטנער קללה: „אַ כאָ־לעריע!”...

און ווען ער געפינט שוין, אָדער בעסער געזאָגט: מאַדזשע גע־פינט אים אויס די ריכטיקע פאַר ברילן, לייטערט זיך באַלד אויס זיין פנים און ער שמייכלט שוין האַרציק און פריינטלעך. אַש פאַרמאָגט, נעמלעך, צוויי פאַר ברילן, איינע צום שרייבן און אַ צווייטע צום שפּאַ־צירן. אַש איז אומרואיק, צעטראָגן ווען ער שרייבט אַ בוך און ער איז אויסערגעוויינלעך קאַפּריזנע. טאָמער שטעלט מען אים מיט עפּעס נישט צופרידן, איז ער גרייט אייך קורע כדג צו זיין...

די אַרבעט פאַר אַשן פלעג איך טאָן ביי זיך אינדערהיים, אין דעם פּענסיאָן „מיראַמאַר”, וואו איך האָב געוואוינט אויפן צווייטן שטאָק. די פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ זייטיק שמאָל גע־פלאַסטערט ווענגל. פאַר די פענצטער אונטן זענען געוואַקסן, אַ חוץ אַ ים מיט פאַרשידנקאָלירנדיקע בלומען, צוויי פאַלמען־ביימער, איינע אַ הויכע און אַלטע און די צווייטע — אַ נידעריקע און יונגע. איך האָב זיי ביידע אין געדאַנק פאַרגליכן צו אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. דער גאָרטן מיט בלומען אונטן האָט פאַר מיין צימער אויבן געדינט ווי אַ פּערפומעריע...

גאַנץ אָפט פלעג איך מיטאַמאָל דערהערן דעם באַקאַנטן רוף פון שלום אַשן:

— ררראַזענבעריג!...

איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ: אַש שטייט אָנגעטאָן אין אַ לייכטן מאַנטל, אַ ברוינעם בערעט אויפן קאָפּ. דער ווינט לאָזט זיך וואויל־גיין מיט זיין שוואַרץ־גרויער טשופּרינע, וואָס קריכט אָפּער פון אונ־טערן בערעט און ער מאַכט מיט דער האַנט און שרייט אַרויף צו מיר:

— מיין שקלאַף, שוין גענוג געאַרבעט פאַרן באַלעבאָס!... קומט אַראָפּ אַ ביסל שפּאַצירן!...

איך האָב מיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. איך האָב גערן אַוועק־געלייגט די אַרבעט און געלאָזט זיך גיין מיט מיין „באַלעבאָס” אויף אַ שפּאַציר אין די בערג. די שפּאַצירן זענען געווען וואונדערלעכע. מיר פלעגן לאַנגע מינוטן שווייגן און באַטראַכטן גאָטס צויבערלעכן באַ־שאַף — די הויכע אַלפּן מיט די שנייאיקע שפּיצן פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט האָט צו אונדז געלויכטן דער בלויער מיטל־לענדישער ים.

אינמיטן פון אַזאַ שפּאַציר פלעגט זיך אָפּטמאָל אַש פּלוצלינג אָפּשטעלן, אַרויסגענומען אַ ביכעלע פון קעשענע און פאַרשריבן אַ גע־

דאַנק, וואָס איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן. אַש האָט אַפילו בעת אַ שפּאַציר געשאַפן און איז געווען פאַרטאָן אין זיינע מחשבות. טיילמאָל פלעגט ער, נישט צו וויסן פון ווען און פון וואַנען, אָנהויבן רעדן וועגן עפּעס אַ העלד, וואָס דאַרף נאָך אויסגעקריסטאַליזירט ווערן אין זיין מוח, כדי שפּעטער פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ געשטאַלט פון בלוט און פלייש.

ער האָט שוין דאַמאָלס, ווען ער האָט געשריבן דעם „תהלים־ייד", געטראַכט אַוודאי וועגן „איסט־ריווער" אָדער וועגן „גראַסמאַן און זון". עפּעס געדענקט זיך מיר, אַז ער האָט אויפן קול „געטראַכט" וועגן אָט אַזעלכע העלדן. פאַרשטייט זיך, אַז דער נאָמען פון דעם דאָזיקן בוך האָט נאָך נישט עקזיסטירט, אָבער די העלדן זענען שוין געווען אין עמבריאָן־צושטאַנד... ער איז שוין „שוואַנגער" געווען מיט זיי...

בעת אַזעלכע שפּאַצירן, וואָס זענען גאָר אָפּט פאָרגעקומען, פלעגט אַש ווערן זייער אינטים און דערציילן מיר זאַכן, וואָס ער וואָלט אפשר ביי אַן אַנדער געלעגנהייט נישט דערציילט. ער האָט זיך פאַר מיר אַראָפּגערעדט פון האַרץ. ער האָט מיט מיר פיל גערעדט וועגן אַב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס". דאָס איז נאָך געווען עט־לעכע יאָר פריער, איידער יענער האָט אים אַריינגעשריבן דאָס „באַרימ־טע" בריוועלע וועגן „מאַן פון נצרת"... ער האָט גערעדט מיט פאַר־ביטערונג וועגן אים, ווי וועגן אַ פאַסקודנעם דיקטאַטאָר, וועלכער האָט פאַרלאַנגט, אַז אויך ער, שלום אַש, זאָל זיין צו אים אונטערטעניק. קאַהאַן האָט אים בפירוש מקנא געווען דעם גרויסן נאָמען, וואָס ער האָט געקריגן אין דער וועלט. ער האָט נישט איינמאָל געפּרואווט אויף אַשן אָנוואַרפן זיין מיינונג, וואָס פאַר אַ טעמע ער זאָל שרייבן. פאַרשטייט זיך, אַז אַש איז נישט פון די „לייכטע" מענטשן, וואָס זאָלן זיך צו־האָרכן צו אַן אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „קידוש השם" פון אַשן איז אַ שונד־ראָמאַן... און אַש האָט זיך טאַקע ביי אים נישט געפרעגט קיין עצות און נישט צוגעהאָרכט זיך צו אים. איז די שנאה צו אַשן מצד דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" געוואַקסן, ביז זי האָט זיך צעפּלאַקערט ביי דער ערשטער געלעגנהייט...

איך האָב נאָך דאַמאָלס נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָס פאַר אַ „פּריי" דער דאָזיקער אַב. קאַהאַן איז. דער נאָמען זיינער איז מיר, ווי אַנדערע שרייבער פון פּוילן, זייער באַקאַנט געווען, אָבער וואָס פאַר אַ שטייגער מענטש דאָס איז, האָב איך זיך ערשט דערוואוסט מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער גורל האָט מיך געבראַכט קיין אַמעריקע און דורך אַ צופאַל איינמאָל זיך צוגעהערט, אויפן ניינטן שטאָק פון דעם

„פאַרווערטס"־בנין, וואָס פאַר אַ „לעקטשור" ער האָט געהאַלטן פאַרן טאַלאַנטפולן שריפטשטעלער יונה ראָזענפעלד. ער האָט אים „געלערנט", ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן אַ דערציילונג, און דערביי געמאַכט פון דעם אָרימען מענטש נעבעך אויסצודרייען, און אַ געוויסער קאַלעגע, וועמענס נאָמען איך וויל נישט פורש בשמו זיין, איז געשטאַנען דערביי און צוגעבאַמקעט אין ראָזענפעלדס אָנוועזנהייט צו אַלץ, וואָס דער דיקטאַטאָרישער רעדאַקטאָר האָט געזאָגט...

ערשט אין אַמעריקע האָב איך פאַרשטאַנען אַשס רייד וועגן אַב. קאַהאַנען דאַמאָלס אויפן שפּאַציר איבער די אַלפּן הינטער ניצע. (וועגן אַב. קאַהאַנס „באַרימטן" בריוול אין שייכות מיטן „מאַן פון נצרת" — ביי דער געהעריקער געלעגנהייט!)...

אַן אינטערעסאַנטן קוריאָז איז כדאי צו דערציילן וועגן איינעם אַזאַ שפּאַציר אויפן וועג פון ניצע קיין מאָנטע־קאַרלאָ. אַש איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון גיין צופוס ווייטע שטרעקעס. דאָס האָב איך נאָך געהערט דערציילן פון וויסנבערגן, ווי אַזוי ער און שלום אַש האָבן געשפּרייזט איבער פוילישע שטעט און שטעטלעך.

איינמאָל קומט צו מיר אַש און לייגט פאָר, מיר זאָלן מאַכן אַ שפּאַציר. דאָס איז געווען סתם אַ שפּאַציר אָן אַ ציל. עס איז גראָד געווען אַ פראַכטפולער זוניקער ווינטער־טאָג און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט קיין ווילפראַנש, אַן אַלטער קליינער האַפן נישט ווייט פון ניצע. פון דאָרט האָבן מיר מאַרשירט באַרג אַרויף קיין עז, אַ קליין שטעטעלע ווי אַ פויגל־נעסט אין די בערג, פון וואַנען מען זעט, אַראָפּקוקנדיק אונטן, די באַרימטע מאָנטע־קאַרלאָ. עס דאַכט זיך — נאָר אַ שפּרונג אַראָפּ צו טאָן פון באַרג און מען לאַנדעט גלייך אויפן דאַך פון קאַסינאָ, וואָס שפּיגלט זיך אין די בלויע כוואַליעס פון מיטללענדישן ים.

אויפן וועג, צווישן די בערג, געפינען זיך געהיימע מיליטערישע וועגן. פראַנקרייך האָט זיך צוגעגרייט צו פאַרטיידיקן קעגן איר נישט־פיינעם שכן בעניטאָ מוסאָליני. אין די בערג־שפּאַלטן זענען געווען איינגעפעסטיקט באַהאַלטענע ריזיקע קאַנאָנען און אַנדערע מלחמה־מכשירים, וואוהין קיין פּריוואַט מענטשלעך אויג איז נישט דערלויבט אַריינצוקוקן. בפרט, אַז עס איז געשטאַנען אַ שוואַרצער סלופּ און אַ טאָוועל אויף אים מיט אַן אויפשריפט: „מיליטערישער וועג — פאַרבאָטן!"...

ביים נייגעריקן קינסטלער עקזיסטירט אָבער נישט אַזאַ זאַך, ווי

„פאַרבאָטן״... קיינער זעט דאָך נישט, עס איז נישט געווען קיין לע־בעדיקע נשמה אַרום, האָט זיך אַשן פאַרוואָלט דווקא דאָרט אַ קוק טאָן, וואו מען טאָר נישט... און ער האָט אויך מיך אַנגעשטעקט מיט זיין נייגעריקייט. מיר האָבן אָנגעהויבן פּאַוואָליע צו שפּרייזן איבער דעם פאַרבאָטענעם וועג, אומקוקנדיק זיך פונדעסטוועגן, צי עס קומט ווער נישט אָן...

ניין, קיינער איז נישטאָ... עס איז דאָרט, צווישן די בערג, גע־ווען אַזוי שטיל ווי פאַר ששת ימי בראשית.

מיר גייען און גייען, און — פּלוצים, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס — אַ מחבל מיט אַ שוואַרץ הויך היטל, מיט רויטע קאַנטן באַ־זוימט, ווי עס טראָגן די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען.

— שטיין בלייבן!...— דערהערן מיר דעם באַקאַנטן, אָבער נישט זייער אַנגענעמען רוף פון אַזאַ שטייגער באַמונדירטן חברהמאַן.

מיר זענען געבליבן שטיין. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט?... אַש איז געוואָרן בלאַס און איך בין געבליבן שטיין גלייכגילטיק און גע־וואַרט מיט נייגעריקייט, וואָס דאָ וועט אַרויסקומען. עס האָט מיך געוויילט די גאַנצע מעשה. איך קאָן נישט אויף מיר זאָגן, אַז איך בין אַזאַ גרויסער העלד... אָבער איך האָב שוין גאָר גוט געקענט די פראַנצויזן. אין פראַנקרייך, נישט ווי אין אַמעריקע, האָט מען גאָר גרויס דרך־ארץ פאַר אַ זשורנאַליסט. אַ מענטש פון דער שרייבערי־שער פּראָפעסיע איז דאָרט אַ גרויסער תקיף און פירט אויס אַלץ אין דער וועלט.

היות איך האָב ביי זיך אין קעשענע געהאַט מיין מיטגליד־ביכעלע פון דער אויסלענדישער פּרעסע, בין איך געווען זיכער, אַז עס וועט מיר גאָרנישט געשען... דער זשאַנדאַרם איז זייער שטרענג. ער קוקט אויף אונדז מיט אַ בליק, וואָס וואָלט געזאָגט: „ענדלעך האָב איך אייך, צוויי שפּיאָנען, געכאַפּט!״... ער האָט שוין אַוודאי אין גע־דאַנק אויסגעחשבונט, וואָס פאַר אַן אויסצייכנונג ער וועט קריגן פון דער רעגירונג און וואָס פאַר אַ כבוד מען וועט אים אָנטאָן פאַר זיין גרויסער העלדישקייט...

— ווער זענט איר, און וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ שטים, וואָס וואָלט אַ טויטן לעבעדיק געמאַכט — צי ווייסט איר נישט, אַז דאָס איז אַ פאַרבאָטענער וועג פאַר ציווילע?...

איך בין געווען דער ראש המדברים, ווייל אַש האָט פאַר שרעק נישט געקאָנט דאָס מויל עפענען.

— ניין, מיר האָבן נישט געוואוסט — רוף איך מיך אָן און שפּיל

זיך מיטן זשאַנדאַרם ווי אין קאַץ־און־מויז. איך ווייז אים נאָך אַלץ נישט מיין מאַגישע קאַרטע, ער זאָל זען, הייסט עס, וואָס פאַר אַ שיש־קעס מיר זענען...

— איר האָט מיט זיך אייערע פּאַפּירן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אַלץ נאָך מיט דער זעלבער שטרענגער שטים.

— געוויס האָבן מיר... — האָב איך געענטפערט פאַר מיר און פאַר אַשן.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט פריער צו אַשן, אַלס צום עלטערן מענטש, דעם מער „פאַרדעכטיקטן"... ער האָט געוואָלט טאַקע די פּאַפּירן ממש.

אַש הויבט אָן זוכן אין אַלע קעשענעס: ער האָט נישט ביי זיך קיין פּיצל פּאַפּירל, אַ חוץ דאָס ביכעלע, וואו ער פאַרשרייבט די איינגעפאַלענע געדאַנקען וועגן זיינע העלדן אָדער צוקונפטיקע העלדן...

איך שטעל מיך אַרויס אין פראָנט, זעענדיק, ווי אַש טרייסלט זיך איינגאַנצן פאַר שרעק. ער האָט שוין מסתמא געטראַכט, אין וואָס פאַר אַ טורמע ער וועט היינטיקע נאַכט איבערנעכטיקן... און איך דערקלער דעם זשאַנדאַרם, אַז ער האָט דאָ נישט אָנגעטראָפן אויף עפּעס יינגעלעך און אַוודאי נישט אויף קיין שפּיאָנען; דער נאָמען פון דעם מסיע איז — שלום אַש, אַ באַרימטער שריפטשטעלער, אַן אַמעריקאַנער בירגער, און אַזוי ווייטער. איך האָב אויפגעוויקלט אַ גאַנצע מגילה פון זכות־אָבות...

אָבער עס העלפט נישט. דער זשאַנדאַרם דרייט מיטן קאָפּ. ער איז נישט צופרידנגעשטעלט פון מיינע אויסגערעכנטע זכיותן פאַר אַשן.

— און איר ווער זענט? — גיט ער מיך אַליין שוין אַ פרעג מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע.

איך נעם אַרויס מיין פּרעסע־ביכעלע מיט אַ „פּיקטשע", ווי עס געהער צו זיין, און איך דערלאַנג אים.

דער זשאַנדאַרם האָט זיך אויפן אָרט געביטן. עס זענען ביי אים, זע איך אויף זיין פּנים, פאַרשוואונדן אַלע חלומות וועגן אַן אויס־צייכנונג, וועגן אַ לויב־בריוו און ער האָט גאָר, פאַרקערט, מורא געקריגן, אַז ער זאָל אַמאָל נישט פון זיינע העכערע אָפיצירן כאַפּן קיין גאָב, וואָס ער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט אַזאַ „גדול"...

ער דערלאַנגט מיר צוריק אין דער האַנט אַריין דאָס פּרעסע־ביכעלע מיט גרויס העפלעכקייט און מיט אַ קניקס, און מיט אַ ווייכן טאָן פרעגט ער מיך שוין:

— קאָנט איר מיר גאַראַנטירן פאַר דעם דאָזיקן מסיע, אַז ער איז טאַקע אַ שרייבער?...

איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף אַשן און איך האָב געזען אויף זיין פנים, אַז ער אָטעמט שוין לייכטער אָפּ; אויב ער איז שוין ביי רדראַזענבערגן אין די הענט, איז דאָך שוין גוט...

גיב איך אַ מאַך צו אים אויף יידיש אינדערשטיל:

— איר וועט מיר קויפן אַ פונט שאָקאָלאַד, גיב איך מיין גאַראַנטיע (איך בין נאָך דאַמאָלס נישט געווען אויף קיין דיעטע, נישט געוואוסט וועגן קאַלאָריעס און כ׳האָב שטאַרק ליב געהאַט שאָקאָלאַד), אויב נישט, זאָג איך אים, אַז — ניין...

אַש האָט זיך ברייט צעשמייכלט:

— חתן־בחור, איך וועל אייך קויפן שאָקאָלאַד און באַפרייט מיך פון זיינע הענט!...

עס האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס ביים זשאַנדאַרם בין איך מיט מיין פּרעסע־ביכעלע מער באַרימט ווי שלום אַש, און איך האָב אויף מיר גענומען די אחריות, אַז דער דאָזיקער מסיע אַש איז אַ פיינער מענטש און נישט קיין שפּיאָן, נאָר בלויז נייגעריקייט האָט אונדז געפירט אויף דעם דאָזיקן פאַרבאָטענעם וועג.

דער זשאַנדאַרם האָט זיך מיט אונדז העפלעך געזעגנט און מיר זענען ניצול געוואָרן פון גויאישקע הענט.

אַש פלעגט אויך פון צייט צו צייט אָפּשטאָטן אַ וויזיט ביי מיר אין פּענסיאָן, אַ קוק צו טאָן, וואָס זיין שקלאַף מאַכט...

— וואָס דאַרפט איר אַזוי פיל אַרבעטן?... — האָט ער זיך שטענדיק ביי מיר געבעטן.

דערווייל האָט ער זיך אומגעקוקט איבערן צימער, ווי איך וואוין, ווי אַזוי איך האָב זיך איינגעאָרדנט, געכאַפּט אַ בליק אין מיינע כתבים: איך האָב דאַמאָלס גראַד געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַ ראָמאַן פאַרן „היינט". זיין בליק איז געפאַלן אויף מיין שרייבטיש, וואו עס איז געשטאַנען די פאָטאָגראַפיע פון אַ יונג שיין מיידל. ער האָט גענומען דאָס בילד אין דער האַנט אַריין און אָנגעקוקט, באַטראַכט און באַטראַכט, אַ שמייכל געטאָן אונטער די וואָנצעס און אויסגערופן צו מיר:

— רדראַזענבעריג, אָט מיט דעם מיידל זאָלט איר חתונה האָבן!...

איך האָב אים געפאָלגט, אָבער ערשט מיט פיר יאָר שפּעטער...

מיט אַשן איז פיין געווען צו פאַרברענגען, ווען עס איז אים גוט

געגאַנגען אין שרייבן. טאָמער האָט ער זיך אויפגעהויבן אינדערפרי און ער האָט אַ נאַכט פריער געהאַט אָנגעשריבן אַ געלונגען קאַפּיטל, איז ער געווען דער אָנגענעמסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען עס איז געקענט. טאָמער, חלילה, איז אים נישט געלונגען דאָס קאַפּיטל, ער האָט געדאַרפט מעקן און איבערשרייבן, צערייסן און נאָכאַמאָל איבערשרייבן — איז צומאָרגנס נישט געווען צוצוטרעטן צו אים. ער איז געווען אָנגעכמורעט, מיד און מאַט, די גאַנצע וועלט איז אים גע־ווען שולדיק און ער האָט אויף דיר געפונען אַלערליי חסרונות. ער איז נישט געווען מיט זיך.

אין אַזאַ מאָמענט איז אַפּילו נישט גוט געווען מיט אים צו שפּאַצירן, גלייכער אים דאַמאָלס צו לאָזן לויפן, נישט אומקוקן זיך אויף אים.

אין זיין קאַבינעט האָט קיינער, אַ חוץ מיר, נישט געטאָרט אַריינ־קומען אים שטערן. אַפּילו מאַדזשע האָט אויסגעמיטן אַריינצוקומען דאָרט, ווען ער זיצט און שרייבט. זי האָט נאָך פריער, איידער ער איז אַריינגעקומען פון שלאָפצימער, אָוועקגעשטעלט די פרישע רויזן אין דעם שמאָלן הויכן וואַזאָן און זי איז צוריק פאַרשוואונדן צו זיך אין גאַסטצימער. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט ער בלויז אַ הויב אויף געטאָן דעם קאָפּ און מיך אָנגעקוקט. ווען איך האָב צוריק געוואָלט פאַרלאָזן דאָס שרייב צימער, האָט ער מיר קורץ אַ זאָג גע־טאָן:

— זיצט!

אַש איז, ווי שוין דערמאָנט, זייער אַ צעפּיעשטשעטער מענטש, בעסער וואָלט געווען, ווען איך דריק זיך אויס: אַ צעפּיעשטשעטע קינד... ער וואָלט געווען צופרידן, ווי יעדער קינד, אַז מען זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען, זאָגן אים אַ גוט וואָרט, ליבן אים. די ערשטע צייט האָב איך געשטוינט ממש, ווען איך האָב געזען, ווי אַש פרייט זיך זייער, ווען עס איז ערגיץ־וואו דערמאָנט זיין נאָמען. איך האָב געמיינט, אַז אַזאַ באַרימטע פערזענלעכקייט — מער באַרימט קאָן מען זיך דען ווינטשן? — דאַרף שוין זיין אָנגעזעטיקט מיט כבוד און עס דאַרפן אים שוין נישט אַרן די לויב־געזאַנגען. ער איז דאָך שוין צוגעוואוינט דערצו!... אָבער ניין. אַש האָט זיך געוואָלטיק איבערגענומען, ווען ער האָט דערזען זיין נאָמען אין אַ צייטונג, צי אין אַ זשורנאַל, פּונקט ווי אַן אָנפאַנגער, וואָס דערזעט זיין נאָמען אָפּ־געדרוקט צום ערשטן מאָל.

ער האָט ליב געהאַט צו פילן, אַז ער ציט אויף זיך יעדנס אויפ־מערקזאַמקייט, אַז מען זעט אים, מען באַמערקט אים און מען רעדט

וועגן אים. איך האָב אים שטודירט פון דעם דאָזיקן פּונקט און זיך געוואונדערט. מיט דער צייט האָב איך עס אָבער אָנגענומען פאַר גאַנץ נאַטירלעך. אַ שאַפּנדיקער מענטש איז יעדן טאָג, יעדע מינוט אַ נייע פּערזאָן... דאָס נעכטיקע האָט ער שוין פאַרגעסן און ער דאַרף האָבן אַלעמאָל נייע אַנטדעקונגען וועגן זיך.

איך דערמאָן מיך איינמאָל, מיר האָבן שפּאַצירט איבער דער פּראָמענאַד דעז'אַנגלעי, דער ניצער „באָרדוואַק", כמעט אַלע האָבן געקענט אַשן, און אַפילו די, וואָס האָבן אים פּערזענלעך נישט גע־קענט, האָבן זיך אויסגעדרייט אַ קוק צו טאָן אויף אים, ווייל זיין אימ־פּאָזאַנטע פיגור האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. איז גייען מיר אַזוי און מיר שמועסן וועגן פאַרשידענע ענינים; פּלוצלינג שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט מיך אויפן אויער:

— ררראָזענבבעריג, מען קוקט מיר נאָך?...

איך בין שוין דאַמאָלס געווען מיט אים גוט צונויפגעלעבט און איך האָב אים געקענט ווי מיינע צען פינגער. אויף מיר האָט זיין קינדישע פראַגע שוין נישט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט געוועזן געמאַכט באַלד אין אָנהויב. עס איז געווען אַן עכט אַשישע פּראַגע. און איך האָב געענטפערט:

— אַוודאי קוקט מען אייך נאָך, מען קען דאָך אייך דאָ און מען ווייסט ווער איר זענט.

ער איז געווען צופרידן דערפון און דאָס פּנים האָט ביי אים אויפגעלויכטן.

געוויס וועלן זיינע שונאים אַזאַ מין כאַראַקטעריסטישע פראַגע פון אַשן אויפכאַפּן און וועלן אָפּחוזקן, און זאָגן דאָס, וואָס אַש פּילט, אַז מען זאָגט אויף אים: „די יידן האַלטן, אַז איך בין אַ נאַר און די גוים זאָגן, אַז איך בין אַ חכם־מחוכם"... און מיר איז עס גראָד געפעלן. וואָרים אינדערעמתן טראַכטן דאָך אַלע מענטשן פון זיינס ס'גאַל — און אַפילו אַ סך קלענערע — צי מען קוקט זיי נאָך, צי זיי ציען עמיצנס אויפמערקזאַמקייט. ער אָבער, אין זיין קינדיש־קינסט־לערישער נאַאיוויטעט, זאָגט עס אַרויס אָפן, אָן שום באַהעלטענישן און שפּילערייען.

ווען אַש איז אַמאָל אויף דער איינלאַדונג פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט" געפאָרן קיין אַמעריקע אָנפירן מיט אַ קאַמפּאַניע און ער האָט זיך געגרייט צו דער רייזע: ער האָט געפּאַקט די וואַליזעס, צו־געגרייט דעם פּאַספּאָרט, מיטגענומען פאַרשידענע פּאַפּירן, און ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט דערפון, ער האָט ליב געהאַט צו מאַכן

רייזעס. גיט ער מיך איינמאָל אַ פרעג, בעת איך האָב אים באַגלייט צו דער שיף אין ווילפראַנש (אַן אַלטער האַפן לעבן ניצע):

— האָ, עס איז גוט צו זיין אַ שלום אַש... איר זענט מיך מקנא?... איר וואָלט אויך געוואָלט מאַכן אַזאַ רייזע?

איך האָב אים געענטפערט גאַנץ אויפריכטיק:

— יאָ, איך בין אייך מקנא. איך וואָלט טאַקע געוואָלט מאַכן אַזאַ רייזע. עס וועט אַמאָל אויך קומען מיין צייט אויף צו מאַכן רייזעס...

ער האָט געשמייכלט צופרידן און גליקלעך.

שלום אַש האָט געהאַט זייער אַ סך פריינט און באַקאַנטע, וועלכע פלעגן זיך צוזעצן צו אים אויף דער פּראָמענאַדע און כאַפּן אַ שמועס. צווישן די יידן, וועלכע פלעגן זיך אַרומדרייען אויף דער פּראָמענאַד דעז'אַנגלעי און גריסן זיך צו אַשן, איז אויך געווען איינער אַ משומד, אַ רייכער צוקער־פאַבריקאַנט פון פּוילן. אַש האָט געקריצט מיט די ציין, ווען דער דאָזיקער נפש האָט זיך צו אים געגריסט אָדער זיך געוואָגט צוצוזעצן. יענער האָט עס משמעות דערפילט, ווייל צופיל האָט ער זיך נישט אַרומגעדרייט אַרום דעם פּלאַץ, וואו אַש פלעגט זיצן און ברענען זיך אויף דער ריוויערע־זון.

אַש קאָן אַמאָל אויפברויזן, אַז ער פאַרגעסט זיך טיילמאָל און ברענגט אַרויס פון זיין מויל אַ וואָרט, וואָס ער וואָלט עס צווישן מענטשן נישט געדאַרפט זאָגן. עס האָט זיך עפּעס פאַרוויקלט אַ שמועס וועגן פאַרשידענע יידן, וואָס טוען טונקעלע געשעפטן, זיי פאַרשעמען דעם יידישן נאָמען. אפשר האָט מען אין זינען געהאַט טאַקע אויך דעם דאָזיקן פּוילישן משומד. גיט זיך אַש אַ כאַפּ אַרויס מיט אַ וואָרט, ווי: „מען דאַרף אַלע יידן אויסשעכטן!"...

ווען עס זאָגט עס סתם אַ ייד, וואָלטן אַלע פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער ייד האָט זיכער נישט געמיינט דאָס, וואָס ס'האָט זיך ביי אים אַראָפּגעגליטשט פון דער צונג. עס איז אַזאַ אויסדריק מחמת גרויס צאַרן. אָבער ווען דאָס זאָגט שלום אַש, וועט מען שוין אַזאַ וואָרט צעקייען און איבערעדן און עס וועט דערגיין דאָ, וואו מען וואָרט בלויז אויף אַזאַ אומגעלונגן וואָרט מצד אַשן און מען וועט עס צע־לייגן אויף טעלערלעך...

איך אַליין האָב דאָס נישט געהערט. איך בין נישט אַנוועזנדיק געווען ביי דעם דאָזיקן געשפּרעך. אָבער מיין פריינט, דער מאָלער הענריק לעווענשטאַדט, איז צו מיר איינמאָל צוגעקומען און גע־זאָגט:

— ראָזענבערג, איר זענט דאָך אַשס סעקרעטאַר, איז אייער

עובדה אויך אָפּצוהיטן אַשן פון אַרויסזאָגן אַזעלכע רייד, וואָס קאָנען דורך פרעמדע מענטשן שלעכט אויסגעטייטשט ווערן.

איך האָב אָנגעקוקט לעווענשטאַדטן און נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פון מיר, און איך האָב אים געענטפערט:

— ערשטנס, איז אַש אַ מענטש, וואָס קאָן זיך זיין אייגן שטעטל באַשטיין; והשנית, קאָן איך דאָך אים נישט כסדר נאָכגיין און אָפּהיטן פון אַרויסזאָגן אַ וואָרט, וואָס קאָן שלעכט אויסגעטייטשט ווערן... וואָס אַזעלכעס האָט פּאַסירט?

און דער מאָלער העדריק לעווענשטאַדט דערציילט מיר די אויבנדערמאָנטע געשיכטע, אַז אַש האָט, פּירנדיק אַ געשפּרעך מיט עטלעכע יידן אויף דער פּראָמענאַד, פּלוצלינג אויפגעברויזט און געזאָגט די דאָזיקע רייד: „מען דאַרף אַלע יידן אויסשעכטן!״...

און שפּעטער, ווען אַש איז אַוועקגעגאַנגען, זיינען די דאָזיקע רייד איבערגעקייט און פאַרגרוזמאַט געוואָרן און מען האָט געשמוצערט מיט די ליפּן: „דאָס זאָל זאָגן דער גרעסטער יידישער שריפטשטעלער!״...

איך האָב לעווענשטאַדטן אויסגעהערט און כ׳האָב אויסגעלאַכט זיך פון דער גאַנצער מעשה. כ׳האָב אַרגומענטירט:

— נו, וויפיל מאָל האָב איך שוין געהערט, ווי אַ מוטער זאָגט צו איר קינד אין אויפרעגונג: „אַז אַ פּאַרכאַפּעניש זאָל אויף דיר קומען!״ דאָס איז אַ שרעקלעכע קללה, האַ?... איז וואָס ווילט איר מיר איינרעדן, אַז די מוטער מיינט דאָס טאַקע?... אַש איז באַרימט דערמיט און מ׳האָט שוין וועגן דעם פיל געשריבן, אַז ער באַזיצט גרויס אהבת ישראל; איז, נו... וויל ער, אַז מען זאָל אַלע יידן אויסשעכטן?!...

לעווענשטאַדט האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט און געטענהט:

— אמת, איך און איר פאַרשטייען עס אַזוי. אוודאי האָט אַש נישט געוואוסט אַפילו, וואָס זיינע ליפּן זאָגן. אָט האָט ער געזאָגט, און פרעגט אים בחרם, וואָס ער האָט געזאָגט... אָבער די יידעלעך?... און כ׳בעט אייך, ראָזענבערג, זאָגט נישט אַשן, אַז איך האָב עס אייך דערציילט. איר הערט, למען השם!...

איך האָב לעווענשטאַטן מבטיח געווען אַשן צו מאַכן אַ פאַרוואורף פאַר דעם דאָזיקן זאָג זיינעם און אים אויפמערקזאַם מאַכן, אַז ער זאָל זיך היטן פאַר פרעמדע מענטשן מיט אַזעלכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע רייד.

מיט אַ שעה שפּעטער באַגעגן איך אַשן אויף דער גאַס. גיי איך

צו אים צו און זאָג אים אין דעם העפלעכסטן טאָן, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט אַרויסברענגען, כדי אים נישט וויי צו טאָן:

— הערט מיך אויס, אַש, פאַר מיר דאַרפט איר זיך נישט פאַרענטפערן און איך ווייס, אַז איר זענט נישט קיין פּאָגראָמשטשיק און איר וועט נישט אַרויסגיין שעכטן קיין יידן, אָבער ווען איר זעצט זיך אַוועק מיט די פשוטע יידן, די אויפגעקומענע גבירים, געוועזענע שניידערוקעס, עמי הארצים און איר גיט זיי אַ זאָג: „מען דאַרף אויסשעכטן אַלע יידן", קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס ביי אַזעלכע גראָבע יונגען קומט פאַר אין די געהירן!... וואָס דאַרפט איר בכלל מיט די דאָזיקע יידן איינטענהן?...

אַש האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט, ער איז געוואָרן רויט, די ליפּן האָבן זיך ביי אים אָנגעבלאָזן, און ער גיט מיך מיטאַמאָל אַ פרעג:

— ווער האָט אייך דאָס דערציילט?

— איך קאָן אייך נישט זאָגן, ווער עס האָט מיר דערציילט, ווייל איר וועט יענעם באַלד גיין פאַרהאַלטן און עס וועט ווערן אַ גאַנצע סומאַטאָכע: „געזאָגט און געזאָגט", וואָס טויג עס מיר און וואָס טויג עס אייך; עס האָט מיר געזאָגט אַ מענטש, וועלכער איז אייערס אַזאַ גוטער פריינט, ווי איך בין אייערס אַ גוטער פריינט. עס קאָסט אים געזונט: פאַרוואָס זאָלן פראָסטע יידן טראַכטן וועגן אייך שלעכטס?...— האָב איך אים געענטפערט.

אַש איז אָבער מיט אַ געוואַלטיקער עקשנות צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל אים זאָגן, ווער עס האָט מיר די מעשה דערציילט.

עס האָט מיר שוין באַנג געטאָן דאָס גאַנצע עסק: וואָס דאַרף איך אַשן זאָגן מוסר, ער קאָן זיך זיין שטעטל גאַנץ גוט באַשטיין!...

אַש לאָזט אָבער נישט אָפּ, אויפן גאַנצן וועג ביז אַהיים האָט ער מיך אַזוי געמאַטערט, אַז איך זאָל אים זאָגן, ווער עס האָט מיר די מעשה איבערגעגעבן, אַז עס איז מיר שוין אַזש געוואָרן איבער דער טבע...

— דער עיקר: עס איז אמת?... — האָב איך מיט דרינגלעכקייט אים צוריקגעפרעגט.

— עס הויבט זיך נישט אָן! — רופט אויס אַש — איך וואָלט קיינמאָל אַזאַ וואָרט פאַר די ליפּן נישט געבראַכט.

איך האָב געוואוסט, אַז אַש זאָגט מיר איצטער נישט קיין בכיוונדיקע ליגנט. ער געדענקט פשוט נישט, וואָס ער האָט געזאָגט.

זעענדיק, אַז איך בין אויך פאַרעקשנט און איך וויל אים נישט אויסזאָגן, ווער עס האָט מיר די דאָזיקע געשיכטע איבערגעגעבן, האָט

אַש זיך גענומען צו אַן אַנדער מיטל, וואָס איז נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר אַשן:

— אויב איר וועט מיר שוין די אותו רגע נישט דערציילן, ווער עס האָט אייך דאָס געזאָגט, שווער איך, אַז איך וועל אויפֿ־הערן צו שרײַבן!...

איך קוק אים אָן און איך מיין, אַז ער שפּאַסט אַזוי. אָבער פון זיינע אויגן, זע איך, הויבן שוין אָן צו רינען טרערן, דאָס פּנים איז ערנסט. ער מיינט עס טאָקע!

— און איר וועט זיין דערין דער שולדיקער... — גייט ער צו אין אַ ווײַלע אַרום — איך קאָן נישט שרײַבן, ווען מיין קאָפּ איז פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש... איך וויל וויסן, ווער עס האָט אייך דאָס געזאָגט!...

גיב איך אַ שמייכל און זאָג צו אים:

— אַזאַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וויל איך אויף מיר נישט נעמען... איבער מיר זאָלט איר אויפהערן צו שרײַבן!? אויב אַזוי, זינדיק איך דאָך נישט נאָר קעגן אייך, נאָר אויך קעגן דער יידישער ליטעראַטור... ניין, אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז צו שווער פאַר מיר (דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אַש האָט געשריבן דעם „תהלים־ייד")... איך וועל אייך אויסזאָגן, ווער עס האָט מיר דער־ציילט, אָבער בתנאי, אַז איר זאָלט דער דאָזיקער פּערזאָן נישט פאַרהאַלטן, ווייל איר וועט סיי אים און סיי מיך שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט. בפרט אַז יענער האָט נישט געמיינט אייער שלעכטס. דאָס איז נישט סתם קיין פּליאָטקע דערציילט, נאָר איך האָב ממש געזען, ווי דעם מענטש גייט אין לעבן, אַז מען זאָל וועגן אייך נישט טראַכטן שלעכטס...

— נו, זאָגט מיר שוין... — האָט זיך אַש געבעטן און דאָס פּנים האָט ביי אים אויפגעשיינט, ווי ביי אַ קליין קינד, וואָס ענדלעך קריגט עס די צאַצקע, וואָס עס האָט געוואָלט האָבן...

איך האָב אים געזאָגט, אַז דער מאָלער הענריק לעווענשטאַדט האָט עס מיר געזאָגט און איך האָב באַלד דערביי צוגעגעבן:

— איר וועט מיר אפשר זאָגן, אַז לעווענשטאַדט איז אייערס נישט קיין גוטער פריינט?...

— יאָ, ער איז מיר אַ פרראַנט — האָט אַש מודה געווען.

און ער איז אַ באַרויקטער אַרויף מיט דעם עלעוויטאָר צו זיך אַהיים און איך מיט אים.

עס גייט נישט אַוועק קיין האַלבע שעה און מען קלאַפּט אין דער טיר. איך עפן זי און אויף דער שוועל שטייט דער מאָלער

לעווענשטאַדט. עס האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. איך האָב מיך געפילט שולדיק קעגן אים. ער האָט דאָך מיך געבעטן נישט צו דערמאָנען זיין נאָמען פאַר אַשן...

און ער האָט נישט באַוויזן צו מאַכן קיין טריט ווייטער אין צימער, ווי אַש גיט אים אָן שום צערעמאָניעס אַ פרעג:

— זאָגט מיר נאַר, פאַניע לעווענשטאַדט, איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף אויסשעכטן אַלע יידן?

לעווענשטאַדט איז געוואָרן גרין און געל און האָט געוואָרפן אויף מיר אַ בליק פול מיט פאַרוואורף אין זיינע אויגן. ער האָט זיך אָבער גאָרנישט פאַרהאַקט און געזאָגט:

— יאָ, אַזוי האָט איר זיך אויסגעדריקט פאַר די יידן דאָרט אויף דער פראָמענאַד און איך האָב עס געזאָגט ראָזענבערגן, ער זאָל אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז פאַר פרעמדע מענטשן, וואָס פאַרשטייען אייך נישט, וואָס קענען נישט אייער אַרט רעדן, דאַרפט איר אַזעלכע רייד אויף אייערע ליפּן נישט ברענגען!

אַש האָט געשוויגן און מער גאָרנישט דערווידערט. משמעות, ער האָט זיך געכאַפּט, אַז לעווענשטאַדט וועט קיין ליגנס נישט זאָגן און מסתמא איז עס טאַקע אמת, אַז ער האָט זיך אַזוי אַרויסגעכאַפּט, און ער האָט טאַקע באַלד צוגעגעבן מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל, ווי נאָר אַש קאָן געבן, ווען ער איז גוט אויפגעלייגט:

— איך האָב געזאָגט: „אַזעלכע יידן דאַרף מען אויסשעכטן"... מיר האָבן גערעדט וועגן יידן, וואָס פאַרשוועכן דעם יידישן נאָמען מיט זייערע שלעכטע טאַטן.

לעווענשטאַדט האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און געענטפערט:

— מעגלעך, אַז איר האָט אַזוי געמיינט און איר האָט עס זי־כער אַזוי געמיינט, אָבער געזאָגט האָט איר אָט אַזוי ווי איך גיב איבער...

דער אינצידענט איז געווען פאַרענדיקט און מען איז אַרויף אויף אַ שמועס וועגן בילדער, קונסט און דעסגלייכן.

איך קאָן אָבער עד היום נישט פאַרגעסן, ווי אַש האָט מיך אַ סטראַשע געטאָן, אַז אויב איך וועל אים נישט אויסזאָגן דעם סוד, וועט ער אויפהערן צו שרייבן...

אַש איז אויך צייטנווייז געווען אַבערגלויבעריש און ער האָט זייער מורא געהאַט, עס זאָל אים עפּעס נישט געשען. מיר גייען איינמאָל צוזאַמען אַרויף צו אים אין הויז. ווי שוין דערמאָנט, איז ביי אים אין הויז געווען אַן עלעווייטאָר און ער האָט געוואוינט אויפן

דריטן שטאָק. דאָס מאָל גייט אָבער אַש נישט אַריין אין עלעוויטאָר, נאָר ער גיט מיך אַ צי נאָך זיך:

— קומט, מיר וועלן אַרויפגיין צופוס; שאַדט נישט, איר האָט יונגע פיס... איר וועט ווערן צו דיק, אויב איר וועט כסדר פאָרן מיטן עלעווייטאָר!

מיר זענען אַרויפגעגאַנגען, אָבער די זאַך איז מיר געווען קשה: אַזוי פיל מאָל פאָרן מיר אַרויף און גאָרנישט, און גראָד איצט זאָרגט ער זיך, אַז איך וועל דיק ווערן פון פאָרן אויפן עלעווייטאָר... דער־ווייל באַמערק איך, אַז אַש האַלט אין דער האַנט אַ „פּטי ניסוא" (לאָקאַלע טעגלעכע צייטונג). ער האָט זי געקויפט אויף דער פּראָ־מענאַד. איך כאַפּ אַ בליק אין דער צייטונג און קעגן איבער מיינע אויגן שטייט די נייעס מיט אַ ביסל פעטערע שריפט, אַז — אין דעם און דעם שטעטל האָט זיך אָפּגעריסן אַן עלעווייטאָר און, אַראָפּ־פאַלנדיק, דערהרגעט עטלעכע מענטשן.

איך האָב זיך שטאַרק צעלאַכט. אַש קוקט מיך אָן, ווי איינער פרעגט זיך: „וואָס לאַכסטו, דער נאַר שטופּט דיך?"...

און איך ווייז אים אָן אויף דעם שטיקל נייעס און זאָג מיט שפּאַס:

— און איך האָב טאַקע געמיינט, אַז איר זאָרגט זיך אַזוי שטאַרק וועגן מיין פעטקייט!...

אַש האָט זיך אויך צעלאַכט און גיט אַ זאָג:

— וואָס מיינט איר, ביי אונדז קאָן זיך דער עלעווייטאָר נישט אָפּרײַסן?...

איך האָב שוין איינמאָל געהאַט דערמאָנט, אַש האָט געהאַט אַ פּראַכטפולע וואוינונג נישט קיין צו גרויסע, אָבער ער איז דעמאָלט געווען אַליין מיט מאַדזשען, איז זי געווען גענוג, כאָטש ער האָט נאָך געהאַט, אַ חוץ די צוויי צימערן פאַר זיך, אויך אַ קליין צימערל פאַרן דינסטמיידל.

ווען איך בין אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג אַרויפגעקומען צו אַשן, האָט איך אים געטראָפן אַרומדרייען זיך איבערן צימער אַ פאַר־טראַכטן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געבלימלטן שלאָפראָק, גע־רויכערט אַ שמעקעדיקן ציגאַר; דורכן האַלב־פאַרהאַנגענעם פענצטער האָט אַריינגעבלויט דער מיטללענדישער ים און אין שטוב איז גע־ווען אַ שטימונגספולע און אַנגענעמע אַטמאָספערע. איך האָב דער־קענט אין אַשס אויסזען, אַז ער האָט געהאַט אָפּגעגעסן אַ געשמאַקן מיטאָג, וואָרים מאַדזשע איז אַ בריה אויף די זאַכן... און ער האָט

שוין אויך געכאַפּט אַ קורצן דרימל נאָכן עסן; רוף איך מיך אָפּ צו אַשן:

— עס איז גאָרנישט קיין וואונדער, וואָס איר שאַפּט אַזעלכע וואונדערבאַרע ווערק!... אַז מען וואוינט אין אַזאַ שיינער דירה, מען איז אַזוי זאַט ווי איר, און אַזאַ פּרעכטיקער דרויסן קוקט אַריין דורכן פענצטער, די שטימונג אַזאַ אָנגענעמע, דער ציגאַר שמעקט ממש ריח ניחוח. עס פעלט אייך, קיין עין־הרע, גאָרנישט... מען דאַרף נאָך האָבן דערצו אַ ביסל טאַלאַנט אויך, קאָן מען שאַפן אַזעלכע „תהלים־יידס"...

אַש האָט בלויז אַ הויכן לאַך געטאָן. עס איז אים געפעלן גע־וואָרן, וואָס מען דערקענט זיך אויף זיין רחבות. ער האָט הנאה געהאַט, אַז מען באַמערקט זיין צופרידנקייט און זיין הרחבת הדעת.

צו־נאָענטע פריינט האָט אַש נישט געהאַט קיין סך, און דאָס צוליב אַ גאַנץ פּשוטן טעם: אַש איז נישט קיין לייכטער מענטש און מען דאַרף אים קאָנען נעמען אַזוי ווי ער איז, און אויב מען נעמט אים אַזוי ווי ער איז, איז אַש אַן אָנגענעמע פּערזאָן. עס זענען אָבער נישטאָ קיין סך מענטשן, וואָס זאָלן קאָנען אים אַזוי אויפ־נעמען. מען דאַרף אים ליב האָבן, כדי סובל צו זיין זיינע קאַפּריזן. בפרט אַז ער האָט, איבערהויפּט אין דעם שרייבערישן וועלטל, אַ סך נישט־פאַרגינערס. צווישן שרייבער קאָן ער דעריבער נישט האָבן קיין צופיל גוטע פריינט. מען פאַרגינט אים נישט, וואָס אים האָט אַזוי אָפּגעגאָלטן און ער איז אַריין, אַזוי צו זאָגן, אין דער ברייטער וועלט. קיין שום שרייבער ביי יידן לעבט נישט אַזוי גביריש ברייט ווי שלום אַש. טאַקע ווי אַ שלמה נגיד!...

איין פריינט האָט אַש געהאַט, וועמען ער האָט זייער ליב געהאַט און שטענדיק גערעדט וועגן אים, און דאָס איז געווען ב. וולאַדעק.

„בורעך"... אַזוי האָט ער אים גערופן, און אַז ער האָט פון „בורעך" וולאַדעקן געקריגן אַ בריוו, איז ביי אים די פרייד געווען גרויס. ער האָט זיך מיט דער פרייד געוואָלט טיילן מיט יעדן איי־נעם.

איינמאָל, עס איז געווען אַ גרויער נאָכמיטאָג, אינדרויסן איז געווען פאַכמורנע, איך בין אַרויפגעקומען צו אים און ער האָט געהאַלטן אַ בריוו פון ברוך וולאַדעק.

מאַדזשע איז אויך געווען אין צימער, און מסתמא האָט ער איר שוין געהאַט דעם בריוו איבערגעלייענט און ער האָט געזוכט נאָך אַ „קרבן", מיט וועמען זיך צו טיילן מיט זיין גרויסער פרייד. בין איך פונקט אָנגעקומען.

— איי, איז דער „בורעך" אַ טייערער פּררראַנט — גיט ער צו מיר אַ זאָג — נאַט אייך און לייענט עקסטרע איבער, וואָס ער שרראַבט צו מיר!

מאַדזשען איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן. לעצטנס איז זי אויף מיר געווען אָנגעברוגזט אַ ביסל, ווייל איך האָב איר געגעבן אַן אָפּ־שניט פאַר אַריינמישן זיך צווישן מיר און אַשן. הער איך, ווי זי זאָגט אויף ענגליש צו איר שלומשי (איך האָב דאַמאָלס, פאַרשטייט זיך, קיין ענגליש נישט פאַרשטאַנען, אָבער איך האָב געכאַפּט לויטן אויסדריק פון איר מינע), וואָס דאָס האָט געזאָלט הייסן: „אַלץ מוזטו אים ווייזן!"...

אַש האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט, אי פאַרוואָס זי זאָגט אים אַ דעה און לערנט אים ווי צו באַגיין זיך מיט מיר און אי, פאַרוואָס מען האָט אים געפּאַקט ביי אַ יינגלישן חטא...

ער האָט זיך אָבער פאָרט נישט געקאָנט איינהאַלטן, ער זאָל מיר נישט ווייזן דעם בריוו פון זיין בעסטן פריינט. ער האָט אויס־גענוצט אַ רגע, ווען מאַדזשע האָט זיך עפּעס אָװעקגעדרייט און ער האָט מיר דעם בריוו געגעבן אַ רוק אַריין אונטערן בוזעם און אַ שעפּטשע געטאָן:

— גייט אַראָן אין צווייטן צימער און לייענט איבער דעם בריוו!...

נישט שטענדיק איז מאַדזשע געווען אַזוי ברוגזדיק צו מיר. עס איז געווען אַ צייט, איידער איך האָב איר געגעבן דעם אָפּשניט, ווען זי האָט צו אירע חשובע געסט, פאַרשטעלנדיק מיך, געזאָגט: „ער איז מיינס ווי אַן אַדאָפּטירטער זון!"... אָבער זינט דאַמאָלס, נאָכן אַרטיקל קעגן היטלערן, וואָס איך האָב געוואָגט אויף אַשן אַרויפצו־צווינגען, אַז ער זאָל בלייבן אַזוי שאַרף ווי ער האָט אים לכתחילה געהאַט אָנגעשריבן, איז אַ שוואַרצע קאַץ צווישן אונדז אַדורכגעלאָפן. זי איז אויך, רעכן איך, געווען אַ ביסל אייפערזיכטיק, וואָס איך נעם־צו ביי איר די אויפמערקזאַמקייט פון איר שלומשי...

צו אַשן פלעגן אַרויפקומען אַלע באַרימטע געסט, וואָס האָבן זיך נאָר אָפּגעשטעלט אין ניצע. מען האָט געהאַלטן פאַר אַ חוב צו קומען אָפּשטעקן „שלום עליכם" דעם גרויסן מייסטער. אַזוי איז אויך געשען אין אַ חול המועד פּסח, ווען עס איז איינמאָל געקומען קיין ניצע דער ווינער „הכוח" שפּילן מיט דער ניצער פוטבאָל־ליגע. אַ גרופּע יונגעלייט האָט זיך מיט איינמאָל געגעבן אַ לאָז אַריין צו אַשן אין דער וואוינונג. זיי האָבן אים געקוקט מיט גרויס דרך ארץ אין די אויגן אַריין, באַוואונדערט אים: „דאָס איז שלום אַש"... זיי

האָבן אים דערציילט וועגן זייער קומען דאָ דורכפירן אַ „מעטש" און האָבן איבערגעלאָזט אַ צאָל בילעטן אויף צו קומען זיי זען. דער מעטש האָט געזאָלט פאָרקומען אַ טאָג שפּעטער.

בלויז אַש און איך זענען געגאַנגען זען דעם פוטבאָל־פּאַרמעסט. עס איז געווען אַ פּראַכטפולער טאָג. דער פּלאַץ, וואו דער פּאַרמעסט איז פאָרגעקומען, איז געווען באַזעצט מיט פיל מענטשן, גוים און יידן, און מיר האָבן געקריגן, פאַרשטייט זיך, די בעסטע פּלעצער.

ליידער, איז דעם ווינער „הכּוח" דאָס מאָל נישט געגאַנגען, זיי האָבן מיאוס פאַרשפּילט. אַש האָט זיך דאָס אַזוי גענומען צום האַרץ, אַז ער האָט נישט געקאָנט אויסזיצן ביזן סוף און געמורמלט צו זיך: „דער הכּוח זאָל פאַרשפּילן צו די ניצער כּניאַקעס, אַ חרפּה און אַ שאַנד!" און ער האָט פאַרלאָזט דאָס פעלד אינמיטן שפּילן. איך בין געבליבן זיצן. פאַר מיין אַוועקגיין האָב איך באַמערקט, אַז אַש האָט פאַר גרויס עגמת־נפש פאַרגעסן דעם טייערן שטעקן מיט אַ זילבערנעם קאָפּ. איך האָב דעם שטעקן מיטגענומען און אַרויפגעטראָגן צו אים אַהיים און דערלאַנגט דעם דינסטמיידל, ווייל אַש איז גראָד נישט געווען אין שטוב.

איך האָב איר דערקלערט, אַז אַש האָט פאַרגעסן דעם שטעקן און זי זאָל אים זאָגן, אַז איך האָב אים געבראַכט.

ביינאַכט, ווען איך בין נאָך דעם אָונטברויט אַרויפגעקומען צו אַשן, גיט ער מיך אַ פרעג:

— ראָזענבעריג, איר זענט געווען היינט אין קאַן?

— איך בין נישט געווען אין קאַן, איך בין אַ גאַנצע טאָג אין ניצע — האָב איך אים געענטפערט.

— ראָוז (דאָס דינסטמיידל) האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט געווען אין קאַן...

איך האָב אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס, אָבער איך האָב גלייך זיך געכאַפּט, וואָס דאָ איז געשען: ראָוז האָט אים מסתמא געזאָגט, אַז איך האָב צוריקגעבראַכט זיין פאַרלוירענעם שטעקן (אויף פראַנצויזיש: קאַן), און אַזוי ווי אַש איז נישט קיין צו גרויסער פראַנצויז, האָט ער געמיינט, אַז זי זאָגט אים, איך בין געפאָרן קיין קאַן...

אַ חוץ ברוך וולאַדעק, האָט אַש זיך געהאַלטן אין גאָר נאָענטער פריינטשאַפט מיט ישראל יעפרויקין, ווען ער האָט איינמאָל אין אַ בריוו פאַרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן זיך זאָגן „דו"...

איך וועל מיך איצטער מודה ומתוודה זיין אין אַ „פאַרברעכן": דער דאָזיקער בריוו איז געווען געשריבן אייגנהענטיק פון אַשן און איז געלעגן אָפן אויף זיין שרייבטיש, ווען איך בין אַריינגעקומען אין

זיין קאַבינעט, און קיינער איז נישט געווען. נו, האָב איך עובר געווען אויפן חרם דרבנו גרשון, פאַרענטפערנדיק מיין געוויסן, אַז איך בין דאָך דער סעקרעטאַר, מעג איך וויסן פון אַלע אַשס „סעק־רעטן״... און איך האָב דעם בריוו איבערגעלייענט. עס איז מיר גראָד געפעלן געוואָרן פון אַשן, אויף וועמען מען זאָגט כסדר, אַז ער איז אַ בעל־גאווה, אַ גרויסהאַלטער. ווען אַש איז געווען אין אַ גוטער לוינע און ער האָט געוואָלט מיר אַרויסווייזן ספּעציעלע ליבע, האָט ער מיר אויך געזאָגט „דו״...

ער האָט אויך גערעכנט צווישן זיינע נאָענטע פריינט די צוויי ברידער מענדעלסאָן, דעם באַרימטן בונדישן פירער, שלמה מענדעל־סאָן, ע״ה, און אים צו לאַנגע יאָר — מאיר מענדעלסאָן, וועלכער וואוינט איצט אין ניו־יאָרק און איז אַ באַרימטער כעמיקער. זיי פלעגט ער רופן, אַלס פוילישע יידן: „פּאַניע מענדעלסאָן!״... און איך ווייס, אַז שלמה מענדעלסאָן האָט אַשן אויך זייער ליב געהאַט. ער האָט זיך מיט אַשס פּערזענלעכקייט שטאַרק דורכגענומען, און ער פלעגט קאָנען נאָכ־מאַכן אַשס שטימע אַזוי נאַטירלעך, אַז ווען מ׳האָט אים געהערט פון אַן אַנדער צימער, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַש רעדט.

איך געדענק, ווען איך בין אין 1937 געקומען צום לעצטן מאָל צו גאַסט קיין וואַרשע פון ניצע, האָט שלמה מענדעלסאָן, וועלכער איז דורכגעפאָרן איבער דער גאַס אין אַ דראָזשקע, מיך באַמערקט און האָט מיך אויפגענומען און דעם גאַנצן וועג ביז כלאָדנע 8 (וואו ס׳איז געווען דער „היינט״), וואוהין ער האָט מיך צוגעפירט, האָט ער גע־האַלטן אין איין רעדן וועגן אַשן און געהאַט אַ פול מויל מיט זאַפט. ער האָט זיך געקוויקט מיט אַשס נאַאיווע קינדערישע קאַפּריזן און ער האָט זיך אויסגעפרעגט אויף יעדער איינצלהייט פון אַשס טואונ־גען.

אַש, אויב ער האָט עמיצן ליב געהאַט, האָט ער אים ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרץ, עס איז נישט געווען געמאַכט. איך האָב געפילט, אַז ער האָט מיך אין יענער צייט זייער, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, „געגליכן״... איינמאָל, ווען איך בין פאַרנאַכט, נאָך אַ באַזוך אין מאָנטע־קאַרלאָ, אַהיימגעקומען צו מיר אין פּענסיאָן „מיראַ־מאַר״, גייט מיר אַנטקעגן די באַלעבאָסטע פון פּענסיאָן און זאָגט מיר, אַז מסיע אַש האָט מיך געזוכט און ער האָט איבערגעלאָזט אין מיין צימער אַ בריוול צו מיר.

איך האָב מיך דערשראָקן: אַ בריוול?... ווער ווייסט, וואָס עס איז אים דאָרט געפלויגן פאַר דער נאָז?... איך לויף שנעל אַריין אין מיין צימער און געפין אויפן שרייבטיש אַ קאָנווערט, איך

עפן אים אויף און אינעווייניק ליגט אַ בילעט אין דער אָפּערע, וואו עס האָט געשפּילט „מאַדאַם באַטערפליי" מיט אַ גאַסט־אַקטריסע, אַ יאַפּאַנערין; און אַ פּאָר ווערטער זענען געווען צוגעשריבן: „איך האָב מיך נישט געקאָנט אויף אייך דערוואַרטן. איר וועט מיך טרעפן אין דער לאָזשע צוזאַמען מיט מאַדזשען".

איך בין אים, פאַרשטענדלעך, געווען זייער דאַנקבאַר פאַר גע־דענקען אין מיר.

עס דערמאָנט זיך מיר נאָך אַן עפּיזאָד אין שייכות מיט זיין באַ־ציאונג צו מיר.

באַלד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, איז אין ניצע איינ־געאָרדנט געוואָרן אַ פּראָטעסט־מיטינג, אויף וועלכן אַש איז איינגע־לאַדן געוואָרן אַרויסצוטרעטן מיט אַ רעדע.

געקומען נעמען אים צום זאַל איז אַ געוויסער קאָנטאָראָוויטש, אָדער ווי ער האָט זיך אַלס ליטווישער פּאַטריאָט גערופן „קאָנטאָראָווי־קאַס"... דאָס איז געווען אַ קליינטשיק, זשוואַווע יידעלע, און אומע־טום, וואו מ'האָט אים נישט געזייעט, איז ער אויסגעוואַקסן... ער האָט מיט אַ פּאָר שעה פריער מיר געהאַט איבערגעגעבן אַ רכילותל, אַז שלום אַש האָט, אַרומזוכנדיק מיך אויף דער פּראָמענאַדע און נישט געקאָנט געפינען, האָט ער מיך געשאָלטן מיט טויטע קללות, ווי: „אַ כאָלעריע אים אין בויך אַריין!"...

איך קען שוין אַשס קללות, זיי קומען אַרויס פון זיין מויל אומבאַוואוסט פאַר אים אַליין. ער לעבט עד היום מיט די יונגען פון „קוילער געסל" און ער האָט ליב זייער לשון, און אַזעלכע קללות קאָן ער אַמאָל דערלאַנגען זיין אייגן געליבט ווייב... האָב איך אין שפּאַס אַשן פאַרגעהאַלטן: „וואָס דאַרפט איר מיך שעלטן, אַש, מיט „אַ כאָ־לעריע אין בויך אַריין'?"

אַש האָט געלאַכט.

אָבער ווען קאָנטאָראָוויטש־קאָנטאָראָוויקאַס איז אַריינגעקומען אויס־געפּוצט אין אַ סמאָקינג, נעמען אַשן מיט אַ טאַקסי, האָט אים אַש דערלאַנגט אַ פאַרציע:

— וואָס האָט איר ראָזענבערגן צו דערציילן אַזעלכע מעשיות, אַז איך האָב אים געשאָלטן? איך גיי נישט מיט אייך אויף דער לעקציע!...

איך האָב מיך אַריינגעמישט און עס איז מיר קוים געלונגען אים איינצורעדן און צונישט־מאַכן די גאַנצע חתונה, און מיר זענען למזל צוגעפאָרן צום זאַל, וואו אַ גרויסער עולם האָט זיך שוין געהאַט פאַר־זאַמלט.

אַש האָט געהאַלטן אַ גלענצנדיקע רעדע, ווי אַש קאָן טייַלמאָל באַוויַיזן. זי האָט אַלעמען גערירט ביז טרערן. אינמיטן פון דער רעדע, ווען ער האָט גראָד דערמאָנט דעם נאָמען פון ימח־שמוניק, אַלפרעד ראָזענבערג, גיט אַש זיך אַ ווענד אין מיין זייט אַריין (איך בין געזעסן אויף דער בינע) און אויסשטרעקנדיק אַ פינגער אויף מיר, רופט ער אויס מיט פאַטאָס וועגן דעם פאַרשיוון נאָמען־טרעגער מיינעם:

„און לייַדער־לייַדער הייסט יענער אויך ראָזענבערג!...״

דאָס האָט ער געמיינט דעם נאַצישן ראָזענבערג, דעם אַרצי שונא ישראל. ער האָט זיך אַזוי אַרום אָנגענומען פאַר מיין נאָמען, און אפשר האָט ער מיר געוואָלט פאַרגיטיקן פאַר די קללות, מיט וועלכע ער האָט מיך געשאָלטן מיט עטלעכע שעה פריער אויף דער פראָמענאַד דעז׳אַנגלעי...

און אַז דאָס שעלטן מיך האָט אים געקאָסט געזונט, באַוויַיזט דער פאַקט, וואָס מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער נאָך געדענקט דערפון און מיר פלוצלינג אַ זאָג געטאָן, קלאַפּנדיק גוט־ברודעריש איבער מיין פלייצע:

— עס איז גלייכער, ראָזענבעריג, אַז איך ברענג אַ קללה אַרויס אויף די ליפּן, איידער צו טראָגן זי ביי מיר אינעווייניק אין האַרץ...

איך האָב אים באַרואיקט און באַוואונדערט אים, וואָס ער נעמט זיך אַזוי צום האַרץ דאָס „שעלטן״ מיך און כ׳האָב אים געזאָגט:

— הלוואי זאָל אייערס אַ ברכה האָבן אַזאַ קיום ווי אייער קללה האָט נישט קיין קיום!...

אַש האָט זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול.

אַש האָט זייער ליב געהאַט צו שפּילן שאָך, כאָטש ער איז ווייט נישט געווען קיין גוטער שאָך־שפּילער און ער האָט קיינמאָל ביי מיר נישט געקאָנט געווינען קיין פּאַרטיע. הגם איך אַליין צייל זיך אויך נישט צווישן די „שאָך־מייסטערס״, האָב איך אָבער בעסער געשפּילט פון אים.

נאָך אַ דריי־פיר מאָל פאַרשפּילן צו מיר, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם שאָך און אַ וואָרף געגעבן אויף דער פּאָדלאָגע, ער האָט פון כעס שיער זיך נישט צעוויינט. ער איז געווען געוואָלטיק אויפגע־רעגט.

איך האָב מיר דאָס שטאַרק גענומען צום האַרץ: צוליב וואָס דאַרף איך אים מצער־זיין? וועל איך נישט זיין קעגן אים דער טשעמ־פּיאָן!...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט שוין אַש געהאַט פאַרגעסן וועגן דעם אינצידענט און ער לאַדט מיך ווידער איין צו שפּילן אַ

פאַרטיע שאַך. דאָס מאָל האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ „שלעכטן" צוג, און — זאָל מיינס איבערגיין...

הכלל, אַש האָט געוואונען די פאַרטיע. נו, האָב איך נאָך נישט געזען אַ מענטש זאָל זיין אַזוי גליקלעך. ער האָט געשטראַלט ווי צען זונען: ער האָט מיך באַזיגט, איך בין נישט מער איבער אים קיין טשעמפּיאָן. איז ווייניק דאָס, נאָר ער האָט זיך נאָך אָנגעהויבן מיט מיר צו רייצן:

— אַ שאַך־שפּילער זענט איר, מיט שטרולקעס דאַרפט איר שפּילן!...

און ער איז געווען אויפן זיבעטן הימל...

אַן אַנדערש מאָל פאַלט אים איין אַ „שמע־קולינו" — ער וויל זיך מיט מיר באָקסן.

— אַש!... — זאָג איך צו אים — איר וועט אַרויס פון מיר אַ באַעוולהטער!...

— שאַדט נישט... — ענטפערט ער מיר — איך וועל אייך אַזוי דערלאַנגען, אַז איר וועט מיך האָבן צו געדענקען!

נו, מילא: ער וויל דווקא, זאָל זיין באָקסן זיך!

אַש, ווייסן מיר דאָך, איז אַ ייד אַ ריז אין אויסזען, הויך און ברייטפּלייציק און אַ פּאָר ידים האָט ער אויך נישקשהדיקע. קיין באָקסער איז ער אָבער נישט, פּונקט ווי איך בין נישט. מיין איינציקע קאַריערע אַלס „באָקסער" איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען איך בין געווען אַ חלוץ אין ארץ ישראל. האָט מיך דאַמאָלס אַ חבר, אַ גבר, געוואָלט לערנען די קונסט פון באָקסן. נו, האָט ער מיר אַזוי צעבלוטיקט די נאָז, אַז איך געדענק דאָס נאָך עד היום. פון דאַמאָלס אָן האָב איך נישט געבאָקסט זיך מיט קיינעם.

אָבער וואָס טוט מען נישט, כדי אַשן צו מאַכן גוט פילן?...

מיר האָבן זיך געבאָקסט. נאָך פינף מינוט אַרבעטן מיט די הענט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען, אַז ס'איז שוין גענוג, אַז מער וועט ער זיך מיט מיר נישט באָקסן, ווייל איך בין נישט ערלעך אין אָפּהיטן די געזעצן... און מיר האָבן זיך טאַקע מער נישט געבאָקסט. יאָ, ער איז אַ קנאַפּער בעל־מלאכה מיט די הענט!...

דערציילנדיק וועגן אַשס כאַראַקטער, איז כדאי צוצוגעבן וועגן זיין באַציאונג בכלל צו קאָלעגן־שרייבער. די שונאים זיינע וועלן זיין ביטער אַנטוישט, ווען זיי וועלן געוואָר ווערן, אַז, אָפּזייענדיק מיט אַשן אַן ערך צען יאָר צייט, האָב איך נישט געהערט אַרויסקומען פון זיין מויל קיין שלעכט וואָרט וועגן אַן אַנדערן שרייבער. און דאָס, ווייסן מיר דאָך, איז זייער אַ זעלטענע זאַך ביי אונדזערע פען־ברי־

דער... דאָס באַרעדן קאָלעגן און אויסרעדן כל דבר אסור איינער אויפֿן אַנדערן, איז דאָך זייער טאָג־טעגלעך ברויט, מיט אויסנאַמען, פֿאַרשטייט זיך...

יאָ, כדי צו זיין גערעכט צום אמת, האָט אַש יאָ קעגן איין שרייבער „גערעדט‟, ער האָט אים אָנגערופֿן: „דאָס למד וואָווניקל‟... דאָס איז געווען די גרעסטע זידלעריי, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אַרויסברענגען. דאָס האָט אַש אים פֿאַר מיר אַזוי אָנגערופֿן, ווען ער האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז נאָך אַ לענגערער צייט וואוינען אין אייראָפּע צוריקגעקומען זיך באַזעצן קיין אַמעריקע, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער דאָזיקער שרייבער אָנגעשריבן אַ מאמר אין אַזאַ טאָן, ווי עס וואָלט געהייסן: „ער איז דאָך שוין ווי־דער געקומען אַהער!‟...

איך האָב דאַמאָלס געטראַכט, אַז אַש טרייבט אַ ביסל איבער. וואָס הייסט עס, מען האָט צו אים תרעומות, פֿאַרוואָס ער איז צוריק־געקומען קיין אַמעריקע?! ער נעמט דען דערמיט ביי עמיצן צו זיין פּלאַץ אין דער ליטעראַטור, צי זיין ברויט!... איצט אָבער, באַקע־נענדיק זיך מיט דער היגער שרייבערישער אַטמאָספֿער, מיט דער מענטאַליטעט פֿון געוויסע שרייבער, גלויב איך באמונה שלימה, אַז אַש האָט מיר דאַמאָלס דערציילט דעם אמת. איז דאָס גרעסטע זידל־וואָרט, וואָס אַש האָט געקאָנט פֿון זיך אַרויסברענגען, געווען: „דאָס למד־וואָווניקל‟!...

ניין, איך האָב קיינמאָל נישט געהערט אַשן עמיצן פֿון די שריי־בער באַרעדן, אַפֿילו נישט זיינע שונאים. דער דאָזיקער כאַראַקטער־שטריך אַשס האָט זיך פֿאַר מיר אַרויסגערוקט בולטער ערשט מיט יאָרן שפּעטער, אָפּזייענדיק אַ לענגערע צייט אין אַמעריקע. וואָרים פֿריער האָב איך עס נישט אַזוי שטאַרק באַמערקט, ווייל עס איז געווען ביי מיר גאַנץ נאַטירלעך: פֿאַרוואָס זאָל ער יאָ באַרעדן?

אין אַ שפּאַס האָט אַש אַמאָל יאָ זיך אויסגעדריקט נישט איבעריק שיין וועגן — נישט אַ יחיד־שרייבער, נאָר וועגן כלל יונגע שרייבער. עס איז געווען אַזוי: זיצנדיק אַזוי מיט אַשן און רעדנדיק מיט אים וועגן פֿאַרשידענע ענינים, האָב איך אים ביי אַ געלעגנהייט פֿאַרגע־וואָרפֿן, פֿאַרוואָס ער נעמט נישט איבער, אַלס דער עלטסטער שרייבער ביי יידן, די ראָלע פֿון פּרצן. ער דאַרף נעמען אונטער זיינע פֿליגל די יונגע יידישע טאַלאַנטן, זאָגן אַמאָל אַ גוט וואָרט וועגן עמיצן, וואָס האָט זיך דאָס פֿאַרדינט. דערביי האָב איך אים געגעבן אַ ביי־שפּיל:

— ווען איר קומט אַמאָל קיין וואַרשע און איר באַוויזט זיך אין ליטעראַטן־פאַראיין, טראָגט זיך צו אייך מצד אַלע שרייבער, בפרט פון דער יוגנט, אַ גרויסער דרך ארץ און אַנערקענונג. מען קוקט אייך אין מויל אַריין, מען דערוואַרט פון אייך אַ גוט וואָרט, און איר — איר זאָגט אַפילו נישט קיין „גוט־מאָרגן" צו זיי. איר קומט אַריין ווי אַ פרעמדער, און איר אַנטוישט די דאָזיקע יונגעלייט. זיי קוקן דאָך אויף אייך ווי קינדער אויף זייער טאַטן!...

גיט מיר דאָ אַש אַ שלאָג איבער אין די רייד און צעלאַכט זיך דערביי מיט זיין אָפן געלעכטער:

— קינדער זענען זיי, ממזררים זענען זיי!...

דאָס איז אָבער געווען אין שפּאָס. וואָרים איך האָב אין זיינע רייד דערפילט, אַז מיין מוסר־זאָגן האָט איבערגעלאָזט פונדעסטוועגן אַ רושם אויף אים, און ער האָט זיך אַ לענגערע ווייַלע פאַרטראַכט. מיר האָבן מער נישט גערעדט דערפון. אָבער מיט אַ לענגערער צייט שפּעטער, ווייזט אויס, איז עס קאַפּויר געקומען: אַש פלעגט אָנהויבן אַרויסגעבן סמיכה צו יונגע שרייבער. ער האָט, למשל, אָנגעשריבן זייער אַ האַרציקן בריוו צו דעם יונגן פּאָעט יחיאל לערער וועגן זיין ביכל פּאָעזיע „אין מיין היים".

ער האָט מיר אויך געזאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן איִאַלטיס בוך „בום אין קייטן". צי ער האָט איִאַלטין דערוועגן געשריבן, געדענק איך נישט. ער האָט אָנגעשריבן בריוו צו עטלעכע געציילטע שרייבער און זיי דערמוטיקט. ער האָט אָבער אָנגעהויבן צופיל צו געבן סמיכה, און ער האָט שוין אַפילו צו שרייבער, וואָס האָבן זיך עס נישט פאַרדינט, אויך אָנגעשריבן גוטע בריוולעך.

וועגן איינעם אַזאַ שרייבער, וועמען אַש האָט אָנגעשריבן אַ סמיכה־בריוול און נאָך נישט געהאַט אָרויסגעלייגט דעם בריוו אויף דער פּאָסט, האָט ביי מיר אינטערווענירט מאַדזשע אַליין, אַז איך זאָל ווירקן אויף שלומען, ער זאָל דעם בריוו נישט אַוועקשיקן, ווייל עס איז אונטער זיין כבוד צו זאָגן וועגן יענעם שרייבער אַ גוט וואָרט; דאָס בוך האָט זיך נישט פאַרדינט...

— איך האָב נישט קיין שום איינפלוס אויף אים וועגן דעם דאָזיקן שרייבער — האָט זיך מאַדזשע באַקלאָגט פאַר מיר — ער איז פאַרעקשנט. אפשר וועסטו ביי אים פּועלן!...

ווען איך האָב דערהערט וועגן וועלכן שרייבער עס האַנדלט זיך, האָב איך געגעבן מאַדזשען גערעכט, אַז עס שטייט טאַקע נישט אָן אַשן אים אָנצושרייבן אַ בריוול. ווייל אויב ער וועט אָנהויבן אויסטיילן סמיכה אויף לינקס און אויף רעכטס, וועט זיין סמיכה אָנ־

װערן דעם עפעקט. איך האָב מיך אונטערגענומען די שליחות, און טאַקע אין דעם זין צו אַשן געזאָגט.

— אמת... — האָב איך צו אַשן געזאָגט — עס געפעלט מיר זייער, וואָס איר האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט יונגע שרייבער, אַזוי דאַרף טאַקע שלום אַש טאָן! אָבער צו יעדער זאַך דאַרף זיין אַ מאָס... אויב איר וועט נישט אויסווילן טאַקע די טאַלענטירטע שרייבער, נאָר יעדן איינציקן, וועלכער וועט אייך צושיקן אַ בוך, וועט איר אונטערשרייבן דאָס „אויסגעשטעלטע וועקסל", וועט איר גיין באַנקראָט!...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— נאָט אייך דעם ברדריוו און צעררײַסט אים!... מאַדזשע האָט די זעלבע מיינונג — האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אָבער עס איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז מאַדזשע האָט ביי מיר וועגן דעם אינטערווענירט...

אַש איז שוין אַוועק ווייטער, וויפיל איך האָב ביי אים פאַרלאַנגט פאַראינטערעסירונג צו יונגע יידישע שרייבער. ער האָט מיך איינמאָל צוליב אַזאַ ענלעכער זאַך אָנגעזידלט און מיך אָנגערופן „עגאָאיסט"...

וואָס אַזעלכעס איז געשען?

עס איז געווען אַזוי: מיין בעסטער חבר אין לעבן, שלמה שיינבערג, דער טאַלענטירטער דיכטער און איבערזעצער, האָט געהאַט אַ זעצעריי אין דער שטאָט פּילעוו ביי דער ווייסל. איך אַליין האָב אַמאָל געאַרבעט אַלס זעצער ביי אים אין דער דאָזיקער דרוקעריי. עס האָבן ביי אים געזעצט זייערע ביכער די גרעסטע יידישע פאַרלאַגן, ווי: קלעצקין, בזשאַזע, קולטור־ליגע, יאַטשקאָווסקי און אַנדערע. היות אַש האָט זיך אַמאָל אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַרויסצוגעבן נאָכאַמאָל זיינע ביכער אין אַ פאַרבעסערטער און איבערגעקוקטער אויסגאַבע, האָב איך אים פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל די ביכער זעצן ביי שלמה שיינבערגן.

וואָס אַן אמת, שטאַרק צודרינגלעך צו אַשן בין איך נישט געווען, און דאָס צוליב אַ פשוטער סיבה: מיין טייערער חבר, שלמה שיינבערג ע"ה, איז געווען — זאָל ער עס מיר מוחל זיין — די אומפּינקטלעכקייט אַליין... איך האָב צוליב מיין איינשטעלן זיך פאַר אים ביי שרייבער, אַז זיי זאָלן אים געבן צו זעצן זייערע ביכער, געהאַט אויסצושטיין געוואַלטיקע צרות. איינער אַזאַ שרייבער לעבט איצט אין מדינת ישראל. דאָס איז דער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער ד"ר יחיאל האַלפּערן. ער איז מיר פשוט דערגאַנגען די יאָרן וועגן

שיינבערגן, וועלכער איז נישט געווען פינקטלעך לגבי אים. ער האָט אי נישט געזעצט דאָס בוך זיינס און אי נישט צוריקגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט. עס האָט זיך געטאָן חושך! היות איך בין עס געווען דער שדכן, האָט זיך יחיאל האַלפּערן „געוואָשן” צו מיר. און גאַנץ איינפאַך דערפאַר, וואָס איך האָב געוואוינט אין וואַרשע און שיינבערג אין פּילעוו. וועט ער דאָך נישט גיין פאָרן קיין פּילעוו צו שיינ־בערגן, ווען מיך האָט ער געהאַט אונטער דער האַנט...

און אָפּגעהיטן וואָלט איך געדאַרפט ווערן, ווען אַזאַ זאַך געשעט מצד שיינבערגן לגבי שלום אַשן!... איך וואָלט געדאַרפט אַנטלויפן פון זיין הויז, און אפשר גאָר פון פראַנקרייך... האָב איך אָפּגעטאָן מיין חברישן חוב, איינגעשטעלט זיך פאַר אים ביי אַשן, געגאַנגען ממש אויף קידוש השם... אָבער צו שטאַרק זיין צודרינגלעך בין איך נישט געווען.

האָט מיר שלום אַש אין אַ געשפּרעך פאַרגעוואָרפן:

— איר זענט אַן עגאָאיסט, איר האָט אַ גוטן חבר, ווי שלמה שיינבערג און ער וויל, איך זאָל ביי אים זעצן מיינע ביכער, און איר שווייגט!...

איך האָב מיך טאַקע פאַרשעמט. אָבער מה נאמר ומה נדבר?... איך האָב דאָך געוואוסט דעם ריינעם אמת... איז האָט מיך דערפאַר אַש אָנגערופן: „עגאָאיסט”...

אַש האָט אָבער סיי־ווי דאַמאָלס נישט פאַרווירקלעכט זיין פּלאַן.

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום אַשן. מען קאָן בשום אופן נישט זאָגן ווענן אַזאַ האַנדלונג מצד אַשן — צו געדענקען אַ צוזאָג צו אַ שרייבער — אַז אַזוי האַנדלט אַ שלעכטער מענטש!

איך האָב מיך איבערצייגט אין אַ סך פאַלן, אַז אַש האָט אַ גוט הארץ, און צוליב זיין גוטסקייט באַגייט ער אַמאָל גרויסע באַריש־קייטן...

צום סוף פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל וויל איך ברענגען עטלעכע ביישפּילן פון אַשס האַנדלונג לגבי מיר:

אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט, וואָס איך בין געווען מיט אַשן, זענען פאַרשטענדליך פאָרגעקומען פון צייט צו צייט צווישן אונדז לייכטע קאָנפליקטן און אין אַנפאַל פון כעס פלעגט ער מיך אַמאָל באַליידיקן. אמת, איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשוויגן קיין באַליידיקונג, אָבער עס איז דאָך געווען אַ פאַקט, אַז ער האָט מיך באַליידיקט. ער האָט מיר אַפילו איינמאָל געהייסן גיין זוכן אַן אַנדער פּאָסטן, ווייל ער קאָן מיט מיר נישט דורכקומען.

צומאָרגנס אָבער האָט ער ממש מיט טרערן אין די אויגן און מיט אָנגעשפּיצטע ליפּן, ווי נאָר אַרויסצואווײנען, זיך געווענדט צו מיר:

— און וואָס זענט איר שולדיק, אַז איך בין טײלמאָל אין אַ שלעכטער שטימונג, פאַרוואָס בין איך אײַך באַפאַלן?... זײַט מיר מוחל, ראָזענבערג!...

אַ צווייט מאָל — און אַזעלכע ענלעכע פּאַסירונגען זענען פאַר־געקומען אַ סך מער ווי איין מאָל — איז געשען אַזאַ געשיכטע: אַש האָט מיר אויפגעגעבן, אַז איך מוז פאַרענדיקן עטלעכע קאַפּיטלען (דאָס איז געווען ביים שרייבן דעם „מאַן פון נצרת"), ווייל ער דאַרף זיי אַוועקשיקן קיין ניו־יאָרק אין פּוטנאַם־פאַרלאַג צום איבערזעצן. עס זענען געווען שיינע טעג און עס איז געווען הייס, בין איך ליבערשט געגאַנגען זיך באָדן אין ים, איידער זיצן אין צימער און שוויצן...

צו דער באַשטימטער צייט, דערזע איך דורכן פענצטער פון מיין וואוינונג (איך האָב געוואוינט אויפן דריטן שטאָק), ווי אַשס גרינער אויטאָמאָביל קומט אָנצופאָרן. זיין זון יוחנן, אָדער דזשאָן, האָט געטריבן דעם אויטאָ. עס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ: די אַרבעט איז נישט פאַרטיק און איך וועל שוין כאַפּן יענעם גאָב פון מיין „באָס"...

איך גיי אַראָפּ פון מיין דירה מיט אַ מינע פון אַ פאַרשולדיקטן און איך בין גרייט אויפצונעמען די זידל־רייד פון אַשן, און ער וועט זיין גערעכט אויך. אַזוי איז טאַקע געווען: אַש גיט מיך אַ פרעג:

„ראָזענבערג, איר האָט גרייט געמאַכט די קאַפּיטלען?"

ענטפער איך אַ פאַרשעמטן: „ניין"...

הויבט ער אָן שרייען אויפן קול און ער ווערט רויט און פאַר־קייכט זיך אַזש פון כעס און ער שעלט: „אַ כאָלעריע, איר דרייט זיך אַרום און טוט גאָרנישט, איך דאַרף אַוועקשיקן די אַרבעט קיין ניו־יאָרק, מען וואַרט דאָרט אויף דער אַרבעט!"

וואָס האָב איך געהאַט דערויף צו ענטפערן, ער איז דאָך כשר גערעכט. איז מיין ענטפער געווען, וואָס איך בין געשטאַנען און געשמייכלט, אויסהערנדיק די אַלע זילזולים. און ווען ער האָט נישט אויפגעהערט צו מוסרן מיך און וואַרפן פון מויל שטיקער פייער, שטעל איך מיך איין און זאָג אים:

— הערט מיך אויס, אַש: וואָס ווילט איר פון מיר? אינדרויסן איז אַזוי שיין, דער ים איז בלוי און ער בעט זיך ממש, איך זאָל זיך קומען באָדן, איז ווילט איר, אַז אין אַזאַ טאָג זאָל איך זיצן אין שטוב און אַרבעטן?...

גיט ער זיך אַ צעלאַך און זאָגט:

— אַ כאָלעריע, איך קאָן דאָך אַפּילו נישט בייז זיין אויף אים. נו, גוט־גוט... זאָגט איר מיר צו, אַז מאָרגן וועט איר עס מאַכן?... זאָגט מיר־צו, רראָזענבעריג!...

האָב איך דען געהאַט אַן אַנדערע ברירה, איך האָב אים צוגע־זאָגט און געהאַלטן טאַקע וואָרט אויך, צו אונדזערביידנס צופרידנ־קייט...

ניין, איך קען נישט נאָך איינעם צווישן אונדזערע יידישע שריי־בער מיט אַזאַ חברישער באַציאונג, ווי אַש האָט לגבי מיר אַרויסגע־וויזן.

אַן אַנגענעמען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט, ווען אַש האָט מיך אויף דער גאַס איינמאָל באַקענט מיט דעם אַמאָליקן רעדאַקטאָר פון פּעטערבורגער „פריינד", שאול גינזבורג. איך האָב אַנגעקוקט די דאָזיקע צוויי מענטשן און איך האָב זיך דערמאָנט, ווען איך האָב אַשן צום ערשטן מאָל געלייענט, אַלס אַכט־יעריק יינגל, ווען ער האָט אין דער דאָזיקער ציימונג געדרוקט זיין „שטעטל". און אָט שטייט דאָ פאַר מיר דער רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיקן „פריינד". עס האָט פאַר מיר אויסגעזען ווי אַ לעגענדע, עפּעס וואָלט ער דאָ פאַר מיר אויפגעשטאַנען תחית המתים, וואָרים ביי מיר אין די אויגן האָט זיך דאָס אויסגעוויזן שרעקלעך לאַנג צוריק!...

איך האָב אין ניצע, זייענדיק ביי אַשן, באַגעגנט און זיך באַ־קענט מיט אַ סך באַרימטע שריפטשטעלער מיט וועלט־נעמען, אָבער וועגן דעם אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל צוועלף

# „תהלים־ייד" פאַרענדיקט, כ׳פאַרלאָז ניצע

די טעג פון אַשס שרייבן דעם „תהלים־ייד" פאַרענדיקן זיך. איך האָב ס׳געפּיל, אַז אַש האָט אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק, אפשר דאָס גרעסטע אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, און כ׳בין שטאָלץ דערויף, וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין דער ערשטער לייענער פון דעם דאָזיקן ווערק. דער „תהלים־ייד" האָט זיך שוין דאַמאָלס געדרוקט אין פאַרזעצונגען אין וואַרשעווער „היינט" און אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס". איך האָב אויך אַוועקגעשיקט אַ קאָפּיע צום „ביכער־פאַרלאַג" אין וואַרשע און מ׳האָט שוין דאָרט אָנגעהויבן זעצן דאָס ווערק אין בוכפאָרם. אַ קאָפּיע איז אויך אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ניו־יאָרק צום „פּוטנאַם"־פאַרלאַג און מ׳הויבט שוין דאָרטן אָן דעם „תהלים־יד" איבערצוזעצן אויף ענגליש.

יאָ, די שרייבאַרעס, וועלכע קאָנען אַשן נישט פאַרגינען זיין גרויסן דערפאָלג, מעגן טאַקע אַרומגיין פאַרביסענע און זיך אויפּ־פרעסן פון קנאה. וועלכער נאָך יידישער שרייבער האָט עס אַזאַ קליינע זאָרג וועגן „אָפּשטופּן" זיינע שאַפונגען ווי שלום אַש! קוים קומט נאָר אַרויס אַ ווערק פון אונטער זיין געבענטשטער פעדער, אַזוי ווערט עס „עובר־לסוחר", מען וואַרט דערויף מיט אומגעדולד — אַזוי אויף יידיש, אַזוי אויף ענגליש, אַזוי אין דער גרעסטער צאָל יידישע צייטונגען, וואָס דערשיינען אין „יידיש־לאַנד", און אַזוי אין מער ווי אַ טוץ אַנדערע שפּראַכן, אַפילו אין יאַפּאַניש!...

אַש באַציט זיך מיט גרויס אָפּשיי צו זיינע כתב־ידן, זייענדיק באַוואוסטזיניק ביי זיך, וואָס פאַר אַ גרויסן ווערט זיי וועלן האָבן פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט איינגעבונדן אייגנהענטיק זיין געשריבענעם מאַנוסקריפּט פון „תהלים־ייד" אין אַ פאַרמעט און אָוועקגעשיקט קיין ווילנע אין דער „ייוואָ" (ווער ווייסט דעם גורל פון דעם מאַנוסקריפּט!...) צום סוף פון זיין בוך לויבט ער גאָט, זיין באַשעפער, פאַר העלפן אים פאַרענדיקן דאָס ספר. יאָ, דער „תהלים־יד" איז טאַקע מער ווי אַ בוך, עס איז אַ ספר!

איך וואונדער מיך בלויז, פאַרוואָס די דאָזיקע עטלעכע שורות זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון בוך.

און ווי שטאָלץ און גליקלעך דאַרף איך זיין, ווען אַש האָט מיר מיט חדשים שפּעטער געשאָנקען זיין דערשינענעם ספר, דעם „תהלים־ייד" און אויפגעשריבן די פאָלגנדיקע האַרציקע ווערטער:

„מיין חבר און פריינט שלמה ראָזענבערג, אַדאַנק וועמען דאָס ספר איז אַרויסגעקומען בשלימות און ווי עס געהער צו זיין, אייער שלום אַש".

שלום אַש איז געווען אומרואיק, ער האָט אַרומגעשפּרייזט איבער זיין אַרבעטס־צימער ווי אַ געפּענטעטער לייב אין אַ שטייג. ער האָט פאַרענדיקט אַזאַ גראַנדיעזע ווערק, און וואָס ווייטער?... שלום אַש קאָן נישט זיין אומטעטיק, אַש מוז אַרבעטן, ער מוז עפּעס טאָן. איך האָב נאָך נישט געזען אין מיין לעבן אַזאַ אַרבעטסזאַמען מענטש ווי עס איז שלום אַש. זיין ענערגיע און אַרבעטס־קראַפט — אויף אַלע יידישע שרייבער געזאָגט, ואני בתוכם; מילא, טאַלאַנט — דאָס איז אַ גאָט־זאַך!...

אָט לייגט ער מיר פלוצים פאָר אַראָפּצוגיין מיט אים אַ ביסל שפּאַצירן איבער דער באַרימטער ניצער פּראָמענאַד דעז'אַנגלעי. ער שטעלט זיך אָפּטמאָל אָפּ, כדי עפּעס צו פאַרצייכענען אין זיין ביכעלע, וואָס ער טראָגט שטענדיק מיט זיך אַרום. דער מוח זיינער אַרבעט שוין, עפּעס ווערט ביי אים געבוירן, עפּעס רעדט ער — מער צו זיך אַליין ווי צו מיר — אויסטערליש־מטושטשע רייד וועגן מענטשן, העלדן, וואָס דאַרפן ערשט קריגן זייער תיקון, זייער לבוש אין בלוט און פלייש.

מיטאָמאָל גיט ער מיך אַ נעם אונטערן אָרעם:

— איר וועט מיטפאָרן מיט מיר באַקוקן אַ הויז? — גיט ער מיך אַ פרעג.

— מיט גרויס פאַרגעניגן!

ער נעמט אָן אַ אויטאָמאָביל פון עפּעס אַ הייזער־אַגענט, ער פאָרט

מיט אים אַרום און באַקוקט אַ צענדליק הייזער, ווילעס און פּאַלאַצלעך הינטער ניצע און אין דער אומגעגנט. זיין אַרומפּאַרן באַקוקן אַ הויז איז אויך אַ מין צעשטרייאונג ביי אים, אַבי מיט עפּעס צו זיין באַשעפטיקט. ער האָט יענעם טאָג נישט געקויפט קיין איינס פון זיי. ער וואוינט נאָך אַלץ אין דעם געדונגענעם אַפּאַרטמענט אויף אַוועניו דע באָמעט, לעבן רי דע פראַנס, איין בלאָק פון ים.

אַ ביסל צעשטרייאונג איז יאָ איינמאָל אויף אים געקומען: דער האַלטן אַ טעלעגראַמע, אַז די טאָכטער רות מיט איר מאַן זענען אַרויסגעפאָרן פון לאָנדאָן און וועלן מאָרגן אָוונט אָנקומען קיין ניצע.

אַש איז אַ נאַכט פריער געווען אומרואיק, ער איז געלאָפן צו דער באַן, מיטגענומען מאַדזשען און אָפּגעוואַרט עטלעכע שעה, זיצנדיק אין אַ קאַפעהויז, וואָס געפינט זיך אַנטקעגנאיבער דעם וואָקזאַל. איך האָב גראָד דאַמאָלס דורכשפּאַצירט איבער דער גאַס, וואָס איז לעבן באַנהויף. אַש האָט מיך באַמערקט פונדערווייטנס און גיט אַ געשריי זיין גוט־באַקאַנטן: „רררראָזענבעררריג!״

איך דריי מיך אום און דערזע אַשן זיצן אינדרויסן פאַר דעם קאַפעהויז ביי אַ טישל און לעבן אים זיצט זיין פרוי מאַדזשע און נאָך צוויי אומבאַקאַנטע פּערזאָנען, אַ מאַן מיט אַ פרוי, וועמען איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען.

איך גיי אַריין אין דער דראָטענער פאַרצוימונג פאַר דעם קאַפעהויז. אַש שטעלט מיך פאָר פאַר די צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן: „דאָס איז ראָזענבערג און דאָס איז לודוויג לואיסאָן און זיין פרוי...״

איך האָב דאַמאָלס געהאַט זייער נישט קיין אָנגענעמע איבערלעבונג. ווען אַש האָט מיך פאָרגעשטעלט פריער פאַר לודוויג לואיסאָנען, האָב איך אים דערלאַנגט די האַנט, דערנאָך האָב איך באַגריסט מאַדזשען, אַ קוש טוענדיק איר אין דער האַנט, אויפן פוילישן שטייגער, און דאַן האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער מאַדאַם לואיסאָן. איך דערלאַנג איר די האַנט און זי לאָזט מיין האַנט הענגען עטלעכע רגעס אין דער לופט. איך פיל מיך ממש ווי צו באַגראָבן פאַר חרפּה. ענדלעך האָט זי זיך מיישב געווען און זי האָט מיר דערלאַנגט אַ פינגער...

מילא, איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה — בעסער איין פינגער ווי גאָרנישט... אָבער איך האָב שוין אויף איר געוואָרפן אַן אומחן דערפאַר, און איך בין נישט לאַנג געזעסן מיט זיי, איבערגעגעוואָרפן זיך מיט אַ פּאָר העפלעכקייטס־ווערטער און איך האָב באַלד פאַרלאָזן די געזעלשאַפט און פאָרגעזעצט מיין שפּאַציר. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אַרויס אַש צו מיר און ער טרייסט מיך:

— זאָרגט איך נישט, רדראָזענבעריג, ס'האָט מיט מיר שוין אויך אַזוינס פּאַסירט אין לעבן; ביי זיי אין אַמעריקע איז אַזוי די מאָדע, די פרוי דאַרף איך פריער דערלאַנגען די האַנט און איר מוזט וואַרטן, ביז זי ציט זי צו איך אויס...

— איך האָב זי אין דר'ערד!... — איז געווען מיין כעסדיקער ענטפער — אַ פאַרשיווקע!...

איך האָב גענומען מיין נקמה דערמיט, וואָס איך האָב צומאָרגנס דעמאָנסטראַטיוו, ווען כ'האָב באַגעגנט לודוויג לואיסאָנען מיט זיין פרוי אויף דער פּראָמענאַדע, געגריסט זיך בלויז צו אים און נישט געקוקט אַפילו אין איר זייט אַריין.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך דערלעבט אין איר די גרעסטע נקמה: לודוויג לואיסאָן האָט דאָס דאָזיקע פּאַסקודנע שטיק אָפּגעיאָגט...

עס האָט זיך גענומען דערנעענטערן דער טאָג, וואָס איך האָב זיך געדאַרפט אָפּגעזעגענען מיט דער פּרעכטיקער ניצע, מיט די אשס, מיט מיין שיינעם פּענסיאָן און פאַרלאָזן דעם גן עדן התחתון. איך האָב אייגנטלעך מתחילת נישט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ באַדינגונגען איך בין אָנגעקומען אַרבעטן פאַר אַשן: צי פּערמאַנענט, צי בלויז אויף דער צייט, וואָס ער וועט שרייבן דעם „תהלים־ייד". איך בין געווען צו שעמעוודיק ביי אים זיך דאָס צו פרעגן.

אָבער ענדלעך איז געקומען אַ טאָג, ווען אַש איז צו מיר צוגעקומען און געמאָלדן, אַז איך האָב מיין אַרבעט פאַרענדיקט און איך דאַרף צוריקפאָרן קיין פּוילן...

וואָס אַן אמת, האָט מיך די מעשה גאַנץ שטאַרק פאַרדראָסן: פאַרוואָס האָט ער מיר דאָס נישט געזאָגט גלייך פון אָנהויב, אַז איך בין דורך אים אָנגעשטעלט געוואָרן בלויז פאַרן פעריאָד פון שרייבן דעם „תהלים־ייד"?... וואָרים אין וואַרשע האָט ער מיר געהאָט בפירוש דערקלערט: „איך נעם איך אַראָפּ קיין ניצע און כ'וועל איך מאַכן פאַר מיין סעקרעטער"...

נאָר גיי האָב פּרעטענזיעס צו אַשן!... אַזוי איז ער און אַזוי דאַרף מען אים נעמען...

עס האָט מיר זייער און זייער נישט געשמעקט צוריקצופאָרן קיין פּוילן, וואו דער פאַשיזם האָט שוין גאַנץ פיין געבושעוועט, און דער עיקר — איך האָב מיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו אַ פרייער לעבן אין פראַנקרייך. עס האָט מיר וויי געטאָן דאָס האַרץ ביים געדאַנק, אַז איך וועל מוזן פאַרלאָזן אָט די דאָזיקע פּראַכטפולע געגנט, דאָס שענסטע ווינקעלע אויף גאָטס ערד, די ווייטע, בלוי־פאַרחלומטע שניי־

באַדעקטע בערג, דעם לאַשטשענדיק־בלישטשענדיקן מיטללענדישן ים...
איך האָב, כדי צו צעשטרייען זיך אַ ביסל, גענומען דעם באָס און צוגעפּאָרן קיין מאָנטע־קאַרלאָ אַ שפּיל צו טאָן אויף דער רולעטקע. איך האָב מיר געטראַכט, ווי עס טראַכטן אָפט מענטשן אין זייער גרעסטער פאַרצווייפלונג: אפשר, אולי ירחם, איך וועל געווינען אַ גרויסע סומע געלט און איך וועל פאַרבלייבן אויף מיין אייגענעם חשבון אין ניצע...

און דאָ איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען אַן אויסטערלישן צו־פאַל, וואָס איך קאָן אים נישט עד היום פאַרגעסן:

איך בין אַריינגעקומען אין דעם העל־באַלויכטענעם זאַל פון דער קאַסינאָ מיט די פיל גאָלד־באַצירטע זשיראַנדאָלן און איך האָב מיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו איינעם פון די פיל גרינע רולעטקע־טישן, אַרום וועלכע עס זענען געשטאַנען און געזעסן אַ סך מענטשן, מענער און פרויען און האָבן, פאַרכאַפּטע אינגאַנצן פון דעם שפּיל, געוואָרפן גרויסע סומעס געלט אויפן טיש, און דער קרופּיע איז נישט מיד געוואָרן זיי צוצושאַרן צו זיך, און פון געוואוינהייט געהאַלטן אין איין מורמלען: „פּעט וואָ זשע!"... „ריען וואָ פּלי!"...

איך בין נאָך געווען געגוג ניכטער און איך האָב מיט זיך מיט־גענומען צום „פאַרשפּילן" בלויז צוויי הונדערט פראַנק, אַן ערך פינף דאָלאַר. איך האָב געהאַט ביי מיר אין געדאַנק אָפּגעמאַכט אַזוי: היות, שפּילנדיק אין ניצער קאַסינאָ אין „בול" (אַ רולעטקע אין מי־ניאַטור), האָב איך מזל צו דער ציפער פינף, וועל איך אויך דאָ איינ־שטעלן די ערשטע צען פראַנק אויף דער פינף; דערנאָך וועל איך גיין לויט דער רייע און איינשטעלן אויף דער ציפער אַכצן (כמנין ח"י) און דערנאָך אויף זיבעצן (כמנין טוב)... און אויב איך וועל האָבן געפּטרט מיינע צוויי הונדערט פראַנק, וועל איך תיכף פאַרלאָזן דעם שפּיל־זאַל און פאָרן אַהיים קיין ניצע.

עס איז ממש אומגלויבלעך, ווען כ'דערמאָן מיך דאָס היינט, אָבער עס איז אַזוי געשען: איך האָב געשטעלט אויף די אויבנדערמאָנטע דריי ציפערן, און די זענען טאַקע איינע נאָך די אַנדערע אַרויס אין דער זעלבער ריי, ווי איך האָב מיר פאַרגענומען, אָבער מיט איין שפּיל שפּעטער... ווען איך האָב אָנגעהויבן דאָס שפּיל, האָב איך געשטעלט אויף דער פינף, אָבער עס איז אַרויס אַן אַנדער ציפער; דאַן האָב איך געשטעלט אויף דער אַכצן, איז אַרויס די פינף; דאַן האָב איך געשטעלט אויף די זיבעצן, איז אַרויס די אַכצן, און ווען איך האָב מיינע לעצטע פראַנקען ווידעראַמאָל געשטעלט אויף מיין „מזלדיקער" פינף, איז אַרויס די זיבעצן!... אַלזאָ: פינף, אַכצן און זיבעצן, ווי

איך האָב מיר גענומען אין זינען, — נאָר מיט איינאיינציקער שפּיל שפּעטער...

איך בין, הייסט עס, מיט עטלעכע מינוט צו פרי אַריינגעקומען אין שפּיל־זאַל... ווען איך וואָלט אַריינגעקומען אין דער ריכטיקער צייט, וואָלט איך שוין געקאָנט פאַרבלייבן אין ניצע, ווי איך האָב געפּלאַנט... אַז איך האָב דערזען, אַז מען וויל נישט פון „אויבן", איך זאָל דאָ פאַרבלייבן, בין איך אַוועק אין אַ טרויעריקער שטימונג צוריק אַהיים, איבערגעשלאָפן צום לעצטן מאָל אין דער אויסגעחלומ־טער ריוויערע־שטאָט ניצע, אין דער שיינער ווילע „מיראַמאַר", און — אַדיע מיטן גן עדן התחתון!...

אַש האָט מיר צומאָרגנס געגעבן געלט צו באַצאָלן פאַרן לעצטן אָפּגעוואוינטן חודש אין פּענסיאָן, געגעבן מיר אויף הוצאות קיין פּוילן. איך האָב אים אָבער דערקלערט, אַז איך פאָר נישט צוריק קיין פּוילן, איך פאָר קיין פּאַריז!

דעם לעצטן טאָג האָב איך געמאַכט אַ שפּאַציר איבער די שיינע פּלעצער פון ניצע און איר אומגעגנט, געזעגנט זיך מיטן לאַזור־בלויען ים, מיט די בערג; שעהן־לאַנג בין איך געשטאַנען און איינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט פון גאָטס וועלטל, דערמאָנט זיך אין די אַלע ערטער, וואו איך האָב געשפּאַצירט מיט אַשן, ווען ער האָט פאַר־טראַכט און געשאַפן איינס פון זיינע מעכטיקסטע ווערק, דעם „תהלים־ייד".

אין פּאַריז האָט דאַמאָלס דער „דובנאָוו־פאָנד" געגרייט אַרויסצו־געבן די יידישע ענציקלאָפּעדיע. אַש האָט מיר מיטגעגעבן אַ בריוו צו חבר רפאל אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר, און ווען איך בין אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָב איך מיט אַ צייט שפּע־טער באַקומען דאָרט אַ שטעלע אַלס קאָרעקטאָר און געאַרבעט ביי די ערשטע דריי בענדער.

אַש האָט צו מיר, ווען איך בין געווען אין פּאַריז, אַרויסגעוויזן גרויסע פּאַראינטערעסירונג. איך האָב געהאַט געליען אין ניצע ביי מיין גוטן פריינט, דעם מאָלער הענריק לעווענשטאַדט, דריי הונדערט פראַנק. דערווייל איז לעווענשטאַדט אויך אַריבערגעקומען קיין פּאַריז און קראַנק געוואָרן. ער האָט געמוזט אָפּפאָרן קיין פּוילן. איך בין אים שולדיק געווען די דריי הונדערט פראַנק און איך האָב נישט געהאַט אָפּצוגעבן... עס זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי עס טרעפט זיך...

עס איז מיר געווען זייער אומאָנגענעם און איך האָב אַוועקגע־שריבן אַ בריוו צו אַשן, — אַזוי און אַזוי... מיר ווען דאָך נאָך

מסתמא אַרבעטן צוזאַמען, טאָ אַנטלייט מיר אויף דער דאָזיקער קאָנ־
טאָ דריי הונדערט פראַנק. מיט דער צוריק־פּאָסט האָב איך אָן שום
טענות־ומענות געקריגן דאָס פאַרלאַנגטע געלט און איך האָב אָפּגעגע־
געבן מיין ערן־חוב.

אָט אַזוי האָט זיך פאַר מיר פאַרענדיקט די עפּאָכע „תהלים־ייד״...

קאַפּיטל דרייצן

# אַש שרייבט דעם ראָמאַן „ביים אָפּגרונט"

דאָס איז געווען אין פרילינג, 1933. איך האָב פאַרלאָזן דעם גן־עדן התחתון — די פּראַקטיקע ניצע, און בין אָנגעקומען קיין פּאַריז ווי אויף אַן עולם התוהו. איך האָב נישט געוואוסט וואו איין און וואו אויס. איך האָב געוואוינט ביי מיינער אַ שוועסטער. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און איך האָב באַקומען באַשעפטיקונג אַלס קאָרעקטאָר אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע פון דובנאָוו־פאָנד, אונטער דער לייטונג פון ר. אַבראַמאָוויטש, בן־אַדיר, ד״ר מענעס און אברהם קיהן.

קיין גרויסע מאַטעריעלע גליקן האָב איך אָבער נישט געהאַט. דאָס דרוקן פון דער ענציקלאָפּעדיע איז צוגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם (אַ סימן — נאָך איצט, אין 1955, איז זי נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט...).

פון שלום אַשן האָב איך פון צייט צו צייט באַקומען צוגעשיקט אַ מאַנוסקריפּט פון אַ קלענערער דערציילונג אָדער אַן אַרטיקל, און ווען איך האָב פאַרענדיקט די אַרבעט, האָב איך פּינקטלעך באַקומען צוגעשיקט אַ טשעק.

אַ גרופּע יידישע שרייבער, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנשריפט, א. נ. „פּאַריזער וואָכנבלאַט". עס האָבן זיך באַטייליקט אין אים: ז. שניאור, וו. וועוויאָרקע, ש. ל. שנײדערמאַן און אני הקטן. וועגן האָבן עפּעס אַ מאַטעריעלן נוץ פון דעם דאָזיקן וואָכנ־

בלאָט איז נישט געווען וואָס צו רעדן. מיר האָבן געדאַנקט גאָט, אַז מ׳האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ נומער.

דעם זעלבן זומער פון 1933 בין איך געפאָרן אָפּשטאָטן אַ וויזיט קיין פּוילן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווען איך בין אַריינגעקומען אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, האָט מען מיך אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן, און נאָכן אָפּפרייען זיך מיט מיר, האָט מען מיך אָנגעהויבן באַוואַרפן מיט פראַגעס און קשיות: ווי אַזוי איך האָב מיך געפילט ביי אַשן, ווי אַזוי איך בין מיט אים דורכגעקומען; יעדער איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, ווי אַזוי שרייבט אַש, ווי אַזוי לעבט ער ביי זיך אין הויז, ווי אַזוי איז זיין באַציאונג צו מענטשן, צו קאָלעגן; און צי איז טאַקע אמת, אַז אַש איז אַזאַ מוראדיקער „עם־הארץ״, ווי מען דערציילט זיך אָן וועגן אים צווישן יידישע שריי־בער?

איך האָב זיי אַלעמען אָפּגעגאָסן ווי מיט אַן עמער קאַלט וואַ־סער, ווען איך האָב די אַלע מעשיות, געשיכטעס, פּליאָטקעס און רכילותן אויף דעם אַנטשיידנסטן אופן אָפּגעלייקנט. איך האָב פּאָר זיי פאַרגעשטעלט גאָר אַן אַנדער שלום אַש, וועמען זיי האָבן לחלוטין נישט געקענט... איך האָב זיי דערביי געזאָגט, אַז ווען אַ געוויסע צאָל באַקאַנטע יידישע שרייבער וואָלטן געהאַט כאָטש אַ צענט חלק וויסן פון שלום אַש, וואָלטן זיי געווען „גאונים״...

אַ געוויסער שרייבער, וועלכער האָט זיך פונדערוויטנס צוגע־הערט צו מיין באַריכט, וואָס איך האָב אָפּגעגעבן, האָט זיך דער־נענטערט צו אונדזער גרופּע און אַריינגעמישט זיך, דערווידערנדיק אין עטוואָס אַ בייזלעכן טאָן, אַז איך טרייב איבער מיט מיין אָפּ־שאַצונג וועגן שלום אַשן. דאָס איז גראָד געווען אַ שרייבער, וועלכער האָט זיך אַמאָל געהאַט באַרימט צווישן קאָלעגן, אַז ער האָט שוין צוואַנציק יאָר נישט אַריינגעקוקט אין אַ בוך...

איך האָב אים טאַקע באַלד אויפן אָרט אָפּגעענטפערט:

„ביי שלום אַשן גייט נישט דורך קיין איין טאָג, אַז ער זאָל נישט לייענען אַ בוך פון ערנסטן אינהאַלט. אַש שטודירט שטענדיק, אַש זיצט קיינמאָל נישט ליידיק, רויכערט נישט קיין ליולקעס, בלאָזנדיק דעם בלויען רויך אין הימל אַריין...

דער דאָזיקער שרייבער האָט אָפּנים דערפילט, וואוהין איך ציל און ער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן.

די יינגערע שרייבער האָבן געשעפּט תענוג פון מיינע רייד. זיי האָבן מיר געקוקט אין מויל אַריין און זייערע פּנימער האָבן געשמייכלט

מיט צופרידנקייט. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן צו ווערן דורכגעפרעסן מיט דער קנאה און שנאה, וואָס עס האָבן אין זיך געטראָגן די עלטערע שרייבער צו שלום אַשן. זיי האָבן נאָך געוואָרעמט אין זיך דאָס זעלבע געפיל, וואָס איך אַליין האָב שטענדיק געהאַט, פון מיין פריסטער יוגנט־אָן, צו שלום אַשן, און וואָס איך האָב נאָך הייַנט: ער איז דער קאָפּ פון דער יידישער ליטעראַטור! עס איז ביי מיר אויף אייביק פאַרבליבן דער טעם פון געַנוס, וואָס עס האָט מיר פאַרשאַפן זיין „וועג קיין שעמעניץ", „דאָס קוילער געסל", „אַ זומער־רעגן" און אַנדערע פּראַכטפולע קורצע דערציילונגען, מיט וועלכע אַש האָט זיך אין אָנהויב פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע געמאַכט אַ נאָמען. שוין אָפּגערעדט פון „שטעטל", „שלמה נגיד" און אַנדערע גרעסערע ווערק, אויף וועלכע מיר אַלע האָבן זיך אין אונדזער יוגנט דערצויגן. זיי, די יונגע שרייבער אין ליטעראַטן־פאַראיין, האָבן מיר געגלויבט. זיי האָבן באַוואונדערט דעם גרויסן שריפטשטעלער און מיך מקנא געווען, וואָס מיר איז באַשערט צו זיין אַ סמוך לשולחנו, צו האָבן געווען דער ערשטער לייענער פון „תהילים־ייד", וואָס איז נאָך דענסטמאָל נישט געהאַט דערשינען אין בוכפאָרם, נאָר האָט געדרוקט זיך אין המשכים אין „הייַנט".

עס זענען שוין זינט דאַמאָלס אַוועק קנאַפּע צוויי־און־צוואַנציק יאָר, אָבער אין זכרון זענען מיר פאַרבליבן עטלעכע נעמען פון די ייִנגערע שרייבער, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט אין ליטעראַטן־פאַראיין און זיך געקוויקט מיט מיינע פרישע שילדערונגען פון שלום אַשן. ווי לעבעדיק שטייט פאַר מיר דאָס בילד (די אַלטע מיטגלידער פון טלאָמאַצקע 13 וועלן דאָס זיכער געדענקען): מיר זענען געשטאַנען לעבן לעצטן פענצטער, וואָס איז געווען נאָענט פון דער באַרימטער פּיאַנאָ, און טאַקע אָנגעלענט אויף דער פּיאַנאָ זענען געשטאַנען אַרום מיר — דער דאַמאָלס נאָך יונגער דיכטער יאָנאַסאָוויטש, דער פּאָעט משה קנאַפּהייס און דער זשורנאַליסט י. האָרן (אַלע לעבן הייַנט אין אַרגענטינע). עפּעס זענען מיר די דאָזיקע דריי נעמען פאַרבליבן ווי איינגעקריצט אין געדעכעניש.

יענער שרייבער, וועלכער האָט שוין „צוואַנציק יאָר נישט געהאַט אַריינגעקוקט אין אַ בוך", איז מיר פון דעמאָלט אָן פאַרבליבן אַ געשוואוירענער שונא פאַר מיין באַמערקונג וועגן אַשס יאָ לייענען...

אין דעם זעלבן אָוונט, געדענק איך, בין איך געזעסן ביי אַ טישל לעבן דער וואַנט מיט דעם דאַמאָלס נאָך גאָר יונגן יצחק באשעוויס און מיר האָבן געטרונקען אַ גלעזל טיי. באַשעוויס, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ באַדייטנדיקן טאַלאַנט און איז שוין,

דאַכט זיך, געווען דער מחבר פון דער פּרעכטיקער דערציילונג „דער שטן פון גאָריי", האָט דאַמאָלס אַרויסגעזאָגט אַ טשיקאַווען געדאַנק:

„איך ווייסט, ראָזענבערג, אפשר ווען אַש וואָלט געקאָנט שרייבן אַ ריכטיקן און גראַמאַטיקאַלישן יידיש, וואָלט דער קינסטלערישער אָטעם אויסגעוועפּט געוואָרן. פון זיין נישט געהובלטן סטיל הויכט אַרויס אַשס גרויסע קונסט". איך האָב זיך דעריבער טאַקע באַמיט נישט צו שטאַרק צו פאַרריכטן אַשס נישט־געהובלטקייט; כ'האָב בעסער געוואָלט איבערלאָזן אַשס דיכטערישן אָטעם...

איך האָב דענסטמאָל פאַרבראַכט אין וואַרשע עטלעכע חדשים און זיך נישט געקאָנט שוין דערוואַרטן, אַז איך זאָל ווידער אָוועקפאָרן אין דעם גייסטיק־וואַרימען פּאַריז, כאָטש מען האָט דאָרט גאַנץ היבשלעך אונטערגעהונגערט, און אין האַרבסט פון זעלבן יאָר האָב איך ווידער שפּאַצירט אין מיין באַליבטן לוקסעמבורגער גאָרטן. דאָס גאַנצע יאָר געלעבט אין די שווערסטע באַדינגונגען, פון צייט צו צייט געקריגן פון אַשן אַ מאָגער טשעקל פאַר מאָגערער אַרבעט... די וואָכנשריפטן (שפּעטער אַרויסגעגעבן דאָס „אילוסטרירטע וואָכנבלאַט") האָבן קיין גרויסע פּרנסות נישט געגעבן, אפילו נישט אויף טרוקן ברויט.

ערשט אין שפּעטן האַרבסט פון 1934 האָב איך באַקומען אַ בריוו פון שלום אַשן, אַז איך זאָל שוין פּאַקן דאָס פּעקל און קומען קיין ניצע, ווייל ער דאַרף מיך נויטיק האָבן. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ ניי בוך.

דאָס יאָר 1934 איז געווען אַ יאָר, וואָס איז געבליבן אין זכרון פון די, וועלכע האָבן דאַמאָלס געלעבט אין פראַנקרייך. עס איז פאָר־געקומען דער באַרימטער פעברואַר־אויפשטאַנד פון די פראַנצויזישע פאַשיסטן, וואָס איז באַלד אונטערדריקט געוואָרן. אונדז איז ער באַזונדערס פאַרבליבן אין געדעכעניש, ווייל די רעדאַקציע פון „אי־לוסטרירטן וואָכנבלאַט" האָט געהאַט איינגעאָרדנט צו יענער צייט אַ גרויסן פּורים־באַל, וואָס האָט געזאָלט אַריינברענגען אַ גענוגנדיקע סומע געלט אויף אויסצוהאַלטן דעם זשורנאַל; דער באַל האָט געליטן אַ גרויסן דורכפאַל צוליב די אומרוען, און עס איז געוואָרן אויס זשורנאַל!... דעריבער איז דער פאַרשפּעטיקטער רוף פון אַשן — ווייל ערשט אין האַרבסט — צו קומען קיין ניצע, געווען פאַר מיר ממש אַ הילף.

איך געדענק, ווי זלמן שניאור איז געקומען צום וואָקזאַל מיך אַרויסבאַגלייטן, מיטגעבראַכט מיר אַ גרויסן פּאַק שאָקאָלאַד און זיך האַרציק מיט מיר געזעגנט. עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג און אַ קאַלטער ווינט האָט דורכגענומען די ביינער. צומאַרגנס אָבער, ווען די

באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ניצע, נאָך זיבעצן שעה יאָגן זיך פון צפון קיין דרום, צום מיטללענדישן ים, האָט די זון געשיינט אַזוי בלענדנדיק און וואַרים. שלום אַש האָט מיך אָפּגעוואַרט ביי דער באַן אין אַ ווייסן אָנצוג און אין אַ פּאַנאַמע־הוט — אַ נייע וועלט, אַ וואַרימע וועלט!...

דאָס מאָל האָט מיך אַש אָפּגעוואַרט אין זיין פּריוואַטן אויטאָ־מאָביל און זיין זון דזשאַן (יוחנן) איז געווען דער שאָפער. אַש האָט שוין דאַמאָלס געוואוינט אין אַן אייגענער ווילע, אַרום דריי־פיר מייל פון ניצע, אין די אַלפּן — אַ וואונדערלעכע געגנט. זיין ווילע האָט טאָ־קע געהייסן „ווילאַ שאַלאָם". דאָס הויז איז געבויט געווען אין אַ בית־המדרש סטיל. דער טיש אַפילו, אויף וועלכן אַש האָט געשריבן, איז געווען אַ פּשוטער בית־המדרש טיש, אַן שופלעדלעך. אַש האָט זייער ליב געהאַט און ער האָט עד היום ליב יידישן סטיל (אַט דער דאָ־זיקער „משומד"!)...

פון אַריינגאַנג ביזן הויז האָט זיך געצויגן אַן אַלעע פון ווילדע וויינטרויבן־ביימלעך, וואָס האָבן געקלעטערט איבער דראָטן און אינ־דערהויך זיך געשלאָסן אין אַ חופּה־געוועלב. ביי די זייטן זענען גע־שטאַנען שטיינערנע בענק, טאַקע אויסגעהאַקט פון שטיין. הינטערן הויז און פאַרן הויז האָט זיך געצויגן אַ פּראַכטפולער אויבסט־גאָרטן מיט כלערליי טייערע פּירות. אינמיטן איז געווען אַ גרויסער, לענג־לעכער באַסיין, ווי אַ מקווה, אָנגעפולט מיט בלוילעכן וואַסער, אויף צו באַוואַסערן דעם גאָרטן. עס איז אויך געווען אַ ספּעציעלער פּלאַץ צו שפּילן „באָולינג" (קעגעל־שפּיל) און איך האָב טאַקע זייער אָפט מיט אַשן אין דער פרייער צייט געשפּילט מיט די גרויסע שוואַרצע קעגלען.

פאַרן הויז איז געווען אַ וועראַנדע, וואו מ'האָט אָפט געגעסן סיי זומער און סיי ווינטער. איך דערמאָן מיך אַזאַ סעודה אין סאַמע חנוכה: די זון האָט געגליט, אַז מען האָט אַזש געמוזט באַנוצן דעם גרויסן זון־שירעם, וואָס מען האָט אַריינגעשטעקט אינמיטן טיש.

אַש האָט פאַר מיר געדונגען אַ פּראַכטפולע וואוינונג ביי אַ פּראָב־צוויזיצער אַלטער פרוי, אַן אלמנה נאָך אַן אַרמיי־אָפיציר, וועמענס בילד איז געהאַנגען איבער מיין בעט... עס איז געווען אייגנעאָרדנט דאָרט ווי אין דעם טייערסטן האָטעל. איך ווייס נישט, צי אין וואַלדאָרף־אַסטאָריאַ קריגט מען אַ שענער צימער. די פרוי האָט מיך אָפּגעהיטן ווי אַן אייגן קינד. איך האָב דאָרט געגעסן בלויז פרישטיק. מיטאָג און נאָכטמאָל האָב איך געגעסן ביי די אַשס.

די אַשס האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך־שיינע וואוינונג. דאָס

גרעסטע צימער אין סאַמע עק פון הויז איז געווען זיין אַרבעטס־קאַבינעט. אָנשטאָט אַ פּשוטער טיר, איז געווען אַ ריזיק טויער, ווי צו אַ גאַראַזש, מיט אייזערנע פרענטן צו פאַרמאַכן פון דרויסן. לינקס צו זיין האַנט ביים שרייבטיש איז געווען אַ גרויס פענצטער, דורך וועלכן עס האָט פון זייער ווייט אַריינגעבליקט דאָס בלויע אויג פון מיטל־לענדישן ים. אין צימער איז געווען אַ קאַמין, אין וועלכן אַש פלעגט זיינע צעריסענע כתבים וואַרפן אין פייער אַריין. ער האָט ליב געהאַט אַליין צו מאַכן דאָס פייער, און אין די ווינטערדיקע אָוונטן איז טאַקע געווען אַ מחיה צו זיצן אין זיין קאַבינעט. הינטער אים איז אויף דער וואַנט געהאַנגען אַ באַרימטע לאַנדשאַפט פון רוסיש־ייִדישן מאָ־לער לעוויטאַן. עס זענען אויך געהאַנגען פיל אַנדערע בילדער פון באַרימטע קינסטלער. ביי דער וואַנט, אונטער לעוויטאַנס בילד — אַ גרויסע לאַנדשאַפט מיט פיטערנדיקע קיעלעך — איז געשטאַנען אַ ברייטע סאָפע, אויף וועלכער דער שריפטשטעלער פלעגט זיך נאָכ־מיטאָג אָנלענען אויף אַ האַלבער שעה און טיילמאָל, ווען ער האָט געהאַלטן אין רעכטן ברען פון שאַפן, האָט ער אויך גענעכטיקט אין זיין קאַבינעט און נישט אין שלאָפצימער, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות.

דאָס אַרבעטס־צימער איז געווען אַרומגעשטעלט מיט גרויסע שענק ספרים, ביכער אין עטלעכע שפּראַכן, און אין איין שאַנק זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אַלע זיינע ווערק אויף ייִדיש. אין אַן אַנדער שאַנק זענען געווען די איבערזעצונגען פון זיינע ווערק אין פאַר־שידענע שפּראַכן. איין בוך, די „מוטער‟, איז געווען איבערזעצט אויך אין יאַפּאַניש און אין טשעכיש, וואו דאָס דאָזיקע ווערק איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ נאַציאָנאַלע שאַפונג — אַזאַ גרויסן איינדרוק האָט „די מוטער‟ געמאַכט אויף דעם טשעכישן פאָלק.

אַ חוץ דעם ריזיקן אַרבעטס־קאַבינעט, איז געווען אַ קלענער שלאָפצימער, וואו עס זענען געשטאַנען צוויי אַנטיק־בעטן און אַנטיק־שטולן פון לואי דעם פופצנטן. אַש האָט זייער ליב אַנטיקן און ער האַלט זיי אין איין איינקויפן. מיט קליינע שטיגעלעך איז מען פון שלאָפצימער אַריינגעקומען אין אַ לענגלעכן, שמאָלן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צום ריזיקן עסצימער מיט אַ טיש פאַר פיר־און־צוואַנציק פּערזאָן. פון עסצימער איז מען פון פראָנט אַרויסגעקומען אויף דער וועראַנדע, וואָס האָט צייטנווייז — ווי געזאָגט — פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם עסצימער, און פון דער וועראַנדע איז מען אַריינגעקומען אינעם גאָרטן. אַ צווייטע טיר האָט פון עסצימער געפירט אין דער קיך, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט מיטן גרעסטן קאָמפאָרט, מיט אַ

פרידזשידעיר, וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געהאַט געזען — אַ פאַבריק פון אייז־קלעצלעך אין שטוב!...

אָן אַ זייט פון קליינעם קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט פון דער קיך, איז געווען דאָס באַדצימער, ווייטער אַ ביסל — אַ גאַסטצימער און דערנאָך אַ צימער פאַר זיין יינגסטן זון דזשאָן. פאַרן הויז זענען געווען פאַרפלאַנצט בלומען פון כלערליי קאָלירן און געשמאַקן: רויטע נעגע־לעך, ווייסע און בלויע כריזאַנטעמען און רויטע רויזן. הינטער אַ פענצטער איז געוואַקסן אַ צעצווייגטער בוים מיט באַנאַנעס.

קורץ, עס איז געווען אַ פּאַלאַץ פון אַ פירשט, פון אַ צווייטן כלבא שבוע, נישט פון אַ יידישן שרייבער!... איך האָב דאַמאָלס פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מען איז אַשן אַזוי מקנא... אָבער לאוו כל אדם זוכה! נאָר פאַרוואָס די שנאה, האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין און איך באַגרייף עס נאָך עד היום נישט. מילא, קנאה איז אַ מענטש־לעכע זאַך, בפרט קנאת סופרים... אָבער די שנאה איז איינפאַכע בייזוויליקייט, וואָס איז נישט מוחל צו זיין!

אַש האָט געהאַט אַרום זיך אַ סך שכנים, צווישן זיי — דעם באַרימטן עלזאַסער שריפטשטעלער שיקעלע, מיט וועמען אַש האָט געפלעגט שפּילן שאָך. קיין גרויסע שאָך־מייסטערס זענען זיי ביידע נישט געווען, אָבער אַש האָט שטענדיק ליב געהאַט אַריבערצוגיין צו זיין שכן און איינטענהן מיט אים פּאָליטיק אָדער וועגן אַ ליטעראַרישן ענין. שיקעלע איז געווען אַ חרוב־קראַנקער מענטש, מער ווי אַ העלפט פון זיין מאָגן איז געווען אויסגעשניטן און ער פלעגט קוים פאָכען מיט דער נשמה. ער איז אָפט געקומען מיך איינלאַדן צו שפּילן אַ שאָך מיט אים, וואָס איך האָב גערן אָנגענומען. קודם כל איז מיט אים געווען אָנגענעמער צו שפּילן, ווייל ער האָט זיך נישט אַזוי אויפ־געגרעגט פון אַ פאַרשפּילטער פּאַרטיע ווי אַש...

אַש האָט אויך געהאַט אַ שכן אַ יונגן פראַנצויזישן שריפט־שטעלער מיט אַן אַדל־טיטול. קיין גרויסער טאַלאַנט איז ער נישט געווען דער דאָזיקער פראַנצויזישער שרייבער. אָבער דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ זון פון אַ גרויס פּאָלק, וואָס גיט אַרויס איבער גאָר דער וועלט זשורנאַלן און ציידונגען און ער האָט גענוג פלעצער וואוהין אָפּצושטופּן זיין פּראָדוקציע, וואָס איז באַשטאַנען פון פּיקאַנטע קורצע דערציילונגען. זיין נאָמען איז געווען: דיפּאָן דע טערוואָן׳. מיר זענען צווישן זיך געוואָרן גוטע פריינט. אַש האָט אים אָפט איינגעלאַדן צו זיך אין הויז אַריין אויף אַ גלעזל טיי. איך האָב מיך געוואונדערט און עס האָט מיך אַפילו פאַרדראָסן אויך, פאַרוואָס אַש, דער גרויסער און וועלט־אָנערקענטער שריפטשטעלער, גיט זיך אָפּ

מיט אַזאַ שוואַך טאַלאַנטל. איז עס טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס יענער האָט אַן אדל־טיטול, אַ שיינע ווילע מיטן נאָמען „פּאָעמא" און ער איז נישט מאחינו בני ישראל?...

אַש האָט געהאַט און מסתמא האָט ער נאָך היינט — אַ שוואַכקייט צו טיטולן, צו רייכע מענטשן און... צו גוים!...

איך האָב געהאַט צוגעזען אַ סצענע אויף דער פּראָמענאַד דעז־אַנגלעי, וואָס האָט אויף מיר איבערגעלאָזט אַ נישט אַנגענעמען נאָכטעם: אַש איז געזעסן צווישן אַ גרופּע רייכע פּאַריזער יידן, וועלכע זענען געקומען אויף וואַקאַציע קיין ניצע. דאָס איז געווען אין ווינטער, 1933, ווען עס האָט געשטראָמט אַן אימיגראַציע פון נאַצי־דייטשלאַנד פון אַנטלאָפענע רייכע יידן און ליבעראַלע נישט־יידן. פּלוצים האָט אַש באַמערקט דורכשפּאַצירן אַ בלאָנדן יונגנמאַן מיט אַ בילד־שיינער פרוי. אַש האָט געהאַלטן אינמיטן אַ געשפּרעך מיט זיינע יידן. מיטאַמאָל איז ער געגעבן אַ שפּרינג־אויף, און ווי אַ יונג בחורל איז ער צוגעלאָפן צום בלאָנדן הויכן יונגנמאַן און זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים, גענומען אים אונטערן אָרעם און עפּעס אַריינגערעדט אין אים. דערנאָך האָט ער זיך, אַ יינגליש־צעשמייכלטער, אומגעקערט צוריק צו דער געזעלשאַפט.

ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער מיט צופרידנקייט אַ זאָג געטאָן צום גאַפנדיקן עולם: „דאָס איז גראַף „איקס"... אַ זון פון דעם רראַכן גראַף דעם און דעם"...

האָט איין רייכער ייד נישט געקאָנט זיך צוריקהאַלטן און אַשן געמאַכט אין שפּאַס אַ לייכטן פאַרוואורף:

— איך האָב גאַרנישט געוואוסט, שלום אַש, אַז איר האָט אַזאַ דרך־ארץ פאַר רייכע גראַפן! סוף כל סוף איז ער דאָך אַ סמאַרק און איר זענט שלום אַש!...

אַש האָט זיך פאַרשעמט, אָבער מיר האָט עס הנאה געטאָן, וואָס אַ ייד האָט געהאַט דעם מוט און אים אַריינגעזאָגט דעם אמת... — נו, אַ מענטשלעכע שוואַכקייט אַזאַ!...

אַז איך האָב געהאַט דאָס זעלבע געפיל בנוגע אַשן וואָס יענער ייד, דינט דער פאָלגנדיקער פאַקט:

אין ווינטער פון 1936 איז פון פאַריז געקומען אויף וואַקאַציע קיין ניצע דער באַקאַנטער יידישער מאָלער שלמה לערנער (היינט אין ניו־יאָרק). ער האָט מיך אויפגעזוכט און איז געקומען צו אונדז אויף אַ גלעזל טיי (איך בין שוין דאַמאָלס געווען פאַרהייראַט). זיצנדיק ביי אונדז אין הויז, בעט זיך ביי מיר מיין פריינט שלמה לערנער, אַז איך זאָל אים אַרויספירן צו אַשן אין דער ווילע. ער וויל זיך

סכנותדיק באַקענען מיט זיין באַליבטן שריפטשטעלער. ער האָט, זאָגט ער, אַש גענוואַלטיק ליב. איך האָב אים אָפּגערעדט דערפון. איך האָב אים געזאָגט גאַנץ אָפן, אַז איך וויל נישט, ער זאָל ווערן אַנטוישט, און זאָל ער בעסער בלייבן דער ליבהאָבער פון אַשן און אים נישט קומען זען. וואָרים שלום אַש, האָב איך אַרגומענטירט, איז אַ שטימונגס־מענטש און ער קאָן אים אַמאָל געבן אַזאַ „וואָרימע" אויפנאַמע, וואָס ס'איז גלייכער דאָס נישט דורכצומאַכן...

שלמה לערנער האָט מיך געפאָלגט און איז מער נישט צוגעשטאַנען צו מיר מיט זיין פאַרלאַנג. צומאַרגנס, ווען שלמה לערנער איז אָפּ־געפאָרן פון ניצע און איך בין אַרויסגעפאָרן מיטן אויטאָבוס צו אַשן, האָב איך אים דערציילט, אַז ס'איז נעכטן ביי מיר געווען צו גאַסט אַ באַקאַנטער יידישער מאָלער, זיינס אַ פאַרערער און ער האָט זייער געוואָלט אים זען און באַקענען זיך מיט אים.

— טאָ פאַרוואָס האָט איר אים נישט געבראַכט צו מיר? — האָט זיך אַש געפרעגט.

— ווייל איך בין נישט זיכער געווען, וואָס פאַר אַן אויפנאַמע איר וועט אים געבן, ער איז אַ יידישער מאָלער... — האָב איך אים געענטפערט מיט אַ שטאָך פאַר זיין, טיילמאָל, נישט צו פיינער באַנע־מונג לגבי מענטשן.

אַש האָט געשוויגן און איך האָב געשטילט מיין נקמה... וואָס דען מער האָב איך געקאָנט טאָן?

אָבער לאָמיר צוריקגיין צום האַרבסט פון 1934, ווען אַש האָט געשריבן זיין גרויס ווערק וועגן דייטשלאַנד, א. נ. „ביים אָפּגרונט" (אויף ענגליש: „דהי וואָר גאָוז אָן"). דער דאָזיקער ראָמאַן, אין צוויי טיילן, האָט אַרומגענומען די צייט פון נאָכן צוזאַמענבראָך פון דער דייטשישער אַרמיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ביזן אָנקומען פון היטלערן און איז איינס פון זיינע בעסטע ווערק, וואָס איז ליידער (נישט צו באַגרייפן פאַרוואָס) כמעט פאַרשוויגן געוואָרן און איז דעם יידישן לייענער אומבאַקאַנט. מעגלעך אפשר דערפאַר, וואָס דאָס ווערק איז דערשינען האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און האָט נישט באַוויזן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט צו ווערן, כאָטש די לאָנדאָנער „טאַימס" האָט געשריבן וועגן דעם בוך, אַז קיין שום דייטשן שריפטשטעלער, טאָמאָס מאַן אַריינגערעכנט, איז נישט געלונגען צו געבן אַזאַ שיל־דערונג פון דייטשלאַנד נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווי שלום אַשן.

אין דעם ראָמאַן ווערט געשילדערט די צייט פון דער גרויסער אינפלאַציע אין דייטשלאַנד, און אַש האָט געהאַט ליגן אויף זיין שרייב־טיש אפשר אַ טוץ ביכלעך און בראָשורן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן

מיטן באַשרייבן פּינקטלעך די אינפלאַציע־דאַטעס פון דייטשישן מאַרק. אַש האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף זיין זכרון, ווייל ער נעמט זייער ערנסט דעם ענין שרייבן, און ער האָט געוואָלט געבן אַ קלאָר און ער־לעך בילד. דער מאַרק איז געפאַלן קאָפּ־שווינדלדיק ממש, און אַזעלכע יידן ווי אהרן יודקעוויטש (איינער פון די הויפּטהעלדן פון בוך) האָבן איינגעקויפט פאַר גראָשנס דייטשישע הייזער און האָבן געמאַכט מיל־יאָנען. אָבער נישט נאָר האָבן די יודקעוויטשעס אויסגענוצט דייטש־לאַנדס געפערלעכע לאַגע, נאָר אויך די אייגענע רייך־ראַסישע סטינעַ־סעס, אָדער „דער מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד״, ווי אַש שילדערט אים.

עס ווערט אין דעם ווערק באַשריבן דאָס הולטאַיסקע נאַכט־לעבן פון די אויפגעקומענע גבירים, אַזוי דייטשישע און אַזוי יידישע און אויך פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זענען זיך נאָך דער מלחמה אָנגעלאָפן קיין דייטשלאַנד.

אין דעם „ביים אָפּגרונט״ זענען דאָ נאָך אַנדערע וויכטיקע העלדן, ווי: די פאַמיליע היינריך, אַדאָלף, מאַקס און האַנס באַדענ־היימער. שילדערט דורך זיי אַש אויסערגעוויינלעך קלאָר און שאַרף די יידישע אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד. עס איז אַ ווערק פון גרויס שפּאַנונג און וועט בלייבן אַן אייביקער דאָקומענט פון דער פאַר־היטלער־עפּאָכע. עס ווערן דאָרט געשילדערט די דייטשן פון די פאַר־שידנסטע שיכטן, פון דעם יונקערישן גראַף פאַן סטיקער ביז דעם פּשוטן דייטשישן אַרבעטער, און ווי עס איז געווען זייער רעאַקציע אויפן אָנקומען פון דער דאָזיקער וויסטער צייט פון היטלערן. עס ווערן געשילדערט די דייטשן, פון וועמענס רייען עס האָבן זיך רעקרוטירט די שפּעטערדיקע רוצחישע ס. ס. און ס. א.; און ריכטיק האָט ש. ניגער געשריבן אין זיין „דערציילערס און ראָמאַניסטן״, אַז — דער ראָמאַן „ביים אָפּגרונט״ איז אַ מאָנומענטאַל ווערק, איינער פון אַשס גרויסע דערגרייכונגען (ז׳ 473).

בעתן איבערלייענען דער ערשטער די דאָזיקע קאַפּיטלען, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ נייער וועלט, און איך האָב ממש מיטגעלעבט מיט די העלדן פון ראָמאַן, פילנדיק אַ כעס אויף די יודקעוויטשעס און באַוואונדערנדיק די האַנס באַדענהיימערס. איך האָב געלעבט דאַמאָלס אַ פאַנטאַזיע־רייכן ווינטער. אַש איז געווען אין פולן טראַנס פון זיין שאַפן. ער האָט געזאָטן און געקאָכט מיט די פאַרשידענע לעבנס פון זיינע צאָלרייכע העלדן. ער האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט; אַמאָל, ווען ער איז שוין געווען צופיל אויסגעמאַטערט פון זיין אַרבעט, האָט ער געהייסן זיין זון, דזשאַנען, גרייט מאַכן דעם אויטאָמאָביל, מיך אויך

איינגעלאַדן און מיר האָבן גענומען אַ שפּאַציר אין די בערג אויף די געשלענגלטע וועגן און שטעגן, אַז מען האָט געקאָנט דעם קאַרג ברעכן. עס האָט טאַקע איין מאָמענט, בלויז איין אויגנבליק, געהאַלטן דערביי, אַז מיר זאָלן דעם קאַרג ברעכן... דער זון זיינער האָט זיך עפּעס פאַרקוקט און ער איז אַ פּאָר געטאָן מיטן אויטאָמאָביל צו שנעל און האָט אים איינגעהאַלטן ממש פאַר דעם ראַנד פון אַן אָפּגרונט. דאָס ווערק „ביים אָפּגרונט" איז דאַמאָלס געהאָנגען אויף אַ האָר נישט פאַר־ענדיקט צו ווערן, און דער מחבר, צוזאַמען מיט זיין סעקרעטאַר, וואָלטן פאַרבליבן אין ריכטיקן אָפּגרונט...

אין יענעם ווינטער איז שלום אַש מיט דער פרוי זיינער, מאַדזשע, איינגעלאַדן געוואָרן דורך דעם באַרימטן דייטשן שריפטשטעלער גער־האַרדט הויפּטמאַן, זיי זאָלן אים קומען באַזוכן אין סאַן רעמאָ, איטאַליענישע ריוויערע. זיי האָבן דאָרט געוויילט עטלעכע טעג; און ווען זיי זענען אַהיימגעקומען, האָט מאַדזשע נישט געקאָנט פאַרגעסן אין דעם דאָזיקן מענטש, דעם מחבר פון „די וועבער".

„ער איז אַ גאָט, אַ געטלעכער מענטש!" — האָט זי געהאַלטן אין איין מורמלען און איבערחזרן, אַזוי אַז זי האָט מיך אויך דערין איבערצייגט, אַז ער איז אַ „גאָט", ביז — ער איז, אויף דער איינ־לאַדונג פון היטלערן, ימח שמו, צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. דאַ־מאָלס האָב איך זיך ביי זיך באַשלאָסן, אַז — נישטאָ קיין געטער ביי די גוים... פאַרן גאָלדענעם קאַלב, וואָס היטלער האָט אים צוגעזאָגט, איז דער גרויסער געהאַרדט הויפּטמאַן איינגעגאַנגען צו דינען דעם טיוול...

אין ניצע האָבן דאַמאָלס געוואוינט נאָך אַנדערע דייטשע שריפט־שטעלער, אמת — יידיש־דייטשע, ביי וועמען דער זעלבער היטלער האָט אַלץ צוגערויבט — ווי, למשל, ביי סטעפאַן צווייגן — און דער „קאָלעגע" הויפּטמאַן, דער „גאָט", האָט נישט פּראָטעסטירט. די דייטשע שרייבער, וואָס האָבן דאַמאָלס געוואוינט אין ניצע, זענען געווען: סטעפאַן צוויג, יאָזעף ראָט, הערמאַן קעסטען, שיקעלע, מאַרקו, אַלע אַשס בעסטע פריינט. סטעפאַן צוויג איז אַפילו איינמאָל איינגעלאַדן געווען צו די אַשס אויף מיטאָג און מיר האָבן פיין פאַרבראַכט. זיין פרוי האָט פון מיר גענומען עטלעכע בילדער, אָבער זיי זענען מיר פאַרפאַלן געוואָרן ביים אַנטלויפן פון פראַנקרייך אין 1940.

סטעפאַן צוויג, נישט געקוקט אויף זיין וועלט־באַרימטקייט, איז געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש און האָט זיך געהאַלטן ווי אַן אמתער עניו. איך האָב איינמאָל, אַן אָוונט, אין אַ קאַפעהויז אין ניצע, אויף פלאַס מאַסענאַ, געשפּילט אַ שאַך מיט אַשס זון, דזשאַן. איינ־

מיטן פון אונדזער שפּילן איז אין קאַפּעהויז גראָד אַריינגעקומען סטעפאַן צוויג. ווען ער האָט אונדז באַמערקט פונדערווייטנס, האָט ער זיך מיט אַ פּאָר שריט פריער אויפן העפּלעכסטן אופן פאַרנויגט און געבעטן אַ דערלויבעניש צוצוזעצן זיך צו אונדזער טיש און אַ ביסל קיבעצן. עס איז מיר אַזש געווען איבער דער טבע, וואָס אַזאַ וועלט־באַרימטער שרייבער איז אַזוי באַשיידן־העפלעך... איך בין צוגעוואוינט געווען צו אַן אַנדערער באַנעמונג ביי יידישע שרייבער... סטעפאַן צוויג האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט אַשן און זיי האָבן זיך ביידע געהאַלטן ווי ברידער. ווי אַ ברודער האָט זיך אויך פאַרהאַלטן צו אַשן דער באַרימטער שריפטשטעלער פראַנץ ווערפל, וועלכער איז אין מיין צייט נישט געווען אין ניצע. ער האָט, דאַכט זיך, דאַמאָלס געוואוינט אין איטאַליע. אַש האָט מיר אַמאָל געוויזן אַ בריוו זיינעם, אין וועלכן ווערפל טיטולירט אים: „מיין טייערער ברודער!"...

צום מייסטן איז אָבער אין אַשן געווען פאַרליבט סטעפאַן צוויג. ער האָט געקוקט אויף אים, ווי אַ געליבטע קוקט אויף איר געליבטן.

(מיט יאָרן שפּעטער האָט מיר מיין חבר חיים בראַקאַזש פון בוענאָס איירעס, וואו ער איז אַ מיטאַרבעטער אין די „יידישע צייטונג", געשריבן צווישן אַנדערן אַ פּאָר אינטערעסאַנטע שורות וועגן סטעפאַן צוויגס באַציאונג צו אַשן. בראַקאַזש שרייבט מיר, אַז סטעפאַן צוויג האָט נישט אַנדערש אָנגערופן אַשן, ווי „מיין פריינד שאַלאָם אַש!" איינמאָל האָט ער, חיים בראַקאַזש, וועלכער איז דער איבערזעצער פון סטעפאַן צוויגס פיל דערציילונגען אויף יידיש, געהאַט אַ געשפּרעך מיט אים וועגן אַשן, האָט צוויג אים פּלוצים אַ פרעג געטאָן: „פאַרוואָס רעדן אויס יידישע שרייבער אַזוי פיל שלעכטס אויף אַשן?" שרייבט מיר מיין חבר בראַקאַזש, אַז ער איז געווען אויף אַזויפיל אומדיסקרעט און אַ פרעג געטאָן ביי צוויגן: „ווער זענען דאָס די יידישע שרייבער?" האָט צוויג געענטפערט: „שניאור אין פּאַריז און לעאָ קעניג אין לאָנדאָן"... אַלס ענטפער אויף צוויגס פריערדיקער פראַגע, האָט זיך ביי בראַקאַזשן אַרויסגעכאַפּט, אַז „דאָס איז מסתמא מחמת קנאה, קנאת סופרים, הייסט עס"... און סטעפאַן צוויג האָט מורמלענדיק איבערגעחזרט: „יאַ, יאַ, אַוס נייד"...).

אָבער אינטערעסאַנט איז, אַז ווי גוט איינגעלעבט אַש איז נישט געווען מיט די אייראָפּעאיש־יידישע שרייבער, האָט ער זיך נישט צו גוט געפילט מיט זיי. איך וויל דאָ דערציילן אַ טשיקאַווען עפּיזאָד, וואָס באַשטעטיקט מיין מיינונג:

עס איז אָנגעקומען ניי־יאָר פון 1935. אַש איז געווען איינגעלאַדן דורך דער גרופּע דייטש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן דאַמאָלס גע־

וואוינט אין ניצע, און דאָס זענען געווען — סטעפאַן צוויג, יאָזעף ראָט, הערמאַן קעסטען און עטלעכע אַנדערע, וועמענס נעמען איך קאָן זיך איצט נישט דערמאָנען — אַז זיי זאָלן ניי־יאָר גיין ערגעץ־וואו פאַרברענגען.

נו, אַז זיי האָבן מיך נישט איינגעלאַדן, האָט דאָך אַש מיך נישט געקאָנט מיטנעמען. אויך זיין פרוי, מאַדזשע, איז נישט מיטגעגאַנגען. זי האָט גאָר פאַרבראַכט דעם סילוועסטער אָוונט מיט איר ברודער, אַלעקסאַנדער שפּירא, וועלכער האָט דאַמאָלס געוווילט אויף דער ריוויערע.

קומט צו מיר צו אַש און זאָגט מיר:

— נו, עס איז דאָך היינט עפּעס יום־טוב, איר ווילט דאָך מסתמא פאַרברענגען מיט אייערע פריינט און דאָס קאָסט דאָך איבעריק געלט, טאָ נאָט איך צוויי הונדערט פראַנק און גייט פאַרברענגט גוט!...

עס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן אַשס ברייטהאַרציקייט. ער איז נישט געווען פאַרפליכטעט דאָס צו טאָן. איך האָב אים געדאַנקט און איך האָב מיך טאַקע אָנגעהויבן גרייטן צו גיין פאַרברענגען דעם אָוונט מיט עטלעכע פון מיינע פריינט, וואָס איך האָב שוין געהאַט דערוואָרבן אין ניצע.

מיר האָבן זיך אויסגעפּוצט יום טובדיק און געטראַכט: וואוהין גייט מען?... עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גיין צום ניצער שוחט, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ כשרן רעסטאָראַן, און דאָרט וועלן מיר עסן אַ פיינע סעודה, טרינקען וויין און ליקער און מען וועט זיך ווילן לכבוד דעם גויאישקן ניי־יאָר.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דעם שוחטס רעסטאָראַן, איז וועמען טרעפן מיר דאָרט זיך ווילן גאַנץ געשמאַק — טאַקע אַשן מיט זיין קאָמפּאַניע שרייבער!... מיר האָבן זיך צעלאַכט און עס איז שוין פאַרגעקומען אַ געמיינזאַמע גרויסע סעודה.

אינמיטן דעם מאָלצייט רוקט זיך אַש צו מיר צו און רוימט מיר איין:

— איר ווילט ערגעץ גיין אין אַ רעסטאָראַן טרינקען שאַמפּאַניער לכבוד ניי־יאָר? עס איז זייער אומעטיק צו פאַרברענגען מיט גרויסע מענטשן!...

מיר האָבן זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון שוחטס רעסטאָראַן און מיר זענען ביידע אָוועק אין אַ גרויסן לאָקאַל, וואו מיר האָבן באַגעגנט זיין פרוי מיטן ברודער און מיר האָבן דאָרט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט, אויסטרינקענדיק פאַר אַ פאַר הונדערט פראַנק שאַמפּאַניער, פאַר וועלכן אַש האָט געצאָלט. ערשט מיט פאַרטאָג צוגלייך זענען מיר

אַהיימגעקומען אין אַ בגילופינדיקן צושטאַנד אין דער ווילע „שאַלאָם״, און איך בין צומאָרגנס אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן טאָג...

די אַרבעט ביים גרויסן ראָמאַן „ביים אָפּגרונט״ איז געגאַנגען פּאַראויס. אַש האָט דאַמאָלס זייער פיל געשריבן און ער האָט מיך שטאַרק אונטערגעיאָגט, אַז איך זאָל זיך נישט פוילן און טאָן מיין אַרבעט... איך האָב געהאַט מיין אַרבעטס־פּלאַץ אין דעם גאַסט־צימער פון זיין בריוּוחדיקער דירה, וואו עס איז געשטאַנען אַ קליין טישל און אַ קאָראָנאַ־שרייבמאַשין, וואָס ער האָט געהאַט געקריגן אַ מתנה פון „פאָרווערטס״. איינמאָל אַ נאָכמיטאָג, האָט מיך אַש באַזוכט פון זיין שרייב־קאַבינעט אַרויס. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער מיין שטול, און זיך צוגעקוקט, ווי איך קלאַפּ אויף דער מאַשין און בעסער אויס די שפּראַך, וואָס איז גאָר אָפּט ביי אים אַרויסגעקומען גאַנץ „פיין״ צעפלאָנטערט.

— איר מאַכט עס גוט... — האָט ער מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע, און ער איז אַוועקגעגאַנגען צוריק צו זיין אַרבעט. מיר זענען געווען אָפּגעשיידט מיט עטלעכע צימערן. ער איז געווען אין איין עק פון הויז און איך אין צווייטן עק.

ער פלעגט מיך זייער אָפּט פרעגן מבינות אויף זיין שרייבן און איך בין מיט אים געווען אויפריכטיק, וואָס דאָס איז אים — ווי כ׳האָב באַמערקט — געפעלן געוואָרן. איך האָב אים איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער האָט דעם יונגן האַנס באַדענהיימער געמאָלן אַ ביסל צופיל צעקראָכן, צו שלאַבעריק, ער דאַרף זיין אַ מער שטאַרקערער כאַראַקטער. אַזוי ענלעך האָט ער אויך געמאָלן אין „פאַרן מבול״ דעם יונגן מירקין — שוואַכע מענטשן...

אַש האָט זיך איינגעהאָרכט, וואָס איך זאָג אים און גאָרנישט געענטפערט. אָבער ווי דערשטוינט בין איך געווען, ווען איך האָב מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער באַמערקט, אַז ער האָט עטלעכע קאַפּיטלען איבערגעאַרבעט און דער יונגער האַנס באַדענהיימער איז אַרויסגעקומען אַ מער אויסגעהאַלטענער טיפּ. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען אי־בערלעך זייער צופרידן, וואָס אַש האָט אָנערקענט מיין מבינות...

איך האָב איבערגעלעבט עטלעכע שיינע חדשים אין דעם ווינטער פון 1935, בעת אַש האָט געשריבן דעם ערשטן טייל פון דעם גראַנ־דיעזן ווערק „ביים אָפּגרונט״. ער איז געווען אין אַ געהויבענער שטי־מונג. דאָס בוך איז געגאַנגען כסדר פאָראויס. ער פלעגט אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט.

איך בין איינמאָל צו אים אַריינגעקומען אין אָוונט אין שרייב־קאַבינעט. אַש איז געזעסן פאַרטיפט איבער די לענגלעכע ווייסע בלעט־

לעך פאַפּיר און האָט שנעל געסקריפּעט מיט דער פעדער, אַרויס־ברענגנדיק די שענסטע בילדער פון זיין ראָמאַן. ווען איך האָב אים דערזען אַזאַ פאַרטיפט אין דער אַרבעט, האָב איך מיך אינסטינקטיוו געגעבן אַ ציי צוריק, נישט וועלנדיק אים שטערן אין דער מלאכת הקודש.

אַש האָט מיך אָבער באַמערקט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט צעשויבערטע האָר און מיט אַ פאַרווירטן בליק מיך אַ ווייל אָנ־געקוקט, נישט אָפּגעבנדיק זיך מתחילת קיין חשבון ווער איך בין, אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען אין זיין שרייבן. ענדלעך האָט ער, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, מיט דער האַנט מיר אַ ווייז געטאָן אויפן טיפן פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון ברענענדיקן קאַמין. דאָס האָט געמיינט, אַז איך זאָל זיך אַוועקזעצן און צוואַרטן, ביז ער וועט פאַרענדיקן דאָס שרייבן.

איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט אין ווייכן פאָטעל, געקוקט אויף די פלאַקערדיקע שייטן האָלץ, וואָס האָבן געשפּרייט אַן אָנגענעמע וואַרים־קייט איבער דעם גרויסן שרייב־צימער. דאָס ברענענדיקע האָלץ האָט געקנאַקט און געשפּריצט מיט רויטע פונקען, וואָס זענען אַוועקגעפלויגן אין דעם חלל און נישט געוואָרן. איך האָב נישט געוואַגט הויך צו אָטעמען, כדי אַש נישט צו שטערן אין דער אַרבעט. איך בין אַזוי ביסלעכווייז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ האַלבן דרימל.

עס איז געווען שטיל אין צימער און אַלץ איז געווען איינ־געהילט אין אַ האַלב־טונקלקייט. בלויז אויפן שרייבטיש האָט געלויכטן דאָס עלעקטרישע לעמפּל און מען האָט בלויז געהערט דאָס קריצן פון דער שטאָלענער פען און דאָס טונקען זי פון צייט צו צייט אין טינטאַרן.

אויף די ווענט און אויף די ביכער־שענק האָבן אַרומגעטאַנצט טונ־קעלע שאָטנס, דאָס איז געקומען פון אַשס באַוועגונגען בעתן שרייבן, און עס האָט זיך מיר מיטאַמאָל אין דעם האַלבן דרימל אויסגעוויזן, ווי עס הויבן־אָן אין שרייב־צימער אַריינצושטראָמען מענטשלעכע שאָטנס — גלייך דאָס וואָלטן געווען די העלדן פון אַשס ביז איצט אָנגעשריבענע ראָמאַנען, דערציילונגען און דראַמען. אין די צענדליקער און הונדער־טער זענען זיי געקומען צו שוועבן... אָט איז ר׳ יחזקאל גאָמבינער און אָט שוועבט אַרום אין דער לופט ר׳ שלמה נגיד, אָט איז מאָטקע גנב, און נאָך אים אָנקל מאָזעס, נאָטע דער טויבן־כאַפּער און מאָטיס, דער יאַטישער טאָכטערס מאַן און זי אַליין אויך, די יאַטישע טאָכטער, די שיינע רחלע... אָט שוועבט אַריין יחיאל פון „תהילים־ייד״ — אַלע זענען זיי אין די מאַסן געקומען אָפּגעבן כבוד זייער באַשעפער, וועלכער

זיצט איצט פֿאַרטאָן אין זיין הייליקער עבודה, געשטאַלטנדיק און אַרויסברענגנדיק פֿון אונטער זיין טאַלאַנטפֿולער פֿעדער נייע טיפּן, נייע העלדן און נייע סיטואַציעס...

איך האָב מיטאַמאָל דערפֿילט אַ גלעט איבערן אָקסל. איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט און דערזען שלום אַשן שטיין לעבן מיר מיט אַ שמייכל אויף זיין צופֿרידן פּנים.

— זענט איר געשטימט אַרויסצוגיין כאַפּן אַ שפּאַציר, רררעזענבעריג?

איך האָב זיך פֿון אַזאַ פֿאַרגעניגן קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט.

מיר זענען אַרויס אויפֿן אַספּאַלטירטן וועג, וואָס ציט זיך אין פֿראָנט פֿון דער ווילע „שאַלאָם". אַרום האָבן די פֿיל באַלויכטענע פֿענצטער פֿון די שכנותדיקע פּאַלאַצלעך געשיינט מיט ליכט און עס האָט געשטראַמט פֿון זיי פֿרייד און גליק. מען האָט געהערט פֿון די אָפֿענע פֿענצטער פֿריילעכע געלעכטערן, מוזיק פֿון אַ ראַדיאָ אָדער פֿון אַ פּיאַנאָ, אויף וועלכער עס האָט אַוודאי געצימבלט די פֿרוי פֿון דעם דאָזיקן גליקלעכן הויז. אַ לייכט פֿריש ווינטל האָט געצויגן פֿון ים דאָ אַהער, און עס האָט זיך געזען דאָרט ווייט אין טאָל די באַלויכטענע ניצע.

מיטאַמאָל גיט זיך אַש אַ כאַפּ:

— קומט אַריין אין שטוב, וועט איר מאַכן אַ ביסל מוזיק...

דאָס איז געווען מיין עובֿדה אין די אָוונטן, ווען איך בין זיך פֿאַרזעסן ביי די אַשס ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. „מאַכן מוזיק"... — דאָס איז געווען אַשס אַן אויסדרוק. דאָס האָט געהייסן, אַז איך דאַרף אויפֿזוכן אַ געהעריקע ראַדיאָ־סטאַנציע מיט דער אַנטשפּרעכנדיקער מוזיק, וואָס אַש האָט ליב...

טיילמאָל פֿלעגט ער מיך בעטן צו שפּילן מיט אים אַ שאַך, ביים אַקאָמפּאַנימענט פֿון די ראַדיאָ־מעלאָדיעס, און איך האָב געדאַרפֿט זיין זייער פֿאָרזיכטיק נישט צו געווינען די פּאַרטיע...

איינמאָל, אין אַ שיינעם טאָג, האָט אַש באַקומען אַ טעלעגראַמע פֿון אַמעריקאַנער „דזשאָינט", אַז ער זאָל שוין קומען צו פֿאָרן קיין אַמעריקע אָנטייל צו נעמען אין אַ קאַמפּאַניע איבערן לאַנד, אַרויסצוטרעטן מיט רעדעס און זאַמלען פֿאַנדן פֿאַר דער דאָזיקער וויכטיקער יידישער אָרגאַניזאַציע.

אַש האָט זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. ער איז געווען ראשו ורובו אַריינגעטאָן אין שרייבן דאָס „מאָנומענטאַלע" (ווי ש. ניגער האָט עס אָנגערופֿן) ווערק „ביים אָפּגרונט". ער האָט געהאַלטן ביים פֿאַרענדיקן דעם ערשטן טייל, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל

טאָן. ער איז עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען צעחושט און געשלאָגן זיך מיט דער דעה: יאָ פאָרן קיין אַמעריקע אָדער נישט פאָרן.

איך האָב אים געזען אין זיין פאַרצווייפלונג. זייענדיק מיט־געריסן מיט זיין שרייבערישן פיבער און וויסנדיק, וואָס פאַר אַ גרויס ווערק דאָ ווערט געשאַפן פאַר מיינע אויגן אין די פיר ווענט פון זיין שרייב־קאַבינעט, האָב איך אַשן געעצהט נישט צו פאָרן, נאָר פאַרענדיקן דאָס גאַנצע בוך, אויך דעם צווייטן טייל פון „ביים אַפּגרונט״.

דערויף האָט מיר אַש מיט אַ פאַרצווייפלונגס־אויסדרוק אויף זיין פּנים געענטפערט: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה!״... דער „דזשאַינט״ דאַרף האָבן געלט צו שטיצן די נויט־באַדערפטיקע יידן אין דער וועלט, און איך וועל דאָ זיצן רואיק און שרייבן בי־כער?! אַזוי האָט אַש אויסגעטייטשט דעם דאָזיקן מאמר. און צומאָרגנס האָט ער באַשטעלט אַ שיפסקאַרטע אויף דער איטאַליענישער שיף „קאָנטע די סאַוואָיאַ״, וואָס האָט געדאַרפט אַפּשווימען אין אַ וואָך אַרום פון ווילפראַנש, אַ קליין האַפן־שטעטל לעבן ניצע, און איך האָב אים דאַמאָלס באַגלייט צו דער שיף.

אַש איז אַפּגעפאָרן און איך בין איבערגעבליבן אַליין אין ניצע, וואו איך האָב נאָך געדאַרפט פאַרענדיקן די רעדאַקציע פון ערשטן טייל „ביים אַפּגרונט״. דאָס האָט געמוזט זיין אין אַנהויב חודש מערץ פון 1935. איך האָב מיך געגרייט אַפּצופאָרן קיין פּאַריז, וואו איך האָב געהאַט מיין שטענדיקן וואוין־פּלאַץ, אָבער איך בין פּלוצים קראַנק געוואָרן און געבליבן עטלעכע וואָכן לענגער אין אַשס הויז, און מאַדזשע אַש האָט זיך אַרום מיר געפאַרעט, ווי אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער.

עס איז אינטערעסאַנט דערביי צו דערציילן אַן עפּיזאָד: זלמן שניאור איז דאַמאָלס געקומען קיין ניצע אויף זיין ווינטער־וואַקאַציע און די יידישע טוער האָבן געגרייט פאַר אים אַ קבלת־פּנים. אָבער פריער נאָך האָט מען געהאַט געגרייט פאַר מיר אַ געזעגנונגס־אָוונט צו מיין אָפּפאָר פון ניצע. די ניצער יידן זענען געווען אין אַ פאַר־לעגנהייט. זיי האָבן נישט געקאָנט זיך דערלויבן אויף צוויי אָוונטן און זיי זענען גראָד אויסגעפאַלן אין דער זעלבער וואָך. חברה האָט גוט געקענט שניאורן, וועלכער איז נישט קיין צו לייכטער מענטש און ער זינדיקט אויך אונטער מיט אַ ביסל גאווה... אָבער זיי האָבן זיך געפּרואווט איינצואָרדנען די צוויי אָוונטן צוזאַמען...

ווי אַנגענעם איבערראַשט בין איך געווען צו הערן, אַז שניאור איז איינגעגאַנגען דערויף, אַז עס זאָל געפּראַוועט ווערן אינאיינעם זיין קבלת־פּנים און מיין געזעגנונגס־אָוונט.

מילא, וואָס שניאור האָט אין זיין רעדע לכבוד מיר דאַמאָלס

געזאָגט, װעל איך נישט איבערחזרן. דאָס קאָן מען געפינען אין אַ קלײנער קאָרעספּאָנדענץ אין „מאָמענט" פון חודש מערץ, 1935...
אָבער צװישן אַנדערן האָט ער זיך אױך אַזױ אױסגעדריקט: „ראָזענבערג איז אַ מײסטער פון דער ײדישער שפּראַך. פאַר שלום אַשן איז נישט קײן פּחיתת הכבוד, װאָס ער פאַרריכט זײן מאַנוסקריפּט; איך אַלײן װאָלט געװוען העכסט צופרידן, װען ראָזענבערג רעדאַקטירט מײנע װערק!"...

און טאַקע נאָך דעם דאָזיקן אָװנט, גײענדיק מיט שניאורן אין אַ קאַפעהױז אַרײן עפּעס טרינקען, האָב איך מיך פאַרקילט און אַפּגעלעגן צװײ װאָכן אין בעט.

# אַש שאַפֿט מיר אַ שטעלע אין „דזשאָינט"

אין חודש מאַי, 1935, האָב איך אין פּאַריז געקריגן אַ בריוול פֿון אַשן, אַז ער איז שוין דאָ צוריק פֿון אַמעריקע און אַז ער דאַרף מיך האָבן צום פֿאַרענדיקן דעם צווייטן טייל „ביים אָפּגרונט". מיין שטעלע אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע ביים דובנאָוו־פֿאָנד האָט „געהימלט"... קיין ווייטערדיקע טיילן נאָכן צווייטן אָדער דריטן באַנד זענען דערוויל נישט דערשינען. דער זשורנאַל „אילוסטרירטע וואָכנבלאַט" איז אונטערגעגאַנגען. מיר האָבן געהאַט געפֿונען אַ „קאַפּי־טאַליסט", אַ ריגער ייד, וועלכער האָט פֿינאַנסירט דאָס וואָכנבלאַט און געצאָלט שכירות. לאַנג האָט ער אָבער נישט אויסגעהאַלטן, און אין איין שיינעם פֿרימאָרגן, ווען מיר זענען געקומען אין רעדאַקציע טאָן די אַרבעט, האָבן מיר געפֿונען הענגען אויף דער טיר אַ שלעסל...

איך האָב מיך געפֿילט אין אַ גרויסער מצוקה. איך האָב נישט געהאַט קיין שום אויסזיכט צו קאָנען עקזיסטירן אין פּאַריז, און איך האָב באַשלאָסן אַט־וואָס: אויב שלום אַש וועט מיר געבן בעסערע באַדינגונגען, אָנשטעלן מיך אַלס זיין פּערמאַנענטן סעקרעטאַר און איך וועל וואוינען אין ניצע, דאַמאָלס פֿאַרבלייב איך אין פֿראַנקרייך; אויב נישט, מוז איך צוריקפֿאָרן קיין פּוילן. אמת, איך האָב אויך נישט געוואוסט, וואָס איך וועל טאָן אין פּוילן, אָבער דאָרט איז דאָך פֿאָרט מיין היימלאַנד, כ'האָב דאָרט אַ ברודער, כ'האָב משפּחה (מיינע עלטערן האָבן געלעבט אין ארץ ישראל), און דער עיקר — ווען איך וועל

צוריקקומען קיין פוילן, אפשר וועל איך באַקומען אַ פּערמאַנענטע שטעלע אין „היינט".

האָב איך דעריבער, איידער איך בין אָפּגעפאָרן פון פּאַריז קיין ניצע, איינגעפּאַקט אַלע מיינע זאַכן און געמאַכט זיך גרייט פון דאָרט, נאָכן פאַרענדיקן דורך אַשן דעם ראָמאַן „ביים אָפּגרונט", צוריקצופאָרן קיין פוילן.

די פּאַריזער קאָלעגן־שרייבער האָבן פאַר מיר איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן באַנקעט, אַ מין געזעגנונגס־אָוונט, און מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך געשעפּטשעט מיט די ליפּן: „אַדיע, פּאַריז!"

צו זאָגן, אַז שוין אויפן באַנקעט האָט מיר נישט באַנג געטאָן מיין באַשלוס צוריקצופאָרן אין דעם פאַשיסטישן פוילן, וואָלט עס געווען נישט ריכטיק... איך האָב אָבער קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט. מיט אַ שווער האַרץ בין איך געפאָרן אויף מיין „לעצטער" רייזע קיין ניצע, וואו מיין אַרבעט האָט געדאַרפט דויערן אַן ערך דריי חדשים. פון דאָרט האָט מיין וועג געזאָלט גיין איבער איטאַליע, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע — קיין וואַרשע!...

די דריי חדשים אין ניצע זענען געווען איין גאָלדענע קייט פון הערלעכע טעג און שיינע איבערלעבונגען. אַש האָט זיך מיט מיין אָנקומען זייער געפרייט און ער איז צוגעטרעטן צו זיין אַרבעט מיטן פולן שוואונג. ווען איך בין אין חודש מאַי אָנגעקומען צו אַשן, האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן דעם גרעסטן טייל פון זיין צווייטן באַנד „ביים אָפּגרונט", און איך האָב זיך גענומען צו מיין געוויינלעכער אַרבעט פון אויסבעסערן די שפּראַך, רעדאַקטירן און איבערשרייבן אויף ריין מיט דער שרייבמאַשין.

אַש האָט מיט מיר אָנגעהויבן רעדן וועגן „תכלית". ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל בלייבן וואוינען מיט אים אין ניצע און ווערן זיין פּערמאַנענטער סעקרעטאַר. ער האָט מיר אָבער פאַרגעלייגט זייער אַ קליינעם געהאַלט, פון וואָס איך וואָלט נישט געקאָנט לעבן. ער האָט מיר אַריינגעשאַצט אין נדן מיינע פאַרדינסטן אין וואַרשעווער „היינט". וואָלט איך אפשר דערויף געווען באַשטאַנען, אָבי נישט צוריקצופאָרן אין פאַרהאַסטן פוילן. איז אָבער אין „היינט" מיין פּאָזיציע נישט געווען קיין זיכערע. עס איז דאָרט נישט געווען איין באַלעבאָס, נאָר אַ סך באַלעבאַטים (דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי דער „היינט" איז געוואָרן, אין 1932, אַ קאָאָפּעראַטיוו). מען האָט באַדאַרפט זיין אין וואַרשע, אויפן אָרט, און די זאַך באַשטימען. איך האָב נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט דרוקן אין די „היינטיקע נייעס" אַ ראָמאַן וועגן דער שבתי־צבי עפּאָכע; איך האָב נישט געוואוסט פון ווייטנס

מיט וועמען אונטערצוהאַנדלען; קיין שטענדיקער מיטאַרבעטער בין איך דאָך נישט געווען.

אַלזאָ, דער פּסק־דין איז ביי מיר געפאַלן: צוריקפאָרן קיין פּוילן!...

די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען כסדר פאָראויס, דאָס בוך האָט זיך דערנענטערט צום סוף, און עס האָט זיך אויך דערנענטערט דער סוף פון מיין זאָרגלאָז גן־עדן־לעבן אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע. איך האָב געזען, אַז אַשן גייט ממש אין לעבן, איך זאָל פאַרבלייבן מיט אים. ווי ער האָט מיר אָבער געהאַט דערקלערט, איז ער נישט אימשטאַנד געווען צו צאָלן מיר קיין אָנשטענדיקן געהאַלט, פון וועלכן איך זאָל זיין פאַרזאָרגט מיט פּרנסה.

דערווייל איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישער צוזאַמענשטויס צווישן מיר און אַשן, און צוליב וועלכן אונדזערע באַציאונגען זענען געוואָרן אַ ביסל אָנגעשטרענגט.

דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי עס איז געהאַט דערשינען אין דער „קולטור־ליגע" דער „תהילים־יד". ש. ניגער האָט אין ניו־יאָרקער „טאָג" אָנגעשריבן אַ רעצענזיע און אָנגעוויזן אויף געוויסע שפּראַכלעכע פעלערן אינעם בוך. אין אַלגעמיין, ווי אַשס אַ הייסער חסיד, האָט ניגער דעם „תהילים־ייד" שטאַרק געלויבט און מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז „אַ קיצור — אַ סך־הכל פון אַשס שאַפן. אין „תהילים־ייד" ווערן ווייטער געשפּונען פעדים פון אַשס פריערדיקע ווערק" („דערציילערס און ראָמאַניסטן", ז' 465). „אַזאַ פאַרענדיקטן און אַזאַ העל־באַלויכטענעם בנין האָט אַש ביז אַהער נאָך קיינמאָל נישט אויסגעבויט" (דאָרט — ז' 466).

דאַקעגן לאָזט ש. ניגער אויס „כל חמתו" אויף אַשס שפּראַכלעכע פעלערן. ער ציטירט צענדליקער זאַצן און ער זאָגט, אַז זיי טויגן נישט, זיי זענען נישט יידיש, און ער ברענגט זיינע אייגענע אויסדריקן פאַר די זעלבע זאַצן, און ער „לערנט" אַשן, ווי אַזוי צו שרייבן...

ווען אַש האָט באַקומען די צייטונג מיט ניגערס רעצענזיע, איז ער געוואָרן זייער אויפגעבראַכט, און אין דער דאָזיקער צאָרנדיקער שטימונג איז ער אַריינגעקומען צו מיר אין צימער, וואו כ'האָב געאַרבעט און ער האָט אויסגערופן, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף דער רעצענזיע:

— נו, יידיש־קענער!... האַ?... איר האַלט זיך דאָך פאַר אַ גאַנצן יידיש־קענער, און זעט, וואָס ניגער שראַבט וועגן „אייער" יידיש!...

ווי געפלעפט איך בין נישט געבליבן זיצן אין ערשטן מאמענט, ווען אש האט מיר געמאכט דעם דאזיקן פארוואורף און מיך געמאכט פאראנטווארטלעך פאר ניגערס שלעכטער רעצענזיע, האב איך גע־מוזט לסוף א שמייכל־טאן און איך האב געטראכט:

„ער מאכט גאר מיך פאראנטווארטלעך פארן בוך, גלייך ער אליין וואלט מיטן „תהלים־ייד" גארנישט געהאט צו טאן... אויב ניגער רייסט אראפ זיין שפראך, בין איך גאר דער שולדיקער!..."

אבער ווען איך האב מיך א ביסל בארואיקט און ארויסגענומען פון אשס האנט די צייטונג און איבערגעלייענט די רעצענזיע, האב איך געקריגן מוט און געזאגט צו אשן:

— הערט מיך אויס, שלום אש: ניגער דארף זיך קומען צו אייך לערנען שרייבן א יידישן זאץ. די אלע זיינע פארריכטעכצן טויגן נישט, זיי זענען טרוקן ווי ביין. דאקעגן, אייער שרייב־ארט איז זאפ־טיק און ס'איז טייער יידיש לשון, מיט דער ספעציפישער שפראך־ווייכקייט פון א פוילישן ייד. ניגער איז א טרוקענער ליטוואק!... און וואס שייך מיין „יידיש־קענעריי", קאנט איר זיך בארואיקן, שלום אש, איך האב זיכער אייער יידישן זאץ־בוי נישט קאליע געמאכט!...

אש האט אויף מיר געגעבן א זייטיקן בליק, ווי איינער זאגט: „קאנסט גוט פארעדן די ציין!... ניגער איז פארט דער בארימטער קריטיקער, און אז ער זאגט, אז עס טויג נישט, מסתמא טויג עס נישט..."

ער איז א נישט־צופרידענער און אן אויפגערעגטער ארויס פון מיין צימער צו זיך אין קאבינעט.

איך האב געפילט, אז מיין מערכה ביי אשן איז נישט גוט... ביז איצט האט ער געהאט צוטרויען צו מיר, און איצט, צוליב ניגערס רעצענזיע, האט זיך אלץ געענדיקט.

איך האב מיר נישט גענומען צום הארץ. ערשטנס, האב איך ביי זיך געטראכט, אז איך בין גערעכט און נישט ניגער מיט זיין לשון... צווייטנס, פארלאז איך שוין סייווי מיין שטעלע און ס'איז אויס מיט מיין קאריערע אלס סעקרעטאר ביי שלום אשן!...

צומארגנס האט אש אפילו נישט געדענקט דעם נעכטיקן צוזאמענ־שטויס, און עס האט זיך ווידער איינגעשטעלט א גוטע באציאונג צווישן אונדזביידע. אזוי זענען אוועק עטלעכע וואכן און איך האב דערלעבט מיין גרויסע סאטיספאקציע! אש האט זיך גארנישט געקאנט אויסקויפן ביי מיר...

עס איז אנגעקומען חיים ליבערמאנס א בראשור, צי דאס איז

געווען אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג — איך געדענק איצט נישט גענוי. איך געדענק בלויז, אַז חיים ליבערמאַן דערלאַנגט ניגערן אַ וואַזשנע פּאַרציע פאַר זיין פּרוואון אויסבעסערן אַשס שפּראַך, און ער נעמט שלום אַשן אין זיין שויץ. ער ציטירט זאַץ ביי זאַץ, ווי עס שטייט געשריבן אין „תהלים־ייד" און דערנאָך די פאַרראַכטענע זאַצן, ווי ניגער האָט זיי פּרעפּאַרירט... דערביי מאַכט חיים ליבערמאַן אויף זיין ספּע־ציפיש־היסטערישן אופן פון ש. ניגערן פּיפּקע, ער מאַכט אים אויס־צודרייען און ער לאַכט אים אויס מיט חוזק און מיט גאַל.

ווען איך האָב דאָס איבערגעלייענט, איז מיר לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. אומבאַקאַנטערהייט און נישט־ווילנדיק, האָט מיך חיים ליבערמאַן רעהאַביליטירט אין אַשס אויגן. איך בין אַריינגעגאַנגען צו אַשן אין קאַבינעט און אַ זאָג געטאָן מיט נצחון אין מיין שטים:

— נו, אַש, איר האָט איבערגעלייענט, וואָס ליבערמאַן שרייבט... איצט זאָגט מיר: בין איך אַ „יידיש־קענער" אָדער נישט?...

אַש האָט זיך ברייט צעשמייכלט, געוואָרפן אויף מיר אַ מין איבערבעטונגס־בליק און גאַרנישט געענטפערט. ער האָט זיך געפילט שולדיק, און ער האָט געזוכט מיט אַלע כוחות איבערצובעטן מיך פאַר יענעם אויפברויז קעגן מיר. ער איז געוואָרן צו מיר אויסערגעוויינלעך גוט. ער האָט געפּרוווט נאָכאַמאָל אויפהויבן די פראַגע וועגן מיין וויטערדיקער מיטאַרבעט מיט אים, און איך האָב אים געענטפערט:

— אויב איר זענט אַזוי פאַראינטערעסירט, איך זאָל בלייבן מיט אייך, נאָר איר טענהט, אַז איר קאָנט מיר נישט צאָלן אַ געהאַלט, פון וועלכן איך זאָל קאָנען אַנשטענדיק לעבן, טאַ באַמיט זיך, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל נישט זיין, צו שאַפן מיר אַ זייטיקע שטעלע!

דערויף האָט אַש שטילגעשוויגן. וואָרים וואָס האָט ער מיר געקאָנט ענטפערן? ער האָט דען געהאַט אין קעשענע שטעלעס פאַר מיר?... און עס איז געבליבן ביים אַלטן: נאָכן פאַרענדיקן דעם צווייטן טייל „ביים אָפּגרונט" פאַרלאָז איך פראַנקרייך.

דער דאָזיקער טרויעריקער טאָג איז ענדלעך אָנגעקומען. איך האָב יענע צייט אַ סך שפּאַצירט איבער די מאַלערישע וועגן און שטעגן אין דער בערגיקער געגנט, ווי איך וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין מיר וואָס מער שיינקייט, וואָס איך וועל שוין מער קיינמאָל נישט זען. עס איז מיר שוין באַצייטנס געווען אומעטיק און בענגלעך... צו־מאָרגנס, באַלד אינדערפרי, גייט אַפּ דער צוג קיין ווענטימיליאַ, אַ באַן־סטאַנציע אויף יענער זייט איטאַליענישער גרעניץ. איך האָב אָנ־געהויבן פאַרפּאַקן מיינע זאַכן, איך האָב געהאַט צוויי שווערע וואַלי־

זעס מיט ביכער, וואָס איך האָב שוין געהאַט באַוויזן איינצוזאַמלען, לעבנדיק אין פראַנקרייך, אַ חוץ מיינע פּריוואַטע זאַכן.

קומט אַש צו מיר צו ערב מיין אַוועקפאָרן און זאָגט מיר:

— מירן היינט נישט עסן אינדערהיים. איך לאַד אייך איין אויף אַ געזעגנונגס־נאַכטמאָל אין זשואַן־לע־פּען (אַ מאַלעריש שטעטעלע ביים ים, צווישן ניצע און קאַן).

איך בין געווען גערירט פון זיין פאַרשלאַג, און טאַקע אין אַ שעה אַרום האָט דער זון זיינער, דזשאַן, געפירט אונדז — אַשן, מאַדזשען און מיך, צו דעם דאָזיקן שטעטעלע, אין איינעם פון די טייערסטע רעסטאָראַנען. עס איז געווען אַ פּראַכטפולער אָוונט. דער הימל איז געווען איין בלוי־גלימערנדיקער, פאַנטאַסטיש־רייכער טעפּיך, און דאָס ווייס־שוימיקע וואַסער פון ים האָט זיך אין דער פינצטערניש כסדר אָנגעקלאַפּט אין דעם זאַמדיקן ברעג. דער אויטאָמאָביל האָט זיך גע־יאָגט איבערן אַספאַלטענעם וועג און מיין האַרץ האָט געטיאַכקעט פון פריציייטיקער בענקשאַפט, וואָס איך וועל שוין מאָרגן דאַרפן פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע שענסטע ווינקל אויף גאָטס ערד.

אין דעם רעסטאָראַן האָט געזשומעט מיט מענטשן פון אַלערליי לענדער און שפּראַכן. די עלעגאַנט־געקליידטע קעלנער אין פּעכלדיק־ווייסע פאַרטוכער האָבן פלינק זיך געפאָרעט אַרום אונדז, און עס איז געגעבן געוואָרן לכבוד מיר אַ נאַכטמאָל כיד המלך, מיט שאַמפּאַניער, ליקערן און די אויסגעזוכטסטע מאכלים. אַש האָט אין זינען געהאַט זיין זון נישט צו לאָזן טרינקען קיין שאַרפע משקאות, ווייל ער איז דאָך אונדזער שאָפער און ער דאַרף האָבן דעם קאָפּ אויפן קאַרג...

מיר דריי האָבן זיך אָבער געלאָזט וואוילגיין וויפיל די הערצער האָבן געגלוסט, און ווען מיר זענען שפּעט ביינאַכט אַהיימגעפאָרן לענגאויס דעם אַספאַלטירטן וועג ביים צעשוימטן ים, האָט זיך די גאַנצע וועלט געדרייט אַרום מיר, דער טונקל־בלויער הימל מיט די מילי־מיליאָסן שטערן איז ביי מיר אויסגעקומען צו זיין אונטן און דער ים אויבן... עס איז געווען פריילעך אויף דער נשמה, כ׳האָב אַפילו נישט געדענקט, אַז מאָרגן קומט צו דעם דאָזיקן פּייערלעכן יום טוב אַן ענד, און איך פאָר צוריק קיין פּוילן!...

מיט טאָג צוגלייך האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און גענומען גרייטן צו פאַרלאָזן מיין שיינע דירה, וואָס איך האָב געהאַט ביי דער על־טערער פראַנצוזקע. מען האָט מיר פון דאָרט צוגעטראָגן מיינע וואַליזעס צו אַשן אין הויז אַריין, און דזשאַן האָט מיך געזאָלט מיטן אויטאָמאָביל צופירן צו דער באַן.

אַש איז נאָך געשלאָפֿן. די געלע גאַראַזש־טויערן צו זײַן שרײַב־קאַבינעט זײַנען נאָך געווען פֿאַרמאַכט אויף די שוואַרץ־גלאַנציקע אײַזערנע פֿרענטן. עס איז שפּעט, אין אַ שעה אַרום גייט־אָפּ די באַן, און ווי אַזוי קאָן איך אַוועקפֿאָרן, נישט זאָגנדיק אַשן אַ „זײַ געזונט!״...

מאַדזשע פֿאַרעט זיך שוין אַרום און זי גרייט פֿאַר מיר צו אַ פֿײַנעם פֿרישטיק. אַש אָבער שלאָפֿט. איך שטיי שוין גרייט אײַנצושטײַגן אין אויטאָמאָביל, אָבער קיינער וועט נישט וואַגן אויפֿצואוועקן אַשן פֿון שלאָף. איך טרייסל זיך אינגאַנצן פֿון אומגעדולד. מיטאַמאָל אָבער לענט זיך אָפּ אַ האַלבער גאַראַזש־טויער און אַש באַווײַזט זיך אין דער עפֿענונג מיט זײַן געבלימלטן שלאָפֿראָק, מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן. ער קומט צו מיר צו, אָנקוקנדיק מיך שפּיציק און ער כאָרכלט אַרויס:

— אַ כאָלעריע!... כ׳האָב מיך נעכטן בײַנאַכט אָנגעפֿרעסן, אַז דער בויך פּלאַצט מיר אַזש... אַלץ צוליב אײַך!...

אַש האָט ליב געהאַט גוט אָפּצועסן, און נעכטן האָבן מיר טאַקע בײדע אַ ביסל צופֿיל אונטערגעזינדיקט. איך בין אָבער געווען אַ סך ייִנגער פֿון אַשן, האָט עס מיר נישט פֿאַרשאַדט, אָבער אַש איז שוין דעמאָלס געווען אַ ייִד פֿון פֿינף־און־פֿופֿציק יאָר.

איך האָב געוואוסט, אַז אַש באַשענקט מיך מיט אַ „כאָלעריע״ נישט פֿאַר שלעכטסקייט. אַזאַ וואָרט כאַפּט זיך בײַ אים אָפּט אַרויס, ווען ער פֿילט זיך מיט אײַך גאָר היימיש... איך געזעגן זיך מיט אים, און טרערן שטייען בײַ אונדז בײדע אין די אויגן.

אויפֿן וועג צו דער באַן גיט מיר דזשאָן איבער אַ סוד: „די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן געלט, איך זאָל דיר קויפֿן שאָקאָלאַד אויף דער רײַזע!״...

אָבער עס איז מיר נישט באַשערט געווען צו עסן די שאָקאָלאַד. אַראָפּנעמענדיק אײנע פֿון מײַנע וואַליזעס מיט ביכער פֿון אויטאָמאָביל, האָט זי געפּלאַצט און אַלע ביכער האָבן זיך אַ צעשאָט געגעבן איבערן וואָקזאַל... דזשאָן האָט מיך געלאָזט שטיין און ער איז שנעל געלאָפֿן אין שטאָט אַרײַן קויפֿן פּאַסקעס אויף אַרומצובינדן די געפּלאַצטע וואַליזע, און דאָס האָט ער געקויפֿט אויפֿן חשבון פֿון מײַן שאָקאָלאַד...

ווען ער איז צוריקגעקומען מיט די פּאַסקעס, איז נאָך געווען עטלעכע מינוט צום אָפּגאַנג פֿון צוג. איך האָב קוים באַוויזן אַרומצובינדן די וואַליזע און אַרײַנזעצן זיך אין וואַגאָן, ווי דער צוג האָט גערירט. איך האָב געזען אין דעם צופֿאַל אַ „וואונק פֿון הימל״, אַז

איך וועל נאָך צוריקקומען קיין ניצע... מען לאָזט מיך נישט אוועק־פאָרן...

איך האָב געהאַט אַ פּרעכטיקע רייזע, איך בין אָפּגעטרעטן אין גענואַ, וואו ס'איז גראָד פאָרגעקומען אַ טיציאַן־אויסשטעלונג, און איך האָב אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט צווישן אַ געפּלייץ פון פּראַכטפולע פאַרבן, אָנגעטרונקען זיך מיט שיינקייט ביז שיכור ווערן... צומאָרגנס בין איך אָנגעקומען קיין ווענעציע, באַזוכט די סאַן־מאַרקאָ־קירכע, געגעבן צו עסן די טויבן אויפן סאַן מאַרקאָ־פּלאַץ, געשיפּט זיך אויף אַ גאָנדאָלע. קורץ, איך האָב געגאָסן פון גאָטס שיינקייט מיט דער פולער מאָס, ווי איינער, וואָס גייט זיך שיין אויף אייביק געזעגענען מיטן לעבן. איך פאָר דאָך נעבעך קיין פוילן...

נאָך עטלעכע טעג פאָרן און אָפּטרעטן אין פאַרשידענע שטעט און לענדער און אָנזעענדיק זיך מיט כלערליי מערקווירדיקייטן, בין איך ענדלעך אָנגעקומען קיין וואַרשע. די פוילישע הויפּטשטאָט האָט נאָך די אַלע שיינע און וואונדערלעכע ערטער, וואָס כ'האָב געזען, געמאַכט אויף מיר אַן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק.

איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ טרויעריקערווירקלעכקייט. איך בין געקומען אין דער רעדאַקציע פון „היינט", און כ'האָב זיך באַלד איבערצייגט, אַז ס'איז שטענדיק גלייכער צו האָבן צו טאָן מיט אַ באַלעבאָס ווי מיט אייגענע קאָלעגן... מיינע אויסזיכטן אויף איינצו־אָרדנען זיך אין „היינט" זענען געווען גאַנץ מאָגערע, און כ'האָב באמת נישט געוואוסט, מיט וואָס מען הויבט אָן. מילא, די ערשטע פאָר וואָכן האָב איך נאָך געהאַט גענוג געלט, וואָס אַש האָט מיר געגעבן פאַר מיין אַרבעט, אָבער די דנאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסזען, און ס'האָט אָנגעהויבן ווערן טרויעריק.

איך בין געקומען יעדן טאָג אויף טלאָמאַצקע 13. אויך דאָרט איז געווען אומעטיק. עס איז געווען זומער, שרייבער זענען אַרויסגעפאָרן אין די רעסאָרט־פלעצער, געבליבן זענען בלויז די קבצנים, וואָס האָבן זיך הונגעריקע אַרומגעפּאָרעט איבערן גרויסן זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין. איך אַליין האָב שוין אויך געהאַט דאָס געפיל פון אַ יורד: אָט ערשט טאָקע געווען אַ „מיליאָנער", געוואוינט אין אַ ווילע אויף דער פראַנ־צויזישער ריוויערע, געפאָרן אָפּטמאָל קיין מאָנטע־קאַרלאָ אַ שפּיל־טאָן אויף דער רולעטקע, און דאָ דריי איך מיך ווידער אַרום ווי אין די אַמאָליקע טרויעריקע צייטן אין ליטעראַטן־פאַראיין אָן שום אויסזיכט אויף איינצואָרדנען זיך.

די וואָכן זענען געלאָפן, די טעג ענלעך איינע צו די אַנדערע. פון אַשן הער איך גאָרנישט. איך האָב געוואַרט אויף עפּעס אַ נס, און

ער איז נישט געשען... אָבער איינמאָל, אומגעריכט, איז דער נס יאָ געשען:

איך האָב שפּאַצירט איבער דער גאַס אין אַ געוויסן שבת. באַגעגן איך אַ מיטאַרבעטער פון דער „היינט"־אַדמיניסטראַציע און ער זאָגט מיר, אַז עס ליגן אין רעדאַקציע פאַר מיר צוויי בריוו פון שלום אַש. איך האָב מיך זייער דערפרייט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס זענען גוטע בריוו...

איך האָב נישט געוואַרט אויף זונטיק, נאָר טאַקע באַלד זיך אַ לאָז געטאָן אויף כלאָדנע 8, וואו די רעדאַקציע „היינט" האָט זיך געפונען און האָב אָפּגענומען די צוויי בריוו. זיי זענען געווען פון לוצערן (די שווייץ), וואו עס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען דער נײַנצנטער ציוניס־טישער קאָנגרעס, און אַש, אַלס מיטגליד פון דער יידישער אַגענטור, האָט אים בייגעוואוינט. איך האָב מיט ציטערנדיקע הענט געעפנט די בריוו. זיי זענען ביידע געווען כמעט פון זעלבן אינהאַלט. אין איינעם האָט מיר אַש געגעבן בלויז אַ האָפנונג, און אין צווייטן האָט ער מיר אָבער שוין מודיע געווען מיט זיכערקייט:

„פאַרט שוין אָפּ קיין פּאַריז, איך האָב איך געשאַפן אַ שטעלע אין „דזשאָינט!"... דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון די ביידע בריוו, און פאַר מיר איז עס געווען נאָך מער ווי געוואונען אויף דער לאָטעריע!...

איך האָב ממש געטאַנצט אויף דער גאַס פאַר פרייד, און פרעמדע מענטשן האָבן מיך אָנגעקוקט ווי משוגע. איך האָב דאַמאָלס אויך פאַר־דינט אַביסל געלט אַדאַנק מיין גוטן פריינט משה אינדעלמאַן, דעם רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון „היינט". ער איז אויך געווען דער דירעק־טאָר פון דער ציוניסטישער טעלעגראַפן־אַגענטור „פאַלקאָר", און איך האָב ביי אים אין הויז איבערגעזעצט פון דייטש די אָנגעקומענע טע־לעגראַפישע רעדעס פון לוצערן. איך געדענק איינע אַזאַ רעדע פון נחום סאָקאָלאָוו, ביי וועלכער מ'האָט געקאָנט די ציין זיך צעברעכן. אַזאַ שווערן דייטש האָט ער געשריבן... מ'האָט געאַרבעט גאַנצע נעכט.

איך האָב צוריקגעוואונען חשיבות ביי זיך אין די אויגן, און אין ליטעראַטן־פאַראיין האָב איך שוין מער נישט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ יורד, נאָר ווי אויף אַ פרישן מיליאָנער: איך פאָר צוריק קיין פראַנקרייך, איך וועל ווידער וואוינען אין ניצע און — חי גע־לעבט!...

אָבער נאָך די אַלע גליקן האָב איך אויף קיין הוצאות צוריקצופאָרן קיין פּאַריז פאָרט נישט געהאַט... פון גרויס שמחה, וואָס איך האָב

געוואונען אויף דער „לאָטעריע״, האָב איך פאַרהוליעט דאָס גאַנצע געלט!...

האָט מען מיר אין רעדאַקציע „היינט״, אויף מיין בקשה, אויס־געצאָלט אויף אַשס חשבון צוויי הונדערט זלאָטעס, און מיט אַ טאָג שפּעטער — עס איז געווען חול המועד סוכות — האָט מיך דער עקספּרעס־צוג וואַרשע־פּאַריז געטראָגן צוריק צו דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט און צו אַ שטעלע אין „דזשאָינט״...

# מיר ווערן תושבים אין ניצע...

בין איצט האָב איך געשריבן בלשון „איך״, און פון איצט אָן וועל איך זיך באַנוצן מיטן לשון „מיר״... איך האָב, למזל, חתונה געהאַט; און איך האָב טאַקע גענומען פאַר אַ ווייב דאָס זעלבע מיידל, וועמענס איינגעראַמט בילד שלום אַש האָט אַמאָל געזען ביי מיר אין דער ווילע „מיראמאר״ שטיין אויפן שרייבטיש, און ער האָט צו מיר דאַמאָלס אויסגערופן: „רררזענבעריג, אַז מיט דעם מיידל זאָלט איר חתונה האָבן!״...

נו, האָב איך אים געהאָרכט...

אָנקומענדיק מיט מיין „דזשאָינט״-שטעלע אין קעשענע קיין פּאַריז אין אַ קילן האַרבסט-טאָג, אין הושענה-רבה, בין איך געווען אויס-געליידיקט ביזן לעצטן סאַנטים. איך האָב טאַקע פּשוט נישט געהאַט פאַר וואָס צו קויפן אַ שטיקל חמץ... איך האָב מיך צוויי טעג אַרומגעדרייט ווי אויף אַן עולם התוהו. איך האָב אַפילו געהאַט אַ שוועסטער און אַ ברודער אין פּאַריז, געהאַט אַ פעטער מיט אַ מומע און קוזינעס, אָבער איך האָב מיך געשעמט זיי צו דערציילן, אַז איך בין נקי. איצט, ווען איך בין אַ בעל-מטופּל מיט צוויי שטעלעס — סעקרעטאַר ביי שלום אַשן און אַן אָנגעשטעלטער אין „דזשאָינט״ — ווי שעמט מען זיך דאָס נישט צו זיין אַזאַ קבצן!... האָב איך טאַקע געשוויגן און קיינעם וועגן דער בושה נישט דערציילט...

געגעסן האָב איך בלויז דאַמאָלס, ווען איך בין געקומען צו גאַסט צו עמיצן פון מיין משפּחה און מ׳האָט מיך מכבד געווען דאָ מיט אַ גלאָז טיי און מיט שמחת־תורהדיקן קוכן, דאָ האָט מען מיך פאַר־בעטן צום יום טובדיקן מאַלצייט. איך האָב אַפילו געמאַכט דעם אָנשטעל און געלאָזט זיך אַ ביסל בעטן, כאָטש איך האָב געשלונגען די סלינע אין מויל. צופיל אָבער האָב איך מיטן „אָנשטעל" נישט איינגעשטעלט, ווייל כ׳האָב געקאָנט האָבן אַ גאַנץ שיינעם דורכפאַל און מ׳זאָל מיך אַ צווייט מאָל נישט בעטן...

איך האָב ווי־ס׳איז דערשלעפּט ביז נאָך אסרו־חג. איך האָב גע־דאַרפט אַרויפגיין אין ביוראָ, אויף 19 רי טעהעראַן, וואו דער „דזשאָינט" האָט זיך געפונען און אָנמעלדן דעם איראָפּעאישן דירעק־טאָר, הער בערנאַרד קאַהן, אַז איך בין דאָ!... איך האָב מיך אָבער געשעמט: אפשר וויסן זיי גאָרנישט, אַז איך האָב ביי זיי אַ שטעלע!... אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס שלום אַש קאָן איינפאַלן מיר אָנצו־שרייבן!...

היות אָבער דער הונגער האָט מיך געפייניקט און איך האָב נישט געהאַט מער וואָס אָנצואווערן, האָב איך גענומען די מעטראָ און בין צוגעפאָרן אין דער רייכער געגנט, וואו די „דזשאָינט"־ביוראָ האָט זיך געפונען. איך האָב מיך אָנגעמאָלדן צום דירעקטאָר הער בערנאַרד קאַהן, אַ סימפּאַטישער דייטשישער ייד, אַ הויכער מאַן און מיט זייער אַ העפלעכער שטים. ער האָט מיך געבעטן זיצן.

יאָ, שלום אַש האָט מיט אים טאַקע גערעדט אין לוצערן וועגן מיר, און איך האָב ביי זיי אַ שטעלע. וואָס, אייגנטלעך, די שטעלע איז, וואָס וועל איך דאַרפן טאָן, האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין אָנונג. הער קאהן האָט מיט מיר גערעדט וועגן זייטיקע ענינים, אויס־געפרעגט מיך וועגן מיין אַרבעט ביי אַשן, וועגן אַשן גופא און וועגן מיר אַליין: וואָס איז מיין באַשעפטיקונג, וואָס איז מיין סטאַזש אַלס שרייבער, און אַזוי ווייטער. איך האָב אים אַלץ פּאַדראָבנע דערציילט, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז איך בין אים געפעלן געוואָרן.

ער האָט אַ דריק געטאָן אויף אַ קנעפּל. עס איז אַריינגעקומען אַ מיידל, עפּעס אַן אונטער־סעקרעטאַרקע (זיין סעקרעטאַרקע איז גע־זעסן אַן אַ זייט ביי אים אין קאַבינעט), וועמען ער האָט באַפוילן אַריינצורופן זיין אַסיסטענט, הער דוד שווייצער. עס איז אַריינגעקומען אַ ייד מיט „דוד פרישמאַן"־וואָנסעס און אַ פּאָר קלוגע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון הינטער די גאָלדענע ברילן. אַ רויכערנ־דיקער, שמעקעדיקער ציגאַר צווישן די פליישיקע ליפּן, האָט אַרויס־געלאָזט בלויע רויכלעך. הער קאהן האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט.

מ׳האָט גערעדט אַ פּאָר העפלעכקייטס־ווערטער, און שווייצער האָט מיך דערנאָך אַריינגעבעטן צו זיך אין קאַבינעט.

דוד שווייצער האָט גערעדט אַ פיינעם יידיש. ער איז געווען אַן אוקראַיינישער ייד, פון אָדעס. מען האָט געשמועסט תכלית: וואָס עס וועט זיין מיין אַרבעט, וואָס איך וועל טאָן פאַר מיינע שכירות. הכלל, איך וועל דאַרפן פון צייט צו צייט אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט „דזשאָינט״־טעטיקייטן. דערביי האָט ער מיר דערלאַנגט אַ פּאַק מיט „ליטעראַטור״, אין וועלכע איך האָב געזאָלט מעיין־זיין און אויסגעפינען וועגן וואָס צו שרייבן. וועגן קיין געלט האָט ער מיט מיר נאָך אַלץ נישט געשמועסט, און דאָ קלאַפּט ביי מיר דאָס האַרץ: זאָל איך יאָ אַ פרעג טאָן אָדער נישט אַ פרעג טאָן וועגן דיני־ממונות, און איך האָב מיט מיר אַליין אין געדאַנק איינגעטענהט: „אויב וועסט זיין אַ שעמעוודיקער, וועסטו היינט נישט עסן קיין וועטשערע!״...

דאָס איז געווען אַ גוטער אַרגומענט... און איך האָב מיטאַמאָל אַרויסגעפּלאַצט:

— הער שווייצער... המ... איר פאַרשטייט, איך וואָלט געדאַרפט האָבן אַ ביסל געלט... איר פאַרשטייט... אַ ביסל געלט...

— וואָס־זשע שוויגט איר?... — האָט דוד שווייצער אַ שמייכל געטאָן מיט זיינע קלוגע אויגן, און ער האָט געזאָגט — מיר האָבן פאַר אייך באַשטימט די סומע פון טויזנט פראַנק אַ חודש; המ, אַנט־שולדיקט, הער ראָזענבערג, עס איז נישט קיין סך געלט... אָבער שלום אַש האָט מער פאַר אייך נישט פאַרלאַנגט...

איך האָב אין דער רגע געטראַכט, אַז דער דאָזיקער מיסטער שווייצער רעדט נאַרישקייטן: וואָס הייסט, טויזנט פראַנק איז נישט קיין סך געלט! איך האָב באַלד אויף אויסנווייניק איבערגערעכנט, אַז דאָס איז אַרום דריי הונדערט פּוילישע זלאָטעס אַ חודש, דאָס מיינט — פינף־און־זיבעציק זלאָטעס אַ וואָך, און וויפיל מענטשן פאַרדינען עס פינף־און־זיבעציק זלאָטעס אַ וואָך אין פּוילן! און ווען שווייצער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום שטאָלענעם סייף און אַרויסגענו־מען צען קנאַקעדיקע הונדערט־פראַנק אַסיגנאַציעס, נאָר־וואָס פון אונ־טערן פרעס אַפּער און מיר דערלאַנגט, האָב איך געמיינט, אַז ראָטשילד איז קעגן מיר אַ קבצן!...

איך בין מיט איין שפרונג אַראָפּ איבער אַלע דריי שטאָק טרעפּ, און אַ זינגענדיקער און אַ טאַנצנדיקער בין איך אַרויס פון טויער, 19 רי טעהעראַן. איך האָב מיך מיטאַמאָל דערפילט אַ געוואַלטיקער גביר. כ׳בין אַוועק אין איינעם פון די רייכע רעסטאָראַנען אין יענער

אַריסטאָקראַטישער געגנט. עס איז געווען מיטאָג־צייט. איך האָב אָפּ־געגעסן אַ גוט און זעטיק מאָלצייט, פאַרטרונקען מיט אַ פלעשל ווייסן באָרדאָ, איבערגעלאָזט דעם גאַרסאָן אַ פיינע מטבע טרינק־געלט און אַ בגילופינדיקער זיך אַרויסגעוואַקלט פון רעסטאָראַן.

ערשט איצט האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן אַשן:

— זעסט, אַ חברהמאַן!... מער האָט ער נישט געהאַט קיין כוח פאַר מיר צו בעטן, ווי טויזנט פראַנק!... אַ השגה פון אַ באַלעבאָס!... פאַר זיך וואָלט ער שוין שכל געהאַט צו בעטן כפל־כפלים!... — האָב איך זיך געבונטעוועט און ס'האָט מיך טאַקע גאַנץ גוט פאַרדראָסן אויך...

אָבער אַ שטעלע אין „דזשאָינט" האָב איך געהאַט, און מיינע פאַריזער קאָלעגן האָבן מיך אַ ביסל מקנא געווען. עס האָט זיי שוין מסתמא באַנג געטאָן, פאַרוואָס זיי האָבן צו מיין אַוועקפאָרן קיין וואַרשע אין זומער, 1935, איינגעאָרדנט מיר אַ באַנקעט, אַז — „ער איז דאָך צוריקגעקומען!"...

איך האָב געקריגן אין ביוראָ פון „דזשאָינט" אַ באַזונדער צימער מיט אַ יידישער שרייבמאַשין. מען האָט מיר צוגעשטעלט די יידישע פרעסע פון דער גאַנצער וועלט, און מ'האָט מיר אינמיטן דער אַרבעט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז מיט הייס־ברוינער שמעקעדיקער טיי. איך בין געוואָרן, אויף נישט קיין געלעכטער, אַ מיטאַרבעטער פון פאַריזער „דזשאָינט".

נאָך איניקע וואָכן שטודירן, לייענען און באַקענען זיך מיט דער „דזשאָינט"־טעטיקייט איבער גאָר דער וועלט, האָב איך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל פאַרן „היינט" אין וואַרשע, און אין דעם אַרטיקל מאָך איך געוויסע פאָרשלאָגן פאַר דער לייטונג פון „דזשאָינט" צו פאַרפילפאַכן זייער טעטיקייט אין פוילן, ווייל די נויט פאַרגרעסערט זיך דאָרט, און איך האָב אויך אין מיין אַרטיקל אַ ביסל קריטיקירט די ביז איצט אָנגעפירטע אַרבעט.

איידער איך האָב דעם אַרטיקל אַוועקגעשיקט אין „היינט", האָב איך אים איבערגעלייענט פאַרן דירעקטאָר בערנאַרד קאהן און זיין אַסיסטענט דוד שווייצער. דערביי האָב איך זיי געמאָלדן, אַז איך פאָר די טעג קיין פוילן חתונה האָבן. איך וועל דאָרט ווילן איניקע חדשים, און דאָרט וועל איך שרייבן אַ צווייטן אַרטיקל פאַרן „מאָמענט".

בערנאַרד קאהן האָט זיך שטילערהייט איבערגעשמועסט מיט דוד שווייצערן אויף ענגליש, וואָס איך האָב קוים־קוים פאַרשטאַנען. נאָך זייער איבערשמועסן זיך האָט מיך אַ פאָר מינוט שפּעטער דוד שווייצער אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט, וואו ס'האָט געשמעקט

מיט רויך פון טייערע ציגאַרן. ער האָט געעפנט דעם סייף, אַרויסגע־נומען ווידעראַמאָל צען קנאַקעדיקע הונדערט־פראַנק אַסיגנאַציעס (גלייך די באַנק דע פראַנס וואָלט פאַר זיי ספּעציעל געדרוקט נייע באַנקנאָטן) און מיר דערלאַנגט די שכירות פאַרן צווייטן חודש. דאָס איז געווען דעם 1־טן פעברואַר, 1936. האָבנדיק מיר באַצאָלט די שכירות, האָט מיר שוויצער דערנאָך דערלאַנגט אַ צווייטן טויזנטער־פראַנק און מיט אַ פריינטלעכן שמייכל צוגעגעבן:

— אייער אַרטיקל האָט אויף אונדז ביידע, אויף בערנאַרד קאהן און מיר, געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. איר דערלאַנגט אונדז אַפילו אַ ביסל, אָבער עס איז גוט אַזוי... שעמט זיך נישט, איר מעגט דעם „דזשאָינט" דערלאַנגען אויך... און דאָ האָט איר אונדזער דרשה־געשאַנק צו אייער חתונה, מיר ווינטשן אייך גליק און פאַרט געזונט!...

איך בין געווען איבערראַשט און גערירט. איך האָב זיך באמת דערפילט אַלס אַ חשובער מענטש און אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער פון „דזשאָינט". אויב מיין ערשטער אַרטיקל האָט געמאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק, בין איך דאָך זיכער מיט מיין שטעלע!...

מיט צוויי טעג שפּעטער בין איך געזעסן אין אַ קופּע פון עקספּרעס „פּאַריז־וואַרשע" און געפאָרן צו מיין חתונה, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך מיין כלהס עלטערן אויף דער צייט, וואָס איך האָב געהאַט באַשטימט. די מחותנים, אברהם דוד און שרה ביילע פּראַשקער, זענען געווען מיינע אַמאָליקע באַלעבאָטים, ביי וועמען איך האָב גע־אַרבעט אַלס בוכהאַלטער, און מיין כלה איז געווען זייער דריטע טאָכטער, רעגינע.

איך האָב פאַרבראַכט אין פּוילן אַן ערך פינף חדשים. איך האָב, זייענדיק אין וואַרשע, באַגעגנט זיך מיטן „דזשאָינט"־דירעקטאָר יצחק גיטערמאַן און ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן אָנצושרייבן אַן אַרטיקל צו בערנאַרדס קאָהנס זעכציק־יעריקן געבורטסטאָג. דעם דאָזיקן אַרטיקל האָב איך איבערגעגעבן מיין גוטן פריינט ש. י. סטופּניצקי, דעם רע־דאַקטאָר פון „מאָמענט", און ער איז צו דעם באַשטימטן טאָג אָפּגע־דרוקט געוואָרן.

שלום אַש האָט דאַמאָלס געוווילט אין ארץ ישראל, וואוהין ער איז געפאָרן, ווי אַ בין, אָנצוזאַמלען די נויטיקע זאַפטן פאַר זיין שפּעטער־דיקן פראַכטפולן ווערק: „דאָס געזאַנג פון טאָל".

עס איז געווען דאַמאָלס אַ טרויעריקער זומער אין פּוילן. עס איז געווען דאָס פּזשיטיק־יאָר, 1936. איך האָב מיך געפילט זייער דערשלאָגן, פּונקט ווי יעדער אַנדערער פּוילישער ייד. איך האָב שוין

געציילט די טעג, ווען איך וועל קאָנען צוריקפאָרן אין דעם פרייען און פריילעכן פראַנקרייך.

עס איז אָבער נישט געווען אַזוי פשוט: איך אַליין האָב געקאָנט פאָרן היין און צוריק פון פוילן קיין פראַנקרייך און פון פראַנקרייך קיין פוילן. מיין פרוי האָט אָבער קיין וויזע נישט געקאָנט באַקומען. איך בין דעריבער איינער אַליין צוריקגעפאָרן קיין פאַריז, און דורך פאַרשידענע באַקאַנטשאַפטן — הויפּטזעכלעך אַדאַנק מיין גוטן פריינט, מאיר מענדעלסאָן, — האָב איך זיך דערשלאָגן צום פּאָליטישן רעדאַקטאָר פון „פיגאַראָ", מסיע דאַנאַדיעי, וועלכער האָט גאַנץ איינפאַך, אין מיין אַנוועזנהייט, אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, אָנגעקלונגען צו זיינס אַ פריינט אין אויסערן־מיניסטעריום און אים במעט ווי באַפוילן: „העי, זשאַן, איך מוז האָבן אַ וויזע פאַר מיין קאָלעגעס ווייבל, וואָס געפינט זיך אין פוילן... גוט, זאָגסטו?... מערסי ביען!"

מיט אַ טאָג שפּעטער בין איך אויפן נאָרד־באַנהויף אין פאַריז, שוין זיצנדיק אין וואַגאָן אויפן וועג קיין פוילן, אויסגערופן געוואָרן דורך איינעם, מיינס אַ פריינט, מיט נאָמען לעווין, אַ מיטאַרבעטער פון „פיגאַראָ". ער האָט מיר געבראַכט אַ בריוו פון פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום צום ערשטן סעקרעטאַר פון דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע אין וואַרשע. דער דאָזיקער בריוו האָט מיר געבראַכט די וויזע פאַר מיין פרוי, און דעם 18־טן יולי, 1936, זענען מיר אָנגעקומען קיין פאַריז, און אַ נישט־גוטער אָנזאָג פאַר דער גאַנצער ציווילי־זירטער און דעמאָקראַטישער וועלט האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן אַריין פון די שוואַרצע, פעטע קעפּ אין די נאָכמיטאָג־צייטונגען: „בירגער־קריג אויסגעבראָכן אין שפּאַניע!"

מיין מאַטעריעלע לאַגע איז ווידער געווען אַ נישט גוטע. די טויזנט פראַנק אַ חודש זענען געווען גענוג פאַר מיר אַליין, אָבער נישט פאַר אַ פּאָרפאָלק. פון אַשן האָב איך לעת־עתה גאָרנישט געהערט און איך האָב ביי אים גאָרנישט פאַרדינט. עס איז געווען שאַ־שטיל מיט אים. זעט אויס, אַז ער איז נאָך אַלץ געווען אין ארץ ישראל. אין „היינט" האָב איך גאָרנישט געדרוקט. אויך דאָרט איז נישט געווען צו פויגלדיק...

ענדלעך, אַרום סוף חודש אָקטאָבער פון 1936, אין דער צייט פון מיין גרעסטער פאַרצווייפלונג, האָב איך באַקומען אַ רעגיסטרירטן בריוו פון שלום אַשן. מיט ציטערנדיקע הענט האָב איך געעפנט דעם קאָנווערט: וואָס שרייבט מיר אַזוינס מיין נישט־שכירות צאַלנדיקער באַלעבאָס?... דער בריוו איז געווען זייער אַ בייזער, אַ

וירגזונדיקער. אָבער וואָס ווייטער איך האָב דעם בייזן בריוו געלייענט, אַלץ ליכטיקער איז מיר געוואָרן אין די אויגן...

אַש האָט זיך געבייזערט אויף מיר אויף זיין, אַשישן, אופן:

„וואָס מיינט איר מיט זיך?... איך וועל אייך שאַפן שטעלעס אין „דזשאָינט" פאַר אייער פאַרגעניגן־וועגן?... איר וועט זיך זיצן ווי אַ פאַרריץ אין פאַריז, בעת איך וויל, איר זאָלט וואוינען מיט אונדז!?... איך שרראַאַב איצט אַ נאַאַ ווערדריק, און איך מוז אייך שוין האָבן לעבן מיר! קומט און באַזעצט זיך אין ניצע! איך וואַרט אויף אייך מיט אומגעדולד. טעלעגראַפירט מיר, ווען איר פאָרט אַרויס!"...

ווען איך האָב געענדיקט לייענען אַשס בייזן בריוו, האָב איך אַ נעם־געטאָן מיין ווייבל און מיר האָבן ביידע אָנגעהויבן טאַנצן פאַר גרויס פרייד.

אַ מאָדנער מענטש דער דאָזיקער אַש! ער בייזערט זיך גאָר אויף מיר, און ער ווייסט נישט, ווי שטאַרק איך האָב אויסגעקוקט אָט דעם בייזן בריוו!... אַ שיינער פריץ בין איך דאָ אין פאַריז!... איך ווייס נישט, וואָס דער מאָרגן וועט מיר ברענגען!... פון אים, פון אַשן, הער איך גאָרנישט, און דאָ אַזאַ „הימל־עפן־זיך־דיקער" סקאַנדאַל!...

איך האָב מיך תיכף גענומען גרייטן אין וועג אַריין, איינגעקויפט זיך פאַרשידענע נויטיקע זאַכן פאַר דער ריוויערע. פריינט האָבן אונדז געבראַכט שיינע מתנות. מ׳האָט זיך געפּאַקט, געבונדן מיט שטריק דאָס בעטגעוואַנט, די וועש און אַנדערע פאַרפאַלקישע שמאַכטעס. איך בין דאָך שוין אַ באַלעבעסל!... מיינע גוטע פריינט און קאָלעגן האָבן זיך גאָרנישט געקילט פון מיין „אָפּגענאַרטן" ערשטן באַנקעט און האָבן מיר ווידער, דאָס מאָל שוין אויף פאַר מיין „עזר כנגדי", געפּראַוועט אַ פייערלעכן באַנקעט מיט אַלע פּרטים און דיקדוקים, מיט וואַרימע רעדעס און שוימיקן שאַמפּאַניער, מיט געבראָטענע הינער און פאַרשידענע אויסגעזוכטסטע מאכלים, וויינען און ליקערן. איין מאָל טאַקע אָפּגענאַרט און צוריקגעקומען, אָבער דאָס מאָל פאַר איך טאַקע אַוועק, און וואוהין? אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע!... יאָ, איך בין ווערט געווען אַ באַנקעט!...

מיטאַמאָל, צומאָרגנס נאָכן באַנקעט, קריג איך אַ טעלעגראַם פון אַשן: „וואַרט־צו מיטן פאָרן, איך קום מאָרגן קיין פאַריז. באַגעגנט מיך אין ביוראָ פון דזשאָינט!"

איך האָב מיך אַ ביסל דערשראָקן: אַ קשיא אויף אַשן!... אפשר האָט ער שוין חרטה? וואָס וועלן די קאָלעגן און פריינט זאָגן אויפן

צווייטן „אָפּגענאַרטן" באַנקעט?!... מיט האַרץ־קלאַפּעניש בין איך צומאָרגנס געגאַנגען אין „דזשאָינט", אַש איז שוין דאָרט געווען. ער האָט זיך מיט מיר זייער דערפריים, געוואונטשן מיר „מזל־טוב", און ער גיט מיר דערביי שטילערהייט אַ רוים־איין אין אויער: „רראָזוענ־בעריג, איילט זיך נישט צו באַלד מיט קיין קינד!"...

איך האָב אין מיר אַ שמייכל געטאָן: די וואָרנונג זיינע איז גע־קומען אַ ביסל צו שפּעט... איך האָב אויף זיין וואָרנונג גאָרנישט געענטפערט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער האָט געדאַרפט זיין אין פּאַריז, האָט ער מיר טעלעגראַפירט, איך זאָל צוואַרטן. מאָרגן פאָרט ער צוריק און איך זאָל קומען אויף שבת קיין ניצע. דאָס איז געווען אין אַ דינסטיק. מיטוואָך אָוונט האָט אונדז ביידע, מיין פרוי און מיך, דער ריוויערע־עקספּרעס געטראָגן אויפן וועג קיין ניצע.

מיר זענען אָנגעקומען דאָנערשטיק נאָכמיטאָג קיין ניצע. דאָס איז געווען אָנהויב חודש נאָוועמבער. אין פּאַריז איז שוין געווען קאַלט, ווינטיק און רעגנדיק, און דאָ האָט געבליאַסקעט אַ גאָלדענע שרפהדיקע זון אין אַ לאַזור־בלויען הימל. מיר האָבן גענומען אַ צימער אין אַ האָטעל לעבן וואָקזאַל. מיר זענען געווען שרעקלעך מיד און אויס־געמאַטערט פון דער זיבעצן־שעהדיקער רייזע. האָבן מיר געכאַפּט אַ דרימל, און ווען מ'האָט זיך אויפגעוועקט, איז שוין געווען אָוונט. מיר זענען אַראָפּ אין אַן עלעגאַנטן קאַפעהויז. מיין פרוי האָט איינגעקויפט אַ פּאָר טוץ אָנזיכטס קאַרטלעך פון דער ריוויערע און צעשיקט צו אירע חברטעס, צו די עלטערן. יעדן אַ פריינטלעך וואָרט, אַ וואונטש און אַ גרוס פון ערדישן גן־עדן. פון אירע אויגן האָט געשפּרודלט גליק־זעליקייט און פרייד.

נאָכן אָפּעסן אַ פיינעם אָוונטברויט, האָב איך מיין פרוי גענומען אויפן ערשטן שפּאַציר איבער דער פּראָמענאַד דעז'אַנגלעי. דער טונקל־בלויער הימל און דער שוואַרצער ים האָבן שותפותדיק געבליש־טשעט מיט די מילי־מיליאַסן בלינקלענדיקע שטערן. איך האָב איר געוויזן די רייכע באַלויכטענע האָטעלן, קאַסינאָס, אומעטום אַריינ־געשמעקט אויף אַ רגע, זיך צוגעזעצט טרינקען אַ קאַפע אויף דער טעראַסע פון אַזאַ צעבלענדטן האָטעל און זיך איינגעהערט צו דער פאַרוויגנדיקער מוזיק, זיך צוגעקוקט צו די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. קורץ, איך האָב פאַר מיין פרוי פאַרגעשטעלט את רוב עשרי ורוב גדלי...

צומאָרגנס האָבן מיר געדונגען אַ מעבלירטע וואוינונג אין אַ שיינער געגנט און מיר האָבן שוין געוואוינט ווי מענטשן. איך האָב תיכף געלאָזט דורך אַ קאַרטל וויסן אַשן, אַז מיר זענען דאָ! צומאָרגנס,

שבת, הערן מיר אַ טרובעץ פון אַן אויטאָמאָביל־האָרן. איך האָב אַראָפּ־ געקוקט פון דריטן שטאָק, וואו מיר האָבן געוואוינט, און איך האָב דערבליקט אַשן. ער איז געקומען אונדז נעמען צום שבתדיקן מאָלצייט צו זיך אין דער ווילע „שאַלאָם", אויף אַוועניו דע לאַ לאַנטערן, אין די אַלפּן־בערג, אַן ערך פינף קילאָמעטער פון ניצע. זיין זון, דזשאַן, האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל.

מיר זענען אַראָפּגעקומען אונטן, כ׳האָב פאָרגעשטעלט פאַר אַשן און זיין זון מיין ווייבל. אַש האָט מיט זיין געניטן, קינסטלערישן אויג זי אַ נעם אַרום געטאָן, ער האָט געגעבן אַ דיסקרעטן שמייכל און געזאָגט:

— מאַדזשע האָט איך בײדע פאַרבעטן צום מיטאָג!

ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן אָרט און אַריינגעגאַנגען צו אַשן אין פּרעכטיקן הויז, האָט די באַלעבאָסטע זיך וואַרים באַגריסט מיט מיין פרוי און מיט מיר. עס איז געווען געגרייט אַ שיינער טיש; און ווען עס איז געקומען צום אויסטיילן די פּאָרציעס, גיט אַש אַ לאַך:

— מאַדזשוכנא, איר זאָלסטו געבן אַ טאָפּלטע פּאָרציע!... זי דאַרף עסן פאַר צוויייען!...

דאָס האָט ער, פאַרשטייט זיך, געמיינט מיין ווייבל. שפּעטער גיט ער מיר אין אַ ווינקל אַ זאָג: „און איך, אַלטער נאַר, זאָג אייך אין פּאַריז, אַז איר זאָלט זיך נישט צואײַלן!"...

מיר האָבן פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג ביי די אַשס אין הויז. נאָכן עסן האָבן מיר שפּאַצירט אין דער פּראַכטפולער געגנט, וואָס איך האָב שוין געהאַט געמיינט, אַז איך וועל זי מער קיינמאָל נישט אָנקוקן... איך בין געווען איבערפולט מיט איינדריקן. אַרום האָט געשמעקט פון די צאָלרייכע בלומען, און אין די אויגן האָט געבלענדט די רייכע פאַרשידנאַרטיקייט פון פאַרבן און קאָלירן. מיין ווייבל איז געווען גליקלעך און איך צוזאַמען מיט איר...

ביינאַכט האָט אונדז דזשאַן אָפּגעפירט אַהיים אין אויטאָמאָביל.

אַש האָט דאַמאָלס אָנגעהויבן שרייבן זיין פּראַכטפול ווערק „דאָס געזאַנג פון טאָל", און מיר זענען געוואָרן תושבים אין ניצע... אַ ניי בלעטל אין מיין לעבן האָט זיך איבערגעמישט.

קאַפּיטל זעכצן

# דאָס געזאַנג פון טאָל

מיט שלום אַשס נייעם ווערק „דאָס געזאַנג פון טאָל״ בין איך געוואָרן זייַן פּערמאַנענטער סעקרעטאַר, מיט אַ פעסט־געשטעלטער שכירות, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרום טויזנט פראַנק אַ חודש; צוזאַמען מיטן געהאַלט, וואָס איך האָב באַקומען פּינקטלעך צוגעשיקט פון „דזשאַינט״ אין פּאַריז, זיצנדיק אין ניצע און שרייבנדיק פון צייט צו צייט אַן אַרטיקל אין די יידישע צייטונגען אין פּוילן, האָט דאָס שוין געסטייעט אויף אַ באַשיידן לעבן. קיין גביר האָט מען דערפון נישט געקאָנט ווערן...

עס האָט זיך ביי מיר איינגעשטעלט אַ רוטינע אַרבעט. איך האָב געוואוינט אין אַ שיינעם מעבלירטן אַפּאַרטמענט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויס צימער מיט אַ קיך און אַ באַלקאָן. יעדן פרימאָרגן האָב איך גענומען דעם אויטאָבוס, וואָס איז געלאָפן מיט אַ פעסט־געשטעלטן מאַרשרוט איבער די אַלפּן־בערג, מאַכנדיק אַ רונד־רייזע צווישן פאַרשידענע מאַלערישע דערפלעך, קליינע ישובים און איינצל־נע, אָפּגעזונדערטע ווילעס פון רייכע מענטשן. איך האָב אָנגעטרונ־קען מיין אויג מיט די פאַרבנרייכסטע פּייזאַזשן און איינגעזאַפּט דורך די אָפענע פענצטער די ריחות־פולע געשמאַקן פון די פּיל־קאָלירנדיקע בלומען, ביז דער אויטאָבוס האָט זיך, אויף מיין סיגנאַל, אָפּגעשטעלט ביי דער ווילע „שאַלאָם״.

אָנגעקומען צו די אַשס פלעג איך אַרום עלף אַזייגער פאַרמיטאָג. איך האָב שוין דעמאָלט אַשן געטראָפן זיצן אין זיין בריוחדיקן שרייב־

קאַבינעט, אַן איבערגעבויגענעם איבערן טיש און שנעל סקריפּען מיט דער פּען. שטענדיק האָב איך געפונען אויף אַ ווינקל פון טיש שטיין דעם שמאָלן, פאַרביק־הויכן וואַזאָן מיט אַ בינטל רויטע רויזן, וואָס האָבן פריש געשמעקט, ווייל זיי זענען יעדן טאָג געטוישט געוואָרן דורך דער זאָרגפעלטיקער האַנט פון מאַדזשען. אַש איז געווען אויס־גערוט, ער האָט אויסגעקוקט זאַט און צופרידן. ער איז פון זיין ארץ ישראל־רייזע אין פרילינג, 1936, אַהיימגעקומען אָנגעזאַפּט מיט פרישע איינדריקן, מיט די הערלעכסטע בילדער פאַר די אויגן, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעזען אינעם יידישן לאַנד. ער האָט געזאָטן אינגאַנצן פון אומגעדולד ווי צום גיכסטן אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר דאָס ווערק, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל.

אַש האָט מיט מיר זייער אָפט גערעדט וועגן זיין נייעסטן בוך, „דאָס געזאַנג פון טאָל". ער האָט געהאַט בדעה אָנצושרייבן אַ טרי־לאָגיע. דאָס ערשטע בוך פון דער טרילאָגיע האָט געזאָלט זיין דער צווי־בענדיקער ראָמאַן „ביים אָפּגרונט". אין יענעם ווערק איז איינער פון די הויפּטהעלדן געווען אהרן יודקעוויטש, אַ ייד אַ שווינדלער, אַ הויכשטאַפּלער, אַ וואַליוטע־הענדלער, אַן אַרויפגעאַרבעטער גביר; ער האָט אָפּגעקויפט דייטשע הייזער פאַר גראָשנס, אָפּגעקויפט אויך יענעמס ווייב פאַר ווערטלאָזע מאַרקן, און דערצו נאָך דעם אָפּגענאַרטן חסידישן יונגנמאַן אומגליקלעך געמאַכט אויף אייביק.

האָט איצט אַש אין זיין „דאָס געזאַנג פון טאָל" אַריינגעפירט אַ העלד, יאָסל יודקעוויטש, אַ חלוץ, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער אַנטיפּאָד צו אהרן יודקעוויטש, זיין ברודער. ער האָט פאַר מיר עטלעכע מאָל דערמאָנט וועגן דער דאָזיקער געפּלאַנטער טרילאָגיע. איך ווייס אָבער נישט עד היום, פאַרוואָס עס איז פון זיין טרילאָגיע־פּלאַן גאָרנישט געוואָרן, און אין דעם בוך „דאָס געזאַנג פון טאָל" איז אַפילו אין ערגעץ נישט דערמאָנט, אַז דער חלוץ יאָסל יודקעוויטש האָט עפּעס אַ שייכות מיט דעם וואַליוטע־הענדלער און הויכשטאַפּלער, אהרן יודקעוויטש!...

זעט אויס, אַז אין דעם פּראָצעס פון שאַפן איז אַשן קלאָר געוואָרן, אַז דער פּלאַן צו פאַרוואַנדלען די נייע אַרבעט אין אַ טרילאָגיע טרעפט־אַן אויף שוועריקייטן און איז נישט דורכפירבאַר, און ער האָט פאַרענ־דיקט דאָס בוך ווי אַ געשיכטע פאַר זיך אַליין: די געשיכטע פון דער אידעאַליסטישער קבוצה „עין־חרוד". ער האָט מער קיינמאָל פאַר מיר נישט דערמאָנט די אידייע פון אַ טרילאָגיע.

אַש איז געווען אַריינגעטאָן אין דעם נייעם ארץ ישראל־ווערק ראשו ורובו. ער האָט געפיבערט אינגאַנצן, די אויגן האָבן ביי אים

געלויכטן, שרייבנדיק דאָס דאָזיקע בוך. איך האָב אים באַוואונדערט: ער איז בלויז געווען אַ קוק־טאָן אויפֿן לאַנד, און ווי טיף ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין דעם נס פֿון „עמק". איך אַליין בין מיט יאָרן פֿריִער געהאַט געווען אַ חלוץ, דאָס איז געווען אין די יאָרן 1919־1922. איך האָב כמעט דורכגעמאַכט דאָס אַלץ, וואָס אַש האָט איצט אַזוי קינסטלעריש און לעבעדיק געשילדערט אין זיין ווערק „דאָס געזאַנג פֿון טאָל". די אַלע טיפּן — די כאַימאָוויטשעס, די שרהס און די אַנדערע חברים און חברטעס פֿון דער קבוצה; בורלאַק, דער העברעאישער לערער אמנון בן־טוב, יאָסל יודקעוויטש — אַלץ אַזוינע העלדן, וועלכע איך האָב כמעט פּערזענלעך געקענט; אויב זיי זענען נישט געווען טאַקע די זעלבע, זענען זיי געווען ענלעך צו זיי — חלוצים, מיט וועמען איך האָב מיך צוזאַמענגעטראָפֿן אויף די פֿעלדער פֿון ישראל און מיט זיי צוזאַמען געאַרבעט.

דעריבער האָב איך געהאַט אַזאַ גרויסע הנאה, לייענענדיק דער ערשטער דעם כתב־יד פֿון דער ארץ ישראלדיקער עפּאָפּיי. איך האָב מיך דערפֿילט ווי איינער פֿון די דאָזיקע געשילדערטע פּערסאָנאַזשן אינעם בוך...

מיין פֿרוי און איך זענען יעדן זונטיק געווען פֿאַרבעטן צו די אַשס אויף מיטאָג. אָדער אַשס זון, דזשאָן, איז געקומען נאָך אונדז מיטן אויטאָמאָביל, אָדער מיר זענען געפֿאָרן אויפֿן אויטאָבוס מיט די שיפֿוע־וועגן איבער די אַלפּן־בערג און מ'האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט ביי דער ווילע „שאַלאָם". דער שאָפֿער פֿון דעם אויטאָבוס האָט מיך שוין געקענט און איך האָב מער נישט געדאַרפֿט געבן קיין סיגנאַל צו אים, ער זאָל זיך אָפּשטעלן. ער האָט שוין אַליין אויסגערופֿן: „ווילאַ שאַלאָם!"...

עס איז פֿאַר אונדז יעדן זונטיק געווען צוגעגרייט אַ גרויסאַרטיק מאָלצייט, מיט פּרוכטן פֿון אייגענעם גאָרטן און אַ גוטע פֿלאַש באָרדאָ־ווייַן, וואָס אַש האָט געהאַט ליגן אין קעלער. מאַדזשע איז געווען אַ באַלעבאָסטע פֿאַר עקסעליאַנס. זי האָט געקאָכט מאכלים — ממש מעדני־מלך!... כאָטש זי האָט געהאַט אַ דינסט, איז איר אויג געווען אין קיך איבער אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן... ווען מיר זענען פֿאַרנאַכט אַהיימגעפֿאָרן קיין ניצע, האָט מאַדזשע קיינמאָל נישט פֿאַר־פֿעלט מיטצוגעבן מיין פֿרוי די באַטעמטסטע קאָנפֿיטורן, איינגעמאַכטסן, אויסגעפּאַרטיקט דורך איר אַליין פֿון די פּרוכטן, וואָס זענען ביי זיי געוואַקסן אין דעם פּרעכטיקן גאָרטן.

געדענק איך איין זונטיק, ווען מיר זענען געווען אויף דער רוטינער איינלאַדונג צום מיטאָג ביי די אַשס, האָט אַש, תיכף נאָכן

פֿאַרענדיקן די סעודה, זיך געגעבן פּלוצים אַ שטעל־אויף, איבער־געבעטן די געסט און איז אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. עפּעס איז אים מסתמא אין דער רגע איינגעפֿאַלן, וואָס ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן אויף שפּעטער. ער האָט פּשוט געפֿיבערט מיטן שרייבן פֿון דאָזיקן ווערק. מיר זענען געבליבן מיט מאַדזשען אין עסצימער און מיר האָבן פֿאַרענדיקט אונדזער שוואַרצע קאַפֿע אָן אַשן.

מיט אַן ערך אַ שעה שפּעטער באַוויזט זיך אַש צוריק אַן אויפֿגערעגטער. טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן און אַ ים מיט טרויער איז אויף זיין פּנים געווען אויסגעגאָסן.

ער גיט אַ זאָג סתם אין דער וועלט אַריין:

— שוין באַגראָבן יודקעוויטשן!...

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ אומעט אין דער שטים, אַז ער האָט אונדז אַלעמען אָנגעשטעקט מיט דעם זעלבן אומעט. ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין שרייבן, אַז ער האָט מיטגעלעבט מיט זיינע העלדן; זיי זענען אַלע געווען ווי אַ טייל פֿון דער פֿאַמיליע. ער האָט דאַמאָלס, אַריינלויפֿנדיק צו זיך אין קאַבינעט נאָכן מיטאָג, פֿאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל, אונטערן נאָמען: „יאָסל יודקעוויטש הייליקט דעם עמק".

ער איז שטאַרק דורכגענומען געווען פֿון יאָסל יודקעוויטשעס טויט און ער האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך; ער איז שוין פֿאַרבליבן אַזוי טרויעריק די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען געווען ביי זיי צוגאַסט.

ווען מיר האָבן פֿאַרנאַכט זיך אָפּגעזעגנט און גענומען גיין צום אויטאָבוס, האָבן ביידע, שלום און מאַדזשע, אונדז באַגלייט אַ שטיקל וועג. אַש האָט געשוויגן די גאַנצע צייט, ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. איך האָב געפֿילט, אַז ער איז נישט מיט אונדז. ער געפֿינט זיך איצט אין דער קבוצה פֿון עמק, וואו ער זעט מיט זיינע פֿאַטעטישע אויגן דאָס הערלעכע בילד, ווי ער שילדערט צום סוף פֿון דעם דאָזיקן קאַפּיטל:

„די וואָלקנדלעך אויפֿן הימל, באַפֿרייט פֿון זייערע שווערע מאַסעס, האָבן זיך לייכטער באַוואויגן, אָפּגעריסן זיך איינס פֿון אַנדערן און צערונען, געלאָזט פֿון זייערע זילבער־באַזוימטע שפּאַלטן דורכשיינען די זון. די קאַנטן פֿון די בערג זענען באַהויכט געוואָרן מיט אַ זאַטן טונקל־בלויען קאָליר, האָבן זייערע קאַנטורן שאַרף געשניטן אין דעם אויסגעלייזטן, לייכט־געוואָרענעם, מיט פֿרילינג־לופֿט אָנגעפֿולטן חלל. די זון האָט איבער זייערע רוקנס געשיינט און אַראָפּגעגליטשט זיך און באַלויכטן אַ ברייטן, ווייכן טעפּיך פֿון קינדעריש־

פרישע יונגע גראָזן, אין וועלכע דער ווינט האָט זיך געשפּילט. דער גרינער איידעלער טעפּיך האָט זיך ווייט פאַרצויגן פון דעם ראַנד פון זייערע געצעלטן ביז צום ווילדן באַוואַקסענעם עמק אַרויס.

— „חברים, אונדזערע זאַנגען גייען־אויף!״

אָט אַזוי הערלעך באַשרייבט אַש ווי עס זעט אויס דער טאָל, ווען מען פירט יאָסלען צום קבר, און ער פאַרענדיקט די דאָזיקע פּאָעטישע שילדערונג:

„דער עולם איז געשטאַנען ביים האַלב־באַדעקטן קבר מיט אָפענע מיילער און האָבן נישט געוואוסט, צי זיי זאָלן זיך פרייען אָדער טרויערן. זיי האָבן אַ מינוט פאַרגעסן אָן דעם טויטן יאָסל. זיי האָבן געזען דעם בליענדיקן עמק.

„זיי זענען געשטאַנען אַ לאַנגע ווײלע ביים האַלב־פאַרשאָטענעם קבר און באַטראַכט די יונגע ציטערנדיקע גראָזן, וואָס האָבן געלויכטן אין דער זון, ביז זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן יאָסלען. עס האָבן זיך ביי זיי אויסגעמישט טרויער און פרייד צוזאַמען. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי צוזאַמענגעבראַכט חבר יאָסלס טויט מיט די אויפגייענדיקע זאַנגען, און עס איז ביי זיי געוואָרן איין זאַך...״

אָט אַזוי הייליק שילדערט שלום אַש דעם עמק, און פון יעדער שורה זיינער גייט־אויף צום בלויען ארץ־ישראלדיקן הימל דאָס געזאַנג פון טאָל... די דאָזיקע נאַר־וואָס געבראַכטע שילדערונגען האָב איך איבערגעלייענט פון מאַנוסקריפּט, וואָס אַש האָט מיר מיטגעגעבן אַהיים אויף דורכצוקוקן און אויסבעסערן. איך האָב, לייענענדיק די הייליקע שורות, זיך ווידערמאָל דערזען, ווי מיט אַרום זיבעצן יאָר פריער, אין די זומפּן פון בתניה, נישט ווייט פון ים כנרת, וואו איך האָב אַלס חלוץ געאַרבעט...

דאָס אַלץ דערמאָן איך מיך איצט ביים שרייבן די דערינערונגען פון מיין מיטאַרבעט מיט אַשן אין יענער צייט, און ווי לעבעדיק זע איך דעם באַשאַפער פון דער גרויסער עפּאָפּיי, „דאָס געזאַנג פון טאָל״, אַ טרויעריקן און גלייכצייטיק אַ צופרידענעם: טרויעריק צוליבן טויט פון זיין חבר יאָסל יודקעוויטש און צופרידן צוליב די אויפגייענדיקע זאַנגען אין טאָל.

איך קאָן מיך איצט באַין אופן נישט דערמאָנען די גענויע צייט, ווען עס האָט זיך ביי אַשן פאַרענדיקט דער פּראָצעס פון שרייבן „דאָס געזאַנג פון טאָל״ און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון שרייבן דעם „מאַן פון נצרת״. איך האָב דעם איינדרוק, אַז ער האָט אָנגעהויבן דאָס צווייטע גראַנדיעזע ווערק, בעת ער האָט נאָך

נישט געהאַט פֿאַרענדיקט דאָס ערשטע. עס האָבן זיך ביי אים אויס־געמישט צוזאַמען די צייטן פֿון אונטערגאַנג פֿון לאַנד יהודה מיטן אויפֿגאַנג פֿון לאַנד ישראל...

יעדנפֿאַלס, האָב איך דורכגעלעבט אַ הערלעכן ווינטער פֿון סוף 1936 און אָנהויב 1937, באַדנדיק זיך אין די שטראַלן פֿון אַשס שאַפֿן. יעדן פֿרימאָרגן בין איך צו אים געקומען, גענומען דעם אָנגעשריבענעם מאַנוסקריפּט, אַהיימגעבראַכט צו זיך, פֿאַרראַכטן די גראַמאַטישע און סטיליסטישע פֿעלערן, איבערגעשריבן אויף ריין און צומאָרגנס אים צוריקגעבראַכט אַ קלאָרן כּתב־יד, אין וועלכן דער מחבר האָט זיך געשפּיגלט, געשעפּט אויפֿסניי הנאה ביים נאָכאַמאָל איבערלייענען, צו־געבנדיק — ווי אַ קונסטמאָלער מיטן פּינזל — דאָ אַ נייעם שטריך, דאָ אַ שמיר מיט אַ ליכטיקערע פֿאַרב, דאָ אַ פֿאַרדעק מיט אַ ביסל שאָטן, און עס איז אויפֿגעוואַקסן פֿאַר מיינע אויגן דער פּרעכטיקער ארץ־ישׂראלדיקער פּייזאַזש, די העלדישקייט פֿון די איבערגעגעבענע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין געשטאַלטיקן דעם דאָזיקן ליכטיקן פּייזאַזש...

שלום אַש האָט געשטראַלט מיט דער פֿרייד פֿון אַ באַשאַפֿער, וואָס זעט, אַז זיין אַרבעט איז: „כּי טוב!"... ער פֿלעגט מיך אין אַזאַ מאָמענט אַ נעם־טאָן אונטערן אָרעם, אַרויספֿירן פֿון זיין קאַבינעט, כאַפּן צוזאַמען מיט מיר אַ לענגערן שפּאַציר און איבערשמועסן וועגן דעם אָנגעשריבענעם קאַפּיטל. די זון איז אונטערגעגאַנגען אַ רויטע און פֿלאַמיקע אין די בלוי־פֿאַרנעפּלטע בערג. איך האָב געגעבן אַ קוק אויף מיין האַנט־זייגערל און דערזען, אַז עס ווערט שפּעט. איך מוז שוין אַהיימפֿאָרן צו מיין פֿרוי, וועלכע וואַרט אויף מיר מיטן נאַכטמאָל. איך בין שוין מער נישט געווען בלויז צו אַשס דיספּאָזיציע. ער האָט צוגעקריגן אַ שותּף, אָדער בעסער געזאָגט: אַ שותּפֿטע...

איינמאָל, שפּאַצירנדיק מיט אַשן אין זיין גאָרטן אין אַ טונקל־צוגעפּאַלענעם אָוונט — זעט אויס, אַז אַש איז שוין געווען „מעוברת" מיטן נייעם ווערק, וואָס איז נאָך געווען אין עמבריאָן, איינגעהילט אין אַ פֿאַנטאַסטישן נעפּל און מ'האָט נאָך נישט געאַנט, וואָס פֿאַר אַ שטורם דאָס דאָזיקע ווערק וועט אַרויסרופֿן — אַ קינסטלעך־אויפֿגעבלאָזענעם שטורם — ווייל אַזוי איז געפֿעלן אַ מאַן אויף דעם ניו־יאָרקער איסט־בראָדוויי, וועלכער האָט דווקא געוואָלט דעם צו וועלט־רום אויסגע־וואַקסענעם אַשן אַ ביסל פֿלאַטשיק מאַכן, ווי עס האָט זיך אים מיט דערפֿאָלג איינגעגעבן אַזוי צו טאָן מיט אַנדערע טאַלאַנטפֿולע יידישע שרייבער — גיט מיך אַש פֿלוצים, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, אַ פֿרעג:

— רראָזענבעריג, איך גיי שאַפן אַ נייע רעליגיע, איר וועט מיר נאָכגיין ? . . .

— אויב איר וועט מיך מאַכן פאַר איינעם פון אייערע אַפּאָס־טאָלן ! . . . — האָב איך אים צוריק אין שפּאַס געענטפערט.

אַש האָט זיך האַרציק צעלאַכט, אַ קלאַפּ געטאָן מיר גוט־ברודע־ריש איבער דער פּלייצע און פאָטערלעך אַ זאָג געטאָן :

— גאַיט אַהיים, אייער יונג ווייבל וואַרט אויף אייך ! . . .

קאַפּיטל זיבעצן

# אַש רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ

עס איז געווען ווינטער־צייט, סוף 1936. אַש האָט דאָסמאָל געשריבן בײדע ווערק אויף אַמאָל: „דאָס געזאַנג פון טאָל" און „דער מאַן פון נצרת". דאָס ערשטע האָט ער געהאַלטן אין פאַרענדיקן און דאָס צווייטע אין אָנהויבן. אינצווישן פון די דאָזיקע צוויי ווערק האָט אַש אַריינגעכאַפּט אַ דערציילונג, אַן אַרטיקל, ווי „מן המצר", „סטאַלינס חלום" און אַנדערע. פאַר דעם אַרטיקל „סטאַלינס חלום" וואָלט מען אַשן אין רוסלאַנד קיין קניפּ אין בעקל נישט געגעבן, מ׳וואָלט אים גיכער געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער... דער דאָזיקער אַרטיקל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער אָנפאַל אויף דעם קאָמוניזם און איז געווען געדרוקט סיי אין „פאָרווערטס" און סיי אין „הײנט".

איך האָב נאָך כסדר געוואוינט מיט מיין פרוי אין דעם מעבלירטן אַפּאַרטמענט. אַש איז אָפטמאָל אַרויסגעקומען צו מיר און גענומען מיך צום ים באָדן אָדער שפּילן אין פּילקע. מיר פלעגן זייער אָפט שפּאַצירן איבער די גאַסן פון ניצע, אָדער אַרויסגיין הינטער דער שטאָט, אויף די בערג. נישט געקוקט דערויף, וואָס אַשס געדאַנקען זענען אין יענער צייט געווען פאַרנומען מיט צוויי באַדייטנדיקע ווערק אויף אַמאָל, האָט ער אויך אין זינען געהאַט זייטיקע זאַכן, און טאָקע איינמאָל, בעתן שפּאַצירן איבער דער גאַס, שטעלט זיך אַש פּלוצים אָפּ און גיט צו מיר אַ מאַך מיט אַ טאָן פון מוסר:

— וואָס פאַר אַ טאַטע זענט איר, אַז איר זאָרגט גאָרנישט וועגן אַ דירה פאַר דער פאַמיליע, נאָר איר וואוינט נאָך אַלץ אין דעם מעבלירטן אַפּאַרטמענט?

איך האָב אים אָנגעקוקט מיט חידוש: וואָס פאַר אַ טאַטע בין איך אים מיטאַמאָל שוין געוואָרן!...

ער פאַרריכט זיך:

— נו, וועט איר אין קורצן ווערן אַ טאַטע!...

ענטפער איך אים גאַנץ פשוט:

— איך האָב נישט קיין געלט אויף איינצוקויפן מעבל.

— איר האָט דאָך אַ ראַאַכן שווער! — קוקט ער מיך אָן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק.

— איך האָב טאַקע אַ רייכן שווער, אָבער מען קאָן פון פוילן נישט אַרויסשיקן קיין וואַליוטע — האָב איך אים געענטפערט.

— וויפיל דאַרפט איר דען האָבן געלט אויף מעבל? — פרעגט מיך אַש.

איך האָב אים אָנגערופן אַ סומע פון אַרום צוויי טויזנט פראַנק.

— איך וועל אייך אונטערשרראַאַבן וועקסלען, גייט אַראַאָן און באַשטעלט מעבל און דינגט אַ לייטישע דירה!... — האָט אַש ערנסט אויסגערופן.

אַש איז טאַקע געווען גערעכט. איך בין אינמיטן פעברואַר פון 1937 געוואָרן אַ טאַטע, עס איז געבוירן געוואָרן ביי אונדז דער ערשטער זון, און אַדאַנק אַשן האָב איך נאָך מיט אַ חודש פריער געהאַט צוגעגרייט אַ גרויסאַרטיקע וואוינונג פון דריי צימערן, מיט אַ באַדצימער, און דאָס באַשטעלטע מעבל איז פאַרטיק געוואָרן צום טאָג, ווען איך האָב מיך געדאַרפט אַריינציען.

די וואוינונג איז געווען אין אַ הויז, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום צאַר ניקאָלאַי און האָט זיך געפונען אויף אַ גאַס מיט אַ רוסישן נאָמען: „בולוואַר צאַרעוויטש". אויף דער דאָזיקער גאַס איז גע־שטאַנען מיט אירע גרינע קופּאָלן אַ פּראַוואָסלאַווּנע צערקווע, און עס האָבן אויף דער דאָזיקער פּראַכטפולער, באַגרינטער גאַס געוואוינט כמעט לויטער רוסן, געוועזענע גענעראַלן, אַדמיראַלן, גראַפן, גובער־נאַטאָרן און צאַרישע הויפלייט.

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד: איך האָב געדאַרפט איבערפירן מיינע חפצים אין דער נייער וואוינונג, האָב איך געדונגען אַ רוס מיט אַ וועגעלע, וואָס ער אַליין, אַן איינגעשפּאַנטער דערין, האָט געשלעפּט. ער איז געווען אַן אַלטער, צעקנייטשטער מאַן און עס איז געווען אַ רחמנות אויף אים, האָב איך פון הינטן אונטערגעשטופּט דאָס וועגעלע, און אויפן וועג דערוויילֿ געכאַפּט מיט אים אַ שמועס.

איך האָב געוואָלט וויסן: ווער ער איז, ווי הייסט ער, מיט וואָס

האָט ער זיך באַשעפּטיקט אינדערהיים, אין רוסלאַנד. ער האָט אויס־געזען אַ טשיקאַווער טיפּ.

— מיין נאָמען איז נעמיראָוויטש דאַנטשענקאָ! — ענטפערט ער מיר און גיט דערביי מיט אַ קרעכץ אַ שטאַרקערן צי דאָס וועגעלע.

— נעמיראָוויטש דאַנטשענקאָ?!... — האָב איך אים איבער־געפרעגט — צי האָט איר עפּעס אַ שייכות מיט דעם באַרימטן דראַמאַ־טורג און טעאַטראַל מיטן זעלבן נאָמען?

— מיינער אַ געשוועסטערקינד!... — ענטפערט דער אַלטער — און איך אַליין האָב אויך געשריבן דערציילונגען, אַרטיקלען אין פאַר־שידענע זשורנאַלן...

עס האָט מיך פּשוט פאַרדראָסן: אַ קאַלעגע־שרייבער זאָל שלעפּן מיין באַגאַזש ווי אַ פּשוט פערדל!... איך האָב אים צוגעהאָלפן ציען דאָס וועגעלע, דערנאָך אים פּיין באַלוינט און ער האָט מיר געדאַנקט, אַראָפּציענדיק טיף ביז דער ערד דאָס היטל.

אַזעלכע „געוועזענע" האָב איך אין ניצע אָנגעטראָפן אויף טריט און שריט. אָט האָב איך אויף מיין גאַס געקויפט געבעקס ביים געוועזענעם קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער ציטאַדעל, אַ פּאָלקאָווניק: שפּייז־אַרטיקלען האָב איך געקויפט אויף בולוואַר גאַמבעטאַ ביי צוויי שותּפים, אַ גענעראַל און אַן אַדמיראַל, וועלכע האָבן זיך כּסדר אי־בערגערופן מיט זייערע טיטולן: „גענעראַל, גיב ראָזענבערגן אַ הע־רינג!" צי: „אַדמיראַל, פּאַק איין דעם צוקער מיט די טיי פאַר ראָ־זענבערגן!"...

ווי אויבן דערמאָנט, פלעג איך זייער אָפט שפּאַצירן מיט אַשן הינטער דער שטאָט. עס פלעגט אונדז שטענדיק אַנטקעגנקומען אַ קליין געפּאַקט גויעצל, וועלכער האָט אַרומגעפירט אַ בלינדן מאַן אויף אַ וועגעלע. דאָס דאָזיקע אומבאַקאַנטע קאָמישע מענטשל פלעגט זיך שטענדיק זייער נידעריק בוקן צו אַשן. אַש האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און ער פלעגט מיך שטענדיק פרעגן:

— ווער איז דאָס דאָזיקע פאַרזעעניש? וואָס בוקט ער זיך צו מיר אַזוי נידעריק?

ביז איינמאָל האָב איך דאָס דאָזיקע גויעצל אָנגעטראָפן איינעם אַליין און איך האָב מיך צו אים דערנעענטערט. עס איז מיר שוין אויך טשיקאַווע געוועזן צו דערוויסן זיך: ווער איז ער? וואָס איז ער? דאָס מענטשל האָט געעפנט פאַר מיר זיין פאַרביטערט האַרץ. איך האָב זיך דערוואוסט פון אים, אַז ער איז אַ צאַרישער קאַפּיטאַן, אַ געוועזענער געהילף־קאָמענדאַנט פון דער ברייסקער פעסטונג. איצט איז ער מוטלאָז און דערשלאָגן. ער גריסט זיך צו יעדן איינעם, וואָס

זעט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ גרויסער „באַרין". ער ווייסט נישט ווער שלום אַש איז, אָבער דער דאָזיקער שיין־געבויטער און הויכער „באַרין" מאַכט אויף אים אַן איינדרוק, דעריבער גריסט ער זיך צו אים. רעדנדיק אַזוי מיט דעם „געוועזענעם", גיסט ער אויס פאַר מיר דאָס האַרץ אויף זיין שווערער דאָליע.

וואָס אַשטייגער איז געווען זיין שווערע דאָליע?...

ער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, וואָס פאַר אַ סוף עס איז נעבעך געקומען אויף די צאַרישע אָפיצירן, אַז ער — אַ קאַפּיטאַן — זאָל דאַרפן אַרומפירן אַ בלינדן פאַרוטשיק!...

— אָן־זשע ניזשני טשין!... (ער איז דאָך פון אַ נידעריקערן ראַנג)...

מער האָט אים גאָרנישט געאַרט!...

ווען איך האָב דאָס שפּעטער דערציילט אַשן, האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט:

— ס'האָט זיי געטראָפן אַ גוטע בררה; אויף אַלע יידישע שונאים געזאָגט!

און איך האָב מיר געטראַכט: ווי דערלעבט מען שוין צו זען היטלערן אַרומפירן דעם לאַמען געבעלס אויף אַ וועגעלע!...

מיט דער צייט האָב איך באַקומען אַ גרעסערע סומע געלט פון מיין „רראַאַכן" שווער דורך אַ שווייצאַרישער באַנק און איך האָב מיר איינגעאָרדנט אַ דירה אין צאַר ניקאָלאַיס הויז מיטן גרעסטן קאָמפאָרט, אַזוי אַז ווען אַש איז איינמאָל אַרויפגעקומען צו אונדז צו גאַסט, האָט ער אַ פאַרבליפטער אויסגערופן:

— איר וואוינט דאָך שענער פון שלום אַשן!... זאָל איך אַזוי לעבן, ווי איך גאַי מיך שוין אַהער אַריבערציען!...

אַש האָט זיך נישט אַריבערגעצויגן צו מיר, פונקט ווי ער איז אין אָטוואָצק און אין צאָפּאָט (זע פריערדיקע קאַפּיטלען) נישט אַריבער־געקומען וואוינען אין מיין האָטעל...

איך האָב געהאַט אין מיין הויז גאָר וואַזשנע שכנים, לויטער פּולקאָווניקעס, גענעראַלן און אַדלליט. איינער אַ גראַף אָוואַראָוו, געוועזענער גובערנאַטאָר פון טאַמבאָוו, האָט זיך ספּעציעל געהאַלטן מיט מיר פריינטלעך. דאָס איז געווען זייער אַן אינטעליגענטער על־טערער הער מיט ווייסע וואָנסעס, אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, מיט אַריסטאָקראַטישע מאַנירן. ער האָט ליב געהאַט מיט מיר צו רעדן נאָר דייטש, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז איך רעד אויך רוסיש. זיין פרוי איז געווען אַ הויפדאַמע ביי דער צאַריצע אַלעקסאַנדאַ פעדאָ־ראָוונאַ.

מיין קאָנסיערזש (סטרודש), אַ איטאַליענער, האָט מיר איבער־געגעבן, אַז ווען ער איז איינמאָל אַרויפגעקומען צום גענעראַל אומ־געריכט, האָט ער אים געטראָפן שטיין ביים שפיגל אויסגעסטראַיעט אין זיין גענעראַלסקן מונדיר מיט דעם רויטן אונטערשלאַק, מיט אַלע מעדאַלן אויף דער ברוסט. דער גראַף האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט, אָבער ער האָט דעם קאָנסיערזש פאַרזיכערט, אַז ער וועט גאָר בקרוב זיך אומקערן אַהיים, צו דער מוטערל רוסלאַנד, נאָכדעם ווי די באָל־שעוויקעס וועלן איינגעמען אַ מפלה, אין וואָס ער האָט הייליק גע־גלויבט.

צו „ראַזשדיעסטוואָ" (ווייַנאַכטן) האָב איך ביי דער צערקווע באַמערקט שטיין אַן אַלטן, ווייס־בערדיקן רוס מיט אַ היטל אין דער האַנט און בעטן נדבות. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ פיינעם איינדרוק מיט זיין הדרת־פנים. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דאָס איז דער געוועזענער צאַרישער אַמבאַסאַדאָר קיין פראַנקרייך.

אַלס אַ באַפּוצונג צו דער דאָזיקער רוסישער סביבה מוז איך נאָך צוגעבן אַ פּאָר יידישע „ראַזשינקעס": דעם אַלטן יידיש־רוסישן אַדוואָקאַט אָסקאַר גרוזענבערג, דעם פאַרטיידיקער פון מענדל בייליס, וועמען איך פלעג אָפט טרעפן שפּאַצירן מיט זיין כאַראַקטעריסטישן ווייסן בערדעלע אין שטאָטישן גאָרטן אויף בולוואַר גאַמבעטאַ; ער איז געווען אַ קנאַפּ באַרעדעוודיקער, און וויפיל מאָל איך האָב געוואָלט מיט אים פאַרבונדן אַ שמועס וועגן די אַמאָליקע צייטן, האָט ער אויס־געמיטן. ער האָט אויסגעזעצן צו זיין פאַרביטערט. דער צווייטער איז געווען דער איינציקער יידישער ריכטער אין צאַרישן רוסלאַנד, דער אַלטיטשקער יעקב טייטעל, וועלכער איז אין דעם זעלבן שטאָטישן גאָרטן שטענדיק געזעסן אַליין און געוואַרימט זיך אויף דער זון.

אָט אין אַזאַ קאַלירפולער סביבה, מיט שלום אַש אין דער שפּיץ, האָב איך געלעבט אין ניצע, אויף דער פרעכטיקער פראַנצויזישער ריוויערע. איך בין שוין געווען דאַמאָלס אַ טאַטע פון מיין ערשטן זון, און שלום אַש איז גערעכט געווען, וואָס ער האָט מיך אונטערגעיאָגט צו דינגען אַ וואוינונג און לעבן ווי אַ מענטש...

אין יענער צייט האָט שלום אַש דורכגעמאַכט שווערע טעג. ער איז כסדר געווען אויפגערעגט און דערצערנט. עס האָבן זיך געמערט אויף אים אָנפאַלן מצד טייל יידישע שרייבער, און קיין אויסריידן אָנצופאַלן אויף שלום אַשן האָבן קיינמאָל נישט אויסגעפעלט. מען האָט זיך געטשעפּעט צו אים פאַר יעדער קליייניקייט (פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז נאָך געווען קודם „מתן נוצרי"... ער האָט שוין טאַקע געשריבן דעם „מאַן פון נצרת", אָבער די וועלט האָט נאָך דערפון

נישט געוואוסט). און געטשעפעט האָט מען זיך צו אַלצדינג: אַש קאָן נישט אָנשרייבן קיין ריכטיק יידישן זאַץ (גלייך די אָנפאַלער אַליין וואָלטן יאָ געקאָנט!), ער מאַכט גראַמאַטישע פעלערן, ער ווייסט נישט וואו אָוועקצושטעלן די געהעריקע פונקטואַציע, און אַזוי ווייטער...

איך האָב אַשן געטרייסט און דערציילט אים: איך בין אין וואַרשע געוועזן — איידער איך בין אָנגעקומען צו אים אַלס סעקרעטאַר — אַ קאָרעקטאָר פאַר פאַרשידענע פאַרלאַגן; די פאַרלאַגן האָבן מיר אויך איבערגעגעבן מאַנוסקריפטן פון אַ סך יידישע שרייבער צום רעדאַגירן. האָב איך אַשן פאַרזיכערט און איך חזר עס אויך איצט איבער מיט דער פולסטער אחריות: גאָר אַ גרויסער פּראָצענט פון יידישע שרייבער האָבן נישט געקאָנט אָנשרייבן קיין ריכטיקן יידישן זאַץ און מ׳האָט זיי געמוזט גוט רעדאַגירן, שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז זיי האָבן נישט געוואוסט וואו ריכטיק אָוועקצושטעלן אַ פּינטעלע, אַ קאָמאַ אָדער אַן אַנדערן פונקטואַציע־צייכן. די זעלבע שרייבער האָבן אָבער אַשן קריטיקירט. מען האָט זיך צו אַשן אויך געטשעפעט, הלמאי אויף זיינע ביכער אין דער דייטשער און ענגלישער איבערזעצונג און אויך אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג איז נישט אָנגעגעבן: „איבערגעזעצט פון יידיש!״...

עס האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטשריפטן פון די דאָזיקע „מגיני שפת יידיש״ און מ׳האָט אַשן שטאַרק אַטאַקירט. אַזוי אַז ש. ניגער האָט אַזש אין „טאָג״ (12־טער יוני, 1937) דערויף רעאַגירט און צווישן אַנדערן געשריבן: „די אַטאַקעס אויף אַשן זענען שוין צו ווילד, צו הפקרדיק״...

מיר האָבן זייער פיל איבערגערעדט דערפון און עס איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז אַש זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנשרייבן אַ גרויסן און ווירדיקן ענטפער די דאָזיקע קריטיקער און אָנפאַלער. עס איז אויך באַשטימט געוואָרן, אַז דער אַרטיקל זאָל טראָגן דעם נאָמען: „אַראָפּגערעדט פון האַרץ״...

אַש האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. איך געדענק, ווי מאָדזשע איז געקומען צו מיר אַפּעלירן, איך זאָל זען, אַז דער אַרטיקל זאָל אַרויסקומען עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס! איך בין כמעט געווען דער איניציאַטאָר, אַז שלום אַש זאָל דעם דאָזיקן אַרטיקל אָנשרייבן און איך האָב אים צוגעהאָלפן מיט פאַרשידענע אידעען, פאַררעכטן דעם כתב־יד, איבערגעשריבן אים עטלעכע מאָל, ביז עס איז אַרויס־געקומען דער גרויסער אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין וואַר־שעווער „היינט״ דעם 23־טן אַפּריל, 1937 (אין „פאָרווערטס״ ווייס איך נישט, צי דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט).

**עס וועט זיין זייער אינטערעסאַנט אַריינצונעמען איך מיין בוך — כדי עס זאָל בלייבן צווישן צוויי טאָוולען — געוויסע שטעלן פון דעם דאָזיקן פּרעכטיקן און גערעכטיקן אַרטיקל:**

„נישט דאָ איז דאָס אָרט און עס איז נאָך נישט געקומען די צייט איבערצוגעבן די אמתע סיבה פון מיין פאַרלאָזן וואַרשע און אַוועק קיין אויסלאַנד (פאַר וועלכן איך דאַנק זיי איצט).

„ווען איך וואָלט געהאַרכט די דרינגנדיקע און אָפּטמאָל דראָענדיקע עצות פון מיינע ,פאַרערער', וואָלט נישט נאָר די טרילאָגיע, נאָר אַפילו אַזעלכע ווערק, ווי ,קידוש השם' און ,די כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליע' נישט געשאַפן געוואָרן, שוין אָפּגערעדט פון ,גאָט פון נקמה', וואָס איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מיר ערנסט געראָטן, נאָכן פאַרלייענען אים, עס צו פאַרברענען.

„אַ יידישע ליטעראַרישע וואָכנשריפט, אַרויסגעגעבן פון דער ,סמעטענע' פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור און רעדאַגירט פון אַ ,קדוש', האָט געהאַט דעם טרויעריקן מוט מיך צו ,באַגריסן' צו מיין צוריקקומען קיין אַמעריקע מיט דער פאַלגענדיקער פראַגע: ,נאָך וואָס איז אַש צוריקגעקומען קיין אַמעריקע? ווער באַדאַרף אים דאָ? ווער איז ער? וואָס האָט ער געשאַפן?' גלייך אַמעריקע וואָלט באַלאַנגט נאָר צו זיי אַליין! די טרילאָגיע איז נאָך דאַמאָלס נישט געהאַט אַרויסגעגאַנגען אין ענגליש (**דאָ גיט אַש אָנצוגעהערן, אַז ווען זיין טרילאָגיע איז אַרויס אויף ענגליש, האָט מען געקריגן פאַר אים מער דרך ארץ**)...

„איך ווייס, אַז מיין ,פאַרענטפערן' זיך וועט גאָרנישט העלפן. עס איז געוואָרן אויף מיר אַרויסגעגעבן אַ פסק־דין: ,להשמיד ולהרוג'! מען קאָן זיך נעבעך נישט קיין עצה געבן מיט מיין ביסעלע טאַלאַנט, דאַרף מען עס פסלענען מיט מ״ט שערי טומאה...."

**מ'האָט באַשולדיקט אַשן אין דריי הויפּט־פּונקטן:**

**1) ער האָט באַליידיקט יידיש אין ארץ ישראל, און דער יאָר־עדות איז געווען דוד פּינסקי (טענהט ישלום אַש, אַז פּינסקי איז דאַמאָלס גאָרנישט געווען אין ארץ ישראל און ווען ער האָט אים אויפגעפאָדערט, אַז ער זאָל דאָס זעלבע עפנטלעך דערקלערן, האָט ער געשוויגן).**

2) אויף זיינע ענגלישע און דייטשישע איבערזעצונגען איז נישט אנגעגעבן, אַז זיי זענען פון יידיש.

3) אַז ער פאַרנאַכלעסיקט די שפּראַך און ער באַגייט גראַמאַטי־קאַלישע און סטיליסטישע פעלערן.

די באַשולדיקונג נומער איינס לייקנט אַש אַנטשידן אָפּ. ער זאָגט, אַז ער האָט זיך מיט אַ צייט שפּעטער באַגעגנט מיט פּינסקין אין זשענעווע, האָט יענער וועגן דעם מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט. אַש דריקט זיך אויס וועגן בילבול נומער איינס: „עס איז שקר און רכילות!"

וועגן זיין שטעלונג צו יידיש און העברעאיש, דערקלערט אַש, אַז ער האָט ליב ביידע שפּראַכן; אַדאַנק העברעאיש האָט ער געקאָנט אריינקוקן אין די קליינע אותיותלעך און פון דאַנען באַזיצט ער זיין יידיש וויסן. ער זאָגט דערביי, אַז די העברעאיסטן זענען גאָר אויף אים און ביאַליקן אַנגעפאַלן, ווייל זיי האָבן ביידע גלייכצייטיק אַרויס־געזאָגט די מיינונג, אַז מען טאָר נישט צעררייסן דאָס יידישע פאָלק אויף צוויי פעלקער.

„ווען ווער פון אונדזערע קלאַסיקער — מענדעלע, שלום עליכם אָדער פּרץ — וואָלטן געהאַט דאָס אומגליק צו לעבן אין אונדזער הפקרותדיקער צייט, וואָלט מען זיי נישט יובילעאומס געפּראַוועט, נאָר פאַרשאָלטן און מיט שטיינער פאַרוואָרפן צוליב זייער שטעלונג, וואָס וואָלט געווען ענלעך צו מיינער".

די באַשולדיקונג נומער צוויי, פאַרוואָס עס ווערט נישט אָנגעגעבן אויף אַשס איבערזעצונגען אין דייטש, אַז זיי זענען פון יידישן אָריגינאַל, ענטפערט אַש, אַז דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. עס איז באַקאַנט אין דער וועלט, אַז שלום אַש שרייבט אויף יידיש, פּונקט ווי גאַלסוואָרטי און וועלס שרייבן אויף ענגליש, און אין זייערע דייטשע איבערזעצונגען ווערט אויך נישט אָנגעגעבן, אַז זיי זענען פון ענגליש, וואָרים די וועלט ווייסט, ווער גאַלסוואָרטי און וועלס זענען!...

אַש דערציילט דערביי, ווי ער האָט געמאַכט אַ סקאַנדאַל דעם פּראָנצויזישן פאַרלעגער גראַסעי, פאַרוואָס ער האָט אויף זיין בוך פון דער טרילאָגיע, „פּעטערבורג", אָנגעגעבן, אַז עס איז פון דייטש. וואָס דאָס איז, אייגנטלעך, אמת געווען; עס איז קיין איבערזעצער פון יידיש אויף פראַנצויזיש נישט געווען בנמצא, האָט מען דאָס בוך געמוזט מאַכן פון דער דייטשער איבערזעצונג...

אַש גיט איבער, ווי אַן אַמעריקאַנער פאַרלעגער, אַגב אַ ייד, האָט נישט געוואָלט אָנגעבן דעם פולן נאָמען „שלום אַש", נאָר „ש. אַש".

ער האָט מורא געהאַט, אַז „שלום" וועט אים קאַליע מאַכן די ביזנעס... האָט ער, אַש, נישט געוואָלט ביי אים אַרויסגעבן די ביכער זיינע. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען אַשס טרילאָגיע איז אַרויס אויף ענגליש ביי פּוטנאַמס און טאַקע מיטן פולן נאָמען זיינעם „שלום אַש" און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, האָט ער דערמיט דורכגעבראָכן דעם וועג פאַר אַנדערע יידישע שרייבער.

וועגן דער באַשולדיקונג נומער דריי, אַז ער מאַכט גראַמאַטיקאַלישע פעלערן אין יידיש, שרייבט אַש, אַז אויב דער יידיש פון די פילאָלאָגן הייסט יידיש, איז זיין יידיש טערקיש!... ער לאַכט־אָפּ פון זייער מעטאָדע צו דערוויטערן דעם יידיש פון דייטש; זיי דערוויטערן אים שוין אַזוי וויט, אַז די שפּראַך ווערט אומפאַרשטענדלעך. אויב אַ שרייבער קומט מיט זיין יידיש, וואָס ער האָט געלערנט ביי דער מאַמען, איז דאָס דער אמתער יידיש.

„אויב עס שטייט מיר פאָר: אָדער אָפּצוהיטן די טהרת הלשון פון יידיש, אָדער אַרויסברענגען מיינע געדאַנקען און בילדער, ווי איך זע און פיל זיי — בין איך שטענדיק מפקיר די שפּראַך. איך בין זיך דערין מודה! (זע קאַפּיטל דרייצן, „אַש שרייבט דעם ראָמאַן ,ביים אָפּגרונט'", זייט 175, וואָס יצחק באַשעוויס זאָגט וועגן דעם — ש. ר.).

„מאַסגעבנדיק איז פאַר מיר מיין מוטערס זאָל לעבן (זי האָט נאָך דאַמאָלס געלעבט — ש. ר.). יעדעס וואָרט, וואָס די באַנוצט, איז ביי מיר יידיש בקדושה ובטהרה.

„שלום עליכם האָט שוין אַרויסגעגעבן איין גרויסן חוק: ,יידיש — האָט ער געזאָגט — איז דאָס בעסטע לשון. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל מען פאַרשטייט יעדעס וואָרט'.

„איך האָב אָפּטמאָל געזאָגט און איך חזר עס איבער נאָכ־אַמאָל: דער ערשטער חוב פון אַ שריפטשטעלער איז — צו געבן זיך אַליין, אַפילו ווען עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז ער וועט זיך דורך דעם לעכערלעך מאַכן. זייט ליבערשט לעכערלעך און ערלעך, איידער קלוג און פאַלש!

„גאָט האָט מיט דער קונסט געטאָן דעם חסד, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט איבערגעגעבן דעם דור פון דער צייט, אין וועלכן דער קינסטלער לעבט, צו באַשטימען זיין אָרט אין דער אומ־שטערבלעכקייט. יעדער גרויסער קינסטלער איז כמעט פאַרשוויגן און אויסגעלאַכט געוואָרן אין זיין צייט, אַפילו געראָדפט גע־וואָרן פון דיינע צייט־גענאָסן. עס האָט געדויערט הונדערט יאָר

נאָך דעם טויט פון רעמבראַנדט, ביז די וועלט זאָל זיך דער־וויסן אַז דאָס קליינע האָלאַנד, וואָס האָט דעם קינסטלער גע־לאָזט פאַרהונגערן ביי זיין לעבן, האָט אַרויסגעגעבן דעם גרעסטן מייסטער פון אַלע צייטן אין דער מאָלערישער קונסט. איך גלייך זיך נישט צו רעמבראַנדטן, און נישט וועגן אומשטערבלעכקייט גייט דאָ — דאָס וועלן מיר איבערלאָזן פאַר די שפּעטערדיקע דורות צו באַשטימען. נישט אַלץ, אויף וואָס דער איצטיקער דור שרייט „קדוש", בלייבט איבער קדוש פאַרן קומענדיקן דור".

אַש פירט אויס, אַז אויך אַ שרייבער איז אַ מענטש און ווען מען באַליידיקט אים, טוט אים ווי און אַז מען טוט אים עוולות, פילט ער זיי, און אַז מען פאַרוועבט אַרום אים אַ נעץ פון רכילות, כדי אים צו פאַרמיאוסן און איזאָלירן אים פון לייענער, איז עס אַ גע־מיינער, נידערטרעכטיקער פאַרברעכן!

דער אַרטיקל „אַראָפּגערעדט פון האַרץ" איז געווען געדרוקט אין צוויי גרויסע פאַרזעצונגען; איך האָב בלויז אַרויסגענומען דעם עסענץ פון דעם אַרטיקל, כדי צו ווייזן, ווי אומגערעכט מען איז געווען צו אַשן גוון ווי עס האָט אים וויי געטאָן די דאָזיקע באַגאַנגענע אומ־גערעכטיקייט.

ס'איז אינטערעסאַנט דאָ צוצוגעבן אַ כאַראַקטעריסטישן איבעררייד צווישן מיר און אַשן אין יענע טעג.

אין זיין גרויסן כעס אויף די יידישע שרייבער צוליב זייערע אָנפאַלן אויף אים, אַז ער קען נישט קיין יידיש, האָט ער מיט פאַר־ביטערטקייט איינמאָל אויסגערופן:

„איך וועל אינגאַנצן אויפהערן צו שרייבן אויף יידיש!"

איז מיר נישט געפעלן געוואָרן זיין וואָרפן אַ גט צו די פיס פון דער יידישער שפּראַך, און איך האָב זיך צו אים איראָניש אָפּגערופן:

„שלום אַש, אויף וואָס דען פאַר אַ שפּראַך וועט איר אָנהויבן שרייבן?"...

ער האָט פאַרשטאַנען מיין שטאָך. ער האָט מיך אַ מעסט־אָפּ געטאָן מיט זיין פאַרטרוימטן בליק און ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

אין חודש מערץ, 1937, איז שלום אַש געפאָרן קיין אַמעריקע צום פערציקסטן יובילעי פון „פאַרווערטס" און ער איז ערשט צוריקגעקומען סוף חודש יוני. איך האָב דערווייל געהאַט אַ ביסל אַרבעט ביים אויס־בעסערן דעם ערשטן טייל פון „מאַן פון נצרת" און איבערשרייבן דעם כתב־יד אויף ריין. איך האָב אָבער אויך געהאַט גענוג צייט אויף אַרומצושפּאַצירן, און אַזוי ווי איך בין געוואָרן אַ גרעסערער בעל־

הוצאה (אַ טאַטע פון אַ קינד), האָב איך געזוכט אַ צוגאָב־אַרבעט, וואָס האָט זיך מיר טאַקע דורך אַ צופאַל געמאַכט.

אין ניצע האָט געוואוינט אַ ברודער פון דעם באַרימטן באָלשע־וויסטישן קאָמיסאַר סאָלאָמאָן לאָזאָווסקי (דערשאָסן געוואָרן דורך סטאַלינען). זיין נאָמען איז געווען דרידזאָ (דאָס איז אויך געווען לאָזאָווסקיס אמתער נאָמען). אויך דרידזאָ איז אין רוסלאַנד געווען אַ שטיקל צייט עפּעס אַ קאָמיסאַר, אָבער עס איז אים געלונגען אַרויסצוכאַפּן זיך פון קאָמיסאַרישן גן־עדן, און אין ניצע איז ער גאָר געווען אַן אָנגעזעענער ציוניסט און העברעאיסט. דאָס איז געווען אַ הויך־געוויקסיקער ייִד, מיט אַ ברייטלעכער ייִדישער באָרד, אַ הדרת־פּנים. איז אָט דעם דאָזיקן דרידזאָן געפעלן געוואָרן, אַז איך זאָל ווערן דער העברעאישער לערער פון זיין מיידעלע, און ער האָט שוין צוליב דעם צונויפגעקלאַפּט אַ גרופּע קינדער, יינגלעך און מיידלעך און מ'האָט פאַרלייגט אין דער ניצער אשכנזישער שול אַ מין בית ספר עברי. און דרידזאָ, דער געוועזענער באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר, איז געוואָרן מיין „באָס". פון אים האָב איך געקריגן דעם געהאַלט פאַר לערנען העברעאיש מיט די קינדער.

אין ניצע האָט זיך אויך אַרומגעפּאַרעט מאַקסים ליטווינאָווס אַ ברודער, אַ געוויסער וואָלאַך, וועלכער איז געווען אַ פּשוטער וואַליוטע־הענדלער און ער האָט נישט צו שטאַרק געהאַלטן פון זיין באַרימטן ברודער, דעם סאָוועטישן דיפּלאָמאַט; און אַפּנים, אַז מאַקסים ליטווינאָוו איז אויך נישט געווען צופיל באַגייסטערט פון זיין ברודער, דעם וואַליוטע־הענדלער...

איז אָט אין דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער סביבה האָב איך געלעבט אין ניצע אין זומער, 1937, ווען אַש האָט געשריבן זיין „מאַן פון נצרת".

קאַפּיטל אַכצן

# דער מאַן, וואָס איז געווען דערביי

אַזוי האָט אָריגינעל געזאָלט הייסן דאָס זוערק, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגערופן אין דער יידישער וועלט אַזאַ גרויסן שטורם און אומגעווײנלעכן אויפברויז קעגן שלום אַשן און וואָס איז איצטער באַקאַנט אונטערן נאָמען: „דער מאַן פון נצרת".

שלום אַש האָט מיט מיר זייער פיל גערעדט וועגן דעם דאָזיקן ווערק, איידער ער האָט עס אָנגעהויבן שרייבן און בעתן פּראָצעס פון שרייבן גופא. ווען אַש האָט געאַרבעט איבער דעם ווערק „דער מאַן פון נצרת", האָט ער אינגאַנצן געגליט פון עקסטאַז, ווי דער שטייגער ביי אַשן, וועלכער נעמט זיך שטענדיק איבער מיט זיינע ווערק, וואָס ער שרייבט אין געגעבענעם מאָמענט.

אַט האָט אַש נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט זיין „געזאַנג פון טאָל", אַן אמת געזאַנג צום אַלט־נייעם יידישן לאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוריק אויפבויען, און ער האָט אין יעדן וואָרט פון דעם דאָזיקן גראַנדיעזן שירה־בוך אַריינגעהויכט קדושה און פאַרערונג צו זיינע בויער, צו די דורך אים פאַרהייליקטע העלדן; און אַט שפּאַצירט מיט מיר שלום אַש אין איינעם אַ הערלעכן ריוויערע־פרימאָרגן, און מסתמא זייענדיק אונטערן איינדרוק פון זיינע נאָר־וואָס געשילדערטע קאָרופּטירטע כהנים אין דעם נייעם בוך פון דער קריסטוס־עפּאָכע, גיט ער צו מיר אַ זאָג:

— מען דאַרף נישט האָבן קיין יידיש לאַנד, עס וועט ווידער אַזוי זיין!...

און די געשטאַלטן פון יענע קאָרופּטירטע כהנים, וועלכע האָבן נאָכגעמאַלפּעוועט די רוימער סיי אין דער קליידונג, סיי אין דער שפּראַך, און די יונגע זין פון כהן גדול חנן בן חנן, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַרבאָרגן אין זייערע צימערן די רוימישע געצן, האָט אַש געשילדערט אַזוי מייסטערהאַפט און לעבעדיק, אַז מען האָט געקאָנט אַריינפאַלן אין צאָרן קעגן זיי. איך האָב דעריבער אָן איבעריקע רייד פאַרשטאַנען אַשס איצטיק געמיט און זיין כעס.

איך האָב אויף אַשס דאָזיקע באַמערקונג גאָרנישט געענטפערט, ווייל איך האָב אים שוין צו גוט געקענט און איך האָב געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר ביי אים אין מוח. ער לעבט איצט נישט אין דער היינטיקער צייט, נאָר ער איז אַריבערגעטראָגן אין דעם אַנטיקן ירושלים. ער איז איצט „יוחנן", ווי דער פאַן וויאַדאָמסקי האָט אים פלוצים אָנגעהויבן רופן...

ביי אַשן האָט נישט איינמאָל פּאַסירט, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן קעגנזעצלעכע מיינונגען און געדאַנקען אין משך פון גאָר אַ קורצן צייט־דיסטאַנס. אָט גייט ער מיט מיר אַנומלט (אין דער צייט, וואָס ער האָט געשריבן דעם „מאַן פון נצרת") און ער שליידערט פלאַם־פייערדיקע רייד קעגן די באָלשעוויקעס, קעגן די יידישע קאָמוניסטן אין מאָסקווע. ער דערציילט מיר, ווי אַזוי ער האָט רעאַגירט אויף משה ליטוואַקאָווס מוסר־זאָגן און ווי ער האָט אַ זעץ געטאָן איין טיש און געמאַכט זיין באַרימטן אויסרוף: „איך פייף אויף אייך!" דערביי גיט ער מיר אַ זאָג, כדי רעכטצופאַרטיקן זיין כעס קעגן די יעווסעקעס:

— איך געדענק גוט אָן עוולה, וואָס ווערט קעגן מיר באַגאַנגען; איך פאַרגעס נישט קיין עוולות!...

און מיט אַ קנאַפּע שעה שפּעטער אָדער נאָך ווינציקער, בעת דעם זעלבן שפּאַציר אין די בערג אַ פאַרטראַכטער, גיט ער זיך פלוצים און אומגעריכט אַ ווענד צו מיר: „אַ מצווה אויף אים, וואָס סטאַלין האָט אים פאַרטריבן פון רוסלאַנד!... וואָס הייסט, ער שטעלט זיך אַקעגן דער לעגאַלער מאַכט?!"...

ווען איך האָב אים איבערגעפרעגט, וועמען ער מיינט דאָס מיט „אַ מצווה אויף אים"?

ענטפערט ער מיר ווי קיינמאָל גאָרנישט, ווי ער וואָלט דאָ ערשט נישט לאַנג נישט געהאַט אויסגעלאָזט כל חמתו אויף די באָלשעוויקעס און אויף סטאַלינען: „נו, דעם פאַסקודנעם יידל, דעם לעאָן טראָצ־קי!"...

אין יענע טעג האָט אַש גראַד, צווישן איין קאַפּיטל פון „מאַן פון נצרת" און אַ צווייטן קאַפּיטל, דערווייל אָנגעשריבן אַ ביטערן פאַמפלעט

קעגן סטאַלינען, א. נ. „סטאַלינס חלום״, וואָס איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס״ און אין „היינט״ (אָרום 1938).

דעריבער, קענענדיק אַזוי גוט אַשן און זיינע פאַרשידנאַרטיקע געמיט־צושטאַנדן, האָב איך נישט איינמאָל אין פאַרלויף פון מיין שרייבן דאָס דאָזיקע בוך באַטאָנט, אַז עס האָבן געטאָן אַ גרויסע עוולה די יידישע פּאָליטישע פאַרטיי־פירער, אַזוי פון „בונד״ און אַזוי פון די ציוניסטן, ווען זיי האָבן גענומען ערנסט אַשס אַרויסטרעטונגען אַמאָל קעגן איינער און אַמאָל קעגן דער צווייטער פאַרטיי, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן ביי ביידן בייז בלוט, און די דאָזיקע צווי פאַרטייען האָבן אין פאַרשידענע צייטן געפירט ברוגזן מיט שלום אַשן. אָט אַזוי איז אַש געווען און אָט אַזוי האָט מען אים געדאַרפט נעמען. שלום אַש איז געווען בלויז אַ גרויסער קינסטלער און בשום אופן נישט קיין פּאָליטיקער... דערפון איז געדרונגען, אַז מען דאַרף אויך נעמען מיט אַ קאַפּעלע זאַלץ אַלע זיינע שטורם־אַרויסרופנדיקע אינטערוויוען און זאָגעכצן, וואָס ער האָט אין אַ מאָמענט פון אויפגערייצטקייט אַרויס־געשאָסן פון זיך...

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו זיין „מאַן פון נצרת״.

„מיט דער פּערזאָן פון פאַן וויאַדאָמסקי, וועלכער איז איצט אַ טיף־רעליגיעזער קאַטאָליק און ביטערער אַנטיסעמיט און וואָס אין ערשטן גילגול איז ער גאָר געווען דער הגמון אָדער כיליאַרך קאָרנעליוס, דער קאָמענדאַנט פון דער אַנטאָניא־פעסטונג אין ירושלים און דער פאַרבינדונגס־אָפיציר פון רוימישן פּראָקוראַטאָר אין יהודה, פּאָנטיוס פּילאַטוס, און וועלכער האָט אַליין מיט זיינע אייגענע הענט געקרייציקט ישו הנוצרי, וויל איך באַווייזן אויף ווי ווייט דאָס היינטיקע קריסטנטום איז אַוועק פון דעם אָריגינעלן קריסטלעכן, כמעט יידישן גלויבן!״ — האָט אַש פּיל־וויניק אין דעם זין צו מיר געזאָגט.

פאַן וויאַדאָמסקי איז עס דער מאַן, וואָס איז געווען דערביי, דאָס הייסט — ביי דער קרייציקונג פון יעזוס קריסטוס, און ער האָט אַליין אין דער דאָזיקער היגריכטונג אָנטיילגענומען. אין יענעם יידישן משיח האָט קאָרנעליוס־וויאַדאָמסקי נישט געגלויבט, וויל ער איז דאָך געווען יידיש, זוויניק־וואָס זיך אונטערשיידט פון די „יידעלעך״, וואָס האָבן געווימלט איבער די ענגע ירושלימער געסלעך און פאַרנומען זיך מיט טוישן געלט און וועלכע ער, דער נאָענטער מיטאַרבעטער פון פּאָנטיוס פּילאַטוס, האָט מיט דעם דאָזיקן פאַראַכטנדיקן נאָמען, „יידעלעך״, כסדר אָנגערופן.

אין היינטיקן קריסטנטום, וואָס איז מער געצנדינעריש ווי קריסט־לעך לויטן דאָמאָלסטיקן באַגריף, גלויבט פאַן וויאַדאָמסקי יאָ, עס איז

אים מער צום האַרצן, און בפרט אַז די גרויסע שנאה צו די „יידעלעך" איז ביי אים פאַרבליבן און די דאָזיקע שנאה ווערט דורך דער קריסט־לעכער רעליגיע קולטיווירט און איז אַפילו אַ טייל פון איר דאָגמע, וואָס הויפּטזעכלעך די קאַטוילישע גלחים פלאַנצן־איין אין זייערע גלויביקע שעפעלעך מיט זייערע פּרעדיקטן יעדן זונטיק פון די קירכע־אַמבאָנעס.

יענעם משיח, דעם „יידישן" משיח, האָט קאָרנעליוס־וויאַדאָמסקי מיט די אייגענע הענט געבראַכט אויפן קרייץ. און יענעם משיח האָט דער היינטיקער פרומער קריסט נישט געגלויבט...

האָט דעריבער שלום אַש געהאַט בדעה אַזוי אָנצורופן זיין גרויס ווערק וועגן ישו הנוצרי מיטן נאָמען: „דער מאַן, וואָס איז געווען דערביי"!... און עס בעט זיך שוין במילא דער זעלבסטפאַרשטענד־לעכער פאַרגלייך: נאָט און זעט, אָט אַזוי האָט אויסגעזען קאָרנעליוס־וויאַדאָמסקי דאַמאָלס, מיט אַ יאָר 1900 צוריק, און אָט אַזוי זעט ער אויס היינט, אין די צייטן פון פּזשיטיק, בריסק, לעמבערג און אַנדערע פּאָגראָמירטע יידישע שטעט אין פרום־קריסטלעכן פּוילן (ווען אַש האָט געשריבן, אין 1936, דעם „מאַן פון נצרת", האָבן דאָך נאָך נישט עקזיסטירט די פּוילישע שמאַלצאָווניקעס, וועלכע וואָלטן קריסטוסן, ווען ער קומט אַראָפּ אין געטאָ, אָן שום ספק איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ).

זאָגט דאָך טאַקע פאַן וויאַדאָמסקי צום יידישן יונגנמאַן, וועלכער איז אים געקומען אונטעררייכטן אין דער העברעאישער שפּראַך און אין וועמען ער „דערקענט" דעם אַמאָליקן יוחנן פון אַנטיקן ירושלים: „וויסטו, ווער איך בין? ווייסטו, ווער עס זיצט דאָ פאַר דיר? איך בין דער מאַן, וועלכער האָב אויסגעפירט די עקזעקוציע איבער יענער אומפאַרשטענדלעכער, ביזן היינטיקן טאָג נאָכנישט אויפגעקלערטער פּערזענלעכקייט אין ירושלים, אויפן באַפעל פון פּאָנטיוס פּילאַטוס, מיין באַפעל־געבער, לויטן משפּט פון כהן־גדול!" („מאַן פון נצרת", ערשטער טייל, ז' 34).

אינטערעסאַנט איז דער אָנהויב פון „מאַן פון נצרת", ווען אַש פירט אַריין אין איבער אַ צענדליק שורות דעם געדאַנק וועגן גלויבן אין גילגולים. ער וויל אַזוי אַרום זיך לייכטער מאַכן דאָס באַשרייבן זיין הויפּטהעלד וויאַדאָמסקי־קאָרנעליוס. עס וועט אָבער זיין מסתמא פאַר אַלעמען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווען איך וועל דאָ, צום ערשטן מאָל, דערציילן, אַז אין דעם אָריגינעלן מאַנוסקריפּט פון „מאַן פון נצרת" איז געווען אַ גאַר גרויסער אַריינפיר, אַ מין גאַנצער טראַקטאַט, וועגן דעם גלויבן אין גילגול. צוליב סיבות אָבער, וואָס

זענען מיר געבליבן אומבאַקאַנט — ווייל שלום אַש איז אין מאַי 1938, נאָכן פאַרענדיקן דעם צווייטן טייל פון דעם דאַזיקן ווערק, אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע — איז דער דאַזיקער אַריינפּיר אויסגעלאָזן געוואָרן סיי אין דער ענגלישער איבערזעצונג, וואָס איז פריער דערשינען פון דעם יידישן אָריגינאַל, און סיי אין דעם יידישן אָריגינאַל גופא.

עס וועט דעריבער זיין פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער געשיכטע איבערצוגעבן פּיל-ווייניק דעם אינהאַלט פון דער דאַזיקער פאַרהעלט־ניש-מעסיק גרעסערער פּאַרעדע, לויט ווי זי איז מיר פאַרבליבן אין זכרון.

וועלנדיק באַגרינדן דעם געדאַנק, אַז דער ענין גילגולים איז כמעט אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, דערציילט אַש עטלעכע ביישפּילן פון לעבן, וואָס דאַרפן באַשטעטיקן, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ מין זאַך ווי האָבן געלעבט אַמאָל אין אַן אַנדערן גילגול.

אַט דערציילט אַש, ווי ביי זיי אין קוטנע האָט געלעבט אַן אַלטער פּוילישער שוסטער. איז דער דאַזיקער שוסטער געווען אין אַלע הינזיכטן אַ גאַנץ נאָרמאַלער מענטש. ער האָט גערעדט צו דער זאַך און עס איז אים אַפילו געווען אינטערעסאַנט אויסצוהערן. ער האָט געהאַט אַ פאַמיליע, געווען אַ גוטער טאַטע צו זיינע קינדער, אַ געטרייער מאַן צו זיין ווייב. קורץ — אַ שוסטער ווי אַלע שוסטערס... אָבער צו איין זאַך האָט ער געהאַט אַ „שוואַכקייט": טאָמער האָט ער ביי זיך אין וואַרשטאַט דערהערט, אַז אויף דער גאַס מאַרשירט אַן אָפּ־טיילונג רוסישע סאָלדאַטן מיט מוזיק, האָט ער אַ וואָרף אַוועק געגעבן די דראַטווע, די קאָפּיטע, אויסגעטאָן דאָס אַרבעטס-פאַרטוך און איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס אַריין, אַוועקגעשטעלט זיך מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, ווי מיט אַ שווערד, אין פראַנט פון דער מאַרשירנדיקער מיליטערישער אָפּטיילונג; ער האָט אָנגעהויבן געבן קאָמאַנדעס, און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ מיטמאַרשירט ווי אַ גענעראַל ביי דער זייט פון זיינע זעלנער. דאָס פּנים האָט ביי אים אינגאַנצן געלויכטן.

די רוסישע אָפיצירן האָבן אים שוין געקענט, זיי האָבן געשמייכלט אין די וואָנסעס אַריין און האָבן דעם אָרימען שוסטער נישט געשטערט צו האָבן זיין פאַרגעניגן. זאָל ער, הייסט עס, אָנפירן מיט דער מאַר־שירנדיקער אָפּטיילונג וויפיל נאָר זיין האַרץ גלוסט זיך!...

שלום אַש טייטשט אויס דעם שוסטערס שוואַכקייט צו מיליטער מיט דעם, וואָס ער גלויבט, אַז דער דאַזיקער שוסטער איז אין זיין ערשטן גילגול מסתמא געווען אַ גענעראַל אין דער פּוילישער אַרמיי, און — ווי זאָגט אַש אין זיין שטיקל איבערגעבליבענער פאַררעדע: „עס טרעפט אָבער טיילמאָל, אַז דער שר של שכחה פאַרגעסט אויס־

צומעקן דאָס געדעכעניש פון דער אַנדערער וועלט אויס אַנדערע חושים, דענסטמאָל שוועבן אַרום רעשטן זכרונות פון אַ פאַרגאַנגענעם לעבן ווי אָפּגעריסענע וואָלקנס איבער די בערגלעך און טאָלן פון אונדזערע געהירן און וועבן זיך איין אין די געשעענישן פון אונדזערע הייַנטיקע טעג״...

דאָס זעלבע, מיינט אַש, איז אויך געשען מיט דעם קוטנער שוסטער.

אָבער גאָר אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע דערציילט אַש אין זיין צוויטן ביישפּיל: אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט אויף אַ תערוכה (אויסשטעלונג) אין בית־עם פון תל־אביב און איז, אויפן באַפעל פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, פאַרבאָטן געוואָרן צו פאַרשפּרייטן זי און בכלל צו שרייבן וועגן דעם.

און אָט איז די געשיכטע:

דאָס איז געווען אין זומער, 1936, ווען שלום אַש האָט געוויילט אין ארץ ישראל. עס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען די אויבנדערמאָנטע אויסשטעלונג (איך קאָן מיך נישט דערמאָנען וואָס פאַר אַן אויס־שטעלונג), און צווישן די פיל איינגעלאַדענע געסט איז אויך געווען דער בריטישער הויכקאָמיסאַר, סער אַרטור וואוקאָפּ.

ווען עס איז צוגעטיילט געוואָרן דעם הויכקאָמיסאַר וואוקאָפּ דער כבוד צו דערעפענען די אויסשטעלונג מיט אַ רעדע און ער האָט זיך שוין געהאַט אָוועקגעשטעלט ביי דער טריבונע, איז פּלוצלינג פון צווישן עולם אַרויסגעשפּרונגען אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, ער איז אַרויף אויף דער עסטראַדע און, אַ שאַר אָוועק טוענדיק מיט דער האַנט דעם הויכקאָמיסאַר, האָט ער אָנגעהויבן אויף זיין פּלאַץ צו רעדן בזה הלשון:

„איך, פּאָנטיוס פּילאַטוס, דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פון יהודה״...

פאַרשטייט זיך, אַז כהרף־עין איז די אָנוועזנדיקע פּאָליציי אַרויף אויף דער בינע און האָט באַזייטיקט דעם אומבאַקאַנטן יונגנמאַן. וואָס מיט דעם יונגנמאַן איז געוואָרן — צי מ׳האָט אים איינגעזעצט אין תפיסה, צי מ׳האָט אים אָפּגעפירט אין אַ משוגעים־הויז — דאָס האָט מען נישט געוואוסט און מ׳ווייסט עד היום נישט, און עס איז נישט וויכטיק...

אָבער שלום אַש קומט צום אויספיר, אַז ס׳איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ משוגענער! אָט דער דאָזיקער יונגערמאַן, פּונקט ווי דער קוטנער שוסטער, האָט געלעבט אַמאָל אין אַן ערשטן גילגול, און דאַמאָלס,

אין דעם ערשטן גילגול, איז ער טאַקע געווען דער רוימישער פּראָקו־ראַטאָר אין יהודה, פּאָנטיוס פּילאַטוס...

נאָך דעם דאָזיקן היבשן אַריינפיר הויבט אַש אָן זיין ראָמאַן און ער פירט אַרויף אויף דער סצענע דעם פּאַן וויאַדאָמסקי, וועלכער איז אין ערשטן גילגול געווען דער הגמון (ווי די יידן האָבן אים גערופן. ער אַליין טיטולירט זיך: כיליאַרך) קאָרנעליוס, דער אַדיוטאַנט פון פּאָנטיוס פּילאַטוס, און אַט אויף דעם אופן אַנטוויקלט זיך דער וויי־טערדיקער גאַנג פון דעם ריזיקן ווערק, „דער מאַן פון נצרת״.

אַש האָט אָנגעהויבן שרייבן דעם „מאַן פון נצרת״ אין ווינטער, 1936, ווען ער האָט קוים באַוויזן צו פאַרענדיקן „דאָס געזאַנג פון טאָל״, און אפשר נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט דאָס ארץ ישראל ווערק. ער האָט דעם ישו הנוצרי ראָמאַן ווייטער געשריבן איבער די יאָרן 1937 און 1938, איבעררייסנדיק דאָס שרייבן בלויז אין פרילינג, 1937, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, ווי שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, צו דער פייערונג פון דעם פערציק־יעריקן יובילעי פון „פאָרווערטס״. צוריקקומענדיק פון אַמעריקע אָנהויב חודש יולי, 1937, איז אַש באַלד אַוועקגעפאָרן אויף וואַקאַציע קיין באַד־גאַס־טיין, עסטרייך און איך בין אָפּגעפאָרן אויף וואַקאַציע קיין פּוילן.

צוריקקומענדיק אין האַרבסט, 1937, פון באַד־גאַסטיין, האָט אַש פאַרגעזעצט דאָס שרייבן פון דעם ישו־ווערק במשך דעם ווינטער פון זעלבן יאָר און אַריינאַרבעטנדיק ביז פרילינג, 1938, ווען ער האָט פאַרענדיקט די ערשטע צוויי טיילן.

אין חודש מאַי, 1938, איז שלום אַש מיט מאַדזשען אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געזאָלט דורכגיין אַ געוויסע אָפּעראַציע און ער האָט געפּלאַנט צוריקצוקומען אין חודש אָקטאָבער. אין יענער צייט איז אָבער אונטערגעשריבן געוואָרן דער טרויעריק־באַרימטער מינכענער פּאַקט מיט היטלערן, ימח שמו; אַש האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע און איז שוין מער קיין ניצע נישט צוריק־געקומען.

אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל וועט זיין מער פּאַסיק צו פאַרענדיקן מיטן דערציילן וועגן דעם ערשטן קאָנפליקט צווישן אַש און אַב. קאַהאַן אין צוזאַמענהאַנג מיטן „מאַן פון נצרת״. דאָס איז פאָרגעקומען אַרום חודש מערץ, 1938.

קיין צו גרויסע ליבע צווישן שלום אַשן און אַב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, האָט שוין לאַנג נישט געהערשט און האָט זיך דאַטירט שוין פון פריערדיקע צייטן. אַש האָט קאַהאַנען נישט

געקאַנט פאַרגעסן דעם אינצידענט מיט „קידוש השם", וואָס קאַהאַן האָט געהאַט אָפּגעשטעלט און נישט געוואָלט ווייטער דרוקן, טענהנדיק, אַז „קידוש השם" איז אַ שמאַטע, אַ שונד־ראָמאַן... מיטאַמאָל איז אַב. קאַהאַן, דער טאַטע פון שונד אין „פאָרווערטס", געוואָרן דער באַשיצער פון שיינער ליטעראַטור און אַ קעגנער פון שונד־ראָמאַנען!...

ווי איך האָב שוין אין פאַרלויף פון מיין פריערדיקן שרייבן באַמערקט, זענען פאָרגעקומען כסדרדיקע קליינע צוזאַמענשטויסן צווישן אַט די דאָזיקע צוויי מענטשן, און ס'האָט נאָר געדאַרפט קומען די ריכטיקע פאַרציע דינאַמיט, וואָס זאָל פאַראורזאַכן דעם גרויסן אויפֿרייס און אויפשטעכן דעם בלאַטער... אַט די „ריכטיקע פאַרציע דינאַמיט" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער נייער היסטאָרישער ראָמאַן וועגן ישו הנוצרי.

איך געדענק, עס האָט געמוזט זיין אַרום סוף ווינטער פון 1938, ווען אַש האָט געהאַט אָװעקגעשיקט, אָדער בעסער געזאָגט: איך האָב געהאַט אַוועקגעשיקט די קאָפּיעס פון ערשטן טייל „מאַן פון נצרת" קיין ניו־יאָרק צום „פאָרווערטס" און צום „היינט" קיין וואַרשע, איז אָנגעקומען אַ בריוועלע פון אַב. קאַהאַן. אין דעם דאָזיקן בריוועלע האָט דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אויף אַ דיקטאַטאָרישן אופן באַפוילן אַשן צו „פאַרגעסן" אין דעם קריסטוס־ראָמאַן און אים נישט פאַרזעצן צו שרייבן.

שלום אַש איז אַריינגעפאַלן אין אַ געפערלעכן גרימצאָרן: וואָס הייסט עס — ער, אַב. קאַהאַן, וועט אים דיקטירן וואָס יאָ צו שרייבן און וואָס נישט צו שרייבן! ווער איז ער בכלל פאַר אַ דעה־זאָגער אין עניני ליטעראַטור?! אויב אַ מענטש, וועלכער האָט געקאָנט אָפּשאַצן אַזאַ ווערק ווי „קידוש השם" אַלס שונד־ראָמאַן, ווי קומט ער צו זאָגן דעות אים, דעם מייסטער פון דער יידישער פּראָזע, אַז ער זאָל „פאַרגעסן" אין דעם ווערק און אויפהערן עס צו שרייבן?!...

אַש האָט מיך געהייסן עטפערן אַב. קאַהאַנען אַ בריוו. איך האָב אָנגעשריבן דעם בריוו אויף דער שרייבמאַשין און ער איז געווען פאַרפאַסט אין דעם זין און טאָן, ווי אַש האָט צאָרנדיק רעאַגירט אויף דעם נישט־טאַקטישן בריוועלע פון אַב. קאַהאַן.

אינטערעסאַנט וועט דאָ זיין צו דערציילן, אַז אין דער זעלביקער צייט, וואָס אַב. קאַהאַן האָט באַצייכנט דעם „מאַן פון נצרת" אַלס אַ קריסטלעך, שיער נישט משומדיש ווערק און דעריבער האָט ער, דער „אָפּהיטער" פון דער יידישער אמונה, עס נישט געוואָלט דרוקן, איז פון וואַרשעווער „היינט" אָנגעקומען אַ בריוו פון דאַמאָלסטיקן רעדאַקציע־סעקרעטאַר, דעם שריפטשטעלער ה. ל. זשיטניצקי, וועלכער

שרייבט, אַז דער „היינט" וועט נישט קאָנען דרוקן דעם נייעם ראָמאַן, אָבער... צוליב פּונקט פּאַרקערטע טעמים. דהיינו: זיי האָבן מורא, אַז די פּוילישע פּראָקוראַטור וועט אָנקלאָגן די צייטונג אין גאָט־לעסטערונג און קאָן נאָך אַמאָל שליסן דעם „היינט"...

אַלזאָ, נישט צוליב דעם, וואָס דער „מאַן פון נצרת" איז אַ קריסט־לעכער ראָמאַן, נאָר ער איז גאָר אַ גאָט־לעסטערנדיקער ראָמאַן לויט דער קאַטוילישער אויפפאַסונג. אַ קאַפּיטל פון „מאַן פון נצרת" איז אַפילו אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער יובל־אויסגאַבע פון „היינט", וואָס האָט אין 1938 געפייערט זיין 30־יעריקן געבורטסטאָג!...

ליידער, איז זשיטניצקיס בריוו, פונקט ווי אַ סך אַנדערע וויכטיקע בריוו און דאָקומענטן, מיר פאַרלוירן געגאַנגען בעתן אַנטלויפן אין 1940 פון פּאַריז פאַר די אָנציענדיקע נאַצישע חילות. איך האָב אָבער אַ לעבעדיקן עדות: אין ניו־יאָרק וואוינט איצט אַ געוועזענער רע־דאַקציע־סעקרעטאַר פון „היינט", קאָלעגע משה אינדעלמאַן, וועלכער איז ביז גאָר לעצטנס געווען דער רעדאַקטאָר פון „מוסד ביאליק" אין ירושלים. האָט מיר מיין גוטער פריינט, קאָלעגע משה אינדעלמאַן, פּערזענלעך דערקלערט, אַז דער אַרגומענט פון ה. ל. זשיטניצקי איז געווען פולשטענדיק אמת און ער האָט מיר דערציילט אַן אינטערע־סאַנטן פאַקט: די פּוילישע טעגלעכע צייטונג „אָפּיניאַ", וואָס דער „היינט" האָט אַרויסגעגעבן און איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך ד"ר משה קליינבוים (היינט: ד"ר משה סנה), איז אַ צייט פריער דורך דער פּוילישער פּראָקוראַטור געהאַט געשלאָסן געוואָרן אַלס שטראָף, ווייל זי האָט געדרוקט קאַפּיטלען פון פּראָפעסאָר קלויזנערס „ישו הנוצרי", און די רעדאַקציע האָט דעריבער מורא געהאַט, אַז דער „היינט" זאָל נישט האָבן דעם זעלבן סוף, דרוקנדיק שלום אַשס „מאַן פון נצרת".

טאָ וועמען זאָל מען דאָ גלויבן?!

צי דעם פון שנאה דורכגעגומענעם אַב. קאַהאַן צו אַשן, אָדער דעם ווירקלעכן אַרגומענט פון דער רעדאַקציע „היינט" אין וואַרשע?...

שלום אַש האָט, פאַרשטייט זיך, אַב. קאַהאַנען נישט געהאָרכט און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיטן שרייבן זיין גראַנדיעז ווערק, אין וועלכן עס איז רעסטאַוורירט געוואָרן אַן עפּאָכע פון איבער 1900 יאָר צוריק. אַ גאַנץ יידיש לעבן שטייט אויף צו תחית המתים, און די שטאָט ירושלים איז אַזוי לעבעדיק געשילדערט, אַז מען וואָלט זי געקאָנט, לויטן פּלאַן פון אַשן, אויפסניי אויפבויען.

אַלס דער ערשטער לייענער פון דעם דאָזיקן גרויסן היסטאָרישן ווערק, בין איך געווען פּשוט פאַרכישופט פון דער שיינקייט, אין

װעלכער איך בין אַרײַנגעצױגן געװאָרן און עס האָט זיך מיר אױס־געדאַכט, אַז איך אַלײן געפֿין זיך אין יענער סביבה און לעב אַלץ מיט, װאָס דאָרטן קומט פֿאָר. אַ געװאַלטיקן אײַנדרוק האָט אױף מיר געמאַכט דאָס קאַפּיטל „מרים מאַגדאַלענאַס אײלן". װאָס פֿאַר אַ לעבע־דיקײט פֿון שילדערונג, װאָס פֿאַר אַ צױבערלעכער רײץ אין די פֿאַר־שידנקײט פֿון ריחות!... איך האָב זיך ממש געבאָדן אין אַ ים פֿון בלומען און פּאַרפֿיומען און איך האָב באַװוּנדערט דעם שאַפֿער פֿון אָט דער דאָזיקער אױסטערלישער אַטמאָספֿער פֿון איבער 1900 יאָר צוריק.

צי װען איך האָב איבערגעלײענט דעם מאַנוסקריפּט פֿון קאַפּיטל פּערצן אין צװײטן טײל. דאָרט װערט אױף אַזאַ בולטן אופֿן געשיל־דערט דאָס ברענגען פֿאַר אַ קרבן אַ ײנגל פֿון אַ יאָר נײַן־צען צום אָפּגאָט מולך. װי מען לײגט אַרײַן דאָס קינד אין די אָנגעגליטע אָרעמס פֿון דעם שרעקלעכן אָפּגאָט. איך האָב אַזש דערפֿילט אין מײַנע באַזונדער די הײסע פֿאַרע, װאָס האָט אַ סיטשע געטאָן פֿון דעם אָנ־געצונדענעם קינד, און די אָנגעגליטע אָרעמס פֿון מולך האָבן מיר גע־בלענדט אין די אױגן.

װער נאָך, װי אַ שלום אַש, איז בכּוח אַזױנס צו שילדערן! — האָב איך דאַמאָלס געטראַכט. איך װעל דאָך נישט גײן אױסרעכענען און ציטירן דאָס גאַנצע בוך, אָבער אײן זאַך װיל איך אונטערשטרײַכן: עס איז מיר לחלוטין נישט אײַנגעפֿאַלן אין יענע מאָמענטן, װען איך האָב מיך געקװיקט מיט דער קינסטלערישער שײנקײט פֿון אַשס שילדערונגען, נאָכן אָפּלײענען פֿון דאָזיקן בוך, זאָל איך מיך גײן אָפּשמדן!...

יאָ, איך האָב געלעבט אין יענער צײַט אין אַ שײנער, אַנטיקער װעלט. עס האָט זיך מיר גאָרנישט געגלוסט אָפּצורײַסן פֿון לײענען און נאָכאַמאָל איבערלײענען דעם מאַנוסקריפּט פֿון „מאַן פֿון נצרת". עס האָט זיך אָבער דערנעענטערט די צײַט, װאָס אַש האָט געדאַרפֿט אָפּפֿאָרן קײן אַמעריקע (אַרום חודש מאַי, 1938), כּדי צו לאָזן זיך אָפּערירן. ער האָט דאַמאָלס געהאַט פֿאַרענדיקט דעם צװײטן טײל פֿון דעם גרױסן װערק און ער איז אָפּגעפֿאָרן בלױז אױף עטלעכע חדשים, אָבער ער איז שױן מער קײן אײראָפּע נישט צוריקגעקומען. דאָרט, אין אַמעריקע, האָט ער אָנגעשריבן דעם דריטן און לעצטן טײל פֿון „מאַן פֿון נצרת", װאָס איז שױן דורך מיר אין מאַנוסקריפּט נישט געלײענט געװאָרן.

איך האָב גערעכנט, אַז דאָס בריװעלע פֿון אַב. קאַהאַן צו אַשן װעגן „פֿאַרגעסן" אין דעם דאָזיקן װערק און אױפֿהערן עס צו שרײַבן,

איז בלויז אַזאַ מאָמענטאַלער קאַפּריז פון אַ דיקטאַטאָרישן רעדאַקטאָר און עס וועט גיך אַריבערגיין. איך האָב נישט גענומען ערנסט זיין באַשולדי־קונג, אַז אַש האָט אָנגעשריבן אַ קריסטלעך ווערק. אָבער ווי דערשטוינט בין איך געווען, ווען איך האָב זיך מיט אַ צייט שפּעטער אין פּאַריז דערוואוסט וועגן דעם „קרייצצוג", וואָס אַב. קאַהאַן האָט אונטערגע־נומען קעגן אַשן און איז סעקונדירט געוואָרן דורך אַשס אַמאָליקן הייסן חסיד, חיים ליבערמאַן. עס האָט זיך אויך דערטראָגן קיין פּאַ־ריז דער אָפּקלאַנג פון דעם הילכיקן פּאַטש, וואָס אַש האָט געגעבן חיים ליבערמאַנען אין דער בוכהאַנדלונג פון איטשע בידערמאַן אויף סעקאָנד עוועניו.

## קאַפּיטל ניינצן

# כ׳צעקריג זיך מיט אַשן און ער בעט מיך איבער

איך ווועל זיך אומקערן אויף עטלעכע חדשים צוריק, צו דער צייט, ווען שלום אַש איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע בייצו־וואוינען די פייערונג לכבוד דעם פערציקסטן יובילײ פון „פאָרווערטס", איך בין געבליבן אַן ערך דריי חדשים כמעט אָן אַרבעט. עס איז געווען אַ וואַרימער פרילינג אינדרויסן, דערנאָך איז אָנגעקומען זומער־לעב. איך האָב פאַרבראַכט, באָדנדיק זיך יעדן טאָג אין ים און ברע־נענדיק זיך אויף דער פּליאַזשע. דאָס איז געווען צווישן סוף חודש מערץ און אָנהויב חודש יולי.

עס איז מיר מיאוס און מאוס געוואָרן דאָס אַרומדרייען זיך ליידיק און איך האָב שוין פּשוט געבענקט נאָך מיין „באַלעבאָס". ענדלעך איז ער צוריקגעקומען פון אַמעריקע, אָבער צוריקגעקומען איז ער אין זייער אַ שלעכטער לוינע. מאַדזשע האָט אים פאַרענטפערט מיט אַ שמייכל און געזאָגט מיר: „קענסט נישט שלומען?... פאַר אים איז גענוג, אַז ער האָט געהאַט אויף דער שיף אַ נישט־באַקוועמע קאַבינע, עס זאָל אים אַריינטרייבן אין אַ שלעכטער שטימונג"...

איך האָב טאַקע די דאָזיקע שלעכטע שטימונג זיינע באַלד דער־פילט אויף מיין אייגענער הויט: ער האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו מיר, פאַרוואָס איך האָב אים צוגערעדט אָנצושרייבן דעם אַרטיקל „אַראָפּגערעדט פון האַרץ". אב. קאַהאַן האָט אים אין ניו־יאָרק גע־זאָגט, אַז ס׳איז נישט לפי כבודו זיך צו פאַרענטפערן פאַר די אָנפאַלן

אויף אים מצד שרייבער; ער איז צו גרויס און צו וויכטיק אויף צו גיין זיך אויסטענהן מיט זיי... דערביי האָט מיר אַש פאַרגעוואָרפן, אַז איך גיב אים שלעכטע עצות און איך צווינג זיי אויף אים אַרויף...

מיינע טענות, אַז ער האָט דאָך אויך אַ „שטיקל חלק" אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, עס איז דאָך פונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן מיין איניציאַטיוו; איך האָב אים בלויז דערמוטיקט און צוגעהאָלפן — ווי מאַדזשע האָט מיך געהאַט פריער געבעטן — אַז: „זאָלסט זען, דאָס אַרטיקל זאָל אַרויסקומען גענוג שאַרף און שלאָגפערטיק" — האָבן אויף אים קיין ווירקונג נישט געהאַט. וואָס מער איך האָב מיך פאַרענטפערט, אַלץ מער איז ער אַריין אין כעס און ער האָט מיך שיער נישט פאַרברענט מיט זיינע פלאַמיקע בליקן...

— זעט איר, אין „פאָרווערטס" האָב איך אַ גוטן פרראַאַנט, יעפּים ישורין. ער איז מיר אַן אמתער פררראַאַנט!... ער וואָלט מיך צו אַזעלכעס נישט צוגערעדט, און אַ חוץ דעם, היט ער מיך אָפּ ווי נאָר אַ פרראַאַנט קאָן אָפּהיטן, ער שטעלט מיר צו אַלע אויס־שניטן, וואָס מען שרראַאַבט נאָר וועגן מיר, און איר האָט דאָס נישט אין זינען!...

איך האָב געזען, אַז אַש איז איצט אין אַזאַ שטימונג, אַז וויפיל איך זאָל מיך פאַר אים נישט פאַרענטפערן, וועט עס נישט העלפן. איך האָב דעריבער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און כ'האָב פאַר־לאָזט זיין קאַבינעט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף איינער פון די וויס־שטיינערנע בענק פון זיין כלבא־שבועשן גאָרטן און גענומען עפּעס לייענען.

פלוצים הער איך אַ רוף:

— ראַאַזענבעררריג!... קומט אַראַאַן!...

איך בין אַריינגעגאַנגען נאָך אים. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין פאָטעל, איך בין געבליבן שטיין קעגנאיבער אים אויף דער צווייטער זייט פון שרייבטיש. ער קוקט מיך אָן אַ ווייל, בויערט מיך דורך מיט זיין בייזן בליק, וואָס זאָגט קיין גוטס נישט אָן; און דאָ איז געקומען דאָס, וואָס איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געהאַט אָנגעדייט:

— רראָזענבעררריג... איר זענט נישט פאַר מיר דער פאַסיקער מענטש. איך מיין, אַז איר וועט זיך דאַרפן זוכן אַן אַנדערע שטעלע. איך גיב אייך אַ חודש צייט צו געפינען פאַר זיך עפּעס אַ באַשעפ־טיקונג. אין אַ חודש אַרום פאָר איך סיווי אַוועק אויף וואַקאַציע קיין באַד־גאַסטיין...

בעת ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער מיך כסדר דורכדרינגלעך אָנגעקוקט. ער האָט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ ווירקונג זיין מעלדונג וועט אויף מיר מאַכן. איך האָב, אויף להכעיס, אַרויסגעוויזן קאַלטבלוטיקייט און כלומרשטע נישט פאַראינטערעסירטקייט, גלייך די גאַנצע זאַך וואָלט מיך לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. איך האָב אים נישט געוואָלט געבן די סאַטיספאַקציע, אַז ער האָט מיך מיטן אָפזאָגן פון דער שטעלע שטאַרק געטראָפן. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי עס אַרט מיך גאָרנישט, און כ'האָב אים געענטפערט:

— גוט, שלום אַש... איך גיי פון אייך אַוועק, און וועגן קיין שטעלעס פאַר מיר דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן!... איך וועל מיר שוין יאַקאַש אַן עצה געבן...

איך האָב פאַרלאָזט זיין ווילע און איך בין אַוועקגעפאָרן אין זייער אַ ביטערער שטימונג צו זיך אין דער וואוינונג. איך האָב וועגן דער ניי־געשאַפענער לאַגע דערציילט מיין פרוי, און עס איז אונדז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. וואָרים — וואו וועל איך טאַקע גיין, און וואו קריגט מען עס אַזוי שנעל אַן אַנדערע שטעלע? איך וועל דאַרפן פאָרן קיין פאַריז און אָנהויבן דאָרט אויפסניי, בעת דאָ, אין ניצע, בין איך שוין גאַנץ פיין איינגעאָרדנט!

דערווייל האָב איך דאָך נאָך אַלץ גענומען טשעקס ביי אַשן און געדאַרפט בלייבן נאָך אַ גאַנצן חודש זיין סעקרעטאַר, בין איך צומאָרגנס ווידער געקומען צו אים אין דער ווילע „שאַלאָם", כדי צו טאָן מיין געוויינלעכע אַרבעט. איך בין אַריינגעקומען אין זיין קאַבינעט. אַש איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבערן שרייבטיש, אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם סוועטער, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, און האָט געסקריפּעט שנעל־שנעל מיט דער פען, טונקענדיק זי כסדר אין טינטאָרן. ער האָט דאַמאָלס זייער אינטענסיוו געאַרבעט איבער דעם ערשטן טייל פון זיין „מאַן פון נצרת".

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געוואָרפן אויף מיר אַ בליק מיט זיינע שוואַרצע אויגן. עס איז געווען אַן אַנדער שלום אַש. אַ טרער האָט אַראָפּגעקאָפּעט איבער דער באַק, ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט און דערשלאָגן. ער האָט הכנעהדיק אויסגערופן צו מיר:

— רראַזענבערריג, זייט מיר מוחל... וואָס זענט איר נעבעך שולדיק, אַז איך פאַל אַמאָל אַרראַאַן אין אַ שלעכטער שטימונג?... איך האָב אייך ליב... איר זענט אַ גוטער פרראַאַנט מאַאַנער. זיצט!...

צו שטאַרק איבעררראַשט צוליב זיין איצטיקער התנצלות בין איך

נישט געווען. איך האָב אָשך שוין צו גוט געקענט און עס איז געווען צו דערוואַרטן פון אים אַזעלכעס אויך.

— איך שרראַב איצט אַ דערציילונג, זי הייסט „מן המצר"... — האָט ער מיך אינפאָרמירט — קומט אַרויס אויפן גאַניק, וועל איך זי פאַר אייך פאַרלייענען.

דאָס איז געווען אַ דערציילונג וועגן אַ פוילישן ייד, וועמען אַ דאָרפס־שגץ האָט דערהרגעט, כאָטש דער ייד האָט אַרויסגעוויזן צו אים און צו זיין מוטער גרויס רחמנות. עס איז געווען אַ בילד פון דער דאַמאָלסטיקער טראַגישער צייט אין פּזשיטיק־פּוילן.

אָש איז געווען נידערגעשלאָגן, ווי שטענדיק, ווען ער שרייבט אָן עפּעס אַ טרויעריקע מעשה. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט פּועלן, אַז איך זאָל פאַרגעסן זיין נעכטיקן גאָר נישט פיינעם אַרויסטריט קעגן מיר. פּלוצלינג רופט ער זיך אָפּ:

— איר ווייסט, ראָזענבערג, איך עקספּלואַטיר אייך צופיל. דער פראַנק איז געפאַלן, און אין פאַרגליך מיט פאַראַיאָרן, נאָכדעם ווי דער דאָלאַר איז געשטיגן, פאַרדינט איר איצט צו ווייניק. איך וועל אייער געהאַלט סטאַביליזירן לויטן קורס פון דעם דאָלאַר, ווי ער איז געשטאַנען פאַראַיאָרן, גוט?...

דאָס איז געווען אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער געווינס פאַר מיר. עס איז מיר צוגעקומען אַ שפּאַר ביסל פראַנקן, און אין מיין בודזשעט האָט זיך דאָס גאַנץ פיין אָנגעזען. אַשס האַנדלונג האָט מיך גערירט און איך האָב אים אַלץ מוחל געווען. מיר זענען צוריק געוואָרן גוטע פריינט און די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען ווי פריער. עס האָט זיך דערנעענטערט סוף חודש יולי, ווען אַש האָט געזאָלט, צוזאַמען מיט מאַדזשען, אָפּפאָרן קיין באַד־גאַסטיין, אין עסטרייך.

אויך איך האָב געפּלאַנעוועט צו פאָרן אויף וואַקאַציע קיין פּוילן. סייווי, ווען די אַשס פאָרן־אָפּ אויף דריי חדשים, וועל איך דאָך נישט האָבן גאָרנישט צו טאָן, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט אויסנוצן די צייט און צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינד פאָרן קיין פּוילן אויף אַ באַזוך צו מיין פרויס עלטערן?...

פאַר דעם צוועק זענען מיר טאַקע ביידע אַוועק אין פּוילישן קאָנסולאַט, אויסגעאַרבעט פאַר זיך צוויי פּאַספּאָרטן און מיר האָבן זיך געטומען גרייטן אין וועג אַריין. אַשן האָב איך נאָך דערווייל נישט געהאַט דערציילט וועגן מיינע וואַקאַציע־פּלענער. איך האָב אויך געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען איך וועל זיין איצטער אין פּוילן, זאָל איך אַראָפּפאָרן קיין קוטנע, אין אַשס געבוירן־שטעטל און באַזען

די שטאָט, זען זיך מיט זיין מוטער און די רעשט משפּחה. איך האָב דאַמאָלס ערנסט געטראַכט וועגן אָנשרייבן אַשס ביאָגראַפּיע, כ׳האָב אַפילו שוין געהאַט אַמאָל וועגן דעם איבערגערעדט מיט שלום אַשן און ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס צופרידנקייט.

אָבער דאָ איז ווידעראַמאָל אַרויסגעשפּרונגען אַ צוזאַמענשטויס צווישן אונדז ביידע, אויף וואָס איך האָב זיך צום ווינציקסטנס געריכט. פאָרגעקומען איז עס אויף אַזאַ אופן:

היות נישט געקוקט אויף אַשס סטאַביליזירן מיינע שכירות און אַפילו מיט דער שטעלע אין „דזשאָינט״, וואָס האָט כסדר געהימלט...

— וואָרים איך בין געווען אין ניצע און דער „דזשאָינט״ אין פּאַריז — איז מיין פּרנסה־קוואַל געווען שטענדיק אַ וואַקלדיקע, האָב איך מיר געטראַכט אַזוי: אויב אַש וויל דווקא מיך האַלטן פּערמאַנענט ביי זיך, און צאָלן אַן אַנשטענדיקן געהאַלט קאָן ער נישט, טאָ זאָל ער מיר מיטגעבן אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון „היינט״, און ווען איך וועל זיין אין וואַרשע, וועל איך מיט דעם בריוו שוין עפּעס אויפטאָן.

דער בריוו האָט געזאָלט זיין, לויט מיין פּלאַן, אין דעם זין געשריבן, אַז אַש בעט, מען זאָל מיך סטאַביליזירן אין דער צייטונג און איך זאָל אָנהויבן קריגן אַ שטענדיקע וועכנטלעכע שכירות ווי יעדער אַנדערער מיטאַרבעטער. איך וועל דאַרפן שרייבן קאָרעספּאָנ־דענציעס אָדער צושטעלן כסדר אַ ראָמאַן — לויט ווי מען וועט אָפּמאַכן. סיווי, איך זאָל זיין פאַרזאָרגט מיט אַ זיכערער פּרנסה.

ווען איך האָב אַשן אָנגעמאָלדן וועגן מיין געפּלאַנטער וואַקאַציע אין פּוילן, האָב איך אים דערביי אויך אַרויסגעזאָגט דעם פּלאַן וועגן אַ בריוו צום „היינט״, וואָס זאָל דורך אים געשריבן ווערן. אַש האָט זיך אָנגעכאַפּט דעריין. עס איז אים געפעלן געוואָרן מיין פאָרשלאָג און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— ראָזענבערג, שרייבט־אָן דעם בריוו אויף דער שרייבמאַשין און איך וועל אים אונטערחתמענען!...

מיר איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן. איך האָב געוואָלט, אַז אַש אַליין זאָל אָנשרייבן דעם בריוו. ער קאָן אָנגעבן די געהעריקע מאָטיוון, פאַרוואָס ער פאַרלאַנגט פון זיי אַזאַ זאַך, ווי געבן מיר אַ שטענדיקע שטעלע אין „היינט״, אָבער איך אַליין וועל נישט זיין געגוג פריי צו אַרגומענטירן. איך האָב מיין געדאַנק אַרויסגעזאָגט פאַר אַשן: „איך אַליין ווייס נישט וואָס צו שרייבן; דאַקעגן, איר וועט עס מאַכן בעסער. שרייבט איר אָן דעם בריוו, איך וועל אים איבער־קלאַפּן אויף דער שרייבמאַשין און דערנאָך וועט איר אים אונטער־חתמענען״...

— וואָס הייסט, איר ווייסט נישט וואָס צו שרראַבן!... — וואונדערט זיך שלום אַש — שרראַבט, אַז איר זענט „מיין רעכטע האַנט", אַז אַן איך קאָן איך מיך נישט באַגיין; אויב איר זאָלט פון מיר אַוועקגיין, וועל איך נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך אויף צוצושטעלן פּינקטלעך מיין מאַנוסקריפּט אין דער רעדאַקציע", אָט אין דעם זין שרראַבט זיי אַן!

איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי נאָר אויסצופירן זיין פאַרלאַנג. איך בין אַוועקגעפאָרן צו זיך אַהיים. כ'האָב אָנגעשריבן אַ פיינעם בריוו, געוואויגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט, אַז איך זאָל שלום אַשן, חלילה, נישט פּוגע בכבוד זיין. קורץ, איך האָב מיך געהאַלטן אין אַשס אָנגעוואָרפענעם געדאַנק, און אין דעם זין איז דער בריוו צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, אַז: „איך בין זיין רעכטע האַנט, אַז אָן מיר וועט אַש נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צושטעלן פּינקטלעך זיינע כתבים" און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

צומאָרגנס, ווען איך בין געקומען, ווי געוויינלעך, אינדערפרי אין דער ווילע „שאַלאָם", האָב איך שוין געטראָפן שלום אַשן גאָר אין אַן אַנדערער שטימונג; און ווען איך האָב אים איבערגעגעבן מיין אָפּגעקלאַפּטן בריוו אונטערצושרייבן, האָט ער אים פריער איבערגעלייענט. און איך זע, ווי זיין גאַנץ פּנים האָט זיך געענדערט, אַ בייזקייט ווי פון דעם פּוילישן פּריץ פאַן ווידאַווסקי אין „תהלים־ייד", האָט אַרויסגעשאָסן פון זיינע אויגן, און ער גיט זיך צו מיר אַ ווענד מיט אַ שטים, אַז כ'האָב געמיינט — ער שלינגט מיך איין און ער וועט מיך פאַרצוקן:

— און איר ווילט, אַז איך זאָל אָט דעם בריוו אונטערשרראַבן!?

אַזאַ בריוו, ווען ער וועט אַמאָל אַריינפאַלן אין דעם אַרכיוו פון ייוואָ, וואָס וועט מען זאָגן: שלום אַש קאָן נישט שרראַבן, אַז שלמה ראָזענבערג האָט געשריבן פאַר אים זיינע ווערק! הער נאָר אַ מעשה, „ער איז מאַן רעכטע האַנט און איך קאָן מיך אָן אים נישט באַגיין!"...

ער האָט מיר צוריקגעוואָרפן דעם בריוו, און אַ שרעקלעכער כעס האָט אים אויפגעטרייסלט, אַז כ'האָב געמיינט, ער שלינגט מיך איין...

איך אַליין בין אויך אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס און איך האָב אים שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— הערט מיך אויס, שלום אַש: איר זענט אַנומלט גערעכט געווען, ווען איר האָט געזאָגט, אַז מיר זענען נישט קיין פּאָר. ניין,

איך קאָן מיט אייך ווייטער נישט אַרבעטן. איך דאַרף נישט זיין אָנגעזויזן אויף אייערע גוטע אָדער שלעכטע שטימונגען. איך וויל נישט, אַז יעדן פרימאָרגן זאָל איך אינדערהיים טראַכטן, אין וואָס פאַר אַ שטימונג וועל איך היינט טרעפן שלום אַשן?... גענוג, איך וויל דאָס מער נישט דולדן. איך פאָר איצט קיין וואַרשע און שפּעטער וועלן מיר זען... אָבער זייט אַזוי גוט און צאָלט מיר אויס פאַר דריי חדשים שכירות. איך דאַרף דאָך האָבן פאַר דער רייזע און פאַרוואָס צו לעבן!

— וואָס הייסט, איך וועל אייך געבן שכירות פאַר דרדאַ חדשים מיטאַמאָל? איך וועל אייך אויסצאָלן יעדן חודש, וואָס אייך קומט! וואָס מיינט איר, שלום אַש איז אַזוי רראַאַך און ער קאָן אויסצאָלן פאַר דריי חדשים פאַראויס?!... איך אַליין קריג אויך נישט פאַראויס!...

— דאַרף מען נישט! — האָב איך אַ שאָס אַרויס געטאָן מיט כעס, כאָטש איך האָב נישט געוואוסט, ווי אַזוי וועל איך טאַקע קאָנען פאָרן קיין פוילן. קיין אָפּשפּאָרונגען פון מיינע געהאַלטן האָב איך נישט געהאַט.

צומאָרגנס האָבן די אַשס זיך פאַרפּאַקט און זענען צוגעפאָרן צו דער באַן. איך בין שוין פון פריער געהאַט אָנגעקומען צום וואָקזאַל, כדי זיך צו געזעגענען מיט מאַדזשען. איך האָב מיר געטראַכט: וואָס איז זי שולדיק, אַז אַש האַנדלט אַזוי נישט איידל מיט מיר?... און איך האָב מיך דעמאָנסטראַטיוו געזעגנט בלויז מיט איר, דערלאַנגט איר די האַנט און איך בין אַוועק פון וואָקזאַל, נישט זאָגנדיק אַשן צומאָל קיין „פאַרט געזונט!" מעגלעך, אַז איך האָב שלעכט געהאַנדלט, אָבער מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, און דער כעס קעגן אים האָט מיך אינגאַנצן געהאַט איבערגעוועלטיקט.

מיר, מיין פרוי און איך, האָבן זיך אויך געפּאַקט די וואַליזעס און כ'האָב מיר געטראַכט, אַז איך וועל שוין ווי ס'איז מיר שאַפן דאָס געלט פאַר די הוצאות. אָבער מיט אַשן איז אויס!... איך האָב געהאַט ביי מיר אָפּגעמאַכט אין גערדאַנק, אַז אין וואַרשע וועל איך מיך אויסלערנען זעצן אויף אַ לינאָטיפּ, צוריקקומען קיין ניצע און ליקווידירן די וואוינונג, דערנאָך אָפּפאָרן קיין פּאַריז און דאָרט וועל איך שוין יאָקאָש קריגן אַ שטעלע אַלס לינאָטיפּיסט אין אַ דרוקעריי.

די ערשטע גוטע איבערראַשונג האָב איך געהאַט סך הכל מיט איין טאָג שפּעטער: אַשס יינגסטער זון, דזשאָן, וועלכער האָט געוואוינט מיט זיינע עלטערן אין ניצע, איז אַראָפּגעקומען מיטן אויטאָמאָביל צו אונדז פאַרן הויז. ער האָט אַרויסגענומען אַ טשעק אויף הונדערט־

און פופציק דאָלאַר און מיר געגעבן, זאָגנדיק: „דער טאַטע האָט דיר איבערגעלאָזט פאַר דריי חדשים געהאַלט!"...

דער כעס קעגן אַשן האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. איך בין אַוועק אין דעם „אַמעריקען עקספּרעס", אויסגעטוישט דעם טשעק און איך בין אויף אַ ברייוחדיקן אופן געפאָרן קיין פּוילן. איך האָב טאַקע, ווי כ'האָב ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, באַזוכט קוטנע, געזען זיין מוטער מיט דער פאַמיליע — ווי איך האָב דאָס באַשריבן אין דעם ערשטן קאַפּיטל. איך האָב אָבער באַשלאָסן צו האַלטן וואָרט אין שייכות מיט מיין פּלאַן אויסצולערנען זיך זעצן אויף אַ לינאָטיפּ. מיין שווער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן פאַר דעם צוועק פינף הונדערט זלאָטעס, וואָס דאָס אויסלערנען האָט געזאָלט קאָסטן. איך האָב איבערגעלאָזט מיין פרוי מיטן קינד ביי אירע עלטערן אין איר שטעטל סטריקאָוו. איך בין אַוועק קיין וואַרשע און צוגעטרעטן רעאַליזירן מיין פּלאַן.

איך האָב זיך דורכגערעדט מיט דער דרוקעריי פון דעם אגודהשן „טאָגבלאַט", וואו מ'האָט מיר דערלויבט זיך צו לערנען אויפן לינאָטיפּ. פאַרוואָס איך האָב דאָס נישט געטאָן אין „היינט", וואו איך בין געווען אַן אייגענער, געדענק איך נישט די סיבה.

קאָלעגן האָבן מיך אָפּגערעדט פון דעם דאָזיקן שריט. דער עיקר האָט אין מיר אַריינגערעדט מיין גוטער חבר מ. צאַניז. ער האָט אַרגומענטירט: „וואָס אַנטלויפסטו פון אַשן, האָסט ביי אים אַ גוטע שטעלע, האָסט אַן איינגעאָרדנטע דירה, זוך דיר נישט קיין אַנדערע געשעפטן, און עס איז טאַקע אויך אַ כבוד צו זיין אַשס סעקרעטאַר!..."

איך בין אָבער געווען איינגעשפּאַרט און כ'האָב געענטפערט: „כ'וויס נאָך נישט, ווי עס וועט זיך אויסלאָזן; אָבער אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן, וויל איך זיך טאַקע אויסלערנען די מלאכה אויף יעדן פאַל!... כ'וויל מער נישט זיין אָפּהענגיק פון אַשס שטימונגען".

איצט איז געקומען די צווייטע, נאָך גרעסערע איבעראַשונג:

אין איינעם אַן אָונט, עס איז געווען פאַר ראש השנה, 1937. איך בין געזעסן אַן אומעטיקער אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 און געשפּילט מיט עמיצן אַ שאָך. קומט אַריין אין גרויסן זאַל דער שריפטשטעלער ה. ל. זשיטניצקי, דער דאַמאָלסטיקער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון „היינט" און ער רופט זיך אָן צו מיר:

— ראָזענבערג, איך האָב פאַר איך אַ געוואַלטיקן סורפּריז. רייסט איבער אייער שאָך און קומט, לאָמיר זיך אַוועקזעצן ביי אַ באַזונדער טישל.

און שוין זיצנדיק ביי אַ טישל לעבן דער וואַנט ביי צווי גלעזלעך טיי, און אינטערעסאַנט: מיר האָבן זיך גראָד אַוועקגעזעצט קעגנ־

איבער דעם בילד פון שלום אַש אין זיין ברוינעם סוועטער, געמאָלן דורך דעם באַרימטן פּאַריזער קינסטלער קאַנעלבאַ; אַ וואַרימער שטראָם האָט אַ ריזל געטאָן מיר דורכן קערפּער; עס האָט אַ ווייע געטאָן מיט היימישקייט און איך האָב זיך פאַרבענקט קיין ניצע; טיף אין האַרץ האָב איך ליב געהאַט אַשן... — נעמט זשיטניצקי אַרויס אַ בריוו און דערלאַנגט מיר, זאָגנדיק:

— דער בריוו איז אייגנטלעך נישט פאַר אייך. ער איז געשריבן צו מיר, אָבער אייך גייט ער מער אָן ווי מיך... נאַט אייך אַוועק און האַלט אים. אָבער קודם־כל לייענט אים איבער!...

איך האָב אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו, און איך האָב ערשט אויפסניי געזען, אַז כ'האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט דערקענט שלום אַשן. ער שרייבט צו זשיטניצקין, ווי צו דעם רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון „היינט". ער בעט אים ממש רחמים, אַז ער זאָל אויפזוכן ראָזענבערגן און אים אין זיין נאָמען איבערבעטן און הייסן תיכף ומיד טעלעגראַפירן קיין ניצע, צי ער באַשטייט צוריקצוקומען אַרבעטן אויף זיין שטעלע. דערביי שרייבט אַש צום „היינט", אַז „ראָזענבערג איז מיין רעכטע האַנט, איך קאָן אָן אים זיך נישט באַגיין, איך וועל נישט זיין פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר צושיקן פּינקטלעך דעם מאַנוסקריפּט", און אַזוי ווייטער. דער בריוו איז געווען געשריבן צען־פאַכיק שטאַרקער, ווי איך האָב אים געהאַט אָנגעשריבן, און פאַר וועלכן אַש האָט מיך געוואָלט קורע כדג זיין. ער האָט אין דעם בריוו פשוט זיך אַוועקגעלייגט איבערן בענקל ווי אַ לעמעלע. איך האָב אַזש רחמנות געקריגן אויף אים. עס האָט מיר וויי־געטאָן, וואָס שלום אַש שרייבט מיט אַזאַ הכנעה. איך האָב געוואָרפן אַ בליק צו זיין בילד אויף דער קעגנ־איבערדיקער וואַנט. דאָס פּנים אַזוי אַשיש־מעסיק צעפּיעשטשעט און בעטנדיק, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי דאָס בעט ער ביי מיר פאַרגעבונג, אַז כ'זאָל נישט זיין מער ברוגז אויף אים...

איך האָב אָבער באַשלאָסן מיט אַ טראַציקער עקשנות צו האַנדלען קעגן אַשן האַרט, כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנצולערנען אים, אַז מיט אַ מענטש, מיט וועמען מען אַרבעט צוזאַמען, טאָר מען נישט אַזוי האַנדלען, נאָכגעבן זיך דער מאָמענטאַלער שטימונג און אים באַ־לייריקן. עס דאַרף הערשן אַ קעגנזייטיקע אַכטונג פון איינעם צום אַנדערן.

איך האָב דעם בריוו געלייענט, איבערגעלייענט נאָכאַמאָל און איך האָב נישט געקאָנט פונדעסטוועגן באַגרייפן דעם שלום אַש!

ענדלעך רייסט מיך זשיטניצקי איבער:

— וואָס זאָל איך אַשן ענטפערן?

— ענטפערט אים — האָב איך געזאָגט — אַז ער ווייסט וואו מיך צו געפינען און ער דאַרף נישט גיין דורך קיין שלוחים. מיר זענען נישט ברוגז. זאָל ער מיר אַליין געבן צו וויסן, אַז ער וויל מיך האָבן צוריק אַלס זיין סעקרעטאַר. אָט דאָס ענטפערט אים!

זשיטניצקי האָט מיך געגעבן גערעכט, ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעזעגנט און איך בין צוריקגעגאַנגען שפּילן שאָך.

מיט אַן ערך פיר טעג שפּעטער קריג איך אַ טעלעגראַם פון אַש מיט אַ באַצאָלטן ענטפער און ער בעט מיך, אַז איך זאָל אים תיכף צוריק טעלעגראַפירן מיין באַשלוס. איך בין געוועז געריירט. איך האָב אים תיכף געענטפערט, אַז מוצאי סוכות פאָרן מיר אַרויס קיין ניצע. איך האָב, פאַרשטייט זיך, איבערגעלאָזט די זעצעריי, וואו איך האָב געהאַט אָפּגעאַרבעט בלויז עטלעכע טעג; איך האָב איינגעזען, אַז קיין גרויסער צעלייגער ביי דעם פאַך וועל איך שוין נישט זיין...

ווען איך בין צוויי טעג נאָך סוכות אָנגעקומען קיין ניצע, בין איך דעם זעלבן פאַרנאַכט אַרויסגעפאָרן צו אַשן אין דער ווילע „שאַלאָם”. בעת איך בין אַריינגעקומען צו אים אין קאַבינעט, איז ביי אים געזעסן אַ גאַסט; דאָס איז געוועזן אַ באַקאַנטער רייכער ייד פון פּאַריז מיטן נאָמען „פּאָליאַק”, ער איז געווען דער אייגענטימער פון דעם „גראַנד-האָטעל” אין פּאַריז, אויף פּליאַס דע ל'אָפּערע.

געוויינלעך האָט אַש אַ שוואַכקייט פאַר רייכע יידן... אָבער דאָס מאָל האָט ער געלאָזט זיצן דעם מסיע פּאָליאַק און האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט ווי מיט דעם בעסטן גוטן פריינט. ער האָט ממש נישט געוואוסט וואָס מיט מיר צו טאָן פאַר גרויס פרייד. ער האָט דעם מסיע פּאָליאַק אינגאַנצן איגנאָרירט און גאָרנישט געקוקט אין זיין זייט אַריין, גלייך ער וואָלט פאַר אים נישט עקזיסטירט. מאַדזשע האָט דעם גאַסט אַריינגערופן אין אַן אַנדער צימער און אים פאַר-שמועסט, ביז איך האָב פאַרלאָזט אַשס הויז און אַהיימגעפאָרן.

מיר האָבן, ווי דורך אַ געהיימען אָפּמאַך, קיינמאָל נישט איבער-גערעדט וועגן אונדזער צוזאַמענשטויס. די אַרבעט איז ווייטער אָנגע-גאַנגען און מיר זענען צוריק געוואָרן די בעסטע גוטע פריינט. אַש האָט שוין געהאַט געענדיקט. דעם ערשטן טייל פון „מאַן פון נצרת” און אָנגעהויבן שרייבן דעם צווייטן טייל.

אין יענער צייט האָט ער אַראָפּגעבראַכט צו זיך פון מעהריש אויסטראַ (טשעכיע) זיין דייטשן איבערזעצער, ד״ר שמיץ. מן הסתם האָט ער זיך געגרייט איבערצוזעצן, און עס איז טאַקע מיט יאָרן שפּעטער אַרויס אויף דייטש, אין אַ האָלענדישן פאַרלאַג דאָס בוך „דער נאַזערענער”. ד״ר שמיץ איז געוועזן אַ טייערער ייד און אַ

גוטער ציוניסט. מיר האָבן זיך שנעל באַפריינדעט. מיר זענען ביידע געווען די קעסטנקינדער ביי אַשן, הגם „קעסטקינד" פּאַסט זיך אויף מיר נישט צו, וואָרים איך האָב דאָך געהאַט מיין אייגענע היים... ד"ר שמיץ האָט געגעסן און געוואוינט ביי די אַשס. איך האָב נאָכ־אַמאָל גערעדט מיט אַשן וועגן אָנהויבן שרייבן זיין ביאָגראַפיע, ווייל איך האָב געוואָלט מיט אים האָבן פאַר דעם צוועק עטלעכע ספּעציעלע געשפּרעכן, כאָטש איך האָב געהאַט געזאַמלט אַ סך מאַטעריאַל אויף מיין רייזע אין פּוילן.

מאַדזשע האָט אָבער דאָ אַרויסגעוויזן אַ ביסל סנאָביזם: עס איז איר בעסער געפעלן געוואָרן, אַז אַשס ביאָגראַף זאָל זיין מיט אַ דאָקטאָר־טיטול, עס קלינגט שענער... און דאָס האָט זי געמיינט דעם ד"ר שמיץ.

דער סוף איז געווען, אַז קיינער פון אונדז ביידע האָט די ביאָ־גראַפיע נישט אָנגעשריבן. ד"ר שמיץ, ווי איך האָב שפּעטער געהערט, איז אין מלחמה־צייט פאַרטראָגן געוואָרן קיין ארץ ישראל און גע־שטאָרבן אין ירושלים. איך ווידער האָב בעת מיין אַנטלויפן פון פּאַ־ריז, אין 1940, ממש דעם לעצטן טאָג פאַר דער היטלער־אינוואַזיע, איבערגעלאָזט דאָרט מיין גאַנץ האָב און גוטס, דערונטער אויך די מאַטעריאַלן צו אַשס ביאָגראַפיע, אַ סך בריוו פון שלום אַשן און אַנ־דערע וויכטיקע דאָקומענטן און כתב־ידן.

— קאַפּיטל צוואַנציק —

# אונדזערע וועגן צעשיידן זיך

דער ווינטער פון 1937־1938 איז געווען זייער אַ שווערער פאַר שלום אַשן. דאָס זענען געווען טעג פון אַנגעשטרענגטער אַר־בעט. אַש האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט פאַרענדיקן כאָטש דעם צווייטן טייל פון זיין „מאַן פון נצרת". עס איז טאַקע געווען ווינטער, אָבער אין זכרון זענען מיר פאַרבלעבן צעזוניקטע און העלע טעג פון דעם ריוויערע־קלימאַט, פאַרשידנפאַרביקע קאָלירן פון בלומען און אַן אַ שיעור אָנגענעמע ריחות. איך בין יעדן טאָג אַרויסגעקומען מיטן אויטאָבוס צו אַשן אין זיין פּאַטישער בעסט אין דער ווילע „שאַלאָם". און יעדן טאָג זענען צוגעקומען צענדליקער בלעטלעך פון זיין גראַנדיעזן בוך, וואָס האָט אויך שימירירט מיט די בריליאַנטנסטע שילדערונגען און עס האָבן אויפגעטויכט פון צווישן די שורות געמעלן פון דער אַנטיקער וועלט.

פון צייט צו צייט אָבער, ווי איך האָב שוין פריער ערגיץ דער־מאָנט, פלעגט עס אַשן געבן אַ צי אַוועק גאַר אין אַן אַנדער אַטמאָס־פער און ער פלעגט אָנשרייבן אַ דערציילונג, אַן עסיי, צי סתם אַן אַרטיקל אויף אַן אַקטועלער טעמע. דערווייל איז איבערגעריסן גע־וואָרן אויף אַ טאָג די גרויסע אַרבעט פון ישו־בוך.

אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז אַש דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע און ער האָט זיך געגרייט צו לאָזן אָפּערירן אין ווין, זיין באַליבטע שטאָט, וואו ער האָט געהאַט דינע באַקאַנטע דאָקטוירים און סתם אַ סך פריינט. די אָפּעראַציע איז באַשטימט געוואָרן אויף פרילינג, 1938.

די באַציאונגען צווישן מיר און שלום אַש זענען געווען גאָר פריינטלעכע. זינט אונדזער ברוגז אין זומער, 1937, און נאָכן איי־בערבעטן זיך אַרום די ימים נוראים, זענען שוין מער קיינמאָל נישט פאָרגעקומען צווישן אונדז קיין אינצידענטן. איך האָב געפילט, אַז אַש באַמיט זיך נישט אָנצוטרעטן מיר אויף די „הינער־אויגן"... ווען עס פלעגט זיך אים טיילמאָל אין שפּאַס אַראָפּגליטשן פון די ליפּן אַ „קוילער געסל"־קללה אויף מיין אַדרעס, האָט ער תיכף מיט אַ שמייכל אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל, ווי איינער זאָגט: „כ'האָב גאָר־נישט געמיינט קיין שלעכטס"...

ער פלעגט גאַנץ אָפט אַריינפאַלן צו אונדז אומגעריכט אין דער וואוינונג אויף בולוואַר צאַרעוויטש, וואו ער האָט זיך געפילט ווי ביי זיך אינדערהיים. ער איז, ווי דער באַלעבאָס פון הויז, צוגעגאַנגען צום קיך־שענקל, אַרויסגענומען אַן עפּל, וואָס ער האָט זייער ליב גע־האָט מיט אַלע ציין אַריינצובייסן און באַגיסן זיך מיט זאַפט. ער האָט אויך מיין פרוי געבעטן, זי זאָל פאַר אים צובאַקן עטלעכע פּעניצלעך ברויט אויפן פייער, פון וואָס ער האָט זייער הנאה געהאַט.

אַש איז געווען אין אַן אויפגערוימטער שטימונג. דאָס איז גע־ווען דער בעסטער סימן, אַז די אַרבעט גייט ביי אים כשורה. ער איז צופרידן פון דעם נייעם בוך, וואָס ער שאַפט.

ווי שוין פריער דערמאָנט, האָב איך געהאַט זייער אַ שיינע וואוינונג, מיט אַ הערלעכן אויסבליק צום ים פון איין זייט, און צו די אַלפּן — פון דער צווייטער זייט. איך געדענק, ווען איינער פון מיינע ברידער איז פון ארץ ישראל איז געקומען צו אונדז צו־גאַסט, האָט ער די וואוינונג געפונען אַזוי שיין און עלעגאַנט, אַז ער האָט זי באַצייכנט מיט אַן עכט יידישלעכן אויסדרוק: „עס זעט ביי ענק אויס ווי שטענדיק פּסחדיק"... דאָס איז געווען די שענסטע יידישע באַ־צייכנונג פאַר שיינקייט און ריינקייט!

אַש ווידער האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין אופן:

— אייך, ראָזענבערג, איז גוט!...

— מיט וואָס איז מיר דאָס אַזוי גוט? — האָב איך אים גע־פרעגט.

— הם... וואָס פעלט אייך דען?... איר זענט שלום אַשס סעקרעטאַר, און וואָס בין איך?... און אַ וואוינונג האָט איר אַ שע־נערע פון מיינע!...

ער האָט עס נישט געזאָגט צוליב קנאה, ווייל זיין וואוינונג — נישט צו פאַרזינדיקן — איז אויך געווען שיין, און נישט איין יידישער שרייבער וואָלט זיך געמעגט ווינטשן אַזוי צו לעבן, ווי אַש האָט זיך

געלעבט!... אָבער אַזוי איז שוין געווען אַשס טבע: עס איז אים שטענדיק געפעלן דאָס, וואָס ער האָט געזען ביי אַנדערע. ער איז אַפילו אין יענעם מאָמענט געווען גרייט זיך אַריבערצוציען אין דעם זעלבן הויז אַריין, וואו מיר האָבן געוואוינט.

מיר פלעגן אָפט גיין צוזאַמען מיט אַשן און זיין פרוי אין איינעם פון די ניצער קאַסינאָס, אין קאַסינאָ דע לאַ זשעטע, קאַסינאָ דע לאַ מעדיטעראַנע, אָדער אין קאַסינאָ מוניסיפּאַל, וואו עס פלעגן פאָרקומען שיינע קאָנצערטן. איך האָב ליב געהאַט טיילמאָל זיך אַריינצוכאַפּן אין דעם זאַל, וואו מען האָט געשפּילט „בול" (אַ מין קליינע רולעטקע מיט ניין ציפערן), און ווען כ׳האָב געוואונען אַ פּאָר צענדליק פראַנק, בין איך געווען „גליקלעך"... אַש פלעגט זיך פאַר מיר באַרימען, אַז טיילמאָל פאַרגלוסט זיך אים אַ שפּיל צו טאָן אויף אַ פערדל, אָבער ער געווינט שטענדיק. ווי אַזוי מאַכט ער דאָס? ער קוקט פריער אַריין, זאָגט ער, דעם פערדל אין די אויגן, און ווען עס איז מונטער, איז ער זיכער דערמיט; און ער געווינט שטענדיק...

אָבער בכלל האָט אַש נישט ליב געהאַט די עולם הזהדיקע שפּילן, ער איז אַריינגעטאָן געווען אין זיין מלאכת הקודש — אין שרייבן.

יענעם ווינטער האָט זיך מאַדזשען פאַרגלוסט צו לערנען העבּרעאיש (מסתמא אונטערן איינדרוק פון איר 1936־ער רייזע קיין ארץ ישראל), האָט זי גענומען און איינגעקויפט, אויף מיין אָנווייזונג, די נויטיקע לערן־כרעסטאָמאַטיעס און איך בין געוואָרן איר לערער.

אַש האָט אויך געוואָלט, אַז איך זאָל לערנען יידיש זיין זון דזשאָן. דזשאָן האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויס חשק דערצו, און ער האָט זיך אויף אַלע אופנים דערפון אַרויסגעדרייט. אַש האָט אים שרעקלעך געזידלט דערפאַר, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דזשאָן האָט געליינט אַלע ווערק פון זיין פאָטער, אָבער נאָר אויף ענגליש אָדער פראַנצויזיש, כאָטש ער האָט צו מיר געטענהט, אַז ער קאָן גענוג יידיש און ער דאַרף זיך מער נישט לערנען. ער האָט מיר אויפן אָרט באַלד געוויזן אַ מוסטער פון זיין יידיש: עס איז געווען אַ מין קאָנגרעס דייטש, וואָס די מערסטע ציוניסטן פלעגן רעדן אויף די קאָנגרעסן... לייענען האָט ער אָבער „לאוו" געקאָנט...

אין יענעם ווינטער איז אויך געקומען צו די אַשס זייער איינציקע טאָכטער, רות, צוזאַמען מיט איר קליין טעכטערל מרים, פון לאָנדאָן. אין שטוב האָט מען זיך געפּאָרעט לכבוד דעם גאַסט. אַש האָט זיך פון צייט צו צייט אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און געשפּילט זיך מיטן איינינקל, גענומען עס אויף דער האַנט און דאָס פּנים האָט ביי אים געשיינט. ער האָט אויסגעזען אַ ליבלעכער יידישער זיידע.

שלום אַש און זיין אייניקל מרים
(1956)

וואָס מער איך האָב מיך איינגעגעסטיקט ביי אַשן, אַלץ מער אַרבעט האָב איך געקריגן. איך האָב אויך אָנגעהויבן לייענען זיין גרויסע און פּאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ, און ווען מען האָט גע־דאַרפט ענטפערן, האָב איך געענטפערט; טיילמאָל האָב איך זיך ביי אים אָנגעפרעגט און טיילמאָל האָב איך געענטפערט אויף מיין איי־גענער איינזעעניש. עס האָט זיך געוועגדט וואָס פאַר אַ בריוו דאָס איז געווען און פון וועמען ער איז אָנגעקומען.

אַש פלעגט קריגן בריוו פון דער גאַנצער וועלט און מען פלעגט פאַרלאַנגען פון אים די אויסטערלישסטע זאַכן. איינער האָט געדאַרפט האָבן גלדן פאַר אַ טאָכטער, אַ פאַרזעסן מיידל, האָט ער געשריבן צום רראַאַכן שראַאַבער שלום אַש, ער זאָל העלפן... האָט אַ שרייבער אין וואַרשע, צי ערגיץ אַנדערש־וואו געפראַוועט אַ יובילייי, אָדער אַרויס־געגעבן אַ בוך, האָט ער זיך געווענדט צו אַשן נאָך אַ גוט וואָרט, אַ פאָררעדע צום בוך, וכדומה.

אַ קאָמישן איינדרוק האָט אויף מיר איינמאָל געמאַכט, ווען אַש האָט מיר דערלאַנגט אַ שווערן פּאַקעט און אויסגערופן צו מיר: „נאַט אייך און לייענט איבער!...״

דאָס איז געווען אַ בריוו פון עפּעס אַ ייד אין רומעניע, וועל־כער האָט געוואָלט חתונה מאַכן אַן עלטערע שוועסטער, אַ פאַרזעסן מיידל. האָט ער נישט געשריבן סתם אַ בריוו און געזאָגט, וואָס ער וויל. נאָר ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן ראָמאַן אין עטלעכע טיילן... אויף אַ טשיקאַוואַסט האָב איך מיך אָוועקגעזעצט־ לייענען דעם בריוו און זען, אויף וואָס אַ ייד איז פעאיק. אין דעם בריוו האָט דער ייד קודם כל דערציילט וועגן זיין אייגן לעבן; דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן זיין שוויגער און וועגן דער שוויגערס משפחה. דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו דערציילן וועגן אַלע זיינע איידעמס און וועגן זייערע פאַמיליעס פון טאַטנס צד און פון דער מאַמעס צד, מיט אַלע היימישע פּליאָטקעס און רכילות. צום פּונקט איז ער צוגעקומען ערשט אויפן לעצטן זייטל: ער בעט פון אַש, ער זאָל אים שיקן אַ נדן פאַר דער שוועסטער, דעם עלטערן מיידל...

ווען איך האָב דערציילט אַשן וועגן דעם קאָמישן בריוו, האָט ער אויסגערופן: „וואַרפט אים אַריין אין קאַרב אַריין!"...

עס האָבן נישט געפעלט קיין נודניקעס, און ווען אַש לאָזט זיי אַלע צו, וואָלט ער בכלל נישט געהאַט קיין צייט צו שרייבן זיינע ווערק. איך האָב דערהאַלטן בריוו אַפילו פון שרייבער, וועלכע האָבן אויף אַשן הינטער די פּלייצעס אויסגערעדט אָסור לדבר, אָבער ווען אַזאַ איינער האָט געפּראַוועט אַ יובילייי, האָט ער פאַרלאַנגט פון אַשן, אַז ער זאָל וועגן אים אָנשרייבן אַן אַרטיקל — נישט מער און נישט ווייניקער!... אַנדערע האָבן פאַרלאַנגט שטיצע, כדי ער זאָל קאָנען זיצן רואיק און שרייבן זיינס אַ ווערק. אויף אַזעלכע איז אַש זייער אין כעס געווען און ער פלעגט אויסרופן: „קיינער האָט מיר אויך גאָרנישט געשאָנקען!" און ער האָט צוגעגעבן: „אויב ער האָט באַר טאַלאַנט, וועט ער שוין אויסוואַקסן אַ שרראַאַבער!"...

אַש פלעגט אויך באַקומען אַן אַ שיעור ביכער און ביכער. פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיי געשטראָמט, אַזוי אַז עס איז ממש אוממעגלעך געווען, ער זאָל אַלע קאָנען איבערלייענען, בפרט אַז ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט שרייבן זיינע אייגענע ביכער... צוליב אָט די דאָזיקע ביכער מיט די שענסטע און אויסגעזוכטסטע דעדיקאַציעס פאַר אַשן, איז מיין ביבליאָטעק אַלץ רייכער און רייכער געוואָרן. ווען איך האָב איבערגעלייענט אַ בוך און עס איז טאַקע עפּעס געווען דערין, האָב איך עס רעקאָמענדירט אַשן. אַזוי אַרום האָט טאַקע אַש דערמוטיקט פיל יונגע שריפטשטעלער, שרייבנדיק זיי באַגייס־טערטע לויב־בריוו. אַזאַ בריוו האָט צווישן אַנדערע פון אים אויך באַקומען דער יונגער און טאַלאַנטפולער פּאָעט יחיאל לערער.

אין יענער צייט זענען געשען אויף דער וועלט שרעקלעכע פּאַסי־רונגען: אין מערץ, 1938 — געענוי: דעם 13־טן מערץ — האָבן די נאַציס אַריינגעמאַרשירט קיין ווין און עס איז געמאַכט געוואָרן דער טרויעריק־באַרימטער „אַנשלוס״ פון דייטשלאַנד מיט עסטרייך. פון אַשס פּלאַן צו פאָרן זיך אָפּערירן קיין ווין האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. ער וועט דאָך נישט גיין אַריינקריכן דעם וואָלף אין פּיסק אַריין!... ער האָט אָנגעהויבן רעדן דערפון, אַז ער וועט פאָרן דורכפירן די אָפּעראַציע אין ניו־יאָרק.

די אַרבעט אַרום „מאַן פון נצרת״ איז געגאַנגען זייער שנעל, ווייל אַש האָט דווקא געוואָלט ענדיקן דעם צווייטן טייל פון דעם דאָזיקן ווערק, נאָך איידער ער פאָרט קיין אַמעריקע. אין יענער צייט איז אָנגעקומען דאָס „באַרימטע״ בריוול פון אב. קאַהאַן, אַז אַש זאָל „פאַרגעסן״ אין דעם „מאַן פון נצרת״ און וואָס איך האָב שוין גע־שילדערט אין קאַפּיטל אַכצן: „דער מאַן, וואָס איז געווען דערביי״.

קאַהאַנס בריוול האָט אַשן אַריינגעבראַכט אין גרויס צאָרן און דאָס האָט צעשטערט זיין ביז איצטיקע גוטע שטימונג.

עס איז אָנגעקומען פּסח. ווי די וועלט איז געווען איינגעהילט אין שוואַרצע וואָלקנס, האָט מען אין דער ליכטיקער און זוניק־צעשטראַלטער ניצע דאָס נישט געפילט. עס האָט שטענדיק געהערשט אַ יום־טובדיקע אַטמאָספערע, כאָטש מ׳האָט אויף שריט און טריט באַגעגנט די אַנטלאָפענע דייטשע יידן. אָבער אַפילו די דאָזיקע יידן האָבן נישט געגעבן צו פילן דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט זיך מיט ריזיקע שפּרייז אָנגערוקט אויף דער וועלט. דאָס זענען אַלץ געווען רייכע יידן, וועלכע האָבן געפּייפט אויף היטלערן און זיי האָבן זיך געהאַט שוין גוט איינגעאָרדנט אין פראַנקרייך און געפירט גרויסע געשעפטן.

אַש איז ראשו ורובו געווען אַריינגעטאָן אין זיין ווערק. ער האָט נישט געלעבט אין דער היינטיקער ווירקלעכקייט. ער האָט אַרומגע־פּלאָנטערט איבער די גאַסן פון אַנטיקן ירושלים, איינגעזאַפּט אין זיך די דופטיקע ריחות פון בשמים־גאָרטן ביי מרים מאַגדאַלענאַ. ער איז געזעסן אַרום די רייך־געדעקטע טישן ביים כהן־גדול חנן בן־חנן און פון באַלקאָן געקוקט מיט זיינע פאָעטישע אויגן אויף דער פּראַכט־פולער פּאַנאָראַמע פון דער הייליקער שטאָט. דאָ האָט ער זיך געקילט אַרום די שפּריצנדיקע פאָנטאַנען פון כהן גדולס גערטענער, דאָ האָט ער געפירט געשפּרעכן מיט די רוימישע דיגניטאַרן. אַש האָט דאַ־מאָלס געלעבט אַ רייך און פאָעטיש־אָנגעזאַפּט לעבן.

ווען ער האָט זיך געוואָלט אָפּרוען אַ ביסל, האָט ער מיך גענומען

איף אַ שפּאַציר איבער די אַלפּן־בערג אַרום זיין ווילע און ווידער איז ער געווען אַריינגעטאָן אין דער אַנטיקער וועלט, גערעדט וועגן זיינע העלדן און געפּריידט זיך מיט זייער פּרייד און געטרויערט זייער טרויער.

— איר ווייסט, ראָזענבערג — גיט ער צו מיר איינמאָל אַ זאָג פּלוצלינג אין פאַרטראַכטעניש — איך פאַרמאָג אַ געוואַלטיקע אינטואיציע... טיילמאָל טאַפּ איך אין דער פינצטער, אָבער איך טרעף שטענדיק אַריין דאָ וואו מען דאַרף... אינטואיציע איז דער רוח הקודש, וואָס יעדער שרייבער דאַרף פאַרמאָגן...

יאָ, עס איז געווען אמת. אָבער פונדעסטוועגן האָט אַש זיך נישט פאַרלאָזט שטענדיק בלויז אויף זיין אינטואיציע און נישט געטאַפּט סתם אין דער פינצטער. ער פלעגט שטודירן חדשים־לאַנג דעם אָביעקט, וואָס האָט אים אין יענעם מאָמענט אינטערעסירט צו וויסן אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אַרבעט. ספּעציעל האָב איך אים געזען זשומען איבער די ביכער און ספרים, ווי אַ בין איבער די בלומען־בלעטלעך, ביים שרייבן דעם „תהלים־ייד" און ביים „מאַן פון נצרת". אַש האָט דאַמאָלס זייער שווער געאַרבעט און געליינט בוכשטעבלעך צענדליקער און צענדליקער ווערק אין די אַלע שפּראַכן, וואָס ער האָט געקענט: אין דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש און העברעאיש. ער האָט געקענט געשיכטע ווי זיינע צען פינגער; און ווי שוטים האָבן ביי מיר אין יענעם מאָמענט אויסגעזען די יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט די חוצפה צו רעדן וועגן אַשן ווי אַן „עם־הארץ", „וועלכער נעמט זיך צו זאַכן, פון וואָס ער האָט נישט קיין אַנונג"... אַש האָט שוין גאָר געהאַט אַן אַנונג אין די אַלע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט זיין שרייבן!

ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען אַש האָט באַשטימט אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע, כדי דאָרט צו לאָזן זיך אָפּערירן. אויך מאַדזשע איז מיט אים מיטגעפאָרן. עס איז געוואָרן אומעטיק אין אַלע צימערן, ווען די וואַליזעס זענען געשטאַנען איינגעפּאַקטע צו דער רייזע. איך האָב דערפילט דעם טרויער, וואָס עס וועט דאָ הערשן, ווען די אַשס וועלן דאָ נישט זיין. אַזוי איך און אַזוי זיי אַליין, די אַשס, האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, ווי די דאָזיקע רייזע וועט זיך אויסלאָזן. וואָרים ווער האָט געקאָנט פאָראויסזען, אַז נאָך אין זעלבן יאָר וועט קומען צו אַ מינכענער אָפּמאַך, די וועלט וועט מאַכן אַ שריט נעענטער צו דער גרויליקער קאַטאַסטראָפע, און די אַשס וועלן שוין קיין ביצע מער קיינמאָל נישט צוריקקומען!...

מיר האָט אָבער דאָס האַרץ נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. איך האָב

געהאַט עפּעס אַ פּאַרגעפיל, אַז ס'וועט נישט אָפּגיין אַזוי גלאַטיק מיט דער וועלט. איך האָב בלויז געוואוסט איין זאַך: עס איז מיר געווען שרעקלעך אומעטיק...

ווי איצט שטייט פאַר מיר לעבעדיק דאָס בילד: אַש און מאַדזשע לעבן זייערע פּאַרפּאַקטע וואַליזעס. דזשאַן פּאַרפּאַרט מיטן אויטאָמאָביל צו נעמען די עלטערן צו דער שיף. מיין פרוי און איך זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זיי. די אַשס האָבן, זעענדיק מיין טרויער אויפן פּנים, מיך געטרייסט, אַז נאָך דער אָפּעראַציע וועט בלויז אַש פאָרן ערגיץ אין אַ קעמפּ זיך דערהאָלן, און אַרום חודש אָקטאָבער וועלן די צוריקקומען אַהיים.

— הלוואַי!... — האָט זיך אַרויסגעגליטשט אומבאַוואוסטזיניק פון מיינע ליפּן אַ וואונטש.

איך בין געבליבן אין ניצע פון חודש מאַי ביז אָקטאָבער און גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן, בלויז צו ברענען זיך אויף דער פּליאַזשע און באָדן זיך אין בלויען ים. אָבער אָט האָב איך יאָ געפונען אַן אַרבעט, וואָס האָט מיך אינגאַנצן מיטגעריסן און פאַרכאַפּט. איך האָב מיך קאָרעספּאָנדירט מיט דעם באַרימטן יידישן אַקטיאָר זיגמונט טורקאָוו, וועלכער האָט אַנגעפירט אין בראַזיל מיט אַ פּאָרטוגעזיש טעאַטער און ער האָט אויך געשפּילט אויף יידיש. ער האָט ביי מיר באַשטעלט, אַז איך זאָל דראַמאַטיזירן פאַר אים דעם „תהלים־ייד".

איך האָב מיך אין דער דאָזיקער פּראָפּאָזיציע אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן־טוב. ערשטנס, האָט מיך געלאָקט די דאָזיקע אַרבעט און צווייטנס, וועל איך זיין מיט עפּעס פאַרנומען. איך האָב ביי מיר געהאַט באַשלאָסן צו מאַכן אַשן אַ סורפּריז, און ווען איך וועל האָבן פאַרענדיקט די דראַמאַטיזאַציע, וועל איך אים לאָזן דערפון וויסן. ווען דער ערשטער אַקט איז געווען פאַרטיק און איך האָב אַוועקגעשיקט אַ קאָפּיע צו טורקאָוון, האָב איך מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער געקריגן פון אים אַ דערמוטיקונגס־בריוו: עס געפעלט אים שטאַרק מיין אַרבעט, כאָטש מען וועט דאַרפן קירצן דעם ערשטן אַקט. ער האָט מיך אונטער־געיאָגט, אַז איך זאָל זיך שוין נעמען אַרבעטן איבער די איבעריקע צוויי אַקטן.

פונדעסטוועגן האָב איך יאָ אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו אַשן און אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז איך דראַמאַטיזיר דעם „תהלים־ייד". איך בין שטאַרק אַנטוישט געוואָרן. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון אַשן, אַז ער האָט פאַרקויפט די רעכט אויפן „תהלים־ייד" מאָריס שוואַרצן, און אַז ער אַליין — מאָריס שוואַרץ — וועט דעם ראָמאַן דראַמאַטיזירן. ער האָט מיך געהייסן אָפּשטעלן די אַרבעט, כדי מיר

איינצובערענגען אומזיסטע מי. עס איז אויך געווען אַנטוישט זיגמונט טורקאָוו, און פון אונזער ביידנס טרוים האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

איך האָב מיך געטרייסט מיט די בלויע כוואַליעס פון מיטל־לענדישן ים, מיט די גאָלדענע שטראַלן פון דער פרילינג־זון אויף דער ריוויערע. איך האָב גאַנצע טעג געבאָדן זיך, געברענט זיך, גע־שפּאַצירט, אַראָפּגעפאָרן פון צייט צו צייט מיטן אויטאָבוס צו דער ווילע „שאַלאָם", אַ פרעג טאָן ביי דזשאַנען, ווען דער טאַטע און די מאַמע קומען צוריק, וואָס דער טאַטע מאַכט נאָך דער אָפּעראַציע.

איינמאָל האָב איך מיך שטאַרק דערפרייט. דאָס איז געווען אָנ־הויב חודש סעפּטעמבער. דזשאַן האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון פאָטער, אַז ער זאָל צוגרייטן די וואוינונג, לאָזן אויסמאָלן די צימערן; ער האָט אים געהייסן אויך איבערמאָלן דעם אויטאָמאָביל. מיין פרייד איז געווען גרויס: אָט מיט מאָדזשען קומען צוריק, און עס וועלן זיך ווידער אָנהויבן וואונדערבאַרע טעג. איך האָב פּשוט נאָך זיי געבענקט. עס איז מיר מיאוס און מאוס געוואָרן אַרומצוגיין ליידיק און יעדן חודש אָפּנעמען מיינע שכירות ביי דזשאַנען, וואָס איך האָב געקריגן פּינקטלעך אויסגעצאָלט. דזשאַן האָט מיר אָפּילו דערציילט, אַז דער טאַטע האָט אים אין איין בריוו דערמאָנט: „געדענק אויסצוצאָלן ראָזענבערגן פּינקטלעך זיין געהאַלט!"...

אויך פון „דזשאָינט" האָב איך געקריגן יעדן חודש מיינע שכירות, אָבער שוין נישט אַזוי פּינקטלעך, ווייל זיי האָט מען געמוזט יעדעס מאָל דערמאָנען... אין „היינט" האָב איך דענסטמאָל גאָרנישט געדרוקט. די געשעפטן זענען נישט געגאַנגען אַזוי פויגלדיק; עס זענען געווען דאָרט צופיל באַלעבאַטים און איך האָב נישט געוואוסט, מיט וועמען מען דאַרף אונטערהאַנדלען...

אָבער אָט איז אָנגעקומען דעם 30־טער סעפּטעמבער, וואָס וועט בלייבן אין דער געשיכטע ווי אַ פינצטער בלאַט. די ראַדיאָ האָט פונאַנדערגעטראָגן די איוב־בשורה, אַז טשעמבערליין, דאַלאַדיע, מוסאָ־ליני און דער אבי־אבות הטומאה, היטלער ימח שמו, האָבן אונטער־געשריבן דעם טרויעריק־באַרימטן מינכענער פּאַקט. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען אַ טעלעגראַמע פון אָשן, אַז דזשאָן זאָל אַלץ ליקווידירן, איינפּאַקן דאָס מעבל, די ביבליאָטעק, אַלע בילדער און די איבעריקע קאָסטבאַרע חפצים און דאָס אַלץ איבערשיקן קיין ניו־יאָרק. צום סוף פון דער טעלעגראַמע איז געווען צוגעשריבן עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו מיר: „איך קאָן מער נישט האַלטן ראָזענבערגן"...

איך בין פון די דאָזיקע עטלעכע ווערטער געבליבן הענגען ווי אויפן וואַסער. קיין אָפּגעשפּאַרטע מאַיאָנטקעס פון אַלע מײַנע פאַר־דינסטן האָב איך נישט געהאַט. צו מיר האָט אַש וועגן דעם גאַרנישט געשריבן. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט דער טעלעגראַמע צום זון...

פונדעסטוועגן האָב איך געוואַרט אַ וואָך, צוויי וואָכן; און ווי איך האָב פאַרשטאַנען לאָגיש, דאַרף מיר שלום אַש אויסצאָלן כאָטש פאַר דריי חדשים געהאַלט, אָדער... — וועגן דעם האָב איך אַפילו נישט געוואַגט הויך צו חלומען — ער וועט מיך אַראָפּנעמען קיין אַמעריקע.

נישט ער האָט מיר געשיקט פאַר דריי חדשים שכירות, נישט ער האָט מיר פאַרגעשלאָגן צו קומען קיין אַמעריקע, נישט ער האָט מיר בכלל געשריבן אַ וואָרט... איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אַ שרעק־לעכן כעס. מײַן כעס איז מער געקומען פון פאַרצווייפלונג: איך האָב פשוט נישט געהאַט מיט וואָס צו פאַרלאָזן ניצע און אָפּפאָרן קיין פּאַריז. איך האָב מיר געהאַט אײַנגעאָרדנט אַ שיינע באַקוועמע היים, און איצט האָב איך דאָס אַלץ געדאַרפט ליקווידירן און איבערפעקלען זיך אויף אַ טויזנט קילאָמעטער ווייטער, אין דער הויפּשטאָט אַרײַן!... דערצו האָב איך געדאַרפט האָבן געלט, און איך האָב גאַרנישט פאַרמאָגט.

האָב איך אָנגעשריבן אַשן אַ האַרבן בריוו. וואָס איך האָב גע־שריבן, איז דאָ נישט וויכטיק צו דערמאָנען. איך וויל בלויז אונטער־שטרייכן, אַז איך בין געווען שרעקלעך אין כעס און נאָך שרעקלעכער פאַרצווייפלט.

יאָ, דערמיט קומט־צו נאָך אַ שטריך צו אַשס כאַראַקטער: פון צופיל צעפּיעשטשעטקייט האָט זיך ביי אים אין משך פון יאָרן אַנט־וויקלט אַ געוואַלטיקער עגאָאיזם. ער זעט די וועלט דורך זײַנע ברילן... ווען איך בין ביי אים געווען באַשעפטיקט, בין איך געווען אַ טייל פון זײַן עגאָאיזם. ער האָט געדענקט, ווי מיט אַ פּאָר שורות פריער באַמערקט, צו דערמאָנען זײַן זון, ער זאָל מיר פּינקטלעך אויסצאָלן מײַנע חודשלעכע שכירות!... איצט בין איך אויך סעק־רעטאַר, איז אויס מיט זײַן געדענקען!... איך האָב מער פאַר אים נישט עקזיסטירט!...

אונטער דעם אײַנדרוק איז געווען געשריבן מײַן בריוו צו אים.

מוז איך אָבער צוגעבן אין זײַן שבח: ווען מען זאָגט אים אַן אמת, מעג אים דער אמת נישט צו שטאַרק זײַן צום האַרץ, איז ער מודה, אַז ער האָט שלעכט געהאַנדלט: מיט אַן ערך דריי אָדער פיר טעג שפּעטער האָב איך באַקומען פון אים טעלעגראַפיש צוגעשיקט די סומע פון הונדערט־און־פופציק דאָלאַר. אַזוי פיל האָבן אָנגעטראָפן

מיינע שכירות פאַר דריי חדשים. אין פראַנקרייך איז דאָס געווען דאַמאָלס אַ קאָלאָסאַלע סומע געלט.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט מיין קאַריערע אַלס אַשס ליטע־ראַרישער סעקרעטאַר, און עס איז איבערגעריסן געוואָרן מיין יעדער קאָנטאַקט מיט אים.

אינטערעסאַנט אָבער איז: איך האָב אַשן נישט פיינט געקריגן דערפאַר. איך האָב צו אים געטראָגן פון מיין יוגנט אָן אַן איינגע־וואָרצלטע ליבע ווי צו אַ גרויסן שרייבער, און איך האָב פאַרקוקט אַזעלכע זאַכן, וואָס קיינער וואָלט נישט פאַרקוקט, און עד היום האָט זיך מיין געפיל צו אים נישט געענדערט, און אַש האָט דאָס גע־וואוסט.

אַ ראיה דערצו איז מיין איצטיק בוך, וואָס איך לייג דאָ אַוועק פאַר די יידישע לייענער. דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן מיט דעם דאָזיקן פאַרערונגס־געפיל צו שלום אַשן, דעם גרויסן שריפטשטעלער, און עס האָבן מיר באמת ווי־געטאָן די מיאוסע און אומזיסטע אָנפאַלן, קעגן אים, ווייל איך האָב געפילט, אַז אַ שרעקלעכער בילבול ווערט קעגן אים געהעצט.

ווי זאָגט מלך ראַוויטש אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען וועגן שלום אַשן און וואָס איך ציטיר שפּעטער, ביי אַ געלעגנהייט, אין צווייטן טייל: „...הגם אין פריוואַטן לעבן איז ער אַ ביסל אַ שווע־רער מענטש! נאָר ווער פון אונדז איז דאָס אַזאַ צדיק?...

אונדזערע וועגן האָבן זיך אויף שטענדיק צעשיידט...

# אַנעקדאָטן און מעשהלעך וועגן שלום אַשן

וועגן יעדער באַרימטער פּערזענלעכקייט גייען שטענדיק אַרום פאַרשידענע אַנעקדאָטן, מעשהלעך און אויך נישט־געשטויגענע־נישט־געפלויגענע פליאַטקעס — טייל פון זיי זענען קרוב לאמת, אַנדערע זענען בייזוויליק־אויסגעטראַכטע און האָבן נישט קיין שום שייכות מיט דערווירקלעכקייט.

וועל איך דאָ פּרואוון געבן אַ ריי אַזעלכע אַנעקדאָטן און מעשהלעך, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום אַשן און זיי גיבן־צו — ווי אַ שמיר פון פאַרב צו אַ בילד — מער קאָלאָריט צו זיין פּערזענלעכקייט. פאַרשטייט זיך, אַז איך לאָז דאָ אַרויס די בייזוויליקע פליאַטקעס, וואָס זענען במזיד געשאַפן געוואָרן דורך זיינע שונאים און נישט־פאַרגינערס און זיי האָבן אַזאַ שייכות מיט אַשן, ווי אויפן הימל אַ יאַריד!...

הגם מיינע ביז־איצטיקע צוואַנציק קאַפּיטלען זכרונות זענען דורכגעפלאָכטן מיט פאַרשידענע אַנעקדאָטן וועגן אַשן, האָבן זיך אָבער אייניקע בשום אופן נישט אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פון מיין דערציילן, און איך ברענג זיי איצט אין דעם באַזונדערן קאַפּיטל, מיט אַ צוגאָב פון אַנעקדאָטן און מעשהלעך, וואָס כ׳האָב געהערט אָדער מ׳האָט מיר פּערזענלעך דערציילט, און כ׳וועל מקיים זיין דעם „האומר דבר בשם אומרו״...

## אַשס געבוירנטאָג

איך וועל אָנהויבן מיט אַן אַנעקדאָט אין צוזאַמענהאַנג מיט שלום אַשס געבוירנטאָג, און דערציילט האָט עס מיר שלום אַשס ייִנגערער ברודער זבולון (סעם) אַש, וועלכער וואוינט אין די בראָנקס. זבולון איז מיט צוויי יאָר ייִנגער פון שלומען.

ווי באַקאַנט, איז אַשס ביאָגראַפיע נישט שווה בשווה מיטן ריכטיקן טאָג פון זיין געבוירן ווערן. אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן, למשל, איז אָנגעגעבן, אַז אַש איז געבוירן געוואָרן דעם 1־טן יאַנואַר, אָבער זיין מוטער זאָגט — גיט־צו זלמן רייזען — אַז זי האָט אים געבוירן אין פּסח. די נאָענטע משפּחה זיינע טענהט, אַז שלום אַשס געבוירנטאָג איז גאָר אין חודש נאָוועמבער, און דעם דאָזיקן געבוירנטאָג האָבן זיי טאַקע געפּראַוועט.

דערציילט מיר זבולון אַש, אַז ווען מ'האָט ביי זייער מאַמען געפרעגט, ווען שלום איז געבוירן געוואָרן, האָט זי געענטפערט גאַנץ תמימותדיק: „מען דאַרף אַ פרעג־טאָן ביי דער שכנטע, וועלכע האָנדלט מיט גאַמעלקעס, ווייל איר טאָכטער איז געבוירן געוואָרן אין דעם זעלבן טאָג!...״

## שלום אַש און דער מלמד

די דאָזיקע מעשה דערציילט דער באַקאַנטער דיכטער מלך ראַוויטש.

מלך ראַוויטש איז אין 1930 געווען אין זשיכלין (אַ שטעטל לעבן קוטנע). אַזוי ווי זיינע באַקאַנטע האָבן געוואוסט, אַז ראַוויטש איז אַ גרויסער חסיד פון אַשן און ער איז פאַראינטערעסירט אין אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום באַרימטן שריפטשטעלער, האָבן זיי אים געוואָלט מהנה זיין מיט עפּעס אינטערעסאַנטס, און זיי האָבן אים אָפּגעפירט צו דעם קליינשטעטלדיקן מלמד, אַ ייִד אין אַ צייגן כאַלאַטל, מיט אַ לאַנגער באָרד, אַ ייִד אַ באַרעדעוודיקער. געווען איז עס אַ שבתדיקער נאָכמיטאָג.

ווייסט שוין דער ייִד, וואָס דער אומבאַקאַנטער גאַסט וויל פון אים, אָבער ער מאַכט זיך כלא ידע. ער וויל, אַז מען זאָל אַרויספירן דעם שמועס אויף... שלום אַשן. ווען דאָס געשעט, דערציילט ער דאַמאָלס אַזאַ געשיכטע:

„נו, יאָ, מיר האָבן דאַמאָלס שוין ביידע געשריבן סיפּורים און מאמרים, איך און ער, שלומקע, ווי רופט איר אים היינט — שלום

אַש!... דאָס הייסט, איך האָב געשריבן און ער האָט אויך גע־סקריפּעט מיט דער פּען. האָבן מיר ביידע באַשלאָסן אַריינצופּאָרן צי פּרצן קיין וואַרשע און אים וויזן די כתבים אונזערע, דאָס הייסט — מײַנע כתבים און זײַן שרײַבעכץ. נאָר אײדער וואָס־ווען, האָט שלומקע אויסגעכאַפּט און ער איז פריער געפאָרן צו פּרצן און אים געוויזן זיינע כתבים, און ער איז געוואָרן דער שרייבער און איך — ווי איר זעט — בין אַ מלמד אין זשיכלין..."

און ראַוויטש גיט־צו: דער מלמד איז געווען איבערצייגט, אַז ווען נישט שלום אַש, נאָר ער פּאָרט דענסטמאָל דער ערשטער קיין וואַרשע צו פּרצן, וואָלט ער געווען דער וועלט־באַרימטער שרייבער און שלומקע — דער מלמד אין זשיכלין...

## אַשס קינדישע קאַפּריזן

דערציילט מיר דער דיכטער ז. ווײַנפּער אַזאַ מעשה:

ער, ווײַנפּער, איז אַמאָל געווען צוגאַסט ביי שלום אַשן אין סטעמפּאָרד, קאָנעטיקוט. איז זיצנדיק און שמועסנדיק מיט אַשן לעבן זיין שרײַבטיש, האָט ער דערווייל באַמערקט ליגן אַ קליין תנכל, איינגעבונדן אין זילבערנע טעוועלעך. האָט ער עס גענומען אין דער האַנט אַריין און באַוואונדערט. עס איז געווען זייער אַ שיין חפץ.

רופט זיך אַש אָן צו ווײַנפּערן:

„ווײַנפּער, עס געפעלט אייך?"

ענטפערט ווײַנפּער:

„יאָ, עס איז זייער אַ שיינע זאַך."

„נעמט עס, איך גיב עס אייך אַוועק אַ מתנה!" — רופט זיך אַש אָן.

ווײַנפּער איז געווען גערירט און גליקלעך פון אַשס ברייט־האַרציקייט. ער האָט אַשן שיין באַדאַנקט און ער איז אַהיימגעפאָרן קיין ניו־יאָרק.

צומאָרגנס דערשיינט אַש אין ווײַנפּערס דירה. ער איז בייז און אָנגעבלאָזן. ער רופט אויס צו ווײַנפּערן מיט אַ ברוגזער שטימע:

„איר האָט נעכטן ביי מיר צוגענומען אַ תנכל, גיט עס מיר אָפּ, עס איז מאַאַן!..."

---

מיט מיר גופא איז געשען אַזאַ ענלעכע געשיכטע. דאָס איז געווען אין ווינטער, 1933, ווען איך האָב אין ניצע געהאַט פּאַר־

ענדיקט מיין ערשטע סעקרעטאַר־קאַריערע נאָך אַשס אָנשרייבן דעם „תהלים־ייד". מיט פרנסה איז ביי מיר געווען נישט פויגלדיק. איך האָב דענסטמאָל געוואוינט אין פּאַריז, אין אַן אָרים האָטעלעכל אין לאַטיינישן קוואַרטאַל. אַש האָט מיר פריער געהאַט אָנגעשריבן, אַז ער קומט אויף אַ פּאָר טעג קיין פּאַריז. ער האָט מיר מיטגעבראַכט עפּעס אַ מאַנוסקריפּט פון אַ דערציילונג, וואָס איך האָב געדאַרפט אויף אינדערגיך איבערשרייבן און פאַרריכטן. ער האָט מיר באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט.

רעדנדיק מיט מיר און דערוויסנדיק זיך וועגן מיין נישט צו פריילעכער עקאָנאָמישער לאַגע, האָט אַש ברייטהאַרציק אַרויסגענומען צוויי הונדערט פראַנק און מיר דערלאַנגט אַ מין אַדערויף פאַר אַרבעט, וואָס איך וועל אים דאַרפן מאַכן אין דער צוקונפט. איך בין אים געווען זייער דאַנקבאַר פאַר דעם דאָזיקן זשעסט. צוויי הונדערט פראַנק איז ביי מיר דאַמאָלס געווען אַ גאַנץ שיינע סומע געלט.

ווען ער איז געגאַנגען אהיימפאָרן קיין ניצע מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָב איך אים, אויף זיין פאַרלאַנג, באַגלייט צום גאר דע ליאָן (ליאָנער וואָקזאַל). ער האָט גענומען אַ טאַקסי און מיר זענען געפאָרן שטילשווייגנדיק צום באַנהויף. אינדרויסן האָט געשמיסן אַן איינעסנדיק רעגנדל. ווען מיר זענען אָנגעקומען צום וואָקזאַל, איז נאָך געווען גענוג צייט צום אָפּגיין פון צוג. אַש איז איינגעשטיגן אין דעם עלעגאַנטן שלאָפוואַגאָן, אַוועקגעשטעלט זיך ביים אָפענעם פענצטער, איך בין געבליבן שטיין אויפן פעראָן און מיר האָבן גע־שמועסט.

אַזוי ווי דאָס רעגנדל האָט אָנגעהויבן ווערן צודרינגלעכער, און קאַלט אינדרויסן איז געווען, האָב איך מיך מיט אים אָפּגעזעגנט און געלאָזט זיך גיין צום אַרויסגאַנג. ווען איך האָב זיך שוין געהאַט דערווייטערט פון אים אַ שפּאַר שטיקל, דערהער איך מיטאַמאָל זיין באַקאַנטן רוף:

„ראָזענבערריג!..."

איך האָב מיך אומגעקערט צו אים און געפרעגט פאַרוואונדערט:

„וואָס ווילט איר, אַש?"

„גיט מיר צוריק די צוויי הונדערט פראַנק!"... — האָט ער אויסגערופן גאַנץ רואיק.

איך בין נישט געווען צו שטאַרק איבערראַשט. איך האָב אים דאָס געלט צוריקגעגעבן, נישט אָנרופנדיק זיך קיין וואָרט. איך בין געבליבן — בגפו יבוא בגפו יצא...

# די רראַכע בעררגערס...

שלום אַש האָט געהאַט, ווי יעדער בשר ודם, פאַרשידענע שוואַכ־קייטן. איינע פון זיינע שוואַכקייטן איז געווען — אַפשיי פאַר רייכע מענטשן...

איינמאָל איז געשען אַזאַ מין פּאַרפּאַל:

אין ניצע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ קליין, מאָגער מענטשל, אַ קאָונער ייד, מיטן נאָמען קאַנטאַראָוויטש. ער האָט זיך אויך אַרומ־געטראָגן מיט אַ וויזיט־קאַרטע, וואו עס איז געווען אויפגעשריבן: קאַנטאַראָוויטש־קאַנטאַראָוויקאָס. ס'האָט אים אַמאָל אַ שיכורער ליט־ווישער „דיפּלאָמאַט" צוגעזאָגט צו מאַכן פאַר אַן ערן־קאָנסול אין ניצע, האָט ער צוליב דעם אָנגענומען דעם דאָזיקן ליטוויש־קלינגענ־דיקן נאָמען...

דאָס דאָזיקע זשוואָווע יידעלע האָט געהאַט אַ געשעפט פון טייערע שפּיצן און עס האָבן ביי אים געקויפט די פּראָמינענטסטע געסט, וואָס זענען נאָר געקומען אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע: פון דעם אַלטן שוועדישן קייסער גוסטאַוו, דעם טעניס־שפּילער, ביז דעם באַרימטן רוסישן באַס פעאָדאָר שאַליאַפּין. ביי אים אין שטוב איז אַפילו געהאָנגען אַן איינגעראָמט בילד פון שאַליאַפּינען מיט אַן אויפשריפט: „דעם טייערן פריינט קאַנטאַראָוויטש!"... קורץ, ער האָט זיך גע־קענט מיט דער גאַנצער וועלט און ווער עס איז נאָר געקומען קיין ניצע, האָט זיך מיט אים דאָס קאָונער מאָגערע יידעלע אַרומגעדרייט איבער דער פּראָמענאַד דעז'אַנגלעי אונטערן אָרעם: דאָ איז עס געווען דער קאָונער רב שאַפּיראָ; אַ צווייט מאָל איז עס געווען עפּעס אַן עקזאָטישער פּרינץ, וכדומה. פאַרשטייט זיך, אַז מיט שלום אַשן איז ער געווען אויסגעקאָכט.

מאַכט זיך אַ מעשה, עס קומט צו פאָרן קיין ניצע עפּעס אַ רייכער אַמעריקאַנער ייד מיטן נאָמען בערגער. צומאָרגנס האָט זיך שוין קאַנטאַראָוויטש־קאַנטאַראָוויקאָס מיט דעם ייד אַרומגעפּאָרעט און געוויזן אים את רוב עשרו ואת רוב גדלו. איז אָנטרעפנדיק מיטאַמאָל אויף דער פּראָמענאַד שלום אַשן שפּאַצירן, האָט זיך דאָס יידעלע געוואָלט באַווייזן פאַר דעם אַמעריקאַנער טוריסט, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיטן באַרימטן שרייבער. פירט ער צו דעם ייד צו אַשן און ער שטעלט פאָר אויף זיין געבראָטענעם קאָונער לשון:

„דאַש איז מיסטער בערגער און דאַש איז סאָלעם אַס!"...

רופט זיך אָן דער אַמעריקאַנער טוריסט צו שלום אַשן:

„זענט איר נישט אַמאָל דער אַש, וועלכער האָט אַן אַנטיקן־געשעפט אויף סעקאַנד עוועניו אין ניו־יאָרק?..."

אַש האָט טאַקע אַמאָל געהאַט אַזאַ אַנטיקן־געשעפט. איז שלום אַשן געקומען דאָס בלוט אין פּנים אַריין פֿאַר כּעס: הערסט אַ מעשׂה, שלום אַשן דעם באַרימטן שרייבער קען ער גאָרנישט, נאָר אַשן דעם אַנטיקן־הענדלער קען ער יאָ!... און ער האָט אַ שאָס אַרויס געטאָן ווי נאָר שלום אַש האָט געקאָנט:

„גאַיטס און בראַכץ הענט און פֿיס!"...

מען קאָן זיך שוין פֿאָרשטעלן, ווי דער רייכער אַמעריקאַנער טוריסט, מיסטער בערגער, און קאַנטאַראָוויטש האָבן זיךביידע געפֿילט!...

מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך אַש מן הסתּם געהאַט דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט עפּעס וועגן אַ רייכן אַמעריקאַנער ייִד מיטן נאָמען בערגער, טרעפֿט ער אָן קאַנטאַראָוויטשן אויף דער פּראָ־מענאַד, וואו ער האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט שלינג און שלאַנג (די שפּיצן האָט פֿאַרקויפֿט זיין ווייבל) און ער גיט אים אַ פֿרעג:

„זאָגט מיר נאָר, קאַנטאַראָוויטש, איז יענער אַמעריקאַנער ייִד, וואָס איר האָט מיר היינט פֿאָרגעשטעלט, נישט אַמאָל פֿון די רראַכע בעררגערס?!..."

מען האָט געקאָנט זען, אַז ס'טוט אים באַנג, פֿאַרוואָס ער האָט דעם רייכן ייִד באַליידיקט...

## אייך איז גוט: אייער וואַב אַרבעט

מיט אַ סך יאָר פֿריער, איידער איך בין אָנגעקומען אויף מיין שטעלע צו שלום אַשן, האָט ביי אים געטאָן אַן ענלעכע אַרבעט דער פּאַריזער שרייבער הערש פֿענסטער.

איינמאָל, כּטוב לב המלך... אַש האָט זיך געפֿילט אין גוטן מוט, האָט ער זיך אָנגעהויבן אויספֿרעגן ביי פֿענסטערן, ווי עס גייט אים אין פּרנסה, וואָס ער טוט אַ חוץ דער אַרבעט ביי אים. וואָרים ער האָט דאָך געוואוסט, אַז פֿון זיינע שכירות האָט פֿענסטער געהאַט קוים וואַסער אויף קאַשע. פֿענסטער רעדט שטענדיק מיט אַ וויינענ־דיק שטימעלע. דערציילט ער אַשן, אַז עס וואָלט טאַקע געווען זייער נישט גוט ביי אים מיט פּרנסה, נאָר זיין ווייב איז אַ נייטאָרין, העלפֿט זי אים אַרויס אויסהאַלטן די שטוב.

רופֿט זיך אַש גאַנץ תּמימותדיק אָפּ צו פֿענסטערן:

„וואָס־זשע ווײנט איר, אַז איז דאָך בעסער פון מיר: מײן וואָאַב אַרבעט נישט און אײער וואָאַב אַרבעט יאָ, און זי העלפט אײך אַרויס!...״

## מיר זענען בײדע גלײך...

אַש, נישט געקוקט אויף זײן רײכן לעבן ווי אַ קעניג, האָט געהאַט אַ טבע זיך שטענדיק צו באַקלאָגן און יענעם מקנא זײן. אײנ־מאָל, ווען ער איז אַהײמגעקומען פון סאַן רעמאָ, די איטאַליענישע ריוויערע, וואו ער איז געווען אײנגעלאַדן צוזאַמען מיט זײן פרוי צום באַרימטן דײטשן שריפטשטעלער גערהאַרדט הויפּטמאַן, איז ער געווען אויסגעלײדיקט פון געלט. רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

„רראָזענבערריג, מיר זענען איצט בײדע גלאַאַכע אַררימעלאַאַט, איך האָב נישט בײ זיך קײן צעבראָכענעם סאַנטים אין טאַש און איר האָט נישט!...״

דערבײ האָט ער אַרויסגעצויגן די קעשענעס פון די הויזן, איבער־געדרײט זײ און מיר געוויזן, אַז זײ זענען לײדיק.

ער האָט עס געמײנט זײער ערנסט, פאַרגעסנדיק דערבײ בלויז אײן קלײניקײט: ער לעבט זיך, ברוך השם, אין אַ קעניגלעכער ווילע מיט אַ גרויסן גאָרטן, און אַז מאָרגן וועלן זײנע קעשענעס ווידער זײן אָנגעפּולט מיט וואַליוטע פון דער גאַנצער וועלט...

## שלום אַש און איציק מאַנגער

דערצײלט מיר דער באַרימטער דיכטער איציק מאַנגער אַזאַ מעשה: ער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן אין אַן אָרים שטיבל בײ עפּעס אַ קריסטלעכער פרוי. די שיסל איז בײ אים נישט איבערגעגאַנגען, און די באַלעבאָסטע, בײ וועמען ער האָט געוואוינט, האָט אַפילו נישט געוואוסט, אַז איר קוואַרטיראַנט איז אַ יידישער פּאָעט. זי האָט בלויז געוואוסט, אַז ער איז אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס... קײן גרויס דרך ארץ צו קבצנים, ווײזט מען, כידוע, אין ערגעץ נישט אַרויס...

אײנמאָל קומט די באַלעבאָסטע אַרײן מיט אַ צעפלאַמט פּנים און זי זאָגט אים אָן די בשורה, אַז דער באַרימטער שריפטשטעלער שלום אַש, דער אויטאָר פון „נאַזאַרין״, וויל אים זען און ער וויל דאָ אַהער צוקומען!... דאָס מאָל האָט זי אַרויסגעוויזן גרויס דרך ארץ צו מאַנגערן: אויב שלום אַש קומט צו אים אויף אַ באַזוך, איז ער דאָך אויך נישט אַ ליאַדע־וואָער!...

היות מאַנגער האָט מן הסתם נישט געוואוינט אין קיין פּאַלאַץ, האָט ער נישט געוואָלט, אַז אַש זאָל קומען צו אים און זען אין וואָס פּאַר אַ העק ער וואוינט, האָט ער זיך פאַרשטענדיקט טעלעפאָניש מיט אַשן, אַז ער וועט צוקומען צו אים אין דעם לוקסוריעזן דעווענשיר־האָטעל, וואו אַש איז איינגעשטאַנען.

ווען מאַנגער איז אין זיין „רייכן" הולך אָנגעקומען אין דעם דעווענשיר־האָטעל און זיך אָנגעמאָלדן ביים פּאָרטיער צו אַשן, האָט דער לאָקאַי אין זיין גאָלדענער ליוורעי אים אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט פון אויבן אַראָפּ, ווי אײנער זאָגט: זע נאָר דעם גאַסט, וואָס יאָוועט זיך צום מיסטער שאָלעם עש!... אָבער ווען ער האָט זיך אָנגעפרעגט ביי אַשן דורכן טעלעפאָן און איבערגעגעבן, אַז עפּעס אַ געוויסער מאַנגער פרעגט זיך אויף אים, האָט ער אים געהייסן אַרויפשיקן.

אַש האָט מאַנגערן זייער פריינטלעך אויפגענומען, אָפּגעשטעקט אים „שלום עליכם", און באַלד האָט ער, ווי ער פירט זיך מיט אַלע זיינע געסט, אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך בראַנדי, וואָס האָט ביי אַשן קיינמאָל אין באַר נישט אויסגעפעלט. זיי האָבן דערווייל אַ ביסל געשמועסט, די גלעזלעך בראַנדי זענען געשטאַנען און מיט דרך־ארץ געוואַרט, ביז די צוויי לייט וועלן זיי טועם־זיין, כאָטש מאַנגערן האָט געקיצלט אין האַלז...

מיטאַמאָל גיט אַש אַ שטרעק אויס די האַנט צו מאַנגערן און גיט אַ זאָג:

„זאָלסט מיר געזונט!"...

און ער האָט געלאָזט שטיין מאַנגערן מיט די צוויי גלעזלעך בראַנדי און ער האָט זיך דערווייטערט אין אַ צווייטן צימער. איציק מאַנגער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי אויך אַוועקצוגיין, און די צוויי גלעזלעך משקה זענען געבליבן שטיין אומבאַרירט־פאַרשעמטע...

## אייזענמאַנס קאַסע איז ווי מיין אייגענע...

אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע דערציילט דער באַרימטער אַקטיאָר און רעזשיסער, מאָריס שוואַרץ:

ווען שלום אַש און זיין פרוי זענען געקומען צוגאַסט פון אייראָפּע קיין ניו־יאָרק, שוין נאָך עטלעכע חדשים, ווי שוואַרץ האָט אויפגעפירט זיין „קידוש השם", האָט מאָריס שוואַרץ איינגעאָרדנט פאַר אַשן אַ גרויסן קבלת־פּנים און דערביי אויפגעפירט די דאָזיקע פּיעסע. אַש איז געווען יום־טובדיק געשטימט, און נאָך דער פאָרשטעלונג האָט

ער איינגעלאַדן די גאַנצע טרופּע מיט מאָריס שוואַרצן בראש אין דעם באַרימטן „עסעקס־הויז״ (אַ האָטעל), וואו מ׳האָט זיך משמח געווען ביז דריי פאַרטאָג. אַש האָט געשיינט פון פרייד, אַ ליכטיקער שמייכל האָט גערוט אויף זיין געטאָקט פּנים.

די רוימישע נאָז האָט זיך נאָך מער אָנגעשפּיצט, ווען די אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן זינגען די ניגונים פון „קידוש השם״. אַש האָט ליב געהאַט יידישע ניגונים, פאָלקסמאָטיוון, און אַזוי ווי דער באַרימטער אחרון האָט געשריבן די מוזיק פאַר דער פאָרשטעלונג, האָט אַש זיך פשוט מחיה געווען.

אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג האָט זיך אַש אויפגעהויבן און געזאָגט: „אַ גוט־מאָרגן, קינדער!״... און ער איז אַוועק. ער האָט אָפּנים געהאַט פאַרגעסן, אַז ער האָט עס איינגעלאַדן די טרופּע אויף דער גרויסאַרטיקער שמחה, וואָרים ער האָט, אַוועקגייענדיק, פאַרן מאָלצייט נישט באַצאָלט... גראָד איז דאָרט אָנוועזנד׳יק געווען אַשס פריינט און גרויסער חסיד, מאָריס אייזענמאַן, וועלכע האָט באַצאָלט דעם חשבון, וואָס האָט אָנגעטראָפן גאַנצע הונדערט און זעכציק דאָלאַר.

אויף צומאָרגנס האָט אַש אָנטעלעפאָנירט און זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט פאַרגעסן צו באַצאָלן דעם טשעק. ווען מאָריס שוואַרץ האָט אים געזאָגט, אַז מר. אייזענמאַן האָט באַצאָלט דעם חשבון, איז ער געווען צופרידן...

„אייזענמאַנס קאַסע — האָט ער אויסגערופן — איז ווי מיין אייגענע...״

## אַש עסט רויטע קאַרשן

אַ צווייטע כאַראַקטעריסטישע מעשה וועגן אַשן דערציילט מאָריס שוואַרץ:

אַש האָט זייער ליב געהאַט רויטע קאַרשן. רופט ער זיך אַמאָל אָפּ צו מאָריס שוואַרצן: „קומט, שוואַרץ, וועלן מיר עסן קאַרשן!״... זענען זיי ביידע אַרויס אויף סעקאַנד עוועניו און אַש האָט ביי אַ הענדלער אויף דער גאַס איינגעקויפט עטלעכע פונט רויטע קאַרשן, און שפּאַצירנדיק איבער דער סעקאַנד עוועניו צוזאַמען מיט שוואַרצן, האָט ער ביסלעכווייז אויפגעגעסן ביז דער לעצטער קאַרש און נישט געזאָגט אַפילו צו זיין באַגלייטער: „נעמט אַ קאַרש!״...

מאָריס שוואַרץ פאַרזיכערט, אַז ווען אַש האָט געשלונגען די קאַרשן, האָט ער אַפילו נישט געטראַכט, אַז ער גייט לעבן אים. ער

האָט מסתמא געטראַכט פון אַ נייער שאַפונג זיינער, מיט וועלכער זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען (אָן ענלעכע געשיכטע, מיט האָניק־זיסע באַרנעס, באַשרייב איך אין קאַפּיטל זעקס: „אַ באַזוך ביי אַשן הינטער פּאַריז״)...

## ס׳איז גוט צו זיין שלום אַש

איינמאָל אין אַ שוואַרץ־פאַרוואָלקנטער נאַכט, אינדרויסן האָט געבייטשט אַן איינעסנדיק רעגנדל, בין איך געזעסן מיט אַשן אין אַ טאַקסי, וואָס האָט אונז געפירט צום גאַר דע ליאָן אין פּאַריז. איך האָב אַשן דעמאָלט באַגלייט צו דער באַן אויף זיין וועג קיין ניצע.

מיר זענען געזעסן איינער לעבן אַנדערן אין דער טאַקסי און מיר האָבןביידע עקשנותדיק געשוויגן. פּלוצים גיט אַש אַ הויכן לאַך. איך קוק אים אָן, און ער לאָזט נישט לאַנג אויף זיך וואַרטן:

„האַ, רראַזענבערריג, ס׳איז גוט צו זיין שלום אַש!״...

„מיט וואָס איז עס אַזוי גוט?״ — האָב איך אים, כאַטש אַ פאַרוואונדערטער פון דעם אומגעריכטן זאָג, געפרעגט אין שפּאַס, טראַכטנדיק דערביי, אַז ער איז טאַקע כשר געערעכט!...

„המ, אַלע באַרגן מיר געלט — צען טויזנט, צוואַנציק טויזנט פראַנק, איך גיב קיינמאָל נישט אָפּ און מען מאָנט מיך נישט...״

איך האָב דאַמאָלס באַוואונדערט אַשס ממש קינדיש־נאַאיווע אָפנ־האַרציקייט. שלום אַש האָט געהאַט גרויס מזל צו אַ סך יידישע גבירים־מעצענאַטן. אַט אַזעלכע שטייגער יידן, ווי עס איז געווען דער פאַרשטאָרבענער מאָריס אייזענמאַן פון ניו־יאָרק, וועלכער איז געווען אַשס אַ הייסער חסיד. אָן שום ספק איז אייזענמאַן געווען איינער פון די, וואָס האָבן שלום אַשן „געבאָרגט״ געלט און קיינמאָל נישט גע־מאָנט... עס איז באַוואוסט, אַז דער זעלבער אייזענמאַן האָט „גע־באָרגט״ געלט, און דווקא גרויסע סומעס, אויך אַן אַנדערער באַרימטער יידישער פּערזענלעכקייט. יענער האָט עס זיכער קיינעם נישט דער־ציילט. דער קינדישער שלום אַש האָט עס געמוזט פון זיך אויס־פּלוידערן...

## עטץ שרראַבט נאָך?

מיין פריינט א. אַלמי האָט מיר דערציילט צוויי אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן וועגן שלום אַשן.

אַלמי, ווי באַוואוסט, האָט זייער יונג אָנגעהויבן צו שרייבן און ער

איז געווען אַן איינגייער צו פּרצן אין הויז. דאָרט האָט ער זיך באַ־קענט מיט אַ סך שרייבער, צווישן זיי אויך מיט שלום אַשן.

אַלמי איז דאַמאָלס געווען אַ בחורל פון אַ יאָר זעכצן. מיט אַרום צוואַנציק יאָר שפּעטער פּאָרט אַלמי אין ניו־יאָרק אויף דער 3־טער עווענין עלעווייטאָר. אויף אַ געוויסער סטאַנציע שפּרייזט אַריין מיט זיינע לאַנגע פיס שלום אַש.

ער האָט דערזען אַלמין און ער האָט אים דערקענט. איז ער צו אים צוגעקומען, אַריינגעשטעקט אים זיין גרויסע האַנט, און ער גיט אים אַ פרעג:

„עטץ שראַבט נאָך?"

און איידער אַלמי האָט אים באַוויזן אָפּצוענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, האָט אים אַש ווידער געגעבן אַ שטעק אַריין די האַנט און אַ זאָג־געטאָן:

„זאָאַטץ מיר געזונט!"...

און ער האָט אַוועקגעשפּרייזט אין צווייטן עק וואַגאָן און זיך דאָרט איינער אַליין אַנידערגעזעצט.

## איצט, שלום, ועסטו האָבן אַן אָפּענעם קאָפּ

אָט איז די צווייטע טשיקאַווע געשיכטע:

דאָס איז געווען אין 1908, נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. י. ל. פּרץ און שלום אַש זענען דאַמאָלס אַרומגעפאָרן איבער גאַליציע און געהאַלטן רעפעראַטן וועגן דער יידישער שפּראַך און וועגן דער באַדייטונג פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ.

פּרץ האָט דענסטמאָל מיט זיך מיטגענומען אויף דער רייזע דעם זעכצן־יעריקן אַלמי אַלס זיין סעקרעטאַר.

האָט פּאַסירט, אַז אין דעם גאַליצישן שטעטל בוטשאַטש האָט אַש געהאַלטן אַ רעפעראַט מיט פייער און פּאַטאָס, ווי דער יונגער אַש האָט געקאָנט. האָט זיך צווישן די צוהערער געפונען איינער אַ סטודענט, מיטן נאָמען וויינריב, אַ פאַרברענטער העברעאיסט, וועלכער האָט אַשן כסדר געשטערט אינמיטן רעדן, מאַכנדיק צווישנרופן. אַש האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, האָט ער מיטן פינגער צוגערופן וויינריבן צו דער בינע. ווען יענער איז צוגעקומען נאָענט, האָט אים אַש אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש.

אַרויסגייענדיק נאָכן רעפעראַט פון זאַל, האָבן אַש, פּרץ און אַלמי זיך געהאַלטן צוזאַמען. מיטאַמאָל איז אונטערגעשפּרונגען פון

הינטן ווײַנריב און מיט אַן אײַזערן שטעקעלע דערלאַנגט אַשן אַ זעץ איבערן קאָפּ און בלוט האָט זיך אָנגעהויבן גיסן.

פּרץ האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און צוזאַמען מיט אַלמין האָט ער אַשן צוריק אַרײַנגעפירט אין זאַל, מ׳האָט אַרויסגערופן אַ פעלדשער, וועלכער האָט אים באַנדאַזשירט דעם קאָפּ.

ווען פּרץ האָט זיך איבערצײַיגט, אַז אַש איז אויסער געפאַר, האָט ער צוריקבאַקומען זײַן הומאָר און מיט אַ שמייכל אויסגערופן צו אַשן:

„איצט, שלום, ווײסטו האָבן אַן אָפענעם קאָפּ!״...

## ס׳איז שווער מיט אַשן ברוגז צו ווערן

איינמאָל, אַרײַנקומענדיק גאַנץ פרי אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז שלום אַש איז פּלוצים געקומען צו פאָרן קיין וואַרשע און ער שטייט־איין אין האָטעל „אייראָפּעיסקי״. היות איך בין מיט אים שוין געווען אַזוי גוט באַ־פרײַנדעט, געאַרבעט מיט אים אין צאָפּאָט; ער האָט מיר שוין געהאָט אַפילו צוגעזאָגט אויפצובויען אַ ספּעציעל צימער אין זײַן געפּלאַנטן הויז אין אָטוואָצק, אויף מאַדזשעס פאַרשלאַג; האָב איך מיך געפילט מיט אים גאָר היימיש און משפחהדיק.

כאַפּ איך מיך אַרײַן אין דער טעלעפאָן־בודקע אין ליטעראַטן־פאַראיין און קלינג צו אים אָן (אמת, מיט אַ ביסל האַרץ־קלאַפּעניש...) אין האָטעל „אייראָפּעיסקי״ און איך הייס מיך פאַרבינדן מיטן פאַן שאַלאָם אַש...

באַלד דערהער איך זײַן כריפּענדיק־פאַרשלאָפענע שטימע (ס׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָכמיטאָג):

„העלאָ!... ווערר רֵרעדט! ...

איך זאָג אים האַלב אין אַ האָפערדיקן טאָן און האַלב מיט אומזיכערקייט:

„דאָ רעדט שלמה ראָזענבערג!״

דערהער איך מיטאַמאָל אַ לייכטן קנאַק. ער האָט אויפגעהאָנגען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, און כאָטש רֵעדט צו דער וואַנט!...

איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אַ מוראדיקן כעס. כ׳האָב געפילט, ווי דאָס בלוט איז מיר געקומען אין פּנים אַרײַן. כ׳האָב מיך בלויז אומגעקוקט, צי קיינער פון די שרייבער האָט נישט אונטערגעהערט מײַן מפּלה. וויפיל האַרבע רייד עס זענען מיר נאָר געקומען אויף דער

צונג, האָב איך אויסגעבייטלט צו זיין קאָפּ: „אַזאַ טאַקטלאָזע בריאה!... אַזאַ בעל־גאווהניק!... אַ סנאָב!... אַ פּאַהיבעל אויף אים!"

איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, אַז ווען אַש וועט אַריינקומען אין ליטעראַטן־פאַראיין, וועל איך אים איגנאָרירן ווי אַ פּעסט, כ'וועל נישט צוגיין צו אים און איך וועל אים לאָזן פילן, אַז עס פאַרדריסט מיך גאָר שטאַרק זיין סנאָבישע האַנדלונג. איך בין געווען אויסערגעוויינלעך באַליידיקט פון אים.

מיט אַן ערך אַ שעה שפּעטער — אַש איז דאָ!...

איך דריי מיך צו אים דעמאָנסטראַטיוו אויס מיטן רוקן און „איך זע אים נישט". קומט אַש צו מיר צו מיט גיכע טריט, לייגט פריינטלעך אַרויף זיין גרויסע האַנט אויף מיין אַקסל, ווי קיינמאָל גאַרנישט, און ער גיט מיך אַ פרעג מיט אַ היבשער דאָזע וואַרימקייט אין זיין קול:

„וואָס מאַכט איר, רראָזענעבעררריג!? איר זעט דאָך אויס, קאַניינע האָרע, זייער גוט! ווי גייט אייך מיט פּרנסה? אַ גרוס אייך פון מאַדזשען, אייער קוזינע!..."

און די שוואַרצע אויגן זיינע זענען אַזוי מילד און גוט.

נו, גיי און ווער מיט אַזאַ איינעם ברוגז!...

## דער רבי מעג...

דאָס איז געווען ווינטער, 1937. עס איז געבוירן געוואָרן מיין ערשטער זון. אַש איז אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז אָנווינטשן „מזל־טוב".

אויספרעגנדיק זיך פריער ביי מיין פרוי, וואָס זי מאַכט, ווי זי פילט זיך, רופט ער אויס:

„וויזט מיר אייער זון!"

און באַוואונדערנדיק דעם ניי־געבוירענעם, האָט ער, ווי אַ יידישער מענטש, אונדז אָנגעוואונטשן, אַז מיר זאָלן אים „מגדל־זיין לתורה, לחופה ולמעשים טובים".

„ווי הייסט אייער זון?" — אינטערעסירט זיך ווייטער אַש.

ענטפערט אים מיין פרוי:

„מאַרק!"...

„מאַרק!? — וואונדערט ער זיך — אַ יידישן שרראַבערס אַ זון זאָל הייסן מאַרק?..."

פרעגט אים מיין פרוי צוריק:

„און ווי הייסט אייער זון (דער יינגסטער)?..."

„מיין זון הייסט יוחנן!" — ענטפערט אַש מיט שטאָלץ.

„יוחנן״? — דערווידערט מיין פרוי — „איך ווייס, אַז ער הייסט ,יאנעק׳ און איר רופט אים ,דזשאַן׳ ״!...

אַש האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט. ער האָט פאַרקירעוועט דאָס געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש...

## שלום אַש און אברהם רייזען

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מיאוסע וואַקכאַנאַליע אַרום שלום אַשס אַזוי געריפּענע „קריסטלעכע״ ווערק, האָט אַשס אַלטער איבער־געגעבענער יוגנט־חבר, דער גוטער אברהם רייזען, אים פּאַרטיידיקט און געזאָגט:

„זאָלן טאַקע די גוים וויסן, אַז מערי איז געווען אַ יידישע מאַמע!״... (לויט יוסף לעפטוויטש).

## אַש, דער אימפּעריאַליסט

דער פּאָעט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי דערציילט מיר:

אויף איסט־בראָדוויי האָבן שפּאַצירט הין און צוריק שלום אַש און אברהם רייזען, די צוויי אַמאָליקע גוטע חברים. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען ס׳איז אָנגעגאַנגען דער וויכוח אַרום דעם „מאַן פון נצרת״. איז פאָרגעקומען צווישן זיי ביידע אַזאַ געשפּרעך — רייזען צו אַשן:

„אַז ביזט אַליין שולדיק, שלום. ביזט אַ ליטעראַרישער אימ־פּעריאַליסט, ווילסט פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט, אַלע לענדער, אַלע גלויבנס!...״

אַש צו רייזענען:

„און דו, אברהמל, אַז דו שטייסט שוין 60 יאָר ביי דער שטעטל־שער קאָריטע און האַלטסט אין איין מעלה־גרהן די זעלבע דערציילונג אַלע דיינע יאָרן, איז בעסער?״...

## שלום אַש־עליכם־אַבראַמאָוויטש

אַ צוויט מעשהלע פון פּאָעט ביאַלאָסטאָצקי:

שלום אַש איז איינמאָל געקומען קיין דעטראָיט, צום אַרבעטער־רינג. דאָס איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק. דער טשערמאַן האָט געוואָלט אַרויסווייזן זיין גרויסע בקיאות אין דער יידישער ליטעראַטור, גיט ער זיך אַ זאָג:

„דאָ זיצט פאַר איך דער מחבר פון דער בידנער „קליאַטשע״!...

דער טשערמאַן, וואָרשיינלעך, אַ געוועזענער פּורמאַן, האָט אין זיין רעדע געהאַלטן אין איין שילדערן די בידנע דאָליע פון דער אָרימער קליאַטשע און האָט צו איר פאַרגליכן די דאָליע פון אָרימען אַרבעטער. אַש זיצט אויף דער בינע און שטוינט: ווי קומט צו אים מענדעלים „קליאַטשע״?...

אָבער דאָ האָט דער טשערמאַן אויסגערופן מיט גרויס פּאַטאָס:

„און איצט, מיינע פריינדע, ברידער און שוועסטער און גענאָסן, כ׳וויל איך דאָ פאָרשטעלן דעם גרויסן שרייבער שלום אַש־עליכם־אַבראַמאָוויטש!...

## איר זענט מיינע „מאַטקע גנבס״

דערציילט מיר פריינט אב. שענקער, אַ כאַראַקטעריסטישע פּאַסירונג, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אַן ערך דרייסיק יאָר צוריק אין אַ ברוקלינער זאַל מיט שלום אַשן.

וולאַדעק ע״ה פלעגט יעדן זונטיק האָבן אַ פרימאָרגן אין ברוקלין, וואו ער האָט געהאַלטן אַ לעקציע אויף אַ געוויסער טעמע. אויף דער דאָזיקער לעקציע האָט ער געפלעגט שטענדיק איינלאַדן עפּעס אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט, אַ שרייבער אָדער אַ פּאָליטישן טוער, צי אַן אַרבעטער־פירער און אים פאָרשטעלן פאַרן עולם.

יענעם זונטיק האָט וולאַדעק איינגעלאַדן זיין גוטן פריינט, דעם באַרימטן שריפטשטעלער, שלום אַש. ווען ער האָט נאָך זיין לעקציע פאָרגעשטעלט אַשן פאַר עולם און געגעבן אים דאָס וואָרט, האָט זיך אַש זייער שטאַרק צעוואַרעמט און אָנגעהויבן רעדן צו די פאַרזאַמלטע מיט גרויס היץ און ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער פילט זיך דאָ גאָר היימיש מיט זיי, זיי זענען זיינע מענטשן, וועלכע ער האָט האַרציק ליב און ער איז גליקלעך, וואָס זיין פריינט וולאַדעק האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט זיי דאָ פּנים אל פּנים. און דאַן האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגערופן, נישט מיינענדיק, פאַרשטענדלעך, קיין שום שלעכטס:

„איך האָב איך ליב, איר זענט מיינע מאַטקע גנבס!״...

אויס רעספּעקט צום גרויסן שריפטשטעלער האָט דער עולם אים אַפּלאָדירט, אָבער אין די הערצער האָבן זיך אַ סך געפילט פון אים באַליידיקט: ער מאַכט זיי גאָר פאַר גנבים!...

צווייטער טייל

# דער וויכוח אַרום שלום אַש

# אינהאַלט:


1. דער קרײַצצוג ............ 279
2. בײַזוויליקע און ערלעכע קעגנער ............ 289
3. צי איז שלום אַש אַן עם־הארץ? ............ 303
4. צי מעג מען שרײַבן אויף דער טעמע פֿון ישו הנוצרי? ............ 314
5. די בבא־מעשה מיט דער עליה אין אַ תל־אָביבער שול ............ 331
6. צי איז טאַקע שלום אַש אַ משומד? ............ 339
7. שלום אַש אין מדינת ישראל ............ 350

נאָכוואָרט ............ 361

קאַפּיטל איינס

# דער קרייצוג

מיר קאָנען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן אין געדאַנק די מאָ־דערנע יידישע ליטעראַטור אָן שלום אַשן. די יידישע ליטעראַטור אָן שלום אַשן וואָלט געווען ווי אַ קערפּער אָן אַ קאָפּ; און אָט וויל אָן אומפאַראַנטוואָרטלעכע קליקע פון ליטעראַרישע פּאָליטיקאַנטן — פּונקט ווי די פאַלשע מאַמע אין שלמה המלכס משפּט — דעם דאָזיקן קאָפּ אָפּהאַקן.

און זאָלן די דאָזיקע אומפאַראַנטוואָרטלעכע ליטעראַרישע פּאָליטי־קאַנטן נישט שיטן קיינעם קיין זאַמד אין די אויגן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זיי נעמען זיך אָן דעם יידישן גאָטס קריוודע. נישט זיי האָבן גאָט אין האַרצן, כאָטש אייניקע פון זיי פאַרגלאָצן פרום מיט די אויגן, ווען זיי דערמאָנען גאָטס נאָמען און שפּילן די ראָל פון בעלי־תשובהניקעס, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין דער יוגנט זיך אָנגעזינדיקט צו דער זעט; נישט זיי גייט אָזוי שטאַרק אין לעבן די יידישע אמונה, וואָרים די יידישע אמונה אַרט זיי אַלעמען אָזוי פיל ווי דער פאַר־יאָריקער שניי.

וואָרים צי זענען דען די אָנפאַלן אויף שלום אַשן, דעם גרעסטן יידישן פּראָזע־מייסטער, אַ רעזולטאַט פון זיינע אָזוי גערופענע „קריסטוס״־ראָמאַנען? און ביז דאַמאָלס, הייסט עס, זענען זיי געווען האַרציקע פריינט מיט שלום אַשן, זיי האָבן אים געאַכט, אַרויסגעוויזן צו אים דרך־ארץ ווי צו דער קרוין פון דער יידישער ליטעראַטור? אויב אָזוי, טאָ פאַרוואָס איז שלום אַש, שוין פון צופיל דריקעניש, וואָס מ׳האָט

אים פֿאַראורזאַכט, געצוואונגען געווען אין 1937 אָנצושרייבן זיין באַרימטן אַרטיקל „אַראָפּגערעדט פֿון האַרץ” (געדרוקט געווען אין וואַרשעווער „היינט” דעם 23־טן אַפּריל, 1937) ?...

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, וואו אַש רעדט זיך טאַקע אַראָפּ פֿון האַרץ (זע ערשטער טייל, קאַפּיטל זיבעצן), ענטפֿערט ער אַלע זיינע נישט־באַרופֿענע קריטיקער, שטראָפֿער און מוסר־זאָגער, מישטיינס געזאָגט, אויף גאַר אַ שאַרפֿן אופֿן, און ער מאַכט צונישט אַלעמענס אומגעלומ־פּערטע טענות.

און פֿאַרוואָס האָט שלום אַש אין 1933 (דריי יאָר נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין „מאַן פֿון נצרת”) געזאָגט אין אַן אינטערוויו וועגן דעם דאַמאָלס פֿאַרגעקומענעם פּען־קאָנגרעס, וואָס ער האָט געגעבן ש. ל. שניידערמאַנען פֿאַר די „ליטעראַרישע בלעטער” (נומער 24, 16־טן יוני, 1933) די פֿאָלגנדיקע, פֿול מיט פֿאַרדרוס אָנגעפּילטע, ווערטער:

„דער קאָנגרעס האָט מיך אַ סך געזונט געקאָסט. דאָס זענען געווען דריי טעג פֿון אומגעוויינלעכער שפּאַנונג. מער פֿאַר איך נישט אויף די (פּען־) קאָנגרעסן. כ׳וועל מער נישט לאָזן זיך איינרעדן. פֿאַרוואָס זאָל איך עפּעס רעפּרעזענטירן די יידישע שריפֿטשטעלער, בעת פֿיל פֿון זיי האָבן נישט קיין צוטרוי צו מיר? זאָלן אַנדערע פֿאָרן!

„מ׳האָט מיך שוין נישט פֿאַרוואָס מקנא צו זיין. אין דייטש־לאַנד גייען שוין מער נישט מיינע ביכער!”

דאָס גיט אַש אָנצוהערן, פֿאַרוואָס מ׳האָט נישט צו אים קיין צוטרוי: מען איז אים מקנא, און מיט קנאה שלעפּט זיך געוויינלעך נאָך די בייז־וויליקע און אומהייליקע שנאה, און — אָט דאָ ליגט דער הונט באַ־גראָבן!... אַלע אָנפֿאַלן אויף שלום אַשן זענען, פֿון זיינע יוגנט־יאָרן אָן, געקומען אַלס רעזולטאַט פֿון קנאה־שנאה; און עס איז געווען פֿאַרוואָס אים מקנא צו זיין, אַש האָט געהאַט צום לעבן גרויס מזל:

קודם־כל איז אַש געבוירן געוואָרן אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט. איידער זיין נשמה איז אַפּערגעקומען פֿון אונטער דעם כסא הכבוד אויף דער זינדיקער וועלט אַראָפּ, האָט אים גאָט ברוך־הוא אַליין אַ קוש געטאָן אין די ליפּן, און ער שפּרודלט און קוועלט ווי אַ מעין המתגבר מיט די בלישטשענדיקסטע פּערל, דימענטן און ברילאַנטן, אַז ער האָט פֿאַרכאַפּט דאָס האַרץ און די נשמה פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק. ער איז דערצו קערפּערלעך אַן איינדרוקספֿולע און שיינע פּערזענלעכקייט; ער האָט געפֿונען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פֿון מענטשן און

איינגעקויפט זיך אין ליבע ביי די ליטעראַטור־פאַרשטעער פון אַנדערע פעלקער און שפּראַכן.

ער איז ביי עטלעכע און צוואַנציק יאָר שוין געווען באַרימט, און אויף אים קאָן מען באמת זאָגן: וועלט־באַרימט — אַ טיטל, מיט וועלכן מען וואַרפט זיך אַזוי אָפט אין אונדזערע ליטעראַרישע קרייזן, וואו יעדע טאַלאַנטלאָזיקייט איז דאָך „וועלט־באַרימט"...

ווען ער איז אַלט געווען נישט מער ווי זעקס־און־צוואַנציק יאָר, האָט מען אויפגעפירט זיין „משיחס צייטן" (שפּעטער אויך „גאָט פון נקמה") אויף די גרעסטע אייראָפּעאישע בינעס. אין פּעטערבורג (לע־ניגראַד) שפּילט די קאָמיסאַזשעווסקאַיאַ; אין בערלין — ריינהאַרדט; אַזוי אויך אין פּוילן, און וואו דען נישט?...

דאָס האָט פאַרשאַפט ביי די נישט־פאַרגינער בייז בלוט און מ'האָט אַשן אָנגעהויבן פּיינט צו האָבן און וואַרטן אויף פאַרשידענע געלעגנ־הייטן אים צו באַפאַלן. און געלעגנהייטן ביי אַ מענטש מיט אויסער־געוויינלעכן טאַלאַנט און מיט געוואַגטע מיינונגען — וואָס דאָס גייט אָפט געפאַרט — צו מאַכן אַ פאַלשן שריט, טרעפט נישט זעלטן; האָט מען יעדעס מאָל זיך אויף אים געוואָרפן מיט אומבאַשרייבלעכער שנאה און קנאה: דאָ איז עס געווען דער „מילה־סקאַנדאַל", אַן אַנדערש מאָל איז עס „גאָט פון נקמה", און איצט איז געקומען דער „מאַן פון נצרת", „איסט־ריווער" און אַפילו אַזאַ, לכל הדעות יידיש ווערק, ווי „משה", וואָס איינער אַ שרייבער האָט עס געמאַכט פאַר אַ „ריין קריסטלעך ווערק"... קורץ, קיין געלעגנהייטן פעלן נישט, אַז מען זאָל דעם „יונג" קאָנען אָנלערנען!...

מ'האָט ביי די אומגעוואַשענע טרייפניאַקעס, כלומרשטע גאָטס סטראַפּטשעס, די קאַפּאָטע אָפּגעקוילעט, וואָס אַש האָט געוואָגט אויפ־צופירן אויף די גויאישקע בינעס אַזאַ געוואַגטע פּיעסע ווי „גאָט פון נקמה"!

אָבער מיר וועלן דאָ ענטפערן מיט די רייד פון י. ל. פּרץ, אַט פון דעם זעלבן פּרץ, מיט וועמען די כלומרשטע ליבהאָבער, פאַרזאָרגער און — אַך־און־ווי — אָפּהיטער פון דער יידישער ליטעראַטור, פאַר־ כלינען זיך אַזוי היינט (ווייל ער איז טויט), ווען מען איז אויף אַשן אָנגעפאַלן צוליבן מילה־סקאַנדאַל:

„און אויב האָט עמיץ געררעדט (געמיינט אַשן, וועלכער איז אַרויסגעטרעטן קעגן מל זיין אַ טויט קינד — ש. ר.), טאָר מען אים נישט צונעמען דאָס וואָרט; און ווייל מען אַ קינסטלעריש מויל מיט שמוציקע שמאַטעס פאַרשטאָפּן, מחן מיר רופן: „שמוציקע לייט, די הענט ביי זיך!"

חזרן מיר איבער דעם דאַזיקן רוף פון אונדזער קלאַסיקער:

— שמוציקע לייט פון אַלע שאַטירונגען, כלומרשטע בעל־תשובה־ניקעס, גראַפאָמאַנען, טאַלאַנטלאָזיקייטן — די הענט ביי זיך!

דער דאָזיקער רוף דאַרף אַזוי הויך אָפּשאַלן בכל תפוצות ישראל, אַז די דאָזיקע לייט זאָלן זיך פונאַנדערלויפן פאַר פחד אין די מויזן־לעכער.

אָט די דאָזיקע אומפאַראַנטוואָרטלעכע קליקע פון ליטעראַרישע פּאַליטיקאַנטן האָט זיך דווקא פאַרלייגט שלום אַשן, זייער אַלטן פאַר־האַסטן „שונא", צו קרייציקן. די דאָזיקע קרייציקונגס־שטראָף האָבן זיי אויסגעקליבן דערפאַר, ווייל ער האָט זיך — אין זייער דערלוי־בעניש — געגומען צו דער פאַרבאָטענער (לויט זייער מיינונג) טעמע פון ישו הנוצרי. וועגן ישו הנוצרי אַליין איז טאַקע פאַראַן אַ „יש־אומרים", וואָס לייקנט אינגאַנצן די עקזיסטענץ פון אַזאַ פּערזאָן. אָבער אַז עס עקזיסטירט אַ שלום אַש, ווען מען קאָן צושטעלן צום „שאַנד־סלופּ", וועגן דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין: ער לעבט, ער עקזיסטירט — צו זייער גרויסער ווייטיק — און ער ליגט זיי גוט אין די ביינער, איז דאַרף מען אים דערלאַנגען!

האָבן זיך אַ לאָז געטאָן (בשעת חירום) אויף דעם לייב פון דער יידישער ליטעראַטור אַלערליי ווידמענונגען, שרצים ורמשים, מילבן און נאָך אַזעלכע באַשעפעניש־לעך, וואָס קאָנען אַ ביס טאָן און אַנט־לויפן און גיי טו זיי עפּעס, רוף זיי לדין!... עס זענען פאַראַן טאַלאַנטלאָזיקייטן, וואָס אַליין האָט מען דער יידישער ליטעראַטור נישט מזכה געווען מיט קיין איין ווערטפולער שאַפונג, ווייל גאַנץ פּשוט: מען יכולט ניט; עס זענען פאַראַן גראַפאָמאַנען, טויגעניכטן, וועלכע זענען מיט דער הילף פון דער מאָדערנער און פאַרפולקומטער „פּובליסיטי" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „גרויסע" שריפטשטעלער. וואָרים וואָס קאָן מען דען דעם בידנעם יידישן לעזער אַלץ נישט איינרעדן!...

עס זענען פאַראַן עמי הארצים, וואָס קאָנען קוים פּירוש המילות, פונדעסטוועגן זאָגן זיי מבינות ווער עס איז יאָ אַ שרייבער און ווער נישט... ס'איז הפקר אַ וועלט!...

און ווער, מיינט איר, האָט אָנגעהויבן דעם קרייצצוג קעגן דעם מייסטער פון דער יידישער פּראָזע, קעגן שלום אַשן? אָנגעהויבן האָט זי. אב. קאַהאַן, אַ מענטש, וואָס האָט כלומרשט פאַרשריגן אַ וועלט קעגן דיקטאַטור און איז אַליין געווען אַ דיקטאַטאָר פון ערגסטן סאָרט. אַ מענטש — גאָר אַ קנאַפּער קענער פון יידישקייט, וועלכער האָט ערשט, נאָך צוויי טויזנט יאָר יידישן גלות און נאָך אָפּשרייבן פאַר יידישע לעזער עטלעכע צענדליק יאָר, „לערנענדיק" זיי יידישע קול־

טור — זיך דערוואוסט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ צווייטער חורבן פון בית המקדש. פאַר דער דאָזיקער „וויכטיקער אַנטדעקונג" האָט ער אין זיין צייטונג געלאָזט אַוועקשטעלן אַן אַכט־שפּאַלטיקן קאָפּ און דערמיט פאַראורזאַכט דאָס געלעכטער פון אַ סך יידישע שרייבער און אינטעליגענטע לייענער, און דאָך האָט ער צומאָרגנס נישט רעזיגנירט אַלס רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער יידישער צייטונג!...

אָט דער מענטש איז עס געווען דער יעניקער, וועלכער האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון יידישן גאָט. שלום אַש האָט אים אַוועקגעקוילעט די יידישע אמונה, פון וועלכער ער אַליין האָט נישט געהאַלטן (לייען אַב. קאַהאַנס „בלעטער פון מיין לעבן", באַנד 4, ז' 279: „מיר זענען נישט קיין גלויביקע און דער „פאָרווערטס" האָט, נאַטירלעך, געהאַט אַן אַנטי־רעליגיעזן כאַראַקטער"). ער איז עס געווען דער יעניקער, וועלכער האָט געגעבן דעם סיגנאַל פאַר דעם קרייצצוג קעגן אַשן, און זיינע משרתים און יוצר־משרתים האָבן אין איין גרויסן כאָר נאָכגעפּלאַפּלט (ווייל מ'האָט געקאָנט פאַרלירן די שטעלע...), אויסשמירנדיק דעם כבוד און די פּערזאָן פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע אָנגעזעענסטע קלאַסיקער.

מיט איינמאָל איז דער גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט, דער מחבר פון „שטעטל", פון „שלמה נגיד", „תהלים־ייד" און די קלענערע הונדערטער דערציילונגען — וואָס אויב נאָך אַ פּלוצלינגען מבול אויף דער וועלט וואָלט בלויז איינע פון זיי פאַרבליבן, לאָמיר אָנכאַפּן: „די יאַטישע טאָכטער" אָדער „דאָס קוילער געסל", וואָלטן מיר געקאָנט וויסן, ווי עס האָט געלעבט דאָס יידישע פאָלק אין פּוילן — מיט איינמאָל איז דער מחבר פון „קידוש השם", „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע" געוואָרן ביי אים אַ שונד־שרייבער, אַ גראַפאָמאַן, און — רחמנא לצלן — אַ משומד, אַ מיסיאָנער!

דער טרפהנער כוח פון פּראָפּאַגאַנדע אין אונדזער יאָרהונדערט, וואָס האָט דורכגעמאַכט צוויי בלוטיקע וועלט־מלחמות, איז געוואָרן זייער שטאַרק. מענטשן זענען געוואָרן ציניקער און זיי שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר די שענדלעכסטע מיטלען, ווען זיי ווילן דורכפירן זייערע געמיינסטע שמד־שטיק. מיר יידן האָבן אויף אונדזער אייגענער הויט געפילט, וואָס פאַר אַ צעשטערערישן איינפלוס עס האָט געהאַט אַ געבעלס, ימח שמו וזכרו, וועלכער האָט מיט זיין גיפטיקן פּיסק פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט זיינע אומריינע, געפערלעכע געדאַנקען; און צו וואָס זיינע גיפטיקע רייד האָבן דערפירט, דאַרפן מיר דאָ נישט איבערחזרן. זייער רעזולטאַט ליגט אונדז גוט אין די ביינער און מיר וועלן עס געדענקען עד סוף כל הדורות.

די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער געוואַלטיק־„רעליגיעזער" מענטש און „מלומד" האָט צוליב זיינע אייגענע דיקטאַטאָרישע צילן אָנגעהויבן פירן קעגן דעם גרעסטן יידישן שריפטשטעלער, וועגן וועמען ער האָט ליב געהאַט זיך צו באַרימען, אַז ער האָט אים גרויס געמאַכט צווישן יידישן פאָלק, האָט געבראַכט אַזעלכע דערפאָלגן, וואָס נאָך אַזאַ איין דערפאָלג, און — מיר זענען קאַפּוט!...

ער האָט דעם נאָמען שלום אַש פאַרמיאוסט ביי אַ טייל פון דער יידישער מאַסע, וואָס האָט סיוּוּי דעם דאָזיקן גרויסן שריפטשטעלער נישט געלייענט (ווייל די לייענען בכלל גאָרנישט) און האָט אַפילו וועגן זיינע וויכטיקע קינסטלערישע שאַפונגען נישט געוואוסט. אונטערן איינפלוס פון דער גרויל־פּראָפּאַגאַנדע מצד יענעם געוואַלטיקן „מלומד" און זיין חברותא האָט די דאָזיקע אומבאַוואוסטזיניקע מאַסע אָנגעהויבן באמת צו גלויבן, אַז שלום אַש, דער באַזינגער פון יידישן שבת, דער פאַריידישער פון גאָטס נאַטור־וועלטל, דער וואָס האָט געיידישט די פּוילישע ווייסל, און די ווייסע וואָלקנדלעך אין הימל געמאַכט פאַר „חסידש־נגידיש", אָט דער שלום אַש האָט זיך געשמדט!...

דעם דאָזיקן פאַלשן ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט פון אַשן געמאַכט אַ שונדיסט און פון עפּעס אַ שמירער געמאַכט אַ טאָלסטאָי, וועלכער האָט ווי אַ ווילדער בופלאָקס געקעמפט קעגן יידישע שולן, געשענדט טאָג־טעגלעך די יידישע שפּראַך מיט זיין „פּאַטייטאָ"־לשון, האָט אַזוי געאַרט דאָס אַ תל־מאַכן פון אַ גרויסן יידישן שרייבערס נאָמען אין די אויגן פון לייענער, פּונקט ווי עס האָט געאַרט דער פאַלשער מאַמען אין שלמה המלכס משפּט, אַז מען וועט צעשניידן דאָס קינד!... דאָס זעלבע גייט אויך אַרויף אויף די צוהעלפער זיינע, די „יודאשעס" (נישט דעם, וואָס שלום אַש האָט אין „מאַן פון נצרת" רעהאַביליטירט), וועלכע האָבן אַמאָל — ווען עס האָט זיי אַזוי געלוינט — גאָר פאַרטיידיקט אַשן און געשריבן וועגן אים מיט די גאָלדנסטע ווערטער. אָבער ווען יענער וואַזשנער „מלומד" האָט זיי אונטערגעוואָרפן אַ פּעט ביינדל, אַפילו געניוג געווען אַ מילדער בליק, האָבן זיי פאַרראַטן זייער פריינט און געהאָלפן אים, אַשן, „באַגראָבן", וואָס זיי טוען עס מיטן זעלבן אייפער עד היום הזה.

זייערע אָנפאַלן אויף דעם ריז פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט די זעלבע ליטעראַטור באַרימט געמאַכט איבער דער גאָרער וועלט און עס איז אַ דאַנק אים אַנטשטאַנען דאָס לאַנד „יידיש", און עס קאָן עקזיסטירן אַ יידישער פּען־קלוב; זייערע כסדרדיקע אַטאַקעס אויף אים מיט די פאַרזשאַווערטע וואָפן פון אָנרופן אים

„משומד", „מיסיאָנער" און כ'וויס נאָך וואָס פאַר אַ קוואַטש מען וועט אַלץ אויסטראַכטן אויף אַשן, זענען געגליכן צו דאָן קיכאָטס קעמפן קעגן די ווינט־מילן: אַש וועט פאַרבלייבן אין זכרון פון יידישן פאָלק אַלס דער מחבר פון „שטעטל", „קידוש השם", אַלס דער באַזינגער פון יידישער שיינקייט, און בשום אופן נישט אַלס משומד.

עס זעט שוין אויס קאָמיש, מיט וואָס פאַר אַ געוועור מען באַנוצט זיך אַלץ, כדי צו פאַרמיאוסן אַשס נאָמען. מען טראַכט אויס אידיאָטישע געשיכטעס, אַז אַש איז געקומען יום כפור אין אַ שול אין תל־אביב און געוואָלט קויפן אַן עליה און מ'האָט אים אָפּגעזאָגט (איר ווייסט שוין פאַרוואָס: אַ משומד!...), און דערנאָך קומט דער גבאי פון דער זעלבער שול און לייקנט אָפּ די גאַנצע בבא־מעשה און ער טענהט: להד"ם!... (גענויער וועגן דעם „אינצידענט" — אין קאַפּיטל 5).

אָבער צום מייסטנס „צייכנט" זיך אויס אין זיין קאַמף קעגן שלום אַשן דער אַמאָליקער פּאַרטייִדיקער זיינער, חיים ליבערמאַן, ביי וועמען די האַנט האָט אַפילו נישט אַ ציטער־געטאָן, ווען ער האָט אַלס אונטערקעפּל אין זיין ביכל „שלום אַש און קריסטנטום" אַרויסגעשטעלט די דאָזיקע שרעקלעכע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע ווערטער: „אַן ענטפער אויף זיינע מ י ס י אָ נ ע ר י ש ע שריפטן".

אַזוי האָט ער אָפּגעפּסקנט: שלום אַשס „דער מאַן פון נצרת" — וואָס אַן אַנדערער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, נישט חלילה קיין משומד, נאָר אַ נאַציאָנאַלער ייד, אַ טוער אין יידישע נאַציאָנאַלע שולן, האָט עס באַצייכנט אַלס „העכסטע דערגרייכונג אַרטיסטיש־ליטעראַריש" (יואל ענטין, „יידישער קעמפער", ראש השנה, 1948) — איז נישט אַנדערש נאָר אַ מיסיאָנעריש ווערק...

און יואל ענטין איז דאָ נישט איינער אַליין, וואָס זאָגט דעם היפּוך פון חיים ליבערמאַנען. אָט אַזוי דריקט זיך, למשל, אויס ש. ניגער (אויך נישט קיין משומד):

„אויף אָט די פראַגעס (ווער און וואָס איז ישו הנוצרי געווען אין די אויגן פון פאַרשידענע יידן — ש. ר.) געפינען מיר אין „מאַן פון נצרת" אַ פיל־דייטיק קינסטלערישן, און לויט מיין מיינונג — אַ טיף־יידיש־נאַציאָנאַלן ענטפער (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ש. ר.), אַן ענטפער וואָס גיט אונדז אַ שליסל, אויב נישט צו דער אינדיווידועלער פערזענלעכקייט פון דעם „מאַן פון נצרת", איז צו דער קאָלעקטיווער אינדיווידואַליטעט פון דעם צוויטן, קאָלעקטיוון הויפּטהעלד פון בוך — דער היסטאָרישער,

גייסטיקער און מאַטעריעלער סביבה, אין וועלכער דער רבי פון גליל האָט, לויט דער לעגענדע, געלעבט, געווירקט און געזוכט צו פאַרשפּרייטן זיינע רעליגיעז־עטישע אידייען" („**דערציילערס און ראָמאַניסטן**", ז' 507).

**און נאָט אייך נאָך אַן אויסצוג פון ש. ניגער, וועלכער „וואָגט" צו דערווידערן די באַהויפּטונג פון חיים ליבערמאַנען, אַז אַש איז, רחמנא־לצלן, אַ מיסיאָנער:**

„ווען מען זאָל דאָס אַלץ אין זינען האָבן, לייענענדיק, **וועט** מען לייכט אויסגעפינען, אַז נישט נאָר דער מאַן פון נצרת אַליין, ווען ער האָט געלעבט, נאָר אַז אויך אַשס בוך וועגן זיין לעבן, זיין צייט און סביבה, איז ט י ף־י י ד י ש" (**אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ש. ר., דאָרטן, זייט 511**).

**און צום סוף פון זיין אַרטיקל וועגן אַשס „מאַן פון נצרת" (21 זייטן) גיט־צו ש. ניגער:**

„דער ,מאַן פון נצרת' איז אַשס העכסטע דערגרייכונג" (**דאָרט, ז' 514**).

**וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער מהלך פון חיים ליבערמאַנס באַהויפּטונג, אַז דאָס בוך איז אַ מיסיאָנערישע שריפט!... בפרט, ווען ש. ניגער גיט נאָך צו, אויף זייט 496, פון זעלבן בוך, אַז די „עצם־טעמע ווי** אַ טעמע, איז אין דער נייער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור שוין לאַנג געכשרט געוואָרן", **אָבער — נישט ביי חיים ליבערמאַנען...**

**כמעט אַלע אָנפאַלער אויף אַשן, אָט די אַלע גאָטס סטראַפּשעס, האָבן די איינע און זעלבע באַהויפּטונג: אין אַ צייט, ווען יידן ווערן גערודפט פון אַזאַ שונא ווי היטלער און ווערן געפּייניקט דורך די קריסטלעכע פעלקער, איז אַש געקומען מיט אַ „קריסטלעך" בוך; נישט געפונען, הייסט עס, קיין אַנדערע צייט דערויף, אָדער צי האָט ער נישט געקאָנט שרייבן אויף אַן אַנדערע טעמע!**

**איז וואָס זאָגט וועגן דעם דער נאַציאָנאַלער ייד און באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער, יואל ענטין? טאָ הערט, וואָס ער זאָגט:**

„אין דער באַזונדערער שרייב־מאַניר פון „מאַן פון נצרת" ליגט אויך די צייטלעכקייט פון בוך, זיין פאַרטיידיקונג פון יידישן פאָלק אין דער איצטיקער רשעותדיק־טראַגישער צייט, זיין לערע דערהויפּט פאַר דער קריסטלעכער וועלט (דאָס מאָל, דאַרף מען אָננעמען, האָט אַש טאַקע אין איר געצילט). פונקט ווי אין 1919, בשעת די מוראדיקע הריגות אין פּראָסקוראָוו און פאַסטאָוו, אין

אומאַן און אין גאַנץ אוקראַינע, האָט אַש, טראַגנדיק באַוואוסטזיניק זיין יידישקייט, אין זיין „קידוש השם" זיך געפילט באַרופן צו זאָגן צו זיין געשאַכטן פאָלק אַ וואָרט פון טרייסט, מוטיקונג און בטחון, אַזוי האָט ער, אין די יאָרן 1935־1939, בשעת די נירענבערגער געזעצן, וואָס שטעמפּלען אונדזער פאָלק אַלס פאָלק פון ראַסן־שענדער און לעבן־פאַראומרייניקער, זיך דערפילט באַרופן צו ווייזן דער קריסטלעכער וועלט ווע מען די שענדט און וועמען די פּיי־ניקט" („יידישער קעמפער", ראש השנה, התש"ט).

**אפשר ווילט איר נאָך אַ ביישפּיל וועגן דער „מיסיאָנערישקייט" פון אַשס „דער מאַן פון נצרת", איז הערט נאָך אַ מיינונג פון דעם זעלבן יואל ענטין, וועלכער איז לכל הדעות נישט ווינציקער ייד פון חיים ליבערמאַנען:**

„אַשס ישו, די איידלסטע, די באַרמהאַרציקסטע, די איבער־מענטשלעכסטע אין צער און לייד, אין ליבע און רחמנות, גע־שטאַלט, וואָס די קריסטלעכע פאָרשטעלונג און פאַנטאַזיע האָט באַשאַפן, איז גלייכצייטיק אויך די י י ד י ש ס ט ע. פונקט ווי יחיאל, דער תהלים־ייד, אַזוי וואַקסט אויך ישו אַרויס פון שויס פון דער יידישער מאַסע; פונקט ווי יענער, איז אויך דער, נישט קיין צופאַל, נישט קיין אויסנאַם, נישט פון דער פרעמד געקומענער און נישט פון אַ פרעמדער לערע באַאיינפלוסטער" (דאָרט).

**און איך קאָן מיך נישט צוריקהאַלטן פון נישט ציטירן כאָטש נאָך עטלעכע שורות, און איך טו דאָס צוליב דעם, ווייל איך באַוואונדער יואל ענטינען, ווי ער האָט ממש דערפילט דעם אָטעם פון מחבר; ווייל דער שרייבער פון די שורות, וועלכער דערציילט אין איינעם פון זיינע פריערדיקע קאַפּיטלען וועגן דער צייט, בעת אַש האָט געשריבן זיין „מאַן פון נצרת", האָט באַמערקט, ווי עס פאַלן זיך צונויף ענטינס געדאַנקען מיט די געדאַנקען פון אַשן, וועלכער האָט פונקט אַזוי געטראַכט און דערפון גערעדט מיט אים.**

**און אָט וואָס יואל ענטין שרייבט אין זעלבן נומער „יידישער קעמפער":**

„צווי הויפּט־כוונות האָט שלום אַש געהאַט, אויסמאָדעלירנ־דיק זיין גיגאַנטישע יעזוס־פיגור אינם „מאַן פון נצרת". די ערשטע איז געווען, אויפצואווייזן אַזוי קלאָר ווי ער קאָן נאָר, אַז מיר, די יידן פון היינט, די יידן פון היטלערס נירענבערגער געזעצן

און פון דיינע אומדערהערטע אויסראַטונגס־הריגות, זענען לייבלעכע ברידער מיט יעזוסן, זיין היינטיקע פּאַרזענונג, און יעדער איינער וואָס איז אונדז אַ פיינט, איז אויך דער פיינט פון יעזוס. די צווייטע כוונה — און די איז דער עיקר — איז געווען אויסצודלאַטעווען די פיגור פון דעם ערשטן און גרעסטן — ערשטן און גרעסטן פאַר די דורות פאַר דער געשיכטע פון די פעלקער — פון דעם ערשטן, גרעסטן אידעאַליסט, דער ריטער פונעם אידעאַל פון מענטשן־ליבע און רחמנות און מענטשלעכער הילף און מענטשלעכער דער־נעענטערונג".

איבערלייענענדיק די דאָזיקע שורות, האָבן זיי ספּעציעל אויף מיר, דעם ערשטן לייענער פון דעם דאָזיקן גראַנדיעזן ווערק און דעם אָפּטן שמועסער מיט אַשן וועגן זיין ווערק, געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק, און איך האָב צו זיך אַליין אויסגערופן: ווי האָט יואל ענטין געקאָנט אַזוי וואָרהאַפּטיק צוטרעפן דעם געדאַנק פון אַשן (נישט יעדער קריטיקער האָט די דאָזיקע פעאיקייט)! אָט דאָס האָט דאָך אַש טאַקע געטראַכט און געחלומט, ווען ער האָט געשריבן זיין „מאַן פון נצרת"! דעריבער זענען טאַקע יואל ענטינס רייד אַזוי וואָר און ערלעך, און די רייד פון חיים ליבערמאַנען — אַזוי פאַלש און בייז־וויליק.

קאַפּיטל צוויי

# בייזוויליקע און ערלעכע קעגנער

איך געהער נישט צו די, וואָס האַלטן, אַז אַ גרויסער שרייבער קאָן נישט און טאָר נישט האָבן קיין קעגנער. אַדרבה ואדרבה: קריטיק, אַפילו קעגנערישע קריטיק, איז דייער נוצלעך און זי טוט אַ טובה סיי דעם לייענער און סיי דעם שרייבער, וועמען מען קריטיקירט. קיינער וואָלט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, וואָס נישט געקוקט אויף די לויב־געזאַנגען פון אַ יואל ענטין, ש. ניגער, מלך ראַוויטש, חיים גרינבערג און אַנדערע, וועלכע זאָגן אַרויס זייערע מיינונגען, אַז דער „מאַן פון נצרת" פון שלום אַש איז דאָס טיפּסטע יידישע בוך, דאָס ליטעראַריש צום מיינסטן געלונגענע בוך — זאָל אויך אַרויסקומען אַ קעגנערישע מיינונג פאַר דעם זעלבן בוך אַ חיים ליבערמאַן, אַן אב. קאַהאַן, אַ הלל ראָגאָף און דעסגלייכן.

אָבער במה דברים אמורים, ווען די דאָזיקע קריטיק ווערט אַרויסגעזאָגט אויף אַ ציוויליזירטן אופן, און איז טאַקע אַ מחלוקת לשם שמים און מען ווייזט־אָן דעם שרייבער פון „מאַן פון נצרת", אַז ער האָט אפשר נישט געדאַרפט אין דער צייט פון רדיפות קעגן יידן מצד קריסטלעכע פעלקער אַרויסקומען מיט אַזאַ שטייגער בוך (כאָטש יואל ענטין האַלט פונקט קאַפּויער — ווי אויבן ציטירט). מען קאָן אַפילו דולדן, ווען אַ קריטיקער דערלויבט זיך אויף אַ שאַרפן אויסדרוק, כדי דערמיט אונטערצושטרייכן אויף אַ מער בולטן אופן זיין קעגנערשאַפט און אַריבערגעווינען דעם לייענער אויף זיין זייט. יאָ עס איז דערלויבט און מען מעג אַמאָל טאָן אויך אַזאַ זאַך.

דער אופן אָבער, ווי אַזוי חיים ליבערמאַן און זיינס גלייכן האָבן דאָס געטאָן, פּאַסט נאָר פאַר דער דזשאָנגל!...

אײדער חיים ליבערמאַן טרעט־צו שלום אַשן קורע־כדג צו זיין און ממש אים לייגן אין חרם אַריין, פאַרקאַשערט ער זיך פריער די אַרבל און וויל אים, אַשן, קודם־כל מאַכן פאַר אַן „עם־הארץ", און מיט אַן עם־הארץ איז שוין אַ סך לייכטער זיך צו ספּראַווען ווי מיט אַן אינטעלעקטואַל. אָבער אינטערעסאַנט איז, אַז דער באַרימטער ליטעראַטור־קריטיקער יואל ענטין — אַ מאָדנע זאַך — זאָגט ווידער דאָס קאַפּויערדיקע אין „יידישן קעמפער" פון ראש השנה, התש"ט:

„נישט קיין קליינע דערגרייכונג אין אַשס קאַריערע איז דער „מאַן פון נצרת" אַפילו אין פרט פון ד י ס צ י פ ל י נ י ר ט ע ר אי נ ט ע ל ע ק ט ו אַ ל י ש ק י י ט **(איז שוין, הייסט עס, דאָ אַ מאַן דאמר, אַז אַש איז אַן אינטעלעקטואַל, און נאָך דערצו אַ דיסציפּלינירטער!... אַלזאָ, נישט קיין עם־הארץ — ש. ר.).** צוערשט ווייזט ער עס אַרויס אין דער הינזיכט פון דראַמאַטיש־קייט. אַש, וואָס איז ווייט נישט צו שפּאַנענדיק אַפילו אין זיינע דראַמען, איז דאָ אָפט העכסט דראַמאַטיש. אַ וויכוח־סעצענע, למשל, צווישן קאָרנעליוסן, דעם רוימישן פיינט פון יעזוסן און יידן, און דעם רוימישן צענטוריאָן, וועלכער ווערט שטאַרק גערירט פון דער אַרומיקער יידישקייט און איר משיחישן אויסדרוק, קריצט זיך טיף איין אין זכרון. די נאַכט פון יעזוסעס אַנטפּלעקונג, אין די אויגן און אויערן פון זיינע היסטערישע תלמידים, צווישן פון עק־וועלט ביז עק־וועלטיקע דונערן און בליצן אויף די בערג, איז אַ הויכע איבערלעבונג; און אָן אַ גלייכן מיט איר קראַפט איז די סצענע פון ישוס אַריינמאַרש קיין ירושלים. אַן אַריינמאַרש פון בלינדע, לאָמע, קראַנקע און יסורימדיקע, פון אַלץ, וואָס איז פאַרוואָרלאָזט, פאַרקריפּלט און פאַראומערט, געפירט פון אַ משיחישן מלך־אביון, רייטנדיק אויף אַן אייזעלע — אַ פאַרוואָרלאָזט־קייט און פאַראומערטקייט, וואָס פאַלט, פאַלט אָבער באַשיימפּערלעך, הויפנווייז, בונטנווייז אַראָפּ פון די יאָמערפול־פאַרצאָגטע פנימער און אָנשטאָט דעם גיסט זיך איבער זיי אָנזעעוודיק אויס אַ שטראַלעוודיקייט פון שמחה, פון חדווה, פון פרומען עקסטאַז, פון הייליקן טריאומף, בשעת פאַר די אייטערדיק־חולה־נופלדיקע אויגן וויקלט זיך פונאַנדער די פּאַנאָראַמע פון דער באַרג־הייליקער שטאָט ירושלים — די דאָזיקע סצענע, צי האָט זי ערגעץ אַ גלייכן?"

אָט ווי פאַרכאַפּט, פאַרשיכורט פון שלום אַשס קונסט עס שרייבט איין קריטיקער, און ווי — כ׳בעט איבער אייער כבוד — צעיאָכמערט און עבודה־זרהדיק צעכעסט עס שרייבט אַ צווייטער קריטיקער ווי חיים ליבערמאַן, וועלכער איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ בעל־תשובה. ניין, נישט איך און מסתמא קיינער נישט ביי יידן האָט זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי דאַרף אויסזען און אויפפירן זיך אַ בעל־תשובה!... חיים ליבערמאַן, ווען ער איז נאָך נישט געווען קיין בעל־תשובה, נאָר איז געווען ווי איינער פון אונדז, האָט דאָך אַמאָל געטאָן אַנדערע מעשים, ווי לייגן יעדן טאָג תפילין און לייענען מוסר־ספרים, אָדער פרעדיקן פאַר אַנדערע מגידישן מוסר — אויב שרייבן היסטערישע פלאַפּלערייען און שעלטן מיט טויטע קללות די יעניקע, וואָס געפעלן אים נישט, הייסט מוסר־זאָגן, אָדער אויפן מאָדערנעם לשון: קריטיק!...

וואָרים מיר האָבן שוין געהאַט דאָס צווייפלהאַפטע פאַרגעניגן צו לייענען חיים ליבערמאַנס היסטערישע און צעיאָכמערטע אָנפאַלן אויף אַנדערע בכבודיקע יידישע שריפטשטעלער (ש. ניגער, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ב. צ. גאָלדבערג און אַנדערע) און מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט זיין לעקסיקאָן פון נישט קיין צו איבערקלויבערישע אויסדריקן, אַז עס נעמט אָרום אַ חרפה און אַ בושה, וואָס אַזוינס זאָל טאָן אַ בכבודיקער יידישער שריי־בער!...

מיר האָבן שטענדיק געהאַט די פאַרשטעלונג, אַז אַ בעל־תשובה זיצט באַהאַלטן בחדרי־חדרים און זאָגט גאַנצע טעג תהלים און יעדן טאָג ביים דאַווענען קלאַפּט ער זיך אין האַרץ אַריין „על חטא״ און רעכנט אויס אַלע זיינע זינד און עבירות, וואָס ער איז באַגאַנגען אָדער ערשט געפּלאַנעוועט צו באַגיין... אַ בעל־תשובה דאַרף זיין שטילער פון וואַסער און נידעריקער פון גראָז; ער דאַרף זיין אונטער־טעניק צו גאָט און נעמען אויף זיך די גרעסטע אָפּקומעניש און שטראָפן, ווי עס האָבן אויף זיך גענומען אַ סך באַקאַנטע בעל־תשובה־ניקעס; דער עיקר דאַרף ער ווערן — וואָס ליבערמאַן איז נישט — אַ „שותק״, ער דאַרף זיך צוריקציען פון דעם זינדיקן לעבן אויף דער וועלט און איבערלאָזן דאָס מוסר־זאָגן פאַר אַנדערע, מער באַרופענע פון זיך!...

אָבער אַז אַ בעל־תשובה זאָל פאַראַרבעטן אַזעלכע שרעקלעכע מעשים, זאָל אַזוי פריי־לאָזן זיין פּען און זיין אַזוי נישט איבער־קלויבעריש אין אויסדריקן — פון אַזאַ בעל־תשובה האָבן מיר נאָך נישט געהערט. ער איז אַ יחיד במינו!...

אינטערעסאַנט איז, אַז אַט דער דאָזיקער מאָדנער „בעל־תשובה" האָט פונדעסטוועגן געפונען אַ מאָמענט, ווען ער האָט גאָר „מגין" געווען אויף יידן (אויב מען קאָן אַזעלכע אָנרופן: „יידן"!), און דאָס איז געווען אין דעם פאַל פון די זייפמאַן־ברידער, וועלכע זענען דורך זייערע אייגענע לאַנדסלייט אין בראַזיל געלייגט געוואָרן אין חרם דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען קאַפּאָס אין די נאַצישע פאַר־ניכטונגס־לאַגערן און ווייל זיי האָבן צוגעהאָלפן היטלערן מאַכן זייף פון זייערע אייגענע יידישע ברידער און שוועסטער. דאַמאָלס איז געקומען דער זעלבער חיים ליבערמאַן (נישט צו באַגרייפן פאַרוואָס) און ער האָט זיי אַזוי הייס פאַרטיידיקט, אַז מענטשן האָבן געעפנט מויל און אויערן אויף דער אומדערהערטקייט פון אַזאַ מין פאַרטיידיקונג!

איז הערט זיך נאָר גוט צו: שלום אַש, דער באַזינגער פון הייליקן שבת, דער מחבר פון „קידוש השם", „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", „תהלים־ייד", פון „שטעטל", „שלמה נגיד" — ער איז אַ משומד, אַ מיסיאָנער און אַלץ וואָס אין דער קאָרט; און ווען ער האָט די מאַכט, פאַרמשפּט ער אים צו אַלע ארבע מיתות בית־דין — צו סקילה, שרפה, הרג וחנק, אָדער ווי מ'זאָגט אַ ווערטל: צו שיסן און צו הענגען; אָבער די ברידער זייפמאַן, די מערדער און פּייניקער פון זייערע אייגענע ברידער, פון זייער בלוט און פלייש — זיי זענען הוילע צדיקים, צדיקים גמורים, און ער אַליין, חיים ליבערמאַן, איז נאָך העכער פון זיי... שטייט דאָך טאַקע אין אַ גמרא (ברכות ל"ד): „במקום שבעלי תשובים עומדים צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד"...

און נאָך אַ „גוטע" זאַך האָב איך אויפגעכאַפּט אין דעם דאָזיקן בעל־תשובה, וואָס דאָס זאָל אים ביישטיין נאָך 120 יאָר, ווען ער וועט דאַרפן אָפּגעבן פאַרן מלך מלכי המלכים דין וחשבון:

ווען דער יידישער פּען־קלוב האָט גערופן לדין דעם „הרב" אברהם ביק פאַר פּלאַגיאַט, וואָס איז באַוויזן געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס, און אַ סימן מובהק איז אויך דער פאַקט, וואָס דער גערופענער לדין איז נישט געקומען זיך פאַרטיידיקן... ווייל צו וואָס, ווען די שולד ליגט אַזוי אויבן־אויף!... אָבער חיים ליבערמאַן האָט זיך געאיילט און געקומען צו לויפן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין רעדאַקציע, כדי אים צו פאַרטיידיקן...

אין דעם פאַל „שלום אַש" זעט חיים ליבערמאַן בלויז פאַרברעכן, פאַרראַט, אָפּטריניקייט, און ער איז גרייט אים עוקר מן השורש זיין, אָבער אין פאַל „הרב אברהם ביק" זעט ער בלויז קלאָרקייט, צדקות, טויבן־אומשולד, כאָטש גיי, נעם און אַנטשולדיק זיך פאַר אים!...

אַט דאָ איז בולט באַוויזן חיים ליבערמאַנס ערלעכקייט, ויצדקתך־דיקייט, וואָס נאָר אַ „בעל־תשובה" קאָן פּעאיק זײַן דערויף, און וואָס קאָן אַרויסרופן ביים לייענער „צוטרוי" צו זיינס אַ וואָרט: אַז חיים ליבערמאַן זאָגט, זאָגט ער!...

איך וועל מיך מער נישט מטפּל זיין מיט די איבעריקע אַשס בייזוויליקע אָנפאַלער, ווייל זיי זענען פון זעלבן שניט און עס איז געגוג געווען בלויז צו וויזן אייך אַ מוסטער...

איצט לאָמיר ברענגען פאַר אַביישפּיל, ווי אַזוי נישט־בייזוויליקע, נאָר ערלעכע שלום אַש־קעגנער באַהאַנדלען די זעלבע פראַגע; און נאָך עפּעס ווילן מיר באַווייזן, אַז: אַ ווייט גרעסערע מערהייט פון שרייבער טיילן נישט די מיינונג פון די ליבערמאַנס, אַב. קאַהאַנס, וכדומה.

דער באַקאַנטער שריפטשטעלער מ. צאַנין, דער רעדאַקטאָר פון „לעצטע נייעס" אין תל־אביב, ישראל, האָט אָנגעשריבן זעקס גרויסע אַרטיקלען וועגן שלום אַשן (פון 12־טן נאָוועמבער ביזן 17־טן דע־צעמבער, 1954) און ער זאָגט זיך אין זיי אַרויס אין אַ פּיל־וויניק נעגאַטיוון זין צו אַשס אַזוי גערופענע „קריסטלעכע" ווערק. ער וויזט אויף זיינע טעותים, און ער קומט צום אויספיר, אַז אַשן איז נישט געלונגען דורכצופירן זיין ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט ביים שרייבן דעם „מאַן פון נצרת", כאָטש ער זאָגט ביים סוף פון דעם ריזיקן אַרטיקל:

„דער וועג איז אַ שווערער, אַ דאָרנדיקער און מיט שאַרפע פעלזן. מען דאַרף זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז אַפילו אין בעסטן פאַל — וועט אַש איינער אַליין דעם ציל נישט דער־גרייכן. דאָס איז נישט קיין אויפגאַבע פאַר איין מענטש, ווען אַפילו דער גרעסטער קינסטלער.

„אָבער דאָס געבן די אידיי איז פאַר זיך אַליין פון אומ־אָפּשעצבאַרער וויכטיקייט, דאָס איז אַ שעפערישע טאַט פון הויכן פלי. די אידיי האָט געגעבן שלום אַש, און גרויסע אידייען גע־פינען תמיד נאָך גרעסערע קעגנער" („לעצטע נייעס", 17־טער דעצעמבער, 1954).

די אידיי פון אַשס „מאַן פון נצרת", מיינט צאַנין, איז צו געפינען אַ לייזונג פאַר דעם קאָנפליקט צווישן יידן און קריסטן.

און אַט וואָס צאַנין שרייבט וועגן די זעלבע ביכער, אויף וועלכע חיים ליבערמאַן גיסט אויס כל חמתו:

„דער מאָטיוו, וואָס אַשס קעגנער גיבן־אָן פאַר זייער קאַמף קעגן אים, איז דער, אַז אַלס יידישער שריפטשטעלער האָט ער פאַרהערלעכט צום ערשט דעם „אותו איש" און דאָן זיין מוטער און די אַפּאָסטאָלן, און דערמיט פירט ער יידן צו שמד.

„איך האָב געלייענט אַשס „קריסטלעכע ביכער" און גאַנץ אויפמערקזאַם געלייענט, און איך דערלויב זיך צו זאָגן אָט־וואָס: די „טעראַסאַנטאַ" אין ירושלים, וואָס צאָלט פאַר שמדן זיך אַכציק פונט אַ חודש פאַר אַ דערוואַקסענעם און פערציק פונט אַ חודש פאַר אַ קינד, איז אַ פיל־שטאַרקערער צוציאונגס־כוח צום קריס־טנטום, ווי אַלע אַשס „קריסטלעכע ביכער" צוזאַמען... אַנטקעגן די דאָזיקע אַכציק פונט אַ חודש פאַר שמד, איז אין דער הינזיכט אַש אַ פושער. אַ באַווייז האָט איר, אַז דורך „טעראַסאַנטאַ" אין ירושלים זענען שוין אַריינגעבראַכט געוואָרן צום קריסטנטום טעלעכע טויזנט „איבערצייגטע", בעת אַשס „רופן צו שמד" איז אין גרויסער דורכפאַל. „עפעס" נאָך אַשס ביכער פאַלט קיינעם נישט איין צו שמדן זיך. פאַרקערט, מען ווערט נאָך פעסטער אין גלויבן אין די ליכטיקע עטישע כוחות, וואָס גרונטפעסטיקן דאָס יידישע פאָלק (הערט! הערט! — ש. ר.) לויט מיר, וואָלטן איידעלע גוטע קריסטן, נאָכן איבערלייענען אַשס „קריסטלעכע ביכער", געדאַרפט לויפן זיך מגייר־זיין. ווייל אויב די גייסטיקע כוחות פון יידישן פאָלק זענען אַזעלכע קוואַליקע, אַז זיי קאָנען אַרויסגעבן אַזעלכע מענער ווי ישו, איז דאָס דאָזיקע פאָלק ווערט מען זאָל זיך אין דעם אַנשליסן. עס איז תמיד בעסער צו זיין אַ שותף צום הויפט־געשעפט, איידער צו אַ פיליע אין אַ קליין פראָ־ווינץ־שטעטל" („לעצטע נייעס", 19־טער נאָוועמבער, 1954).

**עס וואָלט ממש כדאי געווען — ווען עס איז נאָר מעגלעך — אַריינצוברענגען דאָ דעם גאַנצן אַרטיקל פון מ. צאַנין, און זאָלן יידישע לייענער זען, ווי אַזוי אַ קולטורעלער און ציוויליזירטער מענטש גייט־צו צו אַן ערנסטער פראַגע, און מיט וואָס פאַר אַ כבוד און אָפּשיי ער באַציט זיך צום מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור!... וואָס מער איך האָב געלייענט צאַנינס גלענצנדיקן אַרטיקל, אַלץ מער האָט מיין בלוט אויפגעזאָטן קעגן די מטורפדיקע אָנפאַלן פון היס־טעריקער, וואָס וואָלטן בעסער געדאַרפט גיין צו אַ פּסיכיאַטאָר אויף אונטערזוכונג אָדער אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע.**

**אינטערעסאַנט איז דאָ צו ברענגען אַ ציטאַט פון צאַנינס אַרטיקל און צו וויזן די פאַרערונג זיינע פאַר שלום אַשן:**

„און איך מיין, אַז אַפּילו די פּאַרביסנסטע קעגנער פון שלום אַש לייקענען נישט, אַז אַט דער שריפטשטעלער איז דער גרעסטער קינסטלער ביי יידן. עס איז נאָך ביז איצט נישט געשען, אַז אַ שרייבער פון אַ קליין אומפּאָפּולער פאָלק זאָל, אָן דער אונטער־שטיצונג פון מלוכה־אַפּאַראַט, אַקאַדעמיעס און אָפיציעלע פאַר־בינדונגען, האָבן דערגאַנגען צו אַזאַ וועלט־נאָמען, ווי שלום אַש. שלום אַש האָט אַלץ דערגרייכט מיט דעם כוח פון זיין טאַלאַנט, נאָך איידער ער האָט אָנגעשריבן זיינע ,קריסטלעכע ביכער׳".

**דאָ מוז איך זאָגן צאַניבעך, אַז ער איז זייער אַ נאַאיווער מענטש, ווען ער איז אַזוי זיכער ביי זיך, „אַז אַפּילו די פּאַרביסנסטע קעגנער פון שלום אַשן לייקענען נישט, אַז אַט דער שריפטשטעלער איז דער גרעסטער קינסטלער ביי יידן". הערט, וואָס עס שרייבט אַ שריפט־שטעלער, אַ דיכטער מיט אַ נאָמען ביי יידן און אין די קרייזן פון יידישע שרייבער האַלט מען אים פאַר דעם „חכם", וואָס פאַר אַ — איידל גערעדט — נישט חכמהדיקע רייד ער זאָגט אַרויס אויפן חשבון פון צאַניבס צווייפללאָז־טאַלאַנטפולן קינסטלער שלום אַש. דער דאָזיקער שרייבער איז נישט קיין אַנדערער ווי יעקב גלאַטשטיין, און אָט וואָס ער שרייבט אין זיין „פּראָסט און פשוט" („טאָג־מאָרגן זשורנאַל", 21־טער יאַנואַר, 1955):**

שלום אַש איז אַ גרויסער נאָמען אין דער וועלט, אָבער נישט אין דער וועלט־ליטעראַטור (**מיט וואָס־זשע איז ער אַ גרויסער נאָמען אין דער וועלט, מיט שרייבן מזוזות?... — ש. ר.**), אַפּילו ווען ער וועט ווען עס איז קריגן דעם נאָבל־פּריז (**נישט אומ־זיסט האָט מען גלאַטשטיינען געקרוינט פאַרן חכם, ער באַזאָרגט זיך מיט אַן אַליבי: עס זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי ס׳קאָן זיך יאָ טרעפן... — ש. ר.**), איז ער ביי דער וועלט זייער אַ קליי־נער, אומבאַדייטנדיקער און אומקינסטלערישער שרייבער (**!!! — ש. ר.**). ס׳איז כדאי, אַז מען זאָל דאָס וויסן, און דווקא די באַוואונדערער זיינע, וואָס לויפן אים נאָך און חנפענען אים. אַ גרויסער טייל פון זייער הורא־שרייעריי קומט פון דעם טעות־דיקן (**ווי ער וויסט דאָס אַזוי אַלץ! — ש. ר.**) איינדרוק, אַז אַש איז שטאַרק אָנגענומען ביי די גוים. ס׳הויבט זיך נישט אָן! די ערלעכע וועלט־קריטיק, די וואָס האָט וואָג און מאָס, באַטראַכט אַשן פאַר אַ לייכט־פליסיקן דריטקלאַסיקן שרייבער (**קאָלעגע גלאַטשטיין, אויב איר וויסט דאָס נישט, וועלן מיר עס אייך זאָגן: די לאָנדאָנער „טאַימס" האָט נאָכן דערשיינען פון אַשס**

„ביים אָפּגרונט” געשריבן, אַז קיין שום דייטשן שריפטשטעלער, אַפילו טאָמאַס מאַן, איז נישט געלונגען אַזוי צו שילדערן די פאַר־היטלער עפּאָכע אין דייטשלאַנד ווי שלום אַש! — ש. ר.). דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם פּאָפּולערן פאַרקויף פון זיינע קריסטלעכע ווערק. זיינע אַנדערע ביכער, פון דער נאָך־קריסטלעכער עפּאָכע, ליגן ווי שטיינער און זיי פאַרקויפן זיך פאַר מציאה־פּרייזן, ווייל מען וויל פון זיי פּטור ווערן (נאָך דעם וויפילטן צענדליק־טויזנטער עקזעמפּליאַר? — ש. ר.)”.

אפשר ווילט איר, חבר צאַנין, הערן נאָך אַ פּאָר „פּערלדיקע” שורות פון דעם דיכטער יעקב גלאַטשטיין, וועלן מיר אייך נישט זשאַלעווען. עס איז פיינער פאַרווילונגס־שטאָף:

„אַשס ווערק פּאַסן זיך אַ סך וויניקער צום גייסט פון אונדזער צייט, ווי אַ פּאַטש צו אַ גוט־שבת. עס איז פּרימיטיווער, גוט־צוגעפּראַווטער, רעליגיעזער שונד”.

און וואָס וועט גלאַטשטיין זאָגן דערצו, וואָס אַן עלטערער מומחה אויף ליטעראַטור פון אים, יואל ענטין, איז גורס פונקט דאָס קאַ־פּויערדיקע: „אין דער באַזונדערער שרייב־מאַניר פון ,מאַן פון נצרת' ליגט אויך די צייטלעכקייט פון בוך, זיין פאַרטיידיקונג פון יידישן פאָלק אין דער איצטיקער רשעותדיקער צייט”... און אַזוי ווייטער.

טאָ וועמען זאָל מען גלויבן?... יעקב גלאַטשטיינען, צי זיי — די „באַוואונדערער” זיינע: ש. ניגער, יואל ענטין, מלך ראַוויטש, חיים גרינבערג, ה. ש. קאַזשדאַן, מ. צאַנין און דעם איבערוועגנדיקן טייל פון יידיש־לייענער — וואָרים זיינע ווערק ווערן נאָך אַלץ בעסער פאַרקויפט אויף יידיש ווי פון אַלע שרייבער צוזאַמענגענומען?... עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז זיי, די באַוואונדערער זיינע, קאָן מען מער גלויבן. וואָרים פון אים רעדט אַרויס פערזענלעכע שנאה צו אַשן. אָט זאָגט ער דאָך, יעקב גלאַטשטיין:

„דער שרייבער פון די שורות (אין זעלבן אַרטיקל „פּראָסט און פּשוט”) איז קיינמאָל נישט געווען קיין שטאַרק־באַגייסטערטער אַנהענגער פון שלום אַשס טאַלאַנט, און ביי פיל געלעגנהייטן האָט ער דאָס אויסגעדריקט נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען אַש האָט גע־שריבן יידישע חלבנע ווערק, פון וועלכע עס האָט זיך געגאָסן מעלאָדראַמאַטישער יידיש־היסטאָרישער שמאַלץ. דער נעמלעכער שרייבער פון די שורות וויל האָפן, אַז ס'איז אים דערלויבט נישט צו טיילן די גרויסע באַגייסטערונג פאַר אַשס קאָלאָסאַלער שרייב־

אינדוסטריע. איך האַלט, לאָמיר קלאָר אַריבער אויף דער נישט־פאַרשטעלטער ערשטער פערזאָן, אַז אַלע אַש־באַוואונדערער האָבן אַ פולע רעכט צו שרייען הידד פאַר אַלע פופציק ווערק, וואָס אַש האָט געשריבן".

**דאָס, זעט איר שוין, איז אומגעהויערע חוצפה!... וועלכע חלבנע ווערק, געערטער דיכטער? — „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", „תהלים־ייד", צי „קידוש השם", פון וועלכן הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס זענען אויף אַן אמת אומגעקומען אויף קידוש השם, האָבן געשעפּט באַגייסטערונג?! וויפיל הונדערטער טויזנטער יידן האָבן געזונגען שפּילן אויף דער בינע די פּיעסע „קידוש השם"? האָט איר אַמאָל אַזוינס באַוויזן?... ווי וואָגט איר צו רעדן וועגן דעם גרעסטן יידישן פּראָזע־מייסטער מיט אַזאַ וואולגאַרער שפּראַך, באַליידיקנדיק דערמיט דעם אָנדענק פון אונזערע טייערע זעקס מיליאָן קדושים, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַנדערע מיינונג, און וואָס איז אויך די מיינונג פון אונזערע בעסטע, נישט קאָרופּטירטע, קריטיקער, די „באַוואונדערער זיינע"!**

**הערט נאָר די נאַרישע באַרימערייי:** ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין באַגייסטערטער אָנהענגער פון שלום אַשס טאַלאַנט!... **עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל לאַכן!...**

**און ווי אַזוי יעקב גלאַטשטיין שרייבט לאָגיש, וועל איך אייך אַלס מוסטער ציטירן נאָך אַ „פּערל", שוין איין מאָל אַ לאָגיק!... אָט וואָס ער שרייבט:**

„וואָלט דאָס אַלץ געווען, ווי מען זאָגט, אין אָרדנונג (**דאָס איז אין צוזאַמענהאַנג מיט אַשס פּאַראַדנע אויפנאַמעס אין ישראל, וואָס ער קאָן אים נישט פאַרגינען** — *ש. ר.*). שלום אַש האָט שוין לאַנג פאַרענדיקט זיין קריסטלעכן ציקל ראָמאַנען. ער האָט שוין צוריק איבערגעשאַרפט זיין פען אויפן אַלטן טעסטאַמענט און ער האָט צוגעשטעלט אַ „משה" (**משה טויג שוין אויך נישט!... —** *ש. ר.*) און איצט שרייבט ער „ישעיה" (**טויג ווידער נישט —** *ש. ר.*) — און ביז הונדערט־און־צוואַנציק יאָר — דער אַלטער טעסטאַמענט איז רייך אין פּערזענלעכקייטן. פון איין קליינעם תרי־עשר קאָן מען קריגן, אויב מען האָט נאָר שלום אַשס טאַלאַנט (**הערט נאָר, הערט נאָר! אַש האָט ביי אים פּלוצלינג באַקומען טאַלאַנט!!!** — *ש. ר.*) גאַנצע דרייצן (**תרי עשר איז אויף אַראַמיש: צוועלף!** — *ש. ר.*) טעמעס".

נו, קאָן מען נישט צעזעצט ווערן פון געלעכטער: דאָ האָט ער קיינמאָל נישט געהאַלטן פון אַשס טאַלאַנט (אין זעלבן אַרטיקל!), און מיטאַמאָל: „אויב מען האָט נאָר אַשס טאַלאַנט" (!)... און דאָס, לא עלינו, דאַרף הייסן ערנסטע קריטיק...

איך קאָן זיך נישט צוריקהאַלטן פון נישט צו געבן נאָך אַ פּאָר צאַצקעדיקע בלימעלעך פון דעם דיכטער־קריטיקער:

„ס'איז אומזין צו שרייען, ווי ס'שרייען אַ סך אַשס וואולגאַרע פּאַרטיי־ידיקערס (הערט נאָר, ווער עס רעדט וועגן וואולגאַריטעט! — דאָס מיינט ער דאָך ווידער נישט קיין אַנדערע, ווי: ש. ניגער, יואל ענטין, מלך ראַוויטש, ח. ש. קאַזשדאַן, חיים גרינבערג, מ. צאַנין און פיל אַנדערע — ש. ר.), אַז די יידישע שרייבער, וואָס זענען קעגנעריש צו אַשס קריסטלעכע ווערק, זענען אים מקנא זיין געלט. די יידישע שרייבער זענען שוין אַלט און זיי האָבן זיך שוין, ווי עס איז, צוגעוואוינט צו זייער שטאַנד, און וואָלט מען זיי איצטער געגעבן אַשס אוצרות, וואָלטן זיי נישט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט" (ניין, פאַר אַזאַ נעבעכל האַלט איך גלאַטשטיינען נישט!... — ש. ר.).

נו, עס האָט נישט קיין זין ווייטער צו ציטירן אויסצוגן פון אַ פריערדיקן אַרטיקל (ט. מ. זש„ פון 19־טן נאָוועמבער, 1954), וואו ער האַלט זיך אין איין חכמהנען אויף אַשס חשבון, אַז — אַש האָט דער גויאישקער וועלט נישט פאַרקויפט קיין יידישע סחורה! טאָ וואָס איז יאָ יידיש, אויב נישט דאָס „שטעטל", „שלמה נגיד", „אַנקל מאָזעס", „תהלים־ייד" און כמעט אַלע יידישסטע ווערק פון שלום אַש, אָן וועלכע עס וואָלט קיין יידישע ליטעראַטור נישט געווען און יעקב גלאַטשטיין וואָלט נישט געפאָרן זי פאַרטרעטן אויף פען־קאָנגרעסן?!... — נישט קיין יידישע ווערק האָט אַש פאַרקויפט די גוים, זאָגט גלאַטשטיין!? און זענען דאָך די אַלע פריער אויסגערעכנטע ווערק מיטן „תהלים־ייד" בראש איבערגעזעצט געוואָרן פריער אויף דייטש און דערנאָך אויף ענגליש און אויף אַ סך, אַ סך אַנדערע גויאישקע שפּראַכן!...

נאָר גענוג מיט דער דאָזיקער אומפאַראַנטוואָרטלעכער קוואַטש־היסטעריע!

אָבער איידער איך גיי דאָ ציטירן אַן אַנדערן, אַ באמת דזשענטל־מענישן אַש־קעגנער, ראובן אייזלאַנד, וועל איך דאָ — ווייל ער פּאַסט זיך אַריין אין דער געזעלשאַפט — ציטירן אַ צווייטן דיכטער פון יעקב גלאַטשטיינס חדר (אינזיכיסטן בלע"ז), א. לעיעלעס.

אַ לעיעלעס האָט דעם מוט צו שרייבן וועגן אַשן, אַז ער איז אין

**דער יידישער ליטעראַטור נאָר אַ נעמער און נישט קיין געבער, און ער באַנוצט זיך דערביי מיט אַ פאָלקס־ווערטל: „אַ נעמער איז נישט קיין געבער" (וועלט און וואָרט, „טאָג" פון 7־טן אויגוסט, 1954). טוט דער דיכטער א. לעיעלעס, לאַמר, אַזוי צו זאָגן:**

„אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, זעט מיר אויס, איז דער טיפּישער און אַפּעטיטפולער נעמער — שלום אַש.

„איך וויל דאָ בלויז זיך אָפּשטעלן אויף דעם פאַקט (**ביי אים איז עס שוין אַ פאַקט! — ש. ר.**) פון שלום אַשס אָוועקקערן זיך פון דער יידישער סביבה; אויף דער — אין אַ היפּשער מאָס — פאַרנייגונג פון די זאַכן, וואָס ער האָט פריער געהאַלטן טייער און הייליק, אַריינגערעכנט זיין אייגן געצייג — די יידישע שפּראַך.

„אַ ריכטיקער פּסיכישער אַנאַליז (**דער דיכטער לעיעלעס האָט לעצטנס זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט פּרווידיאַנישקייט... — ש. ר.**), מיין איך, וואָלט באַוויזן, אַז אָט אין דעם אַלעם האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע שלום אַשס גרויסער, אומדערזעטלעכער אַפּעטיט, דער פאַקט, וואָס ער איז איבער אַלץ אַזאַ גרונטאָווער נעמער.

„און פאַרוואָס?

„ווייל צום נעמען איז נישטאָ קיין גרעניץ. וואָס מער, אַלץ מער, נאָך און נאָך! וויפיל מען קריגט, איז אַלץ נישט גענוג.

„צום געבן איז דאָ אַ גרעניץ. די גרעניץ ווערט געצייכנט דורך די אייגענע אינערלעכע כחות: דורך דער אייגענער זעלבסט־קענטשאַפט און זעלבסטמאַנונג; דורך דער טיפער עניוות, וואָס פּאַסט זיך זייער צו שאַפערישקייט.

„דער טיפּישער נ ע מ ע ר (**אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ש. ר.**) שלום אַש — אים איז פריי ענג געוואָרן אין דער יידישער סביבה. די באַהעפטקייט מיט דעם אייגענעם פאָלק, וואָס האָט אים געגעבן אַזוי פיל ליבשאַפט און געטריישאַפט, איז **נישט** געווען גענוג. ער האָט דעריבער פריי גענומען קוקן „אויף יענער זייט פּאַרקן", לויט דעם זייער פריען אויסדרוק פון י. ל. פּרץ. (**פאַרוואָס פאַרגעסט דער פיל־געאַכפּערטער דיכטער צוצוגעבן אויך, וואָס דער נעמלעכער י. ל. פּרץ האָט נאָך עפּעס געזאָגט וועגן אַשן: „אַש, דיכטער, ווערט אונדז אַפּטריניק נישט ווערן... ער איז, ווערט און מוז בלייבן אַ יידישער שרייבער", און ער האָט טאַקע אויך געטראָפן: אַש איז געבליבן אַ יידישער שרייבער,**

הלוואי אַ טוץ אַזעלכע שרייבער אין דער לעצטנס בלוט־אָרימער יידישער ליטעראַטור! — ש. ר.).

„און זאָל מען מיך פרעגן, וואָס הייסט געבן און ווער, אַשטייגער, איז דער גרויסער געבער אין דער יידישער ליטע־ראַטור — האָב איך נאָר־וואָס אָנגערופן זיין נאָמען:

„י. ל. פרץ".

מסכים! נו, און אַש?... וואָס האָט עס די יידישע ליטעראַטור צוגעלייגט צו שלום אַשן?! איז ער טאַקע בלויז אַ נעמער און גאָר־נישט קיין געבער?...

איז עס נישט, מילד גערעדט, קיין חוזק אַזוי צו רעדן וועגן דעם גרעסטן געבער אין דער יידישער ליטעראַטור!?

היות אין יעדן אָרקעסטער זענען פאַראַן אַ סך מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, פון אַן ערשטע פידל, ביז אַ פויק, אַ גלעקעלע און אַ קלאַפּערל, האָט זיך אויך צו דעם דאָזיקן טרויעריקן אָרקעסטער צוגעטשעפּעט אַזאַ „קלאַפּערל", און ווי אַ „הענדל פאַר אַ דרייער" האָט עס אויך אַריינגעוואָרפן זיינס אַ וואָרט, ווי איינער זאָגט: „לאָמע פון מיר אויך וויסן, אַז איך עקזיסטיר"... וואָרים אינדעראמתן טאַ־קע ווייסט קנאַפּ ווער וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן „קלאַ־פּערל", וואָס מען הערט עס קוים־קוים אַרויס. ער איז נעביך כשר־געדעכט...

און ער אַליין, בכבודו ובעצמו, זאָגט טאַקע אויך, אַז שלום אַש איז גאָרנישט בבחינת קינסטלער, און — לאָמיך אים מהנה זיין מיט אַ ביסל אומשטערבלעכקייט, ווייל מער וועט סיווי נאָך אים נישט אי־בערבלייבן — דאָס דאָזיקע „קלאַפּערל" טוט, נעמלעך, אַזוי דרשנען:

„געווען אין רוסלאַנד אַ סאָרט מאָלערס, וואָס מ'האָט גערופן „באַגאָמאַזן": די פלעגן שמירן איקאָנעס פון „הייליקע". קיינער פון די האָט דאָס „באַגאָמאַזעריי" נישט געהאַלטן פאַר קיין קונסט. דער עיקר, צו יידן האָט מען עס נישט אונטערגעטראָגן פאַר אַ דערקוויקעניש (וואָס איז די רבותא? — ש. ר.), ס'איז געווען באַשטימט פאַרן געשמאַק און פאַר דער השגה פון רויען, פרימי־טיוון, דערשלאָגענעם המון.

הפנים, אַז אַזאַ סאָרט „קונסט" (דעם קלאַפּערלס געענדזנ־פּיסלעך — ש. ר.) גילט אויך אין וואָרט, און דווקא אַצינד. שוין יאָרנלאַנג, אַז אין אַ באַדייטנדיקן (מיטאַמאָל איז אַש געוואָרן ביי אים „באַדייטנדיק"!... — ש. ר.) יידישן שריפטשטעלער איז

רחמנא־לצלן אריין אַ דיבוק פון „באַגאַמאַזעריי" און קריכט פון אים נישט אַרויס (איך מוז דאָ צוגעבן, לשם אינפאָרמאַציע, אַז ער מיינט דאָ שלום אַשן. פאַרוואָס די „אינפאָרמאַציע"? וואָרים אַ סך לעזער, דערונטער אויך שרייבער, האָבן טאַקע נישט געוואוסט וועגן וועמען דאָס „קלאָפּערל" פּלאַפּלט אַזוי אומ־באַהאָלפן... — ש. ר.). צוערשט האָט ער אונדז מכבד געווען מיט עטלעכע ספר פּראָלניקעס (אַנטשולדיקט, פאַרגעסן צוצו־געבן: דאָס איז ביי אים אַ פּעליעטאָן אַזאַ — ש. ר.) וועגן פאַר־הייליקטע געשטאַלטן פון די עוואַנגעליעס. למען הגלייכגעוויכט האָט ער דערנאָך פאַרקירעוועט דעם דישל און אונדז דער־לאַנגט אַ „משה"; „איינמאָל" משה, ווי שלום עליכם וואָלט גע־זאָגט. און איצט די בבל־מעשה (דאָס מיינט ער דעם ישעיה־ראַמאַן, פון וועלכן אַ קאַפּיטל איז אין יענער צייט אָפּגעדרוקט געווען אין „די גאָלדענע קייט" — ש. ר.)".

נו, וואָס זאָגט איר, טייערע יידישע לייענער דערויף?... די פּראָפעסיאָנעלע אָנפאַלער אויף אַשן מעגן שוין איינפּאַקן זייערע מלחמה־כלי־זין, ווייל דער ענין פון אַטאַקירן אַשן, דעם גרעסטן יידישן קינסטלער, וואָס איז דער רעמבראַנדט, דער טיציאַן און רובענס מיט דער פּען אין דער יידישער ליטעראַטור, ווערט שוין באַשפּיגן פון יעדער מיטלמעסיקייט. דער „קאַמף", מישטיינס געזאָגט, שטייט שוין איין אין דער שוסטער־גאַס...

איצט וועל איך געבן דאָס וואָרט אַן אַנדער קעגנער פון שלום אַשן, דעם באַרימטן דיכטער ראובן אייזלאַנד, ע"ה, וועלכער האָט פאַרן טויט פאַרעפנטלעכט אַ ניי בוך: „פון אונדזער פרילינג". ראובן אייזלאַנד האָט אין דעם דאָזיקן בוך אַ צאָל עסייען, צווישן זיי אַן עסיי וועגן שלום אַשס „דער מאַן פון נצרת". אייזלאַנד טרעט אַרויס קעגן אַשס גאַנצער קאָנצעפּציע וועגן אַריינברענגען אַ שלום צווישן קריסטנ־טום און יידנטום; אויך ער האַלט, אַז אַש האָט אַזאַ בוך נישט געדאַרפט שרייבן.

אָבער מיט וואָס פאַר אַ דזשענטלמענישקייט, ערלעכקייט און פּאָעטישער זויבערקייט ער טרעט־צו צו דעם גאַנצן ענין! אַזאַ קעגנער מעג מען זיין און ס'איז נישט קיין זינד צו זיין. אפילו שלום אַש אַליין וואָלט נישט געהאַט אויסצוזעצן קעגן אַזאַ שטייגער קריטיק. וואָרים אַנדערש איז, ווען מען שרייבט מיט רשעות, מיט ציין־קריצעניש, גראָבקייט און ווילדער שנאה; און אַנדערש איז, ווען מען שרייבט אַזוי, ווי עס שרייבט ראובן אייזלאַנד:

„אין זיין „נאַזאַרין" ווייזט אַש אַן איבעריק מאָל, וואָס פאַר אַ וואונדערלעך אויג ער האָט פאַר לאַנדשאַפטן (**אַלזאָ, נישט קיין באַגאַמאז!... — ש. ר.**). דאָס איז אַ דערגרייכונג, וואָס זייער ווינציקע שרייבער קאָנען אויפווייזן. אַ גאַנצע וועלט פון אַמאָל איז צוריק אויפגעשטעלט און באַלעבט געוואָרן, און דו וואונדערסט זיך, מיט וועלכן כישוף דער מחבר האָט דאָס געטאָן".

**יאָ, געטראָפן: אַש פאַרמאָגט אַזאַ כישוף, און דאָס איז דער גרויסער טאַלאַנט זיינער, וואָס ווייניק־ווער אין דער יידישער ליטעראַטור עס פאַרמאָגט!**

## קאַפּיטל דריי

# צי איז שלום אַש אַן עם־הארץ?

פּונקט ווי אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון אונטער חיים ליבערמאַנס פּען (ווען ער ווערט היסטעריש) איז פאַלש, שקאַציש, אַפּזיכטלעכער להכעיס און יעזואיטיש, אַזוי איז אויך פאַלש פון אויבן ביז אַראָפּ זיין הנחה, אַז שלום אַש איז אַן עם־הארץ. ליידער האָט מען די דאָזיקע „חכמה" געהאַט פאַרשפּרייט, נאָך איידער שלום אַש האָט זיך גענומען שרייבן אויף דער פאַרבאָטענער טעמע; און גערעדט האָט אויך וועגן אַשס עם־הארצישקייט אַזאַ שרייבער, וואָס האָט זיך אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 באַרימט, אַז ער האָט שוין צוואַנציק יאָר נישט געלייענט קיין ביכל...

אינטערעסאַנט וועט זיין דאָ צו ברענגען אַ מיינונג, וואָס עס דריקט אויס דער באַרימטער ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיקער, ד״ר א. מוקדוני, וועגן אַשס כלומרשטער עם־הארצות.

אָט וואָס עס שרייבט ד״ר מוקדוני אין זיין בוך „אין וואַרשע און לאָדזש":

„...און דערביי איז אַן אויסגעטראַכטע בבא־מעשה, אַז ער (אַש) איז אַן עם־הארץ.

„ער איז אויסערסט אינטעליגענט, אַ סך אינטעליגענטער פון די, וואָס טוען אים וואַרפן אין פּנים אַריין דאָס אַלטע יידישע זידל־וואָרט „עם־הארץ".

„ער פאַרמאָגט אַ מעכטיקן אינטעלעקט; דאָס וואָס ער לערנט שרייבנדיק אַ היסטאָרישן ראָמאַן, וועט עס אַן אַנדערער נישט לערנען אין יאָרן.

„ער איז אפשר אַן עם־הארץ פאַרמעל בלויז:

„ער ווייסט נישט פון קיין גראַמאַטיק, אָבער ער האָט פאַר יעדער טעמע איר סטיל; זיינע ביבלישע דראַמעס זענען דורך און דורך ביבליש, זיינע וועלטלעכע דראַמעס זענען דורכאויס וועלטלעך".

ערשטנס, ווי קאָן בכלל אַ שרייבער, אַ יידישער שרייבער, וואָס איז ווערט אָנגערופן צו ווערן מיט דעם דאָזיקן נאָמען, זיין אַן עם־הארץ? ער וועט דאָך די ערשטע יידישע דערציילונג נישט קאָנען אָנשרייבן! צווייטנס, אַ מענטש, וואָס האָט אין דער יוגנט געלערנט אין בית־המדרש און אַפילו אָנגעהויבן שרייבן אויף העברעאיש, נאָר פרץ האָט אים געראָטן בעסער צו שרייבן אויף יידיש, און ווען אַש איז געפאָרן צום ערשטן מאָל קיין ארץ ישראל, האָט אים דער זעלבער פרץ, דער רבי זיינער, מיטגעגעבן אַלס „צידה לדרך" קבלה־ספרימלעך און מדרשים — ווי קאָן אַזאַ אייגער זיין אַן עם־הארץ?

אָבער חיים ליבערמאַן האָט מיט זיין סאַרקאַסטישן און גיפטיק־גאַליקן חוזק (ווי ער קאָן!) דווקא געוואָלט באַווייזן, אַז אַש איז אַן עם־הארץ, האָט ער דערפירט זיין באַהויפּטונג ממש ביז גראָטעסק, און ער גיט זיך אַזאַ זאָג מיט אַ יעזואיטיש פערעלע, אַז — „אַש קען אויף אַזוי פיל העברעאיש, אַז ער איז בלויז אימשטאַנד אָנצו־שרייבן דאָס וואָרט „שלום" פון זיין נאָמען שלום אַש". און ער לאַכט אויס דערביי די גוים, וועלכע האַלטן, אַז שלום אַש איז אַ יידישער „סקאָלער" (געלערטער). נו, און דער טעאָלאָגישער סעמינאַר, וואָס באַשטייט כידוע נישט פון קיין גוים, האָט דאָך אַשן געגעבן נאָך פאַר דער מלחמה, איידער ער האָט געשריבן זיינע „קריסטלעכע" ביכער, דעם דאָקטאָר־טיטול פאַר זיינע יידישקייט־קענטענישן!...

אָבער פאַר דער מלחמה האָט חיים ליבערמאַן אויך אַנדערש גע־רעדט וועגן שלום אַשן. איצט פאַרשטיי איך: עס האָט אים מסתמא אַזוי געפאַסט צום רומל...

נאָר לאָמיר גיין מיט אַ סדר.

חיים ליבערמאַן, כדי צו באַווייזן, אַז שלום אַש איז אַן עם־הארץ, נעמט איצט צוהילף זיין אַמאָליקן שונא, ש. ניגער (ווען ער וועט האַלטן פאַר נויטיק, וועט ער ניגערן מסתמא ווידער באַפאַלן), און ער שרייבט אַזוי:

„איך ברענג דאָ, וואָס דער פירנדיקער קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, שמואל ניגער, האָט געשריבן וועגן אַשס קולטורלאָזיקייט. אין צוויי כעסדיקע אַרטיקלען אין 1937 („טאָג",

יוני 12 און 13), זאָגט ער צווישן אַנדערן אַזוי: **„איך זאָג עס און זאָג מיט אַ כיוון פּראָסט און קלאָר און אָפן, אָן קיין שום צערעמאָניעס, אַז ביי אַשן זענען דאָ צענדליקער און צענדליקער זאַצן, וועלכע האָבן נישט קיין טעם, קיין לייב און לעבען... אויסדריקן און ווענדונגען, וועלכע (וואָס) שטימען נישט מיט קיין שום גראַמאַטיק'...** („שלום אַש און קריסטנטום").

איז דאָך גוט, האַ?

אָבער וואָס זאָגט אין 1937 דער זעלבער חיים ליבערמאַן — דאַמאָלס איז ער אפשר נאָך נישט געווען קיין בעל־תשובה — וועגן די זעלבע צוויי אַרטיקלען ניגערס?...

אין דער בראָשורע „אַ דעבאַטע אין זעקס בריוו" (אָקטאָבער, 1937), אָדער „ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און ש. ניגער", איז צווישן אַנדערע אַרטיקלען, ווי פון ד"ר ש. מ. מלמד, אבא גאָרדין, ד"ר ד. גלאַבוס, אויך פאַראַן אַן אַרטיקל פון חיים ליבערמאַן, א. ב. „אַן ענטפער צו ד"ר ש. מ. מלמד און אבא גאָרדין" (זייטן 13־57) און מיט אַן אונטערקעפּל: „וועגן ש. ניגערן", זאָגט חיים ליבערמאַן אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. ממש צו שטוינען!...

ווי חיים ליבערמאַנס טבע איז, מאַכט ער פון ש. ניגערן אויס־צודרייען. איך וועל דאָך דאָ נישט גיין איבערדרוקן דעם גאַנצן אַר־טיקל, וואָס וואָלט אגב געווען זייער אינטערעסאַנט פאַר אַ פּסיכאָלאָגישן שטודיום.

איך וועל אָבער ציטירן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס איז נויטיק, כדי אים אויסצושטעלן אויף לייטיש געלעכטער. נישקשה, ער האָט זיך דאָס גאַנץ פיין פאַרדינט (הגם איך בין חיים ליבערמאַנען שולדיק אַ דאַנק, וואָס ער האָט מיך, נישט ווילנדיק, אַמאָל פאַרטיידיקט אין אַשס אויגן קעגן ניגערן... עס איז אַ פיינער אַנעקדאָט, וואָס איז אין זיינער צייט אָפּגעדרוקט געווען אין „יידישן קעמפער" דורך יעקב גלאַטשטיין, לויט מיין דערציילן אים, אָבער גאַנץ היפּשלעך פאַרדרייט און „פאַרליטעראַרישט"... דעם דאָזיקן אַנעקדאָט דערצייל איך אין איינעם פון מיינע פריערדיקע קאַפּיטלעך זכרונות וועגן שלום אַשן).

און אָט־וואָס חיים ליבערמאַן שרייבט אין 1937:

„ס'איז ממש צום לאַכן, אַז ביי אַ פאָלק פון לומדות, חכמה, גאונות און אַריסטאָטעלישן סטיל זאָל ניגער זיין אַ ליטעראַרישער לערער".

„אַז ניגער לערנט יידן ווי צו שרייבן, ווייסט איר, ווי דאָס

זעט מיר אויס? ווי ער זיצט אין אַ טייך און לערנט די פיש ווי צו שווימען...

„...איך האָב אויפגעמישט זיינע אַרטיקלען, אַן ענטפער שלום אַשן אויף זיינע טענות וועגן זיין מערכה אין דער יידישער ליטעראַטור — „טאָג", יוני 12 און 13, 1937 — (**איך דענק, אַז דאָס מיינט ליבערמאַן אַשס אַרטיקל ,אַראָפּגערעדט פון האַרץ' — ש. ר.**). דערצו איז מיר גלאַט געוועז טשיקאַווע צו זען, ווי אַזוי דער „גרעסטער יידישער קריטיקער" (**ליבערמאַנס גענדזנ־פּיסלעך — ש. ר.**) טענהט זיך אויס מיטן גרעסטן יידישן שריפט־שטעלער. איז עס געווען, ווי זאָל איך אייך זאָגן — ווי אַ געשפּרעך צווישן דער נאַרישקייט און דער חכמה".

**איך וועל עס מאַכן בקיצור, ווייל עס איז נישטאָ אַזוי פיל פּלאַץ דערפאַר. דער תמצית איז: ניגער וואַרפט פאַר אַשן, אַז ער זינדיקט קעגן דער גראַמאַטיק און סינטאַקסיס און „אַנדערע זיבן זאַכן" און דאָך האָט ער, ניגער, אים געלויבט. מען האָט אַשס מאַנוסקריפּטן אָנגענומען מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ דורך יידישע זשורנאַלן, כאָטש די ווערק זיינע זענען דער רעדאַקציע נישט געפעלן געוואָרן... און חיים ליבערמאַן רופט אויס דערויף אין זיין אַרטיקל, איראָניזירנדיק ניגערן:**

„אַדאָ אומדאַנקבאַרער קערל!

„און ניגער שרייט טאַקע אויס מיט פּאַטאָס: **,אַש ווייסט נישט פון דאַנקבאַר זיין; ער ווייסט נאָר פון מאָנען'.**

„אַפילו דער קורסיוו איז ניגערס, פריינט גאַרדין.

„אַזוי טענהט זיך אויס א י י ע ר גרעסטער יידישער קריטיקער מיט מ י י ן גרעסטן שריפטשטעלער (**אונטערגעשראָכן דורך מיר — ש. ר.**).

„קינדער־שטאָף, נישט אמת?

„אָבער וואַרט, דער צימעס קומט ערשט. ניגער, פאַרשטייט איר מיך, איז נישט געגאַנגען צו אַשן מיט ליידיקע הענט. ער האָט מיטגענומען אַ כרעסטאָמאַטיע און קריפּיטשניקאָווס גראַ־מאַטיק — כמעט דיין גאַנצן גייסטיקן פאַרמעגן — און האָט זיך פאַרנומען אויף אַשן גאַר־גאַר אויף אַן אַנדער אופן.

„**כ'זאָג עס** — שרייבט ניגער — **און זאָג מיט אַ כיוון פּראָסט און קלאָר און אָפן, אָן קיין שום צערעמאָניעס' —** שטעלט איר אַן מויל און אויערן: וואָס אַזוינס זאָגט ער?

„ער זאָגט אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, אַז ביי אַשן זענען

ד'אָ, ווי געשריגן, **„צענדליקער און צענדליקער זאַצן, אויס־דריקן און ווענדונגען, וועלכע (וואָס) שטימען נישט מיט קיין שום גראַמאַטיק'** (עפּעס אַ באַקאַנטער פּסוק — וועט דער חשובער לייענער זיך אַ כאַפּ־טאָן — יאָ, איר זענט גע־רעכט: ליבערמאַן נוצט אים אין זיין „ווערק" „שלום אַש און קריסטנטום", מיט ניגערן אַלס עדות, אַז שלום אַש איז אַן עם־הארץ — ש. ר.).

„אַזאַ אומגליק!

„און ניגער פּילט זיך נישט, פאַרקאַשערט די אַרבל, נעמט דעם טייטל אין האַנט און זעצט זיך אַוועק אַריינקלאַפּן אין אַשס פיוערשן קאָפּ ווי אַזוי מ'דאַרף שרייבן אַ לייטישע שורה ביי יידן.

„ברענגט ער פאָלגנדיקע שורה, וואָס אַש האָט ערגעץ גע־שריבן: **„ביז היינט צו טאָג קוקן זיי אַלע אויס, ווען דער יונג וועט אַ פּוס אויסגליטשן'.**

„פע — זאָגט ניגער — פע, ס'טויג נישט. מ'דאַרף זאָגן: **„ווען ביי אים וועט זיך אַ פּוס אויסגליטשן'.**

„ניגער ברענגט אַ צווייטן זאַץ. אַש האָט געשריבן וועגן דיינע קריטיקער: **„איך גיב זיי נאָך אין אַלע פעלערן, אין וועלכע זיי האָבן מיך באַשולדיקט, זענען פעלערן'.**

„פע, פע, פע! — פאַרקרומט ניגער מיט דער נאָז — פּאַס־קודנע! **„ער האָט געוואָלט זאָגן' — שרייבט ער — „איך גיב זיי נאָך, אַ ז אַלע פעלערן, אין וועלכע זיי האָבן מיך באַ־שולדיקט, זענען פעלערן'.**

„געפעלט אייך עפּעס אַ שפּראַכלעכע „חריפות"?

„וואָס־זשע טוט גאָט, זענען ניגערס אויסגעבעסערטע זאַצן אַזוי בעסער פון אַשס ווי אַ טעמפּער מעסער איז בעסער פון אַ שאַרפן".

**און ווייטער פאַרטיידיקט חיים ליבערמאַן דעם זעלבן אַשן, וועמען ער באַשולדיקט איצט אויף דעם סמך פון דעם זעלבן ניגערן און אויפן סמך פון די זעלבע רייד ניגערס:**

„יאָ, מיין פריינט (דאָס שרייבט אַלץ **חיים ליבערמאַן צו אבא גאָרדין — ש. ר.**), אַ שיינע צייט געפונען צו לערנען אַשן גראַמאַטיק, נאָך פערציק יאָר שאַפן (**אָבער נאָך 50 יאָר שאַפן, הייסט עס, מעג ליבערמאַן יאָ לערנען אַשן!... — ש. ר.**) און גלייך ווי עס איז אַ נאָווינע אַ גרויסער שרייבער, וואָס איז נישט אָפּגעהיט אין זיין סטיליסטיק און אַפילו אין זיין גראַמאַטיק.

„כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז עמנואל קאַנט, למשל, איז אויך געפלאָגט געוואָרן פון די ניגערס פון זיין צייט פאַר שלעכטן סטיל...״

**און דאָ צעלאַכט זיך חיים ליבערמאַן אויף אַ ווילדן, ליבערמאַנישן אופן, ווי נאָר אַ היסטעריקער קאָן:**

„כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי! העלפט מיר לאַכן, קאָלעגע גאָרדין (**איצט הערט הערט!... — ש. ר.**)!

„אַ מענטש, וואָס האָט שוין אָפּגעליגט עקזאַמען דורך צענדליקער מייסטערווערק, מייסטערווערק (**אונטערגעשטראָכן דורך חיים ליבערמאַן — ש. ר.**), קומט ניגער ערשט מאָנען ביי אים עלעמענטאַר וויסן!

„אַ קינסטלער, וואָס האָט געבראַכט דאָס געזאַנג פון דער וועלט, שירה פון גאָט, נבואה, נעמט ניגער און זעצט אים אַוועק אויף דער קני און מאַכט צו אים: „זאָג נאָר, יינגעלע, און וויפיל איז אַכט מאָל ניין וויסטו? און פאַרוואָס אַן עפּעלע פאַלט פון בוימעלע וויסטו?״

„אַ שיין ספּעקטאַקל, פריינט גאָרדין, נישט אמת?״

**אָבער נאָך אַ שענער ספּעקטאַקל איז מיט אייך, ר׳ חיים ליבערמאַן!... — ביי ניגערן האָט, לויט אייערע רייד, גענומען „זעקס יאָר און זעקס מאָנאַטן מיט דרייצן טעג (דעבאַטע אין זעקס בריוו, זייט 21)״, אַז ער זאָל ענדערן זיין מיינונג פון גוטן צו שלעכטן, און ביי אייך האָט געדאַרפט נעמען גאַנצע דרייצן (אַ מיסטישע ציפער) יאָר צו ענדערן אייער מיינונג פון גוטן צו שלעכטן. וואָרים אין 1937 לאַכט איר אויס ניגערן פאַר זאָגן, אַז אַש קאָן נישט קיין גראַמאַטיק און איז אַן עם־הארץ, און אין 1950 זאָגט איר, אַז אַש איז אַן עם־הארץ און קאָן נישט קיין גראַמאַטיק, אוןביידע מאָל שטיצט איר אייער מיינונג אויף דעם זעלבן ציטאַט פון ניגערן...**

**נו, איז נישט קיין רחמנות נעבעך אויף דעם יידישן לייענער, וואָס מען טראָגט אים אונטער ביכלעך און בראָשורן, אָנגעפּיקעוועט מיט פאַלשקייטן און ער מוז עס אַזוי אַלץ אַראָפּשלינגען!...**

**ווי אַזוי וויל ער, ח. ל., דערוועקן ביים לייענער צוטרוי צו זיך?! עס איז דאָך ממש צו לאַכן אין די פויסטן: כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי! — צו נעמען דעם זעלבן, טאַקע ממש דעם זעלבן, פּאַראַגראַף פון ניגערן:** „כ׳זאָג עס און זאָג מיט אַ כיוון פּראָסט און קלאָר און אָפן, אָן שום צערעמאָניעס״, און אַזוי ווייטער, **און אים אָנווענדן**

איין מאָל (אין 1937) אַלס פאַרטיידיקונג פון אַשן, און זאָגן וועגן אים דערביי: „דער קינסטלער, וואָס האָט געבראַכט געזאַנג פון דער וועלט, שירה פון גאָט, נבואה", און מיט דרייצן יאָר שפּעטער נעמט ער, חיים ליבערמאַן, דעם זעלבן פּאַראַגראַף, פון דעם זעלבן ניגער, כדי אים אויסצונוצן אַלס באַשולדיקונג קעגן אַשן און מאַכן אים אויף דעם סמך פאַר אַן עם־הארץ!...

נו, איצט לאָמיר נאָר אַריינקוקן אין די דורך אַשן פאַלש־ציטירטע פּסוקים, וואָס ליבערמאַן ברענגט זיי אויף די זייטלעך 22 און 23 פון „שלום אַש און קריסטנטום"! אָבער פריער וויל איך פרעגן חיים ליבערמאַנען: צי קאָן מען אויפן סמך פון דער דאָזיקער שוואַכער באַשולדיקונג שטעמפּלען אַ מענטש, וואָס שרייבט שוין פינף־און־פופ־ציק יאָר און האָט אָנגעשריבן אַזעלכע מייסטערווערק (ליבערמאַנס אויס־דרוק), ווי „תהלים־ייד", „מאַן פון נצרת", „משה" און „ישעיה", וואו עס פאָדערט זיך לכל הדעות גרויסע יידישע ערודיציע — אַז ער איז אַן עם־הארץ!?

וואָס מיינט, אייגנטלעך, אַן עם־הארץ? אַן עם־הארץ מיינט, אַז די געגעבענע פּערזאָן ווייסט אַפילו נישט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזעלכע פּסוקים. אַ פּערזאָן, וואָס האָט קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט אין תנ"ך, אין אַ גמרא, בכלל אין אַ יידיש ספר!

טאָ ווי וואָגט אַ שרייבער, וועלכער וויל אויפבויען אַזאַ ערנסטן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם וויכטיקסטן יידישן שריפטשטעלער אין אונזער ליטעראַטור — אַ „קינסטלער, וואָס האָט געבראַכט דאָס געזאַנג פון דער וועלט, די שירה פון גאָט, נבואה" (חיים ליבערמאַנס אייגענע באַצייכנונג פאַר אַשן) — זאָל דעם דאָזיקן אַקט אויפבויען אויף אַזאַ זאַמדיקן באָדן, וואָס צעפאַלט זיך ביים ערשטן בלאָז!... אַ פּראָקוראָר אין אַ געריכט וואָלט דאָס נישט געטאָן, ווייל די פאַרטיידיקער פון באַשולדיקטן וואָלטן פון אים געמאַכט פּיפּקע...

אויב אַ מענטש — אין דעם פאַל: שלום אַש — געדענקט די דאָזיקע פּסוקים פון אויסנווייניק, און אַפילו ווען ער ברענגט זיי אין אַ פאַרגרייזטער פאָרם, וואָס איך צווייפל אין פיל פון זיי, אויב דאָס איז זיין שולד (דאָס וועלן מיר באַלד זען), איז שוין נישט קיין עם־הארץ!

לאָמיר טאַקע נעמען די פּסוקים: „שנות רשעים תקצורנה". חיים ליבערמאַן כאַפּט אַשן ביי דער האַנט, אַז עס שטייט אינדעראמתן: „תקצורנה". אָדער דעם אויסדרוק: „די טוען מעשי זמרה", און עס דאַרף זיין: „מעשי זמרי"... איז ווייסט איר דען נישט, ר' חיים ליבערמאַן, אַלס לאַנגיאָריקער צייטונגסמאַן און אַרויסגעבער פון אַזוי

פיל בראָשורקעס, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי אַ „בחור הזעצער״! אויף דערויף איז דאָך צווישן שרייבער פאַראַן אַ גאַנגבאַר ווערטל, אַז „אַ שרייבער וועט גיכער שטאַרבן פון אַ דרוקפעלער, איידער פון אַ האַרצפעלער״... וועגן דעם, אַז אין די אויבנדערמאָנטע צוויי פסוקים האָט דער בחור הזעצער געמאַכט די גרייזן, זעט אַפילו אַ בלינדער, און קיין שום רעכט־דענקענדיקער מענטש וועט אַזעלכע גרייזן נישט נעמען ערנסט און נאָך דערפאַר שטעמפּלען אַ גרויסן שריפטשטעלער אַלס עם־הארץ...

איצט לאָמיר אַנאַליזירן נאָך עטלעכע פסוקים, וואָס חיים ליבערמאַן וויל, לויט זיי, פאַרוואַנדלען דעם ליטעראַטור־ריז שלום אַש אין אַן עם־הארץ:

אַש האָט געשריבן: „כל הארץ מלאה כבודו״ און עס דאַרף זיין: „מלא כל הארץ כבודו״. אַש האָט געשריבן (אַלץ אין „מאַן פון נצרת״): „על שני עדים יקום דבר״, און עס דאַרף גאָר זיין: „על פי שני עדים או על פי שלשה עדים יקום דבר״; צי אַש שרייבט: „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח ה׳״ און שטיין דאַרף גאָר: „לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוחי אמר ה׳ צבאות״. יאָ, ליבערמאַן האָט אים, אַשן, געכאַפּט ביי נאָך אַ וואַזשנעם גרייז: אַש האָט אָנגעהאָנגען דעם פסוק: „צדיק באמונתו יחיה״, אין דוד המלכן, און געזאָגט האָט עס גאָר דער נביא חבקוק.

וועט מיר ר׳ חיים ליבערמאַן דערלויבן צו ברענגען אַ לעבעדיקן ביישפּיל:

איינמאָל קלינגט מיר אָן אַ באַקאַנטער ידישער אַקטיאָר, און — היות ער האַלט, אַז איך קאָן מיך אויס אַ ביסל אין די שוואַרצע פינ־טעלעך, ווענדט ער זיך צו מיר מיט אַ בקשה: איך זאָל פּסקענען אַ שאלה וועגן אַ געוועט, וואָס ער האָט געמאַכט מיט אַ צווייטן אַקטיאָר. וואָס אַזוינס איז די שאלה?

ער, דער פרעגער — הייסט עס — זאָגט, אַז עס שטייט געשריבן: „החיים והמות ביד הלשון״, און דער צווייטער טענהט, אַז עס שטייט נישט אַזוי, נאָר אַנדערש.

אין פלוג האָב איך קיין סך נישט געטראַכט און געפּסקנט, אַז מען זאָגט טאַקע: „החיים והמות ביד הלשון״. אַזוי האָב איך געלייענט ביי אַ סך באַקאַנטע שרייבער, יודעי־ספר, אַזוי זאָג איך אַליין און אַזוי האָב איך געהערט זאָגן פון פיל פּערזאָנען.

היות אָבער איך בין אַ פאַרזיכטיקער מענטש, ווען עס האַנדלט זיך ביי ציטירן אַ פסוק, און איך פאַרמאָג אויך דאָס „מאַגישע״ ספר, וואָס איר, חשובער חיים ליבערמאַן, פאַרמאָגט געוויס (קאָנקאָרדאַנץ, בלע״ז),

האָב איך מיין באַקאַנטן אַקטיאָר געזאָגט: וואָרט־צו אַ ווייל ביים טעלעפאָן און איך וועל דיר באַלד געבן די ריכטיקע תשובה. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן זיך צו דערוויסן, אַז דער אָנגענומענער שפּרוך „החיים והמות ביד הלשון", איז נישט ריכטיק. עס שטייט בפירוש: „מות וחיים ביד לשון" (משלי י"ח, כ"א). איך וועל מיך מודה ומתוודה זיין, אַז פאַר מיין אויער קלינגט ריטמישער די פאַלשע ווערסיע...

און אויב מען זאָגט יאָ: „החיים והמות ביד הלשון", איז מען דערמיט אַן עם־הארץ? עס איז נאָר אַ באַוויז, אַז איידער מען ציטירט אַ פּסוק דאַרף מען נאָכקוקן געגנוי אין דעם „מאַגישן" ספר, און פאַר־טיק!... מען דאַרף בלויז וויסן, אַז אַזאַ פּסוק איז פאַראַן און וואו מען דאַרף אים זוכן!...

פאַרשטייען מיר זייער גוט, אַז איר, ר' חיים ליבערמאַן, האָט אין אייער ביכער־שאַנק שטיין אַ קאָנקאָרדאַנץ, אָדער ביאַליק און ראַווניצקיס „ספר המשלים והפתגמים" און ווען איר דאַרפט נאָכקוקן וועגן אַ פּסוק אין תנ"ך — אַבי איר געדענקט אים נאָר, אַפילו אין אַ פאַרגרייזטער פאָרם — גיט איר אַ מיש־אויף לויטן ‚אלף־בית' און איר געפינט געגנוי, ווי אַזוי דער פּסוק שרייבט זיך און וואו ער שטייט געשריבן (אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך דעק־אויף אַזאַ „גרוי־זאַמען" סוד!...) און איר ציטירט אים פּינקטלעך, און קיינער קאָן אייך נישט כאַפּן ביי אַ גרייז!...

נו, האָט שלום אַש גראָד נישט געהאַט ליגן ביי זיך אויפן שרייבטיש דאָס דאָזיקע ספר (אַן עוולה גדולה!), נאָר ער האָט זיך פאַרלאָזט אויפן זכרון. ניין, איך האַלט נישט, אַז מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויפן זכרון, ווען מען ציטירט אַ מאמר אָדער אַ פּסוק; אָבער אַז עס איז נישטאָ קיין ברירה, אָדער מען איז טיילמאָל אַזוי איבער־צייגט אין דער ריכטיקייט, וואָס דער „זכרון" טראָגט אייך אונטער, פּונקט ווי איך און פילע אַנדערע זענען איבערצייגט, אַז עס שטייט געשריבן: „החיים והמות ביד הלשון"!?... — טאָ וואָס זאָל מען טאָן? איז מען צוליב דעם שוין אַן עם־הארץ? ניין און טויזנט מאָל ניין!... צוליב אַזאַ נישטיקייט צו וואַרפן אויף אַ גרויסן שריפט־שטעלער, וועלכער האָט שוין אויף זיין קרעדיט אַזוי פיל ווערק, וואָס מ'קאָן באַיך אופן נישט אָנשרייבן, אויב מען איז אַן עם־הארץ — די באַשולדיקונג, אַז ער איז יאָ אַן עם־הארץ, איז נישט מער ווי בייזווילי־ליקייט! נאַרישע בייזוויליקייט!...

מענטשן, וועלכע געדענקען אַ פּסוק אָדער אַ מאמר אויפן קאָפּ, זענען גאונים! מען דאַרף באמת האָבן אַ געניאַלן זכרון. איך קאָן מיר

פאַרשטעלן, אַז אַ „חזון־איש״, זכרונו לברכה, וועלכער איז פון זיין פריסטער יוגנט־אָן געווען אַ גוטער שווימער אין ים־התלמוד, האָט מסתמא יאָ געדענקט וואו און ווי אַזוי עס שטייט געשריבן; און אים — צו לענגערע יאָר — אַ ר׳ חיים (נישט ליבערמאַן...) העלער, גלויב איך, געדענקט אויך וואו און ווי אַזוי עס שטייט געשריבן אַ מאמר אָדער אַ פסוק. עפּעס גלויבט זיך מיר אָבער נישט, אַז איר, חיים ליבערמאַן, אַ „לומד זקן״, זאָלט געדענקען אויפן קאָפּ פּינקטלעך און גענוי ווי אַזוי דער פסוק אָדער מאמר זאָגט זיך. געוויס פאַרמאָגט איר דאָס „מאַגישע״ ספר, המכונה „קאָנקאָרדאַנץ״ אָדער דאָס ספרל „ספר המשלים והפתגמים״.

נו, צי קאָן מען זאָגן אויף אייך, חלילה, אַז איר זענט אַן עם־הארץ?! אויב אַ מענטש ווייסט נאָר, וואו אַ „טיר״ עפנט זיך אין אַ ספר, כדי צו קאָנען געבן אַ קוק נאָך, איז ער שוין נישט קיין עם־הארץ. טאָ וואָס־זשע מאַכט איר זיך נאַריש און איר בויט־אויף אַ באַשולדיקונגס־אַקט פון עם־הארצות אויף אַזאַ נישטיקן פונדאַמענט? און קעגן וועמען!?...

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט גלוסט זיך מיר צו ברענגען נאָך אַ לעבעדיקן ביישפּיל, וואָס האָט מיך אין זיינער צייט שטאַרק אַמוזירט; און נאָכאַמאָל זאָל דאָס זיין אַ צייכן, אַז מען טאָר אויף קיין זאַמדיקן באָדן נישט אויפשטעלן אַפילו די קלענסטע געביידע...

מיט איניקע וואָכן פריער, אידער אונדזער אַלעמענס גוטער פריינט צביון איז אַוועק פון דער וועלט, האָט ער אין זיינע „יידישע אינטערעסן״ ציטירט אַ מאמר פון דער גמרא. האָב איך אויף אַ טשי־קאַוואַסט — ווייל צביון האָט דאָך טאָקע באמת געגאָלטן פאַר אַ ייד אַ תלמיד־חכם — געוואָלט זען, צי האָט ער ריכטיק ציטירט. האָב איך דאָך ביי מיר אויף מיין שרייבטיש, פּונקט ווי איר, ר׳ חיים ליבערמאַן, דאָס קליינע „מאַגישע״ ספרל, נעם איך אָט דאָס דאָזיקע ביכעלע און גיב אַ קוק אַריין און זע, אַז צביון ע״ה האָט געמאַכט אַ טעות, אַזאַ ענלעכן טעות, ווי שלום אַש מיט זיינס אַ פאַרדרייטן פסוק אין „מאַן פון נצרת״. האָב איך מיך דערפילט ווי אַ „זיגער״, און — אידער איך האָב נאָך ווייטער איבערגעלייענט ביזן סוף די „יידישע אינטערעסן״, האָב איך גענומען און אָנגעשריבן אַ בריוועלע צו צביונען, אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, אַרויפגעקלעפּט אַ מאַרקע און דאָס בריוועלע דערווייל אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט. פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם בריוועלע האָב איך צביונען געשריבן אין אַ פריינטלעכן און אין אַ וויציקן טאָן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות.

אָפּגעטאָן די שקאָצישע מלאכה, האָב איך מיך אָטעקגעזעצט ענדיקן זיין אַרטיקל.

לייען איך אַזוי ווייטער כהאי לישנא: „איך וויס נישט, צי איך האָב ריכטיק ציטירט דעם מאמר, וואָרים איך האָב גראָד נישט אונטער דער האַנט דאָס „ביכעלע" (צביונס אויסדרוק) . . .

ווען איך האָב דאָס איבערגעלייענט, בין איך פאַרשעמט געוואָרן און איך האָב מיין אָנגעשריבן בריוועלע צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך און זיך דערביי אַליין מוסר געזאָגט: אָט דעם תלמיד־חכם און קלוגן ייד, צביונען, גייסטו כאַפּן ביי גריזן! . . .

נו, איז דאָך צביון געווען אַ קלוגער ייד און האָט געהאַט הומאָר, האָט ער באַלד צוגעגעבן די וויציקע באַמערקונג, אַז ער האָט נישט געהאַט אונטער דער האַנט דאָס ביכעלע . . . פון דאַנען איז געדרונגען, אַז חיים ליבערמאַן — זאָל ער עס מיר מוחל זיין — זינדיקט נישט מיט קיין צו גרויסער חכמה און אַוודאי נישט מיט קיין צופיל הומאָר. אַנישט, וואָלט ער נישט אויפגעבויט אויף אַזעלכע שוואַכע אַרגומענטן אַ באַשולדיקונגס־אַקט, אַז שלום אַש איז אַן עם־הארץ! . . .

עס איז, מיין איך, איבעריק זיך אָנעקצושטעלן פּאָלעמיזירן מיט חיים ליבערמאַנען, צי אַשס ביכער זיינען יאָ מיסיאָנערישע ווערק אָדער נישט. דאָס האָבן שוין פריער פאַר מיר געטאָן אַנדערע בקיאים, ווי: ש. ניגער, יואל ענטין, חיים גרינבערג, מלך ראַוויטש, מ. צאַנין און דעסגלייכן, און איך פאַרלאָז זיך אויף זייער „שחיטה" . . . אַ חוץ דעם, ווייסט איר מסתמא, ר' חיים ליבערמאַן, אַז איך בין געווען דער ערשטער לייענער פון „מאַן פון נצרת". איך וועל נישט גיין רעדן וועגן זיך, צי איך בין אַ גוטער שרייבער אָדער אַ שלעכטער שרייבער; אַ גוטער יידישער לייענער בין איך לכל הפחות יאָ. איידער עס איז געקומען צו אַשן דאָס טרויעריק־באַרימטע בריוועלע פון אב. קאַהאַן, מיט דעם חוצפּהדיקן באַפעל, אַז ער, שלום אַש, זאָל „פאַרגעסן" אין דעם דאָזיקן ווערק און ער זאָל זיך נעמען שרייבן עפּעס אַנדערש (וואָס דען פאַר אַ ווערק זאָל אַש יאָ שרייבן, אַ צווייטן „קידוש השם"? האָט דאָך דער זעלבער „מבין" געהאַט אַמאָל געזאָגט, אַז „קידוש השם" איז אַ שמאַטע און נישט געוואָלט עס דרוקן! . . .) — איז ביז יענעם טאָג האָב איך, דער ערשטער לייענער פון „מאַן פון נצרת", נישט אָנגעהויבן חושד צו זיין, אַז דאָס איז אַ מיסיאָנעריש ווערק און עס איז מיר אַפילו אין חלום נישט איינגעפאַלן צו גיין זיך אָפּשמדן, רחמנא־לצלן . . .

# צי מעג מען שרייבן אויף דער טעמע פון ישו הנוצרי?

שלום אַש איז נישט דער ערשטער יידישער שריפט־שטעלער, וואָס האָט זיך גענומען צו דער „פאַרבאָטענער" טעמע. עס זענען שוין געווען פאַר אַש פיל אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן זיך דערלויבט דאָס צו טאָן. איינער פון די איז דער פיל־געאַכפּערטער פּראָפעסאָר יוסף קלויזנער. אָט לייענען מיר אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן יוסף קלויזנער צו זיין אַכציק־יעריקן געבורטסטאָג אין 1954, געדרוקט כמעט אין דער גאַנצער יידישער וועלט־פּרעסע און געשריבן פון באַקאַנטן זשורנאַליסט גרשון סוועט:

„פּראָפעסאָר קלויזנערס בוך ‚ישו הנוצרי', וואָס איז דערשינען אין יאָר 1922, האָט אים געבראַכט גרויס אָנערקענונג מצד געלערטע איבער גאָר דער וועלט. אין ארץ ישראל האָט זיין ‚ישו הנוצרי' אַרויסגערופן ממש אַ שטורם. עס האָבן זיך געהערט שטימען, אַז מען זאָל דאָס בוך פאַרברענען. אַנדערע, מעסיקערע, ווי אחד העם, האָבן אים געראָטן, ער זאָל ענדערן שטעלן אין דעם בוך. זאָל אָבער דאָ געזאָגט ווערן צו קלויזנערס שבח, ער האָט נישט מסכים געווען צו קיין שום קאָמפּראָמיס, וועלכע — ווי ער האָט געגלויבט — זענען פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט נישט דערלאָזבאַר".

וועגן ישו הנוצרי האָבן אויך געשריבן די באַקאַנטע העברעאישע שריפטשטעלער א. א. קאַבאַק; י. ח. ברענער; ש"י איש

הורביץ און אַנדערע. אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו זאָגן אויף פּראָפעסאָר קלויזנער, א. א. קאַבאַקן, י. ח. ברענער און ש״י איש הורביץ, אַז זיי זענען, חלילה, משומדים און מיסיאָנערן!...

איך וויל דאָ ברענגען אַ גרעסערן אויסצוג פון אַן אַרטיקל, געשריבן דורך דעם גרויסן און אָנגעזעענעם יידישן שרייבער און נאַציאָנאַלן פירער, חיים גרינבערג, וועמען קיינער וועט, חלילה וחס, נישט חושד זיין אין שמד און אין מיסיאָנערישקייט (יאָ, ער איז געווען אַ מיסיאָנער, אָבער פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, פאַר אַ יידישער מדינה אין ארץ ישראל...). און אָט וואָס עס שרייבט חיים גרינבערג אין „יידישן קעמפער״ פון 22־טן אָקטאָבער, 1948, א. ג. „יצחק וואַרשאַווסקיס ,הייליקער קריג׳ ״:

„...צי איז אים, למשל, באַקאַנט (וואַרשאַווסקי־באַשעוויסן — **ש. ר.**), אַז י. ח. ברענער, עליו השלום, האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין ,הפועל הצעיר׳, וועלכער איז אין זיין צייט אויפ־געפּאַסט געוואָרן אַלס פּראָ־וואַנגעליש אָדער אַלס ,פּראָ־יעזוס׳? דער אָדעסער קאָמיטעט פון חובבי ציון האָט דענסטמאָל אָפּגע־שטעלט זיין קליינע סובסידיע פאַרן תּל־אָביבער אָרגאַן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, און פערזענלעך האַלט איך, אַז ער האָט אַזוי געדאַרפט האַנדלען, ווייל זיינע הכנסות זיינען געקומען אויך פון אַ גרויסער צאָל פרומע יידן, וועמען אַזאַ אַרטיקל האָט גע־קאָנט שאָקירן. קיינער האָט אָבער נישט גערופן נישט צו אַ באָיקאָט און נישט צו אַ פּאָגראָם קעגן ,הפועל הצעיר׳ אָדער קעגן ברענערן פערזענלעך.

„צי איז אים, למשל, באַקאַנט דער נאָמען פון אַ באַדייטנ־דיקן העברעאישן שריפטשטעלער, ש״י איש הורביץ, וועלכער האָט אין פאַרשיידענע יאָרן געשריבן עסייען, וואָס פיל האָבן באַטראַכט פאַר אַ גלאָריפיקאַציע פון ישו און פון וואַנגעלישן קריסטנטום? אַ טייל פון יענע עסייען איז מיר אַליין אויסגעקומען צו פאַרעפנט־לעכן (אַלס רעדאַקטאָר פון ,העולם׳ אין זיין בערלינער פעריאָד), און אויב וואַרשאַווסקי האָט יענע שריפטן פון ש״י איש הורביץ נישט געלייענט און איז גרייט זיך היינט מיט זיי צו באַקענען, דאַרף ער זיך נישט מטריח זיין און זוכן אַלטע נומערן פון זשור־נאַלן — זיי זענען אַריינגענומען געוואָרן אין לעצטן באַנד פון זיינע ווערק, אונטערן טיטול ,מאין ולאן׳. עס איז אין דעם פאַל, ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן, נישט וויכטיק, צי איך האָב מיט ש״י איש הורביץ מסכים געווען אָדער נישט; ס׳איז אויך נישט

וויכטיק, צי איך בין מיט די היינט מסכים; איך האַלט נישט, אַז אַ רעדאַקטאָר מוז מסכים זיין מיט אַלץ, וואָס ער פאַרעפנטלעכט, ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך וועגן שרייבער מיט אייגענע ברייטע פּלייצעס, וואָס קאָנען אַליין טראָגן די אחריות פאַר זייערע ווערק. וויכטיק איז אָבער יאָ, אַז ש״י הורביץ איז פון דער העברעאישער ליטעראַטור נישט אַרויסגעטריבן געוואָרן, אַז אויך נאָך זיין ,חטא׳ האָט יעדע וויכטיקע העברעאישע צייטשריפט גע־האַלטן פאַר אַ כבוד אים צו צייַלן צווישן אירע מיטאַרבעטער.

„...און ווייטער: צי איז וואַרשאַווסקין באַקאַנט דער נאָמען פון אַן אָנגעזעענעם העברעאישן נאָוועליסט א. א. קאַבאַק, וואָס האָט צוריק מיט אַ יאָר צען אַרויסגעלאָזן אַ קריסטוס־ראָמאַן, ,במשעול הצר׳, אין וועלכן דער אותו האיש איז געשילדערט אין זייער אַ סימפּאַטישן ליכט? צי ווייסט ער, אַז קאַבאַק, עליו השלום, איז אין די יאָרן ווען ער האָט יענעם ראָמאַן געשריבן, געווען אַ שומר מצוות, אידענטיפיצירט זיך אין זיין אורח־חיים מיט טראַדיציאָנעלער אָרטאָדאָקסישער יידישקייט? אפשר האָט וואַרשאַווסקי עפּעס וועגן דעם געהערט, אָבער צי מיר איז נישט דערגאַנגען, אַז די העברעאישע ליטעראַטור אין ארץ ישראל זאָל האָבן אַריינגעלייגט קאַבאַקן אין שטילן חרם אָדער גאָר אין אַ בפרהסיא־חרם, אַז צייטשריפטן זאָלן אים אויפהערן צו דרוקן פאַר זיין ,פאַרראַט׳ (איך נוץ דאָ וואַרשאַווסקיס אַן אויסדרוק). ווי קיין מחרם אָדער מנודה איז קאַבאַק זיכער נישט אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט. איז ארץ ישראל נישט אַזוי סענסיטיוו צום גייסט פון יידישקייט און צו טראַדיציע, אַז דאָרט האָט מען טאָלערירט אַ חילול־השם, וואָס יצחק וואַרשאַווסקי אין ניו־יאָרק האַלט, אַז ס׳איז אַ פאַרברעכן צו טאָלערירן?

„...און אויב איך ציטיר שוין, מעג איך אפשר ברענגען אַ פּאָר ווערטער פון נאָך אַ יידישן ,שרייבער׳? יענער שרייבער איז נישט פון וואַרשע, נישט פון לובלין און נישט פון לאָדזש, און ער האָט אַפילו קיין יידיש נישט פאַרשטאַנען, און ווען וואַר־שאַווסקי וואָלט אים אין זיין צייט אַטאַקירט פאַר מאַנגל אין דרך־ארץ פאַר יידישקייט, וואָלט דאָס אים נישט געשאַדט, ווייל ער וואָלט זיין מוסר־זאָגן נישט געקאַנט איבערלייענען; אָבער אינגאַנצן אים אויסמעקן פון דער שלשלת היוחסין פון יידישער טראַדיציע קאָן מען אים פאָרט נישט. איך וויל דאָ ברענגען דיינע ווערטער: **,דער מענטש איז נישט אימשטאַנד צו באַגרייפן גאָטס מחשבות... די דאָזיקע אַלע ווערטער** (פון ישו) **און**

**פון דעם וואָס איז אויפגעשטאַנען נאָך אים האָבן בלויז באַווירקט אויסצוגלייכן דעם וועג פאַרן מלך המשיח... די גאַנצע וועלט איז שוין פול געוואָרן פון משיח־ווערטער און פון רייד וועגן מצוות, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אויף ווייטע אינדזלען און צווישן פיל פעלקער׳.** אַזאַ אָפּשאַצונג פון דעם נוצרים ראָלע און פון פּוילוס (‚דער וואָס איז אויפגע־שטאַנען נאָך אים׳), האָט אונז געגעבן ווייטער אַמאָל, נישט קיין ראָמאַנען־שרייבער און נישט קיין היינטצייטיקער יידישער אינ־טעליגענט, וואָס איז אַרויס לתרבות רעה. ‚צופעליק׳ האָט עס געשריבן דער זעלבער מאַן, וואָס האָט קאָדיפיצירט אונדזער גאַנצע הלכה, דער מחבר פון משנה תורה, וועלכער איז נאָך ביז היינטיקן טאָג דער הויפּט־מדריך פונעם טראַדיציאָנעלן יידנטום איבער גאָר דער וועלט, סיי פונעם ספרדישן און סיי פונעם אשכנזישן. ‚צופעליק׳ איז פאַר די דאָזיקע ‚מיסיאָנערישע׳ זאַצן פאַראַנטוואָרטלעך דער זעלבער מאַן, וואָס זיינע שלשה־עשר עיקרים זאָגט יעדער פרומער ייד אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר אין זיין דאַווענען. דער נאָמען פון יענעם ‚מסית ומדיח׳ איז דער רמב״ם.

„...איך האָב נאָך געוואָלט ‚דערמאָנען׳ יצחק וואַרשאַווסקין, אַז — ‚מ׳מעג׳, אַז די טעמע אותו האיש, אַפּאָסטאָלן, עוואַנגעליום, קריסטנטום איז נישט קיין פאַרבאָטענע, און אַז זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן געשטאַלטן פון יידן, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען פון אונדזער היסטאָרישן וועג, אָדער וואָס מיר האָבן געהאַט אַ גרונט נישט אַריינצונעמען אין אונדזער ‚פּאַנטעאָן׳, איז אויך פון שטאַנדפּונקט פון יידישער רעליגיעזער טראַדיציע נישט קיין חטא און נישט קיין נאַציאָנאַלער פאַרראַט. איך מוז זיך דערביי מודה זיין, אַז איך וואָלט געפאָדערט אי פאַר זיך, אי פאַר אַנדערע פולע פרייהייט אַזעלכע טעמעס צו באַהאַנדלען, און צו באַהאַנדלען זיי אַפילו מיט ‚סימפּאַטישער פאַרשטענדעניש׳, אויך ווען איך וואָלט אויף דעם נישט געהאַט קיין היתר פונעם רמב״ם. איך גלויב בכלל נישט אין פאַרבאָטענע טעמעס, אין אינטעלעקטועלע טאַבוס, אין ‚מוקצה׳־קייטן און סייגים אין דער ספערע פון ערלעכן דענקען און פאָרשונג, און אין דער וועלט פון קינסטלערישער ווידיע״.

**נו, וואָס זאָגט איר נישט צו אַזאַ ייד ווי חיים גרינבערג! ער רעדט דאָך ממש ‚על משיחו ועל נבתקה׳ — אויף אַב. קאַהאַן און חיים**



שלום אַש
אין די אָנהויב 1950־ער יאָרן

ליבערמאַן וסיעתם!... איצט וועלן מיר אייך נאָך מכבד זיין מיט אַן אויסצוג פון גאָר אַן אינטערעסאַנטן מאמר פון איינעם פון אונזערע חשובסטע עסייאיסטן, פּאָעטן און בעלעטריסטן, און דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער „משומד" י. י. טרונק!...

און הערט זיך צו, וואָס פאַר אַ גאָלדענע ווערטער! אָט דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס טרונק ברענגט דאָ אַרויס, האָט דאָך טאַקע געפירט שלום אַשן אָנצושרייבן דעם „מאַן פון נצרת"! אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָט דאָך שלום אַש אויסגעלייגט פאַר מיר, זיין נאָענטסטן מענטש אין יענער צייט, ביים שרייבן דאָס „קריסטלעכע" ווערק!...

און אָט וואָס י. י. טרונק זאָגט צווישן אַנדערן אין זיין גרויסן אַרטיקל „דער ,נוצרי' פון שלום אַש" („אונזער צייט", נומער 11, דעצ., 1941):

„...דאָס בוך (‚מאַן פון נצרת') האָט אין דער יידישער

פּרעסע פון אַמעריקע אַרויסגערופן אַ פֿאַרביטערטע פּאָלעמיק. דער קעגנערישער צד האָט אַשן אַפּילו באַשולדיקט אין אַ נאַציאָנאַלן פּאַראַט: אַז אַש איז כמעט ווי איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום. און דאָ האָט מען געמאַכט דעם אומפֿאַרציילעכן טעות. מ׳האָט צונויפגעמישט דאָס אור־קריסטנטום און די שפּעטערע קירכע.

„אור־קריסטנטום און שפּעטערע קירכע, די קירכע מיליטאַנס, איז פּונקט אַזוי ווייט פון זיך ווי סאָציאַליזם און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם (נאַציזם), הגם דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז זיכער אַ דעגענערירטער אָפּשטאַם פון סאָציאַליזם און רעדט סאָציאַליס־טישע שאַבלאָנען, פּונקט ווי מ׳וואָלט זיך געוואָלט אָפּווענדן פון די פיזיקאַלישע און כעמישע וועלט־דערקענטעניש, ווייל דורך זייערע דערגרייכונגען זענען געשאַפן געוואָרן די גיפטיקע גאַזן און אַנדערע גרויזאַמע מלחמה־משחיתים.

„דאָס אור־קריסטנטום, דאָס קריסטנטום, וואָס איז נאָך אין־גאַנצן געלעגן אין איר (זיין) יידישער מוטער־שויס — און דאָס בילד פון דעם דאָזיקן קריסטנטום וויל אַש געבן אין זיין ,נוצרי׳ — איז איינער פון די גרעסטע עקספּאַנסיע־מאָמענטן פונעם יידישן היסטאָרישן טעמפּעראַמענט. שוין דער אַלטער סענעקאַ האָט געזאָגט וועגן די דאָזיקע יידישע קריסטן, אַז די באַזיגטע (יידן) האָבן באַזיגט די זיגער (די רוימער). עס וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער פון אונדז אַלעמען, ווען מיר וואָלטן צוגעמאַכט די אויגן פאַר אונדזער אייגענעם כוח און בכיוון אויסגעשטראָכן פון אונ־דזער געשיכטע אַט־אָ־דעם גרויסן מאָמענט פון יידישער גייסטיקער עקספּאַנסיע, נאָר דערפאַר ווייל די קירכע האָט שפּעטער פון דעם קריסטנטום געמאַכט גאָר עפּעס אַנדערש ווי עס איז געווען אין אָנהויב. עס איז נישט אונדזער שולד און עס מינערט נישט אויף אַ האָר אונדזערע היסטאָרישע השפּעות און אונדזער רום, ווען באַרבאַרן האָבן אונטערגעצונדן שייטערהויפנס אונדז צו פאַר־ברענען מיט די פלאַקערן, וועלכע מיר האָבן אָנגעצונדן אין דער וועלט, כדי ליכטיק צו מאַכן אין אירע פינצטערנישן. ליידן און מיספאַרשטאַנען־ווערן איז תמיד געווען דער וועג צו גרויסקייט, און מיר דאַרפן די מייל־שטיינער פון דעם וועג צו יידישער גרויסקייט נישט פאַרזען.

„...ערשט שפּעטער האָבן די פּיזישע מאַכט־האָבער, די חיה־מענטשן, ברוטאַל אָנגעהויבן צו לעשן די ליכטיקייטן, וואָס יידן האָבן אָנגעצונדן אין דער וועלט. דאָס האָט געטאָן די פּיזיש־קעמפערישע קירכע, מיט וועלכער ישו און די ערשטע יידן־

קריסטן האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמעס. אויך היטלער האָט אָנגעהויבן צו לעשן דאָס גערעכטיקייטס־ליכט, וואָס איז אויפ־געגאַנגען — דורך יידישן איינפלוס — אינעם מאָדערנעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. דער ווידערקער פון דעם אייגענעם וועלט־שוי־שפּיל.

„די קירכע האָט אָנגעצונדן שייטערהויפנס פאַר יידן, מיט יידיש בלוט האָט די געוואָלט אָפּווישן דעם בלאָסן שאָטן פון דעם שוואַכן קאָסמישן יידן, וואָס די האָט אַליין בטעות אויפגעהאַנגען איבער דער וועלט אַלס סימבאָל פון דערלייזונג — דעם שוואַכן ייד מיט דער בשורה פון גערעכטיקייט.

„אין דער דאַזיקער הינזיכט איז אַש׳ס בוך זיכער אַ גרויסע דערגרייכונג, סיי פאַר דער יידישער ליטעראַטור, סיי פאַר אַש אַליין".

אָט די דאַזיקע אמתע און טיף־איבערצייגנדיקע רייד האָט דאָך י. י. טרונק געשריבן נאָך אין 1941, און דער ריינער אמת איז דאָך, אַז דאָס איז טאַקע שלום אַש אויסן געווען מיטן שרייבן דעם „מאַן פון נצרת" — צו ווייזן אויף ווי ווייט דאָס היינ־טיקע קריסטנטום איז אַוועק פון ישו־גלויבן, וואָס איז דאָך גע־ווען אַ קלייבער אָפּנויג פון דער יידישער אמונה („דאָס אור־קריסטנ־טום, דאָס קריסטנטום, וואָס איז נאָך אינגאַנצן געלעגן אין זיין יידישער מוטער־שויס" — י. י. טרונק), און דאָך האָט דאָס גאַנץ קנאָפּ געוויירקט אויף שלום אַש׳ס אָנפאַלער און זיי האָבן ווייטער פאַרשפּרייט דעם שרעקלעכן ליגן, אַז אַש איז אַפּטריניק געוואָרן.

אינטערעסאַנט וועט זיין דאָ אויף דעם אָרט איבערצוגעבן זייער אַ טשיקאַווען דאָקומענט — אַ בריוו, וואָס אַש האָט געשריבן צום שרייבער פון די שורות אין יאָר 1951. דער בריוו איז אייגנטלעך געווען זיינס אַ מיינונג איבער מיין היסטאָרישן ראָמאַן „רבי מאיר און ברוריה" און איז אין זיין צייט אָפּגעדרוקט געווען אין דער יידישער פּרעסע. דאָס אינטערעסאַנטע אָבער איז, אַז אויפן קאָנ־ווערט, ווען דער בריוו איז הפּנים שוין געווען צוגעקלעפּט, האָט ער מיט בלייפעדער צוגעשריבן די דאַזיקע באַדייטונגספולע פאַר־ווערטער: „אַלע, וואָס וועלן העלפן צעשטערן דעם שרעקלעכן שמד־בילבול אויף מיר, וועל איך לעבן־לאַנג דאַנקבאַר זיין". דאָס באַ־ווייזט נאָר, ווי שטאַרק מ׳האָט מצער געווען דעם גרויסן שריפט־שטעלער מיט דעם געבעלסישן ליגן. ער איז אַזוי איבערפולט גע־ווען מיט צאָרן אויף די דאַזיקע לייט, אַז ווען ער האָט וועגן

SHOLEM ASCH
SKY MEADOW DRIVE
STAMFORD, CONN.

[illegible]

SHOLEM ASCH
121 NORTH HIBISCUS DRIVE
MIAMI BEACH, FLORIDA


MIAMI BEACH FLA.
NOV 8
5-PM
1951
Mr S. Rosenberg
2802 Olinville Av,
Bronx 67 N.Y

זיי מיט מיר גערעדט, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערן אויס־דרוק פאַר זיי, ווי — „טמאים״...

צי „מען מעג״ שרייבן אויף דער טעמע פון ישו הנוצרי, וואָס אַזאַ באַרימטע פיגור ביי יידן ווי חיים גרינבערג האָט געפּסקנט, אַז — מ׳מעג!... — וועלן מיר ברענגען נאָך עטלעכע שטימען פון יידישע שרייבער און אַפילו פון אַ גרויסער העברעאישער צייטונג אין תל־אָביב, ישראל.

אַט וואָס עס שרייבט דער באַקאַנטער שריפטשטעלער און רע־דאַקטאָר פון דער איינציקער יידישער טאָג־צייטונג אין ישראל, „לעצטע נייעס״, מ. צאַנין („לעצטע נייעס׳, 3טן דעצעמבער, 1954):

„...אַש האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גוואַגטער היסטאָרי־שער שליחות, ער האָט אָבער נישט געפונען די געהעריקע מכשירים, מיט וועלכע ער זאָל קאָנען אָפּטעמפּן די שאַרפקייטן פון דעם קאָנפליקט (יידנטום־קריסטנטום — ש. ר.).

„איך קאָן נישט זאָגן, ווי אַזוי אַש וואָלט דאָס געדאַרפט מאַכן. ווען איך זאָל דאָס וויסן, וואָלט איך עס אַליין געמאַכט... אָבער אַז אַשן איז נישט געלונגען צו דערפירן זיין אידיי מהלכה למעשה — דאָס איז אָן שום ספק.

„דער ישו־פענאָמען איז אַ רעליגיעזער און סאָציאַל־היסטאָ־רישער. די געפאַרן פאַר יידן הויבן זיך טאַקע אָן דאַמאָלס, ווען מען גייט־צו באַהאַנדלען די טעמע אויף איר קאָנקרעטער היס־טאָרישער באָזיס, וואָס רוקט אַרויס ישון אַלס דריטן פאַקטאָר צווישן בית הלל און בית שמאי. קלויזנער האָט געקאָנט באַ־האַנדלען די טעמע אין היסטאָרישן ליכט און קומען צום אויס־פיר, פאַרוואָס יידן האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון ישון, נאָר דער־פאַר ווייל קלויזנער דער שריפטשטעלער האָט זיך זיין באַשטימטע נאַציאָנאַליסטיש־פּאָליטישע אידעאָלאָגיע. אָבער אַן אינטעליגענ־טער לייענער מיט אַ ליבעראַלער און אַנטי־נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע קאָן אויפן סמך פון קלויזנערס היסטאָרישע פאַקטן קומען צו געפערלעכע אויספירן. אין דער הינזיכט האַלט איך קלויזנערס מאָנאָגראַפיע וועגן ישו הנוצרי פאַר טויזנט מאָל גע־פערלעכער פון דעם, וואָס עס ווערט צוגעשריבן שלום אַשן און זיינע ,קריסטלעכע׳ ביכער״.

אינטערעסאַנט וועט אויך זיין אויסצוהערן דעם „בעל־דבר״ אַליין, שלום אַשן. אין אַן אינטערוויו, געגעבן אין תל־אָביב צאַנינען אין די „לעצטע נייעס״ פון 12־טן נאָוועמבער, 1954, זאָגט שלום אַש:

„ווי קאָן מען דאָס דערקלערן, אַז אין דער צייט ווען מען איז מיך באַפאַלן, אַז מיינע דערמאָנטע ווערק פירן צו שמד, האָב איך דערהאַלטן פיל בריוו פון יידן, וועלכע זענען געווען ווייט פון יידישקייט, און זיי האָבן מיר געדאַנקט דערפאַר, וואָס איך האָב געשטאַרקט אין זיי דעם ייד. זיי האָבן צוריקגעפונען דעם בונד מיט יידישקייט. דאַקעגן, האָב איך נישט דערהאַלטן קיין איין בריוו פון אַ ייד, וואָס זאָל מיר דערציילן, אַז אַדאַנק מיינע ווערק האָט ער זיך איבערצייגט אין קריסטנטום".

**אָבער צוואָס ציטירן אַש, אויף וועמען די מלשינים קאָנען זאָגן, אַז מען קאָן אים נישט גלויבן. וועלן מיר אייך אָבער ברענגען אַ ציטאַט פון אַ ישראל־צייטונג מיטן נאָמען „זמנים" (נישט קיין מיסיאָנערישע צייטונג, חלילה וחס!) און לאָמיר זען, וואָס זי האָט צו זאָגן וועגן ענין אַש און צי מ׳מעג שרייבן אויף דער טעמע פון ישו הנוצרי:**

„...די דערשיינונג שלום אַש איז, לויט אונדזער מיינונג, אַן אָפשפיגלונג פון דעם קולטורעלן פראָצעס, וואָס האָט זיך טיף אָפגעזעצט אין אונדזער דור אין רעזולטאַט פון דער ירושה פון דורות. אונדזער חשבון מיטן קריסטנטום איז דיער אַ לאַנגער און פיל מיט קאָנטראַסטן. אָבער איצט, מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה, איז געקומען די שעה, ווען מיר זענען מחויב צו „פאַרטשעפען" דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אָביעקטיוו, אָן שום פאַראויסבאַשטימטער מיינונג און אָן שום פאַרבאַהאַלטן. זיין אָביעקטיוו הייסט — פרואוון פאַרשטיין דעם צווייטן צד. נישט באַרעכטיקן אים, נישט שיצן, נאָר אים דערלערנען און אים טיף דערקענען. עס שיינט אונדז, אַז מיר וועלן מער נישט קאָנען אויסמיידן די דאָזיקע אויפגאַבע, דווקא איצט, ווען מיר דאַרפן זיך שוין מער נישט פאַרענטפערן אין דער זעלבער מאָס, ווי מיר האָבן דאָס געדאַרפט פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה.

„און דאָס איז עס: שלום אַש איז דער איינציקער גרויסער יידישער שריפטשטעלער אין אונדזער צייט, וואָס האָט זיך געפרואווט דערגרונטעווען צו די טיפעניש פון צווייטן צד. מיר נעמען־אָן זיינע מיינונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק אין זיינע ביכער אַזוי ווי זיי זענען געשריבן. אָבער ער איז דער שרייבער, וואָס האָט געוואָלט דערגרייכן צו דער פאַרשונג פון קריסטנטום פונעם קוק־ווינקל פון די קריסטן פון אונדזער צייט. דאָס איז נישט דער געלונגענער וועג און אַוודאי נישט דער איינצי־

קער. אָבער אַ פאַקט איז, אַז שלום אַש האָט נישט זיינס גלייכן צווישן אונדזערע שרייבער אין שילדערן דאָס לעבן, די מנהגים, דעם גלויבן און די וועגן פון קריסטלעכן פאָלקס־מענטש אין אונ־דזער צייט.

„מען קאָן נישט מסכים זיין מיטן געדאַנקען־גאַנג פון שלום אַשן, וואָס פירט פון די נאַאיווע קריסטן פון ,מאַנהעטן' ביז צו די אַמאָליקע קריסטן אויף די ברעגן פון כנרת. מען קאָן אָבער נישט אָפּלייקענען, אַז שלום אַש ווייזט זיך אַרויס אין זיינע לעצ־טע ווערק אַלס אַ באַדייטנדיקער הומאַניסט. אַ הומאַניסט, אַפילו ווען ער איז זיך טועה, איז אַ הומאַניסט און מען טאָר אים נישט משפטן צו היציק אָדער צו קאַלט.״

**די צייטונג ווייזט ווייטער אָן, אַז דער מחבר פון „דאָרפישן צדיק״, „קידוש השם״, די „כישופמאַכערין פון קאַסטיליע״, „פאַרן מבול״ א. א. וו. האָט אַדורכגעמאַכט פיל גילגולים, אָבער שטענדיק האָט ער גע־זוכט דעם רעליגיעזן, סאָציאַלן, נאַציאָנאַלן, אַלגעמיין־מענטשלעכן אמת. און אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט האָט יעדער איינער דאָס רעכט צו זוכן, צו בלאָנדזשען אויף נישט אויסגעטראָטענע וועגן, אויף נישט צעאַקערטע פעלדער. שלום אַש איז אָבער שטענדיק צוגעבונדן צום יידישן פאָלק און עס איז געקומען די צייט איבערצורייסן די פאַרשווע־רונג פון שוויגן אַרום דעם גרויסן יידישן קינסטלער. די צייטונג פאָדערט, אַז די מדינה און די קולטור־אָרגאַניזאַציעס זאָלן אויפנע־מען מיט כבוד דעם חשובן גאַסט (דאָס אַלץ איז ציטירט לויט „לעצטע נייעס ״ פון 13־טן אָקטאָבער, 1954).**

**אָבער גאָר אינטערעסאַנט וועט זיין אויסצוהערן אַ פאַרביסענעם אַש־קעגנער, ווי עס איז דער באַקאַנטער קריטיקער י. ראַפּאַפּאָרט. ער אַליין זאָגט וועגן זיך אין זיין בראָשור „שלום אַשס ליטעראַרישע נצחונות און מפּלות״ (זייט 83) די פאָלגנדיקע ווערטער:** „עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אַ יידישן קריטיקער און נאָך דערצו אַ לאַנג־יאָריקן באַקעמפער פון אַשס מערסטע ווערק, האָט דאָס דאָזיקע בוך („מאַן פון נצרת״) אינטריגירט״.

**און וואָס זאָגט טאַקע י. ראַפּאַפּאָרט? הערט און שטוינט:**

„און נאָכן איבערלייענען אַשס בוך, מוז יעדער אָביעקטי־ווער לייענער קומען צום אויספיר, אַז **די ליבערמאַנס און אַב. קאַהאַנס זענען לחלוטין נישט גערעכט אין זייערע אַטאַ־קעס קעגן אַשן. אין אַשס ,נוצרי' קאָן זען נאַציאָנאַלן פאַרראַט און אַ שטיקל אַרבעט פון מיסיאָנערן בלויז לי־**

**בערמאַנס נאַציאָנאַלע היסטעריע און אַב. קאַהאַנס שוואַ־כע אינטעליגענץ"** (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ש. ר.) — דאָרט, זייט 88.

וואָס־זשע וועט זאָגן דערויף ר' חיים ליבערמאַן, דער זייער „אָב־יעקטיווער" שרייבער?! ווי האָט זיך גאָר געלייגט די פּען ביי אַ ייד, אַ בעל־תשובהניק, אָנצושרייבן אויפן יידישסטן שריפטשטעלער אין אונ־דזער מאָדערנער ליטעראַטור, אַז ער איז אַ משומד, אַ מיסיאָנער?!

אָבער — תא חזי, קומט און זעט, מיט וואָס פאַר אַ ווילדקייט דער דאָזיקער חיים ליבערמאַן, וועמענס „ערלעכקייט" איך האָב אין קאַפּיטל דריי בולט באַוויזן, וואָרפט זיך אויף דעם גרויסן יידישן קינסטלער, וואָס דערווייל איז נאָך אין דער יידישער ליטעראַטור — אין כמוהו! ער שטעלט זיך נישט אָפּ, צוליב וועלן באַווייזן, אַז אַש איז אַ משומד, צו זידלען די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער שרייבער־וועלט. פּונקט ווי מעקאַרטי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט צו זידלען פּרעזידענט טרומאַן און דעם פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט רוזוועלט, אַז זיי זענען קאָמוניסטן און פאַררעטער. די אַלע, וואָס האַלטן נישט מיט אים, מיט חיים ליבערמאַנען וסיעתו, זענען — הימל עפן זיך — מיסיאָנערן, משומדים און... דעם „טייוולס אַדוואָ־קאַטען"!...

מיט דעם דאָזיקן צאַצקעדיקן נאָמען: „דעם טייוולס אַדוואָקאַטן" רופט ער אָן אין זיין פּאַשקוויל „שלום אַש און קריסטנטום" אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי: חיים גרינבערג, ש. ניגער, יואל ענטין, י. י. טרונק, ה. ש. קאַזשדאַן און פיל־פיל אַנדערע, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האַלטן נישט מיט אים, נאָר מיט שלום אַשן!...

חיים ליבערמאַן האָט נאָך אַ „פּערלדיק" קאַפּיטעלע אין זיין פּאַשקוויל, וואָס הייסט: „אויף גלייכע ווענט", קריכט ער טאַקע אויף די גלייכע ווענט. דאָס איז איין שטיק גראַפאָמאַניע (יאָ, ווען מען פּאַרלירט דעם קאָפּ, קאָן אַמאָל אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער דער־קייקלען זיך צו אַזוינס!). אויב אַ לערער פון ליטעראַטור זאָל וועלן געבן זיינע שילער אַ ביישפּיל, וואָס אַזוינס עס הייסט גראַפאָמאַניע, דאַרף ער מער נישט טאָן, נאָר זיי געבן איבערצולייענען חיים לי־בערמאַנס קאַפּיטעלע „אויף גלייכע ווענט"...

עפּעס מישט ער דאָרט צונויף אַ מין פילאָסאָפלעניש וועגן אַ משומדת אין זיין אוקראַינישן שטעטל און ער פאַרגלייכט זי מיטן „משומד" שלום אַש, און עס קומט דערפון אַרויס אַזאַ מין קוואַטש, אַז דאָס פּנים ווערט רויט פאַר אַ חרפּה, וואָס אַ ייד — אַמאָל געוועזן אַ וועלט־

לעבער ייד — האָט אָנגעהויבן מאַכן פּאַיאַצישע שטיק, און עס איז שווער צו גלויבן, אַז ער מיינט דאָס ערנסט. דאָס רעדט אַרויס פון אים אַ גרינער שלאַנגען־גיפט, וואָס ער פּאַרמאָגט טיילמאָל אין זיך, און וואָס פּאַסט זיך אַזוי פּאַר אַ „בעל־תשובה" ווי אַ פּאַטש צו אַ גוט־שבת!...

חיים ליבערמאַן שלעפּט אויך אַריין אין זיין פּאַלשן ליאַרמען און אין זיין שרעקלעכן געפּלאַפּל דעם גרעסטן ייד פון אַלע צייטן, וועמענס זיבן־הונדערט־און־פּופציקסטן יאָרצייט דאָס וועלט־יידנטום האָט גע־פּראַוועט האַיאָר (1955) — דעם רמב"ם!... איז טאַקע גוט, וואָס ער האָט מיך דערמאָנט: רמב"ם.

איך גיי דאָ נישט פּאַרגלייכן דעם רמב"ם צו שלום אַשן אָדער שלום אַשן צום רמב"ם. איך וועל דאָ בלויז פּאַרגלייכן די רדיפות, חרמות און גידופים קעגן זיי ביידע. אין אַלע צייטן זענען געווען חיים ליבערמאַנס, היסטעריקער און גאַטס סטראַפּטשעס. בעת איינער פון די גרויסע קעגנער פון רמב"ם איז געווען אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דער ראב"ד (רבי אברהם בן דוד) און ענלעכע תלמידי־חכמים, וועמענס מחלוקה קעגן רמב"ם איז געווען אַ מחלוקת לשם שמים, זענען אויך געווען אַ גאַנצע האָפּטע מיט אָנפּאַלער אַלאַ חיים ליבערמאַן, וועמענס נעמען זענען פּאַרזונקען געוואָרן אין דער לאַנגער יידישער גע־שיכטע, ווי בני בלי שם, פּונקט ווי עס וועט אויך פּאַרגעסן ווערן דער נאָמען פון דעם נישט־ערנסטן בעל־מחלוקת חיים ליבערמאַן אין זיין קאַמף קעגן שלום אַשן.

אויף טשיקאַוואָסט ברענג איך דאָ אַ ציטאַט פון דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פּאָלק", באַנד פיר, זייט 308:

„...און פונדעסטוועגן האָט די פילאָזאָפישע סיסטעם, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין ‚מורה נבוכים', אָנגעמאַכט אַן אי־בערקערעניש אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן געדאַנק. פון איר האָט אַ פלייץ געטאָן אין יידישן גייסטיקן לעבן אַ שטראָם ליכטיקייט, אַז אַ סך האָבן פאַר שרעק פאַרמאַכט די אויגן, גע־בלענדט דורך די העלע שטראַלן. פאַר איינע איז דעם רמב"מס ספר געוואָרן דער לייכטנדיקער פירער־שטערן, און פאַר אַנדע־רע — דער סימבאָל פון פריידענקעריי און אַפּיקורסות. אין קאַמף פאַר און קעגן דעם ספר זענען מאָביליזירט געוואָרן גאַנצע מחנות דענקער; ער איז געוואָרן די סיבה פון אַ גייסטיקער שפּאַלטונג ביי יידן אין דער נאָענטסטער תקופה".

לויט גרעצן האָט דעם רמב״מס פאַמיליע און ער אַליין געהאַט לפנים אָגענומען דאָס מאַכמעדאַנישע גלויבן און צוליב דעם האָט דער רמב״ם אַרויסגעגעבן זיין באַרימטן „אגרת השמד״, וואו ער האָט פאַרטיידיקט די דאָזיקע שטעלונג, אַז „אויב מען קאָן נישט אַנטלויפן פון דעם לאַנד פון רדיפות, מעג מען לפנים אָננעמען דעם איסלאַם און נישט לאָזן זיך אומברענגען״ (וועגן דעם, צי דער רמב״ם אַליין האָט אָנגענומען דעם איסלאַמישן גלויבן לפנים, איז פאַראַן אַ פלוגתא, טייל זאָגן, אַז „יאָ״ און אַנדערע זאָגן: „ניין״).

קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן, וואָס עס וואָלט פאַראַרבעט אַזאַ מין חיים ליבערמאַן, ווען ער לעבט אין יענער צייט, און אפשר האָט ער טאַקע דאַמאָלס געלעבט אין זיין ערשטן גילגול און ער איז געווען איינער פון די אייפּריקסטע מזלזלים פון רמב״ם, אויף וועמען מ׳האָט שפּעטער אַרויסגעלאָזט דעם באַרימטן רוף, וואָס קלינגט־אָפּ עד היום הזה: „ממשה עד משה לא קם כמשה״, אָבער יענער „חיים ליבערמאַן״ איז פאַרגעסן געוואָרן...

און אַז חיים ליבערמאַן איז אַ „חכם להרע״, ער ווייסט ווי אַזוי צונויפצוקלויבן זיין מאַטעריאַל, ווען ער וויל איינעם פאַרטיידיקן, אָדער ווען ער וויל שפּעטער דעם זעלבן אַטאַקירן און מאַכן צו „אַש״ און צו בלאָטע, ווייסן מיר זייער גוט. ער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום סקרופּולן. ער נעמט די זעלבע ציטאַטן פאַר פאַרטיידיקן און פאַר אַטאַקירן. ער טראַכט זיך בשעת מעשה: ווער וועט מיר גיין נאָכקאָנטראָלירן, וואָס איך האָב געזאָגט מיט דרייצן יאָר צוריק!... אויב ער דאַרף עפּעס פאַר זיין ציל, וועט ער אייך צונויפפּירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, מאַכן פון טאָג נאַכט און פון נאַכט טאָג. ער וועט פאַר־לייקענען מאמרים און ציטאַטן און וועט אייך ברענגען בלויז די, וואָס ער דאַרף האָבן פאַר זיין אומהייליקן צוועק.

אַ קליינער ביישפּיל: ער וויל אויפווייזן, אַז שלום אַש איז אַ שונא פון יידן (וועגן אַשס „אהבת ישראל״ איז אין זיינער צייט זייער פיל געשריבן געוואָרן; און אפשר האָט ער, חיים ליבערמאַן אַליין, אויך אַמאָל געשריבן, אַ קשיא אויף אַ מעשה!...), ער איז אַן אַנטי־סעמיט און אַז ער, שלום אַש, האָט אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף די תנאים, אויף די תלמידי־חכמים, אַז זיי האָבן פיינט עמי־הארצים. חיים ליבערמאַן ברענגט דעריבער פּעק מיט ראיות, אַז פונקט פאַרקערט — די תלמידי־חכמים זענען געווען ממש פאַרליבט אין די עמי־הארצים... ער פאַרשוויגט אָבער די אַנדערע מאמרים, וואָס ווייזן פונקט דאָס קאַפּויערדיקע. איינדראַמתן אָבער זענען געווען אי אַזעלכע און אי אַזעלכע. וואָרים וואָס, למשל, איז, ר׳ חיים ליבערמאַן, מיט די מאמרים,

ווי „עם־הארצים זענען נבזהניקעס און זייערע ווייבער זענען שרצים" (נדרים מ"ט); „אַן עם־הארץ מעג מען צערייסן ווי אַ פיש" (פּסחים מ"ט); „ווער עס מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר אַן עם־הארץ, איז גלייך ווי ער וואָלט זי אַוועקגעלייגט פאַר אַ לייב" (נדרים מ"ט); „מיט אַן עם־הארץ וואוינט מען נישט אין שכנות" (שבת ס"ג); „עס איז אַ שאַנדע פאַר אַ תלמיד־חכם צו זיצן אין די חברותא פון עמי־הארצים" (ברכות מ"ג); „אַ מענטש דאַרף פאַרקויפן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט און זאָל נעמען אַ בת תלמיד חכם און נישט קיין טאָכטער פון אַן עם־הארץ" (נדרים מ"ט), און אַזוי ווייטער?...

אָבער צי גייט דען חיים ליבערמאַנען אין דעם אמת? אים גייט בלויז דערין, אַז מען זאָל שלום אַשן מחרים־זיין און אָפּווישן אים. איז וועט ער אייך אויפזוכן פון אונטער דער ערד, פאַלש אָדער אויס־געטראַכט, אָבי צו מאַכן פון אַשן אַן אַנטיסעמיט, אַ משומד, אַ מיסיאָ־נער און אַן עם־הארץ...

ווען עס זאָל נישט זיין אַזוי טראַגיש, וואָלט מען דאָך געדאַרפט זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, וואָס אַזאַ איינער דערוועגט זיך גאָר אָנצופאַלן אויף דעם אַרי שבחבורה, אויף דעם גרעסטן יידישן קינסטלער אין אונדזער דור, אָדער ווי חיים ליבערמאַן האָט אים אַמאָל, ווען ער האָט נאָך נישט געטראָגן — אויף באַשטעלונג — קעגן אים אַ בייז האַרץ, אָנגערופן: „אַ קינסטלער, וואָס האָט געבראַכט דאָס געזאַנג פון דער וועלט, די שירה פון גאָט, נבואה"... וואָרים צו זאָגן אויף אַשן, אַז ער איז אַן עם־הארץ, איז פּונקט ווי מען זאָל זאָגן אויף חיים ליבערמאַנען, אַז ער איז אַ ר' לוי יצחק באַרדיטשע־ווער!...

קאַפּיטל פֿינף

# די בבא־מעשה מיט דער עליה אין אַ תל־אָביבער שול

ניין, חיים ליבערמאַן איז נישט אַליין אויפֿן יאַריד!... חבֿרה האָט דערשמעקט, אַז אויף דעם דאָזיקן אומהייליקן יאַרמאַרק קאָן מען פֿאַר זיך אָפּלעקן אַביינדל, מען וועט אַרויסגעהויבן ווערן, דער נאָמען וועט אַרויסשיינען פֿון די בלעטער. וואָרים עפּעס אַ קלייני־קייט: אָפּצורייסן זיך אויפֿן גרעסטן יידישן פּראָזע־מייסטער!... איך וועל דאָ פּאַראַפֿראַזירן דעם באַרימטן פֿראַנצויזישן פֿילאָזאָף דעקאַרטס אַ זאָג: „קאָגיטאָ, ערגאָ סום" (איך דענק, הייסט עס — כ׳עקזיסטיר) — איך פֿאַל־אָן אויפֿן גרעסטן יידישן קינסטלער און כ׳פֿאַרשוואַרץ אים דאָס פּנים, הייסט עס, ס׳איז מיך אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט!...

אַזוי אַרום האָט אַ קליין גרופּקעלע פֿון געוויסנסלאָזע מענטשן, אָבער טאָקע נישט מער ווי אַ קליין גרופּקעלע שרייבער, וואָס האַלטן זיך פֿאַר „גדולים", מישטיינס געזאָגט, און וועלכע גרייכן נישט צו שלום אַשס קנעכל אַלס שריפֿטשטעלער, האָבן געהאַט דעם טרויעריקן מוט (אויב איר ווילט, רופֿט עס אָן — חוצפּה) אָנצורופֿן שלום אַשן: „גראַפֿאָמאַן", „דריט־ראַנגיקער קינסטלער", „מחבר פֿון חלבנע ווערק", „באָגאָמאַז", און וואָס דען נישט?...

און יעדער איינער, דער נישטיקסטער שבחבֿורה, גיט אַ ביס, אַ צופּ, אַ גריזשע, און ער מיינט, אַז דערמיט וועט ער זיך איינקויפֿן אין גדולה ביי די, וואָס רודערן צייטווייליק אַרום און עס דאַכט זיך זיי אויס, אַז אַזוי בלייבט עס!...

אַט, למשל, קומט איינער, אַ חצי שרייבער, חצי קהלישער קאָכ־לעפל, אַז אײביקער ,יאַר־עדות, וואָס אומעטום, וואו מען קאָן אַפּלעקן אַ ביינדל, איז ער דאָ צום טיש, און ווען איך גערענק זייער גוט, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, ווי ער האָט עדות־געזאָגט, אַז דער קדוש וטהור ר׳ הלל צייטלין ז״ל האָט געגעסן חזיר־פלייש און בופעט פון אַ באַן־וואָקזאַל. איינער, אַ דאַמאָלסטיקער „אַב. קאַהאַן״ (גראָד האָט ער געהייסן: ש. י. יאַצקאַן), האָט צוליב פּערזענלעכע חשבונות געפירט אַ העץ־און שמוץ קאַמפּאַניע קעגן ר׳ הלל צייטלין, האָט מען זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די אויסטערלישסטע רכילות (וואָס קיינער האָט, איבעריקנס, נישט געגלויבט). האָט זיך אָפּגעזוכט אָט דער דאָזיקער ,זיידענער׳ יונגערמאַנטשיק, וואָס היינט פאַרנעמט ער אַ געוויסע פּאָזיציע ביים יידישן ,פּאַלעק׳ און האָט מלשין־געווען קעגן דעם ריז ר׳ הלל צייטלין, און זיין ,געוויסן׳ האָט דערביי נישט אַ ציטער געטאָן!...

און שרייבנדיק אין אַ געוויסער צייטונג וועגן „מאַקסים גאָרקי און אַנטיסעמיטיזם״, גיט ער אַ וואָרף־אַריין — צי עס פּאַסט זיך יאָ אַריין, צי עס פּאַסט זיך נישט אַריין — זיינע „דריי גראָשן״, וואָרים איצט איז דאָך דער „קורס״ קעגן שלום אַש, איז — היידא, אַרויף אויפן וואָגן!... אפשר וועט, אין זכות פון דעם אָנפאַל, אַריינפאַלן אַלס באַלוינונג נאָך אַ קהלישער פּאָסטן, און ווי אַ „פּאַליאַק״, האַלט ער, זעט אויס, פון דעם פּוילישן ווערטל: „פון אַ זייטיק פּאַרדײנסטל טוט דער קאָפּ נישט וויי״...

און ער גיט זיך אַזאַ „מגידישן״ זאָג:

„שלום אַש איז נאָך דאַמאָלס נישט געווען פאַרנומען מיט יעזוסן (ער, דער גוי גמור, איז אויך דאָ מיט יעזוסן!... — ש. ר.), נישט געזאָגט זיך נאָך מפטיר אין תל־אביב (נאָך אַ שפּילקעלע, כאָטש ער ווייסט שוין זייער וואויל פון די אַפּליי־קענישן, אַז די מעשה־עליה איז לא היה ולא נברא — ש. ר.), נאָך הקפות אין ירושלים, נישט געוויינט און נישט געחלשט אין רחובות, האָט ער זיך געזאָגט נאָך רוסלאַנדס גרויסן מייסטער מאַקסים גאָרקי און געשמועסט מיט אים וועגן דער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד (אויך אַ גוואַלדאַוונער חטא!) — ש. ר.).

„היות (זאָגט ווייטער דער ,יאָר־עדות׳) אַש האָט נישט גוט פאַרשטאַנען קיין רוסיש, איז דעריבער האָט ער געמאַכט טעותן. דאָס איז מעגלעך. שלום אַש איז נישט קיין קענער פון גויאישע

שפּראַכן — ווי האָט געזאָגט אַ חסיד צו אַ משכיל, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער קאָן דריי שפּראַכן: רוסיש, לאַטוויש און פּויליש — ווייס איך וואָס, האָט געזאָגט דער חסיד, ער קאָן שוין דאָס וואָס עס קאָנען דריי פּויערים צוזאַמען"...

איז הערט־זשע מיך אויס, פּאַניע „יאַר־עדות": אַ מענטש קאָן דאָך נישט זיין אַזאַ מושלם בכל המעלות, ווי איר!... איר „קאַנט" טאַקע אַ סך גויאישע שפּראַכן, און בכלל רעדט איר פּאַר פּייער און פּאַר וואַסער, דערפאַר איז אָבער שלום אַש אַ קינסטלער בחסד עליון!

אַזוי צי אַזוי, קיין פּליי — כ׳בעט איבער אייער כבוד — אין אונדזער פאַרפּעסטעטן יידישן קולטור־וועלטל פּעלן נישט, און זיי בייסן דעם לייב מיטן גאַנצן אייפער, טראַכטנדיק דערביי: אולי ירחם, אפשר וועט מען זיך אויף מיר דערבאַרעמען און מען וועט מיר דערפאַר עפּעס געבן... און יעדער פּלוי, בעת זי גיט אַ ביס דעם לייב, טראַכט זי זיכער ביי זיך אין דעם מאָמענט, אַז זי איז שטאַרקער און מעכטיקער פונעם לייב...

און אַז איך האָב שוין געזאָגט — כאָטש עס איז מיר געווען דערווידער — אַריינצושלעפּן אין דער דאָזיקער מחנה דעם קדוש וטהור, ר׳ הלל צייטלין ז"ל, ווען דער „יאַר־עדות" האָט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק מבזה געווען (הלל צייטלין איז געבליבן הלל צייטלין און ער, דער „יאַר־עדות", איז געבליבן דאָס, וואָס ער איז ביי זיינע געוועזענע חברים...), וויל איך זאָגן אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער צו זיין עלטסטן זון, דעם באַרימטן פּאָעט און שריפטשטעלער, אהרן צייטלין.

מען קאָן גאָרנישט האָבן, למשל, צו אהרן צייטלין, וואָס ער איז אַ קעגנער פון שלום אַש. מיר לעבן אין אַ פרייער מדינה און יעדער קאָן האָבן זיין פרייע מיינונג. ער קאָן האַלטן, אַז שלום אַש האָט געבראַכט שלעכטס אויף יידן מיט שרייבן זיינע אַזוי גערופענע „קריסט־לעכע" ביכער, אָבער דערצו איז אים נישט נויטיק צו באַנוצן זיך מיט אויסגעטראַכטע און פאַלשע אַרגומענטן. עס איז שוין זייער ביטער, אַז אויף אויסצושטעלן אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן עמיצן, זאָל דער פּראָקוראָר דאַרפן אָנרעדן זיינע עדות צו שווערן פאַלש. נישקשה, אהרן צייטלין קאָן געפינען גענוג אַרגומענטן קעגן אַשן אָן די אויסגע־טראַכטע מעשיות!...

אָט גיט, למשל, אהרן צייטלין אַ זאָג אין איינעם פון זיינע מאמרים („טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 2־טער מערץ, 1955): „אין דער זעל־בער צייט וויל ער עליות"... נו, ווייסט מען דאָך שוין, אַז די בבא־מעשה מיט די עליות איז אויסגעזויגן פון פינגער. צו וואָס־זשע זאָל

ער, אַ בכבודיקער שרייבער, זיך באַנוצן מיט אַ פאַלשן אַרגומענט און דערמיט אַליין אָפּשוואַכן זיין „קעיס"? אויב ער ווייסט נאָך נישט — אין וואָס איך צווייפל — וועל איך דאָ ברענגען אַ נאָטיץ, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין די „יידישע צייטונג" פון 10־טן אָקטאָבער, 1954, וואָס דערשיינט אין תל־אביב, אונטער דער רעדאַקציע פון מ. צאַנין. דאָס קעפּל פון דער נאָטיץ לויטעט אַזוי:

## „תפארת צבי שול לייקנט־אָפּ רכילות וועגן שלום אַש"

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רכילות־ידיעה, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „הארץ" אין שייכות מיטן באַרימטן שרייבער שלום אַש, האָבן מיר באַקו־מען די פאָלגנדיקע הכחשה, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן אין אונדזער צייטונג:

„חשובע רעדאַקציע ,לעצטע נייעס' (ווי באַוואוסט, דער־שיינט דריי טעג אַ וואָך די זעלבע צייטונג אונטערן נאָמען ,לעצ־טע נייעס' און דריי טעג אַ וואָך אונטערן נאָמען ,יידישע צײ־טונג' — ש. ר.).

„מיר וועלן אייך דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט פאַרעפנט־לעכן פאָלגנדיקע אויפקלערונג:

„ערב יום כפור, ווען אונדז איז געוואָרן באַקאַנט, אַז דער חשובער שרייבער, ה' שלום אַש, איז אָנגעקומען אין לאַנד, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אונדזער אָנגענעמער פליכט צוצושטעלן אים אַן ערן־איינלאַדונג אין אונדזער שול ,תפארת־צבי', וואו דער הויפּט־חזן איז האיאַר דער וועלט־חזן ה' לייבעלע גלאַנץ.

„מיר זענען געווען גליקלעך (הערט נאָר! הערט נאָר! — ש. ר.) צוליבן גרויסן זכות און כבוד, וואָס מיר האָבן באַקומען, זעענדיק ווי שלום אַש שטייט איינגעוויקלט אין טלית אויף דעם ערן־פּלאַץ אויפן מזרח, וועלכן מיר האָבן פאַר אים באַשטימט. אַ גאַנצן טאָג יום כפור און אין אָוונט ביי כל נדרי איז ער גע־ווען פאַרטיפט אין דאַווענען.

„צומאָרגנס, נאָך יום כפור, זענען מיר איבערראַשט געוואָרן צוליב דער ידיעה אין ,הארץ', אַז מיר האָבן אַשן נישט געגעבן קיין עליה אונטערן דרוק פון מתפללים אין ,תפארת־צבי'. די דאָזיקע ידיעה, איז גרונטלאָז און באַליידיקנדיק.

„מיר לייקענען קאַטעגאָריש אָפּ די דאָזיקע ידיעה, אין וועל־כער עס איז נישטאָ קיין שמץ פון אמת. מיר האָבן שלום אַשן

נישט געגעבן קיין עליה צוליב דער פשוטער סיבה, ווייל אין ימים נוראים און אַנדערע יום טוב טעג פירן מיר זיך מכבד צו זיין מיט עליות נאָר די סטאַבילע מתפללים פון אונדזער שול. און מיר זענען זיך נישט נוהג צו כאַפּן כל מיני טוריסטן און אַנדערע חשובע געסט, וועלכע קומען אין די דאָזיקע טעג צו־פעליק אין אונדזער שול.

„די גאַנצע מעשה אין שייכות מיט דעם עולה־זיין אָדער נישט עולה־זיין צו דער תורה פון שרייבער, ה' שלום אַש, איז אויסגעטראַכט פון אָנהויב ביזן סוף.

„מיר באַדויערן זייער דעם פאַקט, וואָס אַזאַ צייטונג ווי ,הארץ' איז געשטרויכלט געוואָרן מיט פאַרעפנטלעכן זאַכן, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. מיר בעטן אַנטשולדי־קונג ביים חשובן שרייבער.

„מיט גרויס כבוד,

„פאָרזיצער פון בית הכנסת ,תפארת־צבי',

י. רזיאל".

נו, וואָס זאָגט איר איצט, ר' אהרן צייטלין? איר זענט אַ בכבוד־דיקער שרייבער, און עס איז נישט לפי כבודך צו באַנוצן זיך מיט אומקאָנטראָלירטע אַרגומענטן (מאַכט איר דאָך אַליין חוזק, חשובער אהרן צייטלין, אין איינעם פון אייערע אינטערעסאַנטע פּריטיק־מאמרים אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פון דעם: „מען זאָגט"; „די וועלט זאָגט"; „דער ריזשינער זאָגט" א. א. וו. דאָס מיינט, אַז מען דאַרף פון אייער אָפּשפּאָטן גורס־זיין, אַז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויפן „מען זאָגט". נאָר מען דאַרף פריער גוט באַקאָנטראָלירן!...).

איצט אַ פּאָר ווערטער נאָך וועגן אייער קעגנערשאַפט צו שלום אַשס „שמד"־ביכער. וויל איך אייך פרעגן: האָט איר שוין געטראָפן, אַז מיינונגען פון מענטשן זאָלן ווערן הונדערט פּראָצענט אונטער־שטיצט?... אָט האָב איך אָוועקגעגעבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אַ פּאָר זאַצן וועגן רמב"ם, ווי אַזוי מ'האָט אים גערודפט, אפשר מיט נאָך מער אייפער ווי מ'רודפט היינט שלום אַשן. אָט האָט מען מיט איבער דריי הונדערט יאָר צוריק געלייגט אין חרם אַריין דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף ברוך שפינאָזע. פונדעסטוועגן קומט היינט אַ ייד ווי דוד בן־גוריון, וואָס קיינער נישט, אַפילו נישט חיים ליבערמאַן, וועט זאָגן אויף אים, אַז ער איז, חלילה, אַ משומד, אַ מיסיאָנער אָדער סתם אַ פאַרלייקענער פון יידישקייט, און ער אַפּעלירט, אַז מען זאָל איצט אַראָפּנעמען פון ברוך שפינאָזען דעם חרם.

טענהן די אַמסטערדאַמער רבנים: ניין!... עס איז נישט אַוועק־צומאַכן זייער „ניין", פונקט ווי מען קאָן נישט אַוועקמאַכן דוד בן־גוריונס „יאָ".

מיינונגען קאָנען זיין פאַרשידענע. זאָגט מען דאָך אַ ווערטל: „וויפיל יידן, אַזוי פיל דעות"... לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל טאַקע אייך אַליין. איר האַלט זיך דאָך געוויס פאַר אַ רעליגיעזן, היפּער־נאַציאָנאַליסטישן ייד — כ'האָב שוין, דאַכט זיך, ערגיץ געלייענט אָדער געהערט אייך אָנרופן: „שאָוויניסט" — און איר פאַרשרייט שלום אַשן פאַר אַ מומר־להכעיס; פרעג איך אייך: וואָס אַשטייגער וואָלטן וועגן אייך געזאָגט די נטורי־קרתאניקעס?... זענט איר דען ביי זיי אַ כשרער ייד? האָבן זיי דען נישט געשריבן און געזאָגט אויף זייערע אסיפות, אַז דער רב הראשי פון ישראל, הערצאָג, איז אַן אַפּיקורס און ער קאָן נישט לערנען!... און האָבן דען די בעלזער חסידים נישט געזאָגט אויף די „שלומי אמונה ישראל", די אַזוי גע־רופענע אגודהניקעס, אַז זיי זענען אַפּיקורסים און פושעי ישראלים; און די אגודהניקעס האָבן דען דאָס זעלבע נישט געזאָגט אויף דער מזרחי, און אַזוי ווייטער?...

ניין, מען קאָן נישט אַלעמען אויף הונדערט פּראָצענט צופרידנ־שטעלן. אַט זעט איר דאָך: פונקט ווי עס איז דאָ אַ צד — און אַ קלענערער צד, אָבער אַ מער טומלדיקער — וואָס פאַרשרייט שלום אַשן פאַר אַ משומד, אַ מיסיאָנער, וועלכער רעדט אָן יידישע קינדער צו שמד, איז אויך דאָ אַ צד, וואָס זאָגט פאַרקערט: שלום אַש האָט זיינע „קריסטלעכע" ביכער אָנגעשריבן אין דער ריכטיקער צייט, כדי צו פאַרטיידיקן יידן (יואל ענטין). עס האָבן אַשן פאַרטיידיקט: ש. ניגער, חיים גרינבערג, י. י. טרונק, מלך ראַוויטש, ח. ש. קאַזשדאַן און נאָך און נאָך אַזעלכע יידן (נישט, חלילה, קיין משומדים), אַז שלום אַש איז גאָר ברומו של עולם פון יידישקייט.

אינטערעסאַנט אויף דעם אָרט צוצוגעבן, וואָס ש. ניגער האָט געשריבן אין איינעם פון זיינע „געלייענט און געשריבן":

„מען האָט שלום אַשן אין תל אביבער שול נישט גע־געבן קיין עליה און נישט מכבד געווען מיט קיין הקפה (**דאָס איז נאָך געווען פאַר דער אַפּלייקענונג — ש. ר.**) — דאָס איז זיכער נייעס. ווי וואָלט אָבער געווען, ווען עס זאָל האָבן געשען אַ נס און מען וואָלט אים יאָ אויפגערופן צו מפטיר אָדער מכבד געווען מיט אַ פסוק פון ,אתה הראית' — וואָלט דאָס געווען נייעס? יאָ, געוויס. אָבער מען וואָלט עס נישט געדרוקט. מען

וואָלט אַשן נישט פאַרגינען עס צו דרוקן" („טאָג־מאָרגן־זשור־נאַל", 19־טן דעצעמבער, 1954).

אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן!... מען פאַרגינט אים נישט, און אַלע ברעך און אַלע געמיינהייטן שטאַמען פון דעם דאָזיקן אומ־ריינעם קוואַל: קנאה און שנאה!...

עס איז אויך נישט אין אָרדנונג מצד אהרן צייטלין, וואָס בעת ער רייסט אַזוי אומדערבאַרעמדיק אַראָפּ שלום אַשן, מאַכט ער פון דוד פּינסקין „אַ שטיק יידישע ליטעראַטור", און דער „ערלעכער" דוד פּינסקי איז גאַרנישט אַזוי ערלעך אין זיין באַהויפּטונג, אַז אַש איז אַ גראַפאָמאַן. צייטלין פאַרטיידיקט דוד פּינסקין און ער באַהויפּט, אַז דוד פּינסקי האָט בלויז געזאָגט: „אַ טייל פון ‚נאַזארין' גרעניצט זיך מיט גראַפאָמאַניע". צי גלויבט טאַקע אהרן צייטלין, ערשטנס — אַז אין „נאַזארין" איז דאָ גראַפאָמאַניע, צווייטנס — הערט אויס אַן עד־ראיה:

איך האָב די זעלבע וואָך, וואָס צייטלין האָט אַזוי „הייס" פאַר־טיידיקט דוד פּינסקין, דערהאַלטן אַ בריוו פון מ. צאַנין, און אָט וואָס ער שרייבט וועגן דעם דאָזיקן ענין:

„לשם אינפאָרמאַציע פאַר דיין בוך וועגן אַשן (איך האָב צאַנינען, ווי מיינעם אַ חבר, דערציילט, אַז איך שרייב אַזאַ בוך — ש. ר.): היינטיקע וואָך איז דוד פּינסקי אַרויסגעטרעטן אין חיפה אויף אַן אָונט צוזאַמען מיט ראָזנהעקן פון מרכז התרבות, און אָנגערופן אַשן ‚גראַפאָמאַן'... **אַלע גראַפאָמאַ־נען האָבן זיך אין דעם טאָג דערפילט, אַז מען קאָן זיי נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט**... (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ש. ר.).

„איך גלויב, אַז דער אַרויסטריט פון פּינסקין און ראָזענ־העקן, וועלכער האָט געדופן צו שטעלן אַשן פאַר אַ פאָלקס־משפט, איז נישט קיין צופאַל, נאָר איז גוט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די זעלבע קרייזן, וועלכע האָבן אַשן איינגעלאָדן קיין ישראל און צוגעטיילט כיבודים. אַש באַמיט זיך צו באַקומען דעם נאָ־בעל־פּרייז דורך דער ישראל־רעגירונג. שרת זאָל האָבן אונ־טערשטיצט דעם ענין, אָבער שרת האָט אין דער הסתדרות אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד געוויסע העברעאישע קרייזן, וועלכע קאָנען נישט פאַרטראָגן, אַז גראָד אַ יידישער שרייבער זאָל באַ־קומען די נאָבעל־פּרעמיע דורך דער ישראל־רעגירונג. אַזוי ווי פּינסקי האָט פיינט אַשן (אויף דעם זעלבן אָונט האָט ער,

פינסקי, געזאָגט, אַז ער שטייט־אויף יעדן טאָג מיט עטלעכע שעה פריער, כדי לענגער פיינט צו האָבן אַשן), האָט במילא דאָס טעפּל געפונען זיין שטערצל, און אַש... איז געוואָרן אַ גראַ־פאָמאָן, און גראַפאָמאַנען קאָן מען דאָך נישט געבן קיין נאָבעל־פּרעמיע...״

גוט צו וויסן, זאָל עס פאַרשריבן ווערן אויף די אַנאַלן פון דער געשיכטע, אַז אַ יידיש־שרייבער פאַראייניקט זיך מיט די שונאים פון יידיש, כדי אַ צווייטער יידיש־שרייבער, אַ ביסל אַ גרעסערער אין טאַלאַנט פון אים, זאָל נישט קריגן דעם נאָבעל־פּריז און בלויז נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט אים פיינט... צו וואָס שנאת־חינם דערפירט!

קאַפּיטל זעקס

# צי איז טאַקע שלום אַש אַ משומד?

**ווי אַ מענטש**, אויף וועמען מען האָט פּראָסט און פּשוט אויסגעטראַכט אַ בלוט־בלבול, אַז ער איז אַ משומד, אַ מיסיאָנער און אַז ער האָט געהאַט פאַר אַ ציל מיט זיינע אַזוי גע־רופענע „קריסטלעכע" ביכער אָפּצושמדן דאָס יידישע פאָלק, האָט שלום אַש, אויף וויפיל ער האָט געהאַט מעגלעכקייטן, רעאַגירט און געענטפערט. און אָט וואָס שלום אַש זאָגט אין זיינס אַן ענטפער אין „יידישן קעמפער" פון 14־טן נאָוועמבער, 1941:

> „...וואָלט איך געפילט, אַז איך האָב מיט עפּעס, חלילה, חוטא געווען קעגן דעם יידישן גייסט, וואָלט אין מיך נישט גע־שעמט צו קומען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און געבעטן מחילה. עס איז גאָרנישט קיין שאַנד צו בויגן דעם קאָפּ פאַר „ישראל־סבא". איך בין דאָס גרייט שטענדיק צו טאָן, ווען איך וואָלט זיך געווען געפילט מיט עפּעס זינדיק קעגן יידן."

אָבער זיינע אָנפאַלער און שענדער האָבן דאָס גאָרנישט געוואָלט פון אים, זיי דאַרפן נישט אַשס מחילה־בעטן (ווען ער וואָלט זיך געפילט שולדיק); זיי דאַרפן אַשן בלויז אומברענגען און „באַגראָבן"!... דאָס איז די אייביקע שנאה פון דעם טאַלאַנטלאָזן צום גרויסן טאַלאַנט. אינטערעסאַנט איז, אַז די מייסטע אָנפאַלער אויף אַשן רעקרוטירן זיך דאָס רוב פון צווישן שרייבער, „קאָלעגן". אַנשטאָט אַ קאָלעגע צו פּאַרטיידיקן קעגן אָנפאַלער און רייניקן אים, האָבן זיי גאָר צוגע־

האָלפֿן דאָס פֿייער פֿונאַנדערבלאָזן און אין בעסטן פֿאַל — נישט צו לעשן...

און אַט וואָס עס שרייבט וועגן דעם מיט ווייטיק דער באַקאַנטער שריפֿטשטעלער און פּעדאַגאָג, ח׳ ש׳ קאַזשדאַן:

„...די שווידערלעכע קאַמפּאַניע קעגן שלום אַש, וואָס גייט־אָן אין דער יידישער פּרעסע און אין דער עפֿנטלעכקייט במשך די לעצטע יאָרן, איז נאָר איין ביישפּיל פֿון דער דאָזיקער אַלגעמיינער דערשיינונג (**וועגן אונטערדריקטער פֿרייהייט אין דער יידישער ליטעראַטור, רעדט דאָ קאַזשדאַן — ש. ר.**). אַ טייל יידישע בעלעטריסטן האָבן אַפֿילו נישט געוואָלט אָפּטרעטן דעם „כבוד" פֿון דער דאָזיקער העצע — צו די רעדאַקטאָרן פֿון די טאָג־צייטונגען און זייערע מיטאַרבעטער־פּובליציסטן. און אַ טייל יידישע פּאָעטן און ראָמאַניסטן האָבן זיך מקדים געווען, כדי צו דערווייזן, אַז אויך זיי קאָנען העצן קעגן זייערן אַ קאָלעגע... יידישע שרייבער פֿאַלט גאָרנישט איין צו נעמען שלום אַשן אונטער זייער שוץ — אין נאָמען פֿון פֿרייהייט פֿון געדאַנק און געדרוקטן וואָרט; זיי זענען נישט געקומען צום פּען־קלוב (**געפֿינען דעם ריכטיקן אַדרעס, וואוהין צו קומען!... ליבער חבר קאַזשדאַן, דער זעלבער פּען־קלוב האָט דאָך דעם קאָלעגע שלום אַש נישט באַגריסט נישט צום זיבעציקסטן און נישט צום פֿינף־און־זיבעציקסטן געבורטסטאָג! — ש. ר.**), צום פּרץ שרייבער פֿאַראיין, כדי צו פֿאָדערן, אַז די ליטעראַרישע עפֿנטלעכקייט זאָל זיך איינשטעלן פֿאַר ש. אַשן, פֿאַר זיין פֿרייהייט צו פּרעדיקן און צו שילדערן וואָס זיין טאַלאַנט פֿאָדערט אים אויף און אויף דעם אופֿן, וואָס איז אים ליב און ווי ער פֿאַרשטייט עס. אַ טייל יידישע שרייבער האָבן אונטער זייערע אייגענע נעמען און אונטער פּסעוודאָנימען זיך דירעקט מיטבאַטייליקט אין דער אַש־העצע. אַנדערע האָבן אינגאַנצן געשוויגן אויף די שפּאַלטן פֿון זייערע צייטונגען און צייטשריפֿטן, און עס איז אַוודאי נישט קיין פֿאַרדינסט פֿון העלדישקייט און אומאָפּהענגיקייט, און — **שתיקה כהודאה דמיא**" (**מעקסיקאַנער „פֿאָראויס", 15־טער פֿעברואַר, 1949**).

ווייטער קאַזשדאַן:

„...אָבער שלום אַש איז פֿאַרט דער רעפּרעזענטאַנט פֿון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז דער אָנערקענטסטער יידישער שרייבער (**נאָאיווער חבר קאַזשדאַן, דאָס טאַקע טוט דאָך זיי**

ווי!... — ש. ר.). דורות יידישע קינדער און יוגנטלעכע — אין דער עלעמענטאַרער שול און אין די העכערע טיפן שולן — ווערן דערצויגן אויף זיינע ווערק. די העצע קעגן אים איז די גרעסטע באַליידיקונג און דערנידעריקונג פאַר דער יידישער לי־טעראַטור, פאַר איר ווירדע און אַנזען. זי טראָגט אַריין צעמישט־קייט אין די מוחות פון די יידיש־ליענער.״

עס איז פונקט ווי איר, חבר קאַזשדאַן, וואָלט געזאָגט: „שעמען זי זיך, הער קאַזאַק!...״

אַט האָב איך דאָך אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען ציטירט, ווי אַ יידישער דיכטער האָט זיך דערוועגט צו שרייבן וועגן אַשן, אַז אַלע זיינע ווערק, אויף וועלכע „עס דערציען זיך דורות יידישע קינדער און יוגנטלעכע״, זענען „חלבנע ווערק״ און „שמאַלציקער שונד״... זיי צעמישן, זאָגט איר, דעם יידישן לייענער!... חס וחלילה, דער יידיש־לייענער קויפט נאָך אַלץ היינט אַשס „חלבנע״ ווערק אַ סך מער ווי אַלע ווערק פון אַט די דאָזיקע שרייבער צוזאַמענ־גענומען! דער יידיש־לייענער איז נישט צעמישט. ער ווייסט, ווער עס איז דער גרויסער מייסטער זיינער. „צעמישט״ זענען נאָר געוואָרן די יעניקע „לייענער״, וועלכע קענען גאַרנישט אַשן פון זיינע ווערק, די זענען בכלל קיין לייענער נישט; זיי וויסן נאָר, אַז שלום אַש האָט זיך „געשמדט״...

איך קאָן מיך נישט באַהערשן נישט צו ברענגען דאָ נאָך אַ לענגערן אויסצוג פון שלום אַשס ענטפער אין זעלביקן „יידישן קעמפער״ (14־טן פעברואַר, 1941). מען פילט, ווי דאָ רעדט אַרויס פון דעם קינסטלער אַ צעבראָכן יידיש האַרץ, פאַרוואָס מען וואַרפט אים פאַר אַזאַ אומזיניקן בילבול פון „מיסיאָנערישקייט״ און „שמד״. זאָלן די לייענער פון דעם דאָזיקן בוך מיינעם האָבן נאָך אַ דאָקומענט, וואָס דער גרויסער פּראָזע־מייסטער אונדזערער האָט צו זאָגן, און געזאָגט האָט ער עס דאָך פאַר גאָר אַ קליינער צאָל לייענער, ווייל אין דער טאָג־פּרעסע האָט מען אים נישט געגעבן קיין פּלאַץ — ער איז דאָך אין „חרם״!...

און אַט וואָס פאַר אַן אמתע ווערטער, ווייל עס זענען דברים היוצאים מן הלב:

„...איך האָב עס דערקלערט און דערקלער עס נאָכאַמאָל, אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע אַמביציעס ווי נאָר ריין־קינסט־לערישע. איך בין נישט קיין רעליגיע־רעפאָרמער (איך פיל זיך באַקוועם אין די ראַמען פון די נביאים, פון אַלע הייליקע יידישע

גייסטער, ביז צו די בויער פון חסידיזם, וואָס טרינקען אַלע מיינע רעליגיעזע דאָרשטן). איך בין אויך נישט קיין וויסנשאַפט־לער. די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדע איז נישט מיין מעטאָדע. מיין עובדה איז אַ ריין קינסטלערישע. די איינציקע אַמביציע אין מיין לעבן איז אויפצומאַנען פאַר יידן דעם גאַנצן קרעדיט פאַר דער ביישטייערונג פון יידישן גייסט צום וועלטלעכן אוצר פון אמונה, קולטור, ציוויליזאַציע. איך האָב געזען דעם יידישן גייסט אין קידוש השם פון יידן; איך האָב אים געזען זיך מאַניפעסטירן אויף הונדערטער אופנים אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק — דאָ אין אַ מוטער, דאָרט אין אַ פאָטער, אין בית המדרש און אין קעלער פון אָרימקייט, אין דער גאַס, וואו עס האַלטן זיך אויף מאַטקע גנבס. איך האָב אים געזען אין „תהלים־ייד". איך זע אויך דעם ביישטייער פון יידישן גייסט צום וועלט־אוצר פון אמונה דורך יידישע באַגרינדער, איינפלאַנצער און פאַרשפרייטער פון דער קריסטלעכער אמונה. זיי רייצן מיין פאַנטאַזיע. מיינע אינספּיראַציעס הענגען נישט אָפּ פון מיר. נישט איך באַשאַף זיי, נאָר זיי רעגירן איבער מיר. נעכטן בין איך אינספּירירט געוואָרן צו שרייבן דעם „תהלים־ייד", היינט — איבער דעם לעבן פון ישו הנוצרי. נישט איך זוך אויס מיינע אינספּיראַציעס, נאָר זיי זוכן מיך אויס. אַז איר ווילט, איז דאָס רוח הקודש. איך גלויב נישט, אַז מען קאָן שרייבן ביכער אָן רוח הקודש.

„איך פיל זיך לחלוטין גאַרנישט שולדיק קעגן עמיצן, וואָס איך פאָלג נאָך מיינע קינסטלערישע אַספּיראַציעס, אַפילו ווען זיי פאַרפירן מיך אויף פעלדער, וואָס יידן זענען ביז איצט נישט געוואוינט געווען צו גיין אויף זיי. איז דען דער גרעסטער קינסט־לער — דער גרעסטער יידישער קינסטלער, האָב איך שיער נישט געזאָגט — אין מאָלעריי, רעמבראַנדט, געוואָרן אַ ייד מחמת דעם, וואָס ער האָט געפונען זיינע קינסטלערישע אינספּיראַציעס נישט נאָר אין סצענעס פון דעם „אַלטן טעסטאַמענט", נאָר אויך אין דער שול, צווישן רבנים? קיינער ווי רעמבראַנדט האָט נישט געגעבן אַזאַ אויסדרוק צום יידישן צער, צו דער יידישער תשוקה נאָך ישועה! איז ער מיט זיינע פּאָרטרעטן פון רבנים, מיט זיין „יידישער כלה", מיט זיין באַזינגען יידן — געמלט געוואָרן? און איז דען מיקעל אַנדזשעלאָ מיט זיין שאַפן די גרויסע מאָנומענטן פון דוד און משה, די געשטאַלטן פון די נביאים, געוואָרן אַ ייד? איז ער אפשר דערפאַר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קירך? און טאָמאַס מאַן, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע יאָרן אויף

אָנצושרייבן אַ יידיש ווערק, „יוסף און זיינע ברידער", איז ער געוואָרן דערמיט אַ ייד? אמת, ער ווערט דערפאַר פאַרהאַסט פון די נאַציס. און צי זאָלן מיר איבערנעמען די ראָלע פון די נאַציס, ווען אַ יידישער שרייבער האָט אָנגעשריבן אַ סימפּאַטיש ווערק וועגן דעם באַגרינדער פון קריסטנטום? צי איז רענאַן, וואָס האָט אָנגעשריבן זיין הערלעך ווערק איבער די נביאים, אָדער פּראָפעסאָר מור, וואָס האָט געשריבן זיין באַגייסטערט ווערק איבער יידנטום, געוואָרן דערמיט אַ ייד?

„ווער וועט מיר פאַרווערן צו געבן אויסדרוק דער גרויסער קינסטלערישער וויזיע, וואָס באַהערשט מיך, ווען איך זע, וואָס דער יידישער גייסט האָט געשאַפן?"

אמתע ווערטער, וואָרהאַפטיקע און טייערע ווערטער פון אַ גרויסן יידישן קינסטלער! אָבער צי האָבן די דאָזיקע רייד עפּעס געהאַט אַ ווירקונג אויף די אָנפאַלער און שענדער פון שלום אַשן? קיין האָר נישט!... וואָרים זיי ווילן גאָרנישט וויסן פון אים און פון זיינע ענטפערס, זיי ווילן בלויז איין זאַך: אים „באַגראָבן"!...

און ווער זענען דאָס טאַקע די אָנפאַלער אויף שלום אַשן? זענען זיי פרומע, רעליגיעזע יידן, וועמען די יידישע אמונה איז אַזוי טייער און הייליק? ווען זיי לעבן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, וואָלט מען דאָך זיי, פונקט ווי אוריאל דא קאָסטאַן, געלייגט אין חרם אַריין פאַר די זעלבע זינד, וואָס יענער איז באַגאַנגען!... אוריאל דאַ קאָסטאַ איז געווען קעגן תפילין־לייגן, קעגן אַנדערע פון די תרי"ג מצוות, און אויך די היינטיקע אָנפאַלער אויף שלום אַשן (וועגן די אמתע רעליגיעזע יידן רעדט זיך דאָ נישט) לייגן נישט קיין תפילין, זיי זענען מחלל שבת, עסן טרפות און טוען־אָפּ כל עבירות שבעולם. ווען זיי לעבן אין יענער צייט, וואָלטן זיי דאָך געווען אונטערגעוואָרפן דעם זעלבן חרם! איז וואָס ווילן זיי היינט, די גאָטס סטראַפּטשעס, אַז שלום אַש זאָל באַגיין גייסטיקן זעלבסטמאָרד, ווי אוריאל דא אַקאָסטאַ איז אים באַגאַנגען פיזיש?! עס איז מער נישט ווי נאָר צו באַוואונדערן דעם פעלזן־שטאַרקן כאַראַקטער פון שלום אַשן, וואָס די אַלע, וואָס זענען אים מחרף ומגדף, האָבן נישט די מינדסטע ווירקונג אויף אים, אַז זיין גייסט זאָל געבראָכן ווערן. וואָרים במשך דער גאַנצער צייט, וואָס די ווילדע העצעס גייען אָן, האָט שלום אַש געשאַפן זיין גרויס ווערק „משה", ער פאַרענדיקט איצט אַ ריזן־ווערק וועגן ישעיה הנביא; און וואָס איז מיט זיינע דערציילונגען „יתגדל ויתקדש", „אַ קינד פירט דעם וועג", אַ דערציילונג וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן

קידוש השם פון די דריי און ניינציק יידישע טעכטער פון די בנות־יעקב שולן?!

ווער נאָך פון יידישע שרייבער האָט אָנגעשריבן וועגן דעם גרויסן יידישן חורבן אַזאַ אויסערגעווייגלעכע דערציילונג, ווי „אַ קינד פירט דעם וועג"? ווען איך האָב געענדיקט לייענען די דאָזיקע דערציילונג, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט נאָר־וואָס געזאָגט אַ קאַפּיטל קינות נאָכן יידישן חורבן. איך בין מער ווי זיכער, אַז מיט צייטן שפּעטער וועט די דאָזיקע דערציילונג אַריינגענומען ווערן אין די קינות־ווערק פון דעם יידישן פאָלק. זי איז אָנגעשריבן מיט אַזאַ הייליקער קראַפט און מיט אַזאַ געטלעכן פלאַם־פייער, אַז מען בלייבט זיצן נאָכן איבערלייענען אַ פריטשמיעלעטער און אינגאַנצן אַ צעבראָכענער.

מיט דער דאָזיקער דערציילונג האָט שלום אַש מקדש השם געווען; אָט דער זעלבער שלום אַש, וועמען אַ קליקע פון אומווירדיקע שרייבער־לצים ווילן פאַרשרייען פאַר אַ משומד!... די קומענדיקע דורות וועלן דאָך אויפציטערן, ווען זיי וועלן איבערלייענען אַזעלכע דערציילונגען, ווי „יתגדל ויתקדש", „אַ קינד פירט דעם וועג" און אַפילו — אָ, הימל עפן זיך! — די דערציילונג „קריסטוס אין געטאָ"...

וועלכן אומווירדיקן לץ, אָדער בעסער געזאָגט: וועלכן מטורף איז דאָס איינגעפאַלן צו באַצייכענען און צו פאַרשרייען די דאָזיקע דערציילונג פאַר אַ קריסטלעכע!?... „קריסטוס אין געטאָ" איז איינע פון די פּרעכטיקסטע יידישע דערציילונגען. גאָט מיינער, וואָס טוט זיך מיט די דאָזיקע מענטשן? איך בין דאָך אויך אַ ייד! איך שווער, אַז נישט קיין קלענערער ייד ווי ס'איז געווען אַב. קאַהאַן און ווי עס איז חיים ליבערמאַן און ווי עס זענען די אַלע באַנומענע שרייערס „אויף די צוין"!... ווי האָט זיך דאָזיקע פּראָפּעסיאָנעלע בילבולים־מאַכער גענומען קוראַזש אָט די עכט יידישע דערציילונג צו מאַכן פאַר קריסטלעך! הלוואי וואָלטן נאָר קריסטן, וואָס מער קריסטן, געלייענט די דאָזיקע דערציילונג, און זיי וואָלטן זיך געפילט פאַרשעמט און פאַרחרפּהט!

און הערט, וואָס יואל ענטין שרייבט אין „יידישן קעמפער" פון ראש השנה, התש"ט:

„...נאָך צוויי דערציילונגען דערמאָן איך. איינע: ,קריסטוס אין געטאָ' איז אַן אַלעגאָריע וועגן יעזוסן, וואָס רייסט זיך אַראָפּ פון זיין הענגנדיקן קרוציפיקס, טוט־אָן די קליידער און דעם טלית פון אַן אָקאַרשט דערהרגטן רב און לאָזט זיך אַוועק

פון קלויסטער אין מאַרק, וואו עס גייט אָן אַ בלוטיקע העצע קעגן די יידן, און מיט זיינע יעזוס־בליקן פאַרהיט ער פון אַ הריגה. די אַלעגאָריע האָט אַ שאַרף־זיכערן ריטם, איר פאַרב איז כמורנע־העל. איר ליניע איז געוואַלטיק (אויך קעגן דער דאָזיקער אַלעגאָריע האָט אברהם קאַהאַן זיך געכעסט. פאַרוואָס? אסור אויב איך וויס! סיידן ווייל יעזוס גיסט זיך דאָ כלומרשט צונויף מיטן רב און וואָס ער העלפט די יידן)...״

אָט האָט איר נאָך אַ ייד, וואָס פילט ווי איך — און מסתמא זענען פאַראַן נאָך מער אַזעלכע יידן — אויך דער באַרימטער ליטעראַטור־קריטיקער יואל ענטין ווייסט נישט, פאַרוואָס אב. קאַהאַן רייסט זיך אָפּ, ווי אַ הונט פון דער קייט, אויף שלום אַשן צוליב זיין דערציילונג „קריסטוס אין געטאָ״, וואָס איז אינדעראמתן אַ שפּיי אין פּנים אַריין דער קריסטלעכער וועלט, און וואָס איך וואָלט רעקאָמענדירט יעדן ערנסטן יידישן לייענער זי איבערצולייענען. זי געפינט זיך אין באַנד דערציילונגען א. נ. „דער ברענענדיקער דאָרן״ (פאַרלאַג איקוף, 1946); וועלן זיי זיך מיט זייערע אייגענע אויגן איבערצייגן אין דער פאַלשקייט פון שרעקלעכן שמד־בילבול.

צוזאַמען מיט אב. קאַהאַן האָבן זיך אָפּגעריסן נאָך אַ האַלבער טוץ שרייבער, וואָס האָבן אַשן שיער נישט פאַרשטייניקט פאַר דער דאָזיקער עכט־יידישער דערציילונג. ווען מען לייענט איבער „קריסטוס אין געטאָ״ און מען פאַרטראַכט זיך דערנאָך איבער דער העצע, וואָס מען טרייבט קעגן אַשן צוליב איר, קריגט מען אַ פאַרשטעלונג, אויף וואָס פאַר אַ זאַמדיקן פונדאַמענט עס זענען געבויט און באַגרינדעט געוואָרן אַלע אָנפאַלן אויף אַשן פאַר זיינע „קריסטוס־ביכער״...

און יואל ענטין פאַרענדיקט טאַקע דעם פּאַסאַזש, וואו עס רעדט זיך וועגן אַשס „קריסטוס אין געטאָ״ און „יתגדל ויתקדש״ מיט די פאָלגנדיקע באַדייטונגספולע ווערטער:

„...און אויף דעם דאָזיקן מענטש, אַשן, זאָגן זיי עס (איר ווייסט שוין, ווער דער „זיי״ מיינט!... — ש. ר.), אַז ער איז נישט געגנוג יידיש!...״

אָט דאָ האָט איר קלאָר ווי אויף דער האַנט, ווי נישטיק און שקר וכזב עס זענען די באַשולדיקונגען פון די „זיי״, אַז אַש איז אַ משומד, אַ מיסיאָנער און אַן אָנרעדער צו שמד!

און נישט בלויז יואל ענטין דענקט אַזוי וועגן די דערציילונגען אין אַשס „דער ברענענדיקער דאָרן״. אָט וועלן מיר אייך ציטירן

**אַ פּאַסאַזש פון מלך ראַוויטשעס אַרטיקל אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" פון 12־טן מאַי, 1950, אין וועלכן ער רעצענזירט אַשס דריטן ראָמאַן פון דער „קריסטלעכער" טרילאָגיע:**

„...אגב, איז עס נישט ריכטיק, וואָס עס באַהויפּטן אַפילו די געצוימטסטע קעגנער פון שלום אַשן, אַז ער האָט, מיט קיין איין וואָרט נישט רעאַגירט אויף די גרויסע יידישע אומגליקן. ערשטנס, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך מיטן נאָמען „דער ברענענדיקער דאָרן"; צווייטנס, אַ ביכל „היטלערס געבורט", דריטנס — אַ זאַמלונג עסייען: „איין גורל", אַ בריוו צו די קריסטן מיט גאַנץ שאַרפע און אָפענע רייד צו די נישט־יידן, און דאָס לעצטע בוך איז דערשינען אין ענגליש אין זעלבן פאַרלאַג ווי די יעזוס־ביכער (**ראַוויטש פאַרגעסט דערביי, אַז אויך דאָס בוך איז דורך חיים ליבערמאַן און אַב. קאַהאַן פאַרשריגן געוואָרן פאַר אַ קריסטלעך און אַנטי־יידיש בוך — ש. ר.**). צי איז דאָס אַלץ גענוג פאַר אַזאַ גרויסן יידישן שרייבער ווי שלום אַש, איז אַ פראַגע. אָבער אַט האָט פּרץ בלויז אומדירעקט רעאַגירט אויף די פּאָגראָמען־כוואַליעס אין 1904־1905. און אגב — גלויבט אַש מיט דער פולער אויפריכטיקייט (**און אויך יואל ענטין — ש. ר.**), אַז גראָד זיינע יעזוס־ביכער זענען אַן ענטפער פון אַ יידישן שרייבער צו דער וועלט פון נישט־יידן".

**און נאָך שרייבט מלך ראַוויטש צום סוף פון זיין גרויסן אַרטיקל (דריי פאַרזעצונגען) וועגן ראָמאַן „מרים":**

„...און איך זע פאַראויס, אַז גרויסע שטיקער פון דער סעריע (**טרילאָגיע פון די „יעזוס־ראָמאַנען" — ש. ר.**) וועלן אַמאָל געלערנט ווערן אין יידישע שולן, און יידישע לערער וועלן זיך בענטשן מיט זיי, מחמת מיט דער הילף פון אָט די ביכער וועלן זיי — אין אַ טאָלעראַנטער וועלט, וואָס דאָס וועט זיין די וועלט פון מאָרגן — קאָנען לערנען מיט יידישע קינדער איינעם פון די קאָמפּליצירטסטע קנופּ־מאָמענטן פון דער גרויסער יידישער וועלט־געשיכטע.

„נאָר ביז דאַמאָלס איז פינסטער און ביטער.

„און צו וואָס האָט מען דעם גאַנצן טומל, דעם גאַנצן שוים, די גאַנצע פאַרשווענדונג פון אַזוי פיל גייסטיקער ענערגיע געדאַרפט? האָט עס געבראַכט געזונט דער געליבטער יידישער וועלט־ליטעראַטור אונדזערער, אָט דאָס פאַרמיאוסן און פאַר־

טונקלען פון איינעם פון אידע ליכטיקסטע געשטאַלטן, הגם אין פּריוואַטן לעבן איז ער אַ ביסל אַ שווערער מענטש? ! נאָר ווער פון אונדז איז דאָס אַזאַ צדיק?"

**נו, וואָס זאָגט איר נישט צו אַזאַ ייִד ווי מלך ראַוויטש!?...**

**און אויב אַ שרייבער איז נאָר נישט אַרומגענומען מיט די גיהנומדיקע פלאַמען פון שנאה, איז זעט, צו וואָס פאַר אַ קאָנקלוזיעס עס קומט, למשל, אַ לעאָ פינקעלשטיין (ווערער, 1־טער מערץ, 1950), ווען ער גייט שרייבן וועגן אַשס „מאַן פון נצרת"! אמת, קיין צו גרויסע „ליבע" זעט מען ביי פינקעלשטיינען נישט אַרויס צו אַשן, וואָרים ער געפינט זיך דאָך אין אַ פיינטלעכער סביבה און ער וויל נישט פאַרשריגן ווערן אַלס אַן אָנהענגער פון „אותו האיש"... מען דאַרף דאָך האָבן דעם מוט פון אַ יואל ענטין, אַ ש. ניגער, אַ מלך ראַוויטש און אַנדערע... איז לייענט פונדעסטוועגן, וואָס פינקעלשטיין שרייבט:**

„...מ'מוז זיין ערלעך צו אַשן און אָפן מודה זיין, אַז סיי זיין ,תהלים־ייִד' און סיי זיין לעצטע בפירוש (**אין דעם אויס־דרוק ,בפירוש' צאָלט פינקעלשטיין אָפּ זיי טשינש צו די אַנפאַ־לער אויף שלום אַשן אין זיין סביבה, מיט וועלכע ער וויל זיך נישט איינרייסן, אָבער קומען קומט ער צו אַנדערע אויספירן — ש. ר.**) פּראָ־קריסטלעכע טריל אָגיע זענען אין זייער גרונט־קאָנצעפּציע צו אַשן נישט געקומען פּלוצים, מיטאַמאָל, און — ווי אַנדערע מיינען — עפּעס ווי אַ קינסטלערישער קאַפּריז אָדער שרייבערישער „להכעיס". ס'איז צו זען, אַז די ייִדיש־קריסט־לעכע קאָנצעפּציע פאַרפאָלגט אים שוין אַן ערך פערציק יאָר. דאָס רוב ייִדן וואוינען שוין זינט פיל הונדערטער יאָרן קאָמ־פּאַקט אין די סלאַווישע לענדער, אין נאָענטער שכנהשאַפט מיט קריסטלעך־גלויביקע פעלקער; אין ערד שפּייזט זיי, פאַרוואָס זאָל אַ קינסטלעך אויפגעשטעלטע אמונה־באַריערע זיי פונאַנ־דערטיילן און אַריינברענגען שנאת־חנם?... אָט די קאָנצעפּציע פירט אַש בולט אַרויס אין זיין דראַמע ,אונדזער גלויבן'.

„דער ,מאַן פון נצרת' — ווי מיר האָבן געזען — איז אַשס אַ ברייטער קינסטלערישער פאַרמעסט צו ווייזן דער היינטיקער אכזריותדיקער וועלט, אַז ס'קריסטנטום איז היסטאָריש אויסגע־וואַקסן פון ייִדישן געמיט און ייִדישן גייסט. ס'זענען אָבער שפּע־טער דורך דער קירך איינגעפירט געוואָרן ,אויסבעסערונגען', וואָס האָבן דאָס אורשפּרינגלעכע קריסטנטום אויסגערימט און אַנטיידישט. ווען יעזוס זאָל איצט אַראָפּנידערן אויף דער ערד

צו די קריסטלעכע פעלקער, וואָלט ער דאָס הייגטיקע קריסטנ־טום ניט דערקענט (אונטערגעשראָכן דורך לעאָ פינקעל־שטיין — ש. ר.) און זיך צו אים ניט באַקענט (ל. פ) און אַוודאי וואָלט ער ניט פאַרשטאַנען, הלמאי מיט דער ברכה פון זיין נאָמען ווערן פאַרפייניקט זיינע ייִדישע בלוט־ברידער, ד. ה. — זיינע סאַמע ערשטע נאָכפאָלגער. ער וואָלט זיך בלתי ספק אָפּגעקערט פון די הייגטיקע טרעבלינקע־קריסטן און וואָלט זיין אייגענעם גורל געבונדן מיטן דערנער־גורל פון די באַ־שפּיגענע, אויסגעבלוטיקטע ייִדן" (דאָס ברענגט דאָך טאַקע אַש אַרויס אין זיין „קריסטוס אין געטאָ"! — ש. ר.).

שפּעטער פירט־אויס פינקעלשטיין אין זיין אַרטיקל לויטן פּייפל פון די אַנטי־אַש רעדלפירער. דאָס איז דער שטייגער פון לעאָ פינקעלשטיינס שטענדיקן לאַווירן, כדי אַלעמען געפעלן צו ווערן... אָבער צי האָט ער דען דאָ נישט, אין אָן אויפריכטיקן מאָמענט, אָנ־געטאַפּט די אייגנטלעכע מחשבה פון שלום אַשן? אָט טאַקע וועגן דער דאָזיקער מחשבה דערצייל איך אין דעם ערשטן טייל, אין איינעם פון די קאַפּיטלען זכרונות, וועגן מיינע געשפּרעכן מיטן מחבר, בעת ער האָט געהאַלטן אין שרייבן זיין „מאַן פון נצרת". אַש האָט באמת טאַקע אין זינען געהאַט ביים שרייבן און שאַפן זיין גראַנדיעז ווערק, אַז די הייגטיקע קריסטן זאָלן פון זיין „מאַן פון נצרת" זען, אַז זיי זענען אַזוי ווייט פון אמתן קריסטנטום, כרחוק מזרח ממערב!... און דאָס איז אַ גרויסער פאַרדינסט פון אַשן! ווען ישו הנוצרי קומט אַראָפּ אין 1942־1943 אויף די וואַרשעווער גאַסן, וואָלטן אים די פּוילישע, פרום־קאַטוילישע „שמאַלצאַווניקעס" (מוסרים) איבערגעגעבן צו דער געשטאַפּאָ און מ'וואָלט אים פאַרשיקט אין די גאַז־אויוונס פון טרעבלינקע!...

אָט דאָס האָט אַש געוואָלט באַצוועקן און טאַקע באַצוועקט מיט זיינע „קריסטלעכע" ביכער, און אַזוי איז דאָס בוך אויך אַרויס־געקומען. בלויז אַב. קאַהאַן האָט עס נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין, און נאָך אים — חיים ליבערמאַן וסיעתו!... דאָס דאָזיקע בוך איז דאָך אַ חוזק־מאַכעריי פון די הייגטיקע קריסטן, וואָס זענען אַזוי ווייט פון קריסטנטום, פּונקט ווי ווייט עס זענען די הייגטיקע קאָמוניסטן פון סאָציאַליזם!...

אָבער די קליקע פעלשער און שונאים פון אַשן האָבן דאָס אַלץ אַזוי פאַרדרייט און פאַרקרומט, אַזוי פאַרשריגן און באַשפּיגן, אַז זיי האָבן פון אַן עכט־ייִדישער דערציילונג, ווי „קריסטוס אין געטאָ", אויך

געמאַכט אַ קריסטלעכע דערציילונג; און איינער אַ שרייבער, מיט אַן אָנגעהאַנגענעם דאָקטאָר־טיטול, וואָס העלפֿט אים אָבער נישט אויס־היילן זיין סטיללאָזיקייט אין שרייבן, ווייל ער איז אומאויסהיילבאַר, האָט אַנטדעקט, אין 1954, אַז שוין דער „תהלים־ייד" איז געווען אַ קריסטלעך בוך... אויף אַ דאָקטאָר איז עס אַ שטיקל קשיא: דער „תהלים־ייד" איז דערשינען אין 1934 און „אַנטדעקט" די קריסטלעכקייט פֿון בוך האָט ער אין 1954, מיט גאַנצע 20 יאָר שפּעטער! טאָ וואו זענען געווען זיינע דאָקטאָרסקע אויגן און זיין „קריטישער" חוש, מישטיינס געזאָגט, די גאַנצע צוואַנציק יאָר? פֿאַרוואָס איז ער נישט אַרויסגעקומען מיט זיין „געניאַלער" אַנטדעקונג אַ ביסעלע פֿריער, אײדער מ׳האָט אָנגעהויבן די ווילדע וואַקכאַנאַליע קעגן שלום אַשן? מען קאָן דאָך אים, דעם דאָקטאָר, אַמאָל חושד זיין, אַז ער וויל זיך נאָך איצטער, כאַטש שוין אַ ביסל שפּעטלעך, אַרויפֿכאַפּן אויפֿן מכשפֿה־וואָגן און זיך באַווייזן מיט זיין אַליבי: איך בין אויך דאָ מיט מיינע דריי גראָשן!...

איז תיקו — בלייבט אַ קשיא!...

גאָט־מיין־גאָט, צו וואָס מענטשן קאָנען אַלץ דערגיין צוליב אַ ביסעלע צוויפּלהאַפּטן כבוד: היינט איז אַ כבוד — אַד־און־ווי — צו זיין צווישן די אָנפֿאַלער אויף אַשן... און צי דען נאָר אין „תהלים־ייד" קאָן מען געפֿינען קריסטלעכקייט? זיי וועלן טאָן אַ גוטן קראַץ, און זיי וועלן געפֿינען „קריסטלעכקייט" אין אַשס „שטעטל", אין „שלמה נגיד", אין „קידוש השם", און וואו דען נישט? עס איז דען דאָ אַ גרעניץ?!... וואָרים זאָגט מען דאָך טאַקע: אין לך דבר העומד בפני הרצון. אויב מען וויל נאָר דערזויזן, אַז שוואַרץ איז ווייס און ווייס איז שוואַרץ, קאָנען צעדרייטע פֿאַרשוינען, געניאַל אויפֿן געביט פֿון צעדרייען און פֿאַרפּלאָנטערן, דאָס באַווייזן! און דעם „רצון" צו באַווייזן, אַז אַש איז אַ משומד, איז געוואַלטיק גרויס ביי זיינע שונאים, און מען איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען „דערזויזט" שוין, אַז „אַש איז אַ דריט־ראַנגיקער קינסטלער", אַז אַש שרייבט „חלבנע ווערק מיט שמאַלציקן שונד", אַז אַש איז אַ „באַגאַמאַז", אַ שמירער, הייסט עס, נישט קיין קינסטלער, אַז ער איז אַ גראַפאָמאַן... יאָ, אַלץ קאָן מען באַווייזן, אויב מען וויל נאָר, אויב מען האָט נאָר דערצו דעם בייזן און בייזוויליקן רצון!...

קאַפּיטל זיבן

# שלום אַש אין מדינת ישראל

ווי איך האָב שוין פריער ביי אייניקע געלעגנהייטן דער־מאָנט, זוכן די פאַרשידענע גאָטס סטראַפּטשעס און „גרויסע טאַלאַנטן" אַלע מיני תחבולות ווי אַזוי אַשן אַ כאַפּ צו טאָן און פּרוּװון אים אויסצושמירן — פאַר וואָס פאַר אַ צוועק, זאָל זיי דער גוטער יאָר וויסן! — נו, איז לעצטנס ווידער צוגעקומען אַ גוטע געלעגנהייט: שלום אַש האָט זיך פאַרבענקט קיין מדינת ישראל, צו וואָס ער האָט אַזאַ גלייכע רעכט און אַ גלייכן חלק ונחלה ווי די דאָזיקע לייט.

ווען זיי זענען נאָך געלעגן אין די וויקל־שנורן, איז שוין שלום אַש געפאָרן קיין ארץ ישראל; און פּונקט ווי אַ בין, וואָס פלאַטערט אַרום איבער די פאַרשידנסטע בלומען, פלאַטערט נישט אומזיסט, נאָר זי ברענגט צוריק פון אירע „רייזעס" געשמאַקן און נאַרהאַפטן האָניק, אַזוי איז אויך אַשס פאָרן און אַרומפלאַטערן איבער דער הייליקער ערד פון אונדזערע אָבות נישט געווען בלויז צו באַזוכן דאָס לאַנד און צו שטילן זיין נייגעריקייט, נאָר אויך כדי פון די איינגע־זאַפּטע זאַפטן צו פאַראייביקן דאָס געזעענע. פון דעם ערשטן מאָל אַרומפלאַטערן אין ארץ ישראל האָט אַש אַהיימגעבראַכט זיין בוך „אין ארץ ישראל", זיין היסטאָרישע דערציילונג „ירושלים", זיין „אמנון און תמר", די דראַמאַטישע פּאָעמע „יפתחס טאָכטער" און אַנדערע פּרעכ־טיקע היסטאָרישע דערציילונגען. פון זיין לעצטן מאָל פאָרן קיין ארץ ישראל, אין 1936, איז געבוירן געוואָרן זיין פּראַכטפולע גרעסערע דער־

ציילונג „דאָס געזאַנג פון טאָל״. ווי לעבעדיק און וואָרהאַפטיק אַש שילדערט דאָס הערצאַישע לעבן פון די אידעאַליסטישע חלוצים אין עמק! ווער נאָך פון די יידישע פּראָזאַאיקער האָט אָנגעשריבן וועגן ארץ ישראל אַזאַ אויסערגעוויינלעך קינסטלעריש בילד, ווי אַזוי דאָס נייע ארץ ישראל בויט זיך און געדייעט!?

יאָ, שלום אַש האָט אַזאַ גרויס חלק אין מדינת ישראל ווי די, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריינגעטאָן אויף צוצוהעלפן דער בויאונג פון דער יידישער מדינה. זיי קאָנען אָבער דאָס אַשן נישט פאַרגינען.

האָט זיך איצט פאַר זיי געמאַכט אַ שפּאַגל־נייע געלעגנהייט אַשן צו באַפאַלן: באַשר־בכן ער קריגט דאָרט צו פאַראַדנע אויפנאַמעס. אין אָנהויב האָט מען געפּרוּווט צו מינימיזירן אַשס דערפאָלג אין מדינת ישראל. מען האָט געמאַכט צו קליינגעלט די אויפנאַמעס זיינע און מ׳האָט דאָהי (אין אַמעריקע, בעסער געזאָגט: אין ניו־יאָרק) געטרומייטערט, וואו מען לאָזט זיי טרומייטערן, אַז אַש איז דאָרט, אין ישראל, איזאָלירט, כמעט אין חרם; ווי נישט איינעם האָט זיך דאָ געחלומט, אַז מען וועט אַשן דאָרט כאַטש פאַרשטייניקן...

ווען פון זייערע בייזע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, עס האָבן זיך דאָך דורכגעריסן ידיעות, אויף וויפיל זיי זענען נישט דורך פאַרשידענע טרפהנע „הענט״ אונטערדריקט געוואָרן, אַז אַש ווערט דאָרט ענטוזיאַסטיש אויפגענומען, מען מאַכט אים קבלת־פּנימס, מען האַלט באַגייסטערטע רעדעס. טויג דאָך דאָס נישט, איז דאָך ביטער!... נו, האָט מען פאַבריצירט די בבא־מעשה מיט עליות און מיט הקפות, אַבי עס זאָל זיך רודערן, און דער בידנער יידיש־אַמעריקאַנער לייענער זאָל קריגן דעם איינדרוק, אַז מען רודפט דאָרט שלום אַשן און מען וויל גאָרנישט רעדן מיט אים. מען האָט דאָ געקריצט מיט די ציין, פאַרוואָס מען דרוקט אים אין „די גאָלדענע קייט״, פּונקט ווי מ׳האָט בשעתו געקריצט מיט די ציין, פאַרוואָס חיים גרינבערג האָט אַשן געדרוקט אין „יידישן קעמפער״, און נאָך אַ ביסל און מען וואָלט אויך חיים גרינבערגן געלייגט אין „חרם״ אַריין דערפאַר...

שלום אַש האָט ביי יעדער געלעגנהייט זיך פאַרענטפערט און אָפּגעלייקנט די בייזוויליקע באַשולדיקונגען קעגן אים. אָבער צי ווילן דען אַשס בלוט־שונאים האָבן זיינע אָפּלייקענונגען? זיי גייט דאָך בלויז דערין — אומצוברענגען שלום אַשן, פּונקט ווי אַמאָל אַדריַנוס־קייסער, וועלכער האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט אומברענגען די יידן.

עס דערציילט זיך אין מדרש (איכה רבתי ג׳):

„אַ ייד איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַדריַנוסן און האָט אים באַ־

גריסט. פרעגט אים דער קייסער: ווער ביזטו? ענטפערט ער אים: אַ ייד. זאָגט אים דער קייסער: ווי האָט עס אַ ייד די חוצפּה פאַרביי־צוגיין אַדרינוסן און אים באַגריסן? און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל דעם ייד אָפּהאַקן דעם קאָפּ. האָט אַ צווייטער ייד געזען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם ערשטן, האָט ער, פאַרבייגייענדיק דעם קייסער, שוין נישט באַגריסט אים. רופט זיך אָפּ צו אים אַדרינוס: ווער ביזטו? ענטפערט ער אים: אַ ייד. זאָגט אים דער קייסער: ווי האָט עס אַ ייד די חוצפּה פאַרבייצוגיין אַדרינוסן און אים נישט צו באַ־גריסן? און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל דעם ייד אָפּהאַקן דעם קאָפּ. האָבן דעם קייסערס אַדיוטאַנטן אים געפרעגט: מיר פאַר־שטייען נישט די ביידע טאָטן דיינע. דער, וואָס האָט דיך יאָ באַגריסט, האָסטו אים געהייסן קעפּן; דער, וואָס האָט דיך נישט באַגריסט, האָסטו אויך געהייסן קעפּן — היתכן?!... האָט דער קייסער זיי געענטפערט: איר ווילט מיך לערנען, ווי אַזוי אומצוברענגען מיינע שונאים?״

אַט דאָס זעלבע ווילן אויך אַשס בלוטיקע שונאים: צי ער שרייבט וועגן יעזוסן, צי ער שרייבט וועגן משהן, צי וועגן ישעיה הנביאן — וועט אַלץ נישט טויגן. זיי ווילן אים אומברענגען!... זיי פאַרשטייען אָבער נישט די „וועלערס״, ווי קאָמיש זיי זעען אויס אין די אויגן פון דער מאַדאַם „געשיכטע״. פּונקט ווי אַדרינוס קייסער איז נישט געלונגען אומצוברענגען די יידן, אַזוי וועט אויך זיי, די „וועלערס״, נישט געלינגען אומצוברענגען אַשן. צי קאָן דען אַ מילב אומברענגען אַ לייב!?... צי גלויבן זיי דען אַליין אויף איין רגע, אַז עס וועט זיי געלינגען אַשן אָפּצואַווישן פון פּנים פון דער יידישער ליטעראַטור, און די זאָלן פאַרנעמען זיין פּלאַץ? איך צווייפל, צי זיי גלויבן דערין! מעג ווי שרייען, ביז הייזעריקייט, דער יעניקער וואָס לאמר׳ט, אַז אַש איז בלויז אַ נעמער און נישט קיין געבער, וועט עס אים העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. קיינער לייגט צומאָל נישט קיין אַכט אויף זיין זאָגעכץ!... ער מאַכט זיך בלויז לחוכא וטלולא. צי ווירקט דען אויף דאָס מינדסטע, ווען דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין שרייט מיט באַנומענע קולות, אַז שלום אַש שרייבט „חלבנע״ ווערק און אַז אַש איז אַ „דריט־ראַנגיקער קינסטלער״ און אַז זיינע ענגלישע ביכער „ליגן ווי שטיינער״ (אויב יאָ, טאָ פאַרוואָס־זשע די קנאה?). מעג חיים ליבערמאַן קערן וועלטן, אַז מען זאָל אַשן לייגן אין חרם אַריין, זעט ער דאָך שוין איצט אויס, נאָך די פייערלעכע אויפנאַמעס פון אַשן אין מדינת ישראל, ווי חוזק!... שלום אַש בלייבט שלום אַש!

און אַט ווי אַש רעדט צו זיין יידישן פאָלק מיט פּאָעטישע רייד אין אַן אַרטיקל אין „די גאָלדענע קייט״, נומער 19:

„...אויב איר קאָנט און ווילט מיך אָננעמען אַזוי ווי איך בין, אַזוי ווי איר קענט מיך אַלע יאָרן פון מיין שאַפן און מיר לאָזן מיין פרייהייט אין די לעצטע ד׳ אמות, וואָס זענען מיר איבערגעבליבן אין אַ וועלט פון גייסטיקער געפענגעניש, אין די ד׳ אמות פון מיין קינסטלערישן שאַפן, בין איך מיט אייך בכל לב ונפש. אויב נישט, בין איך אויך מיט אייך בכל לב ונפש. און איך וועל טאָן אַלצדינג, וואָס עס איז אין מיינע אָרימע כחות צו העלפן אייער זאַך — צי אונטער מיין נאָמען צי אַנאָנים — אַזוי ווי איך האָב עס דערקלערט אין מיין באַגריסונג צו דעם פּרעזידענט פון ישראל און צו אַנדערע. וואָרים איך בין איבערצייגט, באמונה שלימה, אַז דער צוריקקער פון ישראל צו זיין היימלאַנד איז דער ווילן פון גאָט און אַן אַבסאָלוטער מוח פאַר דעם וואויל פון דער מענטשהייט — אַן אידעאַל, וואָס טראָגט מיט זיך דעם משיחישן גלאַנץ, אַ חלום, באַגלייט מיט די ברכות פון מיליאָנען, וואָס זענען געשטאָרבן מיט דער האָפענונג אויף זייערע ליפּן.״

**ווירקלעך — „משומדישע״ רייד, נישט אמת, איר ליטעראַרישע לצים!?...**

**יאָ, אַ לאַנגע צייט איז שוין געווען איינגעשטילט מיט אַשן. די מחבלים האָבן געמיינט, אַז מ׳האָט אים שוין „געבענדיקט״... שלום אַש איז געווען שטיל, געזעסן רואיק — אַזוי האָבן די געמיינט — ביים ים אין מיאַמי ביטש און געבערענט זיך אויף דער זון, געבאָדן זיך אין די אַטלאַנטישע וואַסערן און אין די וואַרימע גאָלדענע שטראַלן. אמת, זיי פאַרגינען אים דאָס נישט, אָבער וואָס קאָן מען טאָן, אַז אַש איז פאַרט רייך: ער האָט דאָך געמאַכט אַ סך געלט פון די ביכער, וואָס „זענען געבליבן ליגן אויף די פּאָליצעס ווי די שטיינער״ — ווי עס האָט אַזוי אויסגעחלומט דער חלום פון אַ דיכטער... אָבער דערווייל האָט אַש אָנגעשריבן איבער דער צייט איין בוך: „איסט־ריווער״, און אַ פרישע כוואַליע מיט שמוץ האָט אַ פליוכע געטאָן אויף זיין קאָפּ; ער האָט אָנגעשריבן אַ צווייט בוך: „משה״, און ווידעראַמאָל האָט מען, וואָס קאָן מאַכן פון שוואַרץ ווייס און פון ווייס שוואַרץ, דערזויזן ווי צווי מאָל צווי איז פינף, אַז „משה״ איז אַ קריסטלעך בוך. ער האָט וועגן דעם אָנגעטינטלט פינף אָדער זעקס אַרטיקלען, לאַנג ווי דער פינסטערער גלות, אַז עס איז אַזש מיאוס און מאוס געוואָרן צו לייענען? איך האָב אַפילו געהערט (ווייל מ׳האָט**

עס מיר פערזענלעך איבערגעגעבן), ווי זיינע אייגענע קאָלעגן פון דער צייטונג האָבן שוין געזאָגט: „פע!"...

שלום אַש האָט אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס איז ערשט אַרויס אויף יידיש אונטערן נאָמען „גראַסמאַן און זון"; אַש האָט שוין פאַרענדיקט אַ ניי ווערק „ישעיה הנביא", וואָס חברה קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן, אַז עס זאָל אַרויס פון דרוק און דאַמאָלס אים קורע כדג צו זיין, נאָר מען בילט שוין באַציטנס צוליב אַ קאַפּיטל אין „די גאָלדענע קייט". אָבער דער עיקר פאַרדריסט איצט די חברה, וואָס אַש איז געפאָרן קיין מדינת ישראל און מען מאַכט דאָרט פאַר אים גרויסאַרטיקע פאַראַדן און אויפנאַמעס, מען האַלט ווענן אים באַגייסטערטע רעדעס, און טויזנטער מענטשן מוזן אַוועקגיין, ווייל מען קאָן זיך נישט אַריינבאַקומען אין „מוגראַבי"־טעאַטער. עס איז עפּעס נישט לויט נוסח ניו־יאָרק!...

דאָס האָט אויפסניי אויפגערייצט די געמיטער פון די „גאָטס סטראַפּטשעס" און מען האָט אָנגעהויבן זוכן „נייעס" ווענן אַשן, וואָס זאָל אים דערגראַדירן אין די אויגן פון אַמעריקאַנער יידישן לייענער. האָט מען אָנגעקריגן אַ געשיכטע מיט אַ יום כפּורדיקע עליה און מיט שמחת־תורהדיקע הקפות, און נאָך אַזעלכע ביליקע סענסאַציעס. מען קלויבט שוין נישט איבער אין די מיטלען, אַלץ איז געוואָרן גע־כשרט...

אָבער אַ מאָדנע געשיכטע: דאָס רוב ישראלדיקע קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך גאָרנישט געוואָלט רעכענען מיט די „סענטימענטן" פון די ניו־יאָרקער יידישער שרייבער און מיט דער היגער (יידיש־אַמעריקאַנער) איינשטעלונג ווענן שלום אַשן, נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן דורכרייסן גאָר אַנדערע ידיעות. אמת, צו די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען האָבן זיך די דאָזיקע ידיעות נישט דערקליבן, מ'האָט זיי נישט געדרוקט. אָבער מחוץ ניו־יאָרק, איז די צענזור לגבי אַשן גאָרנישט אין עקזיס־טענץ. מען שרייבט אָפן ווענן דעם אין פּאַריז, אין בוענאָס איירעס, אָפילו אין אונזער שכנישער מדינה — קאַנאַדע, שוין אָפּגערעדט פון מדינת ישראל! עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין „חרם" ליגט אַש בלויז אין ניו־יאָרק, ערגיץ אַנדערש־וואו ווייסט מען גאָרנישט ווענן אַזאַ חרם...

עס זענען פאָרגעקומען פייערונגען לכבוד אַשס 75־יעריקן געבורטס־טאָג אין תל־אביב, אין חיפה, אין פּאַריז, אין בוענאָס איירעס, אין מעקסיקאָ. מ'האָט געשריבן אין די צייטונגען ווענן דער דאָזיקער וויכטיקער געשעעניש (וואָרים וויפיל מאָל ווערט דאָס אַ יידישער שרייבער אַלט 75 יאָר!...). דעם 1־טן מערץ, 1955, איז פאָרגעקומען

אין טעאַטער „מוגראַבי" אין תל אביב אַ גראַנדיעזע פייערונג, פון וועלכער הונדערטער און הונדערטער מענטשן זענען אַוועק, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט אַריינקריגן זיך אין זאַל. עס האָבן גערעדט: יואל מאַסטבוים, א. מ. פוקס, ישעיה שפיגל, און אַנדערע.

און דאָס איז נישט געווען די איינציקע אויפנאַמע פאַר שלום אַשן. מיר וועלן דאָ ציטירן אַ טייל פון אַ קאָרעספּאָנדענץ פון באַקאַנטן ישראל־זשורנאַליסט יצחק רימון אין „קאַנאַדער אַדלער", 11־טער יאַנואַר, 1955:

„...שוין העכער צוויי מאָנאַט, ווי דער וועלט־באַרימטער יידישער שרייבער שלום אַש ווײַלט אין מדינת ישראל און עס קומען נאָך כסדר פאַר די פייערלעכע אויפנאַמעס לכבוד אים, און עס איז כמעט נישטאָ קיין טאָג, אַז די ישראלדיקע צייטונגען זאָלן נישט שרייבן וועגן אים, און נישט נאָר לשבח, אָבער מיט פולער פאַרשטענדניש, מיט ליבע און פאַרערונג"...

און דער קאָרעספּאָנדענט דערציילט, ווי אַש איז אויפגענומען געוואָרן דורך דעם נשיא פון מדינת ישראל יצחק בן־צבי. דער רעגירונגס־שעף און אויסערן־מיניסטער משה שרת האָט געגעבן לכבוד אים אַ פייערלעכן מיטאָג, דער העברעאישער שרייבער־פאַראיין האָט איינגעאָרדנט לכבוד אים אין „בית־ביאַליק" אַ זייער האַרציקע מסיבה; ער איז אויפגענומען געוואָרן זייער פריינטלעך דורך די פירער פון דער הסתדרות אין פרעכטיקן הויז פון דער עקזעקוטיווע, מיט עטלעכע וואָכן פריער איז אַש געווען דער גאַסט פון חיפהער אַרבעטער־ראַט און ער האָט גערעדט פאַר טויזנטער אַרבעטער פון חיפה און אומגעגנט.

און אָט וואָס שלום אַש האָט געזאָגט אויף אַזאַ ענלעכער אויפנאַמע אין תל־אָביב אין גרויסן טעאַטער „מוגראַבי" פאַר ריזיקע מאַסן פון דער תל־אביבער אַרבעטערשאַפט, אָרגאַניזירט דורך דעם תל־אביבער אַרבעטער־ראַט:

„...איך בין אַ ייד און איך פאַרבלייב אַ ייד, און כאָטש איך מיין, אַז עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אונדז און צווישן דעם רוב מנין און רוב בנין פון דער קאַטוילישער וועלט, בין איך אָבער טיף איבערצייגט, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ פּלאַץ פאַר אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דעם יידנטום און צווישן אַ טייל פון דער קאַטוילישער וועלט און נישט קאַטוילישע קריסטן. נאָר דערמיט קאָן מען פאַרשטיין די גרויסע

אָנשטרענגונג אין מיינע לעצטע ביכער מקרב צו זיין די דאָזיקע קריסטלעכע וועלט צו פאַרשטיין אונדזערע פּראָבלעמען און פאַר־שטיין די יניקה פון וואָרצל, כדי די זאָלן רעאַגירן קעגן די אָנ־גריפן, וואָס ווערן אויף אונדז געמאַכט!

„...איך שטיי דאָ פאַר אייך און איר אַלע קענט מיך. איך האָב מיינע ווערטער נישט געזאָגט אינדערשטיל. וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגן, האָב איך געזאָגט אויפן קול און זיי זענען פאַרצייכנט אין מיינע ביכער. איך בין נישט געקומען רעכט־פאַרטיקן זיך זעלבסט אָדער פאַרענטפערן זיך פאַר אייך, ווייל איך פיל נישט, אַז איך האָב חלילה געזינדיקט, אָדער אַז מיינע ביכער האָבן גורם געווען אַן אומגערעכטיקייט פאַר מיין פאָלק. ווען איך וואָלט געפילט, אַז איך האָב געזינדיקט, איז גאָרנישט קיין בושה צו קומען און זאָגן פאַר ישראל־סבא: „חטאתי!" איך האָב אַפילו נישט דעם לייכטסטן געפיל פון חרטה אויף דעם, וואָס איך האָב געשריבן".

**און ווייטער זאָגט אַש (אין זעלבן נומער „קאַנאַדער אָדלער" פון 11־טן יאַנואַר, 1955):**

„אַ שרייבער, וואָס טרעט־צו צו זיין אַרבעט „בדחילו ורחימו", נעמט אים דורך אַ ציטער, גענוי ווי עס נעמט דורך אַ ציטער דעם שליח־ציבור פאַר דער תפילה „הנני העני ממעש", און יעדעס מאָל, ווען דער שרייבער זיצט ביי זיין אַרבעטסטיש, איז ער מתפלל די דאָזיקע דערהאָבענע תפילה. עס זענען פאַראַן ביכער, וואָס איך האָב זיך געראַנגלט מיט זיך זעלבסט, צי זאָל איך זיי שרייבן אָדער נישט; אָבער אַ גרויסער אינערלעכער כח האָט מיך געשטופּט צו דער דאָזיקער מלאכה. אָבער איך לייקן נישט אָפּ קיין וואָרט, וואָס איך האָב געשריבן. יעדע שורה, וואָס איך האָב געשריבן, איז געשריבן געוואָרן מיט מיי־נעם אַ טיפן אינערלעכן צער און פון מיין ליבע צום יידישן פאָלק".

**און שלום אַש האָט ווייטער געזאָגט, און שיין געזאָגט, ווי דער גרויסער דיכטער אין פּראָזע איז אימשטאַנד צו זאָגן:**

„אייערע אבות זענען דערצויגן געוואָרן און אייערע קינ־דער וועלן זיך דערציען אויף מיינע ביכער. שוין פינף־און־פופ־ציק יאָר, ווי איך דין מיין פאָלק. אַ טייל פון דער פּרעסע האָט מיך אויפגענומען מיט וואַרפן שמוץ אויף מיר, אָבער אין גאַס פיל איך די ליבע צו מיר פון מיינע לייענער".

דערביי דערציילט שלום אַש אַ וואונדערלעכע געשיכטע וועגן איינעם פון זיינע באַזוכן אין מאה שערים אין ירושלים: אין אַ רעגנ־דיקן טאָג האָט דער אויטאָמאָביל, מיט וועלכן ער איז געפאָרן, פאַרשפריצט מיט בלאָטע אַ דורכגייענדיקע אַלטע פרוי. די זקנה איז נישט געוואָרן אין כעס, און מיט דער כאַראַקטעריסטישער יידישער ליבע האָט זי געזאָגט: „עס איז גוט צו זיין צווישן יידן, אַפילו ווען זיי באַשפריצן דיך מיט בלאָטע". און אַש האָט דערביי צוגעגעבן:

„עס אז מיר ליב אייער קללה און כעס, ווייל אין דעם דאָ־זיקן ברוגז פיל איך אייער ליבע צו מיר!"

עס איז דאָ נישט דער פּלאַץ — און עס וואָלט גאָר כדאי געווען — צו ברענגען די גאַנצע רעדע פון שלום אַשן, וואָס זענען געווען דברים היוצאים מן הלב און דעריבער: נכנסים אל הלב... איך וועל בלויז נאָך ברענגען צוויי זאַצן, מיט וועלכע ער האָט פאַר־ענדיקט זיין פראַכטפולע, אמת־יידישע און האַרציקע רעדע:

„איך האָב געוואָלט שאַפן אַ פאַמיליע־געפיל צווישן אונדז און דער קריסטלעכער וועלט, כדי עס זאָל זיך אין זיי דערוועקן דאָס געפיל צו פּראָטעסטירן קעגן יעדער עוולה, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק און קעגן אַ ייד, ווייל ער איז אַ ייד. זינט דער היטלער־תקופה שרעק איך זיך דייער פאַר דער חיה אינעם מענטש, און דאָס אַלץ האָב איך געטאָן נאָכדעם ווי איך האָב געזען, אַז די גרויסע וועלט האָט אַפילו מיט קיין פינ־גער נישט אַ ריר־געטאָן אָפּצושטעלן די היטלער־רדיפות קעגן יידן...

„מיינע שונאים האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל טאָן מעשים, כדי זיי זאָלן מיך קאָנען באַשמוצן, אָבער איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט מיר געגעבן דעם כוח נישט צו טאָן ווי זיי האָבן גע־וואָלט. איך בין אַ ייד און איך פאַרבלייב אַ ייד און אַפילו אויף קיין איין מינוט בין איך נישט אַוועק פון אייך, און אַלץ וואָס איך האָב געטאָן, האָב איך געטאָן פון אַ טיפער ליבע צו מיין יידישן פאָלק!"

דער ענטפער אויף די דאָזיקע וואַרימע און האַרציקע רייד, שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט יצחק רימון, איז געווען אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע מינוטן. נאָך אַשס גלענ־צנדיקער רעדע האָט דער שעף פון קולטור־דעפּאַרטמענט ביים תל־אביבער אַרבעטער־ראַט, ד"ר בערל פרימער, וועלכער האָט אין זיין

ענטפער איינגעלאַדן שלום אַשן זיך צו באַזעצן אויף שטענדיק אין לאַנד, געזאָגט די פאָלגנדיקע האַרציקע ווערטער:

„שלום אַש האָט די יידישע ליטעראַטור דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה און איר געגעבן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. מיר האָבן דיך ליב געהאַט, מיר האָבן דיך געאַכטעט אַפילו דאַן ווען מיר האָבן מיט דיר נישט מסכים געווען. צווישן דיינע ברידער געפינסטו זיך, שלום אַש! מיר זענען אַ סך דורכגעגאַנגען דאָ אין לאַנד. דאָס לאַנד וואַרט אויף דיין וואָרט, גרויסער שרייבער! מיר ווינטשן דיר אַ סך יאָרן פון געזונט און פון זעלישער רואיקייט, צו וועלכער דו האָסט זוכה געווען נאָך די צענדליקער יאָרן פון גאָט־געבענטשטער שאַפונג!“ (קאַנאַדער אָדלער, 11־טער יאַנואַר, 1955).

איצט נאָט און זעט דעם אונטערשייד פון רייד ביי קאָלעגן־שרייבער אין ניו־יאָרק צו שלום אַשן און פון רייד צו אים אין דער יידישער מדינה!... וואָס פאַר אַ מהלך?! מיר האָבן דאָ קיינער נישט געהערט, אַז ד״ר בערל פרימער זאָל זיך האָבן „געשמדט“...

און דאָ, אין ניו־יאָרק, וואו דעם קליינעם הייפעלע שונאים איז געלונגען אַזוי אָנצוהעצן די לופט קעגן אַשן, אַז אַפילו אַזאַ נייטראַלע אינסטיטוציע פאַר יידישער וויסנשאַפט, ווי דער „ייוואָ“, האָט געהאַט דעם טרויעריקן מוט אָנצונעמען צווישן זיך אַ באַשלוס אויף איר לעצטער יערלעכער קאָנפערענץ (1955), אין האָנטער קאָלעדזש, נישט צו באַגריסן דעם גרויסן מייסטער פון דער יידישער פּראָזע צו זיין 75־יעריקן געבורטסטאָג! וועמען האָט מען אַלץ נישט באַגריסט אויף דער דאָזיקער ייוואָ־קאָנפערענץ צו פאַרשידענע געבורטסטאָגן?! מען האָט באַגריסט אַפילו אַזעלכע נעמען, וואָס מ׳האָט אפשר צום ערשטן מאָל אויף דעם דאָזיקן אָונט געהערט (כאָטש דאָס לאָזט זיך לויבן, וויל יעדן איינעם, וואָס דינט נאָר דער יידישער קולטור מיט עפּעס פון זיין פעדער, דאַרף דערמאָנט ווערן!). אָבער, ווי האָט דער געניאַלער קרילאָוו געזאָגט: „אַ סלאָנאַ טאָ ניע זאַמיעטיל!“...

נייך, דער ייוואָ איז נישט אַליין אויפן מאַרק, אַזאַ ענלעכע האַנדלונג האָט אַרויסגעוויזן דער יידישער פּען־קלוב: ער האָט נישט באַגריסט דעם גרויסן פּראָזע־מייסטער, דעם קאָלעגע־שרייבער, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרינדונג פון דעם דאָזיקן פּען־קלוב, און וועמענס ערן־פאָרזיצער ער איז במשך פיל־פיל יאָרן געווען.

ווי נידעריק דאַרף מען זיין געפאַלן און קולטורעל נישט רייף אויף צו פועלן ביי זיך אַזאַ אומווירדיקע האַנדלונג, וואָס וועט דאָך

פאַר די קומענדיקע דורות און פאַר דער געשיכטע זיין לחרפות ולדראון עולם!... די קומענדיקע דורות וועלן זיך דאָך פרעגן אַ ריכטיקע קשיא: אויב שלום אַש איז אַ משומד און מען האָט אים געלייגט אין חרם, פאַרוואָס איז דער חרם בלויז אָפּגעהיטן געוואָרן אין ניו־יאָרק (נישט אין גאַנץ ניו־יאָרק, ווייל אין דעם חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור", יאַנואַר־נומער פון 1955, זענען געווידמעט צוויי אַרטיקלען לכבוד שלום אַשס פינף־און־זיבעציק־יעריקן געבורטסטאָג און אין די „פרייע אַרבעטער שטימע" פון 8־טן אַפּריל, 1955, אַן אַרטיקל פון מלך ראַוויטש), אָבער נישט אין בוענאָס איירעס, נישט אין פּאַריז, נישט אין מעקסיקאָ און אין קאַנאַדע, און אַוודאי נישט אין דער יידישער מדינת ישראל! — פאַרוואָס!? פאַרוואָס!?...

צי האָט איר, אומפאַראַנטוואָרטלעכע לצים פון דער יידישער ליטעראַטור, צוגעגרייט אַ תשובה?!...

דאָ אין ניו־יאָרק און בלויז אין ניו־יאָרק, האָט זיך צעבושעוועט אַ הייפל שרייבער, דורכגעפּרעסענע פון שנאה, און מען העצט און מען העצט אָן אַן אויפהער, ביז הייזעריק ווערן, און אָן שום בושה וכלימה, גלייך זיי וואָלטן אַליין צוגעגעבן: „נאָך אונדז מעג קומען אַ מבול!" זיי דאַרפן שוין פאַר קיינעם נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון, ווייל „יידיש גייט דאָך שוין אונטער" און ממילא אויך די יידישע ליטעראַטור; איז כל זמן די דאָזיקע ליטעראַטור־לצים לעבן, דאַרפן זיי אַריינכאַפּן וואָס מער כבוד (מישטיינס געזאָגט) און געלט... און גיסן שמוץ אויף דעם גרעסטן מייסטער פון דער דאָזיקער כלומרשט אונטערגייענדיקער יידישער ליטעראַטור!

שוין פינף־און־פופציק יאָר שפּרייזט איבער דער יידישער וועלט אַ ריז און באַרייכערט אונדזער טייערן יידיש, באַשפּרינקלענדיק מיט דימענטן און בריליאַנטן דאָס יידישע שטעטל, די יידישע מענטשן: פון שלמה נגיד, יחזקאל גאַמבינער, ביז די פּראָסטאַקעס פון קוילער געסל; פון מאָטקע גנב, אַנקעל מאָזעס, ביז צום תהלים־ייד, מאַן פון נצרת, משה און ישעיה הנביא. אַזוי פיל יאָרן וויפיל ער שאַפט, אַזוי פיל גרויסע ווערק האָט ער שוין אָנגעשריבן, אַ חוץ הונדערטער און הונדערטער דערציילונגען, אַרטיקלען און עסייען! אָן אים, אָן שלום אַשן, וואָלט אונדזער יידישע ליטעראַטור געווען אָרים, מאָגער און בלוטלאָז. נישט חיים ליבערמאַן און נישט אַב. קאַהאַן און זייער אומ־הייליקע חברותא, נאָר שלום אַש וועט בלייבן אין דער ליטעראַטור אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס וועט זיין אַ יידיש פאָלק אויף דער וועלט! און אָט אויף דעם דאָזיקן גאָט־געבענטשן טאַלאַנט האָט זיך פאַרנומען אַ הייפל צעיושעטע בעלי־קנאה, ווייל עס בלענדט זיי אין די אויגן דער

געבלישטש פון די דימענטן און ברילִיאַנטן, מיט וואָס ער האָט מזכּה געווען די יידישע ליטעראַטור און זי באַקאַנט געמאַכט איבער גאָר דער וועלט.

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ בילד פון מיין דאָרף, לעבן לובלין, וואו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, און מיט דעם דאָזיקן סימבאָלישן בילד וויל איך פאַרענדיקן מיין בוך:

איך בין נאָך זייער יונג געווען, נישט געחלומט אַפילו נאָך, אַז איך וועל אַמאָל האָבן אַ שטיקל חלק ונחלה אין דער יידישער ליטע־ראַטור. געדענק איך, אַז איך בין שטענדיק געווען אַ פאַרטראַכט בחורל און כ׳האָב תּמיד ליב געהאַט צו שפּאַצירן איבער די פעלדער און וועלדער איינער אַליין, און מיין טאַטע עליו השלום האָט מיך דער־פאַר געקרוינט מיטן נאָמען: „פאַרחלומטער פּאָעט"...

בין איך אַרויס איינמאָל אין אַן אָוונט אויף מיין וואַנדער־וועג איבער די טוי־באַפּייטיקטע פעלדער און איך בין מיטגעריסן געוואָרן פון דעם הערלעכן בילד: די לבנה איז געשוואומען הויך אין טונקל־בלויען הימל אַ צעשמייכלטע, ווי נאָר אַ לבנה אין אַ שיינער זומער־נאַכט קאָן שמייכלען... דאָס גראָז אַרום און די געדיכט־באַבלעטערטע צווייגן פון דיביימער האָבן געפינקלט און געבלישטשעט מיט דימענ־טענע פונקען, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַ רעגן פון כּל־ערליי פאַרבנרייכע איידלשטיינער האָט זיך כּסדר געגאָסן איבער זיי, און אין די צווייגן האָט ערגיץ־וואו אַ פויגל געצוויטשערט און גע־זונגען שירה צו גאָט.

פּלוצים האָט זיך עפּעס אַן אַלטער הונט אָן ציִק, וועלכער האָט זיך תּמעוואַטע צוגעקוקט צו דעם פּראַכטפולן בילד, ווי די בלאַס־זילבערנע לבנה שווימט איבערן בלויען הימל, און צי פון נישט פאַר־גינען איר אָדער עפּעס אַנדערש — גיי ווייס, וואָס אַ הונט האָט אין זינען — האָט ער זיך צעבילט קעגן דער כּישופדיקער ליכטיקייט; און באַלד נאָך אים, אין קאָמפּאַניע, האָבן ווי אַן עכאָ פון הינטישע קולות, זיך צעהאַווקעט די איבעריקע הינט פון דאָרף.

און די לבנה — ווי אַ לבנה — האָט זיך אַפילו אויף זיי נישט אומגעקוקט, נאָר איז ווייטער אַ שמייכלענדיקע געשוואומען אין דעם טונקל־בלויען הימל און געשאָטן מיט דימענטן און ברילִיאַנטן איבער גאָטס שיינעם וועלטל...

בעטלעהעם, נ. ה. — ניו־יאָרק, 1954־1956.

# נאָכוואָרט

**ווען** מיין בוך האָט זיך שוין געפונען אין זאַץ, איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז שלום אַש איז טויט. וויפיל מ'זאָל ביי זיך נישט האָבן אָפּגעמאַכט אין געדאַנק, אַז אויך שלום אַש איז אַ שטערבלעכער בשר ודם און — סוף אדם למות, האָט זיך פאָרט נישט געוואָלט גלויבן, אַז אָט דער גבר אין דער יידישער ליטעראַטור איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און אַז דאָס אומפאַרמיידלעכע איז אויך געקומען אויף אים, דער שאַפער פון אַזוי פיל יידיש־מאָנומענטאַלע ווערק!

ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן פון מיין נאָענטן פריינט, מאיר מענדעלסאָן, וועלכער האָט באַזוכט אַשס אלמנה אין לאָנדאָן, איז שלום אַש כמעט געשטאָרבן ביי זיין שרייבטיש. און אָט ווי ער גיט איבער די ווערטער פון מאַטילדע אַש:

„שלום איז אַ גאַנצן טאָג (דעם לעצטן טאָג) געזעסן ביים שרייבטיש, מיט איין האַנט האָט ער זיך צוגעהאַלטן ביים קאָפּ און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער גיך, גיך געשריבן, ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס מער אַריינכאַפּן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן — ער האָט נאָך געהאַט עפּעס־וואָס צו פאַרענדיקן”...

קענענדיק צו גוט שלום אַשן, האָב איך שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז אָט אַזוי וועט דער גרויסער שריפטשטעלער פאַרענדיקן זיין פאַרבנרייך לעבן — ביים שרייבטיש...

**ווי** עס איז געווען פאַראויסצוזען, איז די בייזוויליקע כוואַליע פון אָנפאַלן און העצערייען קעגן דעם ריז פון דער יידישער ליטעראַטור אָפּגעשוואַכט געוואָרן תיכף נאָכדעם, ווי שלום אַש, זכרונו

לברכה, איז אַוועק אין דער אייביקייט אַריין. עס זעט מיר טאַקע אויס מאָדנע־ווילד דער געדאַנק, אָבער דאָך לאָזט ער מיך נישט רוען און עס מאַכט אויפזידן מיין בלוט — מ׳האָט בלויז געוואָרט, אַז שלום אַש זאָל שטאַרבן, און דאַמאָלס וועט זיין: וכיפר אדמתו עמו...

פריער, הייסט עס, האָט מען אים נישט פאַרגינען קיין זעלישע רו און קיין גוט וואָרט, אָבער — אחרי מות קדושים!... פריער, ביים לעבן, האָט מען אויף אַשן פאַרשפּריים בילבולים, אַז ער וויל כאַטש נעמען און אָפּשמדן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק; אַז ער האָט געשריבן די אַזוי גערופענע קריסטלעכע ווערק פאַר געלט, ער האָט געשטרעבט נאָך רייכטום; ער האָט גלאָריפיצירט דאָס קריסטנטום, וכדומה...

מיטאַמאָל אָבער איז אַש „איבערגעדרייט" געוואָרן: ער האָט נישט געמיינט מיט זיינע ישר־ווערק, חלילה, קיין שלעכטס; אַש איז געווען אויפריכטיק מיט זיין שרייבן; ער האָט געוואָלט וואַרפן אַ בריק צווישן ייִדן און קריסטן, און אַזוי ווייטער...

וועל איך דאָ ברענגען עטלעכע ביישפּילן פון די „אחרי־מות־קדושים"־אַרטיקלען, און איך ציטיר:

„...אָבער צוזאַמען מיט דעם מחבר פון ,נאַזאַרין׳, ,מערי׳ און ,אַפּאָסטאָל׳ האָבן מיר אויך פאַרלוירן דעם שרייבער פון ,שטעטל׳, ,תהלים־ייִד׳, ,קידוש השם׳, ,אָנקל מאָזעס׳, ,די מוטער׳, ,דריי שטעט׳ (נאָכן מבול) און אַנדערע ווערק.

„אַ שרייבער, וואָס האָט ביגעטראָגן צו אונדזער ליטעראַטור פיל אינהאַלט און שיינקייט.

„קעגן דעם דאַזיקן שלום אַש האָבן מיר מער געזינדיקט ווי ער קעגן אונדז.

„עס איז מיין טיפער גלויבן, אַז ער איז אין זיין האַרץ און נשמה קיינמאָל פון אונדז נישט אַוועקגעגאַנגען, נישט קוקנדיק אויף אַלע בילבולים, וואָס מען האָט אויף אים געמאַכט, אַז ער האָט זיך געשמדט און זיך באַקערט צום קריסטלעכן גלויבן".

אַט די אויבנדערמאָנטע ווערטער שרייבט ס. דינגאָל אין „טאָג" פון 13־טן יולי, 1957, דריי טעג נאָך אַשס טויט.

זענען דאָס גאָלדענע ווערטער און זיי האָבן מיך באמת גערירט. אָבער איבערלייענענדיק זיי, האָט זיך מיר געשטעלט די ווייטיקלעכע קשיא: פאַרוואָס האָט ס. דינגאָל אַזעלכע ענלעכע רייד נישט געשריבן ביי אַשס לעבן? ער וואָלט דאָך אין אַשן אַ נייע נשמה געווען אַריינגעזעצט!

אַדער צי וואָלטן, למשל, מעגלעך געווען ביי אַשס לעבן אַזעלכע ווערטער אין „פאָרווערטס" — אין דער צייטונג, פונוואַנען דער קרייץ־צוג קעגן אַשן האָט זיך אָנגעהויבן — ווי די, וואָס ד״ר א. מענעס האָט געשריבן:

„...שלום אַש האָט געהאַט אַ גרויסן חלום. עס איז אייגנטלעך אונדזער אַלעמענס חלום, דער חלום פון אונדזערע בעסטע דענקער פון אונדזער פאָלק. אַש האָט געזוכט אַ וועג פון דערנעענטערונג צווישן יידן און זייערע שכנים. דאָס איז דאָך אַוודאי אונדזער אַלעמענס וואונטש. אַש האָט ליב געהאַט דאָס יידישע שטעטל, די יידן פון שטעטל און אויך די גוים פון שטעטל" („פאָרווערטס", 21־טער יולי, 1957).

פאַרוואָס־זשע האָט ד״ר מענעס נישט פאַרגינען אַשן אַזעלכע גוטע און פריינטלעכע ווערטער ביים לעבן?... אפשר ווען אַש וואָלט אַזעלכע ווערטער געלייענט פון קאָלעגן־שרייבער ביים לעבן, וואָלטן זיי געווען פאַרלענגערט זיינע טעג! שלום אַש האָט זייער שטאַרק געליטן פון די שרעקלעכע שמד־בילבולים אויף אים און ער האָט זיך געצוויטיקט אין אַ גוט וואָרט.

ביים לעבן וואָלט אָבער דער „פאָרווערטס" אַזאַ אַרטיקל פון מענעסן וועגן אַשן נישט אָפּגעדרוקט...

צי נעמט טאָקע דעם רעדאַקטאָר אַליין, הלל ראָגאָף. ער האָט דעם 12־טן אָקטאָבער, 1957 — שוין נאָכן טויט פון אַשן, הייסט עס — געשריבן:

„...ד״ר גינזבורג פלעגט געפינען אַ זכות אויף אַשן, אַז ער האָט אַ סך געלערנט און געפאָרשט איידער ער האָט דאָס בוך („מאַן פון נצרת") געשריבן, אַז דאָס בוך איז צום ווייניקסטן נישט קיין עם־הארצותדיק ווערק"...

אָבער וויפיל שמוץ איז פריער דורך זיינס אַ מיטאַרבעטער אויסגעפּליוכעט געוואָרן אויף צו באַווייזן דווקא, אַז שלום אַש איז אַ מוראדיקער עם־הארץ!...

און זעט, וואָס עס שרייבט ד״ר ש. ביקל אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פון 21־טן יולי, 1957:

„...עס איז מער ווי בייזוויליק צו מיינען, אַז אַש האָט געהאַט אַנטי־יידישע כוונות מיט זיין ,מאַן פון נצרת'; עס איז מער ווי גוזמאדיק צו טראַכטן, אַז אַשס ראָמאַנען וועגן נוצרי און וועגן אַפּאָסטאָל פּאַולוס האָבן עמיצן דערפירט צו שמד..."

טאָ פאַרוואָס האָט ד״ר ביקל נישט אָנגעטאָן אַשן דאָס פאַר־געניגן און האָט נישט דעם זעלבן געדאַנק אויסגעדריקט ביים לעבן

פון געררודפטן שריפטשטעלער? ער וואָלט דאָך דעם זקן דאָס לעבן פאַרייגערט!... וואָרים וויפיל אַרטיקלען פון גאַר ערנסטע (אויב מען קאָן זיי אָנרופן „ערנסטע") שרייבער האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז צוליב אַשס „קריסטלעכע" ווערק האָבן זיך אַ סך יידישע בחורים און מיידלעך אָפגעשמדט!...

אָדער נעמט אַזאַ וויכטיקן פובליציסט ווי עס איז ד"ר ש. מאַרגאָשעס. ער האָט אין אַ רעדע אויף דעם אזכרה־אָונט נאָך אַשן, וואָס דער יידישער פען־קלוב האָט איינגעאָרדנט (ביי אַשס לעבן האָט דער זעלבער פען־קלוב נישט געפייערט אַשס זיבעציקסטן און נישט זיין פינף און זיבעציקסטן געבורטסטאָג!), זיך אויסגעדריקט ווי פאָלגט:

„די בריק צווישן יידן און דער גרויסער וועלט, וואָס אַש האָט אָנעקגעלייגט אין זיינע ווערק, האָט מער אויפגעטאָן פאַר יידיש ווי אַלע אונדזערע יידישע שרייבער; אַז דעם ,מאַן פון נצרת' באַטראַכט ער פאַר אַ יידיש ווערק; יעדנפאַלס זענען אַשס כוונות געווען יידיש"... (איך ציטיר פון זכרון).

דער גאַנצער זאַל האָט אַפּלאָדירט די דאָזיקע אמתדיקע רייד וועגן אַשן און איך בין געווען צווישן די אַפּלאָדירער. אָבער אויף דער שפּיץ צונג איז ביי מיר געלעגן די וייטיקלעכע פראַגע: פאַרוואָס האָט דער חשובער פובליציסט ד"ר ש. מאַרגאָשעס מיט זיין וויכטיק וואָרט דאָס אַלץ נישט געזאָגט ביי אַשס לעבן?!... צו מיר אַליין האָט אַמאָל ד"ר מאַרגאָשעס פּערזענלעך זיך געהאַט אויסגעדריקט: „איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט קעגן אַשן נישט געשריבן"...

איז דאָס זייער פיין!

אָבער פאַרוואָס האָט דער חשובער פובליציסט, צו וועמענס וואָרט מען הערט זיך צו און ער איז טיילמאָל געוואָגט אין זיינע אַרויס־געזאָגטע מיינונגען, נישט געשריבן קיין גוט וואָרט וועגן אַשן, ווען ער האָט נאָך געלעבט — כאָטש די זעלבע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר אַן עדה יידן אויף דעם אזכרה־אָונט?...

וויל איך אַליין פאַרענטפערן די דאָזיקע אַלע וויטיקלעכע קשיות: אין דער וואַקכאַנאַליע־צייט, ווען אייך מענטש מיט דיקטאַטאָרישע נייגונגען אויף איסט־בראָדוויי האָט געהאַלטן אַלעמען אין מורא (נישט צו באַגרייפן מיט וואָס פאַר אַ כוח!...), האָט מען געדאַרפט האָבן אַ ביסל מוט, דעם מוט, וואָס עס האָבן געהאַט חיים גרינבערג און ש. ניגער, עליהם השלום, און זיי צו לאַנגע יאָרן — יואל ענטין, מלך ראַוויטש, י. י. טרונק און אַנדערע. ד"ר ש. מאַרגאָשעס און די אַלע

פריער אויסגערעכנטע און נישט אויסגערעכנטע שרייבער האָבן לײדער און צום גרויסן באַדויערן דעם דאָזיקן מוט נישט געהאַט.

און אַז שלום אַש האָט שטאַרק געוויטיקט צוליב די דאָזיקע רדיפות אויף זיך, האָב איך שוין אָנגעוויזן אין מיין בוך. „אַלע, וואָס װעלן העלפן צעשטערן דעם שרעקלעכן שמד־בילבול אויף מיר, וועל איך לעבן־לאַנג דאַנקבאַר זיין", האָט ער געשריבן צו מיר (זע, צווייטער טייל, קאַפּיטל פיר). און וויפיל מאָל האָט אַש זיך מתנצל געווען אין וואָרט און אין שריפט און געוועדט זיך קעגן דעם שרעקלעכן שמד־בילבול?!

וועגן דעם זאָל דאָ נאָך צוקומען דאָס עדות־זאָגן פון עטלעכע באַקאַנטע יידישע פּערזענלעכקייטן.

אָט וואָס עס גיט איבער, אין אַשס נאָמען, דער באַרימטער אַקטיאָר און רעזשיסער מאָריס שוואַרץ אין „קענעדער אַדלער" פון 22־טן דעצעמבער, 1957, אין איינעם פון זיין סעריע אַרטיקלען, א. נ. „שלום אַש, ווי איך האָב אים געקענט":

„...דער געדאַנק צו שרייבן אַ בוך וועגן מאַן פון נצרת האָט מיך געמוטשעט אַ סך יאָרן, ווייל איך האָב דערביי געהאַט אַ כוונה און אַ גוטע דערצו. איך האָב געוואָלט ווייזן דער קריסטלעכער וועלט, אַז מיר האָבן זיי געגעבן אַ רעליגיע און אַ גאָט, ווי זיי רופן אים. איך האָב געוואָלט ווייזן, אַז ער איז געווען אַן ערלעכער יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט געוואָלט לערנען מענטשלעכע עטיק מיט זיינע חברים; איך האָב מיט דעם בוך פאַרשעמט די קריסטלעכע וועלט, וועלכע מאַכט פּאָגראָמען אויף יידן, פאַרשקלאַפט זיי אין געטאָס... איך האָב זיי געוואָלט ווייזן, אַז זייער הייליקער זון איז אונדזערער; איך האָב געוואָלט בויען אַ בריק פון יידיש־גויאישער פריינטשאַפט"...

אָט די ווערטער האָט שלום אַש געזאָגט מאָריס שוואַרצן אין זיין ווילע אין מיאַמי ביטש!

און דאָס איז דאָך דער ריינער און איינציקער אמת, און נישט ווי מ'האָט פאַרברעכעריש מיט געוואָלט אַשן אָנגעהאָנגען דעם ממזר־בילבול, אַז ער שטרעבט אָפּצושמדן דאָס יידישע פאָלק — נישט מער און נישט ווייניקער!...

די דאָזיקע זינד זאָל די בילבולים־מאַכער קיינמאָל נישט פאַרגעבן ווערן!

איצט הערט נאָך, וואָס עס שרייבט נאָך אַשס טויט דער אַרגענטינער יידישער שרייבער י. ל. גרוזמאַן, רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „דער שפיגל" (סעפּטעמבער־אָקטאָבער) אין זיינס אַן אַרטיקל, א. נ. „פון מיינע באַגעגענישן מיט שלום אַש".

„...איך האָב געשפּירט, אַז מען באַגייט אַ גרויסע עוולה, אַן אומפאַרציילעכן חטא קעגן איינעם פון די גרעסטע שאַפער פון אונדזער דור און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך מסכים צו זיין, צו געבן די מינדסטע באַרעכטיקונג די אַלע אָנפאַלער און שטיינער־וואַרפער אין אים, אין שלום אַשן.

„ערשט נעכטן האָב איך דאָך אים געזען — און צום ערשטן מאָל — אַזאַ דערשלאָגענעם, אַזאַ איינזאַמען, אַזאַ עלנטן, ווי מען דערזעט אַמאָל אַ ייד אַ גבר, אַ ייד אַ ריז, זיצן אַן איינגעבויגענעם, אַ דערשלאָגענעם אויף אַ קליין שבעה־בענקעלע...

„ערשט נעכטן האָב איך גערעדט מיט אים און — גאָט! מיט וויפיל ליבשאַפט און ממש מיט טרערן אין די אויגן האָט ער גערעדט וועגן גרויסן בראַך, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק!...

„קאָן געמאָלט זיין, איז עס מעגלעך, אַז ער, שלום אַש, איז אַ פאַררעטער, אַ שונא ישראל, ווי געוויסע שרייבער האָבן דאָס גע־פּרוואווט איינרעדן זייערע לייענער!"...

צי נאָט איך אַ יידישן דיכטער פון ישראל, אברהם לעוו. ער שרייבט אין דעם חודש־זשורנאַל „דרום־אַפריקע" פון סעפּטעמבער, 1957:

„...און זאָל געזאָגט ווערן גלייך פון אָנהויב: דאָ אין מדינת ישראל האָט כמעט נישט געהאַט קיין אָפּקלאַנג דער טומל, וואָס מ'האָט אויפגעהויבן אַרום אַשס יעזוס־ראָמאַנען. דאָ האָט מען עס אויפגענומען ניכטערער, זאַכלעכער, ווי אַ קאַפּריז, אָדער ריכטיקער — ווי אַ פאַר־מעסט קעגן דער גויאישקער וועלט, וואָס האָט די יידן פאַרשריגן ווי יעזוס־טויטער, און אַש, מיט זיין גרויסן טאַלאַנט, האָט זיך פאַרמאָסטן עס אָפּצולייקענען".

צי איז דען גאָר מעגלעך צו ציטירן די הונדערטער און הונ־דערטער אַרטיקלען, וואָס זענען שוין אָנגעשריבן געוואָרן נאָך שלום אַשס טויט, וואָס ווען ער, אַש, לייענט זיי אין גן עדן, קומט ער דאָך צוריק צו אונדז פון יענער וועלט אַן אויסגעלייטערטער און אַ צע־שמייכלטער!...

פאַרוואָס האָט מען אים דאָס געזשאַלעוועט ביים לעבן?!...

צי וועלן די אַש־פאַרלוימדער נישט דאַרפן שעמען זיך לדורות, וואָס זיי האָבן דעם גרעסטן שריפטשטעלער ביי יידן אין אונדזער גענעראַציע אַזוי באַשמוצט און געמאַכט טריפן זיין בלוט אומזיסט און אומנישט און פאַרטריבן אים פריציייטיק פון דער וועלט, בעת ער האָט נאָך געקאָנט שאַפן פאַר אונדז גרויסע ווערק!...

די אַלע אויבן־אויסגעדריקטע וויטיקלעכע טענות האָבן מיר

געשוווערט אויפן הארץ, בעת איך האב געשריבן מיין בוך ביי אַשס לעבן, וואו איך דריק אויס כמעט די זעלבע מיינונגען, וואָס מ׳האָט איצט אַזוי פיל אָנגעשריבן נאָך אַשס טויט!...

און דאָס האָב איך נאָך געוואָלט זאָגן אין מיין נאָכוואָרט דער יידישער וועלט, וואו נאָר אַ יידיש בוך ווערט געלייענט:

זאָלן די אַש־פאַרלוימדער זייער גאַנץ לעבן געפייניקט ווערן פון חרטה־געפילן (אויב אַזעלכע קאָנען גאָר חרטה האָבן!) און זאָלן זיי נישט האָבן קיין רו, ווייל זיי האָבן שלום אַשן, דעם גרעסטן פּראָזע־מייסטער ביי יידן, פאַראומערט דאָס לעבן, געצאַפּט זיין בלוט און פאַרקירצט זיינע יאָרן!...

**ש. ר.**

ניו־יאָרק, 1958.

# רשימה פון נעמען, וואָס קומען אַריין אין בוך


## א

אבראַמאָוויטש, ר., 170, 172.
אַדריגוס קייסער, 351, 352.
אוואַראָף, גראַף, 219.
אַזיף, 49.
אחד העם, 314.
אחרון, 268.
איאַלטי, א., 160.
איבסען, הענריק, 116.
אייזלאַנד, ראובן, 298, 301.
אייזענמאַן, מאָריס, 267, 268, 269.
אינדעלמאַן, משה, 198, 235.
איש הורביץ, ש״י, 314, 315, 316.
אַלמי, א., 269, 270, 271.
אלעקסאַנדרא, פעדעראָוונא צאַריצע, 219.
אקאָסטא, דא אוריאל, 343.
אַש, דזשאַן (יוחנן), 163, 176, 178, 181, 182, 195, 196, 208, 211, 244, 251, 256, 257, 272, 273.
אַש, וואָלף, 18.
אַש, זבולון (סעם), 261.
אַש, יעקב שיע, 17.
אַש מאַרזשע (מאַטילדע), 11, 18, 35, 42, 44, 54, 58, 59, 60, 61, 62, 70, 71, 74, 76, 79, 80, 81, 84, 88, 98, 99, 104, 105, 116, 117, 118, 121, 122, 123, 138, 144, 151, 152, 153, 156, 160, 167, 182, 184, 188, 195, 196, 208, 210, 211, 212, 221, 233, 238, 239, 241, 244, 247, 248, 251, 255, 256, 257, 271, 272, 361.

## ב

באַשעוויס, יצחק, 174, 315.
בונין, איוואַן, 136.
בורצעוו, 49.
בזשאָזע, ח., 161.
ביאַלאָסטאָצקי, ב. י., 273.
ביאַליק, ח. נ., 223, 311.
בידערמאַן, איטשע, 237.
ביילים, מענדל, 220.
ביק, אברהם הרב, 292.
ביקל, ש. ד״ר, 363.
בן־אַדיר, 172.
בן־גוריון, דוד, 335, 336.
בן־צבי, יצחק, 355.
בערגער, 264, 265.
בראַקאַזש, חיים, 183.
ברענער, י. ח., 314, 315.

## ג

גאַגאָל, 69.
גאָלדבערג, אברהם, 88, 111, 112.
גאָלדבערג, ב. צ., 291.
גאַלסוואָרטי, 223.
גאַפּרע, 113.
גאָרדין, אבא, 305, 307, 308.
גאָרקי, מאַקסים, 233.
גוסטאַוו, קעניג פון שוועדן, 264.
גורקא, אָלגיערד, פּראָפעסאָר, 78.
גיטערמאַן, יצחק, 204.
גינזבורג, איסר ד״ר, 363.
גינזבורג, שאול, 164.
גלאָבוס, ד. ד״ר, 305.
גלאַטשטיין, יעקב, 295, 296, 297, 298, 305, 352.
געבעלס, 219, 283, 320.
געטעל, פערדינאַנד, 60, 72.
גראַסעי, 223.
גרוזמאַן, י. ל., 365.
גרוזענבערג, אָסקאַר אַדוואָקאַט, 220.

גרינבערג, חיים, 289, 296, 298, 315, 317, 324, 327, 336, 351, 364.
גרעץ, 329.

ד

דאלאדיע, 257.
דאַנאַדיע, 205.
דאָסטאָיעווסקי, 69.
דובנאָוו, 328.
דזשערזשינסקי, פעליקס, 47.
דיגאָל, ס. 362.
דרידזא, 226.

ה

האַלפּערן, יחיאל ד״ר, 161, 162.
האַלפּערן, לייבעלע, 40, 42, 48.
האַראָנטשיק, שמעון, 53, 54, 55, 64.
האָרן, י., 174.
הויפּטמאַן, געריהאַרדט, 135, 182, 266.
היטלער, אַדאָלף, 120, 121, 122, 123, 153, 180, 181, 182, 219, 233, 248, 254, 257, 286, 287, 292, 296, 323.
העלער, חיים ר׳ 312.
הערצאָג, הרב, 336.

וו

וואַלאַך, 226.
וואַסער, חיים (מאיר), 62, 63, 64, 65.
וואַרשאַווסקי, יצחק, 315, 316, 317.
וויינפּער, ז., 262.
וויינריב, 270, 271.
וויסענבערג, י. מ., 128, 140.
וויעזשימסקי, קאַזשימיעזש, 60, 72, 78.
וולאַדעק, ב., 152, 153, 154, 274.
ועוויאַרקע, וו. 172.
וועלס, 223.
ווערפעל, פראַנץ, 183.

ז

זאַקס, 40.
זייפמאַן, ברידער, 292.
זשיטלאָווסקי, חיים ד״ר, 291, 305.
זשיטניצקי, ה. ל., 234, 235, 245, 246, 247.

ח

חזון איש, 312.

ט

טאָלסטאָי, ל., 284.
טונקעלער, דער, 98.
טורקאָוו, זיגמונט, 256, 257.
טייטל יעקב, ריכטער, 220.
טיציאַן, 197, 301.
טערוואָן, דיפּאָן דע, 178.
טראָצקי, לעאָן, 228.
טרומאַן, הערי ס., 327.
טרונק, י י., 318, 320, 327, 336, 364.
טשעמבערליין, 257.

י

יאַטשקאַווסקי, ש., 92, 93, 161.
יאַנאַסאָוויטש, י., 174.
יאַצקאַן, ש. י., 79, 86, 332.
יעפּרויקין, ישראל, 115, 154.
ישורין, יעפים, 239.

ל

לאַזאָווסקי, סאָלאָמאָן, 226.
לאַפּוכין, 49.
לואיסאָן, לודוויק, 167, 168.
לוי יצחק בערדיטשעווער, 330.
ליבערמאַן, חיים, 14, 193, 194, 237, 285, 286, 287, 288, 289, 290, 291, 292, 393, 303, 304, 305, 306, 307, 308, 309, 310, 311, 312, 313, 318, 326, 327, 328, 329, 330, 335, 344, 346, 348, 352, 359.
ליטוואַקאָוו, משה, 228.
ליטווינאָוו, מאַקסים, 226.
לעוו, אברהם, 366.
לעוויטאַן, 104, 177.
לעווין, 205.
לעווענשטאַט, הענריק, 105, 108, 110, 122, 146, 147, 149, 150, 170.
לעיעלעס, א., 298, 299.
לעפּטוויטש, יוסף, 273.
לערנער, שלמה, 179, 180
לערער, יחיאל, 160, 253.

## מ

מאַטיס, 108.
מאַלקין, ד. ב., 100.
מאַן, טאָמאַס, 52, 180, 342.
מאַנגער, איציק, 266, 267.
מאַסטבוים, הילאַרי, 129, 130.
מאַסטבוים, יואל, 355.
מאַרגאָשעס, ש., ד״ר, 364.
מאַרקו, 182.
מוסאָליני, בעניטאָ, 140, 257.
מוקדוני, א. ד״ר, 303.
מור, פּראָפעסאָר, 343.
מײזעל, נחמן, 77, 98
מינסאָן, 120, 121.
מיקעל, אַנדזשעלאָ, 342.
מלמד, ש. ד״ר, 305.
מעטערלינק, מאָריס, 104.
מענדעלע, 223, 274.
מענדעלסאָן, מאיר, 122, 155, 205, 361.
מענדעלסאָן, שלמה, 75, 99, 122, 155.
מענעס, א. ד״ר, 172, 363.
מעקאַרטי, 327.

## נ

ניגער, ש., 181, 187, 192, 193, 194, 221, 285, 286, 289, 291, 296, 298, 304, 305, 306, 307, 308, 309, 327, 336, 347, 364.
ניטשע, פרידריך, 116.
נײדין, מרדכי, 61, 62.
נײמאַן, י. מ., 52, 88.
נײשטאַדט, מלך, 100.
ניקאָלאַי, צאַר, 32, 38, 44, 46, 217, 219.
נעמיראָוויטש, דאנטשענקאָ, 218.
נעקסע מאַרטין, אַנדערסאָן, 60.

## ס

סאָקאָלאָוו, נחום, 198.
סוועט, גרשון, 314.
סטאַלין, 228, 229.
סטופּניצקי, ש. י., 87, 90, 204.
סטינעס, 181.
סלאָוועק, פולקאָווניק, 129.
סנה, משה ד״ר, 235.
סענעקא, 319.

## ע

עהרענפרייז, מרדכי ד״ר, 136.
ענטין, יואל, 285, 286, 287, 288, 289, 290, 296, 298, 327, 336, 344, 345, 346, 347, 364.
ערדבערג, ש., 111, 112.

## פּ

פּאָזנאַנסקי, 28.
פּאָלאַק, 247.
פּוטנאַם, 120, 163, 165, 224.
פּילסודסקי, יוזעף, 92, 127, 128, 131.
פּינסקי, דוד, 131, 222, 223, 337, 338.
פּיעטרושקע, שמחה, 79.
פּראַשקער, אברהם דוד, 204.
פּראַשקער, רעגינע, 204.
פּראַשקער, שרה ביילע, 204.
פּרץ, י. ל., 30, 34, 159, 223, 252, 270, 271, 281, 299, 300, 304, 346.

## פ

פוקס, א. מ., 355.
פינקעלשטיין, לעאָ, 347, 348.
פינקעלשטיין, נח, 99.
פינקעלשטיין, נחמיה, 65, 78, 99.
פענסטער, הערש, 265.
פרידבערג, א. ש., 112.
פרימער, בערל ד״ר, 357, 358.

## צ

צאַנין, מ., 100, 104, 245, 293, 294, 295, 296, 298, 324, 334, 337.
צביון, 312, 313.
צייטלין, אהרן, 131, 333, 335, 337.
צייטלין, הלל, 332, 333.

## ק

קאַבאַק, א. א., 314, 315, 316.
קאַהן, בערנאַרד, 201, 203, 204.

קאַהאַן, אַב., 11, 14, 139, 140, 233, 234, 236, 237, 238, 254, 282, 283, 289, 293, 313, 315, 326, 327, 332, 344, 345, 346, 348, 359.
קאַזשדאַן, ח. ש., 296, 298, 327, 336, 340, 341.
קאַמיסאַזשעווסקאַיאַ, 29, 32, 281.
קאַנט, עמנואל, 69, 308.
קאַנטאַראָוויטש, 156, 264, 265.
קאַנעלבאַ, 87, 246.
קאַראַ, 104, 134.
קיהן, אברהם, 172.
קלויזנער, יוסף ד״ר, 235, 314, 315, 324.
קליינבוים, משה ד״ר, 235.
קלעצקין, באָריס, 161.
קנאַפּהיים, משה, 174.
קעניג, לעאָ, 183.
קעסטען, הערמאַן, 38, 182, 184.
קרילאָוו, 358.

ר

ראב״ד, 328.
ראַגאַף, הלל, 289, 363.
ראַוויטש, מלך, 56, 78, 87, 100, 259, 261, 262, 289, 296, 298, 336, 346, 347, 359.
ראַווניצקי, ח., 311.
ראָזענבערג, אַלפרעד, 157.
ראָזענבערג, הענעך, 46.
ראָזענבערג, מאָטעל, 48.
ראָזענהעק, 332.
ראָזענפעלד, יונה, 140.
ראָט, יאָזעף, 38, 182, 184.
ראָטער ברידער, 121.
ראָמאַנאָוו, קאָנסטאַנטין א., פירשט, 32.
ראַפּאָפּאָרט, י., 96, 326.
ראַקאָווסקי, מאַרק, 92, 93.
רובענס, 301.
רוזוועלט, פרענקלין, 327.
רות (אָשס טאָכטער), 167, 251.
רייזען, אברהם, 273.
רייזען, זלמן, 56, 57, 261.
ריימאָנט, וול. סט., 50, 52.
רייגהאַרדט, 52, 281.
רייס, א. אינזשינער, 100.
רימון, יצחק, 355, 357.
רמב״ם, 317, 328, 329, 335.
רעמבראַנדט, 104, 225, 301, 342.
רענאַן, 343.

ש

שאַגאַל, מאַרק, 104.
שאַליאַפּין, פעאָדאָר, 264.
שאַפּירא, קאָוונער רב, 264.
שוואַרץ, מאָריס, 256, 267, 268, 365.
שווייצער, דוד 201, 203.
שטיבעל, א. י., 91, 92.
שטיינבאַך, 100.
שטיינבערג, שלמה, 51, 52, 63, 46, 86, 100, 106, 161, 162.
שימין, ב., 93, 97.
שיפער, יצחק ד״ר, 57, 88.
שיקעלע, 38, 178, 182.
שלום עליכם, 63, 223, 224.
שמיץ, ד״ר, 247, 248.
שניאור, ז., 172, 175, 183, 188, 189
שניידערמאַן, ש. ל., 172, 280.
שענקער, אב. 274.
שפיגעל, ישעיה, 355.
שפינאָזע, ברוך, 335.
שפּירא, אדם, 99.
שפּירא, אַלעקסאַנדער, 74, 184.
שפּירא, באַשע, 44, 46, 47, 48.
שפּירא, ברכה, 44, 48, 59.
שפּירא, יצחק, 42, 46, 50.
שפּירא, מנחם מענדל, 17, 44, 46, 50.
שפּערלינג, 28.
שרת, מ. 337, 355.

## פון זעלבן מחבר:

☆

רבי עקיבא (פאַרלאַג ראָמאַנען־ביבליאָטעק, ניו־יאָרק, 1947)

רבי מאיר און ברוריה (פאַרלאַג שאָולזאָן, ניו־יאָרק, 1950)

☆

## העברעאיש:

רבי עקיבא (הוצאת ספרים מסדה, תל־אָביב, התשי״ד)

רבי מאיר וברוריה (הוצאת ספרים מסדה, תל־אָביב, התשט״ז)

☆

## שפּאַניש:

Rabi Meir Y Beruria (Editorial Candelabro,
Buenos Aires, Argentina)

☆

## איבערזעצונגען:

פויערן, פון סט. וול. ריימאָנט, פיר בענד
(פאַרלאַג אָריענט, וואַרשע, 1925־1926)

איבער מדבריות און וויסטענישן, פון הענריק שענקעוויטש
(פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע, 1928)

די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט, פון זשיל ווערן
(פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע)

דריי טעג, אַ רויט בלימל און אַנדערע דערציילונגען, פון וו. גאַרשין
(פאַרלאַג בזשאָזע, וואַרשע)

☆

## עס ווערן געגרייט צום דרוק:

בר־כוכבא (דאָס דריטע בוך פון דער טרילאָגיע)

פּליטים, ראָמאַן פון די מלחמה־יאָרן (1940־1941)

דער יידישער קעניג ביי דער וואָלגע (כוזרים)

# שלום אַש ביבליאָגראַפיע

## (אָפּרופן אויף זיין טויט)

☆

צוזאַמענגעשטעלט פון

יעפים ישורין

☆

ניו־יאָרק, 1958

יעפים ישורין

# שלום אַש ביבליאָגראַפיע

## (אָפּרופן אויף זיין טויט)

1. אַ רעפּאָרטער:
גרויסער עולם אויף מעמאָריעל אין ניו יאָרק נאָך שלום אַש. מאָרגן־פרייהייט, נ. י., אויג. 16, 1957.

2. ד. א.:
שלום אַש — דער אייביק יידישער קינסטלער. דרום־אַפריקע, יאָהאַנעס־בורג, אויג. 1957, ז״ז 1־2.

3. אידעם:
שלום אַש און — „אומער מאַטשעק". אונזער שטימע, פּאַריז, אויג. 21, 1957.

4. איינהאָרן, דוד:
שלום אַש — „זיין וועג פון זיך". „פאָרווערטס", נ. י. סעפּט. 7, 1957.

5. איינהאָרן, דוד:
שלום אַשס טראַגעדיע. פאָרווערטס, נ. י. סעפּט. 14, 1957.

6. אבינור, גיטה:
ישו היהודי של שלום אַש. למרחב, תל־אביב, סעפּט. 6, 1957.

7. אָליצקי, לייב:
„...ס׳איז געווען אַ מענטש.." [שלום אַש], פאָלקס־שטימע, וואַרשע, יולי 20, 1957.

8. אָליצקי, ל.:
די איידלשטיינער פונעם חושן. פאָלקסטימלעכע באַלאַדע אויפן פרישן קבר פון שלום אַש. יידישע שריפטן, וואַרשע, אויג. 1957, ז׳ 2.

9. אָליצקי, לייב:
„ס׳איז געווען אַ מענטש..." [שלום אַש]. אידישע שטימע, לאָנדאָן, אויג. 16, 1957.

10. אַלמאַזאָוו, ש.:
ווען שלום אַש האָט געוויינט. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. אויג. 9, 1957.

11. אַלמי, א.:
דער שרייבער און דער קריטיקער. אידישע שטימע, לאָנדאָן, סעפּט. 20, 1957.

12. אַלמי, א.:
אַן ענגלישע קיצור־געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור. פרייע ארבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 1, 1957, ז׳ 5.

13. אלסטער, יעקב:
צום טויט פון שלום אַש ז״ל. ישראל־שטימע, תל־אביב, סעפּט. 5, 1957, ז״ז 10 און 15.

14. אַנאַטאָל, י.:
„אַש וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פייער" (באַמערקונגען וועגן שלום אַש און זיין שאַפן). אונדזער געדאַנק, בוענאָס איירעס, אויג. 15, 1957, ז׳ 9.

15. אקרוטבי, י.:
דער לעבעדיקער שלום אַש. אידישע

ציימונג, בוענאָס איירעס, יולי 29, 1957.

16. **אַריב, רחל:**
טיול עם שלום אַש. דבר, תל־אביב, אויג. 26, 1957.

17. **אָשעראָוויטש, מ.:**
בריף וואָס אב. קאַהאַן און שלום אַש האָבן געשריבן איינער דעם אַנדערן וועגן „נאַזאַרין". פאָרווערטס, נ. י. יולי 27, 1957.

18. **אָשעראָוויטש, מ.:**
בריף צווישן אב. קאַהאַן און שלום אַש וועגן שרייבער און „בונד". פאָרווערטס, נ. י. אויג. 3, 1957.

19. **א. ב.:**
באַמערקונגען צו אַ בריוו [צווישן אב. קאַהאַן און שלום אַש]. אונזער צייט, נ. י. אָקט. 1957. ז"ז 26־28.

20. **באַביטש, א.:**
פען־שפּריצן. חשבון, לאָס אַנדזשעלעס, סעפּט. 1957, ז' 66.

21. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
שלום אַש — דער דיכטער פון אונדזער שיינקייט ערדיש און הײמיש (אַ הספד פון אַ קעגנער). די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 12, 1957.

22. **[באָטאָשאַנסקי, יעקב] שי־מעלע סאָראָקער:**
אויפן שפּיץ פען. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 12, 1957.

23. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
שלום אַשס אַמעריקאַנישסטער ראָמאַן. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 16, 1957.

24. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
דריי אינסטיטוציעס רופן היינט צו באַערן דעם אָנדענק פון שלום אַשן. [קולטור ־ קאָנגרעס, ייוואָ ־ שרייבער־פאַראיין] די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי, 17, 1957.

25. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
אויפן שפּיץ פען. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 19, 1957.

26. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
שלום אַשס „קידוש השם". די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 26, 1957.

27. **[באָטאָשאַנסקי, יעקב] שי־מעלע סאָראָקער:**
אויפן שפּיץ פען. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 31, 1957.

28. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
אַ דערקלערונג וועגן רעאַליזם און סימבאָליזם אין אַ טעאַטראַלער פיגור. [פון שלום אַש] די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אויג. 15, 1957.

29. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
שלום אַשס „אָנקל מאָזעס". די פּרע־סע, בעונעאָס איירעס, אויגוסט 23, 1957.

30. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
„אָנקעל מאָזעס" ביי שלום אַשן און ביי מאָריס שוואַרצן. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אויג. 29, 1957.

31. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
מיין האָט געגלויבט אַז מיט מעשות קען מען אויסלייזן די וועלט. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, סעפּט. 13, 1957.

32. **באָטאָשאַנסקי, יעקב:**
דאָס יידישע לעבן אין התשי"ז (5717). דער ניט פאַרענדיקטער חשבון מיט שלום אַשן. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, סעפּט. 25, 1957.

33. **באַיאָן, ל.:**
די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. פאַראויס, מעקסיקע, סעפּט. 1957, ז' 10.

34. **[באַשעוויס, יצחק] יצחק וואַרשאַווסקי:**
שלום אַש און זיין וועגן אין דער ליטעראַטור. פאָרווערטס, נ. י. יולי 12, 1957.

35. **באַשעוויס, יצחק:**
שלום אַש און זיין וועג אין דער ליטעראַטור. מעקסיקאַנער לעבן, יולי 20, 1957.

36. **ביאַלין, א. ה.:**
שלום אַש ז״ל. מעקסיקאַנער לעבן, יולי 20, 1957.

37. **ביאַלין, א. ה.:**
שלום אַש. מעקסיקאַנער לעבן, סעפּט. 7, 14 און 25, 1957.

38. **ביעטש, י.:**
צו די שלושים נאָך שלום אַש. לשון און לעבן, לאָנדאָן, אויג. 1957, ז״ז 7־10.

39. **ביק, אברהם:**
אַמעריקע אין דעם שאַפן פון שלום אַש. „אַנקל מאָזעס״. פון דעם ים־וואַנדערער ביז איסט ריווער״. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. יולי 21, 1957.

40. **ביק, אברהם:**
די אידייע פון דער פּיאָנערישער אַמעריקע אין שלום אַשס „איסט־ריווער״. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. יולי 23, 1957.

41. **ביק, אברהם:**
די וואָס וואַרפן שטיינער אויף שלום אַשס קבר. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. סעפּט. 15, 1957.

42. **ביקל, דר. שלמה:**
שלום אַש. טאָג־מאָרגן זשורנאַל, נ. י. יולי 21, 1957.

43. **ביקל, דר. שלמה:**
שלום אַש (נאָך די שלושים). אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויג. 14, 1957.

44. **ביילין, י. ב.:**
שלום אַש — אַ גרויסע קאָמפּליצירטע, ווידערשפּרעכלעכע פּערזענלעכקייט. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. אויג. 4, 1957.

45. **ביילין, י. ב.:**
ליכט און שאָטן אין שלום אַשס פּערזענלעכקייט. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. אויג. 11, 1957.

46. **ביילין, י. ב.:**
שלום אַשס יאָרן אין אַמעריקע און זיינע רייזעס איבער דער וועלט. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. אויג. 18, 1957.

47. **בערנאַרד, ל.:**
ווען עס פאַלן דעמבעס. צום טויט פון שלום אַש. אַרבעטער־וואָרט, פּאַריז, אויג. 2, 1957.

48. **בערנפעלד, י.:**
נאָך אַלץ שלום אַש... אונזער שטימע, פּאַריז, אויג. 14־15, 1957.

49. **בראַגינסקי, סיימאָן:**
שלום אַשס זינד. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 13, 1957.

50. **ברוקער, בנציון:**
שלום אַש אין די אויגן פון זיינס אַ לייענער. האַוואַנער לעבן, יולי 27, 1957, ז׳ 6; דאָס יידישע וואָרט, סאַנטיאַגאָ, אויג. 16, 1957.

51. **גאָלאָמב, א.:**
שלום אַש ע״ה אין ווילנער סעמינאַר. דער וועג, מעקסיקע, אָקט. 19, 1957.

52. **גאָלדבערג, ב. צ.:**
וועגן שלום אַשן. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. יולי 22, 1957.

53. **גאָלדבערג, ב. צ.:**
אַש און טרעבלינקע. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 18, 1957.

54. **גאָלדבערג, בנימין:**
וועגן שלום אַש „אותו האיש״. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 11, 1957.

55. **גאָלדבערג, יאָסל:**
שאַלעם אַש. לאַנדסמאַנשאַפטען, בוענאָס איירעס, יולי 26, 1957, ז״ז 6־7.

56. **גאָלדוואַסער, מענדל:**
שלום אַש — נישט קיין בעקריוודעטער. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 17, 1957.

57. **גובערעק, ש.:**
מ׳דאַרף פאַרקוקן די פּערזענלעכע חסרונות ביי אַ קינסטלער! היימיש, תל־אביב, יוני 14, 1957, ז׳ 9.

58. גולדמן, פּאָול:
הספד שלא הושלם (פגישה אחרונה עם שלום אַש לפני מותו). דבר השבוע, תל־אביב, יולי 18, 1957.

59. גיטלסאָן, ישראל:
נאָטיצן פון אַ לייענער. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, נאָוו. 19, 1957.

60. גלאַנץ, א.:
שלום אַש, עליו השלום. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. יולי 12, 1957.

61. גלאַנץ, א.:
שלום אַש ע״ה. נייע יידישע צייטונג, מינכען, יולי 26, 1957.

62. [גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס:
אַ דערמאָנונג וועגן שלום אַשן. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. יולי 27, 1957.

63. [גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס:
שלום אַש און פּראָטעסטן. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 7, 1957.

64. גלאַנץ, יעקב:
שלום אַש ע״ה. דאָס וואָרט, מעקסיקע, יולי 19, 1957.

65. גלאַנץ, יעקב:
שלום אַשעס גייסטיקע ירושה. דער וועג, מעקסיקע, אויג. 24, 1957.

66. גלאַנץ, יעקב:
שלום אַשס ירושה. דער וועג, מעקסיקע, סעפּט. 3, 1957.

67. גלעז, דר. יעקב:
שלום אַש — מאָדערנער אלישע בן אבויה. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, סעפּט. 30, 1957, ז׳ 13.

68. גראָסמאַן, וולאַדימיר:
שלום אַש אויף יאַפּאַנעזיש... יידישע טענות צום גרעסטן יידישן שרייבער. אונזער שטימע, פּאַריז, אויג. 14־15, 1957.

69. גראָסמאַן, וולאַדימיר:
דער יונג־אַלטער שלום אַש. אידישע שטימע, לאָנדאָן, אויג. 16, 1957.

70. גראָסמאַן, משה:
מיט פאַרפרוירענע טרערן ביי זיין קבר. צום טויט פון שלום אַש ע״ה. היימיש, תל־אביב, יולי־אויג. 1957.

71. גרוזמאַן, י. ל.:
פון מיינע באַגעגענישן מיט שלום אַש. דער שפּיגל, בוענאָס איירעס, אויג. 1957, ז״ז 7־9; אָקט. 1957, ז״ז 9־10; נאָוו. 1957, ז״ז 17־18.

72. דאַטווין, פּ.:
אַש און זשאַבאָטינסקי. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 22, 1957.

73. דאַלגין, משה:
אַש אויף קאַנאַל סטריט... טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 8, 1957.

74. ד[אַ מאַנקעוויטש], ל.:
שלום אַש נפטר געוואָרן. אונזער וואָרט, פּאַריז, יולי 11, 1957.

75. דאַמאַנקעוויטש, ל.:
שלום אַש. אונזער וואָרט, פּאַריז, יולי 27, 1957.

76. דאַנציגערקראַן (רון), משה:
שלום אַש וועגן ארץ ישראל און וועגן די אויסזיכטן אין דער צוקונפט. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, סעפּט. 15, 1957.

77. דאַרפּזאָן, ש. י.:
שלום אַשס ביינער רוען אויפן בית־עלמין פון די ענגלישע רעפאָרם־יידן. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 18, 1957.

78. דאַרפּזאָן, ש. י.:
ש. אַש אַנגעזאָגט אים מקבר זיין אין טלית. אפריקאַנער אידישע צייטונג, יאָהאַנעסבורג, יולי 19, 1957.

79. דאַרפּזאָן, ש. י.:
אַשס ביינער רוען אויפן בית־עלמין פון די ענגלישע רעפאָרם־יידן. אידישע צייטונג, ריאָ דע זשאַנייראָ, יולי 26, 1957.

80. דאַרפּזאָן, ש. י.:
שלום אַש האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ

„מאַרטירער". דער אַמעריקאַנער, נ. י. אויג. 2, 1957, ז' 5.

81. דאָרפזאָן, ש. י.:
ערב אַ שפּאַלטונג אין דער לאַנדאָנער קהילה צוליב אַ הספד נאָך שלום אַש. לעצטע נייעס, תל־אביב, נאָוו. 20, 1957.

82. דאָרפזאָן, ש. י.:
איבער אַ הספד נאָך שלום אַשן האַלט עס ביי אַ שפּאַלטונג. דער אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, דעצ. 1, 1957.

83. דימאָוו, אָסיפּ:
שלום אַש. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 18, 1957.

84. דימאָוו, אָסיפּ:
גדולים פון דער יידישער ליטעראַטור. צוקונפט, נ. י. נאָוו. 1957, ז' 441.

85. דינגאָל, ס.:
שלום אַש טויט. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. יולי 13, 1957.

86. דינעזאָן, יעקב:
צוויי בריוו פון יעקב דינעזאָן צו שלום אַש. פאָרווערטס, נ. י. סעפּט. 1, 1957.

87. דיימאָנדשטיין, ב.:
שלום אַש'עס „מערי". ליטעראַרישע העפטן, טוזשונגא, יולי־דעצ. 1957, ז"ז 55־65.

88. י. ה.:
לעצטער שמועס מיט שלום אַש וועגן ישראל. פאָלק און ציון, ירושלים, אויג. 7, 1957, ז"ז 56־57.

89. האָפּער, יחיאל:
האָט די אידישע ליטעראַטור איר איי־גענעם וועג? אידישער קעמפער, נ. י. סעפּט. 20, 1957.

90. האַרן, י.:
שלום אַשס שטורמישע קאָנפליקטן. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 14, 1957.

91. האַרן, י.:
אַרום אייניגע בריוו פון שלום אַש. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, סעפּט. 15, 1957.

92. האַרן, י.:
אַ ביסל אינפאָרמאַציע פון דער שריי־בער וועלט. אידישע צייטונג, בוענאָס איידעס, נאָוו. 21, 1957.

93. וו[אַלדמאַן], מ.:
שלום אַש געשטאָרבן. ארבעטער־וואָרט, פּאַריז, יולי 12, 1957.

94. וואַסערמאַן, קאַרל:
ווער איז ער? מאָרגן־פרייהייט, נ. י. נאָוו. 17, 1957.

95. ווהייט, שמואל:
אויף שלום אַשס קבר [ליד]. לשון און לעבן, לאָנדאָן, אויג. 1957, ז' 6.

96. וויינשטיין, יצחק:
ש. אַש פּראָבלעם ווערט נישט ריכטיג אויפגענומען. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 12, 1957.

97. וויץ, אברהם:
אַ קליין וואָרט וועגן גרויסן שלום אַש. אונזער שטימע, פּאַריז, אָקט. 19־20, 1957; אָקט. 21, 1957.

98. זאַק, אברהם:
דער ריז פון דער יידישער ליטעראַ־טור. (צום טויט פון שלום אַש). דער שפּיגל, בוענאָס איירעס, יולי 1957, ז"ז 2 און 16.

99. זאַק, אברהם:
דער ריז פון דער יידישער ליטעראַ־טור. (צו די שלושים פון שלום אַש). דרום־אַפריקע, יאָהאַנעסבורג, סעפּט. 1957, ז"ז 9־10.

100. זבאַר, אַ.:
שלום אַש אויף מאַלקינס ליטעראַרישן וואָרשטאַט. אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן, נאָוו. 15, 1957.

101. זינגער, ש. ד.:
שלום אַש ע"ה. אונדזער וועג, נ. י. אויג. 1957, ז"ז 16־17.

102. זינגער, ש. ד.:
י. פריילין — דער דערציילער און

קריטיקער. אונדזער וועג, נ. י. סעפט. 1957, ז״ז 16, 17.

103. זעלמאַנאָוויטש, אפרים אליעזר:
שלום אַש און י. ל. פרץ. פּאַרוועגטס, נ. י. נאָוו. 25, 1957.

104. טננבאום, ג.:
וועגן שלום אַשן. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 9, 1957.

105. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש פון דער נאָענט. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 12, 1957.

106. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש אין ליכט פון זיינע בריוו. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 14, 1957.

107. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש וועגן זיינע ביכער. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 15, 1957.

108. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש׳ס ערשטע שטורמישע יאָרן. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 17, 1957.

109. טורקאָוו, מאַרק:
מיט שלום אַש׳ן אין וואַרשע. יידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 30, 1957.

110. טורקאָוו, מאַרק:
באַגעגענישן מיט שלום אַש. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויג. 2, 1957.

111. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש צווישן אייגענע. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויג. 6, 1957.

112. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש אין קרייז פון אידישע שרייבער. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויג. 9, 1957.

113. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש צווישן פרעמדע. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויג. 13, 1957.

114. טורקאָוו, מאַרק:
אַ טראַגי־קאָמישער אַש־עפּיזאָד. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויג. 16, 1957.

115. טורקאָוו, מאַרק:
מיט אַש׳ן צווישן ווין און ציריך. אידישע פרעסע, בוענאָס איירעס, אויג. 20, 1957.

116. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש פון דער נאָענט. דער וועג, מעקסיקע, יוג. 31, 1957.

117. טורקאָוו, מאַרק:
שלום אַש צווישן אייגענע. אידישע פרעסע, ריאָ דע זשאַניערא, סעפט. 25, 1957.

118. טורקאָוו, מאַרק:
מיט אַש׳ן צווישן ווין און ציריך. אידישע פרעסע, ריאָ דע זשאַניערא, נאָוו. 1, 1957.

119. טענענבוים, ש.:
שטריכן צום פּאָרטרעט פון שלום אַש. ניויאָרקער וואָכנבלאַט, אויג. 30, 1957.

120. טראָצקי, אליהו:
אויסגעלאָשן אַ גרויסער ליטעראַרישער טאַלאַנט (צום טויט פון שלום אַש). אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 24, 1957.

121. טראָצקי, אליהו:
שלום אַש׳ס פעריאָד פון שטורם און דראַנג. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 31, 1957.

122. טראָצקי, אליהו:
שלום אַש אין צאַריסטישער פּעטערבורג. דער אמעריקאַנער, נ. י. אויג. 30, 1957, ז׳ 4.

123. טראָצקי, אליהו:
שלום אַש סקאַנדאַליזירט פּעטערבורג.

דער אַמעריקאַנער, נ. י. סעפּט. 6, 1957.

**124. טראַצקי, אליהו:**
**שלום אַש און די קאַטוילישע קירך.** דער אַמעריקאַנער, נ. י. סעפּט. 13, 1957, ז' 4.

**125. טראַצקי, אליהו:**
**שלום אַש אַלס מענש און שרייבער.** דער אַמעריקאַנער, נ. י. סעפּט. 20, 1957, ז"ז 5 און 25; אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, סעפּט. 24, 1957.

**126. טרונק, י. י.:**
**דאָס שטעטל אין פּוילן ביי שלום אַשן.** מעקסיקאַנער לעבן, אויג. 31, 1957.

**127. י. ש. י.:**
**שלום אַש והיהודי האנטי־מיליטאַריסט".** סלם־למחשבות מלכות ישראל, ירושלים, סיון תשי"ז, ז' 23.

**128. יאַנאַסאָוויטש, יצחק:**
**געשטאָרבן אין טיפן עלטער און דאָך אַביסל צו פרי... [וועגן שלום אַשן].** די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 13, 1957.

**129. יאסני, א. וואָלף:**
**געפאַלן איז אַ דעמב...** לעצטע נייעס, תל־אביב, אויג. 16, 1957.

**130. יוקלסאָן, ר.:**
**2 דערציילונגען, וואָס האָבן אויפגעשטורעמט די אידישע גאַס. „דער צלם" פון ל. שאַפּיראָ און „אין אַ קאַרניוואַל נאַכט" פון שלום אַש.** מאָרגן־פרייהייט, נ. י. יולי 22, 1957.

**131. ירדני, מ.:**
**שלום אַש ע"ה.** די שטימע, מעקסיקע, יולי 20, 1957.

**132. ירדני, מ.:**
**שלום אַש.** ניויאָרקער וואָכנבלאַט, אויג. 30, 1957, ז51 3־4.

**133. ישורין, יעפים:**
**צוויי בריוו פון יעקב דינעזאָן צו שלום אַש.** פאָרווערטס, נ. י. סעפּט. 1, 1957.

**134. כארלאש, י.:**
**שלום אַש — טויט.** אונזער צייט, נ. י. יולי־אויג. 1957, ז"ז 19־21.

**135. כארלאש, י.:**
**שלום אַש. געדאַנק.** אונזער געדאַנק, בוענאָס איירעס, אויג. 15, 1957, ז"ז 6 און 3.

**136. כהן, יעקב:**
**שלום אַש ווי אַ ווידישער שרייבער.** לעבן און טראַכטן, נ. י. 1957, ז"ז 151־159.

**137. כץ, משה:**
**שלום אַש (געשטאָרבן דעם 10טן יולי 1957).** מאָרגן־פרייהייט, נ. י. יולי 14, 1957.

**138. כץ, משה:**
**שלום אַש, דער שרייבער און מענטש.** נייע פּרעסע, פּאַריז, יולי 20־21, 1957.

**139. כץ, משה:**
**קאָן שלום אַש פאַרעכענט ווערן צווישן אונזערע קלאַסיקער?** מאָרגן־פרייהייט, נ. י. אויג. 2, 1957.

**140. כץ, משה:**
**דער רעליגיעזער גרונט־מאָטיוו ביי שלום אַשן.** יידישע קולטור, נ. י. אָקט. 1957, ז"ז 14־18.

**140—א. כץ, משה:**
**שלום אַש און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.** זאמלונגען, מום. 14, נ. י. ווינטער 1958, ז"ז 39־47.

**141. ד. ל.:**
**אַש — אשליה טרגית.** מעריב, תל־אביב, יולי 19, 1957.

**142. לביב, יעקב ח.:**
**אומטאָלעראַנץ צו שלום אַשן.** טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 10, 1957.

**143. לובינסקי, חיים יצחק:**
**איז שלום אַש געוואָרן אַ בעל־תשובה.**

סאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אָקט. 31, 1957.

**144. ליבערמאַן, חיים:**
אַ וואָרט נאָך שלום אַשן. פאָרווערטס, נ. י. אויג. 9, 1957.

**145. ליכטנשטיין, מ. ח.:**
שלום אַשס וועלט. אונזער וואָרט, פאַריז, סעפּט. 14, 1957.

**146. ליס, א.:**
ימים נוראים אין אונדזער ליטעראַטור. די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, סעפּט. 24, 1957.

**147. ליס:**
דערפּייער־זייל אין דער יידישער ליטעראַטור. שלום אש ז"ל. לעצטע נייעס, תל־אביב, אָקט. 11, 1957.

**148. ליפשיץ, אריה:**
ארץ־ישראלדיקע הערציילונגען פון שלום אַש. פאָלק און ציון, ירושלים, אויג. 7, 1957.

**149. ליפשיץ, אריה:**
דרכו של שלום אַש. דבר, תל־אביב, אויג. 26, 1957.

**150. לעבעדיקער:**
איפן ליטעראַרישן יאַריד. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. יולי 14, 1957; אויג. 4, 1957.

**151. לעהרער, ליפּע:**
שלום אש (1880—1957). קינדער זשורנאַל, נ. י. אָקט. 1957, ז"ז 11־13.

**152. לעוו, אברהם:**
שלום אַש אין אַ ניי ליכט. דרום־אפריקע, יאָהאַנעסבורג, אויג. 1957, ז"ז 12־13.

**153. לעוו, אברהם:**
שלום אַש, דער אַוועקגעבאַנגענער. (צו די שלושים פון גרויסן מייסטער) דרום־אפריקע, יאָהאַנעסבורג, סעפּט. 1957, ז"ז 28־29.

**154. לעוו, אברהם:**
שלום אַש. [ליד]. ישראל־שטימע, תל־אביב, דעצ. 12, 1957, ז' 11.

**155. לעווין, יעקב:**
שלום אַש. פרייע ארבעטער שטימע, נ. י. יולי 26, 1957, ז"ז 5 און 7.

**156. לעווין, יעקב:**
שלום אַש. (זכרונו לברכה!) אויפן וועג, נ. י. סעפּט. 1957, ז"ז 3־4.

**157. לעפּטוויטש, יוסף:**
דער באַגייסטער קאַמף אַרום שלום אַשן. פרייע ארבעטער שטימע, נ. י. יולי 26, 1957, ז"ז 3 און 7; אויג. 9, 1957, ז' 3.

**158. לעפּטוויטש, יוסף:**
עטלעכע באַמערקונגען וועגן שלום אַשס לויה. היימיש, תל־אביב, נאָוו. 15, 1957.

**159. א. מ.:**
שלום אַש. יידישער בוך קלוב. ברידזשפּאָרט, אויג.־סעפּט. 1957, ז' 8.

**160. מ. מ.:**
שלום אַש. הדואר, נ. י. יולי 26, 1957, ז' 1.

**161. מאַטיס, דוד:**
שלום אַש אין פּילמס. יידישע קולטור, נ. י. אויג.־סעפּט. 1957, ז"ז 36־39

**162. מאַנגער, איציק:**
וועגן טויט פון שלום אַש. לעצטע נייעס, תל־אביב, אויג. 16, 1957.

**163. מאַסטבוים, יואל:**
דער לעצטער בריוו פון יואל מאַסטבוים צו שלום אַש. לעצטע נייעס, תל־אביב, אויג. 9, 1957.

**163—א. מארק, ב.:**
צום טויט פון שלום אַש (1881—1957). יידישע שריפטן, נומ. 10 (125), וואַרשע, אָקט. 1957, ז"ז 1־2.

**164. מאַרק, יודל:**
שלום אַש (1880—1957). קולטור

און דערציאונג, נ. י. אָקט. 1957, ז״ז 2־4.

165. מילער, דר. שמואל:
וועגן שלום אַש׳ס „נאַזאַרין״. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אָקט. 27, 1957.

166. מינקין, דר. י.:
אַש האָט גרויסע פּאַרדינסטן. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 8, 1957.

167. מייזיל, נחמן:
שלום אַש. יידישע קולטור, נ. י. אויג. סעפּט. 1957, ז״ז 10־20.

168. [מייזיל, נחמן]:
פון חודש צו חודש. יידישע קולטור, אויג.־סעפּט. 1957, ז״ז 65, 66; אָקט. 1957, ז״ז 57־58; נאָוו. 1957, ז׳ 56; דעצ. 1957 ז׳ 65.

169. מלאָטעק, יאָסל:
דער שדים־טאַנץ פון די „פּראַגרע־סיוועס״ אַרום דעם אָנדענק פון שלום אַשן. קולטור און דערציאונג, נ. י. אָקט. 1957, ז׳ 11.

170. מלאָטעק, יאָסל:
דער פּראָגרעסיווער שדים־טאַנץ אַרום שלום אַשן. אונזער שטימע, פּאַריז, נאָוו. 8, 1957.

171. מעלניק, נחום:
שלום אַש איז געווען אַ גוטער ייד. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 7, 1957.

172. מענעס, א.:
שלום אַש. פּאָרווערטס, נ. י. יולי 21, 1957.

173. מענעס, א.:
דער אידישער שרייבער און דער אידישער לייענער... דער ביישפּיל מיט שלום אַש. פּאָרווערטס, נ. נ. אויג. 11, 1957.

174. מעסטל, יעקב:
שלום אַשס ווערק אויף דער בינע. יידישע קולטור, נ. י. אויג.־סעפּט. 1957, ז״ז 24־30; אָקט. 1957, ז״ז 19־24.

175. נאָוויק, פּ.:
שלום אַש. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. יולי 18, 1957.

176. נאָוויק, פּ.:
„דערלאַנגט״ אַש׳ן. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. דעצ. 19, 1957.

177. נאָוויק, פּ.:
נאָך וועגן אַשן. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. יאַנ. 1, 1958.

178. נאָקס, עזריאל:
שלום אַש. (אויפן פרישן קבר). צו־קונפט, נ. י. סעפּט. 1957, ז״ז 308־309.

179. נחמן, לייב:
שלום אַש. „זיין״, נ. י. נאָוו. 1957, ז״ז 51־52.

180. ניגער, ש.:
דער היטער פון וואַלד — וועגן דעם געפאַלענעם בוים. שמואל ניגער וועגן שלום אַש. אונזער וואָרט, בוענאָס איירעס, אויג. 9, 1957, ז״ז 5־6.

181. ניעמאַי, פּ.:
„קידוש השם״, פון שלום אַש. איי־דישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 25, 1957.

182. ניימאַרק, ד.:
שלום אַש. דער וועקער, נ. י. אויג. 1, 1957, ז״ז 5־6.

183. ניימאַרק, ד.:
שלום אַש — זיין לעבן און שאַפן. אונזער שטימע, פּאַריז, אויג. 24־25, 1957.

184. נעסין, דזשאַרדזש:
שלום אַש — דער נישט־פאַרשטאַ־נענער. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 8, 1957.

185. סאָסמאַן, שמואל מרדכי:
שלום אַש און אלישע בן אבויה. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 19, 1957.

186. סאַפּאָזשניקאָוו, גרשון:
שלום אַשס שליחות אין דער יידישער ליטעראַטור. אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס איירעס, מאַי־יוני, 1957, ז׳ 8.

187. סומער, נחום:
אַ וואָרט וועגן שלום אַשן. אויפסניי, נ. י. העפט 17, האַרבסט, 1957, ז״ז 3־4.

188. סונגולובסקי, הרב אהרן גרשון:
שלום אַש׳ס חטא... טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 28, 1957.

189. סימכאָוויטש, ש.:
שלום אַש. [ליד] קענעדער אַדלער, מאָנטרעאַל, יולי 29, 1957.

190. סיימאַן, דר. שלמה:
וואָרצלען, צווייגן און פּרוכט. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 21, 1957.

191. סיימאַן, שלמה:
ביי דער לויה פון אַ יידישן שרייבער [ש. ניגער]. אונזער וועג, שיקאַגאָ, סעפּט. 1957, ז׳ 7.

192. ספּאַרד, דוד:
דער ריז [שלום אַש]. פּאָלקס־שטימע, וואַרשע, יולי 20, 1957.

193. ספּאַרד, דוד:
דער ריז [שלום אַש). אידישע שטימע, לאָנדאָן, אויג. 16, 1957.

194. עובד, משה:
שלום אַש. הארץ, תל־אביב, יולי 9, 1957.

195. עובד, משה:
שלום אַש. לשון און לעבן, לאָנדאָן, אויג. 1957, ז״ז 20־22.

196. פּ־ק:
געשטאָרבן דער יידישער שרייבער שאָלעם אַש. לאַנדסמאַנשאַפטן, בוענאָס איירעס, יולי 16, 1957, ז׳ 9.

197. פּאָגאָרעלסקי, מרדכי:
וועגן שלום אַש׳ן. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 28, 1957.

198. פּאָטאַש, ריקודה:
ר׳ שלמה נגיד וועט פאַר אים תהילים זאָגן! היימיש, תל־אביב, יולי־אויג. 1957, ז׳ 4.

199. פּאָנער, יצחק:
די לעצטע נאָטיצן [פון שלום אַש]. לעצטע נייעס, תל־אביב, אויג. 9, 1957.

200. פּאָנער, יצחק:
בת־ים און שלום אַש. ישראל־שטימע, תל־אביב, אויג. 22, 1957, ז׳ 11.

201. פּאָנער, יצחק:
בת־ים אָן שלום אַש. ישראל־שטימע, תל־אביב, סעפּט. 22, 1957.

202. פּרח־קוויטני, צבי:
שלום אַש אין אַ שול פאַר קינדער. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. נאָוו. 14, 1957.

203. פינקעלשטיין, דר. ז. כ.:
דער סכסוך אַרום שלום אַש. אידישע שטימע, לאָנדאָן, יולי 26, 1957.

204. פייגענבערג, רחל:
שלום אַש און די יידן פון זיין צייט. לעצטע נייע, תל־אביב, סעפּט. 9, 1957; סעפּט. 13, 1957; סעפּט. 20, 1957.

205. פלינט, מרדכי (חלמיש):
שלום אַש. אידישע צייטונג, ריאָ דע זשאַנייראָ, אויג. 9, 1957.

206. פעדער, ב.:
עפּיזאָדן פון שלום אַש׳ס לעבן. לעצטע נייעס, תל־אביב, אויג. 9, 1957.

207. פריד, י.:
ביי שלום אַש׳ן אין קאָנעטיקוט. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. יולי 17, 1957.

208. צאַנין, מ.:
געשטאָרבן שלום אַש. היינטיקע נייעס, תל־אביב, יולי 11, 1957.

209. צודיקער, י.:
שלום אַשס וועג אין דער יידישער ליטעראַטור. אַרגענטינער לעבן, בוע־נאָס איירעס, אויג. 15, 1957, ז׳ 5.

210. קאַהאַן, סאַלאָמאָן:
וועלכער שלום אַש? די שטימע, מעק־סיקע, יולי 20, 1957.

211. קאַזדאַן, ח. ש.:
דער נביא פון צער און טרייסט. שלום אַש — „דער נביא". אונזער צייט, נ. י. יוני 1957, ז״ז 37־39; אויג. 1957, ז״ז 37־39.

212. קאַזדאַן, ח. ש.:
געפאַלן דער ריז פון דער יידישער ליטעראַטור. [שלום אַש] פאַראויס, מעקסיקע, אויג. 1957, ז״ז 2־4.

213. קאַזדאַן, ח. ש.:
וואָס אַש איז געווען פאַר דער יידי־שער ליטעראַטור פאַראויס, מעקסיקע, אָקט. 1957, ז״ז 40־42.

214. קאַזדאַן, ח. ש.:
שלום אַש אין דער יידישער ליטע־ראַטור. דער וועג, מעקסיקע, אָקט. 26, 1957; אָקט. 29, 1957.

215. קאַפּלאַן, ביילע:
שלום אַש [ליד]. טאָג־מאָרגען זשור־נאַל, נ. י. סעפּט. 12, 1957

216. קאָרנהענדלער, יחזקאל:
שלום אַש אויף יאַפּאַנזיש. אונזער שטימע, פּאַריז, סעפּט. 7־8, 1957.

217. קאָרנהענדלער, יחזקאל:
זשיל איזאַק און... שלום אַש. אונ־זער שטימע, פּאַריז, דעצ. 18, 1957.

218. קצנלסון, גדעון:
לדמותו של שלום אַש. הארץ, תל־אביב, יולי 9, 1957.

219. קרוגלי, אהרן:
שלום אַש האָט געווינדיקט קעגן יידן. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 20, 1957.

220. ר־ן, י.:
שלום אַש געשטאָרבן. אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן, יולי 12, 1957.

221. ראַבינאָוויטש, ס.:
70 טויזנט אידישע ביכער אין דער לענין־ביבליאָטעק. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. נאָוו. 10, 1957.

222. ראָגאָף, הלל:
שלום אַש׳ס אידישע און גויאישע קאַריערעס. פאָרווערטס, נ. י. יולי 18, 1957.

223. רבינוביץ, ישעיה:
שלום אַש. הדואר, נ. י. יולי 26, 1957, ז״ז 608־609.

224. ראַוויטש, מלך:
שבחי שלום אַש. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 21, אויג. 25, 17 און סעפּט. 1, 1957.

225. ראַוויטש, מלך:
שבחי שלום אַש. אידישע צייטונג, ריאָ דע זשאַנייראָ, יולי 26, אויג. 2 און 16, 1957.

226. ראַוויטש, מלך:
שבחי אַש. אונזער וואָרט, פּאַריז, יולי 27, 31 און אויג. 9, 10, 17 און 19, 1957.

227. ראַוויטש, מלך:
זכרונות וועגן שלום אַש. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, יולי 28, אויג. 1, 8, 18 און 20, 1957.

228. ראַוויטש, מלך:
שבחי שלום אַש. לעצטע נייעס, תל־אָביב, אויג. 9 און 23, 1957.

229. ראַוויטש, מלך:
שבחי שלום אַש. אויסטראַלישע יידי־שע נייעס, מעלבורן, אויג. 9, 16, 23, 30, און סעפּט. 6, 13, 1957.

230. ראַוויטש, מלך:
„כאַליאַסטרע". אידישער קעמפער, נ. י. סעפּט. 20, 1957, ז׳ 77.

231. ראַוויטש, מלך:
ויהי אחרי מות שלום אַש. פרייע

ארבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 18, 1957, ז' 5.

232. **ראַוויטש, מלך:**
אַ חברישע אַנטשולדיקונג. פרייע ארבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 15, 1957, ז' 7.

233. **ראָזענבערג, שלמה:**
צען יאָר מיט שלום אַש. האַלץ אינ־דוסטריאַל, בוענאָס איירעס, 1956, אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס איירעס, מאַי־יוני, 1957, ז"ז 1, 13 און 21.

234. **ראָזענבערג, שלמה:**
וואָס ווילט איר פון שלום אַשן? היימיש, תל־אביב, יוני 14, 1957, ז' 10.

235. **ראָזענבערג, שלמה:**
מיין ערשטער קאָנטאַקט מיט שלום אַשן. פרייע ארבעטער שטימע, נ. י. יולי 26, 1957, ז"ז 5 און 7; יידישע שריפטן, ווארשע, סעפט. 1957, ז' 4.

236. **ראָזענבערג, שלמה:**
אַ דעמב אין דער יידישער ליטעראַטור איז געפאַלן! קענעדער אָדלער, מאָנט־רעאַל, יולי 26, 1957; די פרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 28, 1957.

236—א. **[ראָזענבערג, שלמה] שין רעגי:**
נישטאָ מער שלום אַש. אויפסניי, העפט 17, נ. י. הארבסט 1957, ז"ז 17־19.

237. **ראָזענבערג, שלמה:**
שלום אַש פון דער נאָענט. היימיש, תל־אביב, סעפט. 1957, ז"ז 9 און 25; דער וועג, מעקסיקע, נאָוו. 30, 1957.

238. **ראָזענבערג, שלמה:**
זשורנאַליסטישער קוריאָז. דער אַמע־ריקאַנער, נ. י. נאָוו. 15, 1957, ז' 14.

239. **ראָזשאַנסקי, שמואל:**
שלום אַש. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 11, 1957.

240. **ראָזשאַנסקי, שמואל:**
שלום אַשעס לעצטע עפּענטלעכע אויפטריט. צוקונפט, נ. י. סעפט. 1957, ז"ז 310־312.

241. **ראָזשאַנסקי, שמואל:**
דאָס לעצטע אויפטריט פון שלום אַש. דאָס יידישע וואָרט, סאַנטיאַגאָ, אָקט. 25, 1957.

242. **ראָזשאַנסקי, שמואל:**
הלל ראַגאַף צו די 75, פון אַ שטילן רעדאַקטאָר אין אַ ראשיקער צייטונג. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, דעצ. 13, 1957; דער וועג, מעקסיקע, דעצ. 31, 1957.

243. **ראַפּאַפּאָרט, דוד:**
ליטעראַטור און לעבן — ליטעראַטן און פאָלק. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפט. 21, 1957.

244. **ש.:**
קוטנע — שלום אַשס געבורטס שטעטל — באַערט דעם אָנדענק פון גרויסן יידישן שרייבער. פאָלקס־שטימע, ווארשע, אָקט. 10, 1957.

245. **ל. ש.:**
שלום אַש [לייטאַרטיקל]. אַפריקאַנער יידישע צייטונג, יאָהאַנעסבורג, יולי 19, 1957.

246. **ק. ש.:**
צום אָנדענק פון שלום אַש. פאָלקס־שטימע, ווארשע, יולי 27, 1957.

247. **שאָולזאָן, אב.:**
„שלום אַש פון דער נאָענט" — ניי בוך פון שלמה ראָזענבערג שוין אַריין אין דרוק. יידישע שריפטן, באַנד 8, העפט 3־4 (31־32) נ. י. 1957, ז' 65.

248. **שוחט, רבקה:**
מ'דאַרף געדענקען אַש'ן פאַר זיינע אידישע ווערק. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י. אויג. 7, 1957.

249. **שולמאַן, אברהם:**
שלום אַש אונזער שטימע, פאַריז, יולי 13־14, 1957.

**250. שולמאַן, אברהם:**
**און איצט, אַז שלום אַש איז שוין טויט...** אונזער שטימע, פּאַריז, אויג. 14־15, 1957.

**251. שולמאַן, אברהם:**
**שלום אַש.** פרייל׳אַנד, פּאַריז, אָקט.־דעצ. 1957, ז״ז 14־15.

**252. שולמאַן, אברהם:**
**דער לעצטער ראָמאַן פון שלום אַשן.** מעקסיקאַנער לעבן, נאָוועמבער 16, 1957.

**253. שולמאַן, אברהם:**
**דער נייער ראָמאַן פון שלום אַש: „דער נביא״.** אונזער שטימע, פּאַריז, יוני 8־10, 1957.

**254. שולמאַן, אליהו:**
**שלום אַש.** אויפן שוועל, נ. י. יוני־אויג. 1957, ז״ז 17־19.

**255. שולמאַן, אליהו**
**ווען שלום אַש איז שוין טויט.** דער וועקער, נ. י. סעפּט. 1, 1957, ז״ז 15־16.

**256. שוואַרץ, מאָריס:**
**שלום אַש — אַ זייל פון קונסט־טעאַטער.** אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יולי 23, 25, 26, 28, אויג. 1, 5, 7, 11, 1957.

**257. שוואַרץ, מאָריס:**
**שלום אַש ווי איך האָב אים געקענט.** קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, דעצ. 18, 19, 22, 26, 27, 29, 1957. יאַנ. 3, 1957.

**258. שטיין, א. ש.:**
**נישט אויסגעהאַלטענע אַרגומענטן!** היימיש, תל־אביב, יוני 14, 1957, ז׳ 9.

**259. שטיין, יוסף:**
**אחד העם און שלום אַש.** טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 14, 1957.

**260. שטענצער, א. ב.:**
**שלום אַש. (צו די שלושים פונעם גרויסן אידישן שריפטשטעלער.** אידי־שע שטימע, לאָנדאָן, אויג. 16, 1957.

**261. שטערן, שלום:**
**באַמערקונגען און מיינונגען וועגן שלום אַשן.** וואָכנבלאַט, טאָראָנטאָ, יולי 4, 11, 18, 25, אויג. 15 און 22, 1957.

**262. שטערן, שלום:**
**די אידישע פּרעסע און דער טויט פון שלום אַש׳ן.** מאָרגן־פרייהייט, נ. י. סעפּט. 1, 1957.

**263. שטערן, שלום:**
**דערמאָנונגען און מיינונגען וועגן שלום אַש.** וואָכנבלאַט, טאָראָנטאָ, נאָוו. 21, 1957.

**264. שידלאָווסקי, שלמה:**
**שלום אַש בעת די סיני־טעג אין ישראל.** קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, אויג. 11, 1957; דער וועג, מעקסיקע, סעפּט. 14, 1957.

**265. שעלווין, ב.:**
**צום טויט פון שלום אַש. (מיין לעצטע באַגעגעניש אין ניס מיטן גרויסן יידישן שרייבער).** נייע פּרעסע, פּאַריז, יולי 13־14, 1957; פאָלקס־שטימע, וואַרשע, יולי 20, 1957.

**266. שמן, ב.:**
**שלום אַש.** ניויאָרקער וואָכנבלאַט, אויג. 30, 1957, ז״ז 3־4.

**267. שעפנער, ב.:**
**שלום אַש — פון קוטנע ביז נצרת.** פאָרווערטס, נ. י. יולי 20, 1957; די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 27, 1957.

**268. שעק, אהרן:**
**שלום אַש אין פּאַריז, מיט 45 יאָר צוריק.** מאָרגן־פרייהייט, נ. י. דעצ. 4, 1957.

**269. שער, דוד:**
**די טראַגעדיע פון שלום אַש, ז״ל.** די ציוניסטישע שטימע, פּאַריז, אָקט. 16, 1957.

270. שערמאַן, פּאָול:
שלום אַש און די פּוילישע אידענטום.
פאָרווערטס, נ. י. יאַנ. 6, 1958.

271. שערער, משה:
אַש און „אידישע ווירדע". דאָס אי־
דישע פאָלק, תמוז, תשי"ג—1957,
ז"ז 2־3; דאָס אידישע וואָרט, נ. י.
תמוז, אויג. 1957.

272. שערער, משה:
שלום אַש — אַ נייער עבודה זרה.
אידישער זשורנאַל, נ. י. אויג. 14,
1957.

273. שפּיגל, ישעיהו:
שטריכן צו זיין שעפערישקייט [שלום
אַש] לעצטע נייעס, תל־אביב, אויג.
9, 1957.

274. שקליאַרעק, מ.:
איינדרוקספולע פאַרזאַמלונג אין וואַר־
שע צום אָנדענק פון שלום אַש׳ן.
מאָרגן־פרייהייט, נ. י. אויג. 22, 1957.

# נאָטיצן און לייטאַרטיקלען וועגן שלום אַשם טויט אין צייטונגען און זשורנאַלן

275. „אויסטראַלישע יידישע נייעס",
מעלבורן, סעפט. 13, 1957; שלום
אַש טרויער אָוונט.

276. „אויסטראַלישע יידישע נייעס",
מעלבורן, נאָוו. 1, 1957: „דער וועג פון
שלום אַש". [רעפעראַט פון ד. ב.
מאַלקין].

277. „אונדזער געדאַנק", בוענאָס איירעס,
יולי 20, 1957: דער טויט פון שלום
אַש — אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר
דער יידישער ליטעראַטור.

278. „אונדזער האָריזאָנט", ניו יאָרק,
נאָוו. 1957, ז' 42: ווערטער פון צער
און טרויער.

279. „אונדזער וואָרט", פאַריז, יולי 13,
1957: די לוויה פון שלום אַש אין
לאָנדאָן.

280. „אונזער וואָרט", פאַריז, סעפט.
14, 1957: אַש טרויער־אָוונט ביי די
קוטנער.

281. "אונזער וואָרט", פאַריז, סעפט.
14,1957: אַ קויל דיר אין קאָפּ,
שלום אַש.

282. „אונזער צייט", ניו יאָרק, סעפט.
1957, ז' 50: שלום אַש־אָוונט.

283. „אונזער שטימע", פאַריז, יולי 12,
1957: טרויער אין דער יידישער וועלט
נאָכן טויט פון שלום אַש.

284. „אונזער שטימע", פאַריז, יולי 13־
14, 1957: נעכטן איז פאַרגעקומען די
לויה פון שלום אַש.

285. „אונזער שטימע", פאַריז, נאָוו. 15,
1957: שלום אַש אָוונט ביי די מאַר־
שאַנעס און קליינהענדלער.

286. „אידישע וואָרט", וויניפעג, יולי 12,
1957: שלום אַש געשטאָרבן.

287. „אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס,
יולי 11, 1957: טרויער־זיצונג נאָך
שלום אַש אין שרייבער־פאַראיין „ה.
ד. נאָמבערג".

288. „אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס,
יולי 11, 1957: געשטאָרבן שלום אַש.

889. „אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס,
יולי 11, 1957: שלום אַש׳ס בראשית,
דערצעהלט פון אים אַליין.

289. „אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס,
יולי 11, 1957: עס איז געפאַלן דער
טיטאַן פון דער אידישער ליטע־
ראַטור.

291. „אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, יולי 17, 1957: היינט, דער אזכרה־אַקט נאָך שלום אַש.

292. „אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, אויג. 4, 1957: שלום אַש'ס „קידוש השם" אין מאָריס שוואַרצ'ס קונסט־טעאַטער.

293. „אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, אויג. 27, 1957: ש. אַשס „אַנקעל מאָזעס" אין מ. שוואַרצ'ס קונסט־טעאַטער.

294. „אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, אָקט. 2, 1957: קולטור־הויז „שלום אַש" אין ישראל.

295. „אידישע שטימע", לאָנדאָן, יולי 12, 1957: שלום אַש, ע"ה.

296. „אידישע שטימע", לאָנדאָן, יולי 19, 1957. די לויה פון שלום אַש, עליו השלום.

297. „אידישע שטימע", לאָנדאָן, יולי 26, 1957: שלום אַש אַקאַדעמיע אין וואַרשע.

298. „אידישע שטימע", לאָנדאָן, אויג. 30, 1957: טרויער אַקאַדעמיע נאָך שלום אַש.

299. „אידישע שטימע", לאָנדאָן, נאָוו. 22, 1957: וויכוח אַרום שלום אַש נאָך אַלץ אויף דער טאָג־אָרדנונג.

300. „אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, יולי 11, 1957: שלום אַש שטאַרבט פּלוצלונג אין לאָנדאָן.

301. „אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, יולי 12, 1957: שלום אַש'ס וועג פון שטעטל צום „נאַזאַרין". ביאָגראַפישע שטריכן פון פאַרשטאָרבענעם.

302. „אידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, יולי 12, 1957: שלום אַש לויה היינט; וועט באַגראָבן ווערן אין טלית „ווי אַ פשוטער איד".

303. „אידישער קעמפער", ניו יאָרק, יוני 19, 1957: שלום אַש. [לייטאַרטיקל].

304. „אילוסטרירטע וועלט", תל־אביב, יולי 17, 1957, ז' 1: געפאַלן דער אָדלער — שלום אַש (1880־1957).

305. „אילוסטרירטע וועלט", תל־אביב, אויג. 14, 1957, ז' 16: שלום אַש וועגן ארץ־ישראל.

306. „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלע־טער", בוענאָס איירעס, סעפּט־אָקט. 1957, ז' 10: טרויער־אַקאַדעמיע נאָך שלום אַש.

307. „אַמעריקאַנער" (דער), ניו יאָרק, נאָוו. 22, 1957: „שלום אַש פון דער נאָענט", — ניי בוך פון שלמה ראָזענבערג שוין אַרויין אין דרוק.

308. „אַפריקאַנער אידישע צייטונג", יאָהאַנעסבורג, יולי 12, 1957: גע־שטאָרבן שלום אַש.

309. „אַפריקאַנער אידישע צייטונג", יאָהאַנעסבורג, אויג. 2, 1957: אַ טרויער אָוונט נאָך שלום אַש אין וואַרשע.

310. „אַרגענטינער ביימעלע", בוענאָס איירעס, יולי־אויג. 1957, ז' 23: גע־שטאָרבן שלום אַש.

311. „אַרגענטינער לעבן", בוענאָס איי־רעס, אויג. 15, 1957, ז' 3: שלום אַשס „קידוש השם" — גרויסער דער־פאָלג אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער.

312. „גערעכטיקייט", ניו יאָרק, אויג. 1957, ז' 12: שלום אַש.

313. „דבר", תל־אביב, יולי 11, 1957: שלום אַש נפטר.

314. „הארץ", תל־אביב, יולי 11, 1957: שלום אַש נפטר בלונדון.

315. „הארץ", תל־אביב, אויג. 30, 1957: שלום אַש — משורר של פולין.

316. „היימיש", תל־אביב, סעפּט. 1957, ז' 11: שלום אַש, איציק מאַנגער און ברוינינג.

317. „היינטיקע נייעס", תל־אביב, יולי 14, 1957: יידישע שרייבער־פאַראיין איז מספיד דעם נפטר שלום אַש.

318. „וואָכנבלאַט", טאָראָנטאָ, יולי 11, 1957: געשטאָרבן שלום אַש.

319. „זאַמלונגען", ניו יאָרק, העפט 13, זומער 1957, ז' 6: מעלדונג פון דער רעדאַקציע, אַז אין די קומענדע נומערן וועלן געדרוקט ווערן אַש'ס דערציילונגען. אויף דער 1טער זייט שלום אַשס בילד.

320. „חשבון", לאָס אַנגעלעס, סעפּט. 1957: אונדזערע גרויסע אבידות.

321. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", ניו יאָרק, יולי 11, 1957: שלום אַש געשטאָרבן.

322. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", ניו יאָרק, יולי 12, 1957: היינט שלום אַש לויה.

323. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל" ניו יאָרק, אויג. 1, 1957: שלום אַש'ס קערפּער וועט געשיקט ווערן קיין ישראל.

324. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", ניו יאָרק, נאָוו. 14, 1957: אידישער פ.ע.ג. קלוב פירט־דורך אַ הזכרה נאָך שלום אַש.

325. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", ני ויאָרק, נאָוו. 17, 1957: „שלום אַש פון דער נאָענט" — נײַ בוך פון שלמה ראָזענבערג שוין אַריין אין דרוק.

326. „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", ניו יאָרק, דעצ. 21, 1957: שלום אַש לאָזט איבער זיין גאַנץ פאַרמעגן צו זיין פרוי אין ניו יאָרק; זיין הויז, ביי תל־אביב, געלאָזט צו דער שטאָט.

327. „יידישע וואָרט" (דאָס), וויניפּעג, אויג. 2, 1957: שלום אַש [לייט־אַרטיקל].

328. „יידישע וואָרט" (דאָס), סאַנטיאַגאָ, יולי 19, 1957: נישטאָ מער דער טיטאַן פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס פריצייטיקע אַוועקגיין פון שלום אַש.

229. „ידיעות פון ייווא", ניו יאָרק, נומ. 66, דעצ. 1957, ז' 8: שלום אַש.

330. „יידישע קולטור", ניו יאָרק, אויג.־סעפּט. 1957, ז"ז 32־33: שלום אַש און דער איקוף.

331. „יידישע קולטור", ניו יאָרק, אויג.־סעפּט. 1957, ז' 68: שלום אַש אָוונט צו די שלושים.

331—א. „יידישע שריפטן", וואַרשע, אָקט. 1957, ז' 1. שלום אַש'ס בילד און זיין רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן פּען־קאָנגרעס אין 1929.

332. „ישראל שטימע", תל־אביב, יאַנ. 2, 1958, ז' 11: שלום אַש — הויז אין בת־ים.

333. „ישראל שטימע", תל־אביב, אויג. 1, 1957: שלום אַש'ס הויז אין בת־ים אַ קולטור־הויז.

334. „ישראל שטימע", תל־אביב, אויג. 15, 1957, ז' 14: צו די שלושים פון שלום אַש ז"ל.

335. „יידישע שריפטן", וואַרשע, אויג. 1957, ז' 1: שלום אַש 1880־1957.

336. „לשון און לעבן", לאָנדאָן, אויג. 1957, ז' 1־6: נאָכן אָרון פון שלום אַש.

337. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, יולי 11, 1957: שלום אַש געשטאָרבן נעכטן אין לאָנדאָן.

338. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, יולי 12, 1957: שלום אַש. [לייט־אַרטיקל].

339. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, יולי 18, 1957: אידישער שרייבער פאַראיין ערט אָנדענק פון שלום אַש היינט ביי מיטינג.

340. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, אויג. 11, 1957: שלום אַש מעמאָריאַל מיט־וואָך אין טאַימס סקווער האָטעל.

341. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, אויג. 12, 1957: שלום אַש מעמאָריאַל־פאַרזאַמלונג היינטיקן מיטוואָך, 7 אַזייגער.

342. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, אויג. 13, 1957: נחמן מייזיל און יעקב מעסטל ביי שלום אַש מעמאָריעל מאָרגן.

343. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, אויג. 14, 1957: שלום אַש מעמאָריעל היינט, מיטוואָך אָוונט.

344. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, סעפּט. 16, 1957: שלום אַש אָנדענק אָוונט דעם 16טן אָקטאָבער אין לאָס אַנ־דזשעלעס.

345. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, סעפּט. 18, 1957: משה כץ וועגן שלום אַש — שבת ביי „זאַמלונגען"־פייערונג.

346. „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, אָקט. 28, 1957: שלום אַש אָנדענק ווערט געערט אין קוטנע, פּוילן.

347. „מעקסיקאַנער לעבן", מעקסיקע, יולי 13, 1957: שלום אַש איז גע־שטאָרבן אין עלטער פון 76 יאָר.

348. „מעקסיקאַנער לעבן", מעקסיקע, יולי 20, 1957: שלום אַשס אָנדענק איז באַערט געוואָרן דורכן יידישן צענטראַל־קאָמיטעט.

349. „מעקסיקאַנער לעבן", מעקסיקע, אויג. 3, 1957: דער אָנדענק־אָוונט לכבוד שלום אַש ע"ה.

350. „מעקסיקאַנער לעבן", מעקסיקע, סעפּט. 1, 1957, פּ' 11: אינטערעסאַנ־טער רעפעראַט פון ה' נחמן מייזיל. וועגן שלום אַשן.

351. „נייע יידישע צייטונג", מינכען, יולי 19, 1957: שלום אַש.

352. „נייע פּרעסע", פּאַריז, יולי 13־14, 1957: די לוויה פון שלום אַש.

353. „נייע פּרעסע", פּאַריז, סעפּט. 21־22, 1957: די אָנדענק־אַקאַדעמיע לכבוד שלום אַש.

354. „נייע פּרעסע", פּאַריז, דעצ. 7־8, 1957: שלום אַש אַקאַדעמיע.

354—א. „נייע פּרעסע", פּאַריז, דעצ. 21־22, 1957: די שלום אַש־אַקאַדעמיע אין מאָדערן.

355. „די פּרעסע", בוענאָס איירעס, יולי 11, 1957: שלום אַש — דער גרויסער יידישער שרייבער נפטר געוואָרן אין לאָנדאָן.

356. „די פּרעסע", בוענאָס איירעס, יולי 12, 1957: געשטאָרבן שלום אַש.

357. „די פּרעסע", בוענאָס איירעס, יולי 16, 1957: מאָרגן שלום אַש־אזכרה אין קהילה־זאַל.

358. „די פּרעסע", בוענאָס איירעס, נאָוו. 20, 1957: „שלום אַש פון דער נאָענט" פון שלמה ראָזענבערג שוין אַריין אין דרוק.

359. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, יולי 13, 1957: געשטאָרבן שלום אַש.

360. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, יולי 27, 1957: קולטור־הויז א. נ. פון שלום אַש אין בת־ים.

361. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, סעפּט. 5, 1957: טרויער־אַקאַדעמיע אין לאָנ־דאָן לכבוד שלום אַש.

362. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, סעפּט. 17, 1957: גרויסער אָוונט צום אָנדענק פון שלום אַש אין ניו יאָרק.

363. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, סעפּט. 17, 1957: וועלט־קאָנגרעס פון „פּען" קלוב באַערט שלום אַשן.

364. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, סעפּט. 28, 1957: אין פּאַריז צום אָנדענק פון שלום אַש.

365. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, סעפּט. 28, 1957: „קידוש השם" — אין דער אויפפירונג פון מאָריס שוואַרץ אין בוענאָס איירעס.

366. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, אָקט. 12, 1957: דאָס הויז פון שלום אַש — קולטור געזעלשאַפטלעכער אַנשטאַלט.

367. „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, דעצ. 14. 1957: גרויסער שלום אַש־אָוונט אין ריאָ דע דזשאַנייראָ.

368. „פּאַראויס", מעקסיקע, אויג. 1957, ז' 8: שלום אַש אָנדענק־אָוונט.

369. „פאַראויס״, מעקסיקע, סעפּט. 1957: שלום אַש אָנדענק־אָוונט.

370. „פאָרווערטס״, ניו יאָרק, יולי 11, 1957: שלום אַש געשטאָרבן.

371. „פאָרווערטס״, ניו יאָרק, יולי 12, 1957: היינט די לויה פון שלום אַש אין לאָנדאָן.

372. „פאָרווערטס״, ניו יאָרק, יולי 19, 1957: שלום אַש געבראַכט צו קבורה אין אַ טלית: 150 ביי לויה.

373. „פאָרווערטס״, ניו יאָרק, אויג. 13, 1957: זעקס גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציעס אַראַנזשירן מעמאָריעל נאָך שלום אַש.

374. „פאָרווערטס״, ניו יאָרק, אָקט. 2, 1957: שלום אַש׳ס הויז אין ישראל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קולטור־הויז.

375. „פאָרווערטס״, ניו יאָרק, אָקט. 13, 1957: שלום אַש הזכרה ביים אידישן פען־קלוב היינט אָוונט.

376. „פריילאַנד״, פּאַריז, יולי־סעפּט. 1957, ד׳ 1: שלום אַש.

377. „פרייע אַרבעטער שטימע״, ניו יאָרק, יולי 26, 1957, ד׳ 8: שלום אַשס לויה.

378. „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, יולי 11, 1957: שלום אַש געשטאָרבן.

379. „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, יולי 12, 1957: שלום אַש ע״ה [לייט־אַרטיקל].

380. „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, אויג. 16, 1957: שלום אַש זכרונו לברכה.

381. „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, דעצ. 9, 1957: „שלום אַש פון דער נאָענט״.

382. „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, נאָוו. 11, 1957: אַ ויכוח וועגן שלום אַש.

383. „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, נאָוו. 20, 1957: אינטערעסאַנטער וויכוח איבער שלום אַש ביים שרייבער־פאַראיין.

384. „שטימע״ (די), מעקסיקע, יולי 13, 1957: שלום אַש געשטאָרבן אין לאָנדאָן.

385. „שטימע״ (די), מעקסיקע, יולי 13, 1957: צום טויט פון שלום אַש.

386. „שטימע״ (די), מעקסיקע, אויג. 10, 1957: צו די שלושים נאָכן טויט פון גרויסן ייד. שריפטשטעלער שלום אַש.

387. „שפּיגל״ (דער), בוענאָס איירעס, יולי 1957, ד׳ 1: שלום אַש — דער באַרימטסטער יידישער שרייבער פון אונדזער דור — נפטר געוואָרן אין לאָנדאָן.

## אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן שלום אַשן אין פרעמדע שפּראַכן

390. **Bakalczuk-Felin, M.:** Sholem Asch (1880-1957). Jewish Affairs, Johannesburg, August 1957. P. 27-30.

391. **Brotman, A. G.:** Sholem Asch. The Gates of Zion, London, October 1957. P. 35-37.

392. **Cang, Joel:** An Eye Witness' Account of Sholem Asch's Funeral. The Daily Hebrew Journal, Toronto, July 24, 1957.

393. **Dobzynski, Charles:**
Sur La Litterature Yiddish. Europe. Paris, Septembre 1957. Presse Nouvelle. Paris, Sept. 28, 29, 1957.

394. **Feldberg, Leon:**
Sholem Asch Was An Intellectual Giant With An Overpowering Personality. Southern African Jewish Times, July 19, 1957.

395. **Finkelstein, Sidney:**
Sholem Asch. A Symposium. Jewish Currents, New York, January 1958. P. 12-15.

396. **Gartner, E. K.:**
Zum Tode von Schalom Asch. Neue Welt, Wien, August 1957. Seite 7.

397. **Gershater, C.:**
Sholem Asch Ranged Far And Wide. The Zionist Record, Johannesburg, July 19, 1957.

398. **Golding, Louis:**
Sholem Asch (1880-1957). The Jewish Quarterly, London, No. 2/18, Autumn, 1957. P. 11-12.

399. **Grayzel, Solomon**
Sholom Asch: Defeatist? Rochester Jewish Ledger, November 22, 1957.

400. **Herman, Joseph:**
The Humanitarian. The Jewish Quarterly, London, No. 2-18, Autumn, 1957. P. 15.

401. **Herman, Makso:**
Salom As. Bilten Saveza Jevrejskih Opstina Jugoslavije. Beograd, Juli-Avgust 1957. P. 15-16.

402. **Isolani, Gertrud:**
Begegnung mit Schalom Asch. Israelitisches Wochenblatt, Zurich, 26 Juli-2 August 1957. Seite 47.

403. **Katz, Moishe:**
Sholem Asch, 1880-1957. Jewish Life, New York, September 1957. P. 3-5.

404. **Katz, Mordechai:**
Jabotinsky Versus Sholem Asch. Middle East and the West, New York, July 25, 1957.

405. **Kramer, Aaron:**
Sholem Asch: A Symposium. Jewish Currents, New York, January 1958. P. 11-12.

406. **Kreiter, Samuel:**
Sh.Niger - Yiddish Humanist. Judaism, New York, Vol. 6, No. 4, Fall 1957. P. 335.

407. **Leftwich, Joseph:**
The Balzac of Yiddish Prose. The Jewish Quarterly, No. 2-18. London, Autumn, 1957. P. 12-13.

408. **Leftwich, Joseph:**
Memories of Sholem Asch. Southern African Jewish Times, September 1957. P. 19, 79 and 82.

409. **Leneman, Leon:**
Vingt-Six Ecrivains Yiddish . . . Evidences, Paris, No. 56. Avril 1956. P. 1.

410. **Levine, Ben:**
Sholem Asch: A Sym-

posium. Jewish Currents, New York, January 1958. 9-11.

411. **Nudelstejer, Sergio B.:** Sholem Asch Una Luz que se ha Apagado. Vida de Mexico, Agosto 10. 1957.

412. **Roback, A. A.:** Autopsy of an obituary. The Jewish Quarterly, No. 2-18, London, Autumn 1957. P. 42.

413. **S[chappes], M[orris] U.:** Sholem Asch. Jewish Currents, New York, January 1958. P. 26.

414. **Shulman, Charles E.:** Sholem Asch: A Paradox. Congress Weekly, New York, December 2, 1957. 1957. P. 14.

415. **Sonntag, Jacob:** The Non-Conformist. The Jewish Quarterly, No. 2/18, London, Autumn, P. 13-14.

416. **Suffrin, Joseph:** Sholem Asch. The California Jewish Voice, Los Angeles, July 26, 1957.

417. **Amanecer, Buenos Aires:** December 8, 1957. Una Obra Sobre Scholem Asch.

418. **Canadian Jewish Weekly, Toronto:** July 11, 1957. Sholem Asch Passes.

419. **Daily Hebrew Journal, Toronto:** July 11, 1957. Shalom Asch, Yiddish Novelist, Dies in London: Was Seventy-Seven.

420. **Daily Worker, New York:** July 11, 1957. Sholem Asch Dies at 76.

421. **The Day — Jewish Journal, New York:** November 24, 1957. Sholem Asch's House to be Cultural Center.

422. **El Espejo, Buenos Aires:** July 1957. P. 1. Sholem Asch.

423. **Every Friday, Cleveland, Ohio:** July 19, 1957. Sholem Asch Rites Held in London.

424. **Folks-Sztyme, Warszawa:** August 3, 1957. W jakim jezyku pisal Szolem Ascz?

425. **Folks-Sztyme, Warszawa:** August 3, 1957. Po Bolesnej Stracie Szolem Asz.

426. **Folks-Sztyme, Warszawa:** September 14, 1957. "O Szalomie Aszu Epitafium".

427. **Folks-Sztyme, Warszawa:** October 19, 1957. Akademia zalobna ku czci Szolema Asza w Londynie.

428. **Folks-Sztyme, Warszawa:** November 16, 1957. Dom im, Sz. Asza.

429. **New York Herald-Tribune, Paris:** July 11, 1957. Sholem Asch Is Dead at 76; Yiddish Novelist.

430. **New York Herald-Tribune,** July 11, 1957. Sholem Asch is Dead; Wrote The Nazarene.

431. **Israelitisches Wochenblatt, Zurich:** July 19, 1957. Seite 37.
Zum Tode von Schalom Asch.

432. **The Jewish Agency's Digest:** July 18, 1957. P. 1308.
Shalom Asch's Year in Israel.

433. **The Jewish Chronicle, London:** July 12, 1957. P. 1 and 17.
Sholem Asch Dies, Outstanding Jewish Writer.

434. **The Jewish Chronicle, London:** July 12, 1957. P. 14.
Sholem Asch [Editorial].

435. **National Jewish Poet and Opinion, New York:** August 1957.
Knesset Member Protest Israel Condolences on Asch.

436. **New York Journal-American:** July 10, 1957.
Sholem Asch Dies at 76.

437. **Morning Freiheit, New York:** July 21, 1957.
Sholem Asch, 1880-1957.

438. **News of the Yivo, New York:** No. 66, December 1957. P. 8.

439. **New York Post:**
July 10, 1957.
Sholem Asch, Author, Dies in London at 76.

440. **South African Jewish Times:** July 19, 1957.
Sholem Asch Laid to Rest Wrapped in His Talith.

441. **Vida de Mexico:**
Agosto 10, 1957.
El Acto Luctuoso en Honor de Sholem Asch.

442. **New York World-Telegram:**
July 10, 1957:
Asch, Biblical Novelist "Lived" in Time of Christ.

443. **The Zionist Record, Johannesburg,** July 5, 1957.
Sholem Asch Says "There is no religious problem in Israel".

444. **The Zionist Record, Johannesburg:** July 19, 1957.
Death of Sholem Asch, Jewry's Best Known Writer.

445. **The Zionist Record, Johannesburg:** Aug. 2, 1957.
שלום אַש איננו

446. **The Zionist Record, Johannesburg:** Aug. 2, 1957.
Local Jewry Pays Tribute to Sholem Asch.

447. **The Zionist Record, Johannesburg:** Dec. 6, 1957.
Maurice Samuel Tells Why He Broke with Sholem Asch.